STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06899

FASHIZM UN SOTSIALE REVOLUTSYE

R. Palme Dutt

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַשיזם
און סאָציאַלע רעוואָלוציע

„מיר זאָגן צו די אַרבעטער: „איר וועט מוזן דורכמאַכן וועלכע פופצן, צוואַנציק, פופציק יאָר פון בירגער-קריגן און אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות, ניט נאָר כדי צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, נאָר אויך כדי צו ענדערן זיך אַליין און צופּאַסן זיך פאַר דער אָנווענדונג פון פּאָליטישער מאַכט.“ (מאַרקס, אַף דעם משפּט איבער קאָמוניסטן אין קעלן, אין 1851.)

„די בורזשואַזיע זעט אין דעם באָלשעוויזם נאָר איין זייט . . . אויפשטאַנד, גוואַלד, טעראָר; זי מאַכט דעריבער אָנשטרענגונגען צוצוגרייטן זיך ספּעציעל פאַר ווידערשטאַנד און אָפּאָזיציע בלויז אין אָט-דער ריכטונג. עס איז מעגלעך, אַז אין איינצלנע פאַלן, אין איינצלנע לענדער, פאַר מער אָדער ווייניקער קורצע פּעריאָדן, וועלן זיי זיין דערפאָלגרייך. מיר מוזן זיך רעכענען מיט אַזאַ מעגלעכקייט, און דער פאַקט, וואָס די בורזשואַזיע קאָן זיין דערפאָלגרייך אין דעם, איז לחלוטין ניט שרעקלעך פאַר אונז. קאָמוניזם „שפּראָצט אַרויס“ ממש פון אַלע זייטן פונעם סאָציאַלן לעבן, זיינע שפּראָצן זיינען דאָ אומעטום, אָן אַן אויסנאַם — זיין „אָנשטעקונג“ (צו באַנוצן זיך מיט דעם באַליבטן און „אָנגענעמסטן“ פאַרגלייך פון דער בורזשואַזיע און דער בורזשואַזער פּאָליציי) האָט זייער שטאַרק אַריינגעדרונגען אין דעם אָרגאַניזם און האָט אים דורכגעדרונגען. ווען מען וואָלט זייער פאָרזיכטיק פאַרשטאָפּט איינע פון די „לעכעלעך“, וואָלט די „אָנשטעקונג“ געפונען אַן אַנדער, אפשר גאָר ניט קיין פאַרדעכטיקט „לעכל“. דאָס לעבן וועט פאַרטיידיקן זיין רעכט. זאָל די בורזשואַזיע מאַכן גוואַלדן, זאָל זי אַריינפאַלן אין אַ גרימצאָרן פון משוגעת, באַגיין נאַרישקייטן, נעמען פאָראויס נקמה פון די באָלשעוויקעס און מאַכן פאַרזוכן אויסצוראָטן אין אינדיע, אין אונגאַרן, אין דייטשלאַנד א. אַז. וו. נאָך הונדערטער, טויזנטער, הונדערטער טויזנטער באָלשעוויקעס, סיי נעכטיקע, סיי מאָרגנדיקע. ווען זי האַנדלט אַזוי, טוט זי בורזשואַזיע דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן געטאָן אַלע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען פאַראורטיילט פון דער געשיכטע צום טויט. די קאָמוניסטן מוזן געדענקען, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין, געהערט די צוקונפט צו זיי; דעריבער קאָנען מיר און מוזן פאַראייניקן די שטאַרקסטע ליידנשאַפט אין דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט די קילסטע און העכסט ניכטערע אויסרעכענונגען פון די ווילדע גוואַלדן מצד דער בורזשואַזיע. . . . אין אַלע פאַלן און אין אַלע לענדער וואַקסט דער קאָמוניזם; זיינע וואָרצלען זיינען אַזוי טיף, אַז פאַרפאָלגונגען שוואַכן אים ניט אָפּ, נאָר פאַרקערט, מאַכן אים שטאַרקער.“ (לענין, „דער „ראַדיקאַלער“ קאָמוניזם“, 1921.)

פאַשיזם

און

סאָציאַלע רעוואָלוציע

אַן אַנאַליז פון דער ווירטשאַפט
און פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם
אין זיין אונטערגאַנג-שטופע

פון

ר. פּאַם דאַט

אידיש פון

מאָרים שווייגער

פאַרלאַג אידביוראָ
נוי יאָרק, 1936

FASCISM AND SOCIAL REVOLUTION

By R. PALME DUTT

Published by
YIDBURO PUBLISHERS
35 East 12th Street, N. Y.
1936

Printed in the U.S.A.
PROMPT PRESS, 39 EAST 12TH STREET, NEW YORK
209

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט צו דער דריטער אויפלאַגע — — — — — — — — — — — 9

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע — — — — — — — — — — 12

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — 21

קאַפּיטל

1. טעכניק און רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — 27

א. דער וואוקס פון פּראָדוקטיווע כחות — — — — — — — 29

ב. קאָנפליקט צווישן פּראָדוקטיווע כחות און עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — — — 37

ג. פּראָדוקטיווקייט און אַרבעטלאָזיקייט — — — — — — — 45

ד. די ברירה—סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער פאַרניכטונג — — 55

2. דער סוף פון סטאַביליזאַציע — — — — — — — — — — 58

א. דער לעצטער פאַרזוך איינצופירן פון דאָס ניי דעם פאַר־מלחמה קאַפּיטאַליזם — — — — — — — — — — — — 59

ב. דער קראַך פון די אילוזיעס פון דעם סטאַביליזאַציע־פּעריאָד 66

ג. נאָך דעם קראַך — — — — — — — — — — — — — 72

3. די נייע עקאָנאָמיק און פּאָליטיק — — — — — — — — 77

א. צעשטערונג פון די פּראָדוקטיווע כחות — — — — — — 78

ב. דער רעוואָלט קעגן דער מאַשין — — — — — — — — 84

ג. דער רעוואָלט קעגן דער וויסנשאַפט — — — — — — — — 91

ד. דער רעוואָלט קעגן „דעמאָקראַטיע״ און פּאַרלאַמענט — 96

ה. „נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַפרידיקונג״ — — — — — — — 102

ו. מלחמה אַלס די ענדגילטיקע „לייזונג״ — — — — — — — 109

4. וואָס איז פאַשיזם? — — — — — — — — — — — — 114

א. דער קלאַסן־אינהאַלט פון פאַשיזם — — — — — — — — — 116
ב. רעוואָלוציע פונעם קליינבירגערטום אָדער דיקטאַטור פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל? — — — — — — — — — — — — 120
ג. דאָס קליינבירגערטום און דער פּראָלעטאַריאַט — — — 128
ד. די דעפיניציע פון פאַשיזם — — — — — — — — — — — 134

5. ווי אַזוי פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אין איטאַליע — — — — — 138

א. די בכורה'שאַפט פון דעם פאַשיזם אין איטאַליע — — — — 138
ב. סאָציאַליזם אין איטאַליע — — — — — — — — — — — 141
ג. איז אַ רעוואָלוציע מעגלעך געווען אין איטאַליע? — — 146
ד. דער וואוקס און זיג פון פאַשיזם — — — — — — — — 150

6. ווי אַזוי פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד — — — 160

א. דאָס דערשטיקן פון דער רעוואָלוציע אין 1918 — — — 161
ב. דער וואוקס פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם (נאַציזם) — — — 171
ג. די העכסט־וויכטיקע פראַגע וועגן פאַראייניקטן פראָנט — 176
ד. די אורזאַכן פון דעם זיג פון פאַשיזם — — — — — — — 180

7. ווי אַזוי פאַשיזם איז געקומען צו דער מאַכט אין עסטרייך — 193

א. די באַדייטונג פון דער דערפאַרונג אין עסטרייך — — — 193
ב. דער פאַרראַט קעגן דער רעוואָלוציע אין צענטראַל־אייראָפּע 197
ג. די פאַשיסטישע דיקטאַטור און דער פעברואַר־אויפשטאַנד 204

8. סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם — — — — — — — — — 213

א. דער קאַפּיטאַליסטישער בליק אויף סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם — — — — — — — — — — — — — 214
ב. די קערנדלעך פון פאַשיזם אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע 222

ג. ווי אַזוי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפט דעם פאַשיזם צו
קומען צו מאַכט — — — — — — — — — — — — — 230
ד. די פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג פון דעם ארבעטער־קלאַס — 235
ה. דאָס צופאַסן זיך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צום
פאַשיזם — — — — — — — — — — — — — — — 240

9. די טעאָריע און פּראַקטיק פון פאַשיזם — — — — — — — — — 249

א. איז פאַראַן אַ „טעאָריע" פון פאַשיזם? — — — — — — 249
ב. דעמאַגאָגיע אַלס אַ וועלטאַנשאַונג — — — — — — — — 257
ג. קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם, און דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט 267
ד. וואָס דער פאַשיזם האָט געבראַכט אויף דעם עקאָנאָמישן
געביט — — — — — — — — — — — — — — — 284
ה. פאַשיזם און מלחמה — — — — — — — — — — — 249
ו. פאַשיזם און די פרויען־פראַגע — — — — — — — — 301

10. דער תמצית פון פאַשיזם — דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק
פון סאָציאַלער פוילעניש — — — — — — — — — — 307

11. פאַשיסטישע טענדענצן אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע — 317

א. דער באַזיס פאַר פאַשיזם אין גרויס־בריטאַניע, אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן און אין פראַנקרייך — — — — — — 319
ב. די באַדייטונג פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" אין ענגלאַנד 330
ג. דער רוזוועלט „נויט"־רעזשים — — — — — — — — 337
ד. די פעברואַר־טעג און די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע־
רעגירונג אין פראַנקרייך — — — — — — — — — 343
ה. ווי אַזוי די פאַשיסטישע באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעפאַנגען 351

12. פאַשיזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע — — — — — — — — — 367

א. די דיאַלעקטיק פון פאַשיזם און רעוואָלוציע — — — — 368
ב. דער קאַמף קעגן פאַשיזם — — — — — — — — — — 374

פֿאָרוואָרט צו דער דריטער אויפֿלאַגע

דער זיבעטער קאָנגרעס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע שטופֿע אין דעם קאַמף פֿון פֿאַשיזם און אַנטי־פֿאַשיזם. דער פּעריאָד פֿון דער צעטיילונג פֿון די כּחות פֿון אַרבעטער־קלאַס, פֿון צוריקהאַלטן די מערהייט אַרבעטער פֿון אַ געמיינשאַפֿטלעכן פֿראָנט דורך דער פּאָליטיק פֿון רעפֿאָרמיזם, וואָס בלויז דאָס האָט מעגלעך געמאַכט די צייט־ווייליקע זיגן פֿון פֿאַשיזם אין אַ צאָל לענדער, קומט צו אַ סוף. דער פּעריאָד פֿון פֿאַראייניקטן פֿראָנט פֿון אַרבעטער־קלאַס און פֿון צוזאַמענברענגען אַלע אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַ ברייטן אַנטי־פֿאַשיסטישן פֿאָלקס־פֿראָנט, הויבט זיך איצט אָן. די דירעקטיוון פֿון דעם זיבעטן קאָנגרעס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויף דעם באַזיס פֿון דעם היסטאָרישן באַריכט פֿון געאָרגי דימיטראָוו וועגן פֿאַשיזם און דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט, וועט האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין אַנטוויקלען די דאָזיקע נייע שטופֿע, וואָס עפֿנט דעם וועג פֿאַר דער נידערלאַגע פֿון פֿאַשיזם.

דער דאָזיקער שטודיום איבער פֿאַשיזם איז צום ערשטן געשריבן געוואָרן צום סוף פֿון יאָר 1933 און אין די ערשטע חדשים פֿון 1934, און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע זומער 1934. ס'איז דעריבער אַ שטודיום פֿון פֿאַשיזם אויף דער העכסטער שטופֿע פֿון דער כוואַליע פֿון דער צווייטער פֿאַשיסטישער אָפֿענסיווע, געבויט אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג און געשיכטע פֿון פֿאַשיזם אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, אויף דעם אָנהויב פֿון דער פֿאַשיסטישער אָפֿענסיווע אין פֿראַנק־רייך, אין ענגלאַנד און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און אויף דעם אָנהויב פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט פֿון ווידערשטאַנד קעגן פֿאַשיזם אין פֿראַנקרייך אין 1934. אין דעם רעווידירטן פֿאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפֿלאַגע, וואָס ווערט דאָ איינגעשלאָסן, זיינען צוגעגעבן געוואָרן מאַטעריאַלן, וואָס דערפֿירן דעם רעקאָרד ביז דעם אָנהויב פֿון יאָר 1935.

קיין אַלגעמיינער טעאָרעטישער שטודיום איבער פֿאַשיזם אויף אַן אינטער־נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב ווי אַ דערשיינונג פֿון דעם נאָך־מלחמה'דיקן קאַפּי־טאַליזם איז נאָך אַלץ ניטאָ. דערווייל שטעלט מיט זיך פֿאָר דער דאָזיקער בוך אַן ערשטן פּרוּוו אין דער דאָזיקער ריכטונג. די הויפּט־צוועקן פֿון דעם בוך זיינען פֿיר־פֿאַכע:

ערשטנס, צו אַנאַליזירן דעם עצם און די ראָל פֿון פֿאַשיזם אין דער געשיכטע פֿון קאַפּיטאַליזם ווי אַ דערשיינונג פֿון עקסטרעמער קאַפּיטאַליסטי־

שער פוילעניש און פון דעם פארשטארקטן אלגעמיינעם קריזיס פון קאפּי־טאליזם, און באזונדער — צו פארבינדן דאס מיט די אלגעמיינע עקאנאמישע און פּאליטישע טענדענצן פון דעם נאך־מלחמה׳דיקן קאפּיטאליזם אין דעם גאר לעצטן פּעריאד.

צווייטנס, צו ווייזן די אורזאכן פון דעם זיג פון פאשיזם אין א צאל לענדער, אף דעם באזיס פון א היסטארישער אונטערזוכונג פון דעם איבער־גאנג צו פאשיזם אין איטאליע, דייטשלאנד און עסטרייך, מיט ספּעציעלע אנווייזונגען אף דער אנטשיידנדיקער ראל פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אין פארגרינגערן דעם זיג פון פאשיזם.

דריטנס, אויפצודעקן דעם ווירקלעכן כאראקטער, אידעאלאגיע, פּראגראם און פּראקטיק פון פאשיזם ווי אן אפענע טעראריסטישע דיקטאטור פון דעם רעאקציאנערסטן, שאוויניסטישסטן און אימפּעריאליסטישסטן עלעמענט פון פינאנץ־קאפּיטאל, וואס פּרוּווט פארמאסקירן זיינע אמת׳ע צילן דורך דער אומפארשעמטסטער סאציאלער און נאציאנאלער דעמאגאגיע און אזוי ארום אויסבילדן א שטיץ־באזע צווישן דער באפעלקערונג, ספּעציעל צווישן דעם קליינבירגערטום און די צוריקגעשטאנענע ארבעטער, נאר וואס ווענדט אן אין דער ווירקלעכקייט די שווערסטע אונטערדריקונג און פארשטארקטע עקספּלואטאציע קעגן אלע ארבעטנדיקע מאסן און די אונטערשטע און מיטל־שיכטן אין די אינטערעסן פון מאנאפּאליסטישן קאפּיטאל, און טרייבט פארויס צו מלחמה ווי א נויטיקן אויסוועג.

פערטנס, צו ווייזן די באדינגונגען פון קאמף קעגן פאשיזם און באזונדער די אנטשיידנדיקע וויכטיקייט פון דעם פאראייניקטן ארבעטער־פראנט און פון דעם ברייטן אנטי־פאשיסטישן פראנט פון די ארבעטנדיקע מאסן פאר דעם דערפאלגרייכן קאמף קעגן פאשיזם; און אין דער דאזיקער פארבינדונג צו באהאנדלען די פארהעלטענישן צווישן בורזשואזער דעמאקראטיע און פאשיזם, די פראגע וועגן פארטיידיקן די בורזשואזע דעמאקראטישע רעכט און פרייהייטן קעגן דער פאשיסטישער אפענסיווע און צו דער זעלביקער צייט צו באווייזן די נויטווענדיקייט פון דער דיקטאטור פון פּראלעטאריאט און פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע ווי דעם איינציקן ענדלעכן אויסוועג פון פאשיזם און די איינציקע גאראנטיע פון דעם ענדלעכן זיג איבער פאשיזם.

זינט דער בוך איז צום ערשטן מאל דערשינען, זיינען פארגעקומען א סך נייע אנטוויקלונגען, וואס די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען די נייע פּראצעסן, וועלכע גייען אן אין די סאציאל־דעמאקראטישע פּארטייען און גיבן האפענונג צו פארהיילן די שפּאלטונג אין דעם ארבעטער־קלאס און צו ברענגען די מערהייט פון די ארבעטער אין דעם רעוואלוציאנערן לאגער. די שטעלן איבער דער סאציאל־דעמאקראטיע, וואו עס ווערט אנאליזירט איר ראל אין

דעם פעריאָד צווישן 1918 און 1933, דאַרפן דעריבער געלייענט ווערן היסטאָריש.

די אַנטשיידנדיקע קאַמפן קעגן פאַשיזם — דער ערגסטער און באַר־באַרישסטער אויסדרוק פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אין זיין פּוילעניש — דאַרפן ערשט געפאָכטן ווערן. די צוויי לאַגערן פאָרמירן זיך מיט דייטלעכער גרופּירונג פון כחות אַף אַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב. די געפאַר פון פאַשיזם און די געפאַר פון מלחמה, ביידע די אויסדרוקן פון דער איצטיקער שטופע פון קאַפּיטאַליזם אין דעם פעריאָד פון דעם פאַרשטאַרקטן אַלגעמיינעם קריזיס און פון דער פאַרשאַרפונג פון אַלע אַנטאַגאָניזמען, הענגט איבער דער וועלט־סיטואַציע. די אַנטשיידנדיקע קאַמפן צווישן די כחות פון דער אַלטער פוילנ־דיקער געזעלשאַפט און די אויפגייענדיקע נייע סאָציאַלע כחות וועלן געפאָכטן ווערן אין דעם קומענדיקן פעריאָד.

ר. פּ. ד.

אויגוסט, 1935.

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע

א קורצער נאָטיץ דאַרף צוגעגעבן ווערן וועגן דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם און אַנטי־פאַשיזם אין דער צווייטער העלפט פון 1934 און אין אָנהויב פון 1935.

די אָנגעזעענסטע אַנטוויקלונג אין דער פאַשיסטישער וועלט אין דעם דאָזיקן פעריאָד איז געווען — די סימנים פון דער ערשטער שטופע פון אַן אָנוואַקסנדיקן קריזיס פון פאַשיזם און, ווי די נויטיקע באַגלייטונג דערפון, די שנעלע אינטענסיפיקאַציע פון דעם טרייב צו מלחמה. די אָנגעזעענסטע אַנטוויקלונג אין דעם לאַגער פון דער אָפּאָזיציע צום פאַשיזם איז געווען דער פאָרטשריט פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס.

דער אָנהויב פון א קריזיס פון פאַשיזם האָט געפונען זיין ערשטן שאַרפן אויסדרוק אין דער „רייניקונג“ פון דעם 30טן יוני, 1934, אין דייטשלאַנד, ווען עס זיינען דערשאָסן געוואָרן די וויכטיקסטע מיליטאַנטע פאַשיסטישע פירער און עס איז ליקווידירט געוואָרן די מערהייט פון די שטורעם־טרופּן. די אָפענע קאָנצענטראַציע פון דער מאַכט אין די הענט פון דעם גענעראַל־שטאַב און די דירעקטע פירער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, מיט היטלער׳ן אַלס שוינדל, ווערט אַלץ קלאָרער פאַר אַלעמען. דאָס באַדייטעט אָבער ניט די סטאַביליזאַציע פון פאַשיזם. פאַרקערט, צוזאַמען דערמיט קומט פאָר אַ כסדר׳דיקע פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע און אַ שטייגנדיקער טרייב צו מלחמה־צוגרייטונג און צו אַן אַגרעסיווער אויסלענדישער פּאָליטיק. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געקראָגן אַ ווייטערדיקן אויסדרוק אין דעם ניט־געלונגענעם פאַרצווייפלטן מאָרד־אָנפאַל אויף דאָלפוס׳ן דעם 25טן יולי, אין דער עקסטרעמער אָנשטרענגונג פון די באַציאונגען צווישן דייטשלאַנד און איטאַליע, באַגלייט דורך אַ מאָביליזאַציע פון מיליטער, אין דעם מאָרד־אָנפאַל אין אָקטאָבער אויף באַרטו און אויף קעניג אַלעקסאַנדער אין מאַרסעל, אין דער איטאַליענישער פאַשיסטישער אָפענסיווע קעגן עטיאָפּיע און אין דער דייטשער פאַשיסטישער פּראָקלאַמירונג פון געצוואונגענער מיליטערישער דינסט אין מערץ 1935.

די מלחמה־באַדייטונג פון פאַשיזם, אין דער מאָס ווי זיין אינערלעכע לאַגע ווערט ערגער, דאָמינירט אַלץ קלאָרער די אייראָפּייאישע סיטואַציע. דער באַוואָפענונגס־געיעג פון אַלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות אַנטוויקלט זיך מיט אַלץ אַ שנעלערן אימפּעט. דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען און די

צוגרייטונג פון בונדן פאר צוקונפטיקער מלחמה זיינען אין פולן שוואונג. דאָס אַלץ שפּיגלט אָפּ די אַלץ מער און מער גפערלעכע לאגע פון דעם קאפּיטאַליזם, וואָס באוועגט זיך אין דער ריכטונג פון מלחמה ווי דעם איינציקן אויסוועג פון זיינע איצטיקע דילעמעס. פאשיזם ווערט אַלץ מער און מער אַנטפּלעקט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון די צוגרייטונגען צו מלחמה.

די שטייגנדיקע מאַסן־אָפּאָזיציע צו פאשיזם און צו מלחמה, וואָס אַנטוויקלט זיך אונטער דער אויבערפלאך אין די פאשיסטישע לענדער, האָט זיך לעצטנס מעכטיק ארויסגעוויזן אין די לענדער, וואָס זיינען נאָך ניט באַזיגט פון פאשיזם. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם ריקשטויס פון דער פאשיסטישער אָפענסיווע אין פראנקרייך נאָך דעם אַרויסטריט פון 6טן פעברואַר, 1934, אַ דאַנק דער מאַכט פון דעם פאראייניקטן פראָנט, און אין דעם פאַלן פון דער דומערג־רעגירונג אין נאָוועמבער, ווי אויך אין דעם ריקשטויס, וואָס מאָזלי האָט געליטן אין ענגלאַנד, ווי דאָס איז געוויזן געוואָרן אין אָלימפּיא אין יוני און אין האיד־פּארק סעפּטעמבער 9, 1934, אַזוי גוט ווי דורך ראָטעמיר׳ס נאָמינעלער שיידונג מיט מאָזלי׳ן. איבער אַלץ, האָט דער דאָזיקער פעריאָד פאַרצייכנט די מערקווירדיקע קראַפט פון דעם רעוואָלוציאָנערן באוואָפנטן קאַמף פון די שפּאַנישע ארבעטער קעגן דער פאשיסטישער אָפענסיווע.

פון אָט־דער גאַנצער אַנטוויקלונג איז קלאָר, אַז כאָטש עס וואָלט געווען אַ טעות צו איבערטרייבן די באַדייטונג פון באַזונדערע געשעענישן און וואַקלונגען אין דעם לאַנג־דויערנדיקן און טיפן וועלט־קאָנפליקט, איז אין דעם דאָזיקן פעריאָד אָן ספק פאָרגעקומען אַ פאַרגרעסערונג פון די אינערלעכע ווידערשפּרוכן און שווערקייטן פון דעם פאשיזם און אַן אויפוואַכונג און מאָביליזאַציע פון די מאַסן־כחות פון ווידערשטאַנד צום פאשיזם. צו דער זעלביקער צייט האָבן די פאָרמען פון דירעקטן פאשיזם געמאַכט פאָרטשריט אין אַ צאָל קלענערע מלוכות און דער פּראָצעס פון פאשיזאַציע האָט זיך אין פאַרשיידענע שטופן אַנטוויקלט אין אַלע גרעסערע אימפּעריאַליסטישע מלוכות. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מלחמה־סיטואַציע ווערט דער קאַמף מער אינטענסיוו.

דער אַנטשיידנדיקער ווענד־פונקט, וואָס האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם אָנהויב פון דער דאָזיקער נייער פאַזע פון די שטייגנדיקע אינערלעכע ווידערשפּרוכן פון פאשיזם, איז באַצייכנט געוואָרן דורך די געשעענישן פון דעם 30טן יוני אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן אָנגעמערקט אַן ענדערונג פון אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. די פירער פון די קעמפנדיקע כחות פון דעם דייטשן פאשיזם, די הויפּט־פירער פון די שטורעם־טרופּן, האָבן פופצן חדשים נאָך דעם, ווי דער פאשיזם איז געקומען צו דער מאַכט, געמוזט

דערשאָסן ווערן פון דעם פירער פון דייטשן פאַשיזם, היטלער, ווי דעם פּאַרטרעטער און אַגענט פון די פּאָדערונגען פון דעם דייטשן פינאַנץ־קאַפּיטאַל און פון זיין דירעקטן אינסטרומענט — דעם רייכסווער. די מערהייט שטורעם־טרופּן האָט געמוזט ליקווידירט ווערן. מיר זעען דאָ די קלאַסישע דעמאָנסטראַציע פון דעם פּראָצעס פון פאַשיזם נאָך דער מאַכט־פּאַרכאַפּונג, די אַנטוישונג און פאַרשטויסונג פון די קליינבירגערלעכע און האַלב־פּראָלע־טאַרישע עלעמענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם געצייג פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און געפינען איצט אַלע זייערע האָפענונגען בלאָקירט דורך דעם פאַרבאָט פון דער „צווייטער רעוואָלוציע", די פאָלגלעכע פאַרשמעלערונג פון דער סאָציאַלער באַזע פון דעם פאַשיסטישן רעזשים און זיין נאָך מער אָפענע כאַראַקטער־אַנטפּלעקונג ווי די טעראָריסטישע דיקטאַטור פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. בעת מען דאַרף ווידער וואָרענען קעגן איבערטרייבן דעם טעמפּאָ פון אַנטוויקלונג און די שנעלקייט פון וואוקס פון דער מאַסן־אָפּאָזיציע, איז עס דאָך קלאָר, אַז ס'איז פאַראַן איין קייט, וואָס פאַרבינדט די פאַבריק־וואַלן אין פרילינג פון 1934, וואָס זיינען געווען אומגינסטיק פאַר די נאַצים, די אינטענסיווע קאַמפּאַניע קעגן „קריטיקער און מיסמאַכער", דעם בלומרשטדיקן „רעוואָלט" און זיין בלוטיקע אונטערדריקונג דעם 30טן יוני און די רעזולטאַטן פון דעם פּלעביסציט אין אויגוסט, ווען (נאָך געבעלס'עס דערקלערונג ערב דער אָפּשטימונג, אַז דער פאַרלוסט פון איין־איינציקער שטימע, אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער נאָוועמבער־אָפּשטימונג, וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע), איז די צאָל די דירעקטע „ניין"־שטימען געשטיגן פון 1.2 מיליאָן אין נאָוועמבער, 1933 ביז 4.3 מיליאָן אין אויגוסט, 1934 און האָט דערגרייכט אַ דורכשניט פון 20 פּראָצענט אין די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע שטעט. פּאַראַלעל מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען די שטענדיקע פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, דער וואַקסנדיקער אומגינסטיקער האַנדלס־באַלאַנס, אָנשטאָט דעם פריערדיקן עקספּאָרט־איבער־וואָג, די שאַרפע פאַרקלענערונג פון אימפּאָרט פון רוי־שטאָפן, די שטרענגערע אָרגאַניזאַציע, אַף אַ מלחמה־באַזיס, פון דעם קאָנטראָל איבער פאַרטיילונג פון רוי־שטאָפן און אַנדערע שטייגנדיקע שוועריקייטן (אָפּגעשפּיגלט אין דעם טאָן פון היטלער'ס ביקערבערג־רעדע פון סעפּטעמבער 30, 1934: „קיינמאָל וועלן זיי אונז ניט ברענגען צו אונזערע קני", „ווען דאָס ערגסטע זאָל פּאַ־סירן", א. אז. וו.). די גאַנצע קאָנצענטראַציע פון דער נאַצי־פּאָליטיק ווערט מער און מער אָפן געווענדט אין דער ריכטונג פון דער אינטענסיווסטער צו־גרייטונג צו מלחמה, ווי דעם איינציקן אויסוועג.

פון דער אַנדערער זייט האָבן די ביישפּילן פון דייטשלאַנד און עסטרייך געפירט צו אַ ווייט־פּאַרשפּרייטער אויפוואַכונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און

צו אַן אַלגעמיינער מאַסן־אָפּאָזיציע צום פאַשיזם אין אַלע לענדער; און דאָס האָט געפירט צו אַ שנעלער אַנטוויקלונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס, און באַזונדער — צום פאַראייניקטן פראָנט פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען קעגן דער פאַשיסטישער מלחמה־געפאַר אין אַ צאָל פירנדיקע לענדער. די דאָזיקע ברייטע אַנטוויקלונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס איז די וויכטיקסטע און האָפענונגפולסטע אַנטוויקלונג פון דעם יאָר 1934. אין דער דאָזיקער אַנט־וויקלונג האָט דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס געוויזן דעם וועג. דער אָפּמאַך וועגן פאַראייניקטן פראָנט צווישן דער פראַנצויזישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי און דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ענדלעך אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 27טן יולי, 1934. מיט דעם פאַל פון דעם דומערג־טאַרדיע קאַבינעט אין נאָוועמבער, מיט דער פאַראייניקטער פאָדערונג פון די בורזשואַזע עלעמענטן דורכצופירן אַנטי־דעמאָקראַטישע קאָנסטי־טוציע־ענדערונגען און מיט די פאַשיסטישע גרופּירונגען, וואָס גרייטן צו באַנייטע אַטאַקעס, שטייט איצט די קעמפערישע מאַכט פון דעם פאַראייניקטן אַרבעטער־קלאַס אין פראַנקרייך פאַר שווערע פּרואוון.

צו דער זעלביקער צייט האָבן די לעקציעס פון די פעברואַר־שלאַכטן אין עסטרייך געשאַפן אַ ווייט־גרייכנדיקע ענדערונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס. די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אַנטוויקלט צו דער שטופע פון אַ מאַסן־פּאַרטיי, אַריינציענדיק די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און שוץ־בונד עלעמענטן. אין די פירנדיקע אַרבעטער־דיסטריקטן זיינען אַ סך אָרגאַניזאַציעס אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט זייער גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן און וואָס האָט שפּעטער געגרינדעט די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָבן אָנגעהאַלטן די אַלטע פאָרמען פון קאָנטאַקט מיט דער עמיגרירטער פירערשאַפט און מיט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זיי האָבן אָבער פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פאַרדאַמט די אַלטע „דעמאָ־קראַטישע און רעפאָרמיסטישע אילוזיעס" („די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין עסטרייך האָט פאַריאָגט אַלע דעמאָקראַטישע און רעפאָרמיסטישע אילוזיעס צווישן די אַרבעטער", זאָגט דער בריוו פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אין ווין צו באַוער׳ן און צום צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל, דאַטירט דעם 20טן מאַי, 1934). אין יולי איז געגרינדעט גע־וואָרן אַ פאַראייניקטער פראָנט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אין עסטרייך און

דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דעם שוצבונד, מיט אַ געמיינשאַפטלעכן מאַניפעסט פאַר דער „רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון דעם אַרבעטער־קלאַס" און פאַר „אַ פאַראייניקטער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן־פּאַרטיי פון דעם עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט".

דער פאַראייניקטער פראָנט פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין איטאַליע, אין דער סאַאַר־געגנט און (אין סעפּטעמבער) אין שפּאַניע. צווישן די פּראָלעטאַרישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער איז דער פאָרטשריט פון דעם פאַרייאַניקטן פראָנט נאָך גרעסער.

פון דער אַנדערער זייט האָט די בריטישע לעיבאָר־פּאַרטיי און אַ צאָל אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, באַזונדער די סקאַנדינאַווישע, די האָלענדישע, די בעלגישע, די שווייצאַרישע און די טשעכאָסלאָוואַקישע, אַקטיוו באַקעמפט דעם פאַראייניקטן פראָנט און אַפילו אָנגענומען וועזנטלעכע דיסציפּלינאַרע מיטלען ניט צו דערלאָזן צו זיין פאַרווירקלעכונג. אין אָקטאָבער 1934 האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זיך געווענדט צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט אַ פאָרשלאַג פאַר געמיינשאַפטלעכער אַקציע אַף צו שטיצן די שפּאַנישע אַרבעטער. אַ צוזאַמענקונפט פון די פאָרטרעטער פון די צוויי אינטערנאַציאָנאַלן איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער. אָבער אין נאָוועמבער האָט די עקזעקוטיווע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז, נאָך אַ פיר־טאָגיקער דעבאַטע, מיט אַ קליינער מערהייט צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאַג וועגן דעם פאַראייניקטן פראָנט און אָפּגעבראָכן די פאַרהאַנדלונגען. די באַוועגונג פאַר דעם פאַראייניקטן פראָנט איז אָבער אין אַ צאָל פירנדיקע לענדער געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער פאַרבאָט פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קעגן דעם פאַראייניקטן פראָנט פאַר זיינע באַזונדערע סעקציעס האָט געמוזט אָראָפּגענומען ווערן; און אַ מינאָריטעט־דערקלערונג פון זיבן פּאַרטייען איז געמאַכט געוואָרן אַף צו שטיצן דעם פאַראייניקטן פראָנט.

אַזוי אַרום האָט זייט בא זייט מיט דעם אָנוואַקסנדיקן קריזיס פון פאַשיזם און פון קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק זיך אַנטוויקלט אַן אָנוואַקסנדיקער קריזיס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. בעת די בריטישע לעיבאָר־פּאַרטיי, די שטאַרקסטע סעקציע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אַף איר סאַוטפּאָרט־קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1934 אָנגענומען דראַקאָנישע באַשלוסן קעגן וועלכער ס'איז פאָרם פון פאַראייניקטן פראָנט אָדער אַפילו קעגן „לויזער פאַרבינדונג" מיט קאָמוניזם און האָט זיך שאַרף אויסגעדריקט קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקטן פראָנט, איז די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע

פּאַרטיי שוין געווען אַ שותּף אין אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, און די שפּאַנישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אויך אַ סעקציע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ניט בלויז געשלאָסן אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר האָט גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אין באַוואָפנטן בירגער־קריג אונטער דעם לאָזונג פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

די עקסטרעמע און שטייגנדיקע צעטיילונג און ניט־איינשטימיקייט אין דער פּאָליטיק פון די פּאַרטייען פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז אַ סימפּטאָם פון דעם טיפן פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע, וואָס אַנטוויקלט זיך צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אונטער דעם איינפלוס פון די פּראַקטישע לעקציעס פון דעם פאַשיזם. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער סיטואַציע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג איז פון קריטישער וויכטיקייט.

דער שפּאַנישער רעוואָלוציאָנערער מאַסן־קאַמף, וואָס האָט אין אָקטאָבער, 1934, דערגרייכט צו דער שטופּע פון אַן אָפענעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער אָפענסיווע פון די פאַראייניקטע רעאַקציאָ־נערע, קלעריקאַל־מיליטאַריסטיש־פּריצים־בורזשואַזע כחות, און וואָס איז אין דער אַסטוריאַס־פּראָווינץ דערגאַנגען צו דער גרינדונג פון סאָוועטן, האָט אין אַ גאָר גרויסער מאָס דערהויבן די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך מער אַפילו ווי די פעברואַר־שלאַכטן אין ווין. דער דאָזיקער קאַמף האָט אַנטפּלעקט אַ סך אַ העכערע שטופּע פון מאַסן־אָנטייל און אייניקייט, און פון באַוואוסטזיין בנוגע רעוואָלוציאָנערע צילן, אַפילו אויב ער האָט ניט דערגרייכט צו דער שטופּע פון אָרגאַניזאַציע און פירערשאַפט פאַר דעם ענדלעכן זיג. די גרינדונג פון דעם סאָוועטן־רעזשים אין אַסטוריאַס צום אָנהויב פון דעם קאַמף און דער לאַנגער און עקשנות׳דיקער ווידער־שטאַנד קעגן אַלע כחות פון דער שפּאַנישער רעגירונג, דערגרייכט צו אַ פּונקט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין מערב־אייראָפּע זינט די טעג פון דער אונגאַרישער און בייערישער סאָוועטן־רעפּובליקן פון 1919. דער מוסר־השכּל, וואָס די רעפאָרמיסטן פּרואוון ציען וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן דורכפאַל פון באַוואָפנטן קאַמף קעגן די מיליטערישע מיטלען פון אַ מאָדערנער רעגירונג, איז פּונקט דער היפּוך פון דער ווירקלעכקייט. ווייל דער לאַנגער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער אין אַסטוריאַס, וואָס זיינען געשטאַנען אַליין קעגן דער גאַנצער מאַכט פון דער שפּאַנישער רעגירונג און אירע אַפריקאַנישע קוואַלן, ווייזט קלאָר, אַז ווען די אַרבעטער פון אַנדערע וויכטיקע געגנטן, באַזונדער קאַטאַלאָניע, אַנדאַלוזיע און מאַדריד, וואָלטן געקעמפט צו דער זעלביקער צייט מיט

פונקט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט און פירערשאַפט, וואָלטן די כחות פון דער רעגירונג געווען מאַכטלאָז זיך צו ראַנגלען מיט דער סיטואַציע און אַ סאָוועטן־שפּאַניע וואָלט אויסגעקעמפט געוואָרן. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין שפּאַניע צום סוף פון 1934, קומענדיק נאָך די שלאַכטן אין ווין אין אָנהויב יאָר, איז אַ סיגנאַל פאַר דער צוקונפט פון אייראָפּע.

אָבער די שווערסטע קאַמפן דאַרפן ערשט קומען. דורך דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע פון די וואַקסנדיקע שוועריקייטן, פאַרצווייפלונג און דיסקרעדיטירטקייט פון דעם פאַשיזם; צוליב דער אָפּגעשוואַכטער מאַסן־באַזע זיינער אין די לענדער, וואו דער פאַשיזם האָט געקראָגן די מאַכט, און צוליב דער אָנזאַמלונג פון מאַסן־כחות קעגן פאַשיזם אין די לענדער, וואו דער פאַשיזם האָט נאָך ניט געוואונען די מאַכט, האָט זיך אין די ליבעראַלע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ נייע אילוזיע — די אילוזיע פון דעם צוריקטריט פון פאַשיזם. מען זאָגט, אַז דער פאַשיזם האָט שוין דורכגעמאַכט זיין העכסטע אַנטוויקלונגס־שטופע, אַז ער האַלט שוין אין פאַרגיין, אַז די שווערסטע געפאַר פון פאַשיזם גייט שוין אַריבער. דער עקסטרעם־פּעסימיסטישער דעפּיטיזם פון אָנדערהאַלבן יאָר צוריק טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר פונקט אַזאַ באָדנלאָזער און אילוזאָרישער אָפּטימיסטישער רואיקייט. צוריק מיט אַ יאָר האָט מען נביאות געזאָגט וועגן אַן „עפּאָכע פון פאַשיזם”, וואָס וועט דויערן צענדליקער יאָרן. היינט קאָן אַ סיטרין דערקלערן, אַז „אין יעדן לאַנד איז די דיקטאַטור אַריבער איר העכסטן פונקט; דער דייטשער רעזשים האָט אָנגענומען אַן אויסזען פון סטאַביליטעט, ער איז אָבער געווען זיכער, אַז אַפילו דאָרט וועט אַן ענדערונג קומען שטופּענווייז אָבער זיכער און אַז סוף כל סוף וועלן די דעמאָקראַטישע רעכט פון פאָלק קריגן אַן אויסדרוק” (רעדע צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון קליידער־אַרבעטער, אויגוסט 1934).

דער גרונט פאַר דער דאָזיקער מיינונג פון אַ טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט איז אָן ספק דער גלויבן, אַז פאַשיזם, שטייענדיק פנים אל פנים מיט אַלץ גרעסערע אינערלעכע שוועריקייטן און מאַסן אומצופרידנהייט, וועט נאָך אפשר זיין געצוואונגען צו ווענדן זיך צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך הילף און אַז אַ באַנייטע ספערע פון דערלויבטער טעטיקייט קאָן זיך עפענען פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און טרייד־יוניאָן פירערשאַפט אין די ראַמען פון פאַשיזם (ווי דאָס האָט געהאָפט און געזוכט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דעם היטלער־רעזשים דורך שטימען דעם 17טן מאַי פאַר היטלער׳ן און דורך דעם חנ׳דלען זיך פון דער טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטיע צו די נאַציס). און עס פעלן ניט קיין סימנים פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט. דער גוט־אינפאָרמירטער

ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן" (וואָס שטייט כּסדר אין ענגער באַרירונג מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן) האָט געמאָלדן אין אויגוסט, אַז היטלער האָט, אַ דאַנק דעם דורכפאַל פון דעם אַרבעט־פראָנט און די נאַצי פאַבריק־צעלן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו געווינען די שטיצע פון די אַרבעטער, זיך געווענדט צו געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער מיט אַ פּלאַן צו גרינדן ניט־פּאָליטישע טרייד־יוניאָנס"; דער פאָרשלאָג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער עקזעקוטיווע אין פּראַג און וועלם איז געווען פאַר ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען". (די שפּעטערדיקע פאַרמעלע אָפּלייקענונג, וואָס וועלם האָט געמאַכט, אַז ער האָט זיך ניט געטראָפן מיט קיין היטלער־פאַרטרעטער — דער פאַרמיטלער איז אייגנטלעך געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט — האָט דעם עצם באַריכט פון „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן" ניט אָפּגעלייקנט.) עס דאַרף אויך באַמערקט ווערן באַוער'ס מיינונג אין דעם אויגוסט־נומער „קאַמף", אַז די קלעריקאַל־פאַשיסטישע שושניג־רעגירונג קאָן אויסשפּרייטן איר באַזע אַף לינקס דורך „אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם אַרבעטער־קלאַס". אין איטאַליע האָט אין דער זעלביקער צייט מוסאָליני זיך געווענדט צו די געוועזענע סאָציאַליסטישע פירער קאָלדאַראַ און שיאַווי, אַז זיי זאָלן מיט אים מיטאַרבעטן און זאָלן אפילו אַרויסגעבן אַ דערלויבטע „סאָציאַליסטישע" צייטונג אין מילאַן. דאָס זיינען דערוויילבלויז סימנים. אָבער די מעגלעכקייט איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז צוליב זיינע שוועריקייטן וועט דער פאַשיזם זיך מעגלעך ווענדן נאָך מיטאַרבעטערשאַפט צו אַ טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און דער אַלטער טרייד־יוניאָן פירערשאַפט (ווי דאָס האָט געטאָן דע ריווערא אין שפּאַניע, פּילסודסקי אין פּוילן, דער בולגאַרישער פאַשיזם, א. אז. וו.).

קיין אילוזיע קאָן ניט זיין מער געפערלעך, ווי די אילוזיע, אַז דער פאַשיזם קאָן צוריקטרעטן אָן אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף, אָדער אַז די פאַשיסטישע געפאַר קאָן ווען עס איז בייגעקומען ווערן אַף אַן אַנדער אופן ווי דורך דער אַרבעטער־רעוואָלוציע און דער עטאַבלירונג פון דער דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס. עס איז אין אַ גלייכער מאָס נויטיק צו באַקעמפן די אילוזיע וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון פאַשיזם, אָדער וועגן דער אומפאַרמיידלעך לאַנגער צייט, וואָס דער פאַשיזם מוז אָנהאַלטן אין די לענדער, וואו ער האָט געוואונען די מאַכט, פּונקט ווי עס איז נויטיק צו באַקעמפן די אילוזיע, אַז אַ צייטווייליקע וואַקלונג קאָן באַדייטן אַ צוריקטריט און דאָס ענדלעכע פאַרשווינדן פון פאַשיזם, אָדער דאָס פאַרשווינדן פון דער פאַשיסטישער געפאַר אין די לענדער, וואו דער פאַשיזם האָט נאָך ניט געזיגט, — אַז דאָס אַלץ איז מעגלעך אָן אַן אַנטשיידנדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. פאַרקערט, וואָס גרעסער די שוועריקייטן פון דעם פאַשיזם, אַלץ מער

פאַרצווייפלט און ברוטאַל וועט זיין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. די מאָביליזאַציע פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון ארבעטער־קלאַס מיינט נאָך ניט די מפּלה פון פאַשיזם; עס מיינט בלויז — די מאָביליזאַציע פון די כחות פאַר דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר דעם ענדגילטיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

באַזונדער ווערט דער טרייב צו מלחמה, אין ענגן בונד מיט דעם טרייב צו פאַשיסטישע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע און צוגרייטונג צו מלחמה אין יעדן לאַנד, די אַלץ מער און מער דאָמינירנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער איצטיקער שטופּע.

די אַל־וויכטיקע אויפגאַבע איצט איז אויפצובויען דעם ברייטסטן פאַראייניקטן פראָנט קעגן פאַשיזם און מלחמה. א ווייט־פאַרשפּרייטע אַנטי־פאַשיסטישע און אַנטי־מלחמה־שטימונג עקזיסטירט איצט אַף אַלע זייטן. אָבער די וויכטיקסטע באַדערפעניש איז — אָרגאַניזאַציע. דער ווידערשטאַנד צום פאַראייניקטן פראָנט מוז בייגעקומען ווערן. קיין באַזונדערע און סעקטאַנטישע אינטערעסן טאָרן ניט שטיין אין וועג. דער אַלץ־איינשליסנדיקער פאַראייניקטער פראָנט פון ארבעטער־קלאַס, וואָס זאָל אריינציען אויך די מאַסע קליינבירגערלעכע און ניט־אָרגאַניזירטע עלעמענטן, און אַף דער דאָזיקער באַזע גרינדן א ברייטן אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט, דאַרף אויפגעבויט ווערן אין יעדן לאַנד. בלויז דער ברייטסטער געמיינשאַפטלעכער פראָנט קאָן באַזיגן דעם פאַשיזם. און פאַר דעם זיג אין דעם קאַמף איז נויטיק צו פאַרשטיין דעם אמת'ן כאַראַקטער פון די שטרייט־פראַגן, די ענדגילטיקע נויטווענדיקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויסוועג, וואָס נאָר ער קאָן באַזיגן דעם פאַשיזם און מלחמה דורך דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אריינפיר

די איצטיקע געזעלשאפט האט פאר זיך א זייער שארפע פראבלעם. פאסירונגען באוועגן זיך מיט א גרויסער שנעלקייט. דער טראדיציאנעלער געדאנקען־גאנג האלט זיך אבער נאך אן אן די רעשטלעך פון די פארגאנגענע עפאכעס.

דער זיג און פארשריט פון פאשיזם איבער א גרויסן שטח איז פאר מיליאנען מענטשן געקומען ווי א ברוטאלע איבערראשונג. פאשיזם איז אבער ניט אויסגעוואקסן מיטאמאל. די סאציאלע אנטוויקלונג אין די פופצן יאר נאך דער וועלט־מלחמה האט אויסגעבריט דאס איי פון פאשיזם.

פאר די מענטשן, וואס האבן באטראכט די פריער־עקזיסטירנדיקע סאציאלע פארמען אלס אזעלכע, וואס וועלן אזוי אנהאלטן, און נאך מער פאר די, וואס האבן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט, אז די פריער־עקזיסטירנדיקע סאציאלע פארמען וועלן זיך פרידלעך אנטוויקלען, און וועלכע האבן געזען אין דער רעוואלוציאנערער אויסזיכט א פאנטאזיע פון א מינאריטעט, איז דער פאשיזם, און ספעציעל דער זיג פון פאשיזם אין אזא אינדוסטריעל־אנטוויקלטן לאנד ווי דייטשלאנד, געקומען ווי א ברוטאלער קלאפ. ער קאן זיך אבער ארויסווייזן צו זיין אזא מין קלאפ, וועלכן מ׳דארף באגריסן, ווען ער זאל עפענען זייערע אויגן אף די ריכטיקע פראבלעמען פון אונזער צייט.

מיט יעדן יאר און מיט יעדן חודש, וואס די לאנג־פארשפעטיקטע סאציאלע רעוואלוציע אין מערב־אייראפע און אין אמעריקע, פאר וועלכער די וועלט־מלחמה פון 1914 האט שוין געגעבן דעם אנזאג, ווערט אפגעלייגט (דאס הייסט, דער סוף פון פריוואט־אייגנטום אף די מיטלען פון פראדוקציע, וואס מוז אומפארמיידלעך פארגרעסערן די ווידערשפרוכן, די אנארכיע, די צעשטערונג און דעם בארבאריזם פון אונזער צייט), ווערט די לאגע איבער דער וועלט אלץ מער פארצווייפלט, און די גאנצע צוקונפט פון דער געזעלשאפט ווערט געשטעלט אונטער א פראגע־צייכן.

די וועלט־מלחמה פון 1914, דער אנפאנג פון דער אלוועלטלעכער סאציאליסטישער רעוואלוציע אין 1917, די טיילווייזע רעוואלוציעס און בירגער־קאמפן נאך דער מלחמה, דער נאך־מלחמה כאאס, דער אלוועלטלעכער עקאנאמישער קריזיס זינט 1929, דער זיג און די כסדר־שטייגנדיקע קראפט פון סאציאליסטישן אויפבוי אין סאוועטן־פארבאנד זייט בא זייט מיט דער ירידה פון דער קאפיטאליסטישער וועלט, און איצט — דער פארטשריט פון

פאַשיזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און די דערנענטערונג צו אַ צווייטער וועלט־מלחמה — דאָס זיינען די וואָרנונגען וועגן די ווירקלעכע גרונט־פראַגן פון דער איצטיקער שטופּע.

אין די לעצטע צוועלף יאָר און הויפּטזאַכלעך אין די לעצטע צוויי יאָר איז פאַשיזם געוואָרן די פראַגע, וועגן וועלכער עס איז שוין פאַראַן אַ ריזיקע ליטעראַטור. און דאָך האָט די באַהאַנדלונג פון דער פראַגע נאָך ווייניק ארויסגעבראַכט די פולע באַדייטונג פון פאַשיזם.

פון איין זייט איז פאַשיזם באַטראַכט געוואָרן פּשוט אַלס אַן אויסדרוק פון ברוטאַליטעט און גוואַלדטאַטן, פון מיליטאַריזם און אונטערדריקונג, פון נאַציאָנאַלן און ראַסן־עגאָאיזם, פון אַ רעוואָלט קעגן קולטור, קעגן די אַלטע שטרעבונגען צו פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

פון דער אַנדערער זייט איז פאַשיזם באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אויס־דרוק פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, פון דער דערשיינונג פון דער יוגנט, פון אַ סוף צום צעפּוילטן ליבעראַליזם און אינטעליגענטסטווע, פון אַן אריינ־פיר צו אַ באַלאַנסירטער און אָרגאַניזירטער סאָציאַלער אָרדענונג.

כדי מ׳זאָל קאָנען נעענטער צוקומען צום אמת׳ן כאַראַקטער פון פאַשיזם, מוז מען זיך גראָבן טיפער, מוז מען באַטראַכטן דעם פאַשיזם אין באַצוג צום גאַנצן כאַראַקטער פון דער מאָדערנער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, פון וועלכער דער פאַשיזם איז אַן אויסדרוק און אַן אָפּשפּיגלונג, און קודם כל צוקומען צו די פונדאַמענטאַלע טרייבנדיקע כחות פון דער עקאָנאָמיק און טעכניק, פון וועלכע די סאָציאַלע און פּאָליטישע פאָרמען (פאַשיזם אריינ־גערעכנט) זיינען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג.

אַזאַ אונטערזוכונג וועט אַף זיכער באַווייזן, אַז די מאָדערנע אַנטוויקלונג פון טעכניק און פון דער פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אַ פּונקט, ווען די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען קאָנען אַלץ ווייניקער און ווייניקער זיך איינלעבן מיט דער ווייטערדיקער אַנטווילונג פון דער פּראָדוקציע און דער אָנווענדונג פון טעכניק. צווישן זיי קומט פאָר אַ מלחמה, וואָס ווערט אַלץ שאַרפער און אָפענער זינט 1914 און וועלכע איז אין דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס אריין אין אַ נייער משונה׳דיקער שטופּע. דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער קאָנפליקט איז דער באַזיס פון אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דעם איצטיקן פּעריאָד און באַזונדער — פון דעם גאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו פאַשיסטישע פאָרמען.

די איצטיקע געזעלשאַפט האָט פאַר זיך דעריבער בלויז צוויי וועגן: איינער איז — צו פּרוּוון אום יעדן פּרייז אָנצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע

קלאַסן־הערשאַפֿט אַף דעם חשבון פֿון אַלע מענטשלעכע קולטור־ווערטן. דאָס מיינט אין דער פּראַקטיק צו דערשטיקן די כחות פֿון פּראָדוקציע, צוריקצוהאַלטן טעכנישע אַנטוויקלונג, צו פֿאַרניכטן מאַטעריעלע און מענטשלעכע כחות, צו אונטערדריקן די אַנטוויקלונג פֿון אידייען און געדאַנק און צו קאָנצענטרירן די גאַנצע געזעלשאַפֿט אַף אָרגאַניזאַציע פֿאַר מלחמה, וואָס דאָס פֿירט צו נאָך גרעסערער פֿאַרניכטונג און ירידה. דאָס איז דער וועג פֿון פֿאַשיזם, דער וועג, אַף וועלכן עס פֿאַרנעמט זיך די בורזשואַזיע אין אַלע מאָדערנע לענדער, וואו זי הערשט, — דער וועג פֿון מענטשלעכער פּגירה.

דער צווייטער וועג איז צו אָרגאַניזירן די נייע פּראָדוקטיווע כחות אַלס געזעלשאַפֿטלעכע כחות, אַלס דאָס געמיינשאַפֿטלעכע האָב־און־גוטס פֿון דער גאַנצער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט פֿאַר דעם שנעלן און ריזיקן וואוקס פֿון דעם מאַטעריעלן באָדן פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿאַרניכטן דעם דלות, אומוויסנהייט, קרענק און די ווענטלעך צווישן קלאַסן און פֿעלקער, די אומבאַגרענעצטע אַנטוויקלונג פֿון וויסנשאַפֿט און קולטור און אָרגאַניזירן אַן אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט, אין וועלכער אַלע מענטשלעכע וועזנס וועלן צום ערשטן מאָל האָבן אַ מעגלעכקייט פֿולשטענדיק צו אַנטוויקלען זיך און שפּילן זייער ראָלע אין דער קאָלעקטיווער אַנטוויקלונג פֿון דער צוקונפֿטיקער מענטשהייט. דאָס איז דער וועג פֿון קאָמוניזם, דער וועג, אַף וועלכן עס פֿאַרקירעווען זיך אַלץ מער און מער די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען די לעבעדיקע פֿאָרשטייער פֿון די פּראָדוקטיווע כחות, און וואָס בלויז זייער זיג איבער דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס קאָן ברענגען צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אָט־דעם וועג; דער וועג, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפֿט און די פּראָדוקטיווע אַנטוויקלונג מאַכן מעגלעך און נויטווענדיק און וואָס אַנטפּלעקט וואונדערבאַרע מעגלעכקייטן פֿאַר דער צוקונפֿטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט. די קאָנקרעטע פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם דאָזיקן וועג האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ווייזן דורך די מיט־יעדן־טאָג מער ריזיקע זיגן פֿון נייעם אויפֿבוי און נייער קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַף אַ זעקסטחלק פֿון דער וועלט, וואָס ווייזט דעם וועג פֿאָרויס צו דער איבעריקער וועלט.

וועלכע פֿון אָט־די צוויי שטרעמונגען וועט זיין דער זיגער? דאָס איז די שאַרפֿע פֿראַגע, וואָס שטייט פֿאַר דער מענטשהייט היינט־צו־טאָג.

דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם איז זיכער, אַז דער קאָמוניזם וועט זיגן, ווייל די פּראָדוקטיווע כחות זיינען אַף דער זייט פֿון קאָמוניזם; אַז דער זיג פֿון קאָמוניזם, וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין דעם זיג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, איז סוף כל סוף אומפֿאַרמיידלעך אַלס דער איינציקער מעגלעכער

אויסגאַנג פון די עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכן ; אַז דער פינצטערער חלום פון דעם צווייטן אויסוועג, וואָס זיין קריכנדיקער שאָטן הויבט שוין אָן פאַרכאַפּן די פאָרשטעלונג־קראַפט פון אייניקע דענקער, וועט נאָך קריגן אַ וויסטע מפּלה, וועט נאָך צעקלאַפּט ווערן פון די אָרגאַניזירטע כחות פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם.

אָבער אָט די אומפאַרמיידלעכקייט איז אָפּהענגיק פון מענטשלעכער ווירקונג. מער ווי דאָס, זי קאָן פאַרקומען בלויז דורך מענטשלעכער ווירקונג. און דעריבער איז אַזוי וויכטיק צו קעמפן קעגן פאַשיזם, צו קעמפן פאַר דעם זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס דערפון הענגט אָפּ די צוקונפט פון דער מענטשהייט. די צייט איז קורץ ; עס הויבט זיך שוין אָן זען דער ברעג.

פאַר פילע איז די ברירה אויסצוקלייבן צווישן פאַשיזם און קאָמוניזם ניט צום הארצן. זיי וואָלטן בעסער וועלן אָפּלייקענען, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, און זיינען גרייט צו באַטראַכטן ביידע, פאַשיזם און קאָמוניזם, אַלס צוויי קעמפנדיקע, אָדער פון זייער שטאַנדפּונקט אפילו פּאַראַלעלע פאָרמען פון עקסטרעמקייט. זיי טרוימען וועגן אַ דריטן אויסוועג, וואָס זאָל ניט זיין עקסטרעם און וואָס זאָל פאַרווירקלעכן אַ פרידלעכן האַרמאָנישן פּראָגרעס אָן קלאַסן־קאַמף, דורך די פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישער „דעמאָקראַטיע", „געפּלאַנטן קאַפּיטאַליזם" א. ד. גל.

אָט־דער טרוים וועגן אַ דריטן אויסוועג איז בעצם אַ פאַלשער. פון איין זייט איז דאָס אַן אָפּקלאַנג פון די באַגריפן פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע פון דעם ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשווינדן מיטן אָנקומען פונעם אימפּעריאַליזם, און וועלכער קאָן ניט אויפשטיין קיין תחית המתים, ווען די באַדינגונגען, וואָס האָבן אים אַרויסגערופן, זיינען פאָריבער, אין אַ צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם פאַלט פאַנאַנדער און דער קלאַסן־קאַמף ווערט העכסט פאַרשאַרפט. אפילו די קאַריקאַטור פון דעמאָקראַטישע פאָרמען, וואָס ווערט מיט כמה צרות אָנגעהאַלטן אין די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, ווערט אַלץ מער פאַרביטן מיט אָפענערע דיקטאַטאָרישע און אונטערדריקנדיקע מעטאָדן (די פאַרשטאַרקונג פון דער עקזעקוטיווער מאַכט, דאָס אָפּשוואַכן פון דער ראָלע פון פּאַרלאַמענט, דער וואוקס פון דער מאַכט „אין קריטישע מאָמענטן", דער ברייטערער פאַרנעם פון פּאָליציייאישע גוואַלדטאַטן, דאָס באַגרענעצן דאָס רעכט פון פרייער רעדע און פאַרזאַמלונגען, דאָס באַגרענעצן דאָס רעכט צו סטרייקן, צוזאַמען מיט די טיפּישע דעמאַגאָגישע מעטאָדן פון דער קאַפּיטאַליסישער פּרעסע, טעראָריזירטע וואַלן, א. ד. גל.). די ווענדונג פונעם

קאַפּיטאַליזם אין אַלע לענדער צו פאַשיסטישע פאָרמען איז גאַנץ קלאָר און איז פיל ברייטער ווי די פראַגע וועגן אַ מוסאָליני׳ן צי אַ היטלער׳ן.

פון דער אַנדערער זייט איז דער טרוים וועגן אַ „געפּלאַנטן קאַפּיטאַליזם" שוין אַן אומבאַוואוסטזיניקער טאַפּן אַ וואַנט אין דער ריכטונג פון פאַשיזם, ניט אַריינקוקנדיק אין זיינע לאָגישע אָנווענדונגען. ווייל אין דער ווירקלעכקייט קאָן דער זעלבסט־ווידערשפּרעכנדיקער צוועק פון אַ „געפּלאַנטן קאַפּיטאַליזם" דערגרייכט ווערן בלויז אָפן פאַשיסטישן וועג, דורך רעפּרעסיעס בנוגע די פּראָדוקטיווע כחות און דעם אַרבעטער־קלאַס.

אויף אַזאַ אופן איז די מעשה וועגן אַ דריטן וועג פּאַקטיש גאָר קיין אויסוועג ניט, נאָר איז אין דער ווירקלעכקייט אַ טייל פון דעם באַוועגן זיך צום פאַשיזם.

פאַשיזם איז ניט אומפאַרמיידלעך. פאַשיזם איז ניט קיין נויטווענדיקע שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס אַלע לענדער מוזן זי דורכמאַכן. די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן פאַרמיידן דעם פאַשיזם, ווי זי האָט דאָס געטאָן אין רוסלאַנד. ווען אָבער די סאָציאַלע רעוואָלוציע ווערט אָפּגעלייגט, דעמאָלט ווערט די געפאַר פון פאַשיזם מער דרינגענד.

פאַשיזם קאָן באַקעמפט ווערן. פאַשיזם קאָן באַקעמפט און באַזיגט ווערן. דער פאַשיזם קאָן אָבער באַקעמפט און באַזיגט ווערן, ווען מען באַקעמפט אים אָן אילוזיעס און מיט אַ קלאָרן באַגריף פון די פּראָבלעמען. די אורזאַכן פונעם פאַשיזם זיינען טיף איינגעוואָרצלט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. אין זיין פאַנאַנדערפאַלן זיך ברענגט דער קאַפּיטאַליזם אַרויס דעם פאַשיזם. קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע אין איר פוילן ברענגט אַרויס דעם פאַשיזם. די איינציקע זיכערע גאַראַנטיע קעגן פאַשיזם, דער איינציקער וועג אָפּצומעקן די אורזאַכן פון פאַשיזם, איז דער זיג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

פאַשיזם גיט ניט קיין לייזונג פאַר אַ מעגלעך סטאַבילער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, וועלכע ברעכט צוזאַמען. פאַרקערט, דער פאַשיזם שלעפּט מיט זיך מיט אַלע ווידערשפּרוכן פון דער היינטיקער קלאַסן־געזעלשאַפט, ווייל פאַשיזם איז בלויז אַ פאָרם, אַ מיטל פון קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־הערשאַפט אין אַ צושטאַנד פון העכסטן פאַנאַנדערפאַל. מער ווי דאָס, דער פאַשיזם שלעפּט מיט זיך מיט ווידערשפּרוכן פון דער איצטיקער קלאַסן־געזעלשאַפט צו זייער העכסטן פונקט, ווען די ווידערשפּרוכן ווערן אויסגעטאָן נאַקעט אין אַן אָפענעם בירגער־קריג און דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט ווערט

אָרגאַניזירט אפן באַזיס פון אַ פּערמאַנענטן בירגער־קריג. פאַשיזם איז דעריבער אַ געזעלשאַפט, וואָס האַלט אין איין מלחמה האַלטן אין אירע אייגענע רייען. און אף אַזא אופן, אַזוי ווי דער פאַשיזם קאָן בשום אופן ניט לייזן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען, דערפירט ער זיי צו זייער העכסטן פּונקט פון אָנשטרענגונג, ביז צום פּלאַצן. דער איינציקער ענד־גילטיקער אויסוועג קאָן זיין דער זיג פון קאָמוניזם, ווייל בלויז דער קאָמוניזם אַנטהאַלט אין זיך די לייזונג פון די איצטיקע ווידערשפּרוכן.

אָבער אין דער צווישן־צייט, ווען דער קאַמף קומט פאָר, אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, אויב ער ווערט פאַרצויגן, אויב דעם פאַשיזם געלינגט אף אַ ווײַלע צו אָרגאַניזירן זיין באָדן פאַר בירגער־קריג און פאַר גוואַלדזאַמער רעאַקציאָנערער דיקטאַטור, קאָן פאָרקומען אַ ריזיקע צעשטערונג פון מאַ־טעריעלן רייכטום, פון מענטשלעכע לעבנס און פון קולטור, און דאָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ געפערלעכער. דעריבער איז אַזוי אומבאַדינגט נויטווענדיק צו קעמפן ניט נאָר פאַר דעם סוף־כל־סוף אומפאַרמיידלעכן זיג פון קאָמוניזם, נאָר טאַקע פאַר דעם שנעלן זיג פון קאָמוניזם.

ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון די איצטיקע פּראָבלעמען. אַלע פילן די אָנקומענדיקע שטורעמס. עס ווערן אויפגענומען אַ מאַסע פראַגן — פון מלחמה, פון אַנטוואָפענונג, פון פאַשיזם, פון עקאָ־נאָמישן כאַאָס. מ'קאָן אָבער ניט באַטראַכטן די אַלע פראַגן אַבסטראַקט. מ'מוז זיי באַטראַכטן אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער סאָציאַלער אַנט־וויקלונג, דערגרונטעוועט זיך ביז צום יסוד פון אָט־די אַלע פּראָבלעמען, באַ־טראַכטן די פראַגע וועגן דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אָדער פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פון קאַפּיטאַליזם אָדער פון סאָציאַליזם, פון וועלכער עס הענגט אָפּ די צוקונפט פון דער מענטשהייט.

די איצטיקע געזעלשאַפט איז רייף, איז איבער־רייף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָפּלייגן זי מיינט ניט וואַרטן אין פרידן. די דיאַלעקטיק פון דערווירקלעכקייט ווייסט ניט פון קיין שטיל־שטיין. אָפּלייגן מיינט פאַרציען דעם צוזאַמענברוך, דאָס פוילן, דעם באַרבאַריזם. די ווערטער פון לענינ'ען ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע קאָנען אָנגעווענדט ווערן אין זייער פולסטן זין צו דער איצטיקער וועלט־לאַגע: „אָפּלייגן מיינט טויט".

ערשטער קאַפּיטל

טעכניק און רעוואָלוציע

אין דעם ענגלישן זשורנאַל „אָטאָמאָביל אינזשיניר", אינעם מערץ־נומער פון 1931, איז דערשינען אַן אַרטיקל: „מאַשין־געצייג: אַן אַנאַליז פון די פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען זייער פּאַרעלטערטקייט."

דער אַרטיקל איז ניט געשריבן געוואָרן אַלס אַ קריטיק פון דער איצטיקער געזעלשאַפט. פאַרקערט, ער איז געשריבן געוואָרן, אָנגעפּיקעוועט מיט אַ מאַסע סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען, כדי צו העלפן די באַלעבאַטים און זייערע טעכנישע פאַרוואַלטער צו באַשטימען, אונטער וועלכע באַדינגונגען עס לוינט זיך איינצושטעלן נייע הויך־פּראָדוצירנדיקע מאַשינען. פונדעסטוועגן זיינען די שלוסן, צו וועלכע ער איז געקומען, ביזן העכסטן גראַד רעוואָלוציאָנער.

דער ערשטער שלוס באַהויפּטעט, שטיצנדיק זיך אויף די ווערטער פון מר. ה. ג. אַרמיטאַזש, אַ מיטגליד פון דעם אינסטיטוט פון אָטאָמאָביל־אינזשענערן: „די הויך־פּראָדוקטיווע מאַשינען, וועלכע ווערן אַנטוויקלט אין אַמעריקע, קאָנען ניט ווערן אָנגעווענדט עקאָנאָמיש בא אונז אין לאַנד." די אורזאַך, וואָס ער גיט אָן, איז „ווייל די איצטיקע פאַבריקן אין ענגלאַנד קאָנען פּראָדוצירן פיל שנעלער, ווי די פּראָדוקטן קאָנען אָפּגעזעצט ווערן. . . עס זיינען שוין פיל מאָל געמאַכט געוואָרן די באַהויפּטונגען, אַז די אַמעריקאַנישע פאַבריקן אין די הויפּט־אינדוסטריען קאָנען פּראָדוצירן מער ווי די וועלט פאָדערט, ווען מען זאָל אַפילו פאַרמאַכן אַלע אַנדערע פאַבריקן אין דער וועלט". דעריבער שטימט מר. אַרמיטאַזש ניט איין מיט דער פאַרשפרייטער אויסזעצונג פון „אומוויסנדיקע קריטיקער פון דער אינדוסטריע אין ענגלאַנד", אַז די באַלעבאַטים אין ענגלאַנד זיינען הינטערשטעליק אין דער קאָנקורענץ, ווייל זיי האַלטן אָן „האָפנונגסלאָז פאַרעלטערטע מאַשינען".

פאַרקערט, דער פאַקט איז, אַז די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט וואָס זיי טוען, ווען זיי האָבן געלאָזן זייערע דייטשע און אַמעריקאַנישע קאָנקורענטן (די ערשטע צען יאָר נאָך דער מלחמה) איינצופירן בא זיך גיגאַנטישע מאָדערנע איינריכטונגען פאַר מאַסן־פּראָדוקציע, וועלכע פאָדערן גרויסע מיטלען אויף אויפצוהאַלטן זיי און נאָך גרעסערע מערק; זיי, די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן, האָבן אין אָט דער צייט זיך בעסער

גענומען מער אונטערצוטרייבן זייערע אַרבעטער באַ פאַרהעלטניסמעסיק עלטערע מאַשינען, וועלכע פאָדערן וויניקער אַף אויפצוהאַלטן זיי און קלענערע מערק; דערפאַר זיינען זיי וויניקער געטראָפן געוואָרן פונעם קריזיס ווי זייערע דייטשע און אַמעריקאַנישע קאָנקורענטן.

דער צווייטער שלום איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט דערקלערט, אַז אָט דער פּרינציפּ ווערט איצט אָנגעווענדט אויך אין דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע:

„ס'איז געקומען די צייט, ווען מר. אַרמיטאַזש'ס באַמערקונגען קאָנען דינען פאַר אַ באַהויפּטונג, אַז די מאָדערנסטע מאַשינען, וואָס ווערן איצט אַנטוויקלט אין אַמעריקע, קאָנען עקאָנאָמיש ניט באַנוצט ווערן אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן."

דאָס מיינט, אַז די מאָדערנסטע אַנטוויקלונגען אין דער טעכניק קאָנען מער ניט אויסגענוצט ווערן אַפילו אין די העכסט־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער.

דער דריטער שלום דערגאַנצט די ערשטע צוויי. ער ווייזט אָן, אַז עס בלייבט נאָך איבער בלויז איין מאַרק פאַר די העכסט אַנטוויקלטע מאַשינען, און דאָס איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„די אַמעריקאַנישע פאַבריקאַנטן פון מאַשין-געצייגן, וואָס האָבן גענוג גרויסע איינריכטונגען צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אַמעריקאַנישע פּראָדוציר-פאַבריקן, האָבן חוץ זייער מאַרק אָנגעהויבן באַזאָרגן אויך רוסלאַנד מיט מאַשין-געצייגן, וואָס זיינען ספּעציעל געפּלאַנט געוואָרן אַף צו דער־גרייכן אַ נאָך שנעלערע פּראָדוקציע. מען האָט געפאָדערט אַ זייער הויכן פּרייז פאַר די דאָזיקע ספּעציעלע מאַשינען אַף דעם סמך, וואָס מען קאָן ניט געפינען קיין אַנדערע קונים פאַר זיי, ווייל אויסער רוסלאַנד איז ניטאָ קיין פאָדערונג פאַר אַ שנעלערער פּראָדוקציע, ווי דאָס קאָן דערגרייכט ווערן מיט די איצטיקע מאָדעלן פון מאַשינעריע."

לויט דער באַהויפּטונג פון אָט דעם טעכנישן זשורנאַל, קאָן אַף אַזא אופן די העכסט אַנטוויקלטע מאָדערנע טעכניק, וואָס מאַכט מעגלעך די ברייטסטע און שנעלסטע פּראָדוקציע מיט אַ מינימום אַרבעט, מער ניט אויס־גענוצט ווערן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו זי איז געשאַפן געוואָרן, נאָר זי קאָן איצט אָנגעווענדט ווערן בלויז אינעם לאַנד פון סאָציאַליסטישער בויאונג, אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן די באַדייטונג פון דער דאָזיקער איצ־טיקער שטופּע פון טעכניק און געזעלשאַפט, ווי דאָס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן (און דאָס איז דאָך נאָר איין ביישפּיל פון צען טויזנט, וואָס באַשטעטיקן

דאָס זעלבע היינט־צו־טאָג אין יעדער ריכטונג). ווי אין אַן איינציקן קרישטאָל, ווערט דאָ אויסגעדריקט די גאַנצע איצטיקע לאַגע פונעם אַל־געמיינעם קריזיס אינעם קאַפּיטאַליזם; די אויסגעשעפּטע מעגלעכקייטן פאַר דעם פּראָגרעס פון דער פּראָדוקציע אין די קייטן פון דעם אַלטן פּריוואַט־אייגנטום; די נויטווענדיקייט צו סאָציאַליזירן די פּראָדוקציע אַלס די איינציקע באַדינגונג פאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

אין דער לאַגע, וואָס דאָס דאָזיקע בילד אַנטפּלעקט, ליגט דער וואָרצל פון דער פראַגע — פאַשיזם אָדער קאָמוניזם. אין אָט דער סיטואַציע ליגט די הויפּט־אורזאַך, פאַרוואָס פּונקט אין דער איצטיקער שטופּע פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג שטייט פאַר דער איצטיקער געזעלשאַפט די פראַגע וועגן פאַשיזם אָדער קאָמוניזם.

1. דער וואוקס פון פּראָדוקטיווע כחות

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט ראָבערט אָוען, אַפן גרונט פון זיינע דער־פאַרונגען אַלס דערפאָלגרייכער פאַבריקאַנט, באַמערקט דעם ווידערשפּרוך צווישן דער נייער סאָציאַל־פּראָדוקטיווער ארבעט און דער פּריוואַטער פאַר־כאַפּונג פון אירע פּרוכטן:

„דער האָרעפּאַשנער טייל פון אָט דער באַפעלקערונג פון 2,500 נפשות (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם שטעטל ניו לאַנאַרק) האָט טעגלעך פּראָ־דוצירט אַזוי פילווירקלעכן רייכטום פאַר דער געזעלשאַפט, ווי מיט אַ פופציק יאָר צוריק וואָלט דאָס געקאָנט באַשאַפן דער האָרעפּאַשנער טייל פון אַ באַ־פעלקערונג פון אַ 600,000. איך שטעל זיך די פראַגע, וואוהין איז אַהינ־געקומען דאָס רעשט פונעם רייכטום, וואָס ווערט פאַרברויכט פון 2,500 נפשות און וואָס עס וואָלטן דאַרפן פאַרברויכן 600,000?" (ראָבערט אָוען, „די רעוואָלוציע אינעם געדאַנק און פּראַקטיק פון דער מענטשהייט", 1849.)

דאָס הייסט, אַז שוין אין דער צייט צווישן די יאָרן 1800 און 1829, ווען ער האָט פאַרוואַלטעט די מוסטערהאַפטע פאַבריק אין ניו לאַנאַרק, האָט אָוען געקאָנט קלאָר איינזען דעם ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם. אָבער זיין קריטיק איז געווען פון אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער. ווייל ניט געקוקט אַף דער גאַנצער גרויזאַמקייט און אַף דער אָרימקייט, וואָס ער האָט ארויסגערופן, האָט דער קאַפּיטאַליזם דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיך. ער איז דעמאָלט נאָך פייאיק געווען צו אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען זיינע פּראָדוקטיווע כחות. ער איז נאָך געווען אַ פּראָגרעסיווער פאַקטאָר דערמיט, וואָס ער האָט

געבראַכט מיט זיך די טראַנספאָרמירונג פון דער ניט־עקאָנאָמישער קליינ־פּראָדוקציע צו דער מאָדערנער מאַסן־פּראָדוקציע אַף אַ ברייטן מאַס־שטאַב, און האָט אַף אַזאַ אופן צוגעגרייט דעם מאַטעריעלן באָדן פאַר דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. צו יענער צייט איז די קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם מצד אָוענ׳ען און אַנדערע געבליבן אַן אוטאָפּישע.

דער ענטפער צו אַזאַ טיפּ קריטיק פון קאַפּיטאַליזם איז געגעבן געוואָרן פון מאַרקס׳ן אין זיין דיסקוסיע מיט פּרודאָנ׳ען וועגן אַן ענלעכן ענין:

„אין יאָר 1770 איז די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד באַשטאַנען פון פופצן מיליאָן און די פּראָדוקטיווע באַפעלקערונג האָט באַטראָפן דריי מיליאָן. די וויסנשאַפטלעכע פּראָדוקציע-קראַפט וואָלט כמעט גלייך געווען ווי פון אַ באַ-פעלקערונג פון נאָך צוועלף מיליאָן מענטשן; דאָס מיינט אַ סך-הכל פון פופצן מיליאָן פּראָדוקטיווע כחות. די פאַרהעלטעניש פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט צו דער באַפעלקערונג איז געווען אַף אַזאַ אופן ווי איינס צו איינס, און פון דער וויסנשאַפטלעכער קראַפט צו אַרבעטער-קראַפט ווי פיר צו איינס.

„אין יאָר 1840 איז די באַפעלקערונג געווען ניט מער ווי דרייסיק מיליאָן; די פּראָדוקטיווע באַפעלקערונג איז געווען זעקס מיליאָן, ווען די וויסנשאַפטלעכע קראַפט האָט באַטראָפן 650 מיליאָן, דאָס מיינט, אַז איר פאַרהעלטעניש צו דער גאַנצער באַפעלקערונג איז געווען ווי 21 צו 1, און צו דער אַרבעטער-קראַפט ווי 108 צו 1.

„אין דער ענגלישער געזעלשאַפט איז דער אַרבעטס-טאָג אַף אַזאַ אופן פאַרגרעסערט געוואָרן אין 70 יאָר אַף 2,700 פּראָצענט אין פּראָדוקטיווקייט, אָדער אין אַנדערע ווערטער, ער האָט פּראָדוציט 27 מאָל אַזוי פיל ווי אין יאָ 1770. לויט פּרודאָנ׳ען וואָלט מען געדאַרפט שטעלן אַזאַ פראַגע: פאַר-וואָס איז דער אַרבעטער אין 1840 ניט געווען 27 מאָל רייכער פון דעם אַרבעטער אין 1770?

„שטעלן אַזאַ פראַגע מיינט אָנצונעמען, אַז דער ענגלענדער האָט געקאָנט פּראָדוצירן אָט די רייכטימער אויסער די היסטאָרישע באַדינגונגען אין וועלכע זיי זיינען געשאַפן געוואָרן; דאָס הייסט, ווי עס וואָלט ניט עקזיסטירט דאָס פּריוואַטע אָנזאַמלען פון קאַפּיטאַל, די מאָדערנע צעטיילונג פון אַרבעט, די אויטאָמאַטישע מאַשינעריע, די אַנאַרכישע קאָנקורענץ, די לוין-סיסטעם און, ענדלעך, אַלץ וואָס איז באַזירט אַף דעם קלאַסן-אַנטאַגאָניזם. אָבער דאָס זיינען דאָך געווען פונקט די נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און מערוועדט. דאָס אַלץ איז דעריבער נויטווענדיק געווען, כדי צו קומען צו אַזאַ אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און פון מערוועדט, אַז עס זאָלן זיין קלאַסן, וואָס טרייבן אָן, און קלאַסן, וואָס ווערן אָנגעטריבן.” (מאַרקס, „די אָרימקייט פון פילאָזאָפיע”, 1טער באַנד, קאַפּיטל 3.)

אָט דער פונדאַמענטאַלער באַגריף וועגן דעם אַנטוויקלונג־פאַרנעם פון

די פראָדוקטיווע כחות אַלס אַ מאָס פאַר דער פראָגרעסיווער אָדער רעאַקציאָנערער סאָציאַלער אָרדענונג ווערט ניט ווייניקער אויסגעדריקט בײַ אים, ווען מאַרקס לויבט ריקאַרדאָ'ן:

„די באַשולדיקונג, וועלכע מ'שטעלט קעגן אים אַרויס, אַז ער באַטראַכט בלויז די אַנטוויקלונג פון פראָדוקטיווע כחות בנוגע „מענטשלעכע וועזנס", ניט געקוקט אַף די קרבנות אין מענטשלעכע וועזנס און ווירקלעכע רײַכטימער, אונטערשטרײַכט גראָד זײַן שטאַרקע זײַט. די אַנטוויקלונג פון די פראָדוקטיווע כחות פון סאָציאַלער אַרבעט איז די היסטאָרישע אויפגאַבע און פּריווילעגיע פון קאַפּיטאַל. פונקט אַף אַזאַ אופן שאַפט ער אומבאַוואוסטזיניק די מאַטעריעלע פאָדערונגען פאַר העכערע פאָרמען פון פראָדוקציע." (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", 3טער באַנד, זײַט 304.)

די מאַרקסיסטישע קריטיק פון קאַפּיטאַליזם אונטערשיידט זיך דערמיט פונדאַמענטאַל פון דער קריטיק פון סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן, וואָס לעבט נאָך עד היום אין דעם אַזוי־גערופענעם „ענגלישן סאָציאַליזם". די מאַרקסיסטישע קריטיק אָנערקענט די היסטאָרישע ראָלע פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוקטיווע כחות. אָבער נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען אַנדערע עקאָנאָמיסטן און דענקער האָבן נאָך ניט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף, אַף וואָס פאַר אַ וועג די אַנטוויקלונג וועט זיך פאַרנעמען אין דער צוקונפט, האָט די מאַרקסיסטישע קריטיק שוין קלאָר געמאַכט, אַז די אינערלעכע געזעצן פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג וועלן אומפאַרמײַדלעך דערפירן צו אַ שטופע, ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט מער ניט זײַן בכח צו אָרגאַניזירן די פראָדוקטיווע כחות און עס וועלן אַרויסגערופן ווערן אַלץ ערנסטערע קריזיסן איינער נאָכן צווייטן, וואָס וועלן פירן צו אַזאַ צוריקהאַלט און פאַנאַנדערפאַל, ווען נאָר דער נײַער סאָציאַלער קלאַס, דער פראָלעטאַריאַט, וואָס איז פרײַ פון די באַגרענעצונגען פון פּריוואַט־אייגנטום, וועט זײַן דער איינציקער, וואָס וועט בכח זײַן צו אָרגאַניזירן די סאָציאַלע פראָדוקטיווע כחות צו אַ העכערער שטופע. דאָס איז דער תוך פון דעם מאַרקסיזם, וואָס זײַן פּאָליטישער אויסדרוק איז די דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט אַלס די נויטווענדיקע באַדינגונג פאַר דער לייזונג פון די פראָבלעמען פון דער איצטיקער עפּאָכע.

מיר מאַכן איצט דורך אָט־די שטופע פון קאַפּיטאַליזם — די שטופע פון אימפּעריאַליזם אָדער פון קאַפּיטאַליזם אין זײַן פאַנאַנדערפאַל און, בפרט איצט, זינט 1914, די שטופע פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, אָדער די לעצטע פאַזע אינעם אימפּעריאַליזם, ווען די פראָדוקטיווע

כחות קומען אַלץ מער אין אַ גוואַלדיקן צוזאַמענשטויס מיט די פּענטעלדיקע קייטן פון די עקזיסטירנדיקע אייגנטום־פאַרהעלטענישן פון פּראָדוקציע, ווען דער קאַפּיטאַליזם, אין זיין אַלץ מער וואַרשיינלעכן פאַנאַנדערפאַל, קומט נעענטער פּנים אל פּנים מיט דעם אָנקומען פון דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרי־שער סאָציאַלער רעוואָלוציע און ווען אין זיין פאַנאַנדערפאַל כאַפּט זיך דער קאַפּיטאַליזם אָן פאַר יעדן מיטל כדי אָנצוהאַלטן זיין קראַפט.

לאָמיר קודם כל באַטראַכטן דעם ריזיקן וואוקס פון די פּראָדוקטיווע כחות זינט דער ערשטער קריטיק מיט אַ יאָרהונדערט צוריק.

די פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט דעם וואוקס פון דער אינדוסטריעלער מאַשין־קראַפט, מיט דער אויסנאַם פון דער מאָטאָר־טראַנספּאָרט־קראַפט, פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אין פערדן־קראַפט (אַ פערדן־קראַפט ווערט אָנגענומען אַלס גלייך צו דער מוסקולערער קראַפט פון זעקס מענטשן).

דער וואוקס פון אינדוסטריעלער מאַשין־קראַפט

	ענגלאַנד	פראַנקרייך	דייטשלאַנד	די פאַראייניק־טע שטאַטן	אַנדערע ניט־אייראָפּעי־אישע לענדער*	אין דער גאַנצער וועלט
1835..	300,000	20,000	10,000	300,000	10,000	650,000
1875..	6,000,000	3,000,000	4,000,000	7,800,000	1,900,000	26,500,000
1913..	28,500,000	12,500,000	21,000,000	86,000,000	31,000,000	211,000,000
1928..	37,000,000	18,500,000	32,000,000	162,000,000	93,000,000	390,000,000

* חוץ די פאַראייניקטע שטאַטן.

(האַוזלייטער, „רעוואָלוציאָן אין דער וועלטווירטשאַפט",
אַרויסגעגעבן אין יאָר 1932.)

נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק ,ווי מיר האָבן געזען, האָט מען זיך שוין באַקלאָגט, אַז אין 70 יאָר איז די פּראָדוקטיווע קראַפט אין ענגלאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן 27 מאָל אָן אַ געהעריקער פאַרבעסערונג אין דעם לעבנס־שטייגער פון דעם אַרבעטער.

בלויז אין די 15 יאָר צווישן 1913 און 1928 איז די אינדוסטריעלע מאַשין־קראַפט אין אייראָפּע פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 50 פּראָצענט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַף 100 פּראָצענט און אין די ניט־אייראָפּייאישע לענדער (חוץ די פאַראייניקטע שטאַטן) — אַף 200 פּראָצענט.

ווען מען זאָל אַריינרעכענען אַלע פאָרמען פון קראַפט, וואָלט דער סך־הכל איבער דער וועלט באַטראָפן וועלכע 1,500 מיליאָן פערדן־קראַפט.

אַף אָט־דעם באַזיס האָט סטואַרט טשייס, אין זיין בוך „מאַשינען און מענטשן” *), אויסגערעכנט, אַז ווען די מאַשין־קראַפט פון דער גאַנצער וועלט וואָלט פאַרגליכן געוואָרן מיט מענטשלעכער קראַפט, וואָלט זי באַטראָפן 1,500 מיליאָן איבעריקע מענטשן, אָדער דאָס מיינט דאָסזעלבע, ווי יעדער נפש פון דער גאַנצער וועלט־באַפעלקערונג וואָלט געהאַט פינף שקלאַפן.

לויט אַ באַריכט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַף דער אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ פון עלעקטרישע אינזשענערן אין 1930, איז אין דעם פעריאָד פון 1913 ביז 1927 די עלעקטרישע פּראָדוקציע אין דער גאַנצער וועלט געשטיגן פון 47,000 מיליאָן ביז 200,000 מיליאָן „יוניטס”. און צווישן דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון אָט־די אינזשענערן אין 1924 ביז דער צווייטער, אין 1930, איז די פּראָדוקציע פון עלעקטרישער ענערגיע פאַרדאָפּלט געוואָרן — פון 150,000 מיליאָן ביז 300,000 מיליאָן „יוניטס”.

(די ציפערן זיינען גענומען פונעם „עקאָנאָמיסט” פונעם 21טן יוני, 1930.)

אָט־דער ריזיקער וואוקס פון פּראָדוקטיווער קראַפט האָט זיך אַמשטאַרקסטן אָפּגערופן אַף דער פאַבריצירנדיקער אינדוסטריע; אָבער אַפילו אין אַ קלענערער מאָס האָט ער אויך געהאַט אַ ווירקונג אַף דער אַגריקולטור און דער פּראָדוקציע פון רויע מאַטעריאַלן, — אַ פאַרגרעסערונג, וואָס האָט אַ סך אַריבערגעיאָגט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג.

שוין אין יאָר 1890, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין האָוזלייטער'ס סטאַטיסטיק, זיינען די קאָסטן פון אַגריקולטור רעדוצירט געוואָרן (מיט דער הילף פון מאַשינען) צו 25 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט די קאָסטן פון דער האַנט־פּראָדוקציע, ווי זי איז אָנגעפירט געוואָרן אין יאָר 1830.

לויט אַ באַריכט פון דעם קאַנאַדער טרעיד־קאָמישאָנער, פון מאַי, 1930, איז די פּראָדוקציע פונעם איינצלנעם אַגריקולטורעלן אַרבעטער געוואָרן פינף מאָל אַזוי גרויס צווישן די יאָרן 1890 און 1921 צוליב דער מעכאַניזירונג פון אַגריקולטור און דעם גרעסערן שטח פון קולטיווירטן לאַנד:

„מר. פילד לייגט גרויס געוויכט אַף דער שנעלקייט, מיט וועלכער מאָטאָר־מאַשינען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַרבעטער אין דער קאַנאַדער אַגריקולטור. אין דער צייט וואָס אין 1890 האָט ווייץ אויסגעמאַכט 13½ בושל אַף יעדן איינוואוינער פון די אַגריקולטורעלע געגנטן, איז אין 1921 די ציפער געווען 70. און אַזוי ווי די העכסט רעוואָלוציאָנערע אַגראַר־מאַשין, דער קאָמבאַין, וואָס פאַראייניקט אין זיך אַ שנייד־ און דרעש־מאַשין, איז

* Stuart Chase, “Machines and Men,” 1929.

איינגעפירט געוואָרן ערשט אין 1924, מוז די איצטיקע דורכשניטלעכע פּראָ-
דוקציע פון דעם אַגריקולטורעלן אַרבעטער זיין אַ סך העכער. נאָך מער,
דער פאַרנעם פון מעכאַניזירן די אַגריקולטור איז נאָך בשום אופן ניט דורכ-
געפירט געוואָרן אין זיין פולער מאָס.“ („עקאָנאָמיסט“, סעפּט. 8, 1930.)

צווישן 1920 און 1929 איז די צאָל טראַקטאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרגרעסערט געוואָרן פון 246,000 אַף 843,000.*)

(U. S. Yearbook of Agriculture, 1930.)

צווישן 1900 און 1928 איז דער שניט פון תבואות פאַרגרעסערט געוואָרן אין איטאַליע אַף 104 פּראָצענט, אין אַרגענטינע אַף 172 פּראָצענט און אין קאַנאַדע אַף 330 פּראָצענט. צווישן 1913 און 1928 איז דער וועלט־עקספּאָרט פון תבואות פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 147 פּראָצענט. אין דעם־זעלביקן פּעריאָד איז די באַפעלקערונג פון דער וועלט פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 11.6 פּראָצענט.

די אַלטע אומוויסנדע מאַלטוזיאַנישע*) באַגריפן וועגן אַן אַבסאָלוטן „איבערוואוקס פון דער באַפעלקערונג“ און די יאַכנעוואַטע טרויער־געזאַנגען וועגן גבורט־קאָנטראָל אַלס אַ נויטווענדיקע לייזונג פאַר דעם דלות, ווערן אַף אַזאַ אופן אַרונטערגעריסן דורך פאַקטן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אָט־די רעאַקציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע ווערט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן, ניט נאָר אין קלעריקאַלע און קאָנסערוואַטיווע קרייזן, נאָר אויך אין דער כלומרשט „פּראָגרעסיווער“ לייבאָר־פּאַרטיי פון ענגלאַנד (וועלכע איז, ווי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, איינע פון די ווירקלעכע פעסטונגען פון קאָנ־

---

*) טאָמאַס ראָבערט מאַלטוס איז געווען אַן ענגלישער גלח-עקאָנאָמיסט, וועלכער האָט אין יאָר 1798 אָפּגעדרוקט זיין בוך „עסעי וועגן דעם פּרינציפּ פון באַפעלקע-רונג“, וואו ער האָט פּרובירט צו באַווייזן, אַז אין דער צייט וואָס די נאַטירלעכע מענטשלעכע שפּייזן פאַרמערן זיך אין אַריפמעטישער פּראָפּאָרציע, פאַרמערט זיך דער מענטש אין געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע. דעריבער איז ער געקומען צום שלוס, אַז מיט דער צייט וועט די מענטשהייט אויסגיין פון הונגער, סיידן זי וועט אָנ-נעמען מיטלען דורך צוריקהאַלטן זיך פון געשלעכטלעכן לעבן אַף אַזוי פיל, אַז די מענטשלעכע רעפּראָדוקציע זאָל ניט אַריבערשטייגן די רעפּראָדוקציע פון נאַטירלעכע שפּייז-מיטלען. ניט געקוקט אַף דער לעכערלעכקייט פון זיין בורזשואַז-עקאָנאָמישער טעאָריע, האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג ניט נאָר אַף די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן פון זיין צייט, נאָר אַפילו נאָך איצט זיינען דאָ „טעאָרעטיקער“, וואָס רופן זיך אָן „נעאָ-מאַלטוזיאַניסטן“ און נעמען אָן פאַר ריכטיק מאַלטוס'עס „באַווייזן“ וועגן דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג.—באַמערקונג פונעם איבערזעצער.

סערוואַטיזם אין ענגלאַנד). דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי שרייבט:

„די ציפערן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער פעלקער-ליג, באַווייזן, אַז די וועלט-באַפעלקערונג, וועלכע ציילט שוין 2 ביליאָן מיט 12 מיליאָן נפשות, פאַרגרעסערט זיך יעדן יאָר אַף צוואַנציק מיליאָן נפשות.

„דאָס מיינט, אַז אויב די פּראָפּאָרציע פונעם וואוקס וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן, וועט די באַפעלקערונג פאַרדאָפּלט ווערן אין ווייניקער ווי איין יאָרהונדערט; ווייל דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג גייט אָן, ווי פריער, מיט פּראָצענט אַף פּראָצענט.

„ס'איז ניטאָ קיין אורזאַך צו דענקען, אַז דער „גאַנג פון פּראָגרעס" וועט אויטאָמאַטיש אויסזוכן וועגן און מיטלען צו שפּייזן די פאַרדאָפּלטע באַפעלקערונג.

„עס זיינען פאַראַן שוין צופיל באַווייזן — ווי צום ביישפּיל אין אינדיע און אין כינע — אַז דער וואוקס פון אַ צו-גרויסער באַפעלקערונג ברענגט מיט זיך שרעקלעכע באַדינגונגען פון אָרעמקייט.

„אָדער עס מוזן קומען אומדערטרעגלעכע לייַדן, אָדער דער „נאַטירלעכער אָפּשטעל" דורך הונגער-טויט, מגפות און אַ הויכן פּראָצענט פון שטערבלעכקייט. פון דער אַנדערער זייט, קאָן איינגעפירט ווערן אַ באַוואוסטזיניקע פאַרקלענערונג און אַ קאָנטראָל איבער דער פּראָפּאָרציע פון געבורטן.

„דאָס זיינען די צוויי אויסוועגן, וואָס די מענטשהייט האָט פאַר זיך."

(אַ לייט-אַרטיקל אינעם „דעילי העראָלד" פונעם 8טן אויגוסט, 1932.)

גליקלעכערווייז, זיינען דאָס ניט די צוויי ברירות, וואָס די מענטשהייט קאָן אויסקלייבן פאַר זיך היינט־צו־טאָג. די אויסוועגן, וואָס די מענטשהייט האָט פאַר זיך היינט־צו־טאָג, זיינען גענוג ערנסט; זיי זיינען אָבער איינס פון די ביידע: קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע און צעשטערונג, וואָס מוז ברענגען נאָך גרעסערן דלות צווישן אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטן און אַ שטייגנדיקער פּראָדוקטיווער מאַכט, אָדער אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע געזעלשאַפטלעך, אַז זי זאָל געבן מכל טוב פאַר יעדן איינעם. די „איבערבאַפעלקערונג" (ווי אין דער זעלבער צייט די „איבערפּראָדוקציע") איז בלויז רעלאַטיוו צו די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען פון פּראָדוקציע. אַז דאָס איז נאָר אַ רעאַקציאָנערע און ביזוויליקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס פאַרדעקט אונטער אַ שלייער פון פאַרעלטערטע קלעריקאַלע אַבערגלויבנס די אמת'ע סאָציאַלע סיבות פון אָרימקייט און נויט (וואָס פאַרדעקט אויך אַזוי כאַראַקטעריסטיש די ראָלע פונעם אימפּעריאַליזם אין אינדיע, וועלכער שאַפט דאָרט דעם דלות), איז גענוג אָנצוגעבן די מיינונג פון דעם אָנגעזעענעם אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטיסטיקער, סער דזשאָרדזש גיבס, וועלכער האָט אויסגערעכנט, אַז אַפילו

מיט די איצטיקע רייכטימער פון רויע מאַטעריאַלן און דער איצטיקער טעכניק וואָלט מען געקאָנט אויפהאַלטן פיר מאָל אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג ווי איצט אַף אַ הויכן סטאַנדאַרד.

„דער ניט-לאַנג פאַרשטאָרבענער סער דזשאָרדזש גיבס האָט נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג אויסגערעכנט, אַז די ערד וואָלט געקאָנט זייער גוט דערנערן אַ באַפעלקערונג פיר מאָל אַזוי גרויס ווי די איצטיקע, אָדער אַרום אַכט טויזנט מיליאָן (אַכט ביליאָן) נפשות.” (דר. ר. א. פישער אין „ספּעק-טעיטאָר” פון מערץ 7, 1931.)

די פאַקטן פונעם קריזיס גיבן אַ בילד, וואָס איז גאָר ניט ענלעך צו די באָבע־מעשיות וועגן דעם „איבערוואוקס” פון דער באַפעלקערונג אין פאַרגלייך מיט די לעבנס־מיטלען. לויט אַ באַריכט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין 1927 אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ אין זשענעווע, איז שוין אין יאָר 1925 (ניט געקוקט אַף דעם חורבן פון דער וועלט־מלחמה) די פּראָדוקציע פון שפּייזן און רויע מאַטעריאַלן געשטיגן אין דער וועלט אַף וועלכע 16—18 פּראָצענט, ווען די באַפעלקערונג איז פאַרגרעסערט געוואָרן אַף וועלכע 5 פּראָצענט. ווי עס ווערט אָנגעגעבן פון דער עקאָנאָמישער סעקציע בא דער פעלקער־ליג, איז די פּראָדוקציע פון שפּייז־אַרטיקלען און רויע מאַטעריאַלן געשטיגן אין די יאָרן צווישן 1913 און 1928 אַף 25 פּראָ־צענט, אָדער גענויער, שפּייז־אַרטיקלען אַף 16 פּראָצענט און רויע מאַטעריאַלן אַף 40 פּראָצענט (אינדוסטריעלע פּראָדוקטן זיינען פיל העכער געשטיגן), אין דער צייט, וואָס די וועלט־באַפעלקערונג איז אין דער זעלבער צייט פאַר־גרעסערט געוואָרן אַף 10 פּראָצענט.

ווען מען פאַרגלייכט מיט די יאָרן 1923—1925, איז דער וועלט־פאַרמעגן פון הויפּט־פּראָדוקטן אין 1926 פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 34 פּראָ־צענט, אין 1928 אַף 61 פּראָצענט, אין 1929 אַף 92 פּראָצענט, אין 1930 אַף 135 פּראָצענט, אין 1931 אַף 164 פּראָצענט, און אַרום ענדע פון 1932, ניט געקוקט אַף דער פאַרניכטונג פון פּראָוויאַנטן, איז נאָך אַלץ געווען אַרום 163 פּראָצענט, אָדער צוויי־און־אַ־האַלב מאָל אַזוי פיל ווי מיט אַכט יאָר פריער. („עקאָנאָמיסט”, פון 6טן מאַי, 1933.) און אויב דער וועלט־פאַרמעגן פון פאַבריצירטע פּראָדוקטן האָט ניט באַוויזן אַזאַ גרויסע אָנזאַמלונג, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס „די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער צאָל אומבאַשעפטיקטע פאַקטאָרן פון דער פּראָדוקציע”, וועלכע לאָזן זיך אויסנוצן, האָט די זעלבע ווירקונג אין דער סביבה פון פאַבריצירטע פּראָדוקטן „ווי עס וואָלטן געהאַט ריזיקע זאַפּאַסן פון הויפּט־פּראָדוקטן”. („עקאָנאָמיסט”, פון מאַי 13, 1933.)

אַזוי אַרום האָט דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע אין יעדער ריכטונג — שפּייז־אַרטיקלען, רויע מאַטעריאַלן און פאַבריצירטע פּראָדוקטן — אַ סך איבערגעשטיגן דעם וואוקס פון דער וועלט־באַפעלקערונג. און דער וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט, וועלכע איז נאָר טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן אונטער קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען, מיט אַ מאַסע קינסטלעכע באַגרענעצונגען, איז אין דער ווירקלעכקייט פיל העכער געשטיגן ווי דער פאַקטישער וואוקס פון דער באַפעלקערונג.

אָבער טאַקע אָט דער ריזיקער וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט האָט אָוועקגענומען באַם קאַפּיטאַליזם די פיאיקייט צו אָרגאַניזירן זי.

אַלס רעזולטאַט פון אָט־דעם ריזיקן וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט איז געקומען דער וועלט־קריזיס, דאָס פאַרקלענערן די פּראָדוקציע, מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט, פּאַראַרימטקייט פון די מאַסן, אַ נידעריקער לעבנס־שטייגער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט זינט דעם אָנפאַנג פון קאַפּיטאַליזם און ווערט באַגלייט פון אַ וואַקסנדיקער סאָציאַלער און פּאָליטישער אומרואיקייט און פון אַן אָנקומענדיקער נייער מלחמה.

אָט־די פּראָבלעם איז די וויכטיקסטע פּראָבלעם פאַר דער איצטיקער געזעלשאַפט.

2. דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוקטיווע כחות און דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט

דאָס איז די וועלט־לאַגע, וועלכע שטעלט אַרויס אין איר נאַקעטקייט די סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען. דאָס אייגנטום פון די פּראָדוקציע־מיטלען באַם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס האָט אויפגעהערט שפּילן אַ פּראָגרעסיווע ראָלע און איז געוואָרן אַ שטערונג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע.

די וועלט־מלחמה איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם שרעקלעכן אויפרייס פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט, פון דעם קאָנפליקט פון די שטענדיק־וואַקסנדיקע פּראָדוקטיווע כחות אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער אייגנטום־געזעלשאַפט. זינט 1914 זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין אַ נייער עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פון דעם אָנקומען פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1929, האָט שאַרפער ווי ווען עס איז פריער פאַר אַלעמען קלאָר געמאַכט

די דאָזיקע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער געזעלשאַפט און די גרינטלעכע עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן, וואָס רופן זיי אַרויס. אָבער די באַדייטונג פון דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס ווערט געוויינלעך געזען דורך צו־שמאָלע ברילן. ער ווערט באַטראַכט אַלס אַ ספּעציעלע ציטווייליקע דעז־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אַריינגעבראָכן אין אַן עקאָנאָמישן מעכאַניזם, וועלכער אַרבעט בכלל האַרמאָניש און גלאַטיק. סיי די פּעסימיסטישע, סיי די אָפּטימיסטישע באַטראַכטונגען פון זיין באַדייטונג האָבן פאַרזען דעם עיקר. פּונקט ווי די נידעריקסטע מאָמענטן פונעם קריזיס האָבן אַרויסגערופן אַלגעמיינע פּעסימיסטישע זיפצן און אַ מרה־שחורה בײַ די פירער און פּריידי־קער פונעם קאַפּיטאַליזם, אַזוי האָבן די ערשטע סימנים פון אַ מינדערוויכטיקער פאַרבעסערונג אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם געפּיל פון פריי אָפּאָטעמען און פון רעטונג, גלייך ווי דאָס ערגסטע וואָלט שוין געווען פאַריבער און עס קאָן נאָך זיין גוט.

די אמת'ע באַדייטונג פון דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, וועל־כער איז אַזוי פּיל טיפער און ברייטער ווי אַלע פריערדיקע קריזיסן, קאָן אָבער ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן ערשט ווען מען באַטראַכט זי אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און בפרט אין פאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, דאָס מיינט, אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1914.

דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם קאָן ניט פאַרגליכן ווערן מיט די פריערדיקע פּעריאָדישע קריזיסן פון קאַפּיטאַליזם; הגם יענע האָבן אַנטפּלעקט די ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען, זיינען זיי געווען אַ לעבעדיקער טייל און אַ דירעקטער פאַקטאָר אין דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליזם. די פּעריאָדישע קריזיסן, ווי דאָס באַווייזן די קריזיסן פון 1921־1920 און פון 1929, קומען איצט אויך פאָר; זיי נעמען אָבער אָן אַ נייעם און שאַרפערן כאַראַקטער אין דעם פּעריאָד פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס.

די אַמאָליקע פּעריאָדישע קריזיסן זיינען געווען, לויט מאַרקס'ן, „שטענ־דיק נאָר ציטווייליקע און אַרויפגעצוואונגענע לייזונגען פון די עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכן, גוואַלטזאַמע אויסברוכן, וואָס שטעלן איין פאַר אַ ווײַלע דאָס געשטערטע גלייכגעוויכט". („קאַפּיטאַל", 3טער באַנד, זייט 292, ענגלישע אויסגאַבע). זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך איז געווען צו לייזן די ווידער־שפּרוכן, אויב אַפילו מיט אַנאַרכישע גוואַלטזאַמע און צעשטערנדיקע מיטלען,

כדי איינצושטעלן דאָס גלייכגעוויכט און מעגלעך מאַכן דאָס אָנגיין פון דער פּראָדוקציע אַף אַ העכערער שטופע. זיי פּלעגן אויסוואָרצלען די קלענערע און ווייניקער צוגעפּאַסטע אונטערנעמונגען; זיי פּלעגן אָפּווישן געוויסע קאַפּיטאַל־ווערטן, כדי צו ראַטעווען דאָס איבעריקע; זיי פּלעגן העלפן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל; זיי פּלעגן צווינגען צו אַ דראַנג נאָך נייע מערק. נאָך אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצן פּעריאָד פּלעגן זיי מעגלעך מאַכן צו באַנייען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אַף אַ העכערן שטאַפּל.

שטריכן פון אַט־דעם כאַראַקטער קאָן מען אויך געפינען אין דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס פון נאָך דער מלחמה. אָבער אַט־די „פּראָגרעסיווע" שטריכן ווערן פאַרדעקט פון די גרעסערע, נעגאַטיווע ווירקונגען פון דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון די פּעריאָדישע קריזיסן אַף דעם באַזיס פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם, אין דער צעשטערונג פון דער סטאַביליזאַציע און דער פאַרשנעלערונג פון די רעוואָלוציאָניזירנדיקע פּראָצעסן.

ווייל דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם דערלאָזט ניט אזא לייזונג. די הערשאַפט פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער האָט זיך פאַרשפּרייט צו איר מאַקסימום איבער דער גאַנצער וועלט. דער מאָנאָפּאָל פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט שוין באַם אָנפאַנג פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איינגעטיילט דעם גרעסטן טייל פון דער וועלט און האָט אין יאָר 1914 אָנגעפירט די מלחמה פאַר אַ נייער צעטיילונג, האָט פאַר זיך איצט אַ סיטואַציע פון נאָך שאַרפערע ווידערשפּרוכן, ניט נאָר צווישן די אימפּעריאַליסטישע לענדער, נאָר אויך צווישן אימפּעריאַליזם און סאָציאַליזם. אין דער צייט, וואָס עס זיינען מער ניטאָ קיין נייע מערק, איז אַ זעקסטל פון דער וועלט אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ווירקונג פון קאַפּיטאַליזם און איז אַריבער אין די הענט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; די קאָלאָניאַלע פעלקער רעוואָלטירן; די וועלט, וואָס איז צוגעגנגלעך פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, האָט אָנגעהויבן איינלויפן, פאַרקלענערט ווערן. און צו דערזעלבער צייט איז דער וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט גרעסער ווי ווען עס איז פריער, ווייל דער אויסגערגעוויינלעכער קריזיס, קאָנקורענץ און מלחמה צווינגען דעם וואוקס פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג אָנצוגיין מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען בלייבט ניט קיין פּלאַץ פאַר אַ האַרמאָנישער לייזונג, נאָר עס ווערן אַרויסגערופן נאָך שאַרפערע צוזאַמענשטויסן. די קליינינקע פאַרבעסערונגען אין דעם אַלגעמיינעם קריזיס ווערן וואָס ווייטער אַלץ קורצווייליקער. די „געדריקטע

לאַגע" ווערט אַ נאָרמאַלע זאַך; זי ווערט אונטערבראָכן פון קורצווייליקע לייכטע פאַרבעסערונגען און גוואַלטזאַמע סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען. די דערשיינונג פון דעם אַלטן פּעריאָדישן קריזיס אין דעם אַלגעמיינעם קריזיס ווערט מער פאַרשאַרפט.

שוין צוואַנציק יאָר ווי עס האַלט־אָן אָן אויפהער דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. עס בייטן זיך נאָר זיינע פאָרמען. דער שרעקלעכער אויפרייס פון דער וועלט־מלחמה האָט נאָר געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ מער אַנטשלאָסענעם קאַמף פון רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע איבער דער גאַנצער וועלט. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין די לענדער אויסער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט געבראַכט קיין לייזונג און קיין פרידלעכע אַנטוויקלונג, נאָר האָט נאָך מער אויפגעדעקט דעם כאַאָס פון דעם קאַפּיטאַליזם נאָך דער מלחמה. די צייטווייליקע סטאַביליזאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשער און פאַרפירערישער סטאַביליזאַציע, און „די פּראָספּעריטי" אין די יאָרן 1923—1929 — צו אַ גרויסער מאָס פאַר אַ פאַלשער פּראָספּעריטי; עס זיינען שוין פאַרזייט געוואָרן די זאָמען פאַר צרות אין דער צוקונפט". (די נאָטע פון דער ענגלישער רעגירונג צו די פאַראייניקטע שטאַטן, דעם 1טן דעצעמבער, 1932.) זיין איינציקער רעזולטאַט איז געווען די נייע פאָרם פון די גרונט־ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם אויסערגעוויינלעכן אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1929 און האַלט אָן שוין דעם זעקסטן יאָר. און דאָס רופט אַרויס נייע און גוואַלטזאַמע אויסברוכן אין דער פאַרשפּרייטונג פונעם פאַשיזם און דער באַשיינפּערלעך אָנקומענדיקער צווייטער וועלט־מלחמה.

שוין אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ענגעלס באַמערקט דאָס אָנקומען פון דער נייער עפּאָכע: „עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די לאַגע האָט זיך פונדאַמענטאַל געענדערט אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער"; „עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּעריאָד, וואָס איז אַ סך מער געפערלעך פאַר דער אַלטער געזעלשאַפט ווי די פריערדיקע צען־יאָריקע ציקלען"; „דער קריזיס ווערט אַ כראָנישער." (ענגעלס אין זיין בריוו צו בעבעל'ן, דעם 20טן יאַנואַר, 1886). אין יאָר 1909, ווען ער האָט נאָך געשריבן אַלס אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער, האָט קאַוטסקי, אין זיין „וועג צו מאַכט", אַרויסגעשטעלט די רעוויזיאָניסטישע אילוזיעס וועגן אַ שטופּנווייזן און פרידלעכן פּראָגרעס און האָט אָנגעצייכנט דעם איצטיקן אַריינטריט פונעם קאַפּיטאַליזם אין אַ פּעריאָד פון שטאַרקע אויפטרייסלונגען. אין זיין בוך „אימפּעריאַליזם אַלס די לעצטע שטופּע פון קאַפּיטאַליזם" האָט לענין אין

1916 קלאָר געמאַכט, אַז דער נייער פּעריאָד איז אַ פּעריאָד פון קאַפּיטאַ־ליסטישן מאָנאָפּאָל, אין וועלכן אַלע ווידערשפּרוכן קומען זיך צוזאַמען; אַ פּעריאָד, ווען דער קאַפּיטאַליזם פאַלט פאַנאַנדער, אַ פּעריאָד פון ערב דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס זיינען שוין דעמאָלט קלאָר געווען די טענדענצן פונעם פאַנאַנדערפאַל פון אימפּעריאַליזם, איז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע ביז דעם יאָר 1913 נאָך אַלץ פּייאיק געווען אָנצוהאַלטן איר ליניע פון גיין כמעט כסדר באַרג־אַרויף.

„אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן פאַר דער מלחמה איז די וועלט-פּראָדוקציע, לויט די בעסטע אָנווייזונגען וואָס מ׳קאָן געפינען, פאַרגרעסערט געוואָרן אין אַ מערקווירדיק רעגולערן שטייגער און איז בלויז אין אַ קלענער מאָס אונטערבראָכן געוואָרן פון נאָכפאָלגנדיקע קריזיסן. אָט די טענדענץ פון וואוקס האָט זיך אַרויסגעוויזן סיי אין דעם פּעריאָד פון 1873 ביז 1895, ווען פּרייזן זיינען געפאַלן, און סיי פון 1895 און ווייטער, ווען פּרייזן זיינען געשטיגן. („וואָרלד עקאָנאָמיק סורוועי״ פון דער פעלקער-ליג פאַר די יאָרן 1932-1933, זייט 68.)

לויט די טאַבעלן, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין דעמזעלבן בוך, איז די וועלט־פּראָדוקציע פון די וויכטיקסטע פּראָדוקטן געשטיגן צווישן די יאָרן פון 1860 און 1913 כמעט אין אַ גלייכער ליניע און איז פאַרגרעסערט גע־וואָרן פון פיר ביז פינף מאָל. די אינדוסטריעלע וועלט־פּראָדוקציע איז גע־שטיגן כמעט אין אַ גלייכער ליניע און איז געוואָרן זעקס מאָל אַזוי גרויס.
אָבער גאָר אַן אַנדער בילד ווייזן פאַר אונז די צוואַנציק יאָר זינט 1914.
„ווען אָט די ליניע פון דעם פּעריאָד צווישן 1860 און 1913 וואָלט מען

ציען ווייטער ביז 1932, ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט צו ענדערן איר שטייגונג, וואָלטן מיר געקומען צום שלום, אַז די וועלט-פּראָדוקציע וואָלט געדאַרפט זיין צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זי איז.״ (זייט 28 פון דעמזעלבן באַריכט.)

דער איצטיקער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע:

„ס׳איז ניט געווען קיין פּרעצעדענט פון אַזאַ מערקווירדיקן פאַל. ווען מען אונטערזוכט ציפערן פאַר וועלכן עס איז פריערדיקן פּעריאָד זינט 1860, געפינט מען ניט קיין איין פאַל, ווען די פּראָדוקציע פון רויע מאַטעריאַלן אָדער פון פאַבריצירטע פּראָדוקטן זאָל האָבן געפאַלן אַזוי שנעל און אַזוי טיף. אַלע אויסרעכענונגען שטימען איין, אַז אין 1932 איז די אינדוסטריעלע

פראדוקציע איבער דער וועלט געפאלן נידעריקער ווי אין 1913." (זייט 82 פון דעמזעלבן באריכט.)

עס ווערט קלאר אזוי ארום, אז דער פעריאד זינט דער מלחמה איז א פעריאד פון אבסאלוטן פאלן אין דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע.

אף דעם גרונט פון אט־די אנגעגעבענע פאקטן און ציפערן פרובירן אייניקע צו ארגומענטירן, אז אזוי ווי דער יאר 1914 זעט אויס צו זיין דער איבערגאנג־פונקט, איז דאס א באווייז, אז די מלחמה איז די אורזאך פון אלע איצטיקע איבלען. מ'מאכט אפט פארגלייכן מיט דער ניט־סטאבילער לאגע, רעוואלוציאנערע אומרוען און דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע אין דעם פעריאד נאך נאפאלעאנ'ען; און דערפון ציט מען דעם שלוס, אז די היינטיקע צרות זיינען אויך צרות פון א ניט־סטאבילער צייט נאך א מלחמה און פון דער „צווייטער אינדוסטריעלער רעוואלוציע", וואס זאגט אן דאס אנקומען פון א ניט־קלענערער אויסברייטונג אין די פארמען פון קאפיטאליזם.

אט־דער זייער אויבערפלעכלעכער צוגאנג צו די היסטארישע פאסירונגען פון צוויי לחלוטין פארשיידענע פעריאדן און צו דעם פארשארפטן שפיץ פון די איצטיקע וועלט־פראבלעמען איז פאלש סיי בנוגע פאקטן, סיי בנוגע לאגיק.

קודם כל, קאן מען ניט פארגלייכן דעם נאך־נאפאלעאנישן פעריאד פון א יונגן און וואקסנדיקן קאפיטאליזם מיט דעם פעריאד פונעם צוואנציקסטן יארהונדערט, ווען דער קאפיטאליזם איז אלט און זינקט. פופצן יאר נאך די נאפאלעאנישע מלחמות זיינען די פראדוקציע, האנדל און צאל באשעפטיקטע ריזיק אויסגעוואקסן אין פארגלייך מיט דער צייט פון פאר דער מלחמה; די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז געגאנגען ארויף. און פופצן יאר נאך דער וועלט־מלחמה פון 1914־1918 זיינען די פראדוקציע, האנדל און צאל באשעפטיקטע פאקטיש קלענער ווי פאר דער מלחמה; די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז אין א גרעסערער פארלעגנהייט ווי ווען עס איז פריער, נאך אין ערגערער לאגע ווי גלייך נאך דער מלחמה. וואס ווייטער עס גייט אוועק זינט דער וועלט־מלחמה, ווערט זי אלץ מער ארויסגעשטויסן פון אירע פאזיציעס, אנשטאט צו פארבעסערן איר לאגע; זי איז אין אן ערגערן צושטאנד פופצן יאר נאך דער מלחמה, ווי זי איז געווען צען יאר נאך דער מלחמה. חוץ דעם זיינען די סאציאלע און פאליטישע פראבלעמען פון די צוויי פעריאדן פונדאמענטאל פארשידן. אין דער ערשטער העלפט פונעם נייצעטן יארהונדערט האט זיך עס געהאנדלט וועגן

דער בורזשואזער רעוואָלוציע, וועלכע איז אָנגעגאַנגען סיי אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות סיי נאָך זיי, ניט געקוקט אַף די בלומרשטע נצחונות פון דער רעאַקציע. אָבער אין דער ערשטער העלפט פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האַנדלט זיך וועגן דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר אַנטוויקלונג אין די מלחמה־באַדינגונגען פון 1914־1918 און וועלכע האַלט אָן איר וואַקסנדיקע קראַפט אין דער סביבה פון קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע.

צווייטנס, איז ניט ריכטיק, אַז די צעטיילונג צווישן די יאָרן פון פאַר 1914 און נאָך 1914 איז אַ פּשוט׳ע און אַבסאָלוטע צעטיילונג צווישן דעם שטייגן און פאַלן פון דער פּראָדוקציע. פאַרקערט, אין דעם קורצן פּעריאָד פון די יאָרן 1927־1929 איז די פּראָדוקציע געווען העכער ווי אין די פאַר־מלחמה צייטן. דער אמת׳ער וואוקס פון די ווידערשפּרוכן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פאַלן פון דער פּראָדוקציע צו אַ נידעריקערער שטופע ווי פאַר דער מלחמה, ליגט ערגעץ אַנדערש. די ריכטיקע מאָס פאַר דעם זינקען און באַנקראָט פון דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ליגט ניט אין וועלכע עס איז פּשוט׳ע אַריפמעטישע ציפערן פון דער פּראָ־דוקציע, נאָר אין דעם וואוקס פון די ווידערשפּרוכן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט, וואָס דערגייט צו אַ פּונקט פון פּלאַצן; אין דעם וואוקס פון די ווידערשפּרוכן צווישן דער פּאָטענציעלער פּראָדוקטיווער מאַכט און דער ווירקלעכער פּראָדוקציע; צווישן די באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון דער בורזשואזיע און פּראָלעטאַריאַט, צווישן די קאָנקורירנדיקע אימפּעריאַ־ליסטישע מלוכות, וואָס געפינען נאָכדעם אַן אויסדרוק אין סאָציאַלע און פּאָליטישע אויסברוכן. אין אָט־דעם זין פאַנגט זיך אָן דער אַלגעמיינער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם זינט 1914. זיינע אורזאַכן ליגן אָבער אין די אַלע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע.

ענדלעך, — און טאַקע דערפאַר, — איז די וועלט־מלחמה פון 1914־1918 גאָר ניט געווען די אורזאַך פון דעם קריזיס אינעם קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַרקערט, זי אַליין איז גאָר געווען אַן אויסדרוק און אַן אויסברוך פונעם קריזיס — אַ רינג אין דער קייט פון אימפּעריאַליסטישער אַנטוויקלונג. די מלחמה איז ניט געווען אַ צופעליקע, ניט־פאָראויסגעזעענע ערשטע אורזאַך, וואָס האָט פלוצלונג אויסגעבראָכן פון זיך אַליין, כדי צו ענדערן די גאַנצע ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג. זי איז געווען אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ פון די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, וועלכע זיינען אויך געווען דער דירעקטער אויסגאַנג פון דער פריערדיקער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע פונעם 19טן יאָר־

הונגערט. זי איז געווען פולשטענדיק פאראויסגעזען און אפילו פאראויס־געזאגט אין איינצלהייטן מיט יארן צוריק אלס דער אויסגאנג פון די וואקסנ־דיקע אנגעצויגענע באדינגונגען פונעם אימפעריאליזם. איר אויסברוך איז צוזאמענעפאלן מיט דעם אנקומענדיקן אינדוסטריעלן קריזיס, וועלכער האט זיך שוין אנגעפאנגען אין אמעריקע אין 1913 און האט זיך געהאלטן אין פארשפרייטן פון דארט איבער אייראפע. מיט צוואנציק יאר שפעטער האט ללאיד דזשארדזש, דער אנפירער פון דער מלחמה, זיך מודה געווען, אז די מלחמה איז אנגענומען געווארן אלס אן אויסוועג פון דעם אנקומענדיקן קריזיס, און ער איז איצט איבערצייגט, אז דער קריזיס וואלט זיך סיי־ווי־סיי אנטוויקלט, ווען די מלחמה וואלט אפילו דעמאלט ניט אויסגעבראכן:

„ווען מיר וואלטן ניט געהאט קיין גרויסע מלחמה, ווען מיר וואלטן אנגעגאנגען ווי פריער, בין איך זיכער, אז פריער אדער שפעטער וואלטן מיר זיך אנגעשטויסן אן עטוואס ענלעך צו דעם איצטיקן כאאס. עס מוז עפעס זיין פונדאמענטאל ניט־ריכטיק אין אונזער עקאנאמישער סיסטעם, ווען א דוחק ווערט ארויסגערופן פון דעם, וואס מיר האבן איבערגעגנוג מכל טוב.״ (לאיד דזשארדזש׳ס רעדע אין קעמברידזש, ווי זי איז איבערגעגעבן אינעם „מאנטשעסטער גארדיען וויקלי״ פונעם 7טן אפריל, 1933.)

דער פאקט, וואס די דינאמיק פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג (הגם די דירעקטע צעשטערונג, וואס איז פאראורזאכט געווארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז פאררעכט געווארן) רופט ערשט פון דאס ניי ארויס א נאך ריזיקערן עקאנאמישן קריזיס און די דייטלעכע דערנענטערונג פון א צווייטער וועלט־מלחמה, באווייזט, אז אין דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם דורך אימפעריאליזם צו א וועלט־מלחמה איז ניט געווען קיין „צופאל״, ווי גרויס עס זאל ניט אויסזען די ראלע פון אט־דעם „צופאל״ אין דעם באטרעפנדיקן היסטארישן אויסדרוק פונעם פראצעס.

צו פארשטיין די פראבלעמען פון דער איצטיקער עפאכע פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פון קאפיטאליזם מוז מען פייאיק זיין צו זען טיפער ווי די אויבערפלאך פון עפיזאדן. צי עס האנדלט זיך וועגן דער וועלט־מלחמה פון יאר 1914, צי וועגן דעם אלוועלטלעכן קריזיס פון יאר 1929, מוז מען זיי באטראכטן אין פארבינדונג מיט דער אלגעמיינער ליניע פון אנטוויקלונג, וואס זיינען אירע אויסדרוקן. דער אלגעמיינער קריזיס פון קאפיטאליזם, דער קאנפליקט פון די פראדוקטיווע כחות קעגן די עקזיסטירנ־דיקע באציאונגען פון דער פראדוקציע, דריקט זיך אויס אין א גאנצער ריי פון אנוואקסנדיקע קאנפליקטן און אויפשטורעמונגען, ביז ס׳וועט קומען צום

ענדגילטיקן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַלער רעוואָלוציע. בנוגע אָט־דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם איז דער פֿאַשיזם אַ וויטערדיקע שטופּע און דערשיינונג.

3. פּראָדוקטיוויקייט און אַרבעטלאָזיקייט

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות האָט אַרויסגעשטעלט די אַלטע קלאַסן־געזעלשאַפט אַלס אַן אָפּגעלעבטע.

נאָך איידער די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט דער אָנפירנדיקער טראַסט־מאַגנאַט לאָרד לעווערהולם אויסגערעכנט, אַז ווען די דעמאָלט־עקזיסטירנדיקע פּראָדוקטיוויקייט וואָלט גוט אָרגאַניזירט געווען, וואָלט אַ שטונדע אַרבעט אַ וואָך פון אַלע בירגער גענוג געווען אויף צו באַזאָרגן אַלעמענס לעבנס־באַדערפעניש.

„מיט די מיטלען, וואָס די וויסנשאַפט שטעלט אונז צו, וואָלט מען געקאָנט באַזאָרגן די נויטן פון יעדן איינעם פון אונז אין שפּייז, וואוינונג און קליידער דורך איין שטונדע אַרבעט אַ וואָך פון יעדן איינעם פון אונז, פון דעם שול־עלטער ביז מען ווערט עובר בטל.” (לאָרד לעווערהולם אין זיין פאָררעדע צו פּראָפעסאָר סאָדי'ס בוך „רייכטום פון ניוועץ”, וואָס איז דערשינען אין 1918.)

דאָס איז געווען מיט פופצן יאָר צוריק. ווי עס ווייזט אָבער אָן דער אינזשענער דזש. ל. האָדגסאָן אין זיין באַריכט „אינדוסטריעלע און קאָמונאַלע פאַרשוועודונג”, דעם 20טן יוני, 1932, איז „זינט דעמאָלט אונזער דורכשניטלעכע פּאָטענציעלע פּראָדוקטיוויקייט כמעט פאַרדאָפּלט געוואָרן”. אויף אַזאַ אופן וואָלט אַ האַלבע שטונדע אַרבעט אַ וואָך געקאָנט באַזאָרגן אונז אַלעמען מיט אַ מינימאַלן לעבנס־שטייגער, און אַ שטונדע אַרבעט אַ וואָך וואָלט אונז געקאָנט געבן איבערגענוג מכל טוב.

פאַרוואָס־זשע רופט נאָר אַרויס אַזאַ ריזיקער וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט און די מעגלעכקייט פון האָבן גענוג פון אַלץ פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אַן אַלוועלטלעכע פאַראָרעמונג און אַ זינקען אינעם לעבנס־שטייגער?

אָט־די פראַגע שטייט איצט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זי ווערט אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דעם ביליאָן מיט ניין הונדערט מיליאָן נפשות פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט מיט דער אויסנאַם פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די הונדערטער מיליאָנען מענטשן מוזן געפינען אַ לייזונג

פאַר דער פראַגע אָדער אומקומען.

עס איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן נאַטירלעכע אָדער טעכנישע סיבות, נאָר וועגן סאָציאַלע שטערונגען, — אַז עס פעלט אַ סאָציאַלע אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע.

די פראַגע ווערט נאָך מער פאַרשאַרפט דורך דעם קאָנטראַסט פון דעם פּראָדוקטיוון וואוקס אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דערזעלבער צייט, ווען עס קומט פאָר אַ פאַקטישער זינקען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די פּראָדוקציע אין די יאָרן פון 1925 ביז 1932 געשטיגן פון 59 ביז 240 (ווען מען נעמט אָן אַלס אַ באַזיס די פּראָ־דוקציע פון 1925־1929 פאַר 100). אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די זעלביקע ציפער געפאַלן פון 95 צו 58; אין ענגלאַנד פון 99 צו 86; אין דייטשלאַנד פון 89 צו 66 (לויט „וועלט־פּראָדוקציע און פּרייזן", אַרויסגעגעבן פון דער פעלקער־ליג פאַר די יאָרן 1925־1932, זייט 49). צווישן 1929 און 1932 איז די פּראָדוקציע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געשטיגן אויף 65 פּראָ־צענט און אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז זי געפאַלן אויף 37 פּראָצענט. (גענומען פון דעמזעלבן בוך, זייטן 71 און 85.)

דער בולט׳סטער און לעבעדיקסטער אויסדרוק פון דער איצטיקער שטופּע פון ווידערשפּרוכן צווישן דעם וואוקס פון פּראָדוקטיווע כחות און די סאָציאַלע באַדינגונגען איז דער וואוקס פון מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אָט־דער וואוקס האָט זיך געלאָזט פילן נאָך איידער עס האָט אויסגעבראָכן דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס און האָט אין 1933, לויט אָפיציעלע ציפערן, דערגרייכט אַ הויך פון דרייסיק מיליאָן, און לויט ניט־אָפיציעלע ציפערן — פון פופציק מיליאָן אַרבעטלאָזע.

די ערשטע צו דערגרייכן אָט־דעם באַזיס פון מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט איז געווען ענגלאַנד — דאָס עלטסטע קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואָס גייט פאַראויס אין זיין צעפאַלן. די דאָזיקע לאַגע איז קלאָר געוואָרן אין ווינטער פון 1920־1921 און האַלט אָן כסדר ביז היינט־צו־טאָג. אין אָנפאַנג 1933 האָט דער ענגלישער פינאַנץ־מיניסטער דערשטוינט דעם פּאַרלאַמענט מיט זיין דער־קלערונג, אַז לויט זיינע חשבונות וועט די מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט אַזוי אָנ־האַלטן די קומענדיקע צען יאָר. די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען אין די שפּעטערע יאָרן געקומען צו אַן ענלעכער און אַפילו אַן ערגערער לאַגע (דעם העכסטן פונקט האָבן דערגרייכט די פאַראייניקטע שטאַטן מיט פערצן מיליאָן, און דייטשלאַנד מיט אַכט מיליאָן אַרבעטלאָזע).

ביז אַ געוויסן גראַד איז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטענדיק געווען אַרבעטלאָזיקייט. די אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציע האָט שטענדיק אַרויסגעשטויסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַרבעטער און אומאָפּהענגיקע פּראָדוצירער און האָט אַף אַזאַ אופֿן געשאַפֿן אַן אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי, וועלכע איז געווען נויטווענדיק פֿאַר די ענדערונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און אַף צו אונטערדריקן דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער אָט די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי איז געווען אַ טייל פֿון דער מאַשינעריע פֿון פֿאַרגרעסערן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע; די אַבסאָלוטע צאָל פֿון באַשעפֿטיקטע פּראָדוקטיווע אַרבעטער איז כסדר געוואַקסן. ערשט זינט דער מלחמה האָט זיך באַוויזן די נייע דערשיינונג פֿון אַ פּערמאַנענטער אַרבעטלאָזער אַרמיי, וועלכע ווערט ניט־ווילנדיק אָנגעהאַלטן פֿון דער בורזשואַזיע אַף דער נידעריקסטער שטופֿע פֿון עקזיסטענץ, אין דער צייט ווען די אַבסאָלוטע צאָל פֿון באַשעפֿטיקטע פּראָדוקטיווע אַרבעטער איז פֿאַרקלענערט געוואָרן.

וועגן דער מעגלעכקייט פֿון אַזאַ צושטאַנד פֿון כראָנישער אַרבעטלאָזיקייט און אַבסאָלוטן פֿאַלן פֿון די פּראָדוקטיווע אַרבעטער האָט מאַרקס געשריבן:

„אַן אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיווע כחות, וואָס וואָלט פֿאַרקלענערט די אַבסאָלוטע צאָל אַרבעטער, דאָס הייסט, וואָס וואָלט געגעבן די מעגלעכקייט אַ לאַנד אַרויסצוקריגן זיין גאַנצע פּראָדוקציע אין אַ קירצערער צייט, וואָלט אַרויסגערופֿן אַ רעוואָלוציע, ווייל די מאַיאָריטעט פֿון דער באַפֿעלקערונג וואָלט געווען איבעריק.” (מאַרקס, „קאַפּיטאַל”, 3טער באַנד, זייט 309.)

און אין יאָר 1886 האָט ענגעלס געשריבן:

„אַמעריקע וועט צעשמעטערן דעם אינדוסטריעלן מאָנאָפּאָל פֿון ענגלאַנד — וואָס פֿון אים וועט נאָך איבערבלייבן, — אָבער אַמעריקע אַליין קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו אַזאַ מאָנאָפּאָל. און אַזוי לאַנג ווי איין איינציק לאַנד וועט ניט האָבן דעם מאָנאָפּאָל איבער די מערק פֿון דער וועלט לכל הפּחות אין די הויפּט־צווייגן פֿון האַנדל, וועלן די פֿאַרהעלטניסמעסיק גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין ענגלאַנד פֿון 1848 ביז 1870, ניט קאָנען רעפּראָדוצירט ווערן, און אַפֿילו אין אַמעריקע וועלן די באַדינגונגען פֿונעם אַרבעטער מוזן בּיסלעכווייז זינקען טיפֿער און טיפֿער. ווייל אויב עס זיינען פֿאַראַן דריי לענדער (לאָמיר זאָגן, ענגלאַנד, אַמעריקע און דייטשלאַנד), וואָס קאָנקורירן כמעט אַף גלייכע באַדינגונגען כדי צו פֿאַרכאַפּן דעם וועלטמאַרק, האָט קיין איינע פֿון זיי ניט די מעגלעכקייט, סיידן זי זאָל האָבן אַ שטענדיקע איבערפּראָדוקציע, צו באַזאָרגן די מאַסע סחורות, וואָס פֿאָדערט זיך.” (ענגעלס, אין זיין בריוו צו דער פֿרוי ווישנעוועצקי, פֿון דעם 3טן פֿעברואַר,

1886, וואס איז איבערגעדרוקט אף זייט 210 פונעם בוך „בריעפע פאן בעקער, דיעטצגען, ענגעלס, מארקס אן זארגע אונד אנדערע, שטוטגארט, 1921.)

אט אזא לאגע האבן מיר היינט־צו־טאג. די סיטואציע אין אמעריקע ווערט באשריבן אזוי:

„דער קאמישאנער איבער ארבעט-סטאטיסטיק אין די פאראייניקטע שטאטן האט ניט לאנג צוריק אנגעוויזן, אז ווען 200 פון די 1,357 שוך-פאבריקן אין לאנד זאלן ארבעטן די פולע צייט, וואלטן זיי געקאנט באפרידיקן די גאנצע איצטיקע פאדערונג, און מען וואלט געקאנט גאר פארמאכן די איבעריקע 1,157 פאבריקן. פונקט אזוי וואלטן בלויז 1,487 פון די 6,057 ביטומינאזע קוילן-גרובן (ווייכע קוילן) געקאנט פראדוצירן די קוילן, וואס מ'דארף איצט האבן." (ה. ר. באטלער אין „אינטערנעשאנאל לייבאר רעוויו", מערץ, 1931.)

צווישן 1919 און 1927 איז די פראדוקציע אין די פאבריקן פון די פאראייניקטע שטאטן געשטיגן פון 147 צו 170 (ווען מען פארגלייכט מיטן יאר 1914 אלס 100), אין דער צייט ווען דער אינדעקס פון די באשעפטיקטע איז געפאלן פון 129 צו 115 („טאימס" פון 8טן מערץ, 1930). צווישן 1919 און 1929 איז די אינדוסטריעלע פראדוקציע געשטיגן פון 84 צו 119 (ווען מען נעמט אן דעם באזיס פון 1923־1925 פאר 100), אין דער צייט וואס די צאל פון אינדוסטריעל־באשעפטיקטע ארבעטער איז געפאלן פון 9,039,000 צו 8,742,000. („יונייטעד סטייטס סטאטיסטיקאל אבסטראקטס", 1932). דאס דאזיקע אבסאלוטע פאלן פון דער צאל באשעפטיקטע איז פאר־געקומען נאך פאר דעם קראך, אין דער צייט פון „פראספעריטי".

אן ענלעך בילד באוויזט ענגלאנד. צווישן 1913 און 1928 איז די פראדוקציע פונעם דורכשניטלעכן ארבעטער אין דרייסיק הויפט־אינדוסטריען אין ענגלאנד פארגרעסערט געווארן אף 33 פראצענט, און די צאל בא־שעפטיקטע איז פארגרעסערט געווארן בלויז אף 2.2 פראצענט, ד. ה. וויניקער ווי דער וואוקס פון דער באפעלקערונג. („טאימס טרעיד סופלעמענט", יולי 23, 1932). נאך בולט'ער ווייזט זיך ארויס אט־דער פראצעס, ווען מען באטראכט נאר די נאך־מלחמה־יארן. צווישן 1923 און 1928 איז די צאל באשעפטיקטע געפאלן פון 8,368,000 אף 7,898,000, אין דער צייט וואס די פראדוקציע איז געשטיגן פון 88.7 ביז 96.3. דאס הייסט, אז ווען די פראדוקציע איז פארגרעסערט געווארן אף 7.6 פראצענט, איז די צאל בא־שעפטיקטע פארקלענערט געווארן אף 5.6 פראצענט. און דאס אלץ איז פאר־געקומען איידער עס האט זיך אנגעהויבן דער אלוועלטלעכער עקאנאמישער קריזיס, ווען אט־דער פראצעס האט זיך געלאזט פילן אזויפיל שטארקער.

וואָס וועט זיין מיט די „איבעריקע" אַרבעטער? אַ לאַנגע צייט האָט מען פּרובירט אָנווענדן די אַלטע טעאָריע, אַז זיי „וועלן זיך געפינען אַנדערע באַשעפטיקונגען". די אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן פון דער פּראָדוקציע, האָבן זיך געזאָלט אַריינפּאַסן אין די „אַרויסהעלפנדיקע" באַשעפטיקונגען (אָפּיס־אַרבעט, אַדווערטייזינג, „דעליווערי", לוקסוס־באַדינונגען, א. ד. גל.). ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַ באַדייטנדיקער וואוקס פון באַשעפטיקטע אין אַזעלכע „אַרויסהעלפנדיקע" ניט־פּראָדוצירנדיקע אַרבעטן לאָזט זיך ניט מערקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער אין דער צייט פון די נאָך־מלחמה יאָרן. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזיס פאַר דעם שנעלן וואוקס פון דעם אַזוי־גערופענעם „נייעם מיטל־קלאַס", וועלכער איז געוואָרן איינער פון די נעסטן פון פאַשיזם, פּונקט ווי דער וואוקס פון דער שטענדיקער אַרבעטלאָזער אַרמיי האָט געשאַפן אַן אַנדער נעסט פאַרן פאַשיזם. דער וואוקס פונעם קלאַס מענטשן, וואָס לעבט פון „שניידן קופּאָנען", פון איין זייט, און פון די לוקסוס־באַדינער און די פאַרשיידענע פּאַרקויף־באַשעפטיקטע פון דער אַנדערער זייט, איז אַ מאָס פאַר דער דעגענעראַציע פון קאַפּיטאַליזם.

„די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון פּראָדוקציע, וועלכע פירט איין פון איין זייט עקאָנאָמיע אין יעדן פּריוואַטן געשעפט, מוז, פון דער אַנדערער זייט, צוליב דער אַנאַרכישער סיסטעם פון קאָנקורענץ, אָנקומען צו דער שרעקלעכסטער פאַרשווענדונג פון אַרבעטס-קראַפט און פון די סאָציאַלע פּראָדוקציע-מיטלען, שוין ניט רעדנדיק וועגן שאַפן אַ ריזיקע צאָל באַשעפטיקונגען, אָן וועלכע מ'קאָן זיך איצט ניט באַגיין, וועלכע זיינען אָבער בעצם איבעריק."
(מאַרקס, „קאַפּיטאַל", ערשטער באַנד, זייט 540.)

פונדעסטוועגן, האָט זיך די „לייזונג" פון אַריינציען די „איבעריקע" אַרבעטער אין זייטיקע באַשעפטיקונגען אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ צווייפלהאַפטער. קודם כל איז דאָס זיכער ניט געווען קיין לייזונג פאַר די מיליאָנען קוילן־גרעבער און אַרבעטער פון דער שווערער אינדוסטריע, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט. צווייטנס, האָט אָט־די לייזונג געהאַט בולט'ע באַגרענעצונגען, אָן וועלכע מ'האָט זיך שנעל אָנגעשטויסן. ווייל אויך אין אָט־די מינים באַשעפטיקונגען האָט זיך אַריינגעריסן די ראַציאָנאַליזאַציע און האָט אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון אַרויסוואַרפן איבעריקע אַרבעטער. אָפּיס־אַרבעט ווערט מעכאַניזירט און די אַרבעט פון אָנגעשטעלטע ווערט אַלץ מער און מער געטאָן פון רעכענונג־מאַשינען און בוכפירונג־מאַשינען; צענטראַליזאַציע פאַרקלענערט די צאָל פון קאָנקורירנדיקע גע־

שעפטן; די צאָל אָנגעשטעלטע ווערט רעדוצירט. די „ווייסע קאָלנער" ארבעטער ווערן אין אַליין גרעסערע צאָלן אַרויסגעוואָרפן אַפן מאַרק צוזאַמען מיט זייערע אינדוסטריעלע ברידער.

ספקות אינעם גאַנצן פּראָצעס פון אַט־דער „לייזונג" האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין אַן עדיטאָריעלן אַרטיקל וועגן דער „אַמעריקאַנער אַרבעט־לאָזיקייט" אין דער לאָנדאָנער „טאַימס" אין 1930 (דער עדיטאָריעל־שרייבער האָט געזוכט צו באַהאַנדלען די פראַגע אַלס אַן „אַמעריקאַנער" פּראָבלעם, אָבער נימ־ווילנדיק האָט ער געמוזט באַשרייבן אויך די אַרבעטלאָזיקייט אין ענגלאַנד):

„ס'איז שווער ניט צו קומען צום שלוס, אַז די אַרבעטלאָזיקייט מוז אַף ווייטער באַטראַכט ווערן אַלס אַ פּערמאַנענטע אַמעריקאַנישע(!) פּראָבלעם. צו צושרייבן איר צופעליקע ווידערהאָלונג אין אַ שאַרפער פאָרם צו וועלכער עס איז ספּעציעלער דערשיינונג איז ניט ווייניקער פאַלש, ווי צו דערקלערן זי אַלס פּשוט אַ „צייטווייליקע" דערשיינונג... די דערפאַרונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן באַוויזן, אַז די פאַרבעסערונגען ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער נאָך יעדן קריזיס, און אַז די אורזאַכן, וואָס רופן זיי אַרויס, זיינען ניט קיין צופעליקע און צייטווייליקע. ס'איז ניטאָ קיין אורזאַך צו צווייפלען, אַז אַ פּערמאַנענטע אַרבעטלאָזיקייט איז היינט־צו־טאָג דער גורל פון אַ שטענדיק וואַקסנדיקער צאָל פון אַמעריקאַנישע(!) מענער און פרויען."

אַף דעם דאָזיקן גרונט ווערט אויסגעדריקט אַ ספק אין דער גאַנצער סיסטעם פון „מאַסן־פּראָדוקציע", ד. ה. פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס־פּראָדוקציע:

„די פאָרצוגן, וועלכע מען געפינט אין אַ סיסטעם, וואָס הענגט אָפּ פון דער מאַסן־פּראָדוקציע פון סטאַנדאַרדיזירטע אַרטיקלען, פאַרדינען אַ מער קריטישע באַהאַנדלונג, ווי מ'האָט זיי ווען עס איז ביז איצט באַטראַכט."

די געוויינלעכע טענות פון די, וואָס „אַנטשולדיקן זיך פאַר דער איצטיקער סיסטעם", אַז די רעדוצירטע הוצאות אין דער פּראָדוקציע און דעריבער אויך די רעדוצירטע פרייזן וועלן אַרויסרופן אַ פאַרגרעסערטע נאָכפראַגע און וועלן וועלן אויסרופן אַ פאַרגרעסערטע נאָכפראַגע און וועלן פאָלגלעך אַריינציען פאָלגלעך אַריינציען די אַרבעטלאָזע אין דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע, זיינען „שוין מער ניט זייער איבערציינגנד".

„ס'איז נאָך אַלץ אַ ספק, צי די פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע קאָן אַלע מאָל פאַרברויכט ווערן. ס'איז נאָך זייער אַ גרויסע פראַגע, צי די נייע אינדוסטריעס ווערן געשאַפן שנעל גענוג צו באַשעפטיקן די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער.

> מיט אַנדערע ווערטער, מען וועט נאָך דאַרפֿן זען, אַף וויפֿיל די מאַשין איז געלאָפֿן שנעלער ווי דער מענטש און צי עס וועט ניט זיין סוף כל סוף נויטווענדיק צו מאַכן געוויסע ענדערונגען אין די סאָציאַלע באַדינגונגען. ביסלעכווייז, ווי רעגן-טראָפּנס דערגרייכן די וואָרצלען פֿון אַ פֿלאַנץ, קומט צו נעענטער די פֿראַגע צום אַמעריקאַנישן (!) לעבן." (אַ לייט-אַרטיקל אין דער לאָנדאָנער „טאַימס" פֿונעם 8טן מערץ, 1930.)

ס'איז קלאָר, אַז אונטער דעם דינעם שלייער פֿון „אַמעריקע" האַנדלט זיך דאָ וועגן דער פֿראַגע פֿון פּערמאַנענטער מאַסן-אַרבעטלאָזיקייט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

וואָס אָבער שטערט דעם קאַפּיטאַליזם צו פֿאַרווירקלעכן די לייזונג, וואָס עס שלאָגן פֿאָר אומעטום די פֿאַרשיידענע רעפֿאָרמער פֿון קאַפּיטאַליזם, — צו הייבן דעם לעבנס-שטייגער פֿון די אַרבעטער אַף אַזויפֿיל, אַז זיי זאָלן פֿאַרברויכן די פֿאַרגרעסערטע פּראָדוקציע און צו דער זעלבער צייט געבן די קאַפּיטאַליסטן אַפֿילו גרעסערע פּראָפֿיטן? דער ענטפֿער, פֿאַרוואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט דורכפֿירן אַזאַ שיינבאַר לייכטע לייזונג און איז גאָר פֿאַקטיש אַקטיוו באַשעפֿטיקט אין דורכפֿירן דעם היפּוך דערפֿון, ליגט אין דעם גאַנצן כאַראַקטער פֿון קאַפּיטאַליזם. דער רעפֿאָרמיסטישער חלום צו צושטוקעווען צו די קאַפּיטאַליסטישע פֿאָרמען פֿון פּראָדוקציע אַ גאַנץ אַנדער סיסטעם פֿון פֿאַרטיילן (צי דאָס זאָל זיין דורך פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען, דורך העכערן שכירות, דורך געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, אַ „נאַציאָנאַלן דיווידענד", אָדער עטוואָס ענלעכעס) באַווייזט נאָר, אַף וויפֿיל זיינע טרעגער פֿאַרשטייען ניט די עלעמענטאַרע שטריכן פֿון קאַפּיטאַליזם און די נויטווענדיקע באַדינגונגען פֿאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרם פֿון פּראָדוקציע. אין זייער פֿאַנטאַזיע טשעפּען די רעפֿאָרמיסטן צו אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿט צום מיש-מאַש פֿונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס לויט די סאַמע באַדינגונגען פֿון פּריוואַט-אייגנטום און פֿון פּראָדוקציע פֿאַר פּראָפֿיטן קאָן ער ניט נאָכקומען די פֿאָדערונגען פֿון אַן אָרגאַניזירטער ווירטשאַפֿט, נאָר מוז זיך אונטערוואַרפֿן גאָר אַנדערע געזעצן. אַפֿילו די זייער באַגרענעצטע מאָסמיטלען פֿון סאָציאַלע רעפֿאָרמען, וואָס וואָלטן אונטער דעם דרוק פֿונעם אַרבעטער-קלאַס געקאָנט דערגרייכט ווערן אין באַדינגונגען פֿון אַ שטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם, ווערן שטאַרק באַשרענקט אָדער אַפֿילו לחלוטין ניט אָנווענדבאַר אין די באַדינגונגען פֿון אַ פֿאַלנדיקן קאַפּיטאַליזם און קאַפּיטאַליסטישן קריזיס.

סיי פֿאַקטיש און סיי לויט איר געזעצמעסיקייט איז די ווירקלעכקייט פֿון קאַפּיטאַליזם גאָר אַן אַנדערע. וואָס גרעסער דער קריזיס איז, אַלץ מער

זיינען די קאָנקורירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען געצוואונגען אַרונטערצוזעצן די קאָסטן פון פּראָדוקציע, פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע, צוצודריקן נאָך מער די פאַרקלענערטע צאָל פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער, אַרונטערזעצן דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער, כדי זיי זאָלן קאָנען דערפאָלגרייך קאָנקורירן אויף דעם באַשרענקטן מאַרק. און צו דער זעלבער ציַיט ווערט אַ דאַנק דעם וואוקס פון דער אַרבעטלאָזיקייט אַלץ לייכטער דורכצופירן אָט־די אַטאַקעס אויף די אַרבעטער. דער וואוקס פונעם קריזיס איז אין יעדן לאַנד באַגלייט געוואָרן מיט נייע און שאַרפערע אָנגריפן אויפן לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער. די אמת'ע שטימע פון קאַפּיטאַליזם איז די שטימע פונעם אַמעריקאַנישן מאַגנאַט אָוען ד. יאַנג, דעם פאַרפאַסער פונעם „יאָנג־פּלאַן", ווען ער האָט דערקלערט: „זאָל קיינער ניט דענקען, אַז דער אַמעריקאַנישער לעבנס־שטייגער וועט קאָנען שטענדיק אָנהאַלטן אויף אַ באַדייטענד העכערער שטופע אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער." („עקאָנאָמיסט", פון 12טן אַפּריל, 1930.)

רוזוועלט'ס „עקספּערימענט", וואָס האָט אַזוי קונציק אויסגענוצט די רעפאָרמיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ העכערן לעבנס־שטייגער אַלס אַ לייזונג פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, וואָס האָט אָבער אין דער ווירקלעכקייט זיך אויסגענוצט פאַר פונקט פאַרקערטע צוועקן — צו פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע און אַרונטערצוזעצן דעם לעבנס־שטייגער (אָט אַזוי ווי ווילסאָן האָט אויסגענוצט פּאַציפיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר מלחמה־צוועקן), באַווייזט אין דער פּראַקטיק, ווי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט דאָס צו באַווייזן שפּעטער, נאָר אַ מער בולט ביישפּיל פון אָט־דער ווירקלעכקייט.

דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע האָט מיט זיך געבראַכט ניט אַ פאַרגרעסערונג, נאָר אַ פאַרקלענערונג פונעם אַרבעטער'ס חלק. צווישן די יאָרן פון 1913 און 1928 איז דער פּראָצענט פון שכירות אין פּראָפּאָרציע צום נאַציאָנאַלן איינקונפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפאַלן פון 36.4 אויף 36 און אין ענגלאַנד פון 42.7 אויף 40.9. („וואָרלד עקאָנאָמיק סורוועי", זייט 101). אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער ווערט פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן געשטיגן פון 18 מיליאָן און 300 טויזנט אין 1921 צו 27 מיליאָן און 500 טויזנט אין 1927. אין דעמזעלבן פּעריאָד איז אָבער דער פּראָצענט פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן אין דער פאָרם פון שכירות, געפאַלן פון 58.7 אין 1921 אויף 51 אין 1927. (פּ. ה. דאָגלאַס, „ריעל וויידזשעס אין די יונייטעד סטייטס"). אין ענגלאַנד איז אין די יאָרן פון 1924 ביז 1930 די דורכשניטלעכע פּראָדוקציע פון אַן

אַרבעטער פאַרגרעסערט געוואָרן פון 100 אויף 113, אין דער צייט ווען שכירות זיינען געפאַלן פון 41.5 פּראָצענט צו 38 פּראָצענט. (קאָלין קלאַרק'ס, "דהי נעשאָנאַל אינקאָם", 1924-1931.)

די ווירקונג פונעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס איז געווען ניט אָפּצושוואַכן, נאָר פאַרקערט, צו פאַרשטאַרקן אָט־דעם פּראָצעס. די פּאַרזוכן צו ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט, אַרויסצופּרעסן פונעם אַרבעטער אַ גרעסערע פּראָדוקציע פאַר קלענערע אויסגאַבן, זיינען אונטער די קריזיס־באַדינגונגען פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די דורכשניטלעכע פּראָדוקציע פון אַן אַרבעטער אין אַ שטונדע פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 12 פּראָצענט אין דעם פּעריאָד צווישן 1929 און 1932, אין דער צייט וואָס דאָרט זיינען געווען צוועלף מיליאָן אַרבעטלאָזע.

„דורך פאַרבעסערונגען אין דער פּראָדוקטיוויקייט זיינען די אַרבעטס־קאָסטן באַדייטנדיק רעדוצירט געוואָרן. די דורכשניטלעכע פּראָדוקציע פון אַן אַרבעטער אין אַ שטונדע איז פון 1929 ביז 1932 פאַרגרעסערט געוואָרן אויף קנאַפּע 12 פּראָצענט." („עקאָנאָמיסט", פונעם 5טן מאַי, 1933.)

ס'איז קלאָר, אַז די ווירקונג פון אָט־דעם פּראָצעס וועט מוזן זיין נאָך מער צו פאַרשאַרפן די ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם עקאָנאָמישן קריזיס.

אָט־די אַלע פאַקטן פאַרשטאַרקן בײַ די קאַפּיטאַליסטן די ספקות, צי עס איז מעגלעך, אַז די מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, ווען אפילו דער העכסט־פאַרשאַרפטער קריזיס פון די יאָרן 1929־1932 זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן און עס זאָל אָנקומען אַ באַדייטנדיקע פאַרבעסערונג. מען גיט דעריבער אַן אַזאַ באַריכט פון אַמעריקע:

„די צאָל באַשעפטיקטע אין אַמעריקע האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אין 1918, די אַמעריקאַנישע פּראָדוקציע — אין 1929, און מ'האָט איצט פּאָזיטיווע און גענויע אויסגערעכנט, אַז ווען אפילו דורך עפּעס אַ כּישוף וואָלט מעגלעך געווען צוריקצוברענגען די פּראָדוקציע צו איר העכסטן פּונקט ווי מיט דריי יאָר צוריק, וואָלטן 45 פּראָצענט פון די איצטיקע צוועלף מיליאָן אַרבעטלאָזע נאָך אַלץ געבליבן אָן אַרבעט." (דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טאַימס", פונעם 2טן נאָוועמבער, 1932.)

די זעלבע מעשה איז מיט ענגלאַנד:

„ווען די צוויי און אַ האַלב מיליאָן אַרבעטלאָזע וואָלטן אַריינגעצויגן געוואָרן אין די פאַבריקן, וואָלט די פּראָדוקציע פון די פאַבריצירטע אַרטיקלען

געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די איצטיקע מערק וואָלטן זיי ניט געקאָנט אויסנוצן. דעריבער, ווען מען וואָלט אַפילו געקאָנט לייזן אַף אַזאַ אופן די אַרבעט־לאָזיקייט, וואָלט דאָס בלויז אַרויסגערופן אַ נייעם קריזיס.״ („טאַימס טרעיד־סופּלעמענט״, יולי 23, 1932.)

אָט־דאָס זיינען די אויסזיכטן, וואָס די קאַפּיטאַליסטן הויבן אָן צו אָנערקענען, ווען אַפילו דער איצטיקער קריזיס זאָל פאַריבער און עס זאָל זיך אָנפאַנגען די גרעסטע פּראָספּעריטי.

ענטוועדער עס מוז אָנהאַלטן די מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט פון מיליאָנען, ווען עס זאָל אַפילו „דורך עפּעס אַ כּישוף״ דערגרייכט ווערן די העכסטע פריערדיקע פּראָדוקציע, אָדער, ווען אַלע אַרבעטלאָזע זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט, מוז אומפאַרמיידלעך גלייך אַרויסגערופן ווערן אַ נייער קריזיס.

און אַזוי ווי די דאָזיקע סיטואַציע ווערט קלאָר, הויבט אָן דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געדאַנק אַלץ מער קאָנצענטרירן זיך אַף זיין לעצטער קאָרט, אַף דעם פאַנטאַסטישן בילד פון אַ נייער וועלט־מלחמה, וועלכע קאָן זיין די איינציקע „לייזונג״ פאַר פּטור צו ווערן פון דער „איבעריקער״ באַפעלקערונג.

שוין כּמעט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק האָט ענגעלס אַזוי געשריבן וועגן די נויטווענדיקע קאָנסעקווענצן, וואָס עס וועט אַרויסרופן דער אומפאַרמייד־לעכער צוקונפטיקער צוזאַמענברוך פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָל אין ענגלאַנד: „זאָלן די ענגלישע פאַבריקאַנטן אַף אַזאַ אופן זיגן . . . וועט די מאַיאָריטעט פונעם פּראָלעטאַריאַט ווערן איבעריק אַף שטענדיק און וועט ניט האָבן קיין אַנדער ברירה ווי שטאַרבן פון הונגער אָדער רעוואָלטירן.״ *)

מיט זיבן און אַכציק יאָר שפּעטער, אין 1932, האָט דער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער גערעדט אין פּאַרלאַמענט וועגן די אויסזיכטן פון האָבן „גרויסע קערפּערשאַפטן פון מענער און פרויען, וואָס וועלן באַטרעפן אפשר אַ פּאָר מיליאָן, וועלכע וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר אַן איבעריקן אָפּפאַל אין אונזער געזעלשאַפט״, ווען די געשעפטן זאָלן זיך אַפילו פאַרבעסערן און עס זאָל אָנקומען פון דאָס־ניי פּראָספּעריטי. (מאַקדאָנאַלד׳ס רעדע אין פּאַר־לאַמענט, דעם 22טן נאָוועמבער, 1932.)

אין 1933 האָט דער פירער פון דעם ענגלישן קאָנסערוואַטיזם געמאַכט די זעלבע מעלאַנכאָלישע באַהויפּטונג:

---

* Engels: “Conditions of the Working Class in England in 1848,” Chapter XI.

„מיר האָבן פאַר זיך די גרויסע פּראָבלעם פון אַרבעטלאָזיקייט. מיר ווייסן ניט ווי גרויס עס איז די צאָל פון אַרבעטלאָזע. עס קאָן זיין אַ מיליאָן, אַנדערהאַלבן מיליאָן, צי ווייניקער ווי אַ מיליאָן. עס וועט אָבער זיין אַ ריזיקע צאָל מענטשן, וואָס וועלן קוים קאָנען האָפן צו קריגן אַרבעט באַ אונז אין לאַנד. און די טירן זיינען אומעטום פאַרמאַכט פאַר די, וואָס וואָלטן וועלן עמיגרירן. וואָס קאָנען מיר טאָן? דאָס איז די פראַגע, וואָס מאַטערט איצט אונזער לאַנד.” (סטענלי באַלדווינ'ס רעדע אין פאַרלאַמענט דעם 27טן נאָוועמבער, 1933.)

„וואָס קאָנען מיר טאָן?“ — דאָס איז דער לעצטער ענטפער, וואָס עס קאָן געבן דער פריער־אַלמעכטיקער וועלט־קאַפּיטאַליזם, ווען ער קומט פּנים אל פּנים מיט דער פּראָבלעם פון מיליאָנען, וואָס זוכן בלויז אַרבעט און אַ מעגלעכקייט צו לעבן.

עס קאָן גאָר ניט זיין קיין שאַרפערער אויסדרוק פונעם באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם, ווי ניט צו זיין בכח צו געפינען די מיטלען אַף צו עקספּלואַטירן אַ גרויסן טייל פון זיינע שקלאַפן, ווען אָרום און אָרום איז אַזאַ רייכטום און די פּראָדוקציע־מאַכט איז גרעסער ווי ווען עס איז פריער; ווען דער קאַפּיטאַליזם איז געצוואונגען צו דערקלערן מיליאָנען מענטשלעכע נפשות, לעבעדיקע, שטאַרקע, פייאיקע און ווילנדיקע צו אַרבעטן, פאַר אַן „איבעריקן אָפּפאַל“. עס דערנענטערט זיך די צייט פאַר דער צווייטער ברירה — „צו רעוואָלטירן“ — אַלס די איינציקע לייזונג פאַר די פילע מיליאָנען פּראָדוצירער, וועלכע זיינען אָפּגעשניטן פון דער פּראָדוקציע, ווי אויך פאַר די מיליאָנען, וואָס צוזאַמען מיט זייער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע פאַרגרעסערט זיך זייער דלות.

4. די ברירה — סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער פאַרניכטונג

די צוויי ברירות, וואָס די געזעלשאַפט האָט פאַר זיך אַף איר איצטיקער שטופע פון אַנטוויקלונג, זיינען גאַנץ קלאָר.

קאַפּיטאַל קאָן מער ניט אויסנוצן די פּראָדוקטיווע כחות. קאַפּיטאַל איז מער ניט בכח אויסצונוצן די גאַנצע אַרבעט־קראַפט פון דער פּראָדוקטיווער באַפעלקערונג. דער מאָנאָפּאָליזירטער קאַפּיטאַליזם דערשטיקט אַלץ מער און מער אָפּן די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און אויסטויש.

די אַרבעטער־מאַסן קאָנען מער ניט געפינען אונטער די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם אַפילו די אַמאָליקע באַגרענעצטע עקזיסטענץ־באַדינגונגען.

אַלץ מער און מער מיליאָנען ווערן אַריינגעוואָרפן אינעם מיסט־קאַסטן פון די „איבעריקע”. דער לעבנס־שטייגער פון אַלעמען ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אָנגעגריפן. דאָס אָנטרייבן מיט דער אַרבעט פון דער פּאַרקלענערטער צאָל באַשעפטיקטע ווערט באַגלייט מיט אַ פאַרערגערונג פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

דער קלאַסן־קאַמף ווערט שאַרפער. עס אַנטוויקלען זיך נייע פאָרמען פון אַן אויסגעברייטערטן מאַסן־קאַמף. נייע און שטרענגערע מעטאָדן פון אונטערדריקונג און צוואַנג ווערן אָנגעווענדעט פונעם הערשנדיקן קלאַס.

די קלאָרקייט אין דער זעלבער צייט פון דער סיטואַציע, אַז עס זיינען איצט פאַראַן די וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע מעגלעכקייטן פאַר אַן אומבאַגרענעצטער פּראָדוקציע און אויף צו באַזאָרגן אַלעמען מכל טוב, שטייט פאַר דער איצטיקער געזעלשאַפט אי ווי אַ לצנות, אי ווי אַ פייניקונג: פון איין זייט ווערט געשאַפן צווישן אַ וואַקסנדיקן טייל פון די אַרויסגעשטופּטע עלעמענטן אַ רעוואָלוציאָנערער כעס און אַן אַנטשלאָסנקייט; פון דער אַנדערער זייט ווערט געשאַפן צווישן די פאַר'משפּט'ע באַזיצנדיקע קלאַסן אַ וואַקסנדיקע פאַרצווייפלונג און אַ הפקר־געפיל, אַ רעוואָלט קעגן דער וויסנשאַפט, אַ רעוואָלט קעגן דער מעכאַנישער טעכניק און אַ גרייטקייט אָנצוכאַפּן זיך אָן מיטלען פון גוואַלט און פאַרניכטונג.

צוויי ברירות, און נאָר צוויי, האָט פאַר זיך די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט אויף דער איצטיקער שטופע פון אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע.

איינע איז אָפּצושטעלן דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, כדי צו ראַטעווען די קלאַסן־געזעלשאַפט, צו פאַרניכטן מאַטעריעלן רייכטום, צו פאַרניכטן מיליאָנען „איבעריקע” מענטשלעכע וועזנס דורך לאַנגזאַמען הונגער־טויט און דורך דעם שנעלן מלחמה־פייער, צו צעשמעטערן די אַרבעטער־באַוועגונג מיט אומבאַגרענעצטער גוואַלט, אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפט, קולטור, בילדונג און טעכניק, אומצוקערן זיך צו די מער־פּרימיטיווע פאָרמען פון באַגרענעצטע, אָפּגעזונדערטע געזעלשאַפטן. דאָס איז אַ פאַרזוך צו ראַטעווען פאַר אַ ווייל די הערשאַפט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן אויפן חשבון פון אַ צוריקקער צו באַרבאַריזם און צעפוילטקייט. דאָס איז דער וועג, וואָס געפינט זיין פולסטן און אָרגאַניזירטן אויסדרוק אינעם פאַשיזם.

די צווייטע ברירה איז — צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקטיווע כחות פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט דורך אָפּשאַפן דאָס קלאַסן־אייגנטום אויף די פּראָ־

דוקציע־מיטלען און אויפשטעלן אַ קלאַסנלאָזע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, וואָס נאָר זי קאָן אויסנוצן און אָרגאַניזירן די מאָדערנע פּראָדוקטיווע כחות. דאָס איז דער וועג פון קאָמוניזם, דער וועג פונעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס.

דער שטרייט־פּונקט פון אָט־די צוויי וועגן איז דער שטרייט־פּונקט פון דער איצטיקער עפּאָכע.

צו דער ערשטער פון אָט־די צוויי ברירות ווענדט זיך די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע וועלט מיט שנעלע טריט, און אַף דעם וועג וועט זי זיך אַלץ מער און מער פאַרנעמען אין דער נאָענער צוקונפט, אויב דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס וועט ניט באַווייזן אין צייט צו ראַטעווען די גאַנצע צוקונפט פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענטשלעכער קולטור.

צווייטער קאַפּיטל

דער סוף פון סטאַביליזאַציע

די טעכנישע און עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע איז באַשריבן געוואָרן אינעם פריערדיקן קאַפּיטל, געפינט איר סאָציאַלן און פּאָליטישן אויסדרוק אין די שטורעמס פון דער איצטיקער עפּאָכע, אין דער וועלט־מלחמה, אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, אין דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, אין דער דערנענטערונג צו אַ באַנייטער וועלט־מלחמה און אין פאַשיזם.

די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זיינען שוין רייף געווען אין דער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם, און נאָך מער זינט עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אַלגעמיינער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם אין 1914.

אָבער דער לעבעדיקער מענטשלעכער פאַקטאָר איז נאָך ניט געווען פאַרטיק. די מענטשלעכע מוחות זיינען נאָך אַלץ דאָמינירט געווען פון די באַגריפן פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. דער אויסברוך פון די ווידערשפּרוכן אין דער וועלט־מלחמה און נאָך דעם האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַ מערהייט מענטשן ווי אַ נאַטירלעכע קאַטאַסטראָפע. דער ערשטער צוועק איז גלייך פון אַלעמען דערקלערט געוואָרן אָנצוכאַפּן זיך אָן דעם איבער־געריסענעם פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר דער מלחמה.

דער פּראָלעטאַריאַט פון די אַנגעזעענערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, הגם ער האָט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז נאָך ניט געווען גענוג שטאַרק, גענוג באַוואוסטזיניק, גענוג אָרגאַניזירט אַף אַרונטערצואוואַרפן די הערשאַפט פונעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. די אויפשטאַנדן פונעם פּראָלעטאַריאַט נאָך דער מלחמה, הגם זיי זיינען געווען נאָענט צו דערפּאָלג און האָבן גרינטלעך געענדערט די פּאָליטישע לאַגע, זיינען צום סוף באַזיגט געוואָרן אין אַלע לענדער מיט דער אויסנאַם פון רוסלאַנד.

נאָך דעם ווי ער האָט באַזייטיקט די באַלדיקע געפאַר פאַר זיין הער־שאַפט, האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געשטעלט זיך די אויפגאַבע צוריק אויפצושטעלן דעם אויפגעטרייסלטן מעכאַניזם פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־

דוקציע און אויסטויש, אומצוקערן זיך צו דער „פאַר־מלחמה" אָדער „נאָר־מאַלער" לאַגע.

אָפּ אָט־דעם באַזיס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די צייטווייליקע קאַפּי־טאַליסטישע „סטאַביליזאַציע" פון די יאָרן 1923־1929. דער פאַרפירערישער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן באַזיס, וואָס האָט געזוכט אויפצולעבן די פאַר־שוואונדענע באַדינגונגען פון דעם אַלטן פאַר־מלחמה קאַפּיטאַליזם, איז צו־ערשט פון קיינעם, חוץ די מאַרקסיסטן, ניט באַגריפן געוואָרן.

ערשט ווען אָפּ דעם באַזיס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען מיט אויסער־געוויינלעכער שנעלקייט אַ נייער ציקל פון קאַפּיטאַליזם אין אַ שאַרפערן קריזיס ווי ווען עס איז פריער, צעשמעטערנדיק איינער נאָכן צווייטן די זיילן פון „סטאַביליזאַציע", האָבן אַלע אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז די אַלטע באַדינגונגען זיינען פאַריבער און קאָנען מער ניט אויפשטיין קיין תחית המתים, און אַז מען מוז קומען פּנים אל פּנים מיט פונדאַמענטאַלע פראַגן פון סאָציאַלער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

פון אָט־דעם מאָמענט אָן ענדיקט זיך די סטאַביליזאַציע און עס הויבט זיך אָן אַן ענדערונג אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק און אין דעם באַוואוסטזיין פונעם פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געהאַט איר חלק אין דער קאַפּיטאַליסטישער אויפלעבונג, מאַכט דורך אַ ריי אינערלעכע קריזיסן און ווערט אָפּגעשוואַכט פונעם קאָמוניזם. פאַשיזם, וועלכער האָט זיך צוערשט אַנטוויקלט אָפּ אַן עקספּערימענטאַלן אופן אין אַ מינדערוויכטיקן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, ווערט אַ וועלט־פאַקטאָר, וועלכער דאָמינירט דירעקט אַ גרעסער קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אַ גאַנצע ריי אַנדערע לענדער און ווייזט זיך אַרויס אַלס דער העכסט־טיפּישער אויסדרוק פון מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק.

1. דער לעצטער פאַרזוך איינצופירן פון דאָס־ניי דעם פאַר־מלחמה קאַפּיטאַליזם

דער באַדן פאַר די פאַרזוכן צוריקצוברענגען דעם קאַפּיטאַליזם צו זיין פאַר־מלחמה צושטאַנד איז געווען דער דורכפאַל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אויסער רוסלאַנד.

פאַר אָט־דעם צוועק איז גלייך נאָך דער מלחמה געווענדעט געווען די הויפּט־אָנשטרענגונג פון דער אַלוועלטלעכער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק.

אַזוי איז דאָס געווען ניט נאָר מיט די רעגירונגען פון די צענטראַל־אייראָפּיי־אישע לענדער, וואו די רעוואָלוציע איז געווען זייער נאָענט צום זיג, נאָר נאָך מער מיט די רעגירונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער פירערשאַפט פונעם וועלט־קאַפּיטאַליזם — ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן. דעריבער האָט הואָווער דערקלערט אין יאָר 1921 :

„די גאַנצע אַמעריקאַנישע פּאָליטיק אין דער צייט, ווען עס איז ליקווי-דירט געוואָרן דער וואַפן-שטילשטאַנד, איז געווען בייצושטייערן אַלעס מעג-לעכעס אַף אָפּצושטעלן אייראָפּע פון ווערן באָלשעוויסטיש אָדער פאַרכאַפּט צו ווערן פון זייערע אַרמייען.” (הואָווער׳ס בריוו צו אָ. ג. ווילאַרד אין 1921; מר. ווילאַרד, דער רעדאַקטאָר פון דעם „ליבעראַלן” זשורנאַל „נייישאָן”, האָט אָבער פאַרעפנטלעכט דעם דאָזיקן בריוו ערשט דעם 28טן דעצעמבער, 1932.)

און פאַר ענגלאַנד האָט סער וויליאַם גוד, דער ענגלישער רעליף־דירעקטאָר אין צענטראַל־אייראָפּע, געשריבן אין זיין אָפיציעלן באַריכט אין 1920 :

„איגנטלעך איז שפּייז געווען דער איינציקער יסוד, אַף וועלכן עס האָבן זיך געהאַלטן אין מאַכט די רעגירונגען פון די אַף שנעל געשאַפענע שטאַטן... אַ העלפט פון אייראָפּע איז געהאַנגען באַם סאַמע ברעג פון באָלשע-וויזם. ווען ניט די הונדערט און 37 מיליאָן פונט (איבער 560 מיליאָן דאָלאַר), וואָס מ׳האָט געגעבן אַלס רעליף-קרעדיט צו צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע אין די יאָרן 1919-1921, וואָלט אוממעגלעך געווען צו באַזאָרגן זיי מיט שפּייז, קוילן און טראַנספּאָרט. און אָן דעם וואָלט עסטרייך, און מעגלעך אויך איינציקע אַנדערע לענדער, אַוועק אַף דעם וועג פון רוסלאַנד... אין צוויי און אַ האַלב יאָר נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן דער רוקן-ביין פון באָלשעוויזם אין צענטראַל-אייראָפּע, הויפּטזאַכלעך דורך די רעליף-קרעדיטן... דאָס פאַרשוועגדן פון 137 מיליאָן פונט איז געווען אפשר איינער פון די בעסטע אינוועסטמענטס אין דער געשיכטע, סיי פון אַ פינאַנציעלן, סיי פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט.” („טאַימס”, אָקטאָבער 14, 1925.)

שפּעטער האָבן דער דאָוז־פּלאַן, דער לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך און דער צופלוס קיין אייראָפּע פון אַמעריקאַנישע קרעדיטן און הלוואות ווייטער אָנגעפירט דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער אָפּמינטערונג.

וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם דורכפאַל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע און דעם איבערבוי פונעם קאַפּיטאַליזם אין די יאָרן גלייך נאָך דער מלחמה? מיט דער אויסנאַם פון איטאַליע, האָט דער פאַשיזם דעמאָלט אַלס

אַ פאַקטאָר נאָך ניט עקזיסטירט. דאָס הויפּט־געווער פונעם קאַפּיטאַליזם איז באַשטאַנען פון דריי מינים.

קודם כל איז געווען דער דירעקטער בירגער־קריג און קאָנטער־רעוואָלוציע — די אינטערווענציע־מלחמות קעגן רוסלאַנד, דער ווייסער טעראָר אין פינלאַנד, אונגאַרן, פּוילן. א. אַ., די מיליטערישע הילף צו פּוילן אין 1920, דאָס דערלויבן צו אָרגאַניזירן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד (וועלכע האָבן מיט דער צייט געהאָלפן אויפבויען דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד) א. ד. גל. דאָס איז געווען פון אַנטשיידענער וויכטיקייט אין די מאָמענטאַנע קריטישע פונקטן פון קאַמף. דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט שאַפן קיין פעסטן באָדן, ווייל עס איז ניט געשטיצט געוואָרן פון די מאַסן און עס האָט זיך געקאָנט שטיצן נאָר אַף די רייען פון געוועזענע אָפיצערן און אויסגעשפּראָכן־רעאַקציאָנערע קלאַסן. דער דורכפאַל פונעם קאַפּ־פוטש האָט דעמאָנסטרירט די דאָזיקע שוואַכקייט. ערשט שפּעטער האָט דער פאַשיזם געפונען אַ וועג צו דער לייזונג פון דער פּראָבלעם פון קאָמבינירן די קאָנטער־רעוואָלוציע מיט אַריבערגעווינען אין אַ גרויסער מאָס מאַסן־אונטערשטיצונג.

דאָס צווייטע מיטל איז געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און צייטווייליקע קאָנצעסיעס צו די אַרבעטער. צוליב איר מאַסן־פאַרנעם איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען דאָס הויפּט־געווער פון קאַפּיטאַליזם אין די יאָרן גלייך נאָך דער מלחמה פאַר דעם איבערבוי פונעם קאַפּיטאַליזם. דאָס אַריינוואַרפן זיך פון די אַרבעטער אינעם קאַמף פאַר מאַכט איז גלייך נאָך דער מלחמה געווען צו קרעפטיק, און מען האָט אים דעמאָלט ניט געקאָנט באַזיגן אין אָן אָפענער שלאַכט. האָט מען אָנגעווענדט אַ סטראַטעגישן קונץ — מען האָט אַרויפגעזעצט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעזידענטן, מיניסטאָרן און גובערנאַטאָרן; עס האָט אויסגעזען, אַז מען האָט זיך אונטערגעגעבן און צוגעלאָזט די אַרבעטער צו דער מאַכט, ווען אין דער ווירקלעכקייט איז די מאַכט געבליבן באַ די קאַפּיטאַליסטן. נאָר אַף אַזאַ אופן, דורך אַ פאַרבאַנד מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דורך באַהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם אונטער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שירצל, האָט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט געראַטעוועט נאָך דער מלחמה. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם קאַפּיטאַליזם, כדי צו באַזיגן די רעוואָלוציע פון די אַרבעטער. מ׳האָט געמאַכט אַ גרויסע אויסשטעלונג פון קאָנצעסיעס פאַר די אַרבעטער. צוזאָגן זיינען געמאַכט געוואָרן בקול רם. מ׳האָט איינגעפירט סאָציאַליזאַציע־קאָמיסיעס, נאַציאָנאַליזאַציע־קאָמיסיעס—אַלערליי קאָמיסיעס.

מ׳האָט אפילו געהעכערט שכירות און קירצער געמאַכט די אַרבעט־שטונדן.*)

אָבער ווי נאָר די מאַכט פון קאַפּיטאַליזם האָט זיך דורך אַזעלכע מאַנעווערעס פון דאָס־ניי עטאַבלירט, האָט מען פאַרקירעוועט די לייצעס. די קאָנצעסיעס האָט מען אָפּגענומען; אין די אייראָפּייאישע לענדער האָט די אינפלאַציע זיי אָפּגעווישט. דער קאַפּיטאַליסטישער אָנגריף האָט צוריק־געשליידערט דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער אויף נאָך אַ נידעריקערער שטופע ווי פאַר דער מלחמה. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווען זיי זיינען אפילו נאָך וואו־ניט־וואו געבליבן אַלס רעגירונגען, זיינען פאַרשטופּט געוואָרן אויף אַ פּלאַץ פון „אָפּאָזיציע״. צו דער זעלבער צייט האָט די וואַקסנדיקע אַנ־טוישונג מצד די אַרבעטער מיט דעם גאַנצן פּראָצעס און מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געצוואונגען דעם קאַפּיטאַליזם צו געפינען אַ נייעם יסוד פון מאַכט און ער האָט אַנטוויקלט דעם פאַשיזם אַלס אַ פּאַראַלעלן אינסטרומענט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָט־די אַנטוויקלונג האָט זיך פאַרנומען אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב, ווען די סטאַביליזאַציע האָט אָנגעהויבן צוזאַמענ־ברעכן און ס׳איז אָנגעקומען דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס.

דאָס דריטע געוועזער פון קאַפּיטאַליזם אין עטאַבלירן פון דאָס־ניי זיין מאַכט און זיין עקאָנאָמישע סיסטעם איז געווען דאָס אָנקומען צו די ריזיקע רעזערוון פון דעם צענטער פון וועלט־קאַפּיטאַליזם, וואָס איז נאָך געווען אייזן־פעסט — דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם. אַמעריקאַנישע הלוואות און קרעדיטן האָבן זיך געשאָטן קיין אייראָפּע, כדי אויפצולעבן דעם אויפ־

*) דער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז קלאָר געמאַכט געוואָרן אין דער באַשרייבונג, וואָס עוואַן וויליאַמס, דער פּרעזידענט פון דער אַסאָציאַציע פון ענגלישע קוילן-באַראָנען, האָט געמאַכט פאַר אַ געריכט-אונטערזוכונג אין 1924:

„ס׳איז געווען זייער אַן אָנגעשטרענגטע אַטמאָספערע, ווען די קאָמיסיע איז אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אין שרעק פאַר דעם, וואָס עס האָט געקאָנט פּאַרקומען, און ס׳איז קלאָר געווען, אַז מ׳מוז נאָכגעבן די קוילן-גרעבער, כדי אָנצוהאַלטן שלום. אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט די קאָמיסיע געאַרבעט. די אַטמאָספערע איז געווען אַ לחלוטין אומ-נאַטירלעכע, און מען איז געקומען צו באַשלוסן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין רעאַלן באָדן. איך און מיינע צוויי קאָלעגן, קוילן-גרובן-אייגנטימער״, — האָט פאָרגעזעצט מר. וויליאַמס מיט אַ שמייכל, — „האָבן אַפילו אונטער-געשריבן אַ באַריכט, וואָס האָט רעקאָמענדירט צו פאַרקירצן די אַרבעטס-שטונדן אין די קוילן-גרובן.״ („דעילי הערעלד״, פון 26טן אַפּריל, 1924.)

דער „שמייכל״ איז דער קאָמענטאַר פון קאַפּיטאַליזם וועגן זיין אייגענעם הינטער-פיסל, נאָכדעם ווי דער קונץ האָט זיך אים איינגעגעבן.

געטרייסלטן אייראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם. צוליב דעם איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרן דער גאָלד־סטאַנדאַרד. די וועלט־באַנקירן האָבן געפייערט דעם זיג פון דער סטאַביליזאַציע. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער באַזיס, און אַז עס וועט פירן צו אַ פינצטערן סוף, ווי די מאַרקסיסטן האָבן עס דעמאָלט פאָראויסגעזאָגט. *)

אַף אָט־דעם באַזיס איז געבויט געוואָרן די רעסטאַווראַציע פון קאַפּיטאַ־ליזם נאָך דער מלחמה און די „פּראָספּעריטי" אין די יאָרן 1927־1929.

היינט־צו־טאָג איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז אָט־דער באַזיס פון סטאַביליזאַציע איז געווען אַ פּוסטער און אַ צעפוילטער.

ערשטנס, איז די דירעקטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קעמפנדיקע אָרגאַני־זאַציע נאָך אַלץ באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון דעם ענגען קרייז פון פּריווי־לעגירטע גרופּע און זייערע נאָענטע אונטערשטיצער, און האָט ניט געהאַט קיין ברייטערן מאַסן־באַזיס. די מאַסן זיינען נאָך אַלץ באַאיינפלוסט געווען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן.

צווייטנס, איז דאָס געווער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טעמפּער געוואָרן מיט יעדן מאָל, וואָס עס איז גענוצט געוואָרן. ווייט־גרייכנדיקע אַנטוישונגען זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פון די דורכפאַלן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט ניט נאָר ניט אָנגעפירט וועלכן ס'איז קאַמף פאַר סאָציאַליזם, נאָר האָט אַפילו ניט געקעמפט פאַר אָנהאַלטן די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען אָדער באַשיצן די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער. אָט־די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט האָט ניט געקאָנט אָפּגעשטעלט ווערן אַפילו דורך די דיסציפּלינאַרע מיטלען, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט האָט זיך גענומען אַלץ מער און מער אָנווענדן, כדי אָנצוהאַלטן

*) די אַרטיקלען, צום ביישפּיל, וועגן דער „רעסטאַווראַציע פון אייראָפּע" אינעם פעברואַר-נומער פון „לעיבאָר מאָנטלי" און וועגן דעם „גאָלד סטאַנדאַרד" אינעם מערץ-נומער פון 1925, האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז ווי נאָר דער צופלוס פון נייע הלוואות און קרעדיטן וועט זיך אָפּשטעלן, און מען וועט מוזן אָנהויבן צאָלן פּראָצענטן און דעם קרן, וואָס וועט פאָדערן אַ גוואַלדיקע פאַרגרעסערונג פון דעם אייראָפּייאישן עקספּאָרט אַף דעם איבערגעפילטן וועלט-מאַרק, וועט דאָס אומבאַדינגט מוזן אַרויסרופן אַ נייעם קריזיס, וועלכער וועט אַרונטעררייסן דעם גאָלד-סטאַנדאַרד. אָט דער אַנאַליז, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 1925 און וואָס איז איצט מקוים געוואָרן, קאָן איצט דינען אַלס אַ באַלערנדיקער פאַרגלייך צווישן דער קלאָרער מאַרק-סיסטישער ליניע און די באַהויפּטונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן פון די פירער און פּראָפעסאָרישע עקספּערטן פון קאַפּיטאַליזם וועגן דעם דערפאָלג פון דער סטאַביליזאַציע און דעם צוריקקער צו דעם גאָלד-סטאַנדאַרד.

איר מאַכט. אין די אייראָפּייאישע לענדער בכלל האָט די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע און אָט דעם פּעריאָד געקראָגן ווייניקער שטימען און די קאָמוניסטן — מער.

דריטנס, איז דער אַמעריקאַנער ריז, וואָס אַף זיין שטיצע און סובסידיעס איז אויפגעבויט געוואָרן די רעסטאַווראַציע פון קאַפּיטאַליזם, געווען אַ ריז מיט ליימענע פיס. אָט פּונקט אַזוי שנעל ווי ס'איז געוואַקסן זיין מאַכט און כלומרשטע פּראָספּעריטי אין צייט פון דער מלחמה און אינעם פּעריאָד נאָך דער מלחמה, האָבן ניט ווייניקער שנעל געפּלאַצט די ווידער־שפּרוכן פון זיין קאַפּיטאַליסטישער סטרוקטור אין נאָך אַ ריזיקערן עקאָ־נאָמישן קריזיס, ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט ווען עס איז דורכגעמאַכט אין אַן אַנדער לאַנד. און אַזוי ווי דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם האָט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע אַף איבערצובויען דעם קאַפּיטאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער קראַך אין אַמעריקע געבראַכט מיט זיך דעם קראַך פון דער גאַנצער סטרוקטור פון סטאַביליזאַציע איבער גאָר דער וועלט.

פערטנס, האָט טאַקע דער דערפאָלג פון דער צייטווייליקער סטאַבילי־זאַציע, פון ראַציאָנאַליזאַציע, פון אַ גוואַלדיקן וואוקס פון דער פּראָדוקטיווער סטרוקטור, אַרויסגערופן די פאַרשאַרפונג פון אַלע פּראָבלעמען און ווידער־שפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם, און דער פּועל יוצא איז געווען אַ שנעלערער און גרינטלעכערער צוזאַמענבראָך. דער ריזיקער פּראָדוקטיווער מעכאַניזם האָט געפאָדערט אַ ניט־ווייניקער ריזיקע פאַרגרעסערונג פונעם מאַרק. און אויב מ'האָט ניט געקאָנט אָנהאַלטן זיין מאַסן־פּראָדוקציע אין פולן גאַנג, זיינען די גרויסע אויסגאַבן אַף אויפצוהאַלטן אים געוואָרן ווייניקער עקאָ־נאָמיש ווי די פּרימיטיווערע טעכנישע פאָרמען.

די פאַרזוכן צו רעסטאַווירן און סטאַביליזירן דעם קאַפּיטאַליזם נאָך דער מלחמה זיינען געמאַכט געוואָרן אַפן גרונט פון די פאָראויס־אָנגענומענע השערות, אַז ס'איז מעגלעך אַרויסצורופן צוריק די באַדינגונגען פונעם פאַר־מלחמה־קאַפּיטאַליזם, אַז ס'איז מעגלעך אומצוקערן זיך צו די רעגולאַציעס פון נאָכקראַגע און אָנבאָט אַפן פרייען מאַרק, צו דעם אויטאָמאַטישן גאָלד־סטאַנדאַרד, א. ד. גל. אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם נאָך פאַר דער מלחמה געענדערט די באַדינגונגען פונעם קלאַ־סישן קאַפּיטאַליזם אַזוי, אַז מ'האָט זיי שוין מער ניט געקאָנט דערקענען, און האָט געפירט צום שטייגנדיקן פאַרלוסט פון גלייכגעוויכט, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער מלחמה. נאָך דער מלחמה האָט דער מאָנאָ־פּאָל־קאַפּיטאַליזם זיך גוואַלדיק אַנטוויקלט. ניט בלויז אינעם זין פון טראַסטן

און דער קאָנצענטראַציע פון פינאַנציעלע אָליגאַרכיעס, נאָר אויך דורך דעם, וואָס די פינאַנציעלע אָליגאַרכיעס און די מאַשין פונעם שטאַט האָבן זיך נעענטער פּאַרבונדן; דורך דעם, וואָס ס'איז געשטיגן די עקאָנאָמישע אינטערווענציע און קאָנטראָל מצד דעם שטאַט אין דער אויסנוצונג פון דירעקטע פּאָליטישע מיטלען פאַר עקאָנאָמישע צוועקן (רעפּאַראַציעס, הלוואות, די חובות־פּאָליטיק, די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק) און די פאַרגרעסערטע נעץ פון טאַריפן, סובסידיעס, קוואָטעס, ליצענזיעס און אַלע אַנדערע באַשרענקונגען, וואָס האָבן דעם צוועק אָנצוהאַלטן די געשלאָסענע מאָנאָפּאָליזירטע געביטן. דער דאַך פון דער גאַנצער געביידע איז געוואָרן צו שווער. דער קראַך איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דעם קאַפּיטאַליזם אַלץ מער אַרויסגעשטעלט ניט אַלס אַן „אַרבעטנדיקע סיסטעם", נאָר אַלס אַ שטערונג פאַר דער פּראָדוקציע און אויסטויש, מיט אַזאַ גרויסער קאָנצענטראַציע פון די ווידערשפּרעכלעכע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע כחות אין די סטראַטעגישע פּונקטן, וואָס האָבן בלויז אויפגעטרייסלט די גאַנצע סיסטעם.

ווען דער קראַך איז געקומען דורך דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן די באַדינגונגען פונעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם נאָך מער געשטערט די „נאָרמאַלע" אַרבעט אַף אַרויסצוקריכן פונעם קריזיס און האָבן גאָר פאַרשטאַרקט און פאַרלענגערט דעם קריזיס. די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס זײַנען בכח געווען אָנצוהאַלטן די פאַרהעלטנישמעסיק הויכע פּראָפיטן אין דער צײַט פון דער דעפּרעסיע דורך קינסטלעכע באַשרענקונגמיטלען, דורך אָנהאַלטן מאָנאָפּאָל־פּרײַזן, וואָס זײַנען געווען העכער פון די אַלגעמיינע פּרײַזן, און דורך אַרויפלייגן די לאַסט פון דער דעפּרעסיע אַף די אַרבעטער־מאַסן, אַף דער קליין־בורזשואַזיע און די קאָלאָניאַלע פעלקער. אין אָנפאַנג 1933 זײַנען די פּרײַזן פון פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט פון קאַרטעלן, געפאַלן נאָר אַף 20 פּראָצענט אין פאַרגלײַך מיט די פּרײַזן אין דער ערשטער העלפט פון 1929, אין דער צײַט וואָס די פּרײַזן פון ניט־קאַרטעל־פּראָדוקטן זײַנען געפאַלן אַף 55 פּראָצענט. („וועלט־פּראָדוקציע און פּרײַזן", אַרויסגעגעבן פון דער פעלקער־ליג, זײַט 109). די פּרײַזן פון פאַבריצירטע פּראָדוקטן זײַנען אָנגעהאַלטן געוואָרן נאָך העכער ווי פאַר דער מלחמה, אין דער צײַט וואָס די פּרײַזן פון רויע פּראָדוקטן, וואָס ווערן צוגעשטעלט פון קאָלאָניאַלע פעלקער, זײַנען אַרונטערגעזעצט געוואָרן אין דורכשניט אַף העלפט אין פאַרגלײַך מיט די פאַר־מלחמה פּרײַזן. דאָס האָט אָבער געמיינט פאַרשאַרפן די ווידערשפּרוכן באַם סאַמע וואָרצל פונעם קריזיס. אַף אַזאַ אופן האָבן די מעשים פונעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם געשטערט די

„נאָרמאַלע" לייזונג פונעם קריזיס לויט די מעטאָדן פון א „געזונטן" קאַפּיטאַליזם.

ס'איז אַזוי אַרום געוואָרן אַלץ מער און מער קלאָר, סיי פון די באַדינגונגען וואָס האָבן געפירט צום קריזיס און סיי פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם קריזיס, אַז „רעסטאַווירן" דעם קאַפּיטאַליזם" צו זיין פאַר־מלחמה־צושטאַנד איז מער ניט מעגלעך; אַז זיין צוזאַמענברוך איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן פון וועלכע ס'איז באַזונדערע, ספּעציעלע, צופעליקע אורזאַכן (רעפּאַראַציעס, חובות, די גאָלד־פּראָדוקציע און פאַרטיילונג א. אַז. וו., ווי מ'האָט צוערשט אָנגעוויזן), נאָר איז געווען אַ פועל יוצא פון די מאָדערנע פּראָדוקציע־באַדינגונגען און דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע. דער פאַקט איז, אַז די אינפאָרמירטע קאַפּיטאַליסטישע קרייזן האָבן אָנגעהויבן אָנערקענען, אַז דער גאַנצער פאַרזוך צו „רעסטאַווירן" דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט מער ווי אַ גרויסע נאָך אַן אילוזיע.

די דאָזיקע אָנערקענונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָט די באַוואוסטזיניקע ריכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק זיך אָנגעהויבן אַלץ מער אָפּן ענדערן. דער אַנטשיידענער פונקט אין דער ענדערונג פון דער אַלטער צו דער נייער פּאָליטיק האָט זיך געלאָזט מערקן אין 1933, ווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך באַוויזן רוזוועלט, אין דייטשלאַנד — היטלער, און עס האָט צוזאַמענגעבראָכן די אַלוועלטלעכע עקאָנאָמישע קאָנפערענץ. אין פאַרבינדונג מיט די געענדערטע באַדינגונגען און מיט די נייע טיפּן פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע ווערן געשאַפן נייע פאָרמען פון פּאָליטיק.

2. דער קראַך פון די אילוזיעס פון דעם סטאַביליזאַציע־פּעריאָד

די „סטאַביליזאַציע", וועלכע האָט געהאַט קורצע יאָרן, האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פּערמאַנענטער קאַפּיטאַליסטישער „פּראָספּעריטי", פון אַ נייער עפּאָכע פון האַרמאָנישן קאַפּיטאַליסטישן פּראָגרעס, וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", וועגן דער מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן דעם לעבנס־שטייגער פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אָן דער נויטווענדיקייט פון קלאַסן־קאַמף און רעוואָלוציע.

צו יענער צייט זיינען די דאָזיקע אילוזיעס וויכטיק געווען אַלס אַ מיטל, מיט וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט געזוכט אָנצוהאַלטן די מאַסן און אָפּ־

צורוקן די פראַגע וועגן דער סאָציאַליער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער די וועלט איז געשטאַנען פנים אל פנים זינט 1917.

דער קראַך פון די דאָזיקע אילוזיעס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, איז געווען פון אַנטשיידענער וויכטיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע צום פאַשיזם.

די הויפּט־פאָרמען, וואָס אָט־די אילוזיעס האָבן אָנגענומען, זיינען געווען צווייפאַך, ביידע נאָענט פאַרבונדן.

די ערשטע איז געווען דער מיף, אַז דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם איז אַ נייער טיפּ קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט ביינעקומען די ווידערשפּרוכן און קריזיסן פונעם אַלטן קאַפּיטאַליזם, האָט „אויסגעפּרעסט דעם געשעפט־ציקל" און האָט געפונען דעם שליסל צו שטענדיקער פּראָספּעריטי, האָט אָפּגעשאַפט אָרעמקייט דערמיט, וואָס ער האָט געהויבן דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער, פאַרגרעסערנדיק אין דער זעלבער צייט אויך זיינע פּראָפיטן. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דער פייערלעכער אָפּלייקענונג פון קאָמוניזם. „פאָרד צי מאַרקס" איז געווען די אָנגענומענע פּאָפּולאַריזירונג פון אָט־דער טעמע.

די צווייטע פאָרם, וואָס איז געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער ערשטער, איז געווען דער באַגריף וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", אַלס דער נייער טיפּ פון קאַפּיטאַליזם, וואָס אַנטוויקלט זיך איבער גאָר דער וועלט און וואָס שטעלט איין אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער פירערשאַפט אַ ראַציאָנאַל־פּראָדוקטיווע וועלט־אָרדענונג, וועלכע וועט באַזייטיקן די איבלען, די אָרעמקייט און די צוזאַמענשטויסן פונעם אַלטן קאַפּיטאַליזם פונעם לעצטן יאָרהונדערט און וועט אנשטאָט דעם איינפירן אַזאַ אַלוועלטלעכע פּראָספּעריטי, וועלכע די געשיכטע האָט נאָך ביז איצט ניט געוואוסט. אָט־דער באַגריף האָט געפונען פאַר זיך זיין לעצטן אויסדרוק אין „אולטראַ־אימפּעריאַליזם", אָדער אינעם געדאַנק, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פירט צו אַ פאַראייניקטער אַלוועלטלעכער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע וועט אָפּשאַפן מלחמות און די אימפּעריאַליסטישע צעטיילונגען אונטער דעם וואוילטעטיקן און פּאַציפיסטישן קאָנטראָל פון אינטערנאַציאָנאַלן פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט אַ טייל פון די פירער פון קאַפּיטאַליזם אַרומגעטראָגן זיך מיט אַזעלכע אילוזיעס אין יענעם פעריאָד. דאָס זיינען געווען די קאַפּיטאַליסטישע פירער, וואָס זיינען פאַרבלענדעט געוואָרן פון דער כלומרשט שנעלער דערהאָלונג נאָך דער מלחמה און דעם

אומפאַרגלייכבאַרן פאָרשריט פון דער פּראָדוקציע, האַנדל און פּראָפיטן, און האָבן געהאָפט, אַז ס'קומט אָן אַ צייט פון אַן אַלץ גרעסערער פּראָספּעריטי. אָט האָט, צום ביישפּיל, פּרעזידענט הואווער דערקלערט דעם 27טן יולי, 1928 : „דער אויסזיכט פון דער וועלט היינט־צו־טאָג איז פאַר דער גרעסטער עפּאָכע פון געשעפטלעכער אויסשפּרייטונג אין דער געשיכטע.“ און דעם 11טן אויגוסט, 1928, אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן ווען מ'האָט אים אַ צווייטן מאָל נאָמינירט פאַר פּרעזידענט, האָט ער געזאָגט :

„אַרבעטלאָזיקייט אין דעם זין פון אַן אומגליק פאַרשווינדט לחלוטין. מיר דאָ אין אַמעריקע זיינען נעענטער צו אַ זיג איבער נויט, ווי וועלכע ס'איז לאַנד איז ווען עס איז געווען אין דער געשיכטע. אָרעמקייט ווערט באַ אונז אויסגעקאָרעניעט. מיר האָבן נאָך ניט דערגרייכט דעם צוועק. ווען מיר וועלן אָבער האָבן אַ מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט אונזער פּאָליטיק פון די לעצטע אַכט יאָר, וועלן מיר באַלד מיט גאָט'ס הילף דערזען דעם טאָג, ווען דחקות וועט באַ אונז אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן.“

פונקט אַזוי האָט דער באַרימטער עקאָנאָמיסט קעינס, ווען ער האָט אין 1925 גערעדט אַף דער טעמע : „בין איך אַ ליבעראַל?“, אָנגעוויזן אַף דריי פּעריאָדן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג : ערשטנס, די נויט — ביז דעם 15טן אָדער 16טן יאָרהונדערט ; צווייטנס, די שפע פונעם 19טן יאָרהונדערט ; דריטנס, די „סטאַביליזאַציע“, וואָס פאַנגט זיך איצט אָן :

„און איצט טרעטן מיר אַריין אין אַ דריטער עפּאָכע, וועלכע פּראָפעסאָר קאָמאָנס רופט אָן דער פּעריאָד פון סטאַביליזאַציע און כאַראַקטעריזירט אים מיט רעכט אַלס „די ווירקלעכע אַלטערנאַטיווע צו מאַרקס'עס קאָמוניזם“.“

דער הויפּט־קאַנאַל פאַר פאַרשפּרייטן אַזעלכע אילוזיעס איז, סיי אין מערב־אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע, געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דורך איר זיינען דאָס אַזעלכע אילוזיעס איבערגעגעבן געוואָרן צו די מאַסן. די לאָזונגען „אַמעריקאַנער מאָדעל“ און „פאָרד קעגן מאַרקס'ן“ זיינען געוואָרן שלאַכט־געשרייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל אינעם קאַמף קעגן קאָמוניזם. באַצאָלטע פון דער רעגירונג מיסיעס פון אַרבעטער־פירער זיינען געשיקט געוואָרן פון ענגלאַנד, דייטש־לאַנד און אַנדערע לענדער קיין אַמעריקע, כדי זיי זאָלן ברענגען צוריק די ברית חדשה פונעם הייליקן לאַנד פון קאַפּיטאַליזם. ס'איז איבעריק איצט איבערצו'חזר'ן (הגם ער וואָלט געווען נוצלעך פאַר די, וואָס שטויסן זיך ערשט איצט אָן אָן אַזעלכע פראַגן) די פאַנטאַסטישע אויסדרוקן פון די אָנפירער פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי, פון די טרעיד־יוניאָנס און פון די סאָציאַל־

דעמאָקראַטישע פירער און טעאָרעטיקער וועגן דעם אַמעריקאַנישן כישוף און דעם זיג פון קאַפּיטאַליזם איבער מאַרקסיזם. *)

וויכטיק איז, וואָס אין אָט־דעם פּעריאָד איז דעם קאַפּיטאַליזם געלונגען, מיט דער הילף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָנצופירן אַ מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז מ׳קאָן דערוואַרטן אַ נייע קאַפּיטאַליסטישע תקופה, אַ וואַקסנדיקע פּראָספּעריטי, אַן אומדערשיטערטע מאַכט פון קאַפּיטאַליזם און באַווייזן די פאַלשקייט פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. אָט־די פּראָפּאַגאַנדע איז פאַרשפּרייט געוואָרן פון דער גאַנצער מאַשין פון דעם רעפאָרמיסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט קאָנטראָלירט די אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס.

סנאָודען האָט דערקלערט אינעם נאָמען פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי:

„ער האָט ניט איינגעשטימט מיט דער באַהויפּטונג פון אייניקע סאָציאַליסטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האַלט אין צוזאַמענברעכן. ער האָט געגלויבט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ לאַגע, וואָס איז זייער ענלעך צו דער צייט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט 120 יאָר צוריק. דעמאָלט איז אָנגעקומען דער פּעריאָד פון דער דאַמף־מאַשין. און איצט, גלויב איך, טרעטן מיר אַריין אינעם פּעריאָד פון עלעקטריציטעט און כעמיע. די ווייטזיכטיקע קאַפּיטאַליסטן זעען דאָס איין און זיי נעמען אָן מיטלען צו צופּאַסן די עקספּלואַטאַציע פון אָט די גרויסע כחות פאַר פּריוואַטע פּראָפיטן און דעם פּריוואַט-אייגנטום. אויב דאָס זאָל זיי געלינגען, וועלן זיי קאָנען אַ לאַנגע צייט נאָך מעכטיקער אָנהאַלטן זייער לעבן.” (סנאָודען, „דעילי העראַלד” באַריכט, אַפּריל 17, 1926.)

פאַרטיידיקנדיק די פּאָליטיק פון „מאָנדיזם”, ד. ה. פון אַ פאַרבאַנד מיטן קאַפּיטאַליזם, האָט ציטרין אינעם נאָמען פונעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס דערקלערט, אַז די פּאָליטיק פון קאָאָפּערירן מיט די באַלעבאַטים —

---

*) אַ קאָלעקציע פון אַזעלכע אויסדרוקן מצד די פּאַטענטירטע ענגלישע אַרבעטער-פירער, וואָס האָבן געזונגען לויב-געזאַנגען דער אַמעריקאַנער גאָלדענער קאַלב, דעם פּאָרדיזם, דער נייער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, דער ראַציאָנאַליזאַציע א. ד. גל., קאָן מען געפינען אין מיין בוך „סאָציאַליזם און שכירות”, וואָס איז דערשינען אין 1927. ס׳איז כדאי צו באַמערקן די איבערזיכטן, וואָס די „לעיבאָר”-פּרעסע האָט געגעבן וועגן דעם דאָזיקן בוך, וועלכער האָט נאָך אין 1927 אָנגעוויזן אַף די לייטענגע פּיס פונעם קאַפּיטאַליזם און זיין אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך. יענע איבערזיכטן האָבן אַרגומענטירט קעגן מיינע באַווייזן אַף דעם סמך, וואָס איך האָב זיך געשטיצט אַף די „פאַרעלטערטע” טעאָריעס פון מאַרקסיזם, וועלכע זיינען געווען ריכטיק פאַר דעם קאַפּיטאַליזם פונעם 19טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אָבער ניט געטויגט פאַר דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, ווי דאָס האָט באַוויזן אַמעריקע.

„שטרעבט אויסצונוצן די אָרגאַניזירטע מאַכט פון די אַרבעטער אַף אײנ־צופירן ממשות'דיקע קאָאָפּעראַציע אין דער אַנטוויקלונג פון די בעסטע מעטאָדן אין דער פּראָדוקציע, באַזייטיקן אומנויטיקע רײבונגען און קאָנ־פליקטן, כדי צו פאַרגרעסערן דאָס פּראָדוצירטע רײכטום און באַזאָרגן אַ שטענדיקן וואוקס אינעם לעבנס־שטײגער און אַלץ מער פאַרבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.״ (ציטרין, אין „לעיבאָר מעגעזין״, אָקטאָבער, 1927.)

אויך טאַרנאָוו, דער טעאָרעטיקער פונעם דײטשישן טרײד־יוניאָניזם, האָט געשריבן, אַז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט דערוויזן די פאַלשקייט פונעם מאַרקסיזם:

„אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם דאַרפן מיר אונטערשײדן צוויי עפּאָכעס: די עפּאָכע פונעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז געווען באַ־גרענעצט אין זײנע מעגלעכקייטן אויסצושפּרײטן זיך, און די עפּאָכע פונעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם, וועלכער קאָן זיך פאַרשפּרײטן און אַנטוויקלען אָן אַ סוף אַ דאַנק דעם מאָדערנעם פאָרשריט פון טעכניק.

„פאַר דער ערשטער עפּאָכע זײנען געווען טיפּיש מאַרקס און לאַסאַל. זײ האָבן באַהויפּטעט, אַז שכירות ווערן באַשטימט לויט געוויסע עקאָנאָמישע געזעצן, אַז זײ זײנען אָפּהענגיק פון די קאָסטן פון אַרבעטער־קראַפט, א. אַז. וו. פאַר דער צווייטער עפּאָכע איז טיפּיש פאָרד. ער האָט דערוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן בליען, און דער אַרבעטער זאָל דערבײ ניט דאַרפן לײדן פון דחקות.״

אין דער זעלבער ריכטונג האָט געשריבן נאַפטאַלי, אַ צווייטער טעאָ־רעטיקער פונעם דײטשישן טרײד־יוניאָניזם:

„די ציקלישע אַנטוויקלונג, וועלכע רופט אַרויס רעגלמעסיק פּעריאָדן פון פּראָספּעריטי און קריזיסן, וועגן וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן גע־שריבן, איז אָנגעגאַנגען אין דער צייט פונעם קאַפּיטאַליזם אין זײנע פריער־דיקע שטופן.״

אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין 1931, האָט אַ יונגער טעאָרעטיקער פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי געשריבן:

„ס'זײנען פאַראַן אורזאַכן צו גלויבן, אַז די לאַגע ענדערט זיך צום בעסערן. די כוואַליע פון אַ וועלט־רעוואָלוציע, פון וועלכער עס הענגט אָפּ דער פאָרשריט פון קאָמוניזם, איז אָפּגעפאַלן. קאַפּיטאַליזם איז געווען דער־פאָלגרייך אין סטאַביליזירן זיך — הגם צוליב דעם האָט ער געמוזט אַרײנ־נעמען אין זײן סטרוקטור סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע וועלן מיט דער צייט פאַרנעמען זײן פּלאַץ... אַ גוטער טייל פונעם קלאַסישן קאָמוניסטישן

בילד, וואָס מאָלט די וועלט אַן אַרומגעכאַפּטע פון קאַמף, איז פאַרעלטערט.״
(א. ל. ראַוז, „פּאָליטיקס ענד די יאָנג דזשענערייזשאָן״, 1931, זייט 294.)

דער זעלבער שרייבער האָט ווייטער אַרגומענטירט, אַז די מאָדערנסטע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל־אונטערנעמונגען ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו אַ ווויסנשאַפטלעכער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דעם אויסזיכט פאַר די זעלבע „אַלגעמיינע צוועקן״ ווי דער סאָציאַליזם. צום אומגליק פונעם שרייבער, האָט ער גענומען פאַר אַ ביישפּיל פון אָט־דער פּראָגרעסיווער טענדענץ פון מאָדערנעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם און דעם פּאָטענציעלן שותּף פון סאָציאַליזם — קרויגער'ן:

„מערקווירדיק איז, וואָס איינע פון די גרעסטע און פּראָגרעסיווסטע פון די מאָדערנע פינאַנץ-קאָרפּאָראַציעס, די שוועדישע „קרויגער און טאָלל קאָ.״, איז אין אַ גלענצנדען איבערזיכט פון די וועלט-באַדינגונגען געקומען צו אַן ענלעכן שלום (און ער ציטירט זייער באַריכט).

„ווען אַ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג רעדט אַזוי, קאָן מען כאַפּן אַ בליק אַף דער צוקונפט, ווען דער איצטיקער קאָנפליקט צווישן קאַפּי-טאַליזם און סאָציאַליזם וועט זיך אויסגיסן אין אַ סינטעז פון אַלגעמיינע צילן.״ (דערזעלבער בוך, זז. 46-47.)

דאָס פאָרוואָרט צו דעם דאָזיקן בוך האָט אַף זיך דעם דאַטום פון 29טן יולי, 1931. און מיט אַכט חדשים שפּעטער איז פאָרגעקומען דער קראַך פון קרויגער'ן, און עס זיינען געקומען צו בריטער עפנטלעכקייט זיינע שווינדלעריען. אָט־דער שרייבער פאַר דעם „איינגערן דור״ האָט פאַרשפּעטיקט מיט זיין ווידערהאָלן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע פונעם פריערדיקן פעריאָד, וואָס האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע אין די יאָרן 1927-1929.

וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט געהאַט אָט־די דאָמינירנדיקע ליניע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטיק אין דער צייט פונעם שנעל־אָפּגעלעבטן אויפבלי־פעריאָד פון דעם נאָך־מלחמה־קאַפּיטאַליזם?

ערשטנס, האָט ער פולשטענדיק באַהאַלטן דעם אמת'ן כאַראַקטער פונעם נאָך־מלחמה־קאַפּיטאַליזם, די אמת'ע פּראָבלעמען פון יענעם פעריאָד און די ווירקלעכע קאַמפן, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט געהאַט אָנצופירן. די אַרבעטער זיינען אַזוי אַרום געבליבן צעטומלט און ניט צוגעגרייט צו די ריזיקע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַר זיי געשטאַנען און וועלכע דער קריזיס האָט פאַר זיי אויפגעדעקט.

צווייטנס, האָט דער שפּעטערדיקער קראַך פון אָט־די אַלע טעאָריעס און פון דער גאַנצער ליניע פון דער פירערשאַפט מיט דעם אָנקומען פונעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע אַנטוישונג בײַ

דער קליין־בורזשואַזיע און באַם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז פּאַרפירט געוואָרן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צוזאָגן. עס האָבן געקראַכט אַלע אויפגעבויטע האָפענונגען.

אַזוי אַרום האָט זיך געעפנט דער וועג פאַר דעם פאַשיזם צווישן דער קליין־בורזשואַזיע און צווישן געוויסע שיכטן פונעם אַרבעטער־קלאַס.

3. נאָך דעם קראַך

די קאַפּיטאַליסטישע פירער האָבן צוערשט ניט באַגריפן אויף ווי ווייט עס איז געווען דער קראַך, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן פונעם אַלוועלט־לעכן עקאָנאָמישן קריזיס. צוערשט, אין האַרבסט 1929, איז מען געניינגט געווען צו באַטראַכטן דעם קראַך פאַר אַ קריזיס פון ספּעקולאַציע אויף דער אַמעריקאַנישער בירזשע (סטאַק עקסטשענדזש), וואָס האָט גאַר ניט צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע.

דעם 29טן אָקטאָבער, 1929, האָט פּרעזידענט הואָווער פאַרזיכערט, אַז „די פונדאַמענטאַלע געשעפטן פונעם לאַנד זיינען אויף אַ סאָלידן און געזונטן באַזיס". דער געהילפס־סעקרעטאַר פון קאָמערץ, דר. קליין, האָט דערקלערט, אַז „דאָס פאַלן פון ווערט־פּאַפּירן האָט ניט קיין גרויסע ווירקונג אויף דער קויף־קראַפט פון דער געזעלשאַפט. . . . די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע סטרוקטור פונעם לאַנד איז אַ געזונטע." דעם 24טן נאָוועמבער האָט דר. קליין באַהויפּטעט, אַז די אַמעריקאַנישע געשעפטן זיינען „געזונט, פול מיט כח און זאָגן־צו צו זיין נאָך בעסער". דעם 3טן דעצעמבער האָט הואָווער אַנאָנסירט: „מיר האָבן פון דאָס־ניי עטאַבלירט זיכערקייט און צוטרוי . . . אין זייער אַ גרויסער מאָס איז פאַרמידן געוואָרן די אַרבעטלאָזיקייט, וועלכע וואָלט אַרויסגערופן געוואָרן, ווען עס וואָלט געפעלט אָט־דער בטחון." דעם 1טן יאַנואַר, 1930, האָט דער סעקרעטאַר פון דער טרעזשורי (דער פינאַנץ־מיניסטער) מעלאָן נביאות געזאָגט: „איך האָב דעם גרעסטן בטחון, אַז אין פרילינג וועט די ווירטשאַפט אויפלעבן." דעם 10טן יאַנואַר האָט דר. קליין פאָראויסגעזאָגט: „איך בין זיכער, אַז די ענדערונג וועט קומען אין מערץ אָדער אַפּריל." דעם 8טן מערץ האָט הואָווער נביאות געזאָגט, אַז דער קריזיס וועט זיין פאַריבער אין 60 טעג. דעם 19טן מאַי האָט דער סטייט־סעקרעטאַר (דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן) לאַמאָנט נביאות געזאָגט, אַז „נאָרמאַלע באַדינגונגען וועלן צוריק איינגעשטעלט ווערן אין צוויי אָדער דריי חדשים".

דעם 1טן מאַי, 1930, האָט הואווער אַנאָנסירט: „דאָס ערגסטע איז שוין פאַריבער.״

און אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז 1932. אַן ענלעכן צעטל וואָלט מען געקאָנט צוזאַמענשטעלן פאַר דער „לעיבאָר״־רעגירונג אין ענגלאַנד.

דער באַריכט פון הואווער'ס קאָמיסיע וועגן „די לעצטע עקאָנאָמישע ענדערונגען״, וואָס איז דערשינען אין 1930 און וועלכער האָט נאָך אַלץ באַזונגען דעם אַמעריקאַנישן כּישוף און דעם „עקאָנאָמישן באַלאַנס״, איז געקומען צום שלום: „אונזער לאַגע איז אַ גליקלעכע, דער אימפּעט איז אַ מערקווירדיקער.״ און טאַקע, האָבן דען אַלע פּראָפעסאָרן ניט דערוויזן, אַז די „פּראָספּעריטי״ מוז זיין אייביק? אָט האָט דאָך פּראָפעסאָר קאַרווער פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט, ענטפערנדיק די פראַגע „ווי לאַנג וועט די פּראָספּעריטי אָנהאַלטן?״ געענטפערט:

„ס'איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס די ווייט-פאַרשפּרייטע פּראָספּעריטי, וועלכע מיר האָבן איצט, זאָל שטענדיק ניט וואַקסן.״ (פּראָפעסאָר ט. קאַרווער, „דיס עקאָנאָמיק וואָרלד״, 1928, ז. 396.)

אויך אַן אַנדער פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמישער וויסנשאַפט האָט דער־קלערט:

„די אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם האָט ניט קיין פונ-דאַמענטאַלע חסרונות, וואָס זאָלן שטערן די געשעפטס-אונטערנעמונגען צו האָבן שטענדיקע פּראָפיטן. אונטער דער איצטיקער אינדוסטריעלער סיסטעם איז ניט נאָר דאָ אַ פאַרלאַנג צו האָבן פּראָפיטן, אינדוסטריעלן פּראָגרעס און פּראָספּעריטי, נאָר ס'איז אויך מעגלעך צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל.״ (פּראָפעסאָר א. ב. אַדאַמס, „פּראָגרעס, פּראָפיטס ענד פּראָספּעריטי״, 1927.)

אָבער גאָר אַן אַנדער טאָן איז געווען אינעם באַריכט פון פּרעזידענט הואווער'ס נעקסטער קאָמיסיע, וואָס איז צונעשטעלט געוואָרן אין 1932 און האָט אויסגעפונען, אַז

„אין די בעסטע יאָרן זיינען מיליאָנען פאַמיליעס געצוואונגען צו אַ קלאָגעדיק לעבן. אויב עס וועט שנעל ניט קומען אַ סאָציאַלע דערפינדונג אָדער עס וועט ניט פאַרהאַלטן ווערן די מעכאַנישע דערפינדונג, איז זיכער, אַז עס וועלן זיין גרויסע צרות. דער אַמעריקאַנישער לעבנס-שטייגער וועט מוזן אין דער נאָענטער צוקונפט אַראָפּגעזעצט ווערן צוליב די נידעריקערע שכירות, וואָס די אַרבעטלאָזיקייט פאַראורזאַכט.״

ווען מען האָט אָנגעהויבן אנערקענען דעם טיפערן כאַראַקטער פונעם קריזיס און אַז ער איז ניט אַ שנעל־פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, האָט מען זיך גענומען זוכן עפּעס ספּעציעלע אורזאַכן פאַר דעם, ווי רעפּאַראַציעס און

חובות, דעם גאָלד־זאַפּאַס, טאַריפן, א. אז. וו. אַט־די פראַגן האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, ווען דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשאַרפן אין אייראָפּע אין 1931, ווען די עסטרייכישע באַנק האָט באַנק־ראָטירט, און דייטשלאַנד האָט געמוזט צוגעבן איר אומפעיאיקייט צו צאָלן חובות. אינעם זומער פון 1931 האָט הוווער׳ס מאָראַטאָריום אָפּגעלייגט אַף א יאָר אַלע רעפּאַראַציעס און צאָלונגען פון חובות. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דעם ענגלישן פונט פון פאַרלירן זיין ווערט אין האַרבסט פון דעם זעלביקן יאָר. מיט א יאָר שפּעטער, אין זומער פון 1932, האָט די לוזאַנער „סעטלמענט" געמאַכט א סוף צו רעפּאַראַציעס.

מיט דעם דורכפאַל פונעם דאָוז־ און יאָנג־פּלאַן און מיטן דורכפאַל פונעם גאָלד־סטאַנדאַרד אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער זיינען אומ־געפאַלן די צוויי הויפּט־ציילן פון דעם סטאַביליזאַציע־פּעריאָד.

אָבער דאָס אויפהערן צאָלן רעפּאַראַציעס און חובות האָט ניט געמאַכט קיין סוף צום קריזיס. פאַרקערט, ער איז גאָר שאַרפער געוואָרן אין 1932, דערוויייזנדיק אַף אַזא אופן, אַז ער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון טיפערע אורזאַכן. די קאַפּיטאַליסטישע שטים אין 1932 האָט געקלונגען מיט א טאָן פון פאַניק, פון פאַרצווייפלטער שרעק. שוין צום סוף פון יאָר 1931 האָט דער באַרימטער ענגלישער עקאָנאָמיסט, סער דזשאָרדזש פּעיש, פאַר־אויסגעזאָגט, אַז „קיין זאַך קאָן ניט אָפּשטעלן דעם פולשטענדיקן צוזאַמענ־ברוך אין די קומענדיקע צוויי מאָנאַטן". („מאַנטשעסטער גאַרדיען", 10טן דעצעמבער, 1931). אין מאַי, 1932, האָט דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיקער ל. ס. עמערי נביאות געזאָגט: „ווי ס׳זעט אויס, וועלן מיר האָבן א פול־שטענדיקן צוזאַמענברוך אין אייראָפּע אין די קומענדיקע עטלעכע חדשים." („טאַימס", 28טן מאַי, 1931). דעמזעלבן מאָנאַט האָט ללאָיד דזשאָרדזש דערקלערט: „אויב מען וועט ניט אָננעמען קיין מיטלען, וועט דער אינטער־נאַציאָנאַלער האַנדל צוזאַמענברעכן, און עס וועט זיין הונגער וואו ס׳איז דאָ מכל טוב. רוסלאַנד מיט אירע ריזיקע נאַטירלעכע אוצרות און א באַ־פעלקערונג וועלכע איז צוגעוואוינט צו שוועריקייטן, קאָן זיך אויסדרייען; אייראָפּע איז אָבער אַפן וועג צום אונטערגאַנג." („מאַנטשעסטער גאַרדיען וויקלי", מאַי 27, 1932.) אין אָקטאָבער 1932 האָט דער אָנפירער פונעם ענגלישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, מאָנטאַגיו נאָרמאַן, געמאַכט זיין באַרימטע דער־קלערונג, אַז „די שוועריקייטן זיינען אַזוי גרויס, די כחות אַזוי באַגרענעצט, און עס פעלן אַף אַזוי פיל פּרעצעדענטן, אַז איך טרעט־צו צו דער גאַנצער זאַך אומוויסנד און מיט ענוות. ס׳איז צו גרויס פאַר מיר . . . איך מוז

צוגעבן, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט איז דער וועג פֿאַר מיר ניט קלאָר.״ („טאַימס״, אָקטאָבער 21, 1932.) און לויט די צווייפֿלהאַפֿטע באַריכטן, וואָס די פּרעסע האָט דעמאָלט ברייט פֿאַרשפּרייט, האָט ער אין זיין געשפּרעך מיט דעם אָנפֿירער פֿונעם פֿראַנצויזישן באַנק נביאות געזאָגט וועגן דעם צוזאַמענברוך פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אין אַ משך פֿון איין יאָר.

ווען די בורזשואַזיע האָט זיך געשראָקן, אין אַ מאָמענט פֿון פּאַניק, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט מיטאַמאָל אויטאָמאַטיש צוזאַמענברעכן, זיינען אירע דערוואַרטונגען געווען ניט מער באַגרינדעט, ווי אירע דערוואַרטונגען פֿריער וועגן אַ שנעלער אויטאָמאַטישער דערהאָלונג. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער חורבן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן פֿאַראורזאַכן אין זיין צעפֿוילטקייט און אין קריזיס, קאָן זיין ענדגילטיקער צוזאַמענברוך פֿאָרקומען נאָר דורך דער האַנדלונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט אים אַרונטערוואַרפֿן. אָבער אין אָט־די אויסדרוקן פֿון דער בורזשואַזיע קאָנען מיר זען דעם אידעאָלאָגישן אָפּקלאַנג פֿונעם סוף פֿון דער סטאַביליזאַציע און דאָס צוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן איבערגאַנג צו די פֿאַרצווייפֿלטע מיטלען פֿונעם פֿאַשיזם.

אינעם דריטן און פֿערטן יאָר פֿונעם קריזיס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס פֿאַרפֿירעריש אַלע פֿאַרזוכטע מיטלען און האָפֿענונגען פֿאַר אַן אויפֿלעבונג. האָט מען זיך גענומען אַלץ מער קאָנצענטרירן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף די טיפֿערע פֿראַגן פֿונעם גאַנצן פֿאָרשריט פֿון טעכניק און ווי זי יאָגט אַריבער די איצטיקע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. עס איז זייער פּאָפּולער געוואָרן דער אויסדרוק „טעכנאָלאָגישע אַרבעטלאָזיקייט״ ווי אַ כלומרשט וויסנשאַפֿטלעכע דערקלערונג פֿאַר יעדער זאַך, ניט אָנרירנדיק אָבער די שאַרפֿע פֿראַגע וועגן די אייגנטום־באַציאונגען. טיפּיש פֿאַר אָט־דעם פּעריאָד איז געווען דער עפּיזאָד פֿון „טעכנאָקראַטיע״, וועגן וועלכן די אַלוועלטלעכע קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן טומל צום סוף פֿון יאָר 1932 און אָנפֿאַנג 1933. די טאַטעס פֿון „טעכנאָקראַטיע״ (וואָס אירע פֿירער זיינען אין דער ווירקלעכקייט געווען פֿריער נאָכשלעפּער פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן באַוויזן ווי ווייניק זיי האָבן פֿאַרדייט די ברעקלעך, וואָס זיי האָבן געכאַפּט פֿונעם מאַרקסיסטישן טיש) האָבן געבראַכט אַ וועלט מיט באַווייזן וועגן דעם וואוקס פֿון דער פּראָדוקטיווער מאַכט און איר ווידערשפּרוך מיט די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע פֿאָרמען. זיי האָבן אָבער דערפֿון געצויגן דעם ניט־ריכטיקן שלוס, אַז די פּראָבלעם איז דעריבער אַ טעכנישע פּראָבלעם, וואָס קאָן געפֿינען איר לייזונג אונטער דער

פּירערשאַפֿט פֿון טעכנישע עקספּערטן דורך נייע אוטאָפּישע פֿאָרמען פֿון אָפּשאַצן סחורה (אַלאַ פּרודאָן) אין דער איצטיקער געזעלשאַפֿט פֿון פּריוואַט־אייגנטום. איז הגם זייערע באַווייזן וועגן דעם ווידערשפּרוך צווישן דער פֿאַרבעסערטער טעכניק און דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט האָבן זיך געשטיצט אַף באַקאַנטע און בכלל ריכטיקע פֿאַקטן, זיינען זיי אָבער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז די סאָציאַלע אָרגאַניזירונג פֿון דער טעכניק איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־מאָנאָפּאָליע אַף די פּראָדוקציע־מיטלען, און אַז דעריבער איז די הויפּט־פּראָבלעם פֿונעם איצטיקן פּעריאָד ניט קיין טעכנישע פּראָבלעם, נאָר אַ פּאָליטישע פּראָבלעם — אַז מען דאַרף צעברעכן די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן־מאָנאָפּאָליע מיט דער מאַכט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. די טעכנישע פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן, ערשט ווען עס וועלן געשאַפֿן ווערן אָט אַזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען. פֿאַר אַ קורצער צייט האָט זייער פּראָפּאַגאַנדע געקראָגן אַ בכבוד'יקן פּלאַץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, כדי צו באַקעמפֿן דעם מאַרקסיזם. ס'איז אָבער גיך קלאָר געוואָרן, אַז אַפֿילו די טעכנישע פֿאַקטן און די קריטיק, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט, זיינען געווען צו געפֿערלעך פֿאַר די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. האָט מען זיי גלייך פֿאַרמאַכט דעם פּיסק און צוגענומען פֿון זיי די פֿינאַנציעלע שטיצע.

ווען די אַנטוויקלונג פֿונעם קריזיס האָט אַלץ קלאָרער געמאַכט דעם ווידערשפּרוך צווישן דער מאָדערנער טעכניק און דעם אָנהאַלטן פֿון דער קלאַסן־געזעלשאַפֿט, האָבן די מוחות פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פֿירער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַן אַנדער ריכטונג. ס'איז פֿאַר זיי אַלץ קלאָרער געוואָרן דער אומפֿאַרמיידלעכער שלום, אַז כדי אָנצוהאַלטן די קלאַסן־געזעלשאַפֿט מוז מען באַגרענעצן דעם פֿאָרשריט פֿון דער טעכניק. מען האָט זיך גענומען מער באַוואוסטזיניק אָפּרוקן זיך פֿון די פֿריערדיקע באַגריפֿן וועגן „רעסטאַווירירן" דעם קאַפּיטאַליזם לויט דעם שניט פֿון פֿאַר דער מלחמה, וועגן „אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם", או: די טראַדיציאָנעלע טעאָריעס פֿון די אַנדערע שולן פֿון בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן. אנשטאָט זיי האָבן פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן באַגריפֿן וועגן דער אַזוי־גערופֿענער „מלוכה־פּלאַנירונג", וועגן געשלאָסענע מאָנאָפּאָל־געביטן, וועגן עקאָנאָמישן קאָנטראָל פֿונעם שטאַט, פֿון רעגולירטער און אין אַ סך פֿאַלן באַשרענקטער פּראָדוקציע, אַזוי אַז די גאַנצע געזעלשאַפֿט זאָל ווערן אַלץ מער און מער אָרגאַניזירט פֿאַר מלחמה ווי דעם נויטיקן אויסגאַנג.

דריטער קאַפּיטל

די נייע עקאָנאָמיק און פּאָליטיק

א גוט־באַקאַנטע באַהויפּטונג, וואָס לענין האָט געמאַכט אין 1920 בנוגע דעם קריזיס נאָך דער מלחמה, האָט געגעבן אַ וואָרנונג קעגן דער אילוזיע, אַז ס'איז „אַבסאָלוט ניטאָ קיין אויסוועג" פאַרן קאַפּיטאַליזם; פאַרקערט, „עס זיינען ניטאָ קיין אַבסאָלוט האָפענונגסלאָזע סיטואַציעס".

די באַדייטונג פון אָט־דער באַהויפּטונג פאַרשטייט מען אָפטמאָל ניט ריכטיק, ווייל געוויינלעך ציטירט מען זי ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצן ענין. אין דער אמת'ן האָט לענין געוואָרנט קעגן „צוויי וויט־פאַר־שפּרייטע טעות'ן": ערשטנס, דער טעות פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס זעען ניט אין דעםווירקלעכן כאַראַקטער פונעם קריזיס און באַטראַכטן אים אַלס אַ צייטווייליקע „צערודערונג"; צווייטנס, דער טעות פון די פּאַסיווע רעוואָלוציאָנערן, וואָס דערוואַרטן אַן אויטאָמאַטישן צוזאַמענברוך פונעם קאַפּיטאַליזם. יענע „רעוואָלוציאָנערן" האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער איינציקער „באַווייז" פונעם צוזאַמענברוך פונעם קאַפּיטאַליזם איז ניט עפּעס אַן אַבסטראַקטער לאָגישער אַרגומענט, נאָר די דערפאָלגרייכע האַנדלונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַרונטערוואַרפן אים. ביז דעמאָלט בלייבט דער קאַפּי־טאַליזם אין מאַכט, שלעפּט זיך ווי עס איז, געפינט שוין ווי עס איז פאַר זיך אַן „אויסוועג", וואָס פאַר אַ שוועריקייטן אים זאָל ניט אויסקומען דורכ־צומאַכן. מיט אַנדערע ווערטער, דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך ניט אויסבאַהאַלטן פונעם אַלגעמיינעם קריזיס, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן זינט 1914, און וועלכער איז אומפאַרמיידלעך אין דער איצטיקער שטופע פון דעם ווידער־שפּרוך צווישן די פּראָדוקציע־כחות און די עקזיסטירנדיקע באַציאונגען פון קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום; ער גייט נאָר איבער פון איין שטופע צו אַ צווייטער שטופע; ס'איז ניט קיין פראַגע וועגן אַ צייטווייליקער „צע־רודערונג". דער קאַפּיטאַליזם ברעכט אָבער ניט צוזאַמען ענדגילטיק, ביז דער פּראָלעטאַריאַט וואַרפט אים ניט אַרונטער. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, וועלכע לענין האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן.

די פאַרגאַנגענע פערצן יאָר האָבן גלענצנד באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אָט־דעם אַנאַליז. פון איין זייט, אַזוי לאַנג ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פאַרטיק און ניט שטאַרק גענוג, פאַרבלייבט דער קאַפּיטאַליזם אין מאַכט;

פון דער אַנדערער זייט, קאָן זיך דער קאַפּיטאַליזם ניט אויסהיילן פון זיין שטערבלעכער קראַנקהייט. ער קריכט נאָר ארויס פון איין שטופּע פון קריזיס, כדי אריינצופאַלן אין אַ נייער שטופע פון קריזיס. און אַף יעדער שטופּע, אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט גרייט צו דערלאַנגען אים דעם טויט־קלאַפּ, געפינט ער פאַר זיך אַן „אויסוועג" אַף אָנצוהאַלטן זיך. אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער „אויסוועג" איז ניט קיין האַרמאָנישע לייזונג, מאַכט ניט פּשוט צורעכט די צייטווייליקע „צערודערונג". דער קאַפּיטאַליסטישער „אויס־וועג" איז אַף יעדער שטופּע אַ וועג פון אַ פאַרגרעסערטער צעשטערונג, פון מאַסן־הונגער, פון גוואַלד, פון מלחמה, פון פאַנאַנדערפאַל. אין דעם איבער־צייגן אונז די צוואַנציק יאָר, וואָס זיינען פאַריבער זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. און דאָס איז דער כאַראַקטער פון דער איצטיקער שטופּע פון קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, וועלכע ברענגען צו אַן עקסטרעמען פונקט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער אימפּעריאַליסטישער צעפוילטקייט.

פאַרניכטונג אנשטאָט בויאונג; פאַרקלענערטע פּראָדוקציע אנשטאָט פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע; ענגע „נאַציאָנאַלע" (ד. ה. אימפּעריאַליס־טישע) עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען אנשטאָט אָפענער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּהענגיקייט פון לענדער; סאָציאַלע און פּאָליטישע אונטערדריקונג אנשטאָט ליבעראַליזם — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון קאַפּיטאַליזם אין זיין איצטיקן פּעריאָד.

1. צעשטערונג פון די פּראָדוקטיווע כחות

דער איינפאַכסטער אויסדרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק אין דער איצטיקער שטופּע איז די אָרגאַניזירטע קאָלעקטיווע צעשטערונג פון רייכטום און פון די פּראָדוקטיווע כחות.

אומיסטן פאַרניכטן סחורות צוליב עקאָנאָמישע אורזאַכן איז אין תוך גענומען ניט קיין נייעס פאַרן קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ פאַרקניפּטער טייל פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן פון סאַמע אָנפאַנג. נאָך אין יאָר 1799 האָט זיך פוריע *) איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט פון אַ נייער פאָרם פון סאָ־

*) פראַנסואַ פוריע (געבאָרן אין פראַנקרייך אין 1772, געשטאָרבן אין יאָר 1837) איז געווען איינער פון די דריי אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער פון אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם. די אַנדערע צוויי זיינען געווען: ראָבערט אָוען (געבאָרן אין ענגלאַנד אין 1771, געשטאָרבן אין יאָר 1858) און קלאָוד סען-סימאָן (געבאָרן אין פראַנקרייך אין 1760, געשטאָרבן אין יאָר 1825).—באַמערקונג פון איבערזעצער.

ציאַלער אָרגאַניזאַציע, ווען אַלס אָנגעשטעלטער האָט ער געהאַט אַף זיך די פליכט צו האָבן די אויפזיכט איבער דער פאַרניכטונג פון אַ מאַסע רייז, כדי אָנצוהאַלטן העכערע פּרייזן, ווען ס'איז געווען אַ דוחק אין שפּייז. די רייז האָט מען געהאַלטן בשתיקה מיט דער האָפענונג צו פאַרקויפן, און מ'האָט זי פאַרניכטעט, ווען זי איז פאַרשימלט און צעפוילט געוואָרן. דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען דער מאָדערנער פּרינציפּ פון פאַרניכטן מאַסנווייז גוטע רייז, גוטע ווייץ, גוטע קאַפע און גוטע פלייש.

פונקט אַזוי איז דער פאַרזוך צו באַגרענעצן די פּראָדוקציע און אָנ־האַלטן אָדער אַפילו העכערן פּרייזן כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַרן קאַפּי־טאַליזם, נאָר פאַר דער סחורה־ווירטשאַפט פון אָנפאַנג אָן. ווי אַדאַם סמיט**) האָט געשריבן אין זיין „רייכטום פון לענדער”:

„זעלטן ווען געשעפטס־מענטשן טרעפן זיך צוזאַמען, ווען אַפילו כדי זיך משמח זיין, זייער געשפּרעך זאָל זיך ניט ענדיקן מיט אַ קאָנספּיראַציע קעגן דעם עולם אָדער אין אַן אָפּמאַך צו העכערן פּרייזן.” (אַדאַם סמיט, „וועלטה אָוו ניישאָנס”, בוך 1, קאַפּיטל 10, צווייטער טייל.)

אָבער פאַר אַדאַם סמיט'ן, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון קלאַסישן קאַפּיטאַליזם, האָט אַזאַ פּאָליטיק אויסגעזען ווי אַ פאַרברעכן קעגן די פּרינציפּן פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, ווי אַ „קאָנספּיראַציע קעגן דעם עולם”. און אין אונזער צייט האָבן די קאַפּיטאַליסטישער רעגירונגען פון גאַר דער וועלט באַגעגנט זיך אַף דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קאָנ־פערענץ, כדי צו דערקלערן מיט דער שטים פון די געבילדעטסטע און פּראָ־גרעסיווע שטאַטסלייט און עקאָנאָמיסטן, אַז דער העכסטער צוועק איז צו באַגרענעצן די פּראָדוקציע און העכערן די פּרייזן. דאָס איז אַ מאָס פאַר דער העכסטער שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער פאַרדאָרבנקייט.

די איצטיקע שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק צו צעשטערן רייכטום און פּראָדוקטיווע כחות האָט דריי אָנגעזעענע כאַראַקטער־שטריכן.

דער ערשטער פון זיי איז דער ריזיקער פאַרנעם פון דער צעשטערונג, וואָס גייט אָן אַף אַלע הויפּט־געביטן פון דער וועלט־פּראָדוקציע, און ווערט אויסגערעכנט אין פאַרבינדונג מיט די וועלט־זאַפּאַסן.

דער צווייטער שטריך איז די דירעקטע אָרגאַניזירונג און די סובסידיעס,

---

**) אַדאַם סמיט (1723—1790) — איינער פון די אָנגעזעענסטע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, אַף וועמען בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן שטיצן זיך נאָך עד היום.— באַמערקונג פון איבערזעצער.

וואָס אַלע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען פירן איין אַף צו צעשטערן און באַגרענעצן די פּראָדוקציע.

דער דריטער שטריך איז דער פאַרנעם פון דער פאַרניכטונג — עס ווערן פאַרניכטעט ניט נאָר די עקזיסטירנדיקע זאַפּאַסן פון סחורות, נאָר אויך די פּראָדוקטיווע כחות: מען צעאַקערט פאַרזייטע אָדער אַפילו אויפ־געוואַקסענע פעלדער, מען באַגרענעצט קינסטלעך די פּראָדוקציע, מען צע־ברעכט מאַשינען, חוץ דעם וואָס מען האַלט ניט־אויסגענוצט די אַרבעט־קראַפט פון מיליאָנען אַרבעטער.

ביישפּילן פון אָט־דעם פּראָצעס איבער דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זיינען צו גוט באַקאַנט, מ׳זאָל זיי דאַרפן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערמאָנען. דאָס פאַרברענען פון מיליאָנען זעק קאַפע אָדער טאָנען תבואות, ווען מאַסן מענטשן לעבן אין דחקות און שטאַרבן פון הונגער, האָט אָנגע־וואָרפן אַ ציטער אַף דער וועלט. אָבער דאָס אַלץ זיינען ניט געווען קיין צופעליקע אָדער אויסנאַמס־האַנדלונגען פון איינצלנע מענטשן, נאָר פאַר־קערט, דירעקט אָרגאַניזירט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען פון דער וועלט, און קודם כל פונקט פון די „פּראָגרעסיווע" רעגירונגען, פון דער רוזוועלט־רעגירונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע רעגירונגען א. ד. גל.

„ס׳איז דאָ אַ טראַגישע איראָניע, אַז מענער און פרויען אין ניו יאָרק זאָלן דאַרפן ליידן הונגער-שמערצן, ווען אַף דעם באַפעל פון דער רעגירונג ווערן צענדליקער טויזנטער חזירים אויסגעקוילעט אין איאָוואַ, און די פאַרמער אין קענזעס אָדער נעבראַסקאַ פאַרברענען זייערע תבואות." („ניוס-קראָניקל", אָקטאָבער 17, 1933.)

אַ גאַנץ גוט בילד פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם גיבן אונז די ציפערן, וואָס די רוזוועלט־רעגירונג גיט אָן יועגן איר פאַרניכטונגס־אַרבעט:

מ׳האָט אויפגעאַקערט פעלדער פאַרזייט מיט קאַטן אַף — — 110 מיליאָן דאָלאַר
מ׳האָט פאַרקלענערט דעם פאַרזיי פון קאַטן אין 1934 אַף — 150 " "
מ׳האָט אויסגעשאָכטן חזירים צוליב „עמוירדזשענסי" אַף — 33 " "
מ׳האָט פאַרקלענערט די פּראָדוקציע פון קאָרן פאַר חזירים אַף 350 " "
מ׳האָט רעדוצירט דעם פאַרזיי פון ווייץ אַף — — — — — — 102 " "
מ׳האָט רעדוצירט דעם פאַרזיי פון טאַבאַק אַף — — — — — 21 " "

און מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָט־די אינספּירירנדיקע אַרבעט איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן אַף דעם צוזאַמענפאָר פון דער ענגלישער לעיבאָר־פּאַרטיי

און פונעם טרעיד־יוניאן קאנגרעס פאר א געטשקע, צו וועלכן מ׳דארף זיך בוקן.

אין נאוועמבער 1933 איז אנגעקומען א באריכט פון דענמארק, אז 5,000 חזירים ווערן אויסגעשלאכטעט א וואך אין די רעגירונגס־שלאכט־הייזער, און דאס פלייש ווערט פארברענט אין „אינסינערייטארס״. די רעגירונג האט באשטימט א ספעציעלן פאנד פאר דער דאזיקער פארניכטונג. די פארניכטונגס־קאסטן זיינען אבער געווען אזוי גרויס, אז מ׳האט געמוזט אנקומען צום פארלאמענט ער זאל אפלאזן נאך קרעדיטן אף צו בויען נייע שלאכט־הייזער. און דאס איז געווען אונטער א סאציאל־דעמאקראטישער רעגירונג.

פונקט אזוי האט די ענגלישע לעיבאר־רעגירונג דורכגעפירט דעם „אקט וועגן קוילן־גרובן״ (אף צו פארקלענערן די פראדוקציע פון קוילן) אזוי דערפאלגרייך, אז אנפאנג 1934 האט א לאנדאנער פירמע געמוזט אויסשרייבן קוילן פון אויסלאנד, ווייל, ווי זי האט אנגעגעבן, איז צוליב דער פארקלענערונג פון דער קוילן־פראדוקציע אין ענגלאנד אוממעגלעך געווען צו קריגן היימישע קוילן אין צייט.

אין 1930 איז אין ענגלאנד ארגאניזירט געווארן א פירמע אונטערן נאמען „נעשאנאל שיפבילדערס סעקיוריטי״, וואס האט געהאט די מאכט אויסצוגעבן ביז דריי מיליאן פונט (ארום 15 מיליאן דאלאר) מיטן צוועק „צו העלפן די שיפבוי־אינדוסטריע דערמיט, וואס מען וועט אפקויפן איבער־פליסיקע און פארעלטערטע ווערפן, פטור ווערן פון זייער מאשינעריע און פארקויפן דאס אפגעראמטע לאנד אונטער א קאנטראקט, אז עס זאל מער ניט באנוצט ווערן פאר שיפבוי״. איר דערפאלגרייכע ארבעט איז אין עטלעכע מאנאטן ארום באריכטעט געווארן אין דער פרעסע:

„די נעשאנאל שיפבילדערס סעקיוריטי האט אפגעקויפט די דאלמיור ווערף, וועלכע וועט צום סוף יאר צוגעמאכט ווערן. דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע ווערפן אין קלאיד (א געגנט), וואו אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען באשעפטיקט געווען זעקס טויזנט מענטשן. עס גייען אן פאר־האנדלונגען וועגן אפקויפן און צומאכן אנדערע ווערפן.״

ביז צום סוף פון 1933 האט אט דער נייער מין פון קאפיטאליסטישער קאמפאניע אפגעקויפט און צוגעמאכט הונדערט שיפבוי־אנקערפלעצער. אין א משך פון צוועלף חדשים, פון יוני 1932 ביז יוני 1933, איז דער טאנאזש

פון קאָמערציעלע שיפן אין דער וועלט פאַרקלענערט געוואָרן אויף 1,840,000 טאָן, און מער ווי אַ העלפט דערפון האָט געהערט צו ענגלאַנד.

פונקט אַזוי איז אין 1933 געגרינדעט געוואָרן אין ענגלאַנד די „וואול־קאָמערס מיוטשועל אַסאָסיאיישאָן", וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע „צו העלפן דער שיפבוי־אינדוסטריע דערמיט, וואָס מען וועט אָפּקויפן איבער־פאַרעלטערטע פאַבריקן, צונעמען די מאַשינעריע מיט דער באַדינגונג, אַז זי זאָל מער ניט באַנוצט ווערן פאַר דער וואָל־בערשטער אינדוסטריע".

אין דעצעמבער 1931 האָבן די וועלט־פּראָדוצירער פון קופּער געשלאָסן אַן אָפּמאַך אין ברוסעל, אַז פון יאָר 1932 אָן זאָלן זיי פאַרקלענערן די פּראָדוקציע פון זייערע מינען אויף 26 פּראָצענט.

דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון קאַפע־פּראָדוצירער אין בראַזיל (וואו עס ווערט פּראָדוצירט צוויי־דריטל פונעם אַלוועלטלעכן קאַפע־פאַרברויך) האָט אין דעצעמבער 1931 באַשלאָסן צו פאַרניכטן צוועלף מיליאָן זעק קאַפע. אין 1932־1933 איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ ביליאָן און 248 מיליאָן פונט קאַפע און מען האָט אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן שטייער אויף דעם עקספּאָרט פון קאַפע, כדי צו פינאַנסירן דעם אָפּקויף פון קאַפע, וואָס דאַרף פאַרניכטעט ווערן. ביז צום סוף פון 1933 זיינען פאַרברענט אָדער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים ניט ווייניקער ווי 22 מיליאָן זעק קאַפע.

די גובערנאַטאָרן פון די שטאַטן טעקסאַס און אָקלאַהאָמאַ האָבן אַרויס־גערופן די נאַציאָנאַלע מיליציע אויף צו פאַרנעמען די אויל־פעלדער כדי אָפּ־צוהאַלטן די אויל־פּראָדוקציע.

דער אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זומער־צייט אין 1933 פּראָקלאַמירט, אַז ער וועט צאָלן פאַרמער פון זיבן ביז צוואַנציק דאָלאַר פאַר אַן אַקער לאַנד, וואו זיי וועלן פאַרניכטן דעם קאַטן. אויף אַזאַ אופן האָט מען פון אַ סך־הכל פון 40 מיליאָן אַקער פאַרניכטעט 11 מיליאָן אַקער מיט קאַטן.

פאַר דעם מאָדערנעם בורזשואַזן געדאַנק זעט אויס אָט דער פּראָצעס פון מאַסן־פאַרניכטונג און פון באַגרענעצן די פּראָדוקטיע, ווען אַרום און אַרום הערשט נויט, ווי אַ נאַטירלעכע און זעלבסט־פאַרשטענדלעכע נויט־ווענדיקייט. זיי פילן אפילו ניט דעם ווידערשפּרוך, ווען זיי פּראָקלאַמירן פאַר די מאַסן צוזאַמען מיט דער נויטווענדיקייט פון „עקאָנאָמיזירן" און פון „שניידן" שכירות. און זיי פילן טאַקע ניט דעם ווידערשפּרוך, ווייל ביידע זיינען אומפאַרמיידלעך נויטווענדיק אויף אויפצוהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם אויף זיין איצטיקער שטופע. זיי רעדן איצט וועגן דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן

די פּראָדוקציע מיט דעמזעלבן געפיל פון זעלבסטפארשטענדלעכקייט, ווי ווען זיי האָבן גערעדט נאָך דער מלחמה וועגן דער פּאָליטיק פון „פארגרעסערטער פּראָדוקציע" אלס אַ וועג צו פּראָספּעריטי. אָט ווי אַזוי דער ענגלישער פינאַנץ־מיניסטער האָט אין זומער 1933 געענטפערט די „טעאָרעטיקער", וועלכע באַטראַכטן דאָס באַגרענעצן די פּראָדוקציע פאַר אַ „שלעכטע זאַך":

„צו דערלאָזן, אַז די פּראָדוקציע זאָל אָנגיין ניט־קאָנטראָלירט און ניט־רעגולירט אונטער די איצטיקע באַדינגונגען, ווען זי קאָן צו יעדן מאָמענט דערגרייכן כמעט אָן אומבאַגרענעצטע הויך, וואָלט געווען אָן אַבסאָלוטע נאַרישקייט." *) (נעוויל טשעמבערליינ'ס רעדע אין פּאַרלאַמענט דעם 2טן יוני, 1933.)

---

*) די פּראַקטישע אָנווענדונג פונעם פּלאַן איז אָבער ניט פארגעקומען אָן שוועריקייטן, ווי ס'איז צו זען פונעם פאָלגנדיקן באַריכט אין דער אַמעריקאַנישער פּרעסע פונעם 9טן אויגוסט, 1933:

אייזלען אין דער סאָוט זיינען פּאַר'עקשנ'ט קעגן אויפּאַקערן קאָטן

„פּאָול א. פּאָרטער, פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון דער סאָוט, האָט היינט באַריכטעט, אַז פיל פּאַרמערס האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי געפינען גרויסע שוועריקייטן אין צווינגען די אייזלען צו „האַנדלען ריכטיק", ווען מ'דאַרף אויפּאַקערן אויפגעוואַקסענעם קאָטן. מר. פּאָרטער דערקלערט, אַז ס'איז ניט די שולד פון די אייזלען. מ'האָט שטענדיק די אייזלען געקאָטעוועט מיט בוימשן, ווען זיי האָבן אַרויפּ־געטראָטן אַף אויפגעוואַקסענעם קאָטן. און איצט איז גאָר פאַרקערט, מ'הייסט זיי טרעטן אַף געוויקסן, וועלכע מ'האָט זיי שטענדיק געלערנט אָפּצוהיטן."

אויב אימיצער פאַרדינט דאָ כבוד, זיינען דאָס גיכער די אייזלען, ווי פּרעזידענט רוזוועלט.

„אין דער צייט, וואָס ביז 1929 איז אָנגעגאַנגען אַ ריזיקער וואוקס פון דער פּראָדוקציע, זיינען די אינוועסטמענטס אין מאַשינעריע זינט דעמאָלט שרעקלעך פאַרקלענערט געוואָרן און אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער עקזיסטירנ־דיקער מאַשינעריע איז פאַרעלטערט אָדער באַזייטיקט געוואָרן. ס'קאָן ניט זיין קיין צווייפל, אַז אַ באַדייטנדיקער פּראָגרעס איז שוין געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג פון אַרונטערזעצן די פּראָדוקציע צו דער נידעריקער שטופע פון פאַדערונגען אַף סחורות." („עקאָנאָמיסט", 13טן מאַי, 1933.)

פונקט אַזוי האָט דער „עקאָנאָמיסט" מיט צופרידנהייט באַריכטעט: „די פּראָ־דוקציע דאַרף „אַרונטערגעזעצט" ווערן צו דער „נידעריקסטער שטופע" פון פאַרברויך בײַ די פאַראַרימטע מאַסן." דאָס איז פּראָקרוסטעס'עס בעט, צו וועלכער דער מאָדערנער

די שטאַרקערע אויסדרוקן פון אַט־דעם פּראָצעס, — ווי למשל די פאַקטן, וואָס מען פאַרברענט שפּייז־אַרטיקלען, וואָס מען פאַרניכטעט מאַשינען, וועלכע זיינען נאָך אין אַ גוטן צושטאַנד, — וואַרפן זיך אַלעמען אין די אויגן. אָבער ניט אַלע פאַרשטייען נאָך די גאַנצע באַדייטונג פון אָט־די סימפּטאָמען: ערשטנס, אַז די דאָזיקע סימפּטאָמען דריקן אויס די העכסטע שטופע פון דעם צוזאַמענברוך פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג; צווייטנס, די ענגע פאַרבינדונג צווישן אָט־דעם פּראָצעס פון צוזאַמענברעכן מיט די סאָציאַלע און פּאָליטישע דערשיינונגען, וועלכע געפינען זייער פולן אויסדרוק אינעם פאַשיזם; און דריטנס, אַז אָט־דער פּראָצעס מוז זיך נויטיקערווייז פאַרענדיקן מיט אַ מלחמה. ווייל בלויז אַ מלחמה איז די סיסטעמאַטישע פאַרענדיקונג פונעם פאַרניכטונגס־פּראָצעס. היינט פאַרברענט מען תבואות, די מענטשלעכע לעבנס־מיטלען. מאָרגן וועט מען פאַרברענען די מענטשלעכע לעבנס גופא.

2. דער רעוואָלט קעגן דער מאַשין

דער דאָזיקער רעוואָלט פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם קעגן די פּראָדוקטיווע כחות, קעגן דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, און פאַר דער קינסטלעכער באַגרענעצונג פון דער פּראָדוקציע, גייט אָבער אָן פיל וויטער. ער פאַנגט אָן פאַרוואַנדלט צו ווערן אידעאָלאָגיש און אַפילו אין געוויסע קאָנקרעטע מאָמענטן אין אַ דירעקטן רעוואָלט קעגן דער מאַשין.

מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, אין 1831, איז געדרוקט געוואָרן אין ענגלאַנד אַ בראָשור אונטער דעם נאָמען „די רעזולטאַטן פון דער מאַשינעריע". די בראָשור האָט זיך געווענדעט צו די אַרבעטער פון ענגלאַנד אַזוי:

„דאָס דאָזיקע קליין ביכל גיט אַ גלענצנד בילד פון דער חשוב'קייט פון דערפינדונגען, פון דער שטענדיקער ברכה פון מאַשינעריע, פון דעם טריאומפירנדיקן שריט, וואָס דער מענטש מאַכט אין דער ציוויליזאַציע יעדעס

קאַפּיטאַליזם אין זיין העכסטער שטופע פון צעפאַלן זוכט צוצופּאַסן דעם פּאַרפּייניקטן קערפּער פון דער מענטשהייט.

[פּראָקרוסטעס איז דער צונאָמען פון אַ גריכישן רויבער, וואָס פלעגט פּייניקן זיינע קרבנות. ווי די לעגענדע דערציילט, האָט ער געהאַט צוויי בעטן, אַ לאַנגע און אַ קורצע. פלעגט אין זיינע הענט אַריינפאַלן אַ הויכער מענטש, פלעגט ער דעם קרבן אַוועקלייגן אויף דער קורצער בעט און אָפּהאַקן באַ אים די פיס, זיי זאָלן ניט זיין לענגער פון דער בעט. און פאַרקערט, אַ קורצן מענטשן פלעגט ער אַריינלייגן אין דער לאַנגער בעט און אויסציען אים אַזוי, ער זאָל ניט זיין קירצער פון דער בעט.—באַמערקונג פונעם איבערזעצער.]

מאָל, ווען ער פאַרוואַנדלט די מאַטעריעלן פון דער וועלטלעכער אַרבעט פון מענטשלעכע רוקנס אויף די רעדער און אַנדערע טיילן פון מאַשינעריע.״

היינט־צו־טאָג איז פּונקט קאַפּויער. ניט די בורזשואַזיע לערנט איצט די אומווויסנדיקע אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן פון דער פּראָדוקציע און שטאַרבן אין די מיליאָנען פון הונגער צוליב דעם פאָרשריט פון דער מאַשינעריע אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען, אַז די מאַשין, די אַבסטראַקטע מאַשין האָט אַ סך פאַרצוגן און איז אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט. פאַרקערט. די בורזשואַזיע, וועלכע זעט מער ניט אין דעם פאָרשריט פון מאַשינעריע קיין פאַרגרעסערטע פּראָפיטן, נאָר וועלכע דערזעט גאָר, אַז איר גאַנצע לאַגע און איר הערשאַפט ווערט אַלץ מער און מער געשטעלט אין געפאַר דורך אָט־דער אַנטוויקלונג, ענדערט איר טאָן; זי ווייזט אָן אויף די איבלען פון דער צו־שנעלער אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריע; איר טאָן ווערט אַלץ מער פיינטלעך, אַנטהאַלט אין זיך אַ שרעק פאַר דער מאַשין און אַ האַס צו איר. עס איז גאָר דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער, ניט געקוקט אויף זיינע גרויסע ליידן דורך דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשין אונטער דעם קאַפּיטאַליזם, ווערט איצט דער באַוואוסטזיניקער אָנהענגער פון דער מאַשין, אָנערקענענדיק אין איר דעם מעכטיקן שותף אין דעם קאַמף פאַר אַ נייער אָרדענונג, און זעט אין איר גיגאַנטישע צוקונפטיקע ראָלע, ווי נאָר זי וועט באַפרייט ווערן פאַר דעם סאָציאַלן געברויך אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אַפילו די וויסנשאַפטלייט און די טעכניקער, די דערפינדער פון נייע מאַשינען און פון טעכנישע פּראָצעסן אין דער דינסט פון קאַפּיטאַליזם, הייבן אָן, מיט דער אויסנאַם פון אַ קליינער און געוואַגטער מינאָריטעט, אַרויסטרעטן קעגן זייערע אייגענע שאַפונגען, און פאַרפירן אַ דיסקוסיע אין טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און אויף קאָנפערענצן וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצושטעלן דעם פאָרשריט פון דערפינדונגען, פון קינסטלעך באַגרענעצן די אָנווענדונג פון נייע דערפינדונגען.

דער אַרבעטער־קלאַס ווערט אויף אַזאַ אופן אַרויסגעשטעלט אַלס די איינציקע אויסגעהאַלטענע פּראָגרעסיווע קראַפט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. די קאַפּיטאַליסטן זיינען די מאָדערנע „לודדיסטן״.*)

*) לודדיסטן איז דער נאָמען פון אַרבעטער־באַנדעס, וועלכע פלעגן זיך באַשעפטיקן מיט דער צעשטערונג פון מאַשינען אין ענגלאַנד אין די יאָרן צווישן 1812 און 1816. דער נאָמען שטאַמט פון נעד לודד, וועלכער האָט געטאָן דאָס זעלבע מיט אַ דרייסיק יאָר פריער.—באַמערקונג פונעם איבערזעצער.

די דאזיקע טענדענץ פון דער קאפיטאליסטישער רעאקציע קעגן דער מאשין דריקט זיך אויס בא אירע סאציאלע פילאזאפן און ספעקולאטארס: בערטראנד ראסעל מיט זיין אידעאליזאציע פון דער צעפוילטער כינעזישער ציוויליזאציע פון פאר דער קאפיטאליסטישער צייט; דער דייטשער פילאזאף, שפענגלער, דער באליבטער און פיל־ציטירטער פילאזאף פונעם פאשיזם, מיט זיין ניט־באהאלטענער שנאה צו דער ציוויליזאציע פון דער מאשין, און מיט זיין געצן־דינעריי צום „פרימיטיווז מענטשן” (זע זיין בוך: „דער מענטש און די טעכניק”); גאנדי, וועלכער ווערט אזוי פארגעטערט פון דער מערב־אייראפייאישער אינטעליגענץ און וועלכער איז אן אמת'ער פארטרעטער ניט פון א יונגער בורזשואזיע, נאר פון א בורזשואזיע וואס איז געבארן געווארן אלט און וועלכע האט קיינמאל ניט געוואוסט וואס יוגנט איז, און וועלכער איז דער אויסגעהאלטענער אויסדרוק פון איין זייט פון קאפיטאליזם אין פאנאנדערפאל (די פאסיווע רעאקציאנערקייט), פונקט ווי שפענגלער איז דער אויסדרוק פון דער אנדערער זייט (פון דער בלוטיקער, קעמפנדיקער רעאקציאנערקייט).

די דאזיקע טענדענץ ווייזט זיך אויך אליז מער ארויס בא די שטאטס־לייט און פאליטיקער, בא די זשורנאליסטן און פובליציסטן, בא די וויסנ־שאפטסלייט און טעכניקער. מיר האבן שוין געזען ווי אן עדיטאריעל־שרייבער אין דער „טאימס” האט נאך דעם 8טן מערץ, 1930, אנגעוויזן „ווי שרעקלעך די מאשין האט אריבערגעיאגט דעם מענטשן” און האט זיך געוואונדערט, צי עס לוינען זיך „די פארצוגן פון א סיסטעם, וואס איז אפהענגיק פון דער מאסן־פראדוקציע פון סטאנדארדיזירטע ארטיקלען”. אדער ווי הואווער'ס אונטערזוכונג־קאמיסיע אין 1932 האט געקאנט רעדן וועגן דער מעגלעכער נויטווענדיקייט פון „אפשטעלן ביסלעכווייז מעכאנישע דערפינדונגען”.*)

*) אלס א ביישפיל ווי אזוי דער פינאנץ־קאפיטאל האט פאפולאריזירט אט־די רעאקציאנערע פראפאגאנדע אין איר העכסט־פאנאטישסטער פארם, קאן מען אנווייזן אף אן ארטיקל, וועלכער איז אפגעדרוקט געווארן אין דעם „סאנדעי עקספרעס” אונטער דעם קעפל, „מאכט א וועג פאר דעם קליינעם מענטשן”, וועלכער טרעט ארויס קעגן דער אילוזיע פון „פראגרעס” און דעם דורכפאל פון „מאסן־פראדוקציע”, און מאכט אן אויפרוף אומצוקערן זיך צום „קליינעם באזיצער” אלס דעם אידעאל:

„די איינפאכסטע פארם פון שטאט איז די זעלבסט־באפרידיקנדיקע, וועלכע זוכט קודם כל אויפצוהאלטן זיך אליין און ערשט נאכדעם טראכט זי וועגן דעם מארק. דער מארק, אין דעם פאל, קאן זיין דער נאענטסטער שכן און באשטייט פון באלמעלאכעס, וועלכע שטעלן צו זאכן צום פארמער.

„אט די איינפאכע באציאונג צווישן דעם פארמער און דעם באלמעלאכע

פונקט אַזוי האָט געקאָנט דערקלערן סער אַלפרעד יואינג אין 1932, ווען ער האָט געהאַלטן זיין רעדע אַלס פּרעזידענט פון דער ענגלישער געזעל־שאַפט פאַר בורזשואַזער וויסנשאַפט:

„די באַציאונג פון דעם דענקער היינט-צו-טאָג צו דעם אַזוי-גערופענעם מעכאַנישן פּראָצעס איז אַ באַוואוסטזיניק-קריגערישע. באַגייסטערונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך אַ קריטישער באַציאונג; דאָס האָט געפירט צו ספקות; ספקות האָבן אַרויסגערופן פּחד.

„אַן אַלטער אָנהענגער פון מעכאַנישער אַנטוויקלונג וועט ניט באַ־שולדיקט ווערן איצט, ווען ער וועט אויסדריקן זיין אַנטוישונג, ווען ער זעט וואָס פאַר אַ צרות עס טוען אָן די דערפינדונגען און פאַרבעסערונגען, פון וועלכע ער האָט פריער געקליבן אַזויפיל נחת. מען מוז שטעלן די פראַגע, וואוהין פירט אָט דער ריזיקער מאַרש? וואָס איז נאָך אַלעמען זיין צוועק? וואָס פאַר אַ ווירקונג וועט ער האָבן אַף דער צוקונפט פון דער מענטשהייט?

„מאָראַליש איז דער מענטש ניט צוגעגרייט געווען צו אַזאַ גרויסער שפע... די מעכאַנישע פּראָדוקציע פאַרנעמט אַלץ מער און מער דעם פּלאַץ פון מענטשלעכער אַרבעט. און דער מענטש געפינט אויס, אַז הגם ער קריגט צו אַלץ מער רייכטימער און מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע ער האָט פריער אַפילו ניט גע'חלומ'ט, ווערט ער אין אַ גרויסער מאָס באַרויבט פון איין ברכה, וואָס קאָן גאָרניט אָפּגעשאַצט ווערן, — פון דער נויטווענדיקייט צו אַרבעטן...

„עס איז פון אים אָפּגעפאַלן די צופרידנקייט פונעם פאַכמאַן... אָפטמאָל ווערט ער אַ קרבן פון אַרבעטלאָזיקייט — אַן אַרבעטלאָזיקייט, וועלכע איז ערגער פון וועלכער עס איז מאַטערניש.

„און די וועלט ווערט פאַרוואָרפן מיט קאָנקורענץ-אַרטיקלען, וועלכע ווערן פּראָדוצירט אין אַזעלכע מאַסן, אַז זיי קאָנען ניט פאַרנוצט ווערן...

„וואו זאָלן מיר זוכן אַ לייזונג? איך קאָן ניט זאָגן.“ (דער באַריכט פון סער אַלפרעד יואינג'ס רעדע אין דעם „דעילי טעלעגראַף“ פונעם ערשטן סעפּטעמבער, 1932.)

דערמיט האָט זיך די אָפיציעלע בורזשואַזע וויסנשאַפט מודה געווען אין איר באַנקראָט אין דער איצטיקער וועלט־סיטואַציע. זי זעט ניט איין,

---

איז וויכטיק פאַר דעם וואוילזיין פון יעדער ציוויליזאַציע... מען דאַרף פּרובירן אומקערן זיך צו איר.“ („סאָנדעי עקספּרעס“ יאַנואַר 15, 1933.)

די פינאַנץ-קאַפּיטאַליסטן וואָלטן נאַטירלעך געוועין שטאַרק אומצופרידן, ווען אָט-די קינדערשע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע זיי פאַרשפּרייטן דורך ראַדיאָ, דורך אָט-דער העכסט-אַנטוויקלטער מאַשינעריע פון מאַסן-פּראָדוקציע, כדי צו פאַרטומלען דעם עולם, וואָלט מען ווירקלעך געוואָלט צו זייערע ריזיקע אונטערנעמונגען, די פּרעסע אַריינגערעכנט. אַז דער מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַל טרעט כלומרשט אַרויס קעגן מאָנאָפּאָל, איז אַן אַלטע מעשה.

אַז די פּראָבלעם ליגט אין דער שלעכטער אויסנוצונג פון דער וויסנשאַפט און דער דערפינדונג, נאָר פאַרקערט, די מתּנות פון דער וויסנשאַפט און פון דער דערפינדונג זעען אויס אין די אויגן פון אָט־דעם מאָדערנעם מאָנאַך אַלס מתּנות פונעם טייוול, פאַר וועלכע דער מענטש איז „מאָראַליש" ניט געווען צוגעגרייט, אַזוי ווי די „מאָראַל" וואָלט געווען אומאָפּהענגיק פון די סאָציאַלע באַדינגונגען, פון וועלכע זי שטאַמט אָפּ. דער דאָזיקער פירער פון דער מאָדערנער בורזשואַזער וויסנשאַפט געפינט זיך אָנמעכטיק צו געבן אַ לייזונג און פאַרענדיקט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער תּפילה צו „גאָט".

און ניט נאָר די פירער פון דער בורזשואַזער וויסנשאַפט, נאָר אויך די פינאַנציעלע און פּאָליטישע פירער פון קאַפּיטאַליזם באַוועגן זיך אין אָט־דער ריכטונג. אַן אויסגעצייכנטער באַווייז פאַר דעם איז געווען די רעדע פון דעם „פּראָגרעסיווסטן" פינאַנסיר־פּאָליטיקער פונעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַליזם, קאַיאָ, וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1932 פאַר דער אַסאָציאַציע פון דער פּרעסע אין פּאַריז, און האָט נאָכדעם אין אַ פאַרקירצטער פאָרם איבערגע׳חזר׳ט אין לאָנדאָן. זיין טעמע איז געווען וועגן דעם, וואָס „די מאַשין פּרעסט אויף די מענטשהייט": „מיר מוזן אַריינגעמען די טעכניק אין אונזערע הענט. מיר מוזן זען, אַז די טעכניק זאָל מיטאַמאָל ניט צערודערן די פּראָדוקציע." ווי אַזוי? ער ווייזט אָן צוויי וועגן. ערשטנס, איינפירן אַז „יעדער שטאַט, יעדער דעפּאַרטמענט פון טעכניק, זאָל דיסציפּלינירן דערפינדונגען, זאָל באַצאָלן זייער ווערט, אָבער ניט דערלויבן זיי אויסגענוצט צו ווערן, סיידן זיי וועלן ניט שעדיקן דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין יעדער פאַבריק".

זיין צווייטער אויסוועג איז אַ „באַשטייערונג": „אַרויפלייגן הויכע שטייערן אַף אַלע דערפינדונגען פון מאַשינעריע." דאָס איז ניט דער אויסדרוק פון איינעם, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ משוגעים־הויז, נאָר פון אַ קאַלטן, ווייטזיכטיקן פּאָליטיקער און פון אַ געאיבטן פינאַנסיר פון קאַפּיטאַליזם.*)

*) אַ צווייטן ביישפּיל פון אָט-דער טענדענץ גיט אונז דאָס בוך פון דעם פירער פון די „יונגע קאָנסערוואַטאָרן", פון לאָרד יוסטאַס פּערסי, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די רעגירונג אין איבערגאַנג". אין דעם בוך, וואָס זיין פּראָגראַם באַווייזט, אַז זי איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון פאַשיזם, קומט לאָרד יוסטאַס צו אַ ריין-אוטאָפּישן שלוס: ער שטעלט פאַר אונז פאָר אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך באַפרייט פון די איבלען פון דעם מאַשין-פּעריאָד און וועלכע קערט זיך אום צו דער איינפאַכער פאַכמאַנשאַפט פון דעם פאַר-מאַשינען-פּעריאָד. דער קאָנסערוואַטיזם אין זיין צעפוילטקייט בענקט דאָ נאָך די פירונגען פון דער פאַר-קאַפּיטאַליסטישער פעאָדאַלער רעאַקציע.

אָט־די טענדענץ געפינט פאַר זיך אַן אויסדרוק ניט נאָר אין טעאָריע. עס פעלן איר ניט קיין פאַרזוכן אָנגעווענדעט צו ווערן אין דער פּראַקטיק. אָט האָט מען, צום ביישפּיל, אין פילאַדעלפיע געמאַכט אַ פאַרזוך אָפּצושאַפן אַרבעטלאָזיקייט דורך דעם, וואָס אין געוויסע שטאָטישע אַרבעטן וועט מען פאַרבייטן די אַרבעט פון מאַשינען מיט דער אַרבעט פון מענטשלעכע הענט. דעם 12טן דעצעמבער, 1930, האָט דער ניו יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טאַימס" באַריכטעט:

„אין פילאַדעלפיע האָט די שטאָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון באַנוצן אַ גרויסע צאָל מאַשינען אין געוויסע מוניציפּאַלע אַרבעטן און צו באַנוצן זיך אנשטאָט דעם מיט מענטשלעכער אַרבעט."

אַף אַזאַ אופן איז די קאַפּיטאַליסטישע מאַשין־אַנטוויקלונג געקומען צו איר העכסטן פּונקט און איז גרייט אומצוקערן זיך צו מענטשלעכער אַרבעט. דער ביישפּיל פון פילאַדעלפיע, די דריטע גרעסטע פאַבריק־שטאָט פון דעם גרעסטן פאַבריק־לאַנד אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איז אַ גוטער סימן, וואו דער צוזאַמענברעכנדיקער קאַפּיטאַליזם וועט ענדלעך אָנשפּאַרן, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט דעם כח אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג און סטאַביליזירן זיך.

די דאָזיקע טענדענץ ווייזט זיך זייער בולט אַרויס אין דעם דייטשישן פאַשיזם און קריגט דאָרט די שטיצע פון דער רעגירונג. אַזוי האָט, צום ביישפּיל, די טורינגישע רעגירונג אין יולי 1933 פאַרבאָטן דעם געברויך פון מאַשינען פאַר בלאָזן גלעזער. באַרעכטיקנדיק דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט די צייטונג "אַכט אור אַבענדבלאַט" דערקלערט:

„דאָס איז דער ערשטער ביישפּיל אין דער מאָדערנער צייט, ווען די רעגירונג שטעלט אָפּ די מעטאַלישע אָרעמס פון דער מאַשין. די שטאָלענע גלידער, וועלכע טוען די אַרבעט, וואָס האָט פריער דערנערט הונדערטער מענטשן, האָט געמאַכט די מאַשין פאַר דער מוטער פון נויט פונעם אַרבעטער-קלאַס."

דעם 15טן יולי, 1933, האָט די דייטשישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וועלכער פאַרבאָט אָנצואווענדן מער מאַשינען פאַר וויקלען טאַבאַק, אָדער אַרבעטן אַף אַזעלכע מאַשינען, וועלכע זיינען לעצטנס ניט באַנוצט געוואָרן.

דאָס וואָכנבלאַט „מאַנטשעסטער גאַרדיען וויקלי" פונעם 15טן סעפּטעמבער, 1933, דערציילט:

„דער אַריינפיר צום געזעץ באַהויפּטעט, אַז די פּראָגרעסיווע מעכאַני־זאַציע פון דער ציגאַרן־אינדוסטריע האָט אָנגעהויבן צעשטערן די פאַרדינסטן פון דער באַפעלקערונג אין געוויסע ראַיאָנען. אַרום אַכציק טויזנט אַרבעטער, וואָס דאָס מיינט אַרום פינף־זעקסטל פון דער איצטיקער אַרבעטער־באַפעלקערונג, זיינען געוואָרן איבעריק צוליב די מאַשינען. ווי מ׳גיט אָן, קאָנען די מאַשינען מאַכן פון טויזנט ביז צוועלף הונדערט ציגאַרן אַ שטונדע, ווען אַן אַרבעטער קאָן אויסמאַכן מיט די הענט נאָר זיבעציק שטיק. די מאַכט, וואָס דער געזעץ גיט צו די מיניסטאָרן, וועט באַגרענעצן די פּראָדוקציע פון די מאַשינען און וועט פאַרזיכערן, אַז ביסלעכווייז וועט די אַרבעט געטאָן ווערן פון מענטשלעכע הענט.״

א באַריכט פון דייטשלאַנד אין אָנפאַנג 1934 האָט אָנגעגעבן:

„עס זעט זיך אַ צעטומלעניש אין דער אָפיציעלער קריטיק בנוגע דער אָנווענדונג פון מאַשינען. לעצטן יאָר האָט מען געמאַכט ספּעציעלע אויס־נאַמען פאַר צאָלן שטייערן אַף איינשטעלן נייע מאַשינעריע, אָבער די אידעאָ־לאָגיע פון דער פּאַרטיי איז קעגן מאַשינעריע און עס ווערן פאַרגרעסערט די פאַרבאָטן פון דער רעגירונג אַף אָנצואווענדן מאַשינעריע. היינטיקע וואָך איז פאַרבאָטן געוואָרן איינצושטעלן אויטאָמאַטישע מאַשינען אין דער גלאָז־אינדוסטריע; דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרקלענערונג פון דער פּראָ־דוקציע. אין דער צעמענט־אינדוסטריע האָט מען פאַרבאָטן עפענען נייע פאַבריקן אָדער פאַרגרעסערן די אַלטע. דער פאַרבאָט פון באַנוצן זיך מיט מאַשינען, וואָס האָט דעם צוועק צו העכערן די פּראָדוקציע־קאָסטן אין די אינטערעסן פון די פאַכלייט, איז אָבער אַ שטערונג פאַר דעם עקספּאָרט. די גרעסערע אונטערנעמער זיינען אומצופרידן מיט אַזאַ באַגרענעצונג־פּאָליטיק.״
(„עקאָנאָמיסט״, פעברואַר 24, 1934.)

אומקערן זיך צו האַנט־אַרבעט! אומקערן זיך צו דער שטיינערנער עפּאָכע! אַזוי הויבט היינט אָן אויסזען די העכסטע לערע, און אין באַ־זונדערע פאַלן אויך די פּראַקטישע אָנווענדונג, פון דער העכסטער שטופע פון קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם.

אין דער אמת׳ן אָבער, שטערט די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ פּאָליטיק. אַפילו דער געזעץ פון דער דייטשישער רעגירונג, וואָס פאַרבאָט אָנווענדן מאַשינען אין דער ציגאַרן־אינדוסטריע, מאַכט אַן אויסנאַם ספּעציעל פאַר דער פּראָדוקציע פון ציגאַרן פאַר דעם עקספּאָרט.

אָבער וואו נאָר דער קאַפּיטאַליזם איז בכח צו דערגרייכן אַ שטרענגען מאָנאָפּאָל, וועלכער איז איינגלעך די גאַנצע טענדענץ און דער צוועק פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם (הגם דאָס וועט קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט פול־

שטענדיק), זעט מען גלייך איין די טענדענץ פון אָפּצוהאַלטן דעם וואוקס פון טעכניק און דעם צוזאַמענברוך פונעם קאַפּיטאַליזם. אַלס אַ ביישפּיל קאָנען דינען די אָפּטע פאַלן, ווען די גרויסע טראָסטן קויפן אָפּ נייע דערפינדונגען מיט דעם צוועק צו דערשטיקן זיי. אין דער אַבסטראַקטער, טעאָרעטישער היפּאָטעזע, אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין איין גרויסן וועלט־מאָנאָפּאָל, מוז מען זיך פאָרשטעלן, אַז די איינציקע באַדינגונג פאַר דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מאָנאָפּאָל וואָלט געווען אַן אַלגעמיינער רעטראָגרעס (צוריקגאַנג). בלויז אין דעם סאָציאַליסטישן מאָנאָפּאָל קאָן אָנגעהאַלטן ווערן די פאַרבעסערונג פון דער טעכניק, ווייל אַזאַ פאַרבעסערונג מיינט העכערן דעם אַלגעמיינעם לעבנס־שטייגער און פאַרקירצן די אַרבעט־שטונדן.

דער רעוואָלט פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע קעגן דער מאַשין קאָן אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל ניט רעאַליזירט ווערן. פאַרקערט, די קאַפּיטאַליסטן זיינען געצוואונגען צו באַקעמפן איינער דעם צווייטן מיט אַלץ שאַרפערן געווער. אָבער די וואַקסנדיקע שטרעבונג פון דעם מאָדערנעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פון טעכניק, הגם די דאָזיקע שטרעבונג קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן, דינט אַלס אַ סימפּטאָם פון אַן עקאָנאָמישער אָרדענונג וואָס ברעכט צוזאַמען. דער פאַשיזם מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם אומקערן זיך צו די פּרימיטיווע מיטלען, אין דער זעלבער צייט וואָס ער דינט די אינטערעסן פון דעם העכסט־קאָנצענטרירטן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, איז דער בעסטער אויסדרוק פון דעם טיף־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פונעם מאָדערנעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם און ווייזט אַרויס די טיפע ווידערשפּרוכן וואָס ליגן אין זיין וואָרצל.

3. דער רעוואָלט קעגן דער וויסנשאַפט

די וואַקסנדיקע באַוואוסטזיניקע ראָלע פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און דער שטייגנדיקער אידעאָלאָגישער רעוואָלט קעגן דער מאַשין און קעגן דער אַנטוויקלונג פון טעכניק מוז זיך נויטווענדיק אויסדריקן אויף יעדן שריט און טריט אויף דעם אידעאָלאָגישן געביט. עס ווערט אַלץ מער מערקבאַר אַן איבערקערעניש אין די הויפּט־ווענדונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע ענדערונג דריקט זיך אויס אין אַ שטייגנדיקן רעוואָלט קעגן וויסנשאַפט, קעגן לאָגיק, קעגן קולטורעלער אַנטוויקלונג, קעגן אַלע אָנגענומענע פילאָזאָפיש־ליבעראַלע באַגריפן, וועלכע זיינען געווען

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קאַפּיטאַליזם אין דער צייט פון זיין וואוקס. די דאָזיקע ענדערונג דריקט זיך אויס צו גונסטן רעליגיע, אידעאַליסטישע אילוזיעס, אין אָפּלייקענען די ניצלעכקייט פון דער וויסנשאַפט, צו גונסטן מיסטיציזם, ספּיריטואַליזם, די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון אבערגלויבן, א פאַרגעטערונג פון דעם פרימיטיוון, א פאַרגעטערונג פון גוואַלט, א שאַר־לאַטאַנסקע באַציאונג צו דער ראַסן־פראַגע (דער אומזין וועגן ארישער אָפּשטאַמונג און „בלוט״־פאַרוואַנדשאַפט).

די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך געלאָזט מערקן שוין אין אָנפאַנג פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, און ספּעציעל פאַר דער מלחמה. זי איז גוואַלדיק פאַרגרעסערט געוואָרן זינט נאָך דער מלחמה.

די באַציאונגען צווישן דער וויסנשאַפט און דער בורזשואַזיע זיינען אין דער אמת׳ן קיינמאָל ניט געווען קיין גוטע. בלויז אין דעם ערשטן רעוואָ־לוציאָנערן פּעריאָד פון דער בורזשואַזיע (אין דעם זיבעצענטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד און אין דעם אכצנטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך) איז געווען אַן אמת׳ער ענטוזיאַזם. אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען די בורזשואַזיע איז געווען אין מאַכט, איז, הגם צוליב די ריזיקע פּראָפיטן וואָס די רעזול־טאַטן פון דער וויסנשאַפט האָבן איר געקאָנט געבן, האָט זי אָפיציעל אָנערקענט די וויסנשאַפט און האָט זי אפילו געשטיצט פינאַנציעל ווי א קמצן, האָט זי אַלעמאָל געהאַט א פאַרדאַכט, אַז די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט קאָן אונטערגראָבן איר סאָציאַלן פונדאַמענט. דערפון האָבן געשטאַמט די גרויסע שלאַכטן אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס יעדער פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט האָט ארויסגערופן. די פירער פון דער בור־זשואַזער וויסנשאַפט אין דעם ניינצנטן יאָ־הונדערט זיינען געווען קריגס־מענטשן אין א העכסט־פיינטלעכן סאָציאַלן לאַגער. די בילדונג איז אָנ־געפירט געוואָרן אַף א ניט־וויסנשאַפטלעכן אופן און אונטער א קאָנטראָל פון טשינאָווניקעס.

וואָס עס וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן היינט־צו־טאָג איז דער פאַקט, וואָס דער אָנגריף אַף דער וויסנשאַפט ווערט אָנגעפירט ניט נאָר פון פּראָ־פעסיאָנעלע רעאַקציאָנערן און קלעריקאַלן, נאָר הויפּטזאַכלעך פון א מאַיאָרי־טעט פון זייער פּראָמינענטע און אנערקענטע פירער פון דער בורזשואַזער וויסנשאַפט. די גרעסטע צאָל פון די אָפיציעל־אָנערקענטע און באַרימטע וויסנשאַפטסלייט פון דער בורזשואַזיע זיינען אָפּן אריבערגעגאַנגען אין דעם לאַגער פון די קלעריקאַלן. זיי זוכן צו באַווייזן מיט מופתים און קונצן, אַז די וויסנשאַפט איז ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער רעליגיע, און ארויס־

צושטעלן די „העכערע" שטריכן פון לעבן, וועלכע קאָנען ניט דערקלערט ווערן וויסנשאַפטלעך. אין אַ מאַסע לעקציעס, פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען און ביכער, וועלכע ווערן אַזוי וואולגאַר פּאָפּולאַריזירט און אַזוי באַשיינפּער־לעך ניט־וויסנשאַפטלעך דערקלערט, זוכן זיי אויסצונוצן יעדע נייע דער־פינדונג ניט פאַרן צוועק פון אַ מער וויסנשאַפטלעכן באַגריף פון דער ווירקלעכקייט, נאָר כדי אַרויסצורופן אַ חשד צו דער וויסנשאַפט בכלל און אַף אַזאַ אופן אַרויסרופן אַ גלויבן אין די געטער פון דער באַשטימטער געגנט.

אַזעלכע וואולגאַריזירטע באַהויפּטונגען ווערן אַפן ברייטסטן אופן פאַר־שפּרייט דורך דער מאַשינעריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, ראַדיאָ, א. אַז. וו., אַלס „דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט". אָבער פאַר טעכנישע און סטראַטעגישע צוועקן מוז די וויסנשאַפט אַלץ מער און מער אָנגעווענדעט ווערן אין דער פּראַקטיק, און אין דער זעלבער צייט זוכט מען אַריינצופּאָמפּען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פון „פּאָפּולערער קולטור" דעם רעאַקציאָנערן און אַנטי־וויסנשאַפטלעכן באַגריף וועגן זאַכן.

אָט־די ענדערונג אין דער אויסזיכט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער בורזשואַזער וויסנשאַפט (מיט דער אויסנאַם פון אַ קלייגער און געוואַגטער מינאָריטעט) איז אילוסטרירט געוואָרן אין 1932, צום פופציקסטן יאָר זינט דאַרווינ'ס טויט. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער קולטור צו דערקלערן די פולשטענדיקע פאַלשקייט פון דעם פאַרהאַסטן דאַרוויניזם, אָדער פאַרקערט, אַז דער דאַרוויניזם איז אין פולן איינקלאַנג מיט די רעליגיעזע באַגריפן, וועלכע ער האָט באַקעמפט, און אָפּ־לייקענען דעם אַטעאיזם, פון וועלכן דאַרווין איז געווען אַן אָנהענגער באַ־האַלטענערהייט. (זע דאַרווינ'ס בריוו צו מאַרקס'ן). דער באַרימטער וויסנ־שאַפטסמאַן און דער אָנגעזעענסטער אויטאָריטעט איבער דאַרוויניזם אין ענגלאַנד, סער דזש. א. טאָמפּסאָן, האָט דעם 19טן אַפּריל, 1932, געשריבן אין דעם „דעילי טעלעגראַף" אַן אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „פופציק יאָר נאָך דאַרווינ'ען: מיר נעמען איצט אָן די עוואָלוציע, מיר גלויבן אָבער אין אַ באַשעפער":

„עס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין אונזערע געדאַנקען זינט דער היציקער צייט, נאָכדעם ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן „די אָפּשטאַמונג פון מינים" אין 1859.

„פאַר פילע פון אונז איז איצט קלאָר, אַז ס'איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך אין אָננעמען דעם געדאַנק וועגן עוואָלוציע און אין דער זעלבער צייט גלויבן אין אַ באַשעפער, וועלכער האָט איינגעשטעלט אין זייער אַן איינפאַכער פאָרם די אורשפּרינגלעכע אָרדענונג פון דער נאַטור.

„אין אַ טיפערן זין פּרובירט גאָרניט די עוואָלוציע־טעאָריע צו „דער־קלערן" זאַכן. אַלע פראַגן וועגן צוועק און באַדייטונג לאָזן די עוואָלוציאָניסטן איבער צו דער פילאָזאָפיע און רעליגיע. דאָס איז אַן ענדערונג צום בעסערן."

דער פאַרשעמטער „אַגנאָסטיציזם" פון די וויסנשאַפטסלייט אינעם ניינצעגטן יאָרהונדערט האָט אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ צו אַ פּראָקלאַמירונג פון „אַ באַשעפער". דאָס איז אַן אויס־געצייכנער ביישפּיל פון דעם „פּראָגרעס צוריק" פון דעם קאַפּיטאַליזם אין זיין שטופע פון צעפאַלונג. אַן אַנדער ביישפּיל פון אָט־דער ענדערונג האָט אונז געגעבן די אָנפראַגע וועגן דער „רעליגיע פון וויסנשאַפטסלייט", וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1932. אַ פראַגע־בויגן איז צוגעשיקט געוואָרן צו אַלע מיטגלידער פון דער „ראָיאַל סאָסייעטי". צוויי הונדערט האָבן גע־ענטפערט אויף די פראַגן. אָט זיינען די ענטפערס אויף די פּרינציפּיעלע פראַגן:

1. גלויבט איר אין דער עקזיסטענץ פון אַ גייסטיקער אויבערמאַכט?

121 האָבן געענטפערט „יאָ"; 66 האָבן געצווייפלט; 13 האָבן גע־ענטפערט „ניין".

2. קאָן דער גלויבן אין עוואָלוציע צוזאַמענלעבן זיך מיט דעם גלויבן אין אַ באַשעפער?

142 האָבן געענטפערט „יאָ"; 52 האָבן געצווייפלט; 6 האָבן געלייקנט.

3. לייקנט אויף די וויסנשאַפט דעם געדאַנק פון אַ פּערזענלעכן גאָט, ווי דאָס האָט געלערנט יעזוס קריסטוס?

103 האָבן געענטפערט צוגונסטן דעם קריסטנטום; 71 האָבן געצווייפלט; 26 האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן.

ווען מ'באַטראַכט ניט די צווייפלער, ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין קעגן איינעם האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ „גייסטיקער אויבערמאַכט". „גאָט" („באַשעפער") האָט געקראָגן די צושטימונג פון 23 קעגן איינעם. דאָס קריסטנטום האָט געוואונען באַ 4 קעגן איינעם. דאָס זיינען די ענטפערס פון אָנגעזעענע בורזשואַזע וויסנשאַפטסלייט אין יאָר 1932.

מיר פאַרנעמען זיך דאָ ניט מיט דער פילאָזאָפישער אָדער טעאָרעטישער באַדייטונג פון דער דאָזיקער טראַנספאָרמאַציע. וואָס עס איז פאַר אונז וויכטיק פאַר דעם איצטיקן צוועק איז די סאָציאַלע באַדייטונג און די ראָלע פון אָט־דער אַנטוויקלונג.

דער אַלגעמיינער פאַקט פון דער ענדערונג אין דעם בליק פון דער מאַיאָריטעט פון די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער וויסנשאַפט,

די הויך־פּראָקלאַמירטע באַוועגונג קעגן „מאַטעריאַליזם”, פאַר „די באַ־גרענעצונגען פון דער וויסנשאַפט”, און די שטרעבונג צו „אידעאַליזם” און רעליגיע איז אַ גוט־באַקאַנטע זאַך. אַף וויפיל אַט־די באַוועגונג פאַרכאַפּט אין דער ווירקלעכקייט די בעסערע בורזשואַזע וויסנשאַפטסלייט, אָדער די יונגערע שוועראַרבעטנדיקע וויסנשאַפטסלייט, איז ניט אַזוי וויכטיק ווי דער פאַקט, וואָס די הערשנדיקע אָפיציעלע איינפלוסן, סיי אין דער בורזשואַזער וויסנשאַפטלעכער וועלט, און סיי אין דעם אַלגעמיינעם בורזשואַזן געדאַנקען־גאַנג, שטיצן אַקטיוו און פאַרשפּרייטן אַף יעדן מעגלעכן אופן אַט־דעם געדאַנק.

וואָס איז אָבער ניט קלאָר פאַר אַלעמען איז די דירעקטע שייכות צווישן אַט־דער אידעאָלאָגישער נייגונג און דעם גאַנצן פּראָצעס פון דעם פאַנאַנדערפאַל פון קאַפּיטאַליזם. זי שפּיגלט אָפּ דעם קאַפּיטאַליזם אין צוזאַמענברוך און העלפט אים אָנגיין ווייטער אין דער ריכטונג. דער רעוואָלט קעגן דער וויסנשאַפט, וועלכן די בורזשואַזע געזעלשאַפט דערמוטיקט אידעאָ־לאָגיש, אין דער זעלבער צייט ווען זי נוצט אויס די וויסנשאַפט אין דער פּראַקטיק, איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן און פאַר־אורטיילטן סאָציאַלן קלאַס; עס איז אַ וויכטיקער טייל פון דער רעאַקציאָ־נערער קאַמפּאַניע. דאָס איז דער באַזיס, וואָס העלפט צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַלערליי שאַרלאַטאַנסקע שטיק פון שאָוויניזם, פון ראַסן־טעאָריעס, פון אַנטיסעמיטיזם, פון אַרישער אָפּשטאַמונג, פון מיסטישע סוואַסטיקעס, פון רעטער אין דער פאָרם פון אַ שטאַרקן מאַן, און פון דעם גאַנצן איבעריקן אומזין, מיט וועלכן דער קאַפּיטאַליזם קאָן נאָך ווי עס איז אָנהאַלטן זיין עקזיסטענץ פאַר אַ שטיקל צייט.

אַט־דער גאַנצער אומזין, ווען מען באַטראַכט די ספּעציעל־ווילדע שמד־שטיק פון אַ היטלער׳ן צי פון אַ געבעלס׳ן, קאָן אויסזען זייער נאַריש, אָדער אַפילו משוגע. אין דער אמת׳ן אָבער איז עס זייער אַ ראַציאָנאַלע און אויס־גערעכנטע זאַך פאַר די איצטיקע צוועקן פונעם קאַפּיטאַליזם; פּונקט אַזוי, למשל, ווי אַ מאַשין־ביקס אָדער דער באַרימטער זינאָוויעוו־בריוו. אַט־די משוגעת האָט אין זיך אַ געוויסן מעטאָד, ווייל דער קאַפּיטאַליזם קאָן מער ניט אַרויסשטעלן קיין ראַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג, קיין פּראָגרעסיווע ראָלע, קיין אידעאַל וואָס זאָל אַפּעלירן צו די מאַסן פון דער באַפעלקערונג. דעריבער קאָן ער בלויז שטרעבן צו ראַטעווען זיך אַף אַ כוואַליע פון אָבסקוראַנטיזם (קעגנערשאַפט צו פּראָגרעס), אַרויסשטעלנדיק פאַנטאַסטישע סימבאָלן און כלומרשטע אידעאַלן, כדי צו פאַרדעקן די ווירקלעכקייט פון די פאַרהאַסטע

געלט־זעק. דער פאַשיזם דערפירט דעם דאָזיקן פּראָצעס צו אַ גאַנץ באַ־שטימטער טעכניק.

אין איינקלאַנג מיט דעם רעוואָלט קעגן דער וויסנשאַפט גייט אָן די אַלגעמיינע קולטורעלע רעאַקציע, דער רעוואָלט קעגן קולטור, דער רעוואָלט קעגן בילדונג, די באַגרענעצונג פון דער בילדונג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די פאַרגרעסערטע רעאַקציאָנערע דיסציפּלין און די מיליטאַריזאַציע אין די שולן און אוניווערזיטעטן, און — דער לעצטער סימבאָל אין דער ריכטונג, ווי ער איז אַרויסגעוויזן געוואָרן דורך דעם פאַשיזם — פאַרברענען ביכער.*)

4. דער רעוואָלט קעגן „דעמאָקראַטיע" און פּאַרלאַמענט

אָט־דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און אידעאָלאָגישער פּראָצעס ווערט אויך אָפּגעשפּיגלט פּאָליטיש.

שוין אין דער צייט ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די אימפּעריאַליסטישע עפּאָכע, איז דער ליבעראַליזם און דער פּאַרלאַמענטאַריזם פאַקטיש געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע איז בעצם די פאָרם, דורך וועלכער די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע האָט אָנגעפירט איר קאַמף קעגן דעם

*) אַ צווייטע זייט פון דער אַנטי-אינטעלעקטועלער באַוועגונג פון דעם קאַפּי-טאַליזם אין זיין פאַלן, ווייזט אַרויס די פאָלגנדיקע ציטאַטע פון דעם טעכנישן זשורנאַל, „די אילוסטרייטעד קאַרפּענטער ענד בילדער":

„כדי אַן אַרבעטער זאָל קאָנען היינטיקע צייטן אָנקומען אַף אַ פאַבריק, מוז ער דורכמאַכן אַן 'אינטעליגענס טעסט'. אָט-די 'טעסטן' ווערן ניט אַלעמאָל דורכגעפירט מיט דעם צוועק אויסצוקלייבן דעם אינטעליגענטסטן אַרבעטער. פאַרקערט, אין אַ געוויסער פאַבריק האָט די פאַרוואַלטונג צו-געגעבן, אַז זיי באַנוצן דעם 'אינטעליגענס טעסט' כדי ניט צולאָזן די פייאיקערע און אינטעליגענטערע אַרבעטער, ווייל די אַרבעט איז אַזוי צע-טיילט און מעכאַניזירט, אַז די מאָנאָטאָנקייט ווירקט אַף די אינטעליגענטערע אַרבעטער, זיי זאָלן ווערן קאָמוניסטן."

עס איז אַ מערקווירדיקע אָנדייטונג אַף דער סאָציאַלער און קולטורעלער צע-פוילטקייט, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם אין זיינע לעצטע שטופן אַנטהאַלט אין זיך, ווען מ'באַנוצט דורכגעטראַכטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן אַף צו באַזייטיקן אינ-טעליגענטע אַרבעטער, ווייל די אינטעליגענטע אַרבעטער ווערן קאָמוניסטן.

פּעאָדאַליזם און די אַלטע פאָרמען פון פּריווילעגיע, מיטשלעפּנדיק דעם אַרבעטער־קלאַס אין איר קאַמף. אַף אָט־דעם באַזיס איז אויפגעבויט געוואָרן דער ליבעראַליזם אין זיינע האָניק־טעג אין דעם נייַנצענטן יאָרהונדערט. די בורזשואַזע ליבעראַלע פּאָליטיק האָט נאָכגעשלעפּט די אַרבעטער נאָך זיך. ס'איז דער פאַרדינסט פון מאַרקסיזם, וואָס ער האָט צעשטערט די דאָזיקע פּאַרשקלאַפונג. אין ענגלאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־מאָנאָפּאָל האָט געגעבן דער בורזשואַזיע ריזיקע מיטלען און די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ פּריווילעגירטן טייל פון דער מינאָריטעט פון די אַרבעטער, האָט דער מאַרקסיזם געמאַכט דעם קלענסטן פּראָגרעס; דעריבער האָט די ליבעראַלע לעיבאָר־פּאָליטיק אָנגעהאַלטן דאָרט לענגער ווי וואו עס איז אַנדערש.

ווען דער קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אַלטן קאַמף קעגן די פּאַר־בורזשואַזע פאָרמען, האָבן אָנגעהויבן פאַרקומען פּאָליטישע ענדערונגען. די אַלטע ליבעראַלע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן זייער פּלאַץ צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די בורזשואַזיע האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן פאַר־אייניקן מיט די רעשטלעך פון די אַלטע כחות (מאָנאַרכיסטישע, מיליטאַריס־טישע, פּריצישע). אָבער די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע איז אָנגעהאַלטן געוואָרן פון דער בורזשואַזיע אַלס דער ניצלעכסטער באַזיס אַף אָפּצונאַרן די מאַסן און צוריקהאַלטן דעם קלאַסן־קאַמף, אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער מיט אַזעלכע מיטלען.

איצט אָבער, ווען די פאַרשטאַרקונג פון דעם קלאַסן־קאַמף קאָן מער ניט אָפּגעהאַלטן ווערן דורך אַזעלכע פאָרמען, טרייסלט זיך די בורזשואַזיע אָפּ פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע און נעמט אָן אָפּענערע און דירעקטערע פאָרמען פון צוואַנג־ און פון אויטאָריטעטן־שטאַט. דאָס הויבט אָן צו דינען אַלס אַ מאָס פאַר דער שוואַכקייט פון דער בורזשואַזיע.

אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, ד. ה. אין דער עפּאָכע פון צענטראַליזירטן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, נעמען אָן די פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע פאָרמען אַלץ מער אַ כאַראַקטער פון אַ קאַריקאַטור. אין דער צייט וואָס אויסערלעך האָט די פאַרשפּרייטונג פון שטים־רעכט כלומרשט פאַרגרעסערט די „דעמאָקראַטיע", איז אָבער אין דער אמת'ן די רעגירונגס־ראָלע אַלץ מער אַריבערגעגאַנגען פון דעם פּאַרלאַמענט צו דער עקזעקוטיווער מאַכט, צום קאַבינעט, און פון דעם קאַבינעט צום אינערן־קאַבינעט, און אַפילו צו די אויסער־פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען (ווי צום ביישפּיל, דעם קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער אימפּעריע אין ענגלאַנד). אַזוי

איז געווען מיט דער צוגרייטונג פון דער מלחמה אין 1914: פארגלייכט די דערקלערונג פון דעם קאָנסערוואַטאָר, לאָרד סעסיל, אַז די מלחמה איז באַשטימט געוואָרן „ניט פונעם פּאַרלאַמענט אָדער פון וועלכער עס איז דערווײַלטער קערפּערשאַפט, נאָר פון די מיניסטאָרן און געוועזענע מיניסטאָרן". (דער בריוו צו דער „טאַימס", פון דעם 29טן אַפּריל, 1916). לויט דער ווירקלעכקייט פון דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, איז די רוטין פון דער רעגירונג פּאַקטיש געווען אין די הענט פון אַ מער פאַרשטאַרקטער און צענטראַליזירטער ביוראָקראַטיע. דער איינפלוס אויף דער פּאָליטיק און די באַשלוסן וועגן דער פּאָליטיק ליגט אין די הענט פון אַ הייפל פירער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אין דער זעלבער צייט ווערט דער פּאַרלאַמענט אָנגעהאַלטן אַלס אַ צירק. פאַראַנטוואָרטלעכע מיניסטאָרן, וואַלן און כלומרשט־אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען ווערן אָנגעהאַלטן אַלס אַ דעקאָראַטיווע צוטשעפּעניש צו דער קאָנסטיטוציע. דאָס זעלבע האָט זיך געלאָזט מערקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד.

דער ליבעראַליזם האָט געבליט אין דער ערשטער צייט פון דעם אימפּעריאַליזם אָדער אין דעם פאַר־מלחמה פּעריאָד — אָבער אין זײַן נײַער פאָרם פון אַ ליבעראַלן אימפּעריאַליזם מיט זײַן באַטריגערישער פּראָגראַם פון „סאָציאַלע רעפאָרמען". די אויסערגעוויינלעכע פּראָפיטן פון דעם אימפּעריאַליזם האָבן באַזאָרגט די אימפּעריאַליסטישע לענדער מיט גענוג מיטלען צו פּרואוון אָפּקויפן דעם רעוואָלט פון די פּאָרגעשריטענע אַרבעטער מיט קליינלעכע קאָנצעסיעס צו אַ מינאָריטעט פון זיי. ביסמאַרק האָט געוויזן דעם וועג ווי אַזוי אויסצונוצן „סאָציאַלע רעפאָרמען" און אין דער זעלבער צייט אָנווענדן געוואַלט כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר דעם פאָרשריט פון סאָציאַליזם. אויף דעם באַזיס פון אימפּעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע איז באַשאַפן געוואָרן ללאָיד דזשאָרדזש'ס רענעסאַנס פון סאָציאַל־רעפאָרמיסטישן ליבעראַליזם אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (וועלכער האָט, אגב, געהאַט קורצע יאָרן). אָט־דער ליבעראַליזם האָט פּרובירט צו פאַרהאַלטן די שטייגנדיקע כוואַליע פונעם פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד מיט אַ הויך־רעקלאַמירטן צירק פון קאָנצעסיעס און דאגות „וועגן דער לאַגע פון דעם פאָלק", און מיט שרייענדיקע קאַמפּאַניעס פון שילטן די לענדלאָרדס (פּריצים) און די אַריסטאָקראַטיע, אין דער צייט ווען מען האָט דורכגעפירט די אמת'ע צוועקן פון אימפּעריאַליזם און מלחמה־צוגרייטונגען און ווען אַלע כוחות פון דעם שטאַט זײַנען אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס.

נאָך דער מלחמה האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און לייבאָר־פּאַרטייען פּרובירט אָנפירן די ראָלע פון סאָציאַל־רעפאָרמיסטיש־ליבעראַלן אימפּעריאַליזם, נאָר אונטער גאָר אַנדערע באַדינגונגען — אַף אַ שטופּע פון אַ פיל העכערן קלאַסן־קאַמף און אין אַ צייט פון אַ קריזיס און צוזאַמענברוך פון דעם קאַפּיטאַליזם. דערפאַר האָבן זיי ניט געקאָנט דערגרייכן די נויטיקע מאָס פון דערפאָלג. זייערע ווענדונגען צו די מאַסן צו שטיצן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעפאָרמיזם האָבן מער ניט אַרויסגערופן קיין ענטוזיאַזם. די רעפאָרמען, וועלכע זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן, זיינען געווען באַגרענעצט דורך דעם עקאָנאָמישן קריזיס, דורך די אָפּגעשוואַכטע פינאַנסן פונעם שטאַט, און דורך דעם לאַסט פון די מלחמה־חובות, וואָס זיי האָבן געמוזט צאָלן. די אונטערדריקונגען און די גוואַלט־מיטלען, וואָס זיי האָבן געמוזט אָנווענדן קעגן דעם קלאַסן־קאַמף, זיינען געווען פיל שטאַרקער.

אָבער אַפילו דאָס ביסעלע סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע קאָנצעסיעס האָט געמוזט צוזאַמענברעכן אונטער דעם דרוק פונעם עקאָנאָמישן קריזיס. צוליב די שטייגנדיקע אויפשטאַנדן פון די קאָלאָניאַלע פעלקער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פונדאַמענט פונעם אימפּעריאַליזם. עס איז פאַרקלענערט געוואָרן דער שטראָם פון די אויסערגעוויינלעכע פּראָפיטן. עס איז שטאַרקער געוואָרן דער צוזאַמענשטויס פון די קאָנקורירנדיקע מאָנאָפּאָליסטישע קאַפּיטאַליזמען. עס האָט זיך געמוזט אָנפאַנגען אַ פאַרקערטע באַוועגונג: ניט צו פאַרגרעסערן סאָציאַלע קאָנצעסיעס, נאָר פאַרקערט, שניידן און אַפילו אינגאַנצן צוריקציען די קאָנצעסיעס, וואָס זיינען שוין געגעבן געוואָרן. אָט־דער פּראָצעס האָט געהאַט זיין שטאַרקסטע דעמאָנסטראַציע אין דער געשיכטע פון דער צווייטער אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד, אין איר פאַלן און אין דעם קריזיס פון 1931.

פון דעם מאָמענט אָן ווערט דער קלאַסן־קאַמף געצוואונגען אָנגעפירט צו ווערן מער אָפן, דורכצורייסן דעם דינעם שלייער פון ליבעראַלע און פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע אילוזיעס. אַפילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געצוואונגען געוואָרן צו רעדן וועגן דעם „צוזאַמענברוך פון רעפאָרמיזם", און דעם „סוף פון סאָציאַלע רעפאָרמען" און דער לאָגישער אומפאַרמיידלעכקייט אַ „פראָנט אַטאַקע" אַף דעם קאַפּיטאַליזם, ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי אין 1932. צו דער זעלבער צייט איז זי געצוואונגען געווען אין דער פּראַקטיק נאָך מער צו פאַראייניקן זיך מיט דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם און צו אונטערדריקן די אַרבעטער. דער צוזאַמענשטויס צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם קאַפּי־

טאַליזם קאָן מער ניט פאַרדעקט ווערן דורך ליבעראַלע און רעפאָרמיסטישע אָנשטעלן, אַז מען וויל כלומרשט פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון די אַרבעטער אונטער דעם קאַפּיטאַליזם.

פון דעם מאָמענט אָן ווערן אַלץ שטאַרקער די פאָדערונגען מצד די פאָרשטייער פון קאַפּיטאַליזם אָפּצושליידערן אָן א זייט די מאָדיפיצירונגען פון די אַלטע פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע פאָרמען, וועלכע דינען מער ניט זייערע צוועקן, און איינצופירן מער אָפן פאַרשטאַרקטע פאָרמען פון אונטערדריקונג און דיקטאַטור. מ'הויבט אָן אַלץ אָפענער און אָפטער אַרויס־טרעטן קעגן „דעמאָקראַטיע" און „פּאַרלאַמענט", קעגן וועלכע מ'איז שוין אַרויסגעטראָטן אין די בורזשואזע קרייזן נאָך פאַר דער מלחמה, נאָר ווען אַזאַ דירעקטער אויסדרוק האָט זיך געהערט בלויז אין די רעאַקציאָנערע קרייזן. אַזוי האָט אָוען יאָנג אָנגעהויבן פאָדערן צו דערקלערן א „יום־טוב" פאַר די פּאַרלאַמענטן („אויב ס'איז גוט א יום־טוב פאַר באַוואָפענונגען, איז א יום־טוב פאַר פּאַרלאַמענטן נאָך בעסער".—אָוען יאָנג'ס רעדע אין ניו יאָרק, דעם 6טן דעצעמבער, 1930.); אָדער סער וויליאַם בעווערידזש האָט געפאָדערט א „וועלט־דיקטאַטאָר" (זיין לעקציע אין פעברואַר, 1932); אָדער די דערקלערונג, וואָס גאָרדאָן סעלפרידזש האָט געמאַכט, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן פון זיין רייזע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז „אַלס אַן אַמעריקאַנער האָט ער גערעדט צו פופציק פאָרשטייער אין אַמעריקע און האָט צווישן זיי ניט געפונען קיין איין איינציקן, וואָס האָט ניט איינגעשטימט מיט אים, אַז אין אָט־דעם גרויסן לאַנד קאָן דעמאָקראַטיע בשום אופן ניט זיין דערפאָלגרייך אַלס א רעגירונג־סיסטעם . . . א לאַנד מוז פאַרוואַלטעט ווערן ווי א גרויס געשעפט." („טאַימס", 22טן יוני, 1932). אָט־די און טויזנטער אַנדערע אויסדרוקן באַווייזן דעם איצטיקן בליק פון די פאָרשטייער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און ווערן געשטיצט אין א סקעפּטישן טאָן פון די פּאַרלאַמענטאַריער גופא, פון דעם אָפענעם אַנטי־פּאַרלאַמענטאַרישן טאָן מצד דער פּרעסע, אָדער פון דער פריער „פּראָגרעסיווער" ליטעראַרישער אינטעליגענץ (בערנאַרד שאָו, ה. דזש. וועלס), ניט ווייניקער ווי די דירעקטע אַטאַקעס פון א טשוירטשיל, לאָיד דזשאָרדזש אָדער טאַרדיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און לייבאָר־פּאַרטייען, וועלכע באַוועגן זיך פּאַראַלעל מיט דעם קאַפּיטאַליזם, מאַכן דורך די זעלבע ענדערונג אין זייער בליק אויף זאַכן און הויבן אָן אַלץ מער רעדן וועגן דער „באַגרענעצונג פון פּאַרלאַמענט" און דער נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן די „דיסציפּלין" און „אויטאָריטעט" פון דעם שטאַט (דער „נעאָ־סאָציאַליזם" אין פראַנקרייך,

די פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָציאַליסטישער ליג אין ענגלאַנד; זע אויך לאַסקי׳ס בוך, „דער קריזיס אין דער דעמאָקראַטיע", 1933, און וואַנדער־וועלדע׳ס בוך, „ל׳אַלטערנאַטיוו" [דער אויסוועג], 1933, וועלכע באַווייזן אַף וויפיל עס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַלטע אַבסטראַקט־דעמאָקראַטישע באַגריפן.)

די פּראַקטיק פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם גייט אַלץ מער איבער פון פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע פּאָרמען צו שטאַרקערע גוואַלט־מיטלען און קלאַסן־דיקטאַטור. דאָס באַציט זיך ניט נאָר אַף די אָפן־פאַשיסטישע שטאַטן, נאָר אויך אַף דער אַלץ קלענערער צאָל פון אימפּעריאַליסטישע שטאַטן, וועלכע פאַרבלייבן נאָך אָפיציעל „דעמאָקראַטיש". די ספּעציעלע מאַכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן רוזוועלט׳ן, די נאַציאָנאַלע רעגירונג אין ענגלאַנד, שטעלן מיט זיך פאָר געוויסע שטופּן אין דעם פּראָצעס פון אָט־דער טראַנספאָרמאַציע, וועלכע זיינען אין פילע הינזיכטן ענלעך צו דעם ברינינג־פּעריאָד אין דייטשלאַנד. מאָדערנע געזעצגעבונג פאַרגרעסערט די מאַכט פון די עקזעקוטיווע קערפּערשאַפטן, פון דער ביוראָקראַטיע און דער פּאָליציי, באַשרענקט אַלץ מער די גרענעצן פון דער לעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דעם רעכט צו האָבן פאַרזאַמלונגען און אָרגאַניזאַציעס און דאָס רעכט צו סטרייקן. אָט־דער פּראָצעס פון דער „טראַנספאָרמאַציע פון דעמאָקראַטיע" אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער פון מערב און די ווייטערדיקע צוגרייטונגען פון דעם באָדן פאַר דעם פאַשיזם וועלן מער באַטראַכט ווערן אין א ווייטערדיקן קאַפּיטל.

דער שטראָם קעגן פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע שלאָגט פון אַלע זייטן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין אויסגעשעפּט איר נוצלעכקייט. אָבער די ווירקלעכע פּראָבלעם ווערט אָפּטמאָל פאַרפלאָנטערט פון וואולגאַרע פּראָפּאַגאַנדיסטן דורך דעם, וואָס זיי באַטראַכטן דעם אָנגריף אַף דער „דעמאָקראַטיע" אַלס אַן אָנגריף פון קאָמוניזם און פאַשיזם. פּונקט פאַרקערט. די קריטיק פון קאָמוניזם אָדער מאַרקסיזם קעגן קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע איז ניט וואָס זי איז „צו דעמאָקראַטיש", נאָר אַז זי איז „ניט גענוג דעמאָקראַטיש", אַז זי איז אין דער אמת׳ן ניט מער ווי א באַטריגערישער שלייער פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, און אַז אמת׳ע דעמאָקראַטיע פאַר אַרבעטער קאָן דערגרייכט ווערן נאָר ווען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור צעברעכט די מאַכט פונעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. פון דער אַנדערער זייט איז די באַוועגונג פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם קעגן דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע א באַוועגונג צו פאַרשטאַרקן

די אונטערדריקונג פון דעם ארבעטער־קלאַס און איינפירן אַן אָפענע דיק־טאַטור פונעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם. אַ קלאָרער באַגריף וועגן דעם אונטער־שייד צווישן אַן אָליגאַרכישער דיקטאַטור און פרייהייט פונעם ארבעטער־קלאַס מאַכט אַ סוף צו דער אַלטער נעץ פון אילוזיעס וועגן בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

5. „נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַפרידיקונג"

אַ נאָך שטאַרקערער אויסדרוק פון די מאָדערנע טענדענצן פון קאַפּי־טאַליזם ווייזט זיך אַרויס אין דער באַוועגונג צו דער אַזוי־גערופענער „נאַציאָ־נאַלער זעלבסט־באַפרידיקונג", אָדער „אויטאַרכיע", אָדער „נאַציאָנאַלע פּלאַנירונג", אָדער „איזאָלאַציאָניזם", א. ד. גל. אָט־די טענדענץ האָט זיך אַמשטאַרקסטן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זינט דעם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס און האָט זיך אָנגעהויבן באַפעסטיקן זינט דעם צוזאַמענברוך פון דער עקאָנאָמישער וועלט־קאָנפערענץ. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז אַ לאָגישער שלוס פון דעם אימפּעריאַליסטישן צוזאַמענברוך.

וועגן אָט־דער טענדענץ אַלס די הערשנדיקע טענדענץ אין דער לעצטער פּאַזע פון דער וועלט־פּאָליטיק, האָט דער עקאָנאָמישער עקספּערט פון דער פעלקער־ליג, סער אַרטור סאָלטער, געשריבן אין זיין בוך, „ריקאָווערי", אין 1931 :

„דער וועלט-האַנדל קאָן באַגרענעצט ווערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דורך דעם, וואָס יעדעס לאַנד וועט אָפּשטעלן דעם אימפּאָרט פון יעדער זאַך, וועלכע עס קאָן באַ זיך אַליין פּראָדוצירן (פאַר וואָס פאַר אַ פּרייז עס זאָל ניט זיין). אַף אַזאַ אופן קאָן אַמעריקע אָפּשליסן זיך פון דער איבעריקער וועלט דורך דעם, וואָס זי וועט אָפּשטעלן אָדער כמעט אָפּזאָגן זיך פון אירע אינוועסט-מענטס אין אַנדערע לענדער, מקריב זיין איר עקספּאָרט, און קולטיווירן אַן איזאָלירטע זעלבסט-באַפרידיקונג אַף אַ נידעריקערער שטופע, וועלכע וועט דורך דעם אַרויפגעצוואונגען ווערן. ווען די וועלט זאָל זיך פאַרשליסן פאַר איר, וואָלט ענגלאַנד געצוואונגען געוואָרן צו באַגרענעצן איר האַנדל בלויז מיט אירע קאָלאָניעס, אַף וויפיל דאָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן, און קעגן די פּרינציפּן און טראַדיציעס פון איר געשיכטע עקספּלואַטירן בלויז אירע דאָמיניאָנס. אַן אַנטוויקלונג אין אַזאַ ריכטונג וואָלט געמיינט אַ פאַרלוסט צו יעדן לאַנד, וואָלט פאַראָרעמט אַזעלכע לענדער ווי די שווייץ, וועלכע האָט ווייניק אייגענע אוצרות, און וואָלט פאַרוואַנדלט די וועלט אין אָפּ-געזונדערטע גרופּן, וועלכע וואָלטן שנעל געפערלעך געוואָרן איינע פאַר דער

צווייטער און פאר דעם וועלט-פרידן. און אין דער ריכטונג באוועגט זיך איצט די וועלט." („ריקאווערי", פון סער ארטור סאלטער, זז. 192-193.)

די דאזיקע באשרייבונג, הגם זי ברענגט ארויס ריכטיק איין זייט פון דער טענדענץ און ווייזט אן ביז א געוויסן גראד דעם מעגלעכן אויסגאנג, איז ניט אינגאנצן א ריכטיקע באשרייבונג פון דעםווירקלעכן פראצעס. ווייל אין דער צייט, וואס די פראפאגאנדע רעדט וועגן אינערלעכער זעלבסט־באפרידיקונג, פארבלייבט די פאליטיק אין דער ווירקלעכקייט א קאמף צווישן די אימפעריאליסטישע מלוכות פאר דעם וועלט־מארק, טאקע אף דעם באזיס פון אט־דער פארשטארקטער אינערלעכער ארגאניזאציע.

דער פאקט איז, אז די באוועגונג פאר א געשלאסענער מאנאפאליסטישער טעריטאריע איז גארניט קיין נייע. זי איז אן אינערלעכער טייל פון דער גאנצער אנטוויקלונג פון אימפעריאליזם, וואס זיין כאראקטער בעצם איז צו מאכן א סוף צום פרייען האנדל. וואס עס איז ניי אין דעם, איז בלויז דער אויסער־געוויינלעכער אימפעט, מיט וועלכן די דאזיקע מאנאפאליסטישע פאליטיק ווערט איצט דורכגעפירט, און די פילע קאמפליצירטע וואפן, מיט וועלכע מ'זוכט זי צו פארווירקלעכן.

עס ווערן אנגעווענדט ניט נאר די אלטע וואפן פון טאריף, וועלכע ווערן איצט געבראכט צו אן אומדערהערטער הויך, נאר א גאנצע מאסע פון נייע וואפן — פארשיידענע שטייערן, וועלכע ווערן פלוצלונג ארויפ־געלייגט, קוואטעס, עמבארגאס, באגרענעצונגען אף דער בירזשע, געלט־קאנטראל, קאמפליצירטע האנדלס־פארבינדונגען, סובסידיעס פונעם שטאט און א דירעקטער עקאנאמישער קאנטראל פונעם שטאט — דאס אלץ ווערט איצט אריינגעבראכט פון די אימפעריאליסטישע ריזן אין זייער אלץ־שטארקערן קאמף פאר פארמאכטע מערק, פאר פריווילעגירטע געביטן פון עקספלואטאציע און פאר דעם קאנטראל פון די קוואלן פון רויע מאטעריאלן.

דער פארשטארקטער צוזאמענשטויס צווישן די אימפעריאליסטישע מלוכות פאר דעם פארקלענערטן וועלט־מארק פארוואנדלט אט־די אנטוויקלונג פון באנוצן זיך מיט נייע און שארפערע וואפן פון עקאנאמישער מלחמה און הויפטזאכלעך די רעאקציאנערע דערשטיקונג פון דעם פרייען וועלט־האנדל ניט נאר אין א נארישער און טעות'דיקער פאליטיק פון געוויסע שטאטסלייט, נאר ברענגט צו דער אומפארמיידלעכער אנטוויקלונג פון די אינערלעכע געזעצן פון אימפעריאליזם. אומזיסט שטרעקן אויס די טעא־רעטישע עקאנאמישע עקספערטן פון דער פעלקער־ליג אין פארצווייפלונג

זייערע הענט און באַקלאָגן דעם גוואַלדיקן „פּאַרלוסט" און די „פּאַראָרימעט־קייט", וואָס ווערן אַרויסגערופן פון אַזאַ פּאָליטיק; אומזיסט פירן דורך די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פון עקאָנאָמישע עקספּערטן, ווי דאָס איז גע־ווען אין זשענעווע אין 1927, איינשטימיקע רעזאָלוציעס, וואָס פאַרדאַמען דעם צעשטערנדיקן באַרבאַריזם פון אַזאַ פאַרשטאַרקטער עקאָנאָמישער מלחמה, און מאַכן אויפרופן מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר. די ווירקלעכקייט באַוועגט זיך פּונקט להיפּוך צו אָט־די רעזאָלוציעס. ווייל ס'איז ניטאָ קיין וועלט־קאַפּיטאַליזם, וועלכער זאָל אָננעמען אָט־די „אויפגעקלערטע פּאָליטיק" פון די עקאָנאָמישע טעאָרעטיקער און כלומרשטע רעפאָרמער פון קאַפּיטאַליזם. אין דעם שטעקט דער קאַרדינאַלער טעות פון די סאָלטערס און זייער גלייכן. עס איז דאָ בלויז דער ווידערשפּרוך צווישן די קאָנקורירנדיקע אימפּעריאַליס־טישע מלוכות; און אין די באַדינגונגען פון אָט־דעם קאַמף זענען ניט איין די שטאַטסלייט און די פירער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, ווי עס זאָל זיי ניט פאַרדריסן די באַטרעפנדיקע פאַרלוסטן, קיין אַנדער פּאָליטיק אויף זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג. דער פינאַנץ־מיניסטער פון ענגלאַנד האָט ערב דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ דערקלערט וועגן דער נויט־ווענדיקייט פון אָנהאַלטן די עקאָנאָמישע מלחמה אַזוי:

> „ווי עס זאָל אונדז אַלעמען ניט פאַרדריסן די עקאָנאָמישע מלחמה, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן צווישן אונדז און אַנדערע לענדער, מוזן מיר אָנהאַלטן אָט־די מלחמה אַזוי לאַנג, ווי די אַנדערע לענדער זיינען אַגרע־סיוו." (נעוויל טשעמבערליין, אין זיין רעדע אין פּאַרלאַמענט דעם 2טן יוני, 1933.)

„מיר מוזן אָנהאַלטן אָט־די מלחמה"; שולדיק זיינען „די אַנדערע לענדער". דאָס איז דער טאָן פון אַלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

דער ווירקסטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון דעם איצטיקן פּעריאָד איז געווען דער איבערגאַנג, וואָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט געמאַכט אין 1932, ווען ער האָט פאַרביטן דעם פרייען האַנדל מיט אַן אַלגעמיינעם טאַריף און איינגעפירט די פּאָליטיק פון אַ פאַרשלאָסענער אימפּעריע. דער פרייער האַנדל, וועלכער האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן אין ענגלאַנד, האָט אָפּגעשפּיגלט די איבערבלייבעכצן פון דער אַלטער קאָמערציעלער און פינאַנציעלער וועלט־באַהערשונג. טשעמ־בערליינ'ס פּראָפּאַגאַנדע אין אָנפאַנג פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן נאָך דער מלחמה פאַר אַן עקאָנאָמישער איינהייט פון דער אימפּעריע, האָט באַוויזן ווי שטאַרק עס האָבן געדריקט די נייע

כוחות. אפילו אַזוי שפּעט ווי אין 1926 האָט דער מאַניפעסט פון די באַנקירן גערופן צו פאַרקלענערן טאַריפן און צו אַ פרייען האַנדל. אָבער דער מאַני־פעסט פון די באַנקירן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1930 און אונטערגעשריבן געוואָרן פון אַלע וויכטיקסטע פינאַנציעלע פירער, האָט באַ־וויזן די אַנטשלאָסענע ענדערונג מיט דער פאָלגנדיקער דערקלערונג:

„וואָס עס איז וויכטיק איצט אַף צו פאַרזיכערן און צו פאַרשפּרייטן דעם מאַרק פאַר ענגלישע סחורות, איז איינצושטעלן גלייך האַנדלס־אָפּמאַכן צווישן די פעלקער, וועלכע שטעלן צוזאַמען די בריטישע אימפּעריע.

„אַלס אַ באַדינג, אַף צו פאַרזיכערן אַזעלכע אָפּמאַכן, מוז ענגלאַנד אָנ־האַלטן דעם אָפענעם מאַרק פאַר אַלע פּראָדוקטן פון דער אימפּעריע און גרייט זיין אַרויפצולייגן אָפּצאָלונגען אַף אַלע סחורות, וואָס ווערן אַריינגעפירט פון אַנדערע לענדער."

די קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אָטאַוואַ אין 1932, האָט אונטערגעשטראָכן דעם פאַרזוך דורכצופירן אָט־די פּאָליטיק. הגם וואָס איז שייך די דאָמיניאָנס האָבן די קאָנצעסיעס פון ענגלאַנד געבראַכט קנאַפּע און צווייפלהאַפטע רעזולטאַטן, ווערט אָט־די פּאָליטיק זייער שטרענג אָנ־געווענדט בנוגע אינדיע און די ענגלישע קאָלאָניעס. די האַנדלס־פאַרהאַנד־לונגען, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן בנוגע ספּעציעלע אָפּמאַכן, די קוואָטע, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן און די אָנווענדונג פון דעם געלט־וואָפן, וועלכער האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן אַ „בלאָק פון דעם ענגלישן פונט" — דאָס אַלץ שטרייכט אונטער די אַנטוויקלונג פון דער נייער סיסטעם.

עס ווערן אָפט געמאַכט פאַרזוכן אַרויסצושטעלן די נייע פאַזע פון דעם פאַרשטאַרקטן מאָנאָפּאָליסטישן קאָנפליקט אין אַן אידעאַליסטישער פאָרם, אונטער אַ שלייער פון אויפרופן פאַר „נאַציאָנאַלער פּלאַנירונג", „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרידיקונג" א. ד. גל., אָדער צו פאַרגלייכן זי מיט דעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג פון דעם סאָוועטישן פינף־יאָר־פּלאַן, וועלכער איז לחלוטין אַנדערש.

ווען די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן אָנגעהויבן פאַרגלייכן דעם דייטלעכן עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנאַרכיע מיט דעם גלייכצייטיקן גיגאַנטישן פאָרשריט פון דעם סאָוועטישן פינף־יאָר־פּלאַן, האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן וועגן „פּלענער". אין 1931 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אַן אַלוועלטלעכער פּלאַנירונג־קאָנגרעס. אַ מאַסע מפל'דיקע פּלענער פאַר אַ פינף־יאָריקן פּלאַן, צען־יאָריקן פּלאַן, און צוואַנציק־

יאָריקן פּלאַן זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער קאָנגרעס פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס, אין איינקלאַנג מיט זיין פּאָליטיק פון פֿאַראייניקן זיך מיטן קאַפּיטאַליזם און פֿאַרגעטערן דעם „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", האָט אין יאָר 1931 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט דערקלערט:

„דערדאָזיקער קאָנגרעס באַגריסט די איצטיקע טענדענץ אָנצופירן אַ געפּלאַנטע און רעגולירטע ווירטשאַפט אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן." (די רעזאָלוציע פון דעם טרייד-יוניאָן קאָנגרעס אין בעלפאַסט אין 1931.)

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די באַשרייבונג פון דעם אמת'ן פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין דער ווירקלעכקייט, איז לחלוטין אַ ליגנערישע. די באַדינגונגען פון פּריוואַט־אייגנטום אַף פּראָדוקציע־מיטלען און די פּראָדוקציע פֿאַר פּראָפיטן מאַכן אוממעגלעך די עלעמענטאַרע באַדינגונגען פֿאַר אַן אמת'ער וויסנשאַפטלעכער עקאָנאָמישער פּלאַנירונג, וועלכע פאָדערט, אַז די פּראָדוקציע־מיטלען זאָלן געהערן צום שטאַט און אַז די פּראָדוקציע זאָל זיין אָרגאַניזירט פֿאַר דעם געברויך. די ווירקלעכקייט, וועלכע ווערט אין דער רעזאָלוציע באַשריבן אַלס „אַ פּלאַנירטע און רעגולירטע ווירטשאַפט אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן", איז אין דער אמת'ן אַ פֿאַרשטאַרקטע מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַ געוויסער אימפּעריאַליסטישער (און ניט נאַציאָנאַלער) געגנט פֿאַר דעם צוועק פון אַ פֿאַרשאַרפטן אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליסטישן צוזאַמענשטויס און פֿאַר אַ פֿאַרגרעסערטער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער.

אַף וויפיל די פֿריערדיקע פּראָגרעסיווערע עלעמענטן פונעם קאַפּיטאַליזם גייען אַריבער צו דער נייער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק, ווערט אילוסטרירט דורך דער געענדערטער שטעלונג פון דעם פֿריער־אָנפֿירנדיקן ליבעראַלן עקאָנאָמיסט קעינס אין זיינע אַרטיקלען וועגן „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפֿרידיקונג", וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן דעם 8טן און 15טן יולי, 1933. קעינס שרייבט:

„ווי די מייסטע ענגלענדער, בין איך דערצויגן געוואָרן צו רעספּעקטירן דעם פֿרייען האַנדל ניט נאָר אַלס אַן עקאָנאָמישע לערע איז וועלכער קיין איין געבילדעטער מענטש האָט ניט געקאָנט צווייפלען, נאָר אויך כמעט אַלס אַ טייל פון דעם מאָראַלישן געזעץ. יעדע אָפּנייגונג פון דעם פֿרייען האַנדל האָב איך באַטראַכט אַלס אַ נאַרישקייט און אַ שאַנדע. איך האָב געדענקט, אַז דער פֿרייער האַנדל, וועלכן ענגלאַנד האָט אָנגעהאַלטן אין אַ משך פון איבער הונדערט יאָר, האָט געדינט אַלס אַ דערקלערונג פֿאַרן מענטשן

און אַלס אַ באַרעכטיקונג פאַר גאָט פון איר עקאָנאָמישער איבערמאַכט.
אַפילו אין 1922 האָב איך נאָך געשריבן, אַז דער פרייער האַנדל איז באַזירט
אַף פונדאַמענטאַלע אמת'ן, וועלכע יעדער איינער, וואָס איז פּייאיק צו פאַר-
שטיין די באַדייטונג פון די ווערטער, קאָן ניט אָפּלייקענען"
„ווען איך באַטראַכט אָבער איצט די באַהויפּטונגען, וועלכע איך האָב
דעמאָלט געמאַכט וועגן די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע אמת'ן, געפין איך ניט, אַז
איך זאָל מיט זיי ניט שטימען. מיין געדאַנק האָט זיך אָבער אַנדערש אָריענ-
טירט; און איך בין נאָר איינער פון פילע, וואָס האָבן אַזוי געענדערט
זייער מיינונג."

ער ווייזט נאָכדעם אָן אַף די פילע חסרונות, וועלכע ער האָט איינגעזען אין דער סיסטעם פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם, און קומט צו אַזאַ שלום:

„איך סימפּאַטיזיר מיט די יעניקע, וועלכע מינימיזירן די עקאָנאָמישע
סיכסוכים צווישן פעלקער... איך בין געניגט צו גלויבן, אַז ווען דער
איבערגאַנג וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט אַ גרעסערע מאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט-
באַפרידיקונג און עקאָנאָמישע איזאָלאַציע צווישן פעלקער, ווי ס'איז געווען
ביז 1914, דינען דעם צוועק פון פרידן, און ניט פאַר קריג."

נאָך מער, ער דערקלערט:

„מיר ווילן זיין אַזוי פריי, אַף וויפיל מיר קאָנען זיך נאָר באַפרייען
פון דער אויסערלעכער וועלט... אידייען, וויסן, קונסט, פריינטשאַפט, רייזעס
— דאָס זיינען זאַכן וועלכע מוזן, לויט זייער כאַראַקטער, זיין אינטער-
נאַציאָנאַל. זאָלן אָבער סחורות געמאַכט ווערן באַ זיך אין לאַנד, ווען דאָס
איז נאָר מעגלעך דורכצופירן, און דאָס וויכטיקסטע איז, זאָלן די פינאַנצן
זיין נאַציאָנאַל."

עס איז קלאָר, אַז קעינס'עס אויסזיכט האָט אָנגעהויבן ווערן ענלעך צו היטלער'ס. דאָס איז אַ וויכטיקער שטריך פון דעם קאַפּיטאַליזם אין זיין צוזאַמענברעכן.

מען דאַרף אָבער ניט מיספאַרשטיין די פּראַזעאָלאָגיע פון אַ קעינס'ן אָדער פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן, וואָס ווילן איינפירן אַ „נאַציאָנאַלע פּלאַנירונג". די פאַרשפּעטיקטע אַנטדעקונג, וואָס קעינס האָט געמאַכט בנוגע די נאַאיווע, סוביעקטיווע און אומקריטישע איינשטעלונגען פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער „עקאָנאָמישער וויסנשאַפט" פון דער בור־זשואַזיע, ספּעציעל אין איר צענטער — אין ענגלאַנד — גייט אונז דאָ ניט אָן. נאָך אינמיטן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט מאַרקס אָנגעוויזן אַפן לאָקאַלן, ציטווייליקן כאַראַקטער פון דער עקאָנאָמישער טעאָריע פון פרייען האַנדל און אַז זי שפּיגלט אָפּ די קאַפּיטאַליסטישע איבערמאַכט, וועלכע איז געגעבן

געוואָרן צו ענגלאַנד דורך היסטאָרישע אורזאַכן; ער האָט אויך דעמאָלט אָנגעוויזן, ווי אַזוי די דאָזיקע פֿאַזע וועט מוזן אומפֿאַרמיידלעך זיך ענדיקן, ווי אַזוי ענגלאַנד׳ס קאַפּיטאַליסטישע אויבערמאַכט וועט פֿאַרשווינדן, און מיט איר אויך די טעאָריע פֿון פֿרייען האַנדל, און אַז דער ליבעראַלער קאַפּי־טאַליזם פֿון פֿרייען האַנדל וועט איבערגיין אין מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אין דעם פּעריאָד פֿון צעפֿאַלן. אָבער דער עמפּיריקער (דער וואָס לערנט פֿון פֿאַקטן) קאָן בלויז לערנען, ווען ער קוקט צוריק אויף דער געשיכטע; ערשט ווען זיי ווערן צעקלאַפּט פֿון פֿאַסירונגען, ווערן די בורזשואַזע פּראָפֿעסאָרן פֿון עקאָנאָמיק געצוואונגען צו זוכן, פֿון וואַנען עס שטאַמען זייערע טעות׳ן. קיינס, וועלכער האָט אַזוי געגלויבט ביז 1923 אין די געטלעכע געזעצן פֿון פֿרייען האַנדל און אין דער עקאָנאָמישער אויבערמאַכט פֿון ענגלאַנד, האָט אין 1933 דערקלערט מיטן שטאָלץ פֿון אַ פּיאָנער זיין אַנטוישונג.

וואָס איז אָבער וויכטיק, איז אַז די אַנטוישונג אָדער די „געענדערטע מיינונג", וועלכע „ער טיילט מיט פֿילע אַנדערע", איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער ענדערונג אין דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע איז פֿאַרוואַנדלט אין אַלגע־מיינע שלוסן פּונקט אַזוי ניט־קריטיש און סוביעקטיוו, ווי זיין אַלטער טעאָריע וועגן דעם פֿרייען האַנדל, פֿון וועלכער ער זאָגט זיך איצט אָפּ. ווייל די פֿראַגע איז אייגנטלעך ניט וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿרייען האַנדל פֿון קאַפּיטאַ־ליזם און דעם מאָנאָפּאָליסטישן האַנדל אין זיינע מאָדערנע פֿאָרמען. די ווירק־לעכקייט האָט שוין לאַנג געלייזט אָט־די פֿראַגע. היינט־צו־טאָג האָט די געשיכ־טע אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג גאָר אַן אַנדער פֿראַגע, וועלכע קיינס זעט נאָך ניט איין. דער געוואַגטער „פֿאָרטשריט", וועלכן ער דענקט ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין געדאַנק מיט זיין אָפּזאָגן זיך פֿון די אַלטע ליבעראַלע פּעטישן און מיטן אָננעמען די „נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַפֿרידיקונג", לאָזט אים אין דער ווירקלעכקייט איבער ווייט הינטער די פֿאַסירונגען אַלס אַ טרייען דינער פֿונעם הערשנדיקן קלאַס; פֿון זיין אַ דינער פֿון איין פֿאַזע פֿון קאַפּיטאַליזם, איז ער פּשוט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דינער פֿון דער נעקסטער פֿאַזע פֿון קאַפּיטאַליזם.

אין דער אמת׳ן איז „נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַפֿרידיקונג" בלויז אַן אידעאַלער שלייער פֿאַר די מאָדערנע פֿאָרמען פֿון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּי־טאַליזם, פֿון דער העכסטער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון אַנטאַגאָניזמען, און איז אַ דערנעענטערונג צו פֿאַשיזם און מלחמה.

פּונקט ווי די אימפּעריאַליסטישע פֿאַראייניקונגען באַהאַלטן אָנקומענ־דיקע מלחמות פֿאַר וועלט־רויב אונטער דעם שלייער פֿון „נאַציאָנאַלער פֿאַר־

טיידיקונג", אַזוי זוכן זיי איצט צו באַהאַלטן זייער מאָנאָפּאָליסטישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע און מלחמה־צוועקן אונטער דעם שלייער פון „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרידיקונג".

די הויפּט־באַדייטונג, וועלכע איז באַהאַלטן אונטער דעם לאָזונג פון „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרידיקונג", איז די דערנעענטערונג צו מלחמה.

6. מלחמה אַלס די ענדגילטיקע „לייזונג"

די נייע פּאָליטיק, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז געצוואונגען אָנצונעמען אונטער דעם דרוק פון דעם אַלוועלטלעכן קריזיס, מוז פירן צו אַ צווייטער וועלט־מלחמה.

די ווירקונג פון דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס האָט אומגעהויער פאַרשטאַרקט אַלע עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען. די „פרידלעכע" „אינטערנאַציאָנאַליסטישע" שפּראַך פון דעם סטאַביליזאַציע־פּעריאָד (בריאַן־שטרעזעמען, קעלאָג־פּאַקט) מאַכט פּלאַץ פאַר אַלץ מער אָפענער נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישער שפּראַך און פּאָליטיק. איין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ נאָך דער צווייטער ברעכט צוזאַמען. אַפילו אַזאַ באַגרענעצטער דערפאָלג, ווי עס האָבן געהאַט די שריט פון אינערלעכער רעאָרגאַניזאַציע, פון פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן די מאָנאָפּאָליסטישע ווירטשאַפט און די אַגרעסיווע מאַכט אין יעדן אימפּעריאַליזם, פירט בלויז צו דער פאַרשאַרפונג פון די וועלט־אַנטאַגאָניזמען. עס גייט אָן אַ באַנייטער און אַלץ מער פיבערדיקער באַוואָפענונגס־געיעג אויף אַלע זייטן און אַן אַנטוויקלונג פון אַלע אינדוסטריעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט באַוואָפענונג. די אַלוועלטלעכע אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ ברעכט צוזאַמען. יאַפּאַן און דייטשלאַנד ציען זיך צוריק פון דער פעלקער־ליגע. די שטרייט־פראַגע וועגן „אַנטוואָפענונג" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטרייט־פראַגע וועגן „ווידער־באַוואָפענונג". בונדן און געגן־בונדן ווערן געגרינדעט אויף אַלע זייטן. דער אָפּמאַך וועגן באַשרענקען ים־באַוואָפענונגען ווערט צערונען.

זייט באַ זייט מיט דער באַגרענעצטער „אויפלעבונג" פון דער וועלט־פּראָדוקציע אין 1933 און 1934, — און טאַקע ווי אַ וויכטיקער עלעמענט פון דער דאָזיקער „אויפלעבונג" — האָבן אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס די באַוואָפענונגס־אינדוסטריעס; זייערע אַקציעס און פּראָפיטן האָבן זיך שנעל אַ הויב געטאָן. לויט דער אויסרעכענונג פון דעם דייטשן „אינסטיטוט פיר קאָניונקטור־פאָרשונג" האָט די פּראָפּאָרציע פון אַלוועלטלעכע אויסגאַבן אויף

באוואָפענונג און פון אַלוועלטלעכער פּראָדוקציע — אָננעמענדיק דאָס יאָר 1928 פאַר 100 — געוויזן דאָס פאָלגנדיקע בילד:

	אויסגאַבן אַף באַוואָפענונג	וועלט-פּראָדוקציע
1913 — — — — — — — —	64	54
1929 — — — — — — — —	104	104
1930 — — — — — — — —	106	87
1932 — — — — — — — —	107	56

דער אַלוועלטלעכער סך־הכל פון אויסגאַבן אַף באַוואָפענונגען אין 1934 האָט, לויט דעם זעלביקן קוואַל, באַטראָפן 2,500 מיליאָן פונט (אַרום 12,500 מיליאָן דאָלאַר), אָדער דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין 1913. אין 1935 זיינען די אויסגאַבן געשטיגן נאָך שאַרפער.

אין די קאַפּיטאַליסטישע קרייזן הויבט אָן אַלץ אָפענער אַרויסטרעטן דער געדאַנק, אַז די איינציקע ענדגילטיקע „לייזונג" פון דעם קריזיס איז מלחמה. אין זיין בוך, „די מינס טו פּראָספּעריטי", וועלכער איז פּאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין 1933, באַמערקט קעינס אָט־די ריכטונג.

„ציניקער קומען צום שלוס, אַז קיין איין אַנדער זאַך אַחוץ מלחמה קאָן ניט מאַכן קיין סוף צו דעם גרויסן קריזיס."

דאָס ניו יאָרקער פינאַנציעלע וואָכנבלאַט, „די אַנאַליסט", האָט אין פרילינג 1933 געשריבן:

„מען קאָן ניט אָפּלייקענען די גרויסע מעגלעכקייט פון אַן אייראָפּיי־אישער מלחמה אין דער זייער נאָענטער צוקונפט... אין 1914 האָבן מיר זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ ביזנעס-דעפּרעסיע דורך דעם אויסברוך פון דער גרויסער מלחמה. עס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע ווידערהאָלונג, ווען אַ נייע מלחמה וואָלט אונז ווידער אַרויסגעראַטעוועט פון דעם איצטיקן קריזיס."

פאַר די וועלף און שאַקאַלן פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז מלחמה „אונזער אינדוסטריעלע רעטונג".

די שטייגנדיקע דערוואַרטונג פון דעם שנעלן אָנקומען פון מלחמה געפינט אַלץ אָפטער אַן אויסדרוק אין די רעדעס פון די שטאַטסלייט פון אַלע לענדער. כאַראַקטעריסטיש איז געווען מוסאָליני'ס דערקלערונג וועגן „מלחמה היינט־צו־טאָג" אין זיין רעדע צו די אָפיצערן בא די איטאַליענישע אַרמיי־מאַנעווערס אין אויגוסט 1934:

> „מלחמה איז אין דער לופטן און קאָן אויסברעכן צו יעדן מאָמענט. מיר מוזן זיך צוגרייטן ניט פאַר אַ מאָרגנדיקער מלחמה, נאָר פאַר אַ מלחמה היינט-צו-טאָג."

אין יולי 1934 האָט מאַרשאַל פּעטען דערקלערט אין אַ רעדע צו דער קאָנפערענץ פון רעזערוו־אָפיצערן אין סט. מאלא, אַז די קומענדיקע מלחמה וועט אויסברעכן „ווי אַ בליץ". רעקאָמענדירנדיק די נייע בריטישע לופט־פּראָגראַם האָט באָלדווין געמאָלדן אין פּאַרלאַמענט אין יולי 1934 וועגן

> „אַ גרעסערער אומרואיקייט און נערוועזיטעט אין אייראָפּע, ווי מיר האָבן ביז אַהער דורכגעמאַכט."

די מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע פאַרשפּרייט זיך. מלחמה ווערט פאָרגעשטעלט ווי דער העראָאישער „אויסוועג" פונעם אומאויפהערלעכן קאָשמאַר פון עקאָנאָמישן קריזיס, נויט, און אַרבעטלאָזיקייט. פאַשיזם, דער העכסטער אויסדרוק פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, גלאָריפיצירט מלחמה. מ'הויבט אָן פאַרשפּרייטן דעם שמוציקן סאָפיזם „מלחמה מיינט אַרבעט"; אַזאַ פאַרגיפטונג פון די אַגענטן פון אימפּעריאַליזם ווערט פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן. דאָס איז אַ מאָס פאַר דער שטופע, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע האָט דערגרייכט. היינט־צו־טאָג, ווען די אָנפירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות (מיט דער אויסנאַם פון יאַפּאַן) זיינען נאָך דירעקט ניט אַריינגעצויגן אין מלחמה, דאָס הייסט, ווען נאָמינעל האָבן מיר נאָך פרידנס־באַדינגונגען, ווערט די דאָזיקע פראַזע אַזוי ערנסט פאַרשפּרייט, אָפט איבערגע'חזר'ט, און אַפילו דיסקוטירט, אַז עס קומט אויס, אַז מערדעריי איז דער איינציקער וועג צו באַזאָרגן מענער און פרויען מיט אַרבעט און פּרנסה.

יעדער איינער קאָן היינט־צו־טאָג איינזען, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ מלחמה. אין פאַרשיידענע ספערן ווערט אַלץ מער אויסגעדריקט די בורזשואַזע מיינונג, וועלכע זעט אין אַ נייער וועלט־מלחמה די פאַרניכטונג פון דער גאַנצער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. אָבער אַט־די גרופּן, וואָס טרעטן אַרויס קעגן מלחמה, באַטראַכטן די מלחמה אָפּגעזונדערט און מאַכן אָנשטרענגונגען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע „מאַשינעריע" זאָל פאַרמיידן מלחמה. זיי באַגרייפן ניט, אַז אַט־די אימפּעריאַליסטישע מאַשינעריע קאָן פונקציאָנירן נאָר אַלס אַ מאַשינעריע אַף צו אָרגאַניזירן די צוקונפטיקע מלחמה אין נאָמען פון „אידעאַלע" סימבאָלן. דער בורזשואַזער פאַציפיזם, וואָס אין נאָמען פון די דאָזיקע סימבאָלן פריידיקט ער די אונטערשטיצונג פון די פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווערט אַ נויטיקער טייל פון די מלחמה־צוגרייטונ־

גען פון דעם אימפּעריאַליזם. דער דערפאָלג פון דעם קאַמף קעגן מלחמה וועגדט זיך אָן דער מאַכט פון דעם מאַסן־קאַמף און קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

מלחמה איז נאָר אַ פאָרזעצונג און אַ שלום פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס און פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק. זי קאָן ניט אָפּגעזונדערט ווערן פון זיי און קאָן ניט באַהאַנדלט ווערן איזאָלירט. די גאַנצע פּאָליטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, די גאַנצע פּאָליטיק פון פאַשיזם קאָן בלויז פאַרשנעלערן דעם אויסברוך פון אַ מלחמה. דאָס איז ריכטיק סיי פאַר דער פּאָליטיק פון אַ רוזוועלט'ן, אַ מאַקדאָנאַלד'ן, אָדער פון אַ היטלער'ן. מלחמה ברעכט ניט אויס גלאַט אַזוי זיך, אָן סיבות; זי איז ניט סתם אַ געפאַר פון דער צוקונפט, וועלכע קאָן באַזייטיקט ווערן פון אַ ספּעציעלער מאַשענעריע. זי איז שוין איצט דאָס פאַרזייטע קערנדל, וואָס וואַקסט אין די עקזיסטירנדיקע פאָרמען, אין דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם.

די גאַנצע איצטיקע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם איז אַ פּאָליטיק, וועלכע פאַרשאַרפט די באַציאונגען צו אַ פּונקט פון מלחמה: אַ פּאָליטיק פון אַלץ מער אָרגאַניזירן אימפּעריאַליסטישע אַליאַנצן; אַ פּאָליטיק פון אַ טאַריף־מלחמה, פון אַ גאָלד־מלחמה, פון אַ וואַליוטע־מלחמה, פון אַ מלחמה מיט אַלע מעגלעכע וואָפן, סיי עקאָנאָמיש, סיי דיפּלאָמאַטיש, סיי פּאָליטיש. עס פאָדערט זיך ניט פיל פאַר דעם איבערגאַנג פון אָט־די מלחמות צו דער לעצטער שטופּע פון אַ מלחמה מיט וואָפן.

די גאַנצע איצטיקע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם ווערט אַלץ מער און מער אַ פּאָליטיק פון פאַרניכטונג. די קאַפּיטאַליסטן זיינען היינט־צו־טאָג דער צעשטערנדיקער קלאַס אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זייער גאַנצע מאָדערנסטע פּאָליטיק, אָנפאַנגענדיק מיט די אויסערגעוויינלעכע טאַריפן און דער חובות־פאַרשקלאַפונג פון גאַנצע לענדער, און ביז דער פּראַקטיק פון פאַרברענען שפּייזן און פאַרניכטן קאָטן־פּלאַנטאַציעס, פון אַרויסוואַרפן מאַשינעריע פון פאַבריקן אָפּן מיסטקאַסטן ביז אַרויסוואַרפן מיליאָנען געשולטע און פיזיקע אַרבעטער אָפּן גאַס, וואו זיי גייען אויס פון הונגער — דאָס אַלץ איז אַ פּאָליטיק פון פאַרניכטן מענטשלעכע כוחות און אַרבעט, פון צעשטערן די פּראָדוקציע, פון מאַכן אַ סוף צום לעבן. מלחמה איז איינפאַכלעך נאָר אַ פאָרזעצונג פון אָט־דער פּאָליטיק. ס'איז ניט קיין גרויסער מהלך פון פאַרשווענדן מיליאָנען אַף אָפּצוקויפן מאַשינעריע כדי זי צו פאַרניכטן, ביז אָן אַקט פון פאַרשווענדן מיליאָנען אַף קאַנאָנען, קריג־שיפן און אַמוניציע אַף

אויסצושיסן מיט זיי אין דער לופטן. ס'איז ניט קיין גרויסער מהלך פון פאַרדאַמען מיליאָנען מענטשן צו אַ טויט־לעבן פון אַרבעטלאָזיקייט און פון זיין „איבעריקע מענטשן", ביז צו דער ענדלעכער לייזונג פון פטור ווערן פון זייערע לעבנס און קערפּערס דורך באָמבעס, גאַזן און כעמישע שטאָפן. ס'איז נאָר אַ פראַגע, וועלכע גרופּע קאַפּיטאַליסטן קאָן אַריינקריגן גרעסערע פּראָפיטן דורך איינער אָדער דער צווייטער „לייזונג".

דאָס מיינט אָבער נאָך ניט, אַז מלחמה שטעלט מיט זיך פאָר אַ בעסערע ענדגילטיקע „לייזונג" פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס ווי דער פאַשיזם. פּונקט פאַרקערט. ווי פאַשיזם איז אויך מלחמה היינט־צו־טאָג אַ רעזולטאַט פון פאַרשאַרפטע ווידערשפּרוכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס האַלט אין צוזאַמענברעכן; אָבער ניט איינער און ניט דער צווייטער לייזט ניט די דאָזיקע ווידערשפּרוכן. פאַרקערט, ביידע ברענגען אַרויס די דאָזיקע ווידערשפּרוכן צו זייער העכסטן פּונקט און אַנטפּלעקן נאָך מער דעם טיפן פאַנאַנדערפאַל פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, ביז צו אַ פּונקט פון פאַרניכטונג, סיי אינערלעך אין יעדן שטאַט באַזונדער, און סיי אינטער־נאַציאָנאַל. דער קריזיס פאַרשפּרייט זיך און אַנטוויקלט זיך דורך די דאָזיקע פאָרמען צו אַ נאָך גרעסערער שאַרפקייט און מאַכט אויף אַזאַ אופן נאָך קלאָרער, אַז די איינציקע ענדגילטיקע לייזונג ליגט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פערטער קאַפּיטל

וואָס איז פאַשיזם?

וואָס איז פאַשיזם? אין די ערשטע דריי קאַפּיטלען פון דעם בוך האָב איך זיך אומיסטן אָפּגעשטעלט אויף די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זינט דער מלחמה אַלס אַ גאַנצע און האָב ניט באַטראַכט ספּעציעל די אויסגעשפּראָכענע „פאַשיסטישע" לענדער — איטאַליע, דייטשלאַנד, און אַנדערע.

אַזאַ באַטראַכטונג האָט פאַר אונז קלאָר געמאַכט די נאָענטקייט, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש און סיי אידעאָלאָגיש, צווישן די אַלץ שטאַרקערע טענדענצן אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם זינט דער מלחמה, און דער ספּעציעלער טעאָריע און פּראַקטיק פון פאַשיזם.

פאַשיזם איז אייגנטלעך ניט קיין ספּעציעלע אומאָפּהענגיקע לערע אָדער סיסטעם, וואָס טרעט אַרויס אין אָפּאָזיציע צו דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. פאַרקערט, פאַשיזם איז דער דערגאַנצטער און לאָגישער שלום (אונטער געוויסע באַדינגונגען פון העכסטן פאַנאַנדערפאַל) פון די העכסט־טיפּישע טענדענצן און פּאָליטיק פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. וואָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס זיינען די זעלבע און אונטערשיידן זיך נאָר ביז אַ געוויסן גראַד, פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און פון פאַשיזם? די וויכטיקסטע פון אָט־די שטריכן קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס די פאָלגנדיקע:

1. דער הויפּט־צוועק אָנצוהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס שטייט אין געפאַר פון אַ רעוואָלוציע, וועלכע קאָן אַרויסגערופן ווערן צוליב דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיווער טעכניק און פון דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם.

2. די פאָלגלעכע פאַרשאַרפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור.

3. די באַגרענעצונג און אונטערדריקונג פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־באַוועגונג, און דאָס איינשטעלן פון אַ סיסטעם פון אָרגאַניזירטער קלאַסן־קאָאָפּעראַציע.

4. דער רעוואָלט קעגן דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע און אַ פאַרגרעסערטע מאָס אונטערדריקונג פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע.

5. די פאַרגרעסערטע מאָנאָפּאָל־אָרגאַניזאַציע מצד דעם שטאַט פון דער אינדוסטריע און פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

6. די גרעסערע קאָנצענטראַציע פון יעדן אימפּעריאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַ באַזונדערער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער אייגהייט.

7. דאָס פאַרשנעלערן די מלחמה׳ אַלס דער נויטווענדיקער אַקאָמפּאַני־מענט פון די פאַרגרעסערטע אימפּעריאַליסטישע אַנטאַגאָניזמען.

אָט־די אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן זיינען טיפּיש אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פאַר אַלע מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן, ניט ווייניקער ווי פאַר די ספּעציפיש־פאַשיסטישע שטאַטן.

אין אָט־דעם ברייטערן זין קאָן מען רעדן וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַלע מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן אין דער ריכטונג פון פאַשיזם. די ביישפּילן פון דער רוזוועלט און ברינינג רעגירונגען זיינען ספּעציעל גוטע אילוסטראַציעס פאַר די כמעט־פאַשיסטישע, אָדער פאַר־פאַשיסטישע שטופן פון אַנטוויקלונג צו אַ פולשטענדיקן פאַשיזם אין די ראַמען פון די אַלטע פאָרמען. ס׳איז אויך ניט נויטווענדיק, אַז די אַנטוויקלונג צום פאַשיזם זאָל אין יעדן לאַנד אָננעמען פּונקט די זעלבע פאָרם.

דער סך־הכל פון דער פּאָליטיק פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אַנטהאַלט אין זיך בעצם די קערנער פון דעם סך־הכל פון דער פּאָליטיק פון פאַשיזם. זיי זיינען אָבער נאָך ניט קיין פולשטענדיקער פאַשיזם. די פאַרענדיקטע פאַשיסטישע דיקטאַטור איז דערווייל פאַרווירקלעכט נאָר ביז אַ געוויסן גראַד. וואָס־זשע איז דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פולן פאַשיזם? דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פולן פאַשיזם ליגט אין די מיטלען וואָס ווערן אָנגעווענדט אַף צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּאָליטיק, ליגט אין דעם נייעם סאָציאַלן און פּאָליטישן מעכאַניזם, וואָס ווערט איינגעשטעלט פאַר זייער פאַרווירקלעכונג.

דאָס איז די ספּעציפישע אָדער שמעלערע באַדייטונג פון פאַשיזם אין דעם זין פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אָדער פון דער פולער פאַשיס־טישער דיקטאַטור, ווי זי איז פאַרווירקלעכט אין איטאַליע, דייטשלאַנד, און אַנדערע לענדער. פאַשיזם אין אָט־דעם ספּעציפישן אָדער שמעלערן זין האָט געוויסע באַשטימטע כאַראַקטעריסטישע שטריכן: אין דעם פאַל פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג — דורך די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון טעראָריזם, אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דעמאַגאָגיע, א. ד. גל.; אין דעם פאַל פון פולער פאַשיסטישער דיקטאַטור — דורך דער אונטערדריקונג פון אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, און ספּעציעל דורך דער גוואַלטזאַמער אונטערדריקונג פון יעדער אומאָפּהענגיקער אָרגאַניזאַציע

פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דורך דער הערשאַפט פון טעראָר, דורך דער „איבערמאַכט" פון שטאַט, א. ד. גל.

מיר'ן איצט איבערגיין צו אַ־דעם ספּעציפישן זין פון פאַשיזם, דאָס הייסט, צו דעם לחלוטין־פאַרענדיקטן פאַשיזם.

1. דער קלאַסן־אינהאַלט פון פאַשיזם

וואָס איז אַזוי־אַרום פאַשיזם אין אַ־דעם ספּעציפישן אָדער שמעלערן זינען?

פאַשיזם האָט אַ סך דעפיניציעס, וועלכע צייכענען זיך אויס ניט נאָר מיט זייער גרויסער פאַרשיידנהייט, נאָר אַפילו מיט זייערע ווידערשפּרוכן, הגם זיי פּרובירן צו באַשרייבן אַ געוויסע באַשטימטעווירקלעכקייט.

פאַשיזם, ווי די פאַשיסטן אַליין באַשרייבן אים, איז אַ גייסטיקע ווירקלעכקייט. זיי באַשרייבן אים אין אידעאָלאָגישע אויסדרוקן. ער דאַרף פאַרשטעלן מיט זיך דעם פּרינציפּ פון „פליכט", פון „אָרדענונג", פון „אויטאָריטעט", פון דעם „שטאַט", פון דער „נאַציע", פון „געשיכטע", און דאָס גליכן.

מוסאָליני געפינט, אַז דער עצם פון פאַשיזם איז אין דעם באַגריף פון דעם „שטאַט":

> „די באַגרינדונג פונעם פאַשיזם איז דער באַגריף פון דעם שטאַט, פון זיין כאַראַקטער, פון זיין פליכט, און פון זיין ציל. פאַשיזם באַטראַכט דעם שטאַט אַלס אַן אַבסאָלוטע מאַכט, אין פאַרגלייך מיט וועלכער אַלע איינצלנע מענטשן זיינען רעלאַטיוו... ווער עס זאָגט פאַשיזם, מיינט דעם שטאַט."
> (מוסאָליני'ס אַרטיקל וועגן פאַשיזם אין דער איטאַליענישער ענציקלאָפּעדיע, אַרויסגעגעבן אין 1932.)

מען לערנט אונז אויך, אַז „פאַשיזם גלויבט אין הייליקייט און אין העלדישקייט"; „דער פאַשיסט באַטראַכט דאָס לעבן אַלס אַ פליכט און קאַמף און זיג, אַ לעבן וואָס דאַרף זיין דערהויבן און פאַרפולט, וועלכן מען לעבט אַליין, אָבער הויפּטזאַכלעך פאַר אַנדערע"; „פאַשיזם באַקעמפט די גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע"; „פאַשיזם גלויבט ניט אין דער מעגלעכקייט אָדער אין דער נוצלעכקייט פון פולשטענדיקן פרידן"; „דער פאַשיסטישער שטאַט איז אַ פאַרקערפּערטער ווילן צו מאַכט"; „דער פאַשיסטישער שטאַט איז ניט גלייכגילטיק צו דעם פאַקט פון רעליגיע"; „פאַר דעם פאַשיזם איז דער וואוקס פון דער אימפּעריע אַ וויכטיקער אויס־

דרוק פון קרעפטיקייט״ ; „פאשיזם לייקנט אפ דעם מאטעריאליסטישן באגריף פון גליק אלס א מעגלעכקייט״ — און נאך אזעלכע „טיפזיניקע״ און זייער ניט־ארגינעלע פילאזאפירונגען, אן א שיר און אן א סוף, — די אויסגעדראשענע פראזן פון דעם אלטמאדישן קאנסערוואטיזם.

לואידזשי ווילארי, דער האלב־אפיציעלער פארטיידיקער פון פאשיזם אין דער „ענציקלאפעדיא בריטאניקא״, שרייבט:

„די פראגראם פון די פאשיסטן אונטערשיידט זיך פון דער פראגראם פון אנדערע פארטייען דערמיט, וואס זי שטעלט פאר פאר אירע מיטגלידער ניט בלויז א כלל פאר פאליטישער האנדלונג, נאר אויך א מאראלן שולחן-ערוך.״

אין זיין בוך, „גרעיטער בריטען״, דער אפיציעלער האנטבוך פון בריטישן פאשיזם, דערקלערט מאזלי:

„די באוועגונג איז א פאשיסטישע, (1) ווייל זי איז באזירט אף א הויכן באגריף פון בירגערשאפט-אידעאלן, וואס זיינען אזוי הויך, ווי די אידעאלן, וואס האבן אינספירירט די רעפארמער מיט א הונדערט יאר צוריק ; (2) ווייל זי אנערקענט די נויטווענדיקייט פון אן אויטאריטעטן שטאט, וואס שטייט איבער פארטיי- און סעקציע-אינטערעסן.״

„דהי פאשיסט״, דער ארגאן פון דער פאשיסטישער ליג אין גרויס־בריטאניע, דעפינירט פאשיזם אזוי (אין זיין אויסגאבע פון אויגוסט 1933) :

„פאשיזם איז דעפינירט אלס א פאטריאטישער רעוואלט קעגן דעמא-קראטיע און א צוריקקער צום שטאטסמאנשאפט. פאשיסטישע הערשאפט פא-דערט די פליכט פון קאאפעראציע.

„פאשיזם איז ניט אזוי א פאליטיק ווי א באשטימטער בליק אף זאכן. ער איז די נאציאנאלע אפהיטונג פון פליכט צו אנדערע.״

מערקווירדיק ווי אט־די אלע פלאפלערייען קאנען ניט אויסגענוצט ווערן אף ארויסצוברענגען דעם אמת׳ן כאראקטער פון פאשיזם.

קודם־כל, אט־די אלגעמיינע אבסטראקטע באגריפן, וועלכע מען פאראדירט פאר דעם ספעציעלן אויסזען פון פאשיזם, האבן ניט קיין באשטימטן כאראקטער, נאר זיינען די אלגעמיינע באגריפן פון א טויזנט שולן פון בורזשואזער פאליטישער פילאזאפיע, וועלכע איז נאך ניט פאשיזם, און וועלכע ווערט ספעציעל אנגעווענדט אין אלע נאציאנאל־קאנסערוואטיווע שולן. די אלגעמיינע באהויפטונגען וועגן „פליכט פון קאאפעראציע״, „פליכט צו אנדערע״, „לעבן אלס פליכט און קאמף״, „א הויכער באגריף וועגן בירגערשאפט״, „דער שטאט איז איבער קלאסן״, „דער אלגעמיינער

אינטערעס פריער ווי דער אייגענער" (דער לאָזונג פון דער דייטשער נאַצי־פּראָגראַם), — דאָס אַלץ זיינען נודנע באַהויפּטונגען פון אַלע בורזשואַזע פּאָליטישענס און קליינלעכע מאָראַליסטן, וואָס זוכן צו באַהאַלטן די ווירק־לעכקייטן פון קלאַסן־הערשאַפט און פון קלאַסן־עקספּלואַטאַציע. די כלומרשט מערקווירדיקע פילאָזאָפיע פון אידעאַליזירן דעם שטאַט אַלס אַן „אַבסאָלוטן צוועק" איז אייגנטלעך ניט מער ווי אַ וואולגאַריזירונג פון דער גאַנצער העגעלשער שולע און אירע נאָכפאָלגער, אַ פילאָזאָפיע, וועלכע ליגט אין דעם פונדאַמענט פון דער הערשנדיקער שול פון בורזשואַזער פּאָליטישער פילאָזאָפיע. אין אָט־די אַלע באַגריפן איז ניטאָ אַפילו קיין סימן פון אַן אָריגינעלן געדאַנק.

צווייטנס, איז פּאַקטיש ניט ריכטיק צו זוכן אַ דערקלערונג פון פאַשיזם אין אויסדרוקן פון אַ ספּעציעלער טעאָריע, אין אידעאָלאָגישע אויסדרוקן. ווי זיינע פירער האָבן אָפטמאָל ליב צו באַהויפּטן, איז פאַשיזם אַנטוויקלט געוואָרן אַלס אַ באַוועגונג אין דער פּראַקטיק אָן אַ טעאָריע (אין זיין אַרטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע זאָגט מוסאָליני: „זינט עס איז באַשאַפן געוואָרן די פאַשיסטישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1915, האָב איך ניט געהאַט קיין ספּעציעלע לערע אין מיין געדאַנק.”), און ערשט שפּעטער האָט מען געזוכט אויסצוטראַכטן אַ טעאָריע, כדי צו באַ־רעכטיקן די עקזיסטענץ פונעם פאַשיזם. פאַשיזם איז ווירקלעך אַנטוויקלט געוואָרן אַלס אַ באַוועגונג אין דער פּראַקטיק, אונטער באַדינגונגען, ווען עס איז געווען אַ געפאַר פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אַלס אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאַסן־באַוועגונג, געשטיצט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אָנגעווענדט וואָפן פון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע און טעראָריזם אַף צו באַקעמפן די רעוואָלוציע און אויפצושטעלן אַ פאַר־שטאַרקטע קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור. ערשט נאָכדעם האָט מען געזוכט צו באַפּוצן דעם דאָזיקן פּראָצעס מיט אַ „טעאָריע". דעם ווירקלעכן כאַראַקטער פון פאַשיזם דאַרף מען זוכן אין אָט־דעם היסטאָרישן פּראָצעס, און ניט אין די שפּעטערדיקע פאַרזוכן צו באַפּוצן אים מיט אַ טעאָריע.

עס קאָנען אונז אויך ניט באַפרידיקן די פאַרזוכן פון אַנטי־פאַשיסטישע פּאַרטייטשער פון פאַשיזם, וואָס פּרובירן שאַפן טעאָריעס וועגן אַן אידעאָ־לאָגיע, אָדער אַבסטראַקטע פּאָליטישע באַגריפן. די אָנגענומענע אַנטי־פאַשיסטישע אידעאָלאָגישע אויסטייטשונג פון פאַשיזם זעט איין אין דעם פאַשיזם בלויז דעם פּרינציפּ פון „דיקטאַטור" אָדער „גוואַלד". אַזאַ צוגאַנג, וועלכער ווערט געוויינלעך אָנגענומען פון ליבעראַלן און פון די סאָציאַל־

דעמאָקראַטן, באַטראַכט דעם פאַשיזם אַלס אַ פּאַראַלעלן עקסטרעם צום קאָמו־ניזם, וויילביידע טרעטן אַרויס קעגן בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע". פאַשיזם ווערט דעפינירט אַלס „דיקטאַטור פון רעכטס" אין קעגנזאַץ צום קאָמוניזם אַלס „דיקטאַטור פון לינקס". (אַט־די באַציאונג ווערט כאַראַקטעריסטיש אויסגעדריקט אין דעם מאַניפעסט פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי אין מערץ 1933, וואו אין דעם קאַפּיטל וועגן „דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור" דערקלערט די לייבאָר־פּאַרטיי פאַרוואָס זי איז קעגן אַ פּאַראייניקטן פראָנט פון דעם אַר־בעטער־קלאַס קעגן פאַשיזם.)

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ דעפיניציע פון פאַשיזם איז פּונקט אַזוי נוצלאָז ווי אַ דערקלערונג פון דעם אמת'ן כאַראַקטער פון פאַשיזם.

„דיקטאַטור פון רעכטס" האָט עקזיסטירט און קאָן עקזיסטירן אין הונדערטער פאָרמען און זי זאָל ניט זיין אין וועלכן עס איז זין פאַשיזם. דער צאַריזם איז געווען אַ „דיקטאַטור פון רעכטס". דער צאַריזם איז אָבער ניט געווען פאַשיזם. די ווייס־גוואַרדייאישע דיקטאַטור, וואָס האָט זיך גענומען גלייך נאָך דער מלחמה צו צעדריקן די רעוואָלוציע, איז געווען אַ „דיקטאַטור פון רעכטס". אָבער אַט־די ווייס־גוואַרדייאישע דיקטאַטור איז נאָך ניט געווען קיין פאַשיזם. ערשט שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן אַנט־וויקלען פאַשיסטישע כאַראַקטער־שטריכן, ווען זי האָט געזוכט צו אָרגאַניזירן זיך אויף אַ מער שטאַנדהאַפטיקן פונדאַמענט (ווי דאָס איז געווען אין אונגאַרן און אין פינלאַנד). פאַשיזם מעג זיך זיין אין דער ווירקלעכקייט אַ רעאַקציאָ־נערע דיקטאַטור, אָבער ניט יעדע רעאַקציאָנערע דיקטאַטור איז פאַשיזם. עס בלייבט נאָך צו דעפינירן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון פאַשיזם.

אין וואָס־זשע באַשטייט דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פאַשיזם?

דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פאַשיזם קאָן ניט דעפינירט ווערן אַלס אַן אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיע אָדער פּאָליטישע פּרינציפּן.

דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פאַשיזם קאָן דעפינירט ווערן, ווען מען אַנטפּלעקט זיין קלאַסן־באַזיס, די סיסטעם פון קלאַסן־באַציאונגען, אין וועלכע ער אַנטוויקלט זיך און פונקציאָנירט, און די קלאַסן־הענט, וועלכע ער פירט אָן. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען אײנזען די קאָנקרעטע ווירקלעכקייט פון דעם פאַשיזם, לויט אַ געוויסער היסטאָרישער שטופע פון קאַפּיטאַליס־טישער אַנטוויקלונג און פאַנאַנדערפאַל.

אָבער ווי נאָר מיר פּרובירן צוקומען צו דעם קלאַסן־אַנאַליז פון פאַשיזם, טרעטן פאַר אונז אַרויס צוויי פולשטענדיק־קעגנזעצלעכע אָנשויאונגען:

איינע שטעלט פאָר דעם פאַשיזם אַלס אַן אומאָפּהענגיקע באַוועגונג

פון דעם מיטלקלאַס אָדער פון דעם קליינבירגערטום, וועלכע טרעט אַרויס סיי קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט און סיי קעגן דעם גרויס־קאַפּיטאַל.

די צווייטע שטעלט פאַר דעם פאַשיזם אַלס אַ וואָפן פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכער נוצט אויס די שטיצע פונעם מיטלקלאַס, פון דעם אָפּפאַל פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די דעמאָראַליזירטע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן קעגן דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס; ער טרעט אָבער אַרויס אומעטום אַלס אַן אינסטרומענט און פאַרטרעטער פון די אינטערעסן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

ווען מיר'ן קלאָר מאַכן אָט־די פראַגע און וואָס עס ליגט הינטער איר, וועלן מיר זיין אומשטאַנד צו געבן אַן אמת'ע דעפיניציע פון פאַשיזם.

2. רעוואָלוציע פונעם קליינבירגערטום אָדער דיקטאַטור פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל?

געוויינלעך שטעלט מען אַרויס דעם פאַשיזם אַלס אַ באַוועגונג פון דעם „מיטלקלאַס", דאָס הייסט, פון דער קליין־בורזשואַזיע.

ביז אַ געוויסן גראַד איז דאָס אמת אין דעם זין, וואָס דער פאַשיזם שטאַמט געוויינלעך פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן, מאַכט זיינע אויפרופן אין אַ גרויסער מאָס צום מיטלקלאַס, צום קליינעם געשעפטסמאַן און די פּראָפעסיאָנאַלן, קעגן דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס און קעגן די טראָסטן און דעם גרויס־קאַפּיטאַל; אַ גרויסער טייל פון זיינע מיטגלידער, און ספּעציעל פון זיין פירערשאַפט, קומט פונעם קליינבירגערטום, און איז דורכגעזאַפּט מיט דער אידעאָלאָגיע פונעם מיטלקלאַס, פון דעם קליינבירגערטום אונטער די באַדינגונגען פונעם קריזיס. אַף אַזוי ווייט קאָנען אַלע איינשטימען מיט די קלאָרע פאַקטן.

פאַשיזם ווערט אָבער אָפטמאָל אַרויסגעשטעלט אַלס אַ באַוועגונג פונעם מיטלקלאַס אין דעם זינען פון אַן אומאָפּהענגיקער באַוועגונג פונעם מיטלקלאַס, אַלס אַ „דריטע פּאַרטיי", וועלכע איז אומאָפּהענגיק סיי פון דער בורזשואַזיע און סיי פונעם אַרבעטער־קלאַס און וועלכע איז אין אָפּאָזיציע סיי צום אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס און סיי צום גרויס־קאַפּיטאַל. די פאַשיסטישע דיקטאַטור ווערט אַף אַזאַ אופן פאָרגעשטעלט, ווי די קליין־בורזשואַזיע וואָלט „פאַרכאַפּט די מאַכט" אין אָפּאָזיציע סיי צום אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס און סיי צו דעם פריער־הערשנדיקן פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

אָט־דער באַגריף ווערט אָנגענומען אי פון די ליבעראַלן, אי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין זייער באַטראַכטן דעם פאַשיזם.

אַזוי האָט דעם 22טן אָקטאָבער, 1928, געשריבן דער ליבעראַלער לײבאָר־זשורנאַל, „ניו סטײטסמען ענד נײשאָן״:

„דער צוזאַמענברוך פֿון קאַפּיטאַליזם מוז ניט נויטװענדיקערהײט פֿירן דערצו, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פֿאַרכאַפּן די מאַכט, נאָר װעט װאַרשײנלעך ברענגען די דיקטאַטור פֿונעם מיטלקלאַס. דאָס איז זיכער אַכילעס׳עס *) קנאַפּל פֿון דער קאָמוניסטישער טעאָריע.״

ברײלספֿאָרד, דער אָנגעזעענסטער טעאָרעטיקער פֿון דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, שרײבט:

„װען די מאַרקסיסטישע אױסטײטשונג װאָלט געװען אַ ריכטיקע, װאָלט די נױט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס געמוזט ערגעץ־װאו אַף דעם אומגליקלעכן ערד־קוגל אױסדריקן זיך אין אַן אַגרעסיװער איבערקערעניש. דאָס איז אָבער ניט דער פֿאַל.

„עס איז אָבער דאָ אַן אַגרעסיװער קלאַס, װעלכער האָט געמאַכט אַ רעװאָלוציאָנערע איבערקערעניש אין אַ גרױס אינדוסטריעלן לאַנד. די דײטשישע נאַצים זײנען אױסדריקלעך די פּאַרטײ פֿון דעם מיטלקלאַס.

„אָט־דער קלאַס האָט דערװאַכט און פֿאַרכאַפּט די מאַשינעריע פֿונעם שטאַט, װײל ער איז געװען אין נױט און פֿאַרצװײפֿלט. דורך טעראָר האָט ער זיך אַרױסגעריסן פֿון דער געפֿאַר פֿון דער גרױס־בורזשואַזיע.״ (ה. נ. ברײלספֿאָרד, אין זײן אַרטיקל, „מ׳זוכט ניט קײן העגט״, װאָס איז געװען געדרוקט אין דעם „ניו קלאַריאָן״ פֿון דעם 8טן יולי, 1933.)

און אין אַ צװײטן פּלאַץ שרײבט ער:

„אַ מיליטאַנטישער מיטלקלאַס, װאָס װערט געפֿירט פֿון זײן װאַגנדיקן יונגערן דור, טרעט אַרױס קעגן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אױב בײדע האָבן אַנטװיקלט אַן אומצוטרױ צום פּאַרלאַמענטאַריזם און אַ פֿאַראַכטונג צו זײנע רײדערײען און צו אומאַנטשלאָסענע װעגן, װעלן זײ קאָנען צװישן זיך באַשליסן די פֿראַגע נאָר דורך מאַכט.

„דער קלאַס, װעלכער װעט דער ערשטער באַשליסן צו אָרגאַניזירן זיך פֿאַר אָט־דער נײער פֿאַזע, װעט אַרײנטרעטן אין דעם געראַנגל מיט אַ גװאַלדיקן פֿאָרצוג.״ (ה. נ. ברײלספֿאָרד, אין זײן אַרטיקל, „װעט ענגלאַנד װערן פֿאַשיסטיש ?״, װאָס איז געװען געדרוקט אין „ניוס־קראָניקל״ פֿונעם 28טן נאָװעמבער, 1933.)

---

*) אַכילעס איז אַ גריכישער העלד, װעגן װעלכן די לעגענדע דערצײלט, אַז זײן מוטער האָט אים גע׳טובל׳ט אין װאַסער, כדי ער זאָל זײן אומבאַזיגבאַר. דער אײנציקער טײל פֿון זײן קערפּער, װעלכער איז געבליבן ניט גע׳טובל׳ט און איז דעריבער געװען באַזיגבאַר, איז געװען זײן קנאַפּל, פֿאַר װעלכן זײן מאַמע האָט אים אָנגעהאַלטן, װען זי האָט אים גע׳טובל׳ט.—באַמערקונג פֿון איבערזעצער.

דער זשורנאַל „סאָשעליסט רעוויו", פון יאַנואַר 1929, האָט געדרוקט אַן אַרטיקל, „די דריטע נאַציע", וועלכער האָט פּרובירט צו באַווייזן, אַז די אָנגענומענע־פון־די־קאָמוניסטן טעאָריע, אַז די צעטיילונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט אַף קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריאַט איז די אַנטשיידנדיקע פראַגע, איז פאַלש:

„חוץ די קאַפּיטאַליסטן און דעם פּראָלעטאַריאַט — און צווישן זיי — איז דאָ אַ דריטער קלאַס. אין דעם אייגנטלעך שטעקט די פונדאַמענטאַלע פראַגע פאַר די מאַרקסיסטן: באַזיצט אָט־דער קלאַס כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ קלאַס, וואָס דאַרף זיך אונטערוואַרפן צו אַ צווייטן, און אויב אַזוי איז וועמען?

„אַף דעם איז דאָ אַן ענטפער: אין איין לאַנד — אין איטאַליע — איז ער שוין אַרויסגעטראָטן אַלס אַ רעוואָלוציאָנערער קלאַס. די פאַשיסטישע רעוואָלוציע איז געווען בעצם אַ רעוואָלוציע פון דעם דריטן קלאַס."

דער אַמעריקאַנער זשורנאַל, וואָס איז כלומרשט אַ „מאַרקסיסטישער", דער „מאָדערן מאָנטהלי", שרייבט עדיטאָריעל וועגן פאַשיזם:

„די ערשטע אויפגאַבע פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז געווען אַרויסצורייסן די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון פּריוואַטע באַנקירן, אינדוסטריאַליסטן און פּריצים, וועלכע האָבן זי אָנגעהאַלטן.

„עס איז קלאָר, אַז די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז מעגלעך געוואָרן בלויז צוליב די צוויי אויבן־אָנגעגעבענע פאַקטאָרן: ערשטנס, דער קריזיס אין דעם אימפּעריאַליזם און דער פאָלגלעכער צוזאַמענברוך פון דער מאַכט פון דעם הערשנדיקן קלאַס; און צווייטנס, דאָס שטייגן פון אַן אונטערדריקטן מיטלקלאַס, וועלכער האָט געשאַפן אַ מאַסן־באַזע פאַר איבערצונעמען די מאַכט." (וו. פ. קאַלווערטאָן, אין „מאָדערן מאָנטהלי" פון יולי, 1933.)

אַפילו סקאַט נירינג, וועלכער האָט בכלל געגעבן אַ פרוכטבאַרע און ווערטפולע אָפּהאַנדלונג וועגן פאַשיזם, מאַכט אויך דעם זעלבן טעות, אַז פאַשיזם איז אַ קליינבירגערלעכע רעוואָלוציע:

„אינעם צענטער פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג שטייט דער מיטלקלאַס, וועלכער זוכט צו ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג דורך פאַרכאַפּן די מאַכט און איינפירן זיינע אייגענע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס. ער האָט דעריבער בעצם די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ סאָציאַלרעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייל זיין דערפאָלג מיינט דער איבערגאַנג פון דער מאַכט פון איין קלאַס צו אַן אַנדערן.

„פאַשיזם שטאַמט פון דעם רעוואָלט פון דעם מיטלקלאַס קעגן דעם אומדערטרעגלעכן יאָך פון קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם." (סקאַט נירינג, אין זיין בוך, „פאַשיזם", אַרויסגעגעבן פון וואַנגאַרד פּרעס, אין ניו יאָרק, ז. 42.)

דעם העכסטן פונקט פון אָט־דעם אָפּטיילן דעם פאַשיזם פון דער בור־

זשוואַזער דיקטאַטור דערגרייכט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, דער „דעילי העראַלד", וועלכער האָט דעם 2טן מאַי, 1933, ווען דער היטלעריזם האָט אַרויסגעוויזן אין פּראַקטיק זיין אמת'ן כאַראַקטער, נאָך אַליין געהאָפט, אַז דער היטלעריזם וועט נאָך אַרויסשטעלן עפּעס אַ פאָרם פון אַ „סאָציאַליסטישער" פּראָגראַם קעגן דעם גרויס־קאַפּיטאַל:

„עס איז זייער וויכטיק צו געדענקען, אַז די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן רופן זיך 'סאָציאַליסטן' פּונקט אַזוי ווי 'נאַציאָנאַל'. זייער סאָציאַליזם איז ניט דער סאָציאַליזם פון דער לייבאָר-פּאַרטיי אָדער פון וועלכער עס איז אַנדערער אָנערקענטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַנדערע לענדער.

„אָבער אין פיל הינזיכטן איז דאָס אַ גלויבן, וועלכער איז קעגן די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און די גרויסע פינאַנסירן.

„און די נאַצי-פירער זייַנען מסוגל אָנצוגיין מיט דער „סאָציאַליסטי-שער" זייט פון זייער פּראָגראַם."

פאַר דער לייבאָר־פּאַרטיי איז דער פאַשיזם אַף אַזאַ אופן כמעט אַ פליגל פונעם סאָציאַליזם, אמת ניט פון דעם אָרטאָדאָקסישן סאָציאַליזם, אָבער וועלכער איז „קעגן די גרויסע פּריצים, די גרויסע אינדוסטריאַליסטן, און די גרויסע פינאַנסירן" (וועלכע האָבן, אגב, געשטיצט אים צוערשט פינאַנציעל, און האָבן אים שפּעטער איבערגעגבן די מאַכט). עס האָט אָבער פּאַסירט אַזוי, אַז דעמזעלבן טאָג, ווען אָט־דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם אָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט אָט־די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס „איר גלויבן איז קעגן די גרויסע פּריצים, די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און די גרויסע פינאַנסירן", פאַרכאַפּט און צוגעמאַכט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די אַרבעטער אין דייטשלאַנד.

עס איז קלאָר, אַז באַטראַכטן אַזוי דעם פאַשיזם אַלס אַ קליינבירגער־לעכע רעוואָלוציע קעגן דער גרויס־בורזשואַזיע, איז פאַקטיש ניט ריכטיק, און איז זייער שעדלעך פאַר אַן ערנסטער פאַרשטענדיקונג פון דעם אמת'ן כאַראַקטער פון פאַשיזם און פאַר דעם קאַמף קעגן אים.

אַז דאָס איז פאַקטיש ניט ריכטיק, באַווייזן קלאָר די עלעמענטאַרסטע אונטערזוכונגען פון דער געשיכטע, אַנטוויקלונג, באַזיס און פּראַקטיק פון פאַשיזם. די אָפענע און געשוואָרענע שטיצער פון פאַשיזם אין יעדן לאַנד זיינען די פאָרשטייער פון גרויס־קאַפּיטאַל, די טיסענס, די קרופּס, די מאָנדס, די דעטערדינגס, און די אָוען יאָנגס.

הגם אַף זיינע ערשטע שטופן פון אַנטוויקלונג האָט ער אָנגעפירט אַ שוואַכע און ניט־געלונגענע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו

קריגן די שטיצע פון דער מאַסע, איז דער פאַשיזם אָבער פון אָנפאַנג אָן דערצויגן, אויפגעהאַלטן און סובסידירט געוואָרן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, — פון די רייכע פּריצים, פון פינאַנסירן און אינדוסטריאַליסטן.*)

---

*) אין זיין בוך, „דייטשלאַנד רוקט דעם זייגער צוריק”, וואָס איז דערשינען אין 1933, גיט מאָורער אַ כאַראַקטעריסטישן באַריכט וועגן אַ פּריוואַטן געשפּרעך, וואָס אַן אָנפירנדיקער אידישער באַנקיר האָט געהאַט מיט אַן „עטוואָס צעטומלטער פאַרזאַמלונג אין אַ רייכן זאַל, וואו ער האָט דערקלערט, ווי אַזוי ער האָט יאָרן־לאַנג סובסידירט מיט גרויסע סומען די נאַציס”. אַז די פינאַנסירן און די רייכע פאַבריקאַנטן האָבן געשטיצט היטלער'ן, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַף דעם היטלער־לודענדאָרף פּראָצעס אין 1924, און פון דעם אונטערזוכונג־קאָמיטעט אין דעם בייערישן פּאַרלאַמענט. „אין די שפּעטערע יאָרן איז דער צעטל פון די פינאַנציעלע אונטערשטיצער פון דער נאַצי־באַוועגונג געוואָרן זייער לאַנג. פאַבריקאַנטן, פאַר־וואַלטער, דירעקטאָרן פון גרויסע אונטערנעמונגען זיינען געווען אין אַזאַ גרויסער צאָל צווישן די שטיצער פון דער באַוועגונג, אַז זיי וואָלטן געקאָנט פונקט אַזוי זיין אַפן צעטל פון דעם נאַציאָנאַלן רעפּובליקאַנער קאָמיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.” (מאָורער, זייט 144). צווישן די אויסלענדישע שטיצער זיינען געווען דעטערדינג, קרוגער און פאָרד. דעם 11טן פעברואַר, 1932, האָט פּאָל פאָור אָנ־געגעבן אין דעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, אַז צווישן די פינאַנציעלע שטיצער פון די נאַציס זיינען געווען די דירעקטאָרן פון דער שקאָדאַ אַמוניציע־פאַבריק, וועלכע ווערט קאָנטראָלירט פון שניידער־קרעזאָ. אין ערנסט אַנרי'ס בוך, „היטלער איבער אייראָפּע”, פון 1934, קאָן דער לעזער געפינען אַ גאַנץ גרויסן צעטל פון די, וואָס האָבן פינאַנסירט און קאָנטראָלירט די נאַצי־באַוועגונג זינט 1927, און אַז דער אָנפירער פון זיי איז געווען טיסען, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך דער שטאָל־טראָסט פון דער רור־געגנט: „טיסען האָט איינגערעדט די צוויי פּאָליטישע צענטרען פון די דייטשן קאַפּיטאַליסטן אין רור, דעם 'בערגבאַופעריין עססען', און די 'נאָרדוועסט־גרופּע דער אייזען־און־שטאָל־אינדוסטריע', אַז יעדע קוילן־ און שטאָל־אונטערנעמונג זאָל אין דער פאָרם פון אַ געוויסן אָבליגאַטאָרישן שטייער ביי־שטייערן אַ געוויסע סומע פאַר די וואַל־פאָנדן פון די נאַציס. כדי אַריינצוקריגן דאָס דאָזיקע געלט, האָט מען געהעכערט דעם פּרייז אַף קוילן אין דייטשלאַנד. בלויז פאַר די פּרעזידענט־וואַלן אין 1932 האָט טיסען אַליין צוגעשטעלט צו די נאַציס אין אַ משך פון עטלעכע טעג איבער דריי מיליאָן מאַרק. אָן אַזאַ הילף וואָלט בשום אופן ניט מעגלעך געווען פאַר היטלער'ן אָנצופירן אַזאַ ברייטע אַגיטאַציע אין די יאָרן פון 1930 ביז 1933.” (זז. 11-12.)

(ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטן בכלל און די אידישע קאַפּיטאַליסטן בפרט שטיצן דעם פאַשיזם אין אַמעריקע, האָט זייער קלאָר און מיט אַ מאַסע פאַקטן באַוויזן דזשאַן ספּיוואַק אין זיינע גלענצנדיקע אַרטיקלען וועגן פאַשיזם, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין די „ניו מעסעס” און אין דער „מאָרגן־פרייהייט”.—באַמערקונג פון איבערזעצער.)

נאָך מער, דער פֿאַשיזם קאָן וואַקסן און איז גערעטעוועט פֿון פֿאַרניכטונג מצד דער אַרבעטער־באַוועגונג אַף זיינע ערשטע שטופּן נאָר צוליב דער דירעקטער שטיצע, וואָס ער קריגט פֿון דער בורזשואַזער דיקטאַטור. דער פֿאַשיזם קאָן רעכענען אַף דער הילף מצד דעם גרעסטן טייל פֿון דער רעגירונגס־מאַכט, פֿון די העכערע אַרמיי־אָפֿיצערן, פֿון דער פּאָליציי און פֿון די געריכטן, וועלכע ווענדן אָן זייער גאַנצע קראַפֿט אַף צו דערשטיקן די פּראָלעטאַרישע אָפּאָזיציע, אין דער צייט ווען זיי גיבן דעם פֿאַשיזם אומלעגאַל יעדע הילף. (מען פֿאַרבאָט דעם רויטן פֿראָנט און מען דערלויבט אין דער זעלבער צייט די שטורעם־טרופּן צו באַוואָפֿענען זיך.) *)

---

*) ווי אַזוי דער פֿאַשיזם ווערט פֿאַרטיידיקט מצד די געריכטן און דער פּאָליציי, אין דער זעלבער צייט ווען עס ווערט אונטערדריקט די אַרבעטער-באַוועגונג, דערציילט מאָורער אין זיין בוך. און אין דעם ערשטן באַנד פֿון זיין בוך, „די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור”, דערציילט סאַלוועמיני (אַף זייט 71), ווי אַזוי אין 1920 האָט דער ליבעראַלער קאַבינעט אין איטאַליע, וועלכער האָט געהאַט אַלס קריגס-מיניסטער דעם רעפֿאָרמער-סאָציאַליסט, באָנאָמי, „גערענקט, אַז דער פֿאַשיסטישער אָנגריף קאָן אויסגענוצט ווערן אַף צו ברעכן די מאַכט פֿון די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן” און „האָט דערפֿאַר דערלויבט די העכסטע אָפֿיצערן פֿון דער אַרמיי צו באַוואָפֿענען די פֿאַשיסטן מיט ביקסן און באַזאָרגן זיי מיט פֿראַכט-אָטאָמאָבילן, און האָט אויטאָריזירט געוועזענע אָפֿיצערן, אָדער אָפֿיצערן וואָס האָבן געהאַט אורלויב, איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער זיי.” דער „מאַרש אַף רוים” איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון זעקס אַרמיי-גענעראַלן (ז. 153). דער בוך „סורוועי אָוו פֿאַשיזם”, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1928 פֿון פֿאַשיסטישע אָנהענגער, גיט צו, אַז דער פֿאַשיזם אין איטאַליע איז אויסגעוואַקסן „ניט אָן אַ געוויסער טאָלעראַנץ און אַפֿילו שטיצע פֿון די העכערע פֿענצטער” (ז. 38). מאָורער איז זיך מתודה, אַז ער פֿאַרשטייט ניט, ווי אַזוי די פֿריערדיקע רעגירונג אין דייטשלאַנד האָט דערלויבט דעם וואוקס פֿון פֿאַשיזם: „עס איז אומבאַגרייפֿלעך ווי אַזוי אַ דייטשער קאַנצלער, אַפֿילו אַזאַ קלעריקאַלער מיליטאַריסט ווי ברינינג, האָט געקאָנט דערלויבן עס זאָל אויפֿגעשטעלט און טרענירט ווערן אַזאַ מאַכט, באַוואָפֿנט אָדער אומבאַוואָפֿנט. פֿאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, איז קיינמאָל ניט קלאָר געמאַכט געוואָרן, און וועט אפֿשר קיינמאָל ניט קלאָר ווערן.” (ז. 277). אין דעם שטעקט ניט קיין ברעקל מיסטעריע, ניט אין דעם פֿאַל פֿון ברינינג'ס קאַבינעט אין דייטשלאַנד און ניט אין דזשיאָליטי'ס קאַבינעט אין איטאַליע, ווען מען פֿאַרשטייט נאָר די קלאַסן-ווירקלעכקייטן פֿון דער בורזשואַזער פּאָליטיק און דעם פֿאַשיזם. די אָפֿיצערן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט דעם קאַפּ-„פּוטש” אין דייטשלאַנד, זיינען קיינמאָל ניט הינגעריכטעט געוואָרן; אָבער אַן אַרבעטער, וואָס האָט געשאָסן איינעם פֿון דער קאַפּ-גרופּע, איז פֿאַר'משפּט געוואָרן צו 15 יאָר קאַטאָרגע. פֿאַר זיין באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד קעגן דעם שטאַט אין 1923 האָט היטלער געקראָגן אַ לייכטע שטראָף און איז אין עטלעכע חדשים אַרום באַפֿרייט געוואָרן.

צום שלום — האָט פאַשיזם „פאַרכאַפּט די מאַכט" פון דער בורזשואַזער שטאַט־דיקטאַטור? אין קיין לאַנד האָט דער פאַשיזם קיינמאָל ניט „פאַר־כאַפּט די מאַכט". אין יעדן פאַל האָט די בורזשואַזע דיקטאַטור איבערגעגעבן פון אויבן די מאַכט צום פאַשיזם. אין איטאַליע איז דער פאַשיזם אַריינ־געטראָטן אין מאַכט מיט דער הילף פונעם קעניג, וועלכער האָט זיך אָפּ־געזאָגט אונטערצושרייבן אַ דעקרעט וועגן דערקלערן דעם פאַשיזם אַלס אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד און האָט איינגעלאַדן מוסאָליני'ן צו שטעלן זיך באַם רודער. דער לעגענדאַרער „מאַרש אַף רוים" פון מוסאָליני'ן איז אָנגעגאַנגען אין אַ פולמאַן־וואַגאָן. אין דייטשלאַנד האָט דעם פאַשיזם איבערגעגעבן די מאַכט דער פּרעזידענט אין אַ צייט, ווען דער פאַשיזם האָט פאַרלאָרן די שטיצע פון דער באַפעלקערונג, ווי דאָס האָבן באַוויזן די וואַלן.

אין דער אמת'ן האָט די בורזשואַזיע איבערגעגעבן אין דער פּראַקטיק די מאַכט פון איין האַנט אין דער צווייטער און האָט דאָס אָנגערופן אַ „רעוואָלוציע", וועלכע האָט אויפגעטאָן בלויז איין זאַך — פאַרשטאַרקט די אונטערדריקונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

נאָכדעם ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן די פולע פאַשיסטישע דיק־טאַטור, איז אָט־די פּאָליטיק אָנגעגאַנגען נאָך מער אָפן, הגם מען האָט געמאַכט אַ פּאָר חנ'דלעך צום קליין־קאַפּיטאַל; מען האָט אָפענער אָנגעפירט די אומ'ברחמנות'דיקע פּאָליטיק פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל; די גאַנצע מאַשינעריע פון פאַשיזם האָט זיך מיט רציחה אַרויפגעוואָרפן אַף אַלע אירע פריערדיקע שטיצער, וועלכע זיינען געווען גענוג נאַאיוו צו דערוואַרטן וועלכע עס איז האַנדלונגען קעגן די קאַפּיטאַליסטן, און האָבן געפאָדערט אַ „צווייטע רעוואָלוציע".*)

*) איניקע ווייזן אָן, אַז דאָס וואָס הוגענבערג איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער נאַצי־רעגירונג באַווייזט, אַז עס איז געווען אַ ברוך צווישן די נאַצים און דעם גרויס־קאַפּיטאַל, און אַז דער לעצטער איז באַזיגט געוואָרן. אַזאַ אַרגומענט איז אַ קינדערשער פאַרזוך, וואָס באַטראַכט דעם שיקזאַל פון אַ יחיד פאַר דיווירקלעכע סאָציאַלע כוחות. הוגענבערג איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער נאַצי־רעגירונג ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויס־קאַפּיטאַליסט, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען דער פירער פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, און דאָס פאַרענדיקטע פאַשיסטישע סיסטעם האָט ניט געקאָנט דערלויבן די עקזיסטענץ פון צוויי פּאַרטייען. דאָס באַ־ווייזט, נאַטירלעך, אַז אין דער בורזשואַזיע קומט פאָר אַ שאַרפער סכסוך וועגן די בעסטע מיטלען פאַר אָנצוהאַלטן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, אַ סכסוך צווישן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי און דער נייער נאַצי־פּאַרטיי, און אַז אַ גרויסער טייל פון דער בורזשואַזיע האָט זיך איבערגעבראָכן ערשט נאָך אַ גרויסן אינערלעכן קאַמף. אָבער דער מעטאָד פון די נאַצים בלייבט אַ מעטאָד,

בקיצור, פאַשיזם איז אַ באַוועגונג פון געמישטע עלעמענטן, הויפּטזאַכלעך קלײנבירגערלעכע, וועלכע נעמט אָבער אויך אַרײַן דעם פּראָלעטאַרישן אָפּפאַל און דעם דעמאָראַליזירטן טײל פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס

הגם אַ געפערלעכער, פאַר אָנצוהאַלטן די הערשאַפט פון דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל האַלט נאָך אַלץ אָן די אויבערהאַנט, ווי דאָס האָט באַוויזן דער צוזאַמענשטעל פון דעם פּראָוויזאָרישן העכסטן עקאָנאָמישן ראַט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער נאַצי-רעגירונג. זײַנע אָנפירנדיקע מיטגלידער זײַנען באַשטאַנען פון :

הער קרופּ פאָן באָהלען, דער אַמוניציע-קעניג, מיט אַ פּריוואַטן פאַרמעגן פון דרײַסיק מיליאָן דאָלאַר, און רעפּרעזענטירטן קאַפּיטאַל פון פינף-און-זיבעציק מיליאָן דאָלאַר.

הער פריץ טיסען, דער שטאָל-קעניג, מיט אַ פּריוואַטן פאַרמעגן פון דרײַסיק מיליאָן דאָלאַר און פאַרטרעט די אינטערעסן פון דעם שטאָל-טראָסט אין דײַטשלאַנד מיט אַ קאַפּיטאַל פון צוויי ביליאָן זיבן הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

הער פאָן סיעמענס, דער עלעקטרישער קעניג, מיט אַ פּריוואַטן פאַרמעגן פון צוויי-און-דרײַסיק און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר און פאַרטרעט די אינטערעסן פון אַ קאַפּיטאַל פון צוויי-און-זעכציק און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר.

פּראָפעסאָר קאַרל באָש, דער אָנפירער פון דעם אַנאַלין-טראָסט (פאַרבן-טראָסט), מיט אַ פּריוואַטן פאַרמעגן פון צען מיליאָן דאָלאַר, און וועלכער פאַרטרעט די אינטערעסן פון אַ קאַפּיטאַל פון צוויי הונדערט פינף-און-זיבעציק מיליאָן דאָלאַר.

דר. פעגלער, פונעם דײַטשן שטאָל-טראָסט, מיט אַ פּריוואַטן קאַפּיטאַל פון דרײַסיק מיליאָן דאָלאַר, און פאַרטרעט די אינטערעסן פון אַ קאַפּיטאַל פון צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

הער דיען, דער דירעקטאָר פון דעם פּאָטאַש-סינדיקאַט, וועלכער פאַרטרעט די אינטערעסן פון אַ קאַפּיטאַל פון פופציק מיליאָן דאָלאַר.

הער באָכרינגער, אַ דירעקטאָר פון שטאָל-פאַבריקן, מיט אַ פּריוואַטן פאַרמעגן פון זיבן און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר.

דער באַנקיר פאָן שרעדער.

דער באַנקיר פאָן פינק.

דער באַנקיר רײַנהאַרט.

אָט-דער צעטל פון די אָנפירער פון דײַטשן פינאַנץ-קאַפּיטאַל איז אַ גענוג גוטער באַווײַז וועגן די באַציאונגען צווישן די נאַצים און דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. די רעאָרגאַניזאַציע פון דער דײַטשער אינדוסטריע, וועלכע איז פאָרגעקומען שפּעטער, און אַנאָנסירט געוואָרן אין מערץ 1934, האָט צעטײלט די אינדוסטריע אין צוועלף גרופּן, פון וועלכע יעדע אײנע איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן. די שווערע אינדוסטריע און אויך די אינדוסטריע אַלס אַ גאַנצע איז געווען אונטער דער אַלגעמײנער פירערשאַפט פון הער קרופּ פאָן באָהלען. דאָס אַלץ האָט נאָך מער אילוסטרירט דעם פּראָצעס פון סיסטעמאַטיזירן די נאַצי-הערשאַפט אַלס די פולשטענדיקע הערשאַפט פון דעם מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַל.

ווערט פינאַנסירט און אָנגעפירט פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטן, פּריצים און פינאַנסירן, כדי צו באַזיגן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און צו צעברעכן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

3. דאָס קליינבירגערטום און דער פּראָלעטאַריאַט

די פראַגע וועגן דער ראָל פון דעם מיטלקלאַס אָדער פון דער קליין־בורזשואַזיע אין איר באַציאונג צום אַרבעטער־קלאַס און צו דער גרויס־בורזשואַזיע איז אַזוי וויכטיק פאַר דער גאַנצער דינאַמיק (באַוועגונג) פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז עס איז כדאי מיר זאָלן זי אַ ביסל קלאָרער מאַכן.

דער סכסוך וועגן דער ראָל פונעם מיטלקלאַס, אָדער פון די פאַרשיידענע צווישן־שיכטן אין דער בורזשואַזיע (קליינע געשעפטסלייט, דאָס אָרעמע און מיטלע פּויערטום, באַלמעלאָכעס, אומאָפּהענגיקע אַרבעטער, קליינע לענדלאָרדס, ליבעראַלע פּראָפעסיעס, טעכניקער, פּאַרוואַלטער, און געשעפטס־אָנגעשטעלטע) און דעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין נייער. אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט מאַרקס גאַנץ ברייט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סיטואַציע און וועגן די טענדענצן פון די דאָזיקע עלעמענטן. ער האָט באַוויזן ווי אַזוי די דאָזיקע צווישן־עלעמענטן פאַלן אַלץ מער אַריין צווישן די מילשטיינער פון דעם אויפשטייגנדיקן גרויס־קאַפּיטאַל און דעם פּראָלעטאַריאַט, און אַז אַלץ גרעסערע צאָלן אין זייערע רייען פאַלן אַריין אין פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע באַדינגונגען. ער האָט באַוויזן די וואַקלענדיקע פּאָליטישע ראָלע, ווי אַזוי זיי האַלטן אָט מיט דער בורזשואַזיע און אָט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַזוי זיי זײַנען צעריסן פון זייערע בורזשואַזע איבערגלויבנס, טראַדיציעס און שטרעבונגען, און ווי אַזוי עס קומט פאַר צווישן זיי דער אַקטועלער פּראָצעס פון רואינע און פּראָלעטאַריזאַציע. ער האָט אויך באַוויזן ווי אַזוי דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף איבערגעווינען אויף זײַן זייט די נידעריקע שיכטן פונעם פּויערטום און פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע, כדי ער זאָל זײַן בכוח צו פאַרכאַפּן די מאַכט.

די פראַגע וועגן דעם מיטלקלאַס איז נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אָנפאַנג פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע פון בערנשטיינ'ען און די רעוויזיאָניסטן אין די לעצטע יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די רעוויזיאָניסטן האָבן

געצווייפלט אין דער מארקסיסטישער לערע, אז די צווישן־שיכטן ווערן אלץ מער פראלעטאריזירט, און אז פאר זיי ווערט אלץ שארפער די פראגע אף וועמענס זייט צו שטעלן זיך — אף דער זייט פון קאפיטאליזם, אדער פון פראלעטאריאט. זיי האבן ארגומענטירט, אז פארקערט, דער מיטלקלאס וואקסט, און האבן אנגעוויזן אף די ציפערן פון איינקונפט, אייגנטום און אקציעס, כדי צו באווייזן דעם וואוקס פונעם מיטלקלאס. אף אט־דעם גרונט האבן זיי אפגעלייקנט די מארקסיסטישע רעוואלוציאנערע לערע; אנשטאט דעם האבן זיי איינגעזען די שטייגנדיקע הארמאניע צווישן קלאסן, און אז דער קאפיטאל ווערט דעמאקראטיזירט; זיי האבן דעריבער פאראויסגעזען דעם שטופנווייז־פרידלעכן פארשריט צום סאציאליזם דורך קאפיטאליסטישער רעארגאניזאציע, ד. ה., דורך סאציאלע רעפארמען און דער אריינמישונג פונעם שטאט.

איצט איז שוין גאנץ קלאר, אז וואס די רעוויזיאניסטן האבן מיט זיך פארגעשטעלט איז געווען דער וואוקס פון דעם „נייעם מיטלקלאס" פון קאפיטאליסטישע אנגעשטעלטע. אין דער אמת'ן, איז דער פראצעס, וועלכן מארקס האט פאראויסגעזאגט, פארווירקלעכט געווארן אין דעם לויף פון דעם ניינצנטן יארהונדערט. די קאנצענטראציע פון קאפיטאל איז אנגעגאנגען מיט פארשנעלערטע טריט. דער גרויס־קאפיטאל האט צוגעדריקט צו דער וואנט דעם קליין־קאפיטאל. די פריערדיקע קליינע באזיצער און אומאפהענגיקע ארבעטער זיינען געווארן, ווי מארקס האט זיי אנגערופן, „אויפפאסער און אונטערטעניקע טעלער־לעקער". אף אזא אופן איז אלץ מער און מער געשאפן געווארן א „נייער מיטלקלאס", וועלכער איז געקומען דורך דער פארשווינדונג פון די אלטע אומאפהענגיקע קליינע באזיצער. אט־דער נייער מיטלקלאס איז ענלעך געווען צו דעם אלטן אין זיין צוויי־פנים'דיקער פאזיציע צווישן דער בורזשואזיע און דעם פראלעטאריאט און אין זיינע טרוימען צו פארנעמען אן „אומאפהענגיקע" פאזיציע בנוגע דעם קלאסן־קאמף. ער איז אבער אלץ מער אפהענגיק געווארן אין זיין פרנסה פון זיין באשעפטיקט בא דעם גרויס־קאפיטאל און ניט, ווי פריער, פון זיין פריוואטן אייגנטום. אף אזא אופן איז די אנטוויקלונג פונעם נייעם מיטלקלאס פאקטיש געווארן א שטופע אין דעם פראצעס פון פראלעטאריזאציע, דורך דעם וואס אלץ גרעסערע מאסן פון דער באפעלקערונג זיינען אלץ מער אפגעריסן געווארן פון זייער אומאפהענגיקן אייגנטום־באזיס. זיינע נידעריקערע שיכטן זיינען געקומען אלץ נעענטער צו דעם פראלעטאריאט און צו דער פראלעטארישער באוועגונג (דער אנפאנג פון דעם „מיטלקלאס"־טרייד־יוניאניזם, וועלכער איז

געווען אַ רעקרוטן־עטאַפּ פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע). די אויסזיכטן פון אָט־דעם נייעם מיטלקלאַס האָבן זיך אַף אַ טיפּישן אופן אויסגעדריקט אין ענגלאַנד דורך דעם פאַביאַניזם און דער פירערשאַפט פון דער אינ־דעפּענדענט (אומאָפּהענגיקער) לייבאָר־פּאַרטיי.

אין זייערע אַרויסטרעטונגען קענען די רעוויזיאָניסטן איז פאַר די מאַרקסיסטן לייכט געווען אָנצואווייזן, אַז ניט נאָר איז די אַנטוויקלונג פון אָט־דעם נייעם מיטלקלאַס געווען אין דער ווירקלעכקייט אַ פאַזע אין דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע, נאָר אויך אַז די ווייטערדיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָט פון איר זייט באַאיינפלוסט די פּאָזיציע פון אָט־דעם נייעם מיטלקלאַס און האָט דורך דעם געשאַפן אַ קריזיס אין זיינע רייען און אַ נייע שטופּע פון פּראָלעטאַריזאַציע. דורך דעם וואָס דער מאַרק פון די פּראָ־פעסיאָנאַלן איז געווען איבערגעפּאַקט, דורך דעם וואָס די אוניווערזיטעטן און טעכנישע שולן האָבן אַרויסגעוואָרפן יעדן יאָר אַ פאַרגרעסערטע צאָל גראַדואירטע, וועלכע האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו געפינען פאַר זיך אַ באַשעפטיקונג, און דורך דעם וואָס צוליב דער גרעסערער קאָנצענטראַציע פון געשעפטן איז די צאָל אָנגעשטעלטע אַלץ מער פאַרקלענערט געוואָרן, איז געשאַפן געוואָרן אַ שאַרפער קריזיס פאַר דעם נייעם מיטלקלאַס נאָך פאַר דער מלחמה.

אָט־דער קריזיס פון דעם מיטלקלאַס (סיי פון דעם אַלטן און סיי פון דעם נייעם) איז באַדייטענד פאַרשאַרפט געוואָרן אין דעם פּעריאָד נאָך דער מלחמה. די געשעפטלעכע שמד־שטיק פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל — אינ־פלאַציע, די מאַניפּולאַציעס אַף דער בירזשע, דאָס פאַרוואַסערן פון אַקציעס, די מאָנאָפּאָל־פּרייזן און די הויכע שטייערן — האָבן אַ תל געמאַכט פון די קליינע אָפּגעשפּאָרטע סומען און אונטערגעגראָבן די זיכערקייט פון דער איינקונפט פונם מיטלקלאַס. אין דער זעלבער צייט איז די אַרבעטלאָזיקייט און דער איבערפלוס אין דער צאָל פון אַלע פּראָפעסיאָנאַלן געשטיגן צו אַן אומגעהויערער הויך.

אין זיין בוך, „אָפּהאַנדלונג וועגן געלט־רעפאָרמען” („טריטיז אָן מאָנעטאַרי רעפאָרם”) האָט דער באַרימטער ענגלישער עקאָנאָמיסט, קעינס, געשריבן (ז. 16) : „אין גאַנץ אייראָפּע זיינען די געלטער, וואָס דער מיטלקלאַס האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר דער מלחמה, אַף וויפיל זיי זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַקציעס, מאָרטגעדזשעס, אָדער אין באַנקען, אין אַ גרויסער מאָס, אָדער אַפילו אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן.” די ציפערן וועגן דעם פאַרמעגן אין דייטשלאַנד האָבן באַוויזן, אַז די צאָל מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט פון

דרייסיק ביז פופציק טויזנט מאַרק, איז געפאַלן פון אַ האַלבן מיליאָן אין 1913 ביז צוויי הונדערט און זעכצן טויזנט אין 1925; די צאָל פון די, וואָס האָבן פאַרמאָגט פון פופציק ביז הונדערט טויזנט מאַרק, איז פאַרקלענערט געוואָרן פון פיר הונדערט טויזנט אין 1913 אַף הונדערט זעקס־און־דרייסיק טויזנט אין 1925. הגם דער מיטלקלאַס, וועלכער איז אַזוי אַנטוישט געוואָרן פון זיינע פאַרלוסטן דורך דער אינפלאַציע, האָט אָנגעהויבן פון דאָס־ניי שפּאָרן נאָך דער סטאַביליזאַציע, זיינען די שפּאָרונגען שנעל געפאַלן נאָך דעם עקאָנאָמישן קריזיס, און זיי געפינען זיך ווידער אין סכנה דורך דער נייער כוואַליע פון אַ וועלט־אינפלאַציע. אין ענגלאַנד האָט זיך געלאָזט מערקן אַ גרויסע פאַרקלענערונג אין קליינע שפּאָרונגען שוין נאָך דער מלחמה, אַפילו נאָך פאַר דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען די פּאָסט־שפּאָרונגען האָבן אין 1909־1913 באַוויזן אַ וואוקס פון צוועלף מיליאָן פונט (קנאַפּע זעכציק מיליאָן דאָלאַר), זיינען אָט־די שפּאָרונגען אין די יאָרן 1923־1927 פאַרקלענערט געוואָרן אַף זיבעצן מיליאָן פונט (קנאַפּע פינף־און־אַכציק מיליאָן דאָלאַר). דאָס זעלבע איז געווען מיט רעגירונגס־ווערט־פּאַפּירן, וועלכע האָבן אין דעם ערשטן פּעריאָד (1909־1913) געשטיגן אַף אַכצן מיליאָן פונט (ניינציק מיליאָן דאָלאַר) און אין דעם צווייטן פּעריאָד (1923־1927) זיינען זיי אַרונטערגעפאַלן אַף פינף־און־דרייסיק מיליאָן פונט. די שפּאָרונגען אין די באַנקען זיינען פאַרקלענערט געוואָרן אַף צוועלף מיליאָן פונט. אַף אַזאַ אופן, זיינען די קליינע שפּאָרונגען אין ענגלאַנד, צווישן 1923 און 1927, פאַרקלענערט געוואָרן אַף דריי־און־דרייסיק מיליאָן פונט. (די ציפערן זיינען גענומען פון דעם „עקאָנאָמיסט", פון 23טן פעברואַר, 1929.)

אויב די פאַראָרעמונג פון דער קליין־בורזשואַזיע אין דער זעלבער צייט, וואָס גרויס־קאַפּיטאַל איז רייכער געוואָרן, איז אַף אַזאַ אופן כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה, איז די לאַגע פון די פּראָפעסיאָנאַלן געוואָרן נאָך ערגער דורך זייער פאַרגרעסערטער צאָל. דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אָט־די לאַגע פאַרשאַרפט ביז דעם העכסטן פונקט.

אין דייטשלאַנד, וואו אין דעם יאָר 1931־1932 האָבן אַכט טויזנט מענטשן גראַדואירט פון טעכנישע הויך־שולן און אוניווערזיטעטן, האָבן בלויז טויזנט פון זיי געקראָגן באַשעפטיקונג אין זייערע באַטרעפנדיקע פּראָ־פעסיעס. און לויט אַ באַריכט פון דעם פּרייסישן בילדונגס־מינסטער, האָבן פון צוויי־און־צוואַנציק טויזנט לערער, וועלכע האָבן גראַדואירט אין 1932, בלויז ניין הונדערט און ניינציק געפונען שטעלעס. ווי טילטמאַן גיט אָן, זיינען „אינזשענערן געוואָרן פשוט'ע לוין־אַרבעטער; צווישן די גראַדואירטע

פון טעכנישע הויך־שולן האט נאר איינער פון פינף געפונען וועלכע עס איז ארבעט." ווי ר. שיירער גיט אן, זיינען אין 1932 פינף־און־פערציק טויזנט גראדואירטע סטודענטן געווען ארבעטלאז, און ווי מען רעכנט, וועט זייער צאל אין 1935 פארגרעסערט ווערן ביז הונדערט און פינף טויזנט. אט־די ציפערן קאנען אונז געבן א באגריף וועגן דעם סאציאלן באזיס פאר די פארצווייפלטע ארמייען פון פאשיזם.

דער פאראָרעמטער און פארצווייפלטער מיטלקלאס ווערט געטריבן פון זיין פריערדיקן באלעבאטישן דרעמל צו פאליטישער אקטיווקייט. אבער די דאזיקע פאליטישע אקטיווקייט נעמט אן א נייעם כאראקטער. אין דער צייט, וואס די חלומות פון די בערנשטיינס האבן איינגעזען אין דעם מיטל־קלאס א סטאביליזירנדיקן און הארמאניזירנדיקן פאקטאר אין דער סאציאלער סטרוקטור, א קלאס, וועלכער האט געזאלט ברענגען ליבעראליזם און סאציאלע רעפארמען און אויסגלעטן די קלאסן־ווידערשפרוכן, ווערן די נייע ארויס־געשטויסענע און רואינירטע עלעמענטן פונעם מיטלקלאס פארוואנדלט אין א זייער ניט־זיכערער מאכט, וועלכע איז פאטענציעל רעוואלוציאנער, אדער פארקערט, העכסט רעאקציאנער, וועלכע האט ניט קיין קלארן סאציאלן באזיס אדער באוואוסטזיניקייט, וועלכע זוכט אבער פארצווייפלט עפעס א וועג פאר באלדיקער האנדלונג, וואס זאל געבן א האפענונג פאר א באלדיקער דערלייזונג (דערלייזונג פון חובות, שטיצע פון דעם שטאט צו קליינע גע־שעפטסלייט, ארונטערוואַרפן די גרויסע געשעפטן, א. ד. גל.) אדער א האפע־נונג אף קריגן שטעלעס (די נייע ביוראקראטיע, דאס פארנעמען דעם פלאץ פון די אידן, מלחמה!).

אין וועלכער ריכטונג קאנען אבער אנווענדן אט־די קליינבירגערלעכע עלעמענטן זייער פאליטישע טעטיקייט? אין דער פראקטיק קאנען זיי זיך נאר שטעלן אין דינסט אדער פון דעם פינאנץ־קאפיטאל אדער פון דעם פראלעטאריאט. מען זוכט נאך אלץ אנצוהאלטן פאר זיי דעם טרוים פון זייער „אומאפהענגיקער" ראלע, דעם טרוים וועגן א „דריטער פארטיי". עס איז זייער כאראקטעריסטיש, וואס דער ליבעראלער געלער בוך האט געזוכט צו מאכן א וועזן פון „דער דריטער פארטיי אין דער אינדוסטריע", אלס א מאכט אין דער צוקונפט. די ווירקלעכקייט צעשמעטערט אבער זייער שנעל אט־די חלומות, ווייל דער מיטלקלאס קאן קיינמאל ניט דערגרייכן צו באַ־זיצן די פראדוקציע־מיטלען. אדער דער פינאנץ־קאפיטאל, וועלכער באזיצט די פראדוקציע־מיטלען, קאן פרובירן צו פארוואנדלען דעם מיטלקלאס אין זיין ארויסהעלפער, דורך דעם וואס ער קאן געבן ארבעט, אויב ניט אין

דער פּראָדוקציע גופא, איז אין דער אַרמיי, וועלכע דאַרף באַקעמפן דעם אַרבעטער־קלאַס (פאַשיסטישע מיליציע, אָפיצערן אין די רייען פון דער פּאָליציי, פאַשיסטישע ביוראָקראַטן) ; אָדער דער פּראָלעטאַריאַט, דורך דעם וואָס ער וועט סאָציאַליזירן די פּראָדוקציע־מיטלען, קאָן ענדלעך אויסנוצן די געשולטע און טעכנישע פיאיקייטן אין דעם מיטלקלאַס פאַר די ריזיקע אויפגאַבן פון סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע. דער מיטלקלאַס האָט נאָר אָט־די צוויי ברירות פאַר זיך. די ערשטע איז דער וועג פון פאַשיזם. די צווייטע איז דער וועג פון קאָמוניזם.

די אמת׳ע אינטערעסן פון דער מאַיאָריטעט פון דעם קלײנבירגערטום, לכל הפחות פון זײנע נידעריקערע שיכטן, זײנען מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, מיט דער ליניע פון דעם קאָמוניזם. דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז דער שונא און דער עקספּלואַטאַטאָר פון בײדן. די ליניע פונעם פאַשיזם, וואָס שטײט אין דינסט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, איז אין דער ווירקלעכקײט גאָר קײן לײזונג ניט פאַר דעם עקאָנאָמישן קריזיס פון דער קלײן־בורזשואַזיע. הגם ער גיט הנחות צו אַ הײפעלע פון זײ, מײנט דער פאַשיזם אַ פאַרשטאַרקטע אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פאַר דער מאַיאָריטעט פון דעם קלײנבירגערטום מצד די גרויסע טראָסטן און באַנקען.

דאָרט וואו די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז שטאַרק, קומט צום שטאַנד די רעוואָלוציאָנערע ליניע, וואָס איז בכוח צו ווערן דער פּאָליטישער פירער אין דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע מאַסן קעגן דעם גרויס־קאַפּיטאַל. און די מאַסע פון דעם קלײנבירגערטום ווערט אַרײנגעשלעפּט אין דעם אָנגריף פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז געווען די אַלגעמײנע סיטואַציע אין דער צײט פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין 1919־1920. דעמאָלט האָט דער פאַשיזם ניט געקאָנט זיך אײנוואָרצלען.

דאָרט אָבער, וואו די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פאַרווירקלעכט ניט איר רעוואָלוציאָנערע ראָלע, שלעפּט זיך נאָך נאָך דער פירערשאַפט פון רעפאָרמיזם און גיט זיך אונטער אַף אַזאַ אופן צום גרויס־קאַפּיטאַל, אָדער טרעט אַרײן אַפילו מיט אים אין מיטאַרבעטערשאַפט — דאָרט הויבן אָן די אומצופרידענע קלײנבירגערלעכע עלעמענטן און די דעקלאַסירטע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן זוכן זײער פירערשאַפט ערגעץ אַנדערש. אין אַזאַ פאַל קאָן דער פאַשיזם זיך באַפעסטיקן. מיט דער הילף פון דעמאַגאָגישע לאָזונגען קעגן דעם גרויס־קאַפּיטאַל און אויסנוצנדיק זײערע קריוודעס, שלעפּט דער פאַשיזם אַרײן אָט־די עלעמענטן אין דער דינסט פונעם גרויס־קאַפּיטאַל.

4. די דעפיניציע פון פאַשיזם

אָפטמאָל רעדט מען וועגן פאַשיזם אַלס אַ רעזולטאַט פון קאָמוניזם. אין איר מאַניפעסט וועגן „דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור", וואָס די לייבאָר־פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין 1933, ווערט דערקלערט: „דעם פּלאַץ פון דער רעאַקציע פון 'לינקס' פאַרנעמט די טריאומפירנדיקע רעאַקציע פון 'רעכטס'." מיט אַ מערקווירדיקער ענלעכקייט צום בליק פון דער לייבאָר־פּאַרטיי האָט דער קאָנסערוואַטיווער פירער, באָלדווין, דערקלערט: „דער פאַשיזם וואַקסט אַרויס פון קאָמוניזם אין אַ מאָמענט פון אַ בירגער־שטרייט. וואו עס איז דאָ קאָמוניזם און אַ בירגער־שטרייט, דאָרט געפינט איר פאַשיזם." (זיין רעדע אין פּאַרלאַמענט ,דעם 23טן נאָוועמבער, 1933.)

דאָס דאָזיקע בילד איז אינגאַנצן אַ פאַרפירעריש בילד. קיין פראַגע, אַז די פּאַראַלעלע אַנטוויקלונג פון די כחות פון רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע שטעלט מיט זיך פאָר פאַקטיש די צוויי זייטן פון דעם איינצלנעם פּראָצעס פון דעם פאַנאַנדערפאַל פון קאַפּיטאַליזם; די כסדר'דיקע קעגנזייטיקע ווירקונג פון די פאַרקערטע כחות פון רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע האָט מאַרקס באַשריבן מיט יאָרן צוריק. אָבער דער פאַרזוך צו דרינגען דערפון, אַז אויב דער אַרבעטער־קלאַס וועט נאָכפאָלגן די ליניע פון קאָמוניזם, וועט דער פאַשיזם דורכדעם טריאומפירן, איז פונקט דער היפוך פון היסטאָרישער דערפאַרונג. די ווירקלעכקייט באַווייזט פונקט דעם היפוך. מיר האָבן איצט גענוג ביישפּילן, מען זאָל קאָנען מיט זיכערקייט אַרויסברענגען דעם כלל, קעגן וועלכן עס זיינען ניטאָ קיין אַרגומענטן.

דאָרט וואו די מאַיאָריטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס האָט נאָכגעפאָלגט די ליניע פון קאָמוניזם (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד), האָט דער פאַשיזם ניט געקאָנט זיך אַפילו באַווייזן.

דאָרט וואו די מאַיאָריטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס האָט נאָכגעפאָלגט די ליניע פון רעפאָרמיזם (דייטשלאַנד, איטאַליע און אַנדערע), האָט געמוזט אַרויסוואַקסן און זיין דערפאָלגרייך אַ געוויסע שטופּע פון פאַשיזם.

וואָס איז דער כאַראַקטער פון אָט־דער שטופּע? אַזאַ שטופּע וואַקסט אַרויס דעמאָלט, ווען דאָס צוזאַמענברעכן פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס און דער גאַנג פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג האָט דערגרייכט אַ פונקט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך פאַרנעמען צו פאַרכאַפּן די מאַכט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס ווערט אָבער אָפּגעהאַלטן דערפון פון דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט.

אין אַזאַ פֿאַל, צוליב דעם וואָס די פֿירערשאַפֿט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס נעמט ניט אָן קיין אַנטשלאָסענע מיטלען צו פֿאַראייניקן אַרום זיך אַלע אומצופֿרידענע שיכטן, איז דער דיסקרעדיטירטער אַלטער רעזשים בכוח צו־צוציען צו זיך מיט דער הילף פֿון כלומרשט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען אַלע וואַקלנדיקע עלעמענטן, דאָס קליינבירגערטום, די צוריקגעשטאַנענע אַר־בעטער, א. אַז. וו., און אַף דעם באַזיס פֿון דעם קריזיס און אומצופֿרידנקייט, וועלכע וואָלטן געדאַרפֿט געבן מיטהעלפֿער דער רעוואָלוציע, ווערן אויפֿ־געשטעלט די כוחות פֿון רעאַקציע אין דער פֿאָרם פֿון פֿאַשיזם. דאָס וואַקלען זיך און דאָס אָפּשרעקן זיך פֿון דער רעפֿאָרמיסטישער פּראָלעטאַרישער פֿירערשאַפֿט גיט צו מוט דעם וואוקס פֿון פֿאַשיזם. אַף אָט־דעם באַזיס קאָן דער פֿאַשיזם ענדלעך פֿאַרכאַפּן די מאַכט, ניט צוליב זיינע אייגענע כוחות, נאָר צוליב דעם באַנקראָט פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. דעם פּלאַץ פֿון דער צוזאַמענגעבראָכענער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע פֿאַר־נעמט אין אַזאַ פֿאַל ניט די פּראָלעטאַרישע נאָר די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור.*)

מיר קאָנען איצט געבן אַן אַלגעמיינע דעפֿיניציע פֿון דעם כאַראַקטער פֿון פֿאַשיזם, אָנווייזן די באַדינגונגען וואָס רופֿן אים אַרויס און זיין קלאַסן־הערשאַפֿט. אָט־די דעפֿיניציע האָט געקראָגן איר פֿולן, ווויסנשאַפֿטלעכן אויס־דרוק אין דער פּראָגראַם פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1928:

„אונטער געוויסע ספּעציעלע היסטאָרישע באַדינגונגען נעמט אָן דער פּראָגרעס פֿון דעם בורזשואַזן אימפּעריאַליסטישן רעאַקציאָנערן אָנגריף די פֿאָרם פֿון פֿאַשיזם.

„די דאָזיקע באַדינגונגען זיינען: די ניט־סטאַבילקייט פֿון קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען; די עקזיסטענץ פֿון אַ באַדייטנדיקער צאָל פֿון דעקלאַסירטע געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן; די פֿאַראָרעמונג פֿון ברייטע שיכטן פֿון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע און פֿון דער אינטעליגענץ; אומ-

*) נאָך אין 1925 האָט דער שרייבער פֿון אָט־די שורות פֿאָרגעשלאָגן אַזאַ דעפֿיניציע פֿאַר די באַדינגונגען וואָס זיינען נויטווענדיק פֿאַר דעם פֿאַשיזם:

„פֿאַשיזם טרעט אַרויס דעמאָלט, ווען אַ מעכטיקע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג דערגרייכט אַזאַ שטופֿע פֿון וואוקס, וועלכע מוז אַרויסברענגען רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען, וועלכע ווערט אָבער צוריקגעהאַלטן פֿון אַנטשלאָסענער האַנדלונג דורך דער רעפֿאָרמיסטישער פֿירערשאַפֿט... פֿאַשיזם איז דאָס קינד פֿון רעפֿאָרמיזם.” (לעיבאָר מאָנטהלי”, יולי, 1925.)

די פֿאָלגנדיקע פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד האָבן אויסגעצייכנט אילוסטרירט די ריכטיקייט פֿון אָט־דער באַהויפּטונג.

צופֿרידנקייט צווישן דער דאָרפֿישער קליין-בורזשואַזיע; און ענדלעך, די שטענדיקע שטערונג פֿון פּראָלעטאַרישער מאַסן-אַקציע. כדי צו סטאַביליזירן און אָנצוהאַלטן איר הערשאַפֿט איז די בורזשואַזיע געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך אַלץ מער פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם און איבערגיין צו דער פֿאַשיסטישער סיסטעם, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פֿון אָפּמאַכן און קאָמבינאַציעס צווישן פּאַרטייען.

„די פֿאַשיסטישע סיסטעם איז אַ סיסטעם פֿון דירעקטער דיקטאַטור, וועלכע ווערט אידעאָלאָגיש פֿאַרמאַסקירט דורך דער „נאַציאָנאַלער אידייע" און דורך דער פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון די „פּראָפֿעסיעס" (וועלכע איז אין דער ווירקלעכקייט אַ פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון די פֿאַרשיידענע גרופּן פֿונעם העשנדיקן קלאַס). דאָס איז אַ סיסטעם, וואָס ווענדט אָן אַ ספּעציעלע פֿאָרם פֿון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע (אַנטיסעמיטיזם, צופֿעליקע אָנפֿאַלן אַף דעם קאַפּיטאַל פֿונעם פּראַצענטניק, און כלומרשטע אומגעדולדיקייט בנוגע דער פּאַרלאַמענטאַרישער „ריידעריי", כדי אויסצונוצן די אומצופֿרידנקייט פֿון דער קליין-בורזשואַזיע, פֿון דער אינטעליגענץ, און פֿון אַנדערע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאָס איז אַ סיסטעם, וואָס ווענדט אָן קאָרופּציע דורך דעם, וואָס זי שאַפֿט אַ גוט-צוזאַמענגעשמאָלצענע און הויך-באַצאָלטע יעראַרכיע פֿון פֿאַשיסטישע גרופּן, אַ פּאַרטיי-אַפּאַראַט, און אַ ביוראָקראַטיע. אין דער זעלבער צייט זוכט דער פֿאַשיזם אַריבערצוגעווינען דעם אַרבעטער-קלאַס דורך דעם, וואָס ער נעמט אַריין אין זיינע רייען די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פֿון די אַרבעטער, אַפּעלירנדיק צו זייער אומצופֿרידנקייט, אויסנוצנדיק די אומאַנטשלאָסנקייט פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. א. אַז. וו.

„דער הויפּט-צוועק פֿון פֿאַשיזם איז צו פֿאַרניכטן דעם אַוואַנגאַרד פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, ד. ה., די קאָמוניסטישע סעקציעס, און די אָנפֿירנדיקע טיילן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. די קאָמבינאַציע פֿון סאָציאַל-דעמאַגאָגיע, קאָרופּציע און אַקטיוון ווייסן טעראָר, צוזאַמען מיט דעם עקסטרעמען אימפּעריאַליסטישן אָנגריף אין דער ספֿערע פֿון אויסלענדישער פּאָליטיק — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון פֿאַשיזם. אין דעם פּעריאָד פֿון שאַרפֿסטן קריזיס פֿאַר דער בורזשואַזיע ווענדט דער פֿאַשיזם אָן אַן אַנטי-קאַפּיטאַליסטישע פֿראַזעאָלאָגיע. אָבער ווי נאָר ער האָט פֿאַרכאַפּט דעם רודער פֿונעם שטאַט, וואַרפֿט ער אַוועק זיין אַנטי-קאַפּיטאַליסטישע פּלאַפּלעריי און טרעט אָפּן אַרויס אַלס אַ טעראָריסטישע דיקטאַטור פֿון גרויס-קאַפּיטאַל."

מען דאַרף דערביי נאָך צוגעבן דעם אַנאַליז וועגן פֿאַשיזם, וואָס איז געגעבן געוואָרן פֿון דעם זעקסטן קאָנגרעס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1928, אין דער רעזאָלוציע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע:

„דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון פֿאַשיזם איז, וואָס אַלס רעזולטאַט פֿון דער אויפֿרודערונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמישע סיסטעם האָט

געליטן, און צוליב די ספּעציעלע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען, נוצט אויס די בורזשואַזיע (כּדי צו שטערן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָ-לוציע) די אומצופרידנקייט פון דער שטאָטישער און דאָרפישער קליין-בורזשואַזיע און מיטלקלאַס, און אַפילו געוויסע שיכטן פון דעם דעקלאַסירטן פּראָלעטאַריאַט, מיט דעם צוועק צו שאַפן אַ רעאַקציאָנערע מאַסן-באַוועגונג.

„פאַשיזם באַנוצט זיך מיט מעטאָדן פון אָפענער גוואַלט, כּדי צו ברעכן די מאַכט פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און פון אָרעמע פּויערים און כּדי צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין זײַנע הענט.

„ווען ער האָט שוין די מאַכט פאַרכאַפּט, זוכט דער פאַשיזם אײַנצופירן פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אײנהייט צווישן אַלע הערשנדיקע קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט (די באַנקירן, די גרויסע אינ-דוסטריאַליסטן, און די פּריצים) און אײַנצופירן זייער אָפענע און אויס-געהאַלטענע דיקטאַטור. זי גיט איבער אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן באַוואָפנטע כּחות, וועלכע זײַנען ספּעציעל געשולט געוואָרן פאַר בירגער-קריג, און פירט אײַן אַ נײַע פאָרמע פון שטאַט, וועלכע שטיצט זיך אַף גוואַלט, אונטערדריקונג און קאָרופּציע, ניט נאָר פון די קלײנבירגערלעכע שיכטן, נאָר אויך פון געוויסע עלעמענטן פונעם אַרבעטער-קלאַס (אָפּוס-אָנגעשטעלטע, געוועזענע רעפאָרמיסטישע פירער, וועלכע זײַנען געוואָרן רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, טרייד-יוניאָן אָנגעשטעלטע און מאַכערס אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, ווי אויך אָרעמע פּויערים און דעקלאַסירטע אַרבעטער, וועלכע זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער פאַשיסטישער מיליציע).”

צום שלום דאַרף אָנגעגעבן ווערן די קורצע דעפיניציע פון דעם דרײַצענטן פּלענום פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1933, וועלכע איז ווידערהאָלט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע פון דעם זיבעטן קאָנגרעס אין 1935:

„פאַשיזם איז די אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור פון די סאַמע רע-אַקציאָנערסטע, די סאַמע שאָוויניסטישע און סאַמע אימפּעריאַליסטישע עלע-מענטן פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל.”

ס'איז נאָך איצט נויטיק צו באַטראַכטן די אַנדערע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון פאַשיזם, וועלכע זײַנען אָנגעגעבן געוואָרן אויבן, סײַ בנוגע פאַרכאַפּן די מאַכט, סײַ בנוגע דער פּראָגראַם און דער פּראַקטיק, נאָכדעם ווי ער איז אין מאַכט.

פינפטער קאַפּיטל

ווי אַזוי פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אין איטאַליע

ווען מען האָט דעם אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער און דער ראָלע פונעם פאַשיזם און וועגן די באַדינגונגען פאַר זיין אַנטוויקלונג, קאָן מען איצט געגויער באַטראַכטן די קאָנקרעטע, היסטאָרישע דערשיינונגען פון פאַשיזם בכלל און בפרט זיין אַנטוויקלונג אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד.

פאַר אַט־דעם צוועק איז צוערשט נויטיק צו באַטראַכטן די באַדינגונגען פון דעם איבערגאַנג צום פאַשיזם אין אַט־די לענדער. נאָכדעם וועט נויטיק זיין צו שטודירן גענויער די פּראָגראַם און די פּראַקטיק פון פאַשיזם, ספּעציעל ווי ער דריקט זיך אויס אין אַט־די צוויי לענדער.

1. די בכורה־שאַפט פון דעם פאַשיזם אין איטאַליע

ווי קומט עס, וואָס דער פאַשיזם, וועלכער איז די העכסטע אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק, האָט זיך אַנטוויקלט צוערשט אין זיין אויסגעשפּראָכענער און פאַרענדיקטער פאָרם אין איטאַליע, אין אַ צווייט־קלאַסיקן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד?

ביז אַ געוויסן גראַד האָט אַט־די פראַגע אַן ענלעכקייט צו דער פראַגע, וועלכע מען שטעלט אָפט, פאַרוואָס די אַלוועלטלעכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט געהאַט איר ערשטן זיג ניט אין דעם העכסט־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, נאָר אין דעם פאַרהעלטניסמעסיק־ווייניק־אַנטוויקלטן רוסלאַנד.

איןביידע פאַלן האָט אַן אַלגעמיינע וועלט־אַנטוויקלונג פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע צוערשט דערגרייכט איר ספּעציפישע פאָרם ניט אין די הויפּט־צענטרען פון דעם וועלט־אימפּעריאַליזם, נאָר אין יענעם פּונקט, וואו די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון די העכסטע ווידערשפּרוכן האָבן געמאַכט מעגלעך זיין ערשטע דערשיינונג, און האָבן זיך לאַנגזאַמער פאַרשפּרייט אויסער די לענדער פון זיין אורשפּרונג.

די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל זיך אָנפאַנגען אין רוסלאַנד, זיינען שוין לאַנג דערקלערט געוואָרן. רוסלאַנד איז געווען דער שוואַכסטער רינג פון דעם וועלט־אימפּעריאַליזם: פון איין זייט איז אין איר געווען אַ קאָמבינאַציע פון דער

שוואַכסטער בורזשואַזיע און פון דער גרעסטער קאָרופּציע און צעפוילטקייט פון דעם אַלטן רעזשים; פון דער צווייטער זייט האָט זי געהאַט דעם פּאָליטיש העכסט־אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט, די העכסטע פּראָפּאָרציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער גרויס־אינדוסטריע און די העכסט־באַוואוסט־זיניקסטע און בעסט־געשולטע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי מיט אַ גוטער פירערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט אַרבעטער.

דער פאַל פון איטאַליע און פאַשיזם איז אַ מער קאָמפּליצירטער. פאַקטיש זיינען די עמבריאָנישע (אָנפאַנגס) פאָרמען פון פאַשיזם געווען אַנטוויקלט אין אַנדערע לענדער פריער ווי אין איטאַליע, הויפּטזאַכלעך אין פינלאַנד, אונגאַרן, פּוילן, און דייטשלאַנד. איטאַליע איז אָבער געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואו דער פאַשיזם האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ פאַרענדיקטער סיסטעם און איז אין אַ משך פון צען יאָר געוואָרן דער אָנערקענטער מוסטער. ווי קומט עס? מיר האָבן געזען, אַז דער פאַשיזם אַנטוויקלט זיך דאָרט, וואו די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האַלט שוין גאַנץ נאָענט, וואו זי ווערט אָבער צוריקגעהאַלטן פון דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט. דאָס איז זיכער געווען דער פאַל אין איטאַליע נאָך דער מלחמה. אָבער איז דען די פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע גלייך נאָך דער מלחמה ניט געווען נעענטער אין דייטש־לאַנד ווי אין איטאַליע? טאָ ווי קומט עס, וואָס דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט פיל שפּעטער?

דער ענטפער איז, אַז דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט איז ניט נאָר געווען אַ סך שטאַרקער און האָט אַרויסגעוויזן אַ פיל גרעסערן ווידערשטאַנד, נאָר אַז דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד פון די באַדינגונגען אין די ביידע לענדער האָט געפירט דערצו. אין דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־רעוואָלוציע, פון וועלכער מען האָט אַוועקגערויבט אירע פרוכט. אין איטאַליע איז געווען בלויז אַ געפאַר פון אַ רעוואָלוציע. דעריבער זיינען די מעטאָדן פון דער בורזשואַזיע אין ביידע לענדער געווען נויטווענדיקערהייט פאַרשיידן.

אין דייטשלאַנד האָט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע ווירקלעך אַרונטער־געוואָרפן דעם אַלטן רעזשים אין 1918. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער־שאַפט האָט אָבער באַרויבט די אַרבעטער פון די פרוכטן, וואָס זייער זיג האָט געבראַכט. הגם די רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן פון די אַר־בעטער קעגן דער פאַראייניקטער בורזשואַזיע און דעם אַלטן פעאָדאַל־מיליטאַריסטישן רעזשים, האָט די פירערשאַפט באַגרענעצט אירע אויפגאַבן פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וועלכע איז אין דייטשלאַנד קיינמאָל ניט פאַרענדיקט געוואָרן. צוערשט זיינען די אויפגאַבן פון דער

בורזשואַזיע געוועזן צו באַגרענעצן די דערפאָלגרייכע רעוואָלוציע, וואָס איר זיג איז געווען אַ גאַנץ קלאָרער. פאַר דעם צוועק איז די דירעקטע רעגירונגס־פירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען נויטווענדיק פאַר דער בורזשואַזיע אַלס די איינציקע רעטונג. ערשט שפּעטער, ווען דער איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די געפאַר פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז געשטיגן (ניט געקוקט אַף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קעגן איר ווילן), האָט די דייטשע בורזשואַזיע געמוזט אָנווענדן אין דעם שפּיל דעם וואָפן פון פאַשיזם קעגן דעם ארבעטער־קלאַס.

פאַרקערט, אין איטאַליע איז נאָך דער מלחמה קיין רעוואָלוציע ניט פאָרגעקומען. דאָרט האָט זיך געלאָזט פילן בלויז אַ זייער שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פון די מאַסן — די שטאַרקסטע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־כוואַליע אין די זיגרייכע לענדער, וואו די מלחמה האָט ניט ארויסגערופן קיין רעוואָלוציע. די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע איז בעצם אין איטאַליע פאַרענדיקט געוואָרן אין דעם פריערדיקן פּעריאָד. די איינציקע פראַגע איז געווען די פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דאָרט איז ניט געווען קיין פראַגע וועגן דערשטיקן אַ שוין־זיגרייכע מאַסן־רעוואָלוציע דורך דעם, וואָס מען וועט איבערגעבן די מאַכט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס דער בלומרשטער פירערשאַפט און דעם אויסדרוק פון דער טריאומפירנדיקער רעוואָלוציע. די רעגירונגס־מאַכט איז געבליבן די גאַנצע צייט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרהיטן די דראָענדיקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. פאַר דעם צוועק האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געקאָנט דינען פאַר דעם אָפּהאַלט אַף צו דעזאָרגאַניזירן די כוחות פון די ארבעטער. אָבער אַף צו צעשמעטערן די כוחות פון די ארבעטער איז נויטיק געווען דער פאַשיזם. די רעוואָלוציאָנערע מאַסן־כוואַליע איז אין איטאַליע נאָך דער מלחמה געווען אַזוי הויך, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פאָרמען האָבן שוין מער ניט געטויגט; מען האָט געמוזט איינפירן אַנדערע אויסערגעוויינלעכע פאָרמען. די דאָזיקע כוואַליע איז אָבער ניט געווען הויך גענוג, זי זאָל דערגרייכן אַן אָפענעם אויפשטאַנד און ארונטערוואַרפן די רעגירונג; די בורזשואַזיע האָט דעריבער ניט געהאַט קיין באַדערפעניש צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי גיט איבער די מאַכט. פאַר איר איז בלויז נויטווענדיק געווען צו ענדערן די פאָרמען און די מעטאָדן פון איר מאַכט. דעריבער האָט איטאַליע, ניט געקוקט אַף דער נידעריקערער שטופע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג ווי אין דייטשלאַנד, די

ערשטע געגעבן דעם ביישפּיל פון דער נייער פאַשיסטישער דיקטאַטור, צו וועלכער דייטשלאַנד איז געקומען ערשט שפּעטער. דער איטאַליענישער פאַשיזם האָט אַרויסגעשטעלט דעם פאַשיזם אַלס אַ מוסטער פון אַ פאַרהיטנדיקער קאָנטר־רעוואָלוציע.

2. סאָציאַליזם אין איטאַליע

די רעלאַטיוו־צוריקגעשטאַנענע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין איטאַליע האָט געמיינט, אַז דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט, ספּעציעל אין דער גרויס־אינדוסטריע, איז געווען פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך שוואַכער ווי אין די אָנפירנדיקע אינדוסטריעלע לענדער, ווי דייטשלאַנד, ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. פון די זעכצן מיליאָן אַכט הונדערט טויזנט באַשעפטיקטע מענטשן, וועלכע זיינען רעגיסטרירט געוואָרן דורך דעם צענזוס אין 1911, זיינען ניין מיליאָן, ד. ה. פיר־און־פופציק פּראָצענט, געווען באַשעפטיקט אין אַגריקולטור און פישערייען. די צוויי הונדערט דריי־און־פערציק טויזנט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן באַשעפטיקט צוויי מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט אַרבעטער. דער צענזוס פון 1927 האָט רעגיסטרירט צוויי מיליאָן און ניין הונדערט טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער, אָבער אָנדערהאַלבן מיליאָן פון זיי זיינען געווען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט ווייניקער ווי צען אַרבעטער. נאָר זעקס הונדערט פינף־און־נײַנציק פאַבריקן האָבן געהאַט מער ווי צו פינף הונדערט אַרבעטער און האָבן באַשעפטיקט סך־הכּל זעקס הונדערט צוויי־און־נײַנציק טויזנט אַרבעטער.

מען דאַרף אָבער ניט אונטערשאַצן די מאַכט פון דעם אינדוסטריעלן און אַגריקולטורעלן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פאַראייניקט, ספּעציעל ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט אויך דאָס אָרעמע פּויערטום. אַף דעם באַזיס פון דעם צענזוס, וואָס איז גענומען געוואָרן אין 1911, איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז צווישן די זעכצן מיליאָן און אַכט הונדערט טויזנט באַשעפטיקטע נפשות אין איטאַליע האָט דער אַגריקולטורעלער פּראָלעטאַריאַט געציילט זעקס מיליאָן און צוויי הונדערט טויזנט, און דער פּראָלעטאַריאַט אין דער אינדוסטריע און אין דעם טראַנספּאָרט — פיר מיליאָן. דאָס מיינט אַ סך־הכּל פון איבער צען מיליאָן, אָדער מער ווי זעכציק פּראָצענט.

נאָך מער, דער סאָציאַליזם, שטיצנדיק זיך אַף אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם, האָט נאָך דער מלחמה דערגרייכט אַ ריזיקע מאַסע. די סאָציאַליס־

טישע פֿאַרטיי אין איטאַליע, וועלכע איז פֿריער געווען שוואַך און איז ביז 1910 דאָמינירט געוואָרן פֿון דעם רעפֿאָרמיזם, וועלכער האָט אָנגעפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפֿט, האָט אין דעם יאָר 1911 אָנגעהויבן באַוועגן זיך לינקס אין דעם קאַמף קעגן דער מלחמה אין טריפּאָלי. אין 1912 איז זי שטאַרקער געוואָרן דורך דעם, וואָס זי האָט אויסגעשלאָסן פֿון אירע רייען די שאָוויניסטישע רעפֿאָרמיסטן אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון באָנאָמי און ביסאָלאַטי. די מיטגלידערשאַפֿט, וועלכע איז פֿריער געפֿאַלן פֿון זעקס און דרייסיק טויזנט אין 1906 ביז פֿיר און צוואַנציק טויזנט אין 1910, האָט נאָכדעם אָנגעהויבן שנעל שטייגן; זי איז געווען זיבן און צוואַנציג טויזנט אין 1912 און איז געשטיגן צו אַכט און פֿערציק טויזנט אין 1914. די סאָציאַליסטישע פֿאַרטיי פֿון איטאַליע איז אַף אַזאַ אופֿן אַזוי פֿאַרשטאַרקט געוואָרן סיי אין צאָל און סיי פּאָליטיש, אַז זי האָט אַפֿילו אָנגענומען די רעוואָלוציאָנערע ליניע פֿון דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ. (אין אָט־דער רעוואָלוציאָנערער ליניע פֿון די איטאַליענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער פֿאַקט, וואָס איטאַליע איז ניט אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה פֿון אָנפֿאַנג אָן און האָט זיך באַשלאָסן אַף דעם אַריינטריט נאָך אַ פֿאַרלענגערטן שטרייט צווישן איר בורזשואַזיע, וואָס האָט אגב אויך צעטיילט און אָפּגעשוואַכט די בורזשואַזיע). נאָך דער מלחמה איז די צאָל מיטגלידער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿאַרטיי פֿון איטאַליע פֿאַרגרעסערט געוואָרן ביז זיבעציק טויזנט, און די פֿאַרטיי איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין איטאַליע האָט נאָך דער מלחמה דערגרייכט אַ גרויסע הויך. זי האָט באַאיינפֿלוסט אַלע שיכטן, — די אינדוסטריעלע אַרבעטער, די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, דעם אַגריקולטורעלן פּראָלעטאַריאַט און דאָס אָרעמע פּויערטום. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ווייטפֿאַרשפּרייטע סטרייק־באַוועגונג, סיי אַן עקאָנאָמישע און סיי אַ פּאָליטישע; די אַגריקולטורעלע אַרבעטער און דאָס אָרעמע פּויערטום האָבן זיך גענומען פֿאַרכאַפּן לאַנד, א. אַז. וו. דורך אַ באַשלוס פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז נאָכדעם געשטיצט געוואָרן פֿון אַ גרויסער מאַיאָריטעט אַף דעם קאָנגרעס אין באָלאָניאַ אין אָקטאָבער, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿאַרטיי אין מערץ 1919 זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די פֿאַרטיי איז אַף אַזאַ אופֿן געקומען צו די וואַלן אין נאָוועמבער 1919 מיט אַ קאָמוניסטישער פּראָגראַם פֿון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און סאָוועטן און האָט מיט אַזאַ פּראָגראַם געקראָגן אַ דריטל שטימען פֿון דער

גאַנצער באַפעלקערונג. זי איז אַף אַזאַ אופן געוואָרן די שטאַרקסטע פּאַרטיי, וועלכע האָט צווישן די פינף הונדערט און אַכט פלעצער אין פּאַרלאַמענט פאַרכאַפּט הונדערט זעקס־און־פופציק, אין דער צייט וואָס מוסאָליני און זיינע פאַשיסטן האָבן נישט באַוויזן צו קריגן קיין איין איינציקן פּלאַץ. די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן צו צוויי הונדערט טויזנט, און צוזאַמען מיט דער קאָנפעדעראַציע פון אַרבעט (די טרעיד־יוניאָנס), וועלכע איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער פּאַרטיי, האָט זי קאָנטראָלירט צוויי מיליאָן אַרבעטער. אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1920 האָט די פּאַרטיי געקראָגן דעם קאָנטראָל אַף איבער צוויי טויזנט שטעט און שטעטלעך, ד. ה. איבער אַ דריטל פון דעם לאַנד. ווען די רעוואָ־לוציאָנערע כוואַליע איז געווען אַזוי הויך, איז די רעגירונג געווען מאַכטלאָז צו האַנדלען, ווי דאָס האָט באַוויזן איר פּאַסיווקייט, ווען די אַרבעטער האָבן אין 1920 פאַרכאַפּט פאַבריקן; זי איז געווען אַזוי שוואַך, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט שטיצן אַף דער מיליטערישער מאַכט. אַלע האָבן דערוואַרט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אָבער די רעוואָלוציע איז נישט פאָרגעקומען, ווייל עס האָט געפעלט אַן אַנטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערע פירערשאַפט. אין אָקטאָבער, 1920, האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַזוי געשריבן:

> „די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האַנדלט זייער אומאַנט־שלאָסן. עס איז נישט די פּאַרטיי, וועלכע פירט די מאַסן, נאָר די מאַסן, וועלכע שטופּן די פּאַרטיי... אין איטאַליע עקזיסטירן איצט אַלע נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר אַ זיגרייכער רעוואָלוציע מיט דער אויסנאַם פון איינער — אַ גוטע אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס.“

אַף וויפיל דאָס איז ריכטיק האָבן באַוויזן די פּאַסירונגען אין 1919־1920. ביז 1921, ווען די הויפּט רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז שוין פאַריבער, איז דאָרט נישט געווען קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אַנאַרכיסטישע און סינדיקאַליסטישע טענדענצן און צעטומלעניש פון איין זייט, רעפאָרמיזם, וועלכער האָט קאָנטראָלירט די וויכטיקסטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, פון דער אַנדערער זייט, און אַ פּאַסיווע וואַקלענדיקע צענטריסטישע פירערשאַפט צווישן זיי — דאָס איז געווען דאָס הויפּט־בילד פון דער פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין איטאַליע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. הגם די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אין 1919 אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט זי אָנגעהאַלטן אין דער שפּיץ פון איר פירערשאַפט, וועלכע האָט קאָנטראָלירט די העכסט־

סטראַטעגישע פּונקטן פון דער באַוועגונג, איבערצייגטע שונאים פון קאָמוניזם, ווי די אַלטע רעפאָרמיסטן, וואָס זיינען געווען אונטער דער פירערשאַפט פון טוראַטי און ד׳אַראַגאָנאַ, און וועלכע האָבן דאָמינירט די פּאַרטיי ביז 1910. ווי דאָס האָבן באַוויזן די שטימען אַף דעם קאָנגרעס, האָט אָט־די פירערשאַפט געהאַט זייער ווייניק אָנהענגער צווישן די אַרבעטער; זי האָט אָבער פאַרנומען אַ צו־וויכטיקן פּלאַץ אין דעם אויבנאָן, דאָמינירנדיק די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע און קאָנטראָלירנדיק די מאַשינעריע פון דער קאָנפעדעראַציע (טרעיד־יוניאָנס). ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגענומען די קאָמוניסטישע פּראָגראַם, זיינען זיי פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי, כדי צו באַזיגן די רעוואָלוציאָנערע ליניע. ווי איינער פון אירע פירער, פּראָמפּאָליני, האָט דערקלערט אַף דער קאָנפערענץ פון דעם רעפאָרמיסטישן פליגל פון דער פּאַרטיי אין סעפּטעמבער 1922:

„פאַרבלייבנדיק אין דער פּאַרטיי, זיינען מיר בכוח צו דערפילן אונזער חוב אַלס סאָציאַליסטן. אויסער דער פּאַרטיי וואָלט פאַר אונז כמעט געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין איר.״

עס איז קלאָר געווען, אַז כדי צו דערגרייכן אירע אויפגאַבן פון אַ רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט, האָט זי קודם־כל געדאַרפט באַזייטיקן פון די אָנפירנדיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס די שונאים פון דער רעוואָלוציע און אַוועקשטעלן אַף זייער פּלאַץ רעוואָלוציאָנערן. דער אויספיר־קאָמיטעט פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אונטער דער פירערשאַפט פון לעניג׳ען, באַגרייפנדיק אין וואָס פאַר אַ געפאַר די רעוואָלוציע געפינט זיך אין איטאַליע, ווען דאָס זאָל ניט דורכגעפירט ווערן, האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצן איינפלוס און אויטאָריטעט אַף אָט־דער פאָדערונג. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט דאָס געפאָדערט אַ לאַנגע צייט און ענדלעך, אין זומער פון 1920, ווען די לאַגע איז געוואָרן אַזוי ערנסט, אַז מען האָט מער ניט געקאָנט אָנפירן קיין פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם, האָט ער געפאָדערט, אין דעם נאָמען פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, מען זאָל אויסשליסן טוראַטי׳ן און די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט. אָבער די צענטריסטישע פירערשאַפט, מיט סעראַטי׳ן בראש, האָבן זיך אָפּגעזאָגט דערפון, און די רעוואָלוציע אין איטאַליע איז אָפּגעשטופּט געוואָרן אַף פילע יאָרן. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַפן צווייטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין אויגוסט 1920; סעראַטי האָט זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו לעניג׳ען און צו דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער פירערשאַפט, אויסקלייבנדיק בעסער פאַר זיך איינִיקייט מיט טוראַטי׳ן איידער מיט דעם אינטער־

נאַציאָנאַלן קאָמוניזם. און דער גרעסטער טייל פון דער פּאַרטיי איז אונטער זיין פירערשאַפט אַרויסגעטראָטן פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. דער ברוך איז פאָרגעקומען אויף דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס אין ליוואָרנאָ אין יאַנואַר 1921. סעראַטי און די צענטריסטן האָבן געהאַט אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון אַכט־און־ניינציק טויזנט, טוראַטי און די רעפאָרמיסטן — פערצן טויזנט, און די קאָמוניסטן —אַכט־און־פופציק טויזנט, וועלכע האָבן נאָכדעם געגרינדעט די איטאַליענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די קאָמוניסטן האָבן זיך געווענדעט צו סעראַטי׳ן און זיין פליגל, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „איינהייט־קאָמוניסטן", זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע וואָלט אויף אַזאַ אופן צוזאַמענגעשטעלט ניינציק פּראָצענט פון דער אַלטער פּאַרטיי, אַ באַפרייטע פון רעפאָרמיזם. סעראַטי׳ס פליגל האָט זיך אָבער בעסער פאַראייניקט מיט די פערצן טויזנט רעפאָרמיסטן איידער מיט די אַכט־און־פופציק טויזנט קאָמוניסטן. אויף אַזאַ אופן זיינען צעבראָכן געוואָרן די רייען פון די אַרבעטער.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, ערב מוסאָליני׳ס קומען צו מאַכט, איז סעראַטי געצוואונגען געווען צו אָנערקענען זיין שרעקלעכן טעות. אָנפאַנג אָקטאָבער 1922, ווען ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין רוים דער קאָנגרעס פון דער אָפּגעשוואַכטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט די סעראַטי־פירערשאַפט אויסגעשלאָסן טוראַטי׳ן און די רעפאָרמיסטן, וועלכע האָבן צו יענער צייט שוין באַטראָפן אַ העלפט פון דער מיטגלידערשאַפט, און האָט זיך געבעטן באַם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מען זאָל אים צוריק אַריינעמען. אויף אַט־דעם קאָנגרעס האָט סעראַטי דערקלערט: „אונזער שולד איז, וואָס מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט צוגעגרייט ווי עס געהער צו זיין פאַר די פּאַסירונגען, וועלכע זיינען שפּעטער פאָרגעקומען. איצט באַטראַכטן מיר פאַר הײַעכסט וויכטיק אָפּצוזאָגן זיך פון די דעמאָקראַטישע אילוזיעס און צו שאַפן אַ קעמפנדיקע, אַקטיווע און געוואַגטע פּאַרטיי." עס איז אָבער געווען שוין צו שפּעט. דער שרעקלעכער שאָדן איז שוין געמאַכט געוואָרן. אין פיר וואָכן אַרום איז מוסאָליני געווען אין מאַכט. ווי די ווענדונג פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צום קאָנגרעס אין רוים האָט דערקלערט:

> „מען קאָן ניט אָנרופן אַ פירער פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אַזעלכן, אויף וועמען מען דאַרף אָנווענדן אַ סך כחות און וועמען עס דאַרף נעמען עטלעכע יאָר צו קאָרעגירן זיינע טעות׳ן; אַ פירער איז דער, וועלכער קאָן דערשמעקן אַ טענדענץ, ווי נאָר זי ווערט געבאָרן, און קאָן וואָרענען די אַרבעטער אין צייט וועגן דער דראָענדיקער געפאַר."

3. איז אַ רעוואָלוציע מעגלעך געווען אין איטאַליע?

עס איז זייער וויכטיק צו פארשטיין אַז־די אינערלעכע לאַגע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון איטאַליע אין דעם משך פון די קריטישע יאָרן 1919־1922, כדי מען זאָל קאָנען פאַרשטיין, פאַרוואָס די רעוואָלוציע אין איטאַליע האָט זיך ניט איינגעגעבן אין יענע יאָרן, הגם די באַדינגונגען זיינען געווען גינסטיקע און הגם די מאסן זיינען געווען גרייט און האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווילקייט זיך מקריב צו זיין; דאָס איז וויכטיק אויך כדי מען זאָל קאָנען פאַרשטיין, ווי אַזוי אַלס רעזולטאַט דערפון האָט דער פאַשיזם דאָרט געזיגט.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פון 1919־1920 איז פארשווענדט געוואָרן אויף ניט־אָרגאַניזירטע קאַמפן און דעמאָנסטראַציעס, אָן אַן אַנטשלאָסענער פירערשאַפט און אָן באַשטימטן צוועק. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט דעם לאָזונג: „די רעוואָלוציע ווערט ניט געמאַכט. די רעוואָלוציע קומט." אונטער דעם שלייער פון אַזאַ שרעקלעכן ניט־מאַרקסיסטישן באַגריף, האָט די פירערשאַפט פּאַקטיש אָראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די כוחות און דער זעלבסט־אָפּפער פון די מאַסן זיינען פאַרשווענדט געוואָרן אויף פּרוכטלאָזע ניט־קאָאָרדינירטע האַנדלונגען.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט, ווען אין סעפּטעמבער 1920 זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן די פאַבריקן אין צפון־איטאַליע. די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַזאַ שריט, ווען די באַלעבאַטים האָבן דערקלערט אַ לאָקאַוט און האָבן געסטראַשעט צו פאַרוואַנדלען אים אין אַן אַלגעמיינעם לאָקאַוט פאַר אַלע אַרבעטער. מען האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרכאַפּן פאַבריקן ענדע אויגוסט אין דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע אין מילאַן. נאָכדעם האָט זיך דאָס פאַרשפּרייט אויף אַלע אינדוסטריעס, און דעם דריטן סעפּטעמבער איז אַ האַלבער מיליאָן אַרבעטער געווען דער פולשטענדיקער באַלעבאָס פון די פאַבריקן, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע אַרבעטער־קאָמיטעטן און באַוואָפנטע וועכטער. די רעגירונג און די באַלעבאַטים זיינען געווען מאַכטלאָז. מען האָט ניט געקאָנט פאַרלאָזן זיך אויף די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן די אַרבעטער. עס זיינען געווען אויסגעצייכנטע באַדינגונגען פאַר אַ רעוואָלוציע. דער פּרעמיער מיניסטער, דזשיאָליטי, האָט געדרייט מיטן עק וואוהין דער ווינט האָט געבלאָזן. די לעגאַלע פאַשיסטן האָבן פאַרמאָגט בלויז אַ הייפעלע מאַכטלאָזע מענטשן, און אַפילו זיי האָבן באַטראַכט פאַר נויטווענדיק צו אַפּלאָדירן דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער־

וויטן, דערקלערנדיק זיך „סימפּאַטיש" צו דעם, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט די פאַבריקן, הגם זיי האָבן זיך אין דעם ניט באַטייליקט, און אין זיין צייטונג, „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", פון דעם 28טן סעפּטעמבער, 1920, האָט מוסאָליני דערקלערט אָט־די האַנדלונג פאַר אַ „גרויסער רעוואָלוציע".

אין אַזאַ לאַגע האָט די בורזשואַזיע געקאָנט האָפן, אַז נאָר די רעפאָר־מיסטישע פירערשאַפט וועט זי ראַטעווען. און די רעפאָרמיסטישע פירער־שאַפט איז געבליבן געטריי דער בורזשואַזיע. עס איז קלאָר געווען, אַז פאַר־כאַפּן די פאַבריקן און האַלטן זיך מיט זיי אַלס אַ פּאַסיווע עקאָנאָמישע באַוועגונג, אין דער צייט ווען די פּאָליטישע מאַכט איז געבליבן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, האָט געמוזט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. פאַר דעם זיג איז נויטווענדיק געווען, אַז די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנ־געפאַנגען מיט פאַרכאַפּן די פאַבריקן, זאָל פאַרשפּרייט ווערן אַזוי, אַז די אַרבעטער זאָלן אויך פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, ווען די בורזשואַזיע איז ניט בכוח געווען אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד. און פּונקט קעגן דעם זיינען די רעפאָרמיסטן אַרויסגעטראָטן, באַהויפּטנדיק, אַז די באַוועגונג מוז זיין אַ „ריין־עקאָנאָמישע באַוועגונג" (די זעלבע טאַקטיק, וואָס די רעפאָר־מיסטן אין ענגלאַנד האָבן אָנגעווענדט אין 1926 אין דעם גענעראַל־סטרייק), און פאַרהאַנדלענדיק מיט דער רעגירונג וועגן אַן אָפּמאַך. דעם 11טן סעפּ־טעמבער, אַף אַ פאַראייניקטער קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער קאָנפעדערציע (טרעיד־יוניאָנס), איז געפאַסט געוואָרן דער שענדלעכער באַשלוס; מיט אַן אָפּשטימונג פון 591,245 קעגן 409,569 איז דער קאָנטראָל פון דער באַוועגונג איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער קאָנפעדעראַציע, דאָס הייסט, צו דער רעפאָרמיסטישער פירער־שאַפט. די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט איז גלייך אַריינגעטראָטן אין פאַר־האַנדלונגען מיט דזשיאָליטי'ן. און דעם 19טן סעפּטעמבער איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, דורך וועלכן די אַרבעטער האָבן געדאַרפט עוואַקואירן די פאַבריקן פאַר אַ צוואַנציק־פּראָצענטיקער העכערונג פון שכירות און אַ צוזאָג, אַז „די אַרבעטער וועלן האָבן אַ חלק אין דעם קאָנטראָל" פון דער אינדוסטריע. (עס פאַרשטייט זיך, אַז דער סוף פון אָט־דעם צוזאָג איז געווען דער זעלבער, ווי פון אַלע אַזעלכע צוזאָגן. די אַלגעמיינע קאָמיסיע, וועלכע איז שפּעטער איינגעפירט געוואָרן אַף אויסצואַרבעטן די איינצעלהייטן פון דעם פּלאַן פאַר אַזאַ קאָנטראָל, איז צו קיין שלום ניט געקומען. ענדלעך האָט די רעגירונג אין 1921 אַריינגעבראַכט אַ פּאַרעווון געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַרבעטער־קאָנטראָל, וועלכער איז זייער ענלעך

געוועזן צום דייטשן געזעץ וועגן אַרבעטער־ראַטן.) דער עצם פון דעם אָפּמאַך איז געווען, אַז די פאַבריקן ווערן עוואַקואירט. די רעפאָרמיסטן האָבן אויפ־געפאָדערט די אַרבעטער אָפּצוטרעטן די פאַבריקן. דאָס, וואָס ניט די באַלע־באַטים, ניט די רעגירונג, ניט די פּאָליציי, ניט די באַוואָפנטע כוחות, האָבן ניט געקאָנט אויפטאָן, האָט אויפגעטאָן די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט — אָפּנעמען די פאַבריקן פון די אַרבעטער און איבערגעבן זיי צוריק צו די באַלעבאַטים.

איז מעגלעך געווען אַ זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין איטאַליע אין דער סיטואַציע, וואָס האָט דאָרט געהערשט אין סעפּטעמבער 1920? וועגן דעם קאָן ניט זיין קיין ספק, ווען מען באַטראַכט דאָס עדות־זאָגן פון אַלע פּאַרטייען. דער ליבעראַלער אַנטי־פאַשיסטישער היסטאָריקער, סאַלוועמיני, וועלכער זוכט פאַר דעם צוועק פון זיינע אַרגומענטן צו מינימי־זירן די רעוואָלוציאָנערע לאַגע אין איטאַליע איידער דער פאַשיזם האָט פאַר־כאַפּט די מאַכט, כדי ער זאָל קאָנען אָפּלייקענען די דאָזיקע בורזשואַזע „באַרעכטיקונג" פאַר דעם פאַשיזם, שרייבט וועגן יענעם פּעריאָד אַזוי:

„ווען די פירער פון דער קאָנפעדעראַציע און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וואָלטן געוואָלט אָנפירן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף, האָבן זיי דעמאָלט געהאַט פאַר זיך די געלעגנהייט... די באַנקירן, די גרויסע פאַבריקאַנטן און די רייכע פּריצים האָבן געוואַרט אַף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי אַ שעפּעלע וואַרט אַף דער שחיטה. אויב אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע וואָלט געקאָנט פאָרקומען צוליב אַ צעטומלונג און אַ פּחד מצד דעם הערשנדיקן קלאַס, האָט דאָס איטאַליענישע פאָלק אין סעפּטעמבער 1920 געקאָנט מאַכן אַזויפיל קאָמו־ניסטישע רעוואָלוציעס, וויפיל עס וואָלט נאָר געוואָלט." (ג. סאַלוועמיני, אין זיין „די פאַשיסטישע דיקטאַטור", 1928, ערשטענד באַנד, ז. 41.)

די אָנגעזעענע איטאַליענישע צייטונג, „קאָריערע דעלאַ סעראַ", האָט אין יענער צייט, דעם 29טן סעפּטעמבער, 1920, געשריבן:

„איטאַליע איז געווען אין געפאַר פון אַ צוזאַמענבררוך. עס איז ניט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציע ניט דערפאַר, ווייל זי האָט ניט געקאָנט פאָר־קומען, נאָר ווייל די קאָנפעדעראַציע האָט ניט געוואָלט אַז זי זאָל פאָרקומען."

די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זי האָט פאַרמידן די רעוואָלוציע דורך אירע האַנדלונגען, און האָט נאָכדעם, פּונקט ווי דאָס האָבן געטאָן די דייטשע רעפאָרמיסטן שפּעטער, שטאַרק באַ־קלאָגט זיך אַף דער ניט־דאַנקבאַרקייט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט איר אָפּגעזאָגט פאַר איר דינסט מיט קלעפּ פון פאַשיזם.

„אָבער נאָכדעם, ווען מיר האָבן געהאַט דעם כבוד,‟ דערקלערט דער סעקרעטאַר פון דער קאָנפעדעראַציע אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט צוויי יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי עס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן די פאַבריקן, „צו פאַרמיידן אַ רעוואָלוציאָנערע קאַטאַסטראָפע, איז אָנגעקומען דער פאַשיזם.‟ („דעילי העראָלד‟, דעם 12טן אַפּריל, 1928.)

אַף אַזאַ אופן שטימען איין די באַווייזן פון דער בורזשואַזיע און פון די רעפאָרמיסטן, אַז די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז געווען זייער מעגלעך אין איטאַליע אין סעפּטעמבער 1920, און איז פאַרמידן געוואָרן בלויז דורך דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט. פאַשיזם האָט זיך אין דעם ניט באַטייליקט.

ערשט נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז באַזיגט געוואָרן, ווען די רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס זיינען געווען דעזאָרגאַניזירט און אַנטוישט דורך דעם רעפאָרמיסטישן באַטרוג, — ערשט נאָכדעם האָט שנעל אָנגעפאַנגען אָפּפאַלן די מיטגלידערשאַפט, און די אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאַלן. ערשט דעמאָלט האָט דער פאַשיזם באַוויזן זיינע ציין, און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן די שוין־באַזיגטע אַרבעטער.

די פאַבריקן האָט מען אָפּגעגעבן צוריק צו די באַלעבאַטים אין סעפּטעמבער 1920. פון דעמאָלט אָן האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין איטאַליע אָנגעהויבן קייקלען זיך באַרג אַראָפּ. „נאָכדעם ווי די פאַבריקן זיינען צוריק פאַרנומען געוואָרן פון די באַלעבאַטים אין סעפּטעמבער 1920, איז צווישן די מאַסן פאַרשפּרייט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע האָט געהאַט אַ דורכפאַל, און זיי זיינען געוואָרן אַנטוישט.‟ (סאַלוועמיני, ערשטער באַנד, זייט 43.) די מיטגלידערשאַפט פון דער פאַרטיי און פון די טרעיד־יוניאָנס האָבן אָנגעהויבן שנעל אָפּפאַלן (די פאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, וועלכע איז געווען צוויי הונדערט זעכצן טויזנט אין 1920, איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז הונדערט און זיבעציק טויזנט אין יאַנואַר 1921).

אין נאָוועמבער 1920 איז פאָרגעקומען אין באָלאָניאַ די ערשטע פאַשיסטיש־טעראָריסטישע האַנדלונג פון בלוט־און־פייער קעגן די אַרבעטער.

עס איז קלאָר, ווי אַזוי נאָוועמבער איז געקומען נאָך סעפּטעמבער. די פאַשיסטישע בעסטיע פאַלט אָן ערשט דעמאָלט, ווען דער פּראָלעטאַרישער לייב איז פאַרוואונדעט. פאַשיזם איז ניט געווען דאָס פאַרטיידיקונגס־וואָפן פון דער בורזשואַזיע קעגן דעם אָנקומענדיקן פּראָלעטאַרישן אָנגריף, נאָר דאָס נקמה־נעמען מצד דער בורזשואַזיע פון אַן אָפּטרעטנדיקן פּראָלעטאַריאַט, נאָכדעם ווי דער רעפאָרמיזם האָט געבראָכן די רייען פון די אַרבעטער און

האָט געזוכט צו פארענדיקן זיין זיג דערמיט, וואָס ער וועט צעשמעטערן די פראָלעטארישע אָרגאַניזאַציעס.

4. דער וואוקס און זיג פון פאַשיזם

פאַשיזם האָט עקזיסטירט אין איטאַליע זינט דעם אָנפאַנג פון דעם יאָר 1919 — אָדער פאַקטיש זינט 1915, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די געדונגענע אינטערווענציע־קאַמפּאַניע. דער געוועזענער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר מוסאָליני, וועלכער האָט שטענדיק דורכגעפירט אַ צווייפלהאַפטע ראָלע פון פראָפּאַגאַנדירן פאַר אַטענטאַטן מיט באָמבעס, פאַר דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט הערווע, א. ד. גל., האָט איבערגעדרייט דעם פעלץ מיט דער געוויינלעכער שנעלקייט פון אַ סאָציאַלשאָוויניסט, און איז אין אַ משך פון עטלעכע וואָכן איבערגעגאַנגען פון דעם אַמט פון אַ רעדאַקטאָר אין דער סאָציאַליסטישער אַנטי־מלחמה ציישונג, „אוואַנטי", וואו ער איז אַרויסגעטראָטן נאָך אין אויגוסט און סעפּטעמבער קעגן דער „בורזשואַזער מלחמה", צו דער גרינדונג אין נאָוועמבער (מיט דער שטיצע פון פאָנדן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג), פון דער אינטערווענציע־ציישונג, „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ". דאָס קערנדל פון דעם צוקונפטיקן פאַשיזם איז געווען די גרופּע, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין מילאַן אין 1915 אונטער דעם נאָמען „פאַשי די אַזיאָנע אינטערווענטיסטאַ". אַזוי ווי זייער פריערדיקע קאַמפּאַניע פון מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דעם סוף פון דער מלחמה, האָבן מוסאָליני און זיינע נאָכפאָלגער געזוכט עפּעס אַ נייע קאַמפּאַניע, און אין מערץ 1919 האָט ער געגרינדעט אין מילאַן די ערשטע גרופּע, „פאַשיאַ די קאָמבאַטימענטאָ", וועלכע האָט געהאַט אַ צעטומלט־שאָוויניסטישע, רעפּובליקאַנישע און רעוואָלוציאָנער־קלינגענדיקע פּראָגראַם. דאָס איז געווען דער אָפיציעלער אָנפאַנג פון פאַשיזם. אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי האָבן זיך די פאַשיסטן קאָנסטיטואירט אין סעפּטעמבער 1920.

אין משך פון דעם יאָר 1919 און ביז דעם האַרבסט פון 1920, ד. ה., דורך דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, האָט דער פאַשיזם ניט געהאַט קיין שטיצע מצד די מאַסן און איז געווען שוואַך. די אָפיציעלע רעגירונגס־פאַרטרעטער האָבן אים דערמוטיקט. אין 1919־1920 האָבן די אַרמיי־אָפיצערן פאַרשפּרייט אומזיסט די ציישונג „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ" צווישן די סאָלדאַטן. דער פאַשיזם האָט אָבער ניט געוואונען קיין אָנהענגער.

אין די וואַלן אין נאָוועמבער 1919 האָבן די פאַשיסטן ניט געוואונען קיין איין איינציקן פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט. מוסאָליני האָט געקראָגן 4,795 שטימען אין דער צייט וואָס זיין סאָציאַליסטישער געגנער האָט געקראָגן 180 טויזנט שטימען. די פאַשיסטישע מיטגלידערשאַפט איבער דעם גאַנצן לאַנד איז געווען קליין. פאַשיזם האָט געמוזט נאָכשווימען דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם. זיין פּראָגראַם האָט געפאָדערט אָפּצושאַפן די מאָנאַרכיע און די אַריסטאָקראַטיע, קאָנפיסקירן די מלחמה־פּראָפיטן, אינטערנאַציאָנאַלע אָנט־וואפענונג, אָפּשאַפן די בירזשעס, איבערגעבן דאָס לאַנד צו די פּויערים, דעם קאָנטראָל פון די אַרבעטער איבער די אינדוסטריעס, א. ד. גל. זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט גלאָריפיצירט סטרייקס, שפּייז־בונטן, האָט געפאָדערט מען זאָל הענגען ספּעקולאַנטן, אויפגעפאָדערט דאָס פּויערטום צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד און די אַרבעטער די פאַבריקן, און דערקלערט דעם שטאַט פאַר דעם שונא. זייער צייטונג, „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", אין דעם נומער פון 6טן אַפּריל, 1920, האָט געשריען מיט באַנומענע גוואַלדן: „נידער מיט דעם שטאַט אין אַלע זיינע פאָרמען!"

אין דער צייט פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז דער פאַשיזם נאָך געשטאַנען אויף דער שטופּע פון צוגרייטן זיך און האָט ניט פאַרנומען קיין וויכטיקן פּלאַץ צווישן די וואָפן פון דער בורזשואַזיע אויף צו באַגעגענען זיך מיט דעם פּראָלעטאַרישן אָנגריף. ווען זי האָט זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט דער מאַכט פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, האָט די בורזשואַזיע געמוזט אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן. אויף ווי ווייט עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ נייע פּאַרטיי, וועלכע זאָל אַרויסטרעטן קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זי באַזיגן, איז דער דאָזיקער פאַרזוך קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דער קאַטוילישער „פּאָפּולאַר" פּאַרטיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919 מיט אַ דעמאַגאָגישער פּראָגראַם, און וועלכע איז אויסגענוצט געוואָרן אויף אָפּצושפּאַלטן דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום. אין 1919 האָט די דאָזיקע פּאַרטיי געקראָגן 100 פּלעצער אין פּאַרלאַמענט, אין דער צייט וואָס די סאָציאַליסטן האָבן געהאַט 156 פּלעצער. אָבער דער הויפּט־מעטאָד פון דער בורזשואַזיע, אַזוי לאַנג ווי אירע כחות זיינען ניט געווען צוגעגרייט, איז געווען דער מעטאָד פון ליבעראַליזם און קאָנצעסיעס: קירצערע אַרבעט־שטונדן, העכערונג פון שכירות, אַ געזעץ־פּראָיעקט פאַר אַר־בעטער־קאָנטראָל, א. ד. גל. אָט־די ליניע האָט דורכגעפירט די רעגירונג פון ניטי, דזשיאָליטי, באָנאָמי, און פאַקטאַ. זיי האָבן גערעכנט, אַז די רעפאָר־מיסטישע פירערשאַפט פון די סאָציאַליסטן וועט ברעכן דעם רעוואָלוציאָנערן

אָנגריף. אין דערזעלבער צייט אָבער, אונטער דעם שלייער פון אַזאַ פּאָליטיק, און אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען שוואַך און טרעטן אָפּ, האָבן זיי צוגעגרייט די באַוואָפנטע קאָנטער־רעוואָלוציע. די צאָל פון די זשאַנדאַרמען, אָדער ווי זיי הייסן דאָרט, קאַריבינער, איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 28 טויזנט צום סוף פון דער מלחמה אַף 60 טויזנט אין זומער פון 1920. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע באַוואָפנטע מאַכט, די קעניגלעכע גוואַרדיע, וועלכע האָט געציילט 25 טויזנט מאַן. צו דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג באַוואָפנט די פאַשיסטישע כוליגאַנישע באַנדעס.

דער איבערגאַנג פון אַ זשיאָליטי־פּאָליטיק צו אַ מוסאָליני־פּאָליטיק איז געווען אַף אַזאַ אופן ניט קיין פּלוצלונגע מצד דער איטאַליענישער בורזשואַזיע. זיי זיינען געווען די צוויי העלפטן פון איין איינציקער פּאָליטיק. מוסאָליני איז געווען דאָס קינד און די שאַפונג פון זשיאָליטי, פונקט ווי היטלער איז געווען דאָס קינד פון ברינינג'ן. דזשאָליטי'ס אויפגאַבע און די אויפגאַבע פון דער „ליבעראַלער” און „דעמאָקראַטישער” רעגירונג איז געווען אָפּצונאַרן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט כלומרשטע קאָנצעסיעס, אַזוי לאַנג ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען צו שטאַרק מ'זאָל אים באַזיגן, און העלפן דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט צו צעשפּאַלטן זיינע כוחות פון אינעווייניק. צו דער זעלבער צייט האָבן די דאָזיקע „ליבעראַלע”, „דעמאָקראַטישע” רעגירונגען בשתיקה באַוואָפנט דעם פאַשיזם. ווען אָט־די ערשטע שטופּע איז פאַרענדיקט געוואָרן, און די פּראָלעטאַרישע כוחות זיינען דורך דעם רעפאָרמיזם דעזאָרגאַניזירט געוואָרן, האָט מען אַרויסגעלאָזן די גוואַלדזאַמע קאָנטער־רעוואָלוציע. דער גוואַלדזאַמער אָנגריף פון פאַשיזם איז אָנגעפירט געוואָרן אונטער דער פּראָטעקציע פון זשיאָליטי'ן און זיינע נאָכפאָלגער. אָט־די צווייטע שטופּע האָט אָנגעהאַלטן פון אויגוסט 1920 ביז אויגוסט 1922. דער רעפאָרמיזם האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אָפּטרעטן און גלויבן אין דער פאַרטיידיקונג פון פּאַרלאַמענטאַריזם. ווען די צווייטע שטופּע האָט אָפּגעטאָן איר אַרבעט, און די פּראָלעטאַרישע כוחות זיינען געווען צעקלאַפּט, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער ענדלעכער איבערגאַנג צום אָפענעם פאַשיזם. זשיאָליטי און זיינע נאָכפאָלגער האָבן פרידלעך אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר מוסאָליני'ן. דער ציקל איז געווען פאַרענדיקט. אין דער פּראַקטיק איז די זעלבע פּאָליטיק דורכגעפירט געוואָרן די גאַנצע צייט.

עס איז וויכטיק צו באַגרייפן אָט־דעם מעכאַניזם פון דעם איבערגאַנג צו פאַשיזם (וועלכער איז פונקט אַזוי דורכגעפירט געוואָרן אין דייטשלאַנד),

כדי מען זאָל קאָנען ריכטיק פאַרשטיין די ווירקלעכע באַציאונג צווישן דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

דער פאַשיזם איז אויסגעוואַקסן און שטאַרק געוואָרן נאָך דעם האַרבסט פון 1920 און איז בכוח געווען אָנצואווענדן זיין גאַנצע גוואַלדזאַמקייט נאָר דורך דער דירעקטער שטיצע פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעגירונג, פון די מיליטערישע אָנפירער, פון דער פּאָליציי, פון די געריכטן און פון דער גרויס־בורזשואַזיע. אָנפאַנגענדיק פון האַרבסט 1920 האָבן די פּריצים און פאַבריקאַנטן זיך גענומען שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט די פאַשיסטישע באַנדעס אַף אָנצואווענדן טעראָר קעגן דעם פויערטום און דעם פּראָלע־טאַריאַט. ווי מוסאָליני גיט אָן, איז זיין מיטגלידערשאַפט פאַרגרעסערט געוואָרן פון 20 טויזנט אין 1920 צו 248 טויזנט אין 1921. די אַרמיי־אָפיצערן האָבן צוגעשטעלט די אַמוניציע. פּראָפעסיאָנעלע אָפיצערן האָבן מושטירט די באַנדעס און אָנגעפירט מיט זייערע אַרויסטרעטונגען. דעם 20טן אָקטאָבער, 1920, האָט דער גענעראַל־שטאַב אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר, אין וועלכן ער באַפעלט די קאָמאַנדירן צו שטיצן די פאַשיסטישע אָרגאַני־זאַציעס. די אַרבעטער און פויערים זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן. פאַשיסטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט געווער אומבאַשטראָפט. די פּאָליציי און זשאַנ־דאַרמעריע האָבן אָדער דירעקט געהאָלפן די פאַשיסטן, אָדער געבליבן פּאַסיוו. די געריכטן האָבן כסדר פאַרשיקט אַרבעטער אַף לאַנגע טערמינען אין טורמע פאַר מאַכן פאַרזוכן צו באַשיצן זיך, און האָבן באַפרייט פאַשיסטן.

מיר האָבן שוין פריער געזען די באַוואוסטזיניקע פּאָליטיק פון זשיאָליטי'ן און באָנאָמי'ן צו דערלויבן און שטיצן פאַשיסטישע גוואַלד־טאַטן. דער האַלב־אָפיציעלער פאַרטרעטער פון פאַשיזם, לואידזשי ווילאַרי, אין זיין בוך „דאָס דערוואַכן פון איטאַליע", ווייזט אָן, אַז זשיאָליטי האָט „זיך אָפּגעזאָגט צו שטערן דורך רעפּרעסיעס די פאַשיסטן, ניט געקוקט אַף די אַלע אומלעגאַלע האַנדלונגען, וואָס זיי האָבן אָנגעווענדט". דער פּראָ־פאַשיסט א. זערבאָליאָ שרייבט אין זיין בוך „איל פאַשיזמאָ", וואָס איז דערשינען אין 1922, אַזוי:

„די רעגירונג האָט זיך באַנוצט מיט דעם פאַשיזם מער אָדער ווייניקער אָפן.

„די סאָציאַליסטישע פּרעסע גיט אָן מאַסן באַווייזן, אַז די רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ צו די פאַשיסטן, און מען קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז אייניקע פון די דאָזיקע באַווייזן זיינען איבערציייגנדיק."

דער אָנגעזעענער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, מאָורער, פאַרצייכנט:

„ווען עס זיינען אָנגעגאַנגען מערדערייען, גוואַלדטאַטן און אונטער-ציגדונגען, איז די פּאָליציי געבליבן 'נייטראַל'. ווען באַוואָפנטע באַנדעס האָבן געצוואונגען סאָציאַליסטן אָפּצוזאָגן זיך פון זייער אַמט, אַניט האָט מען געסטראַשעט מיט טויט, האָבן די היטער פון געזעץ געקוועטשט מיט די פּלייצעס... אָפטמאָל האָבן די קאַריבינער און די קעניגלעכע גוואַרדיע זיך גאַנץ אָפן פאַראייניקט מיט די פאַשיסטן און האָבן פּאַראַליזירט דעם ווידער-שטאַנד פון די פּויערים. מיט די פאַשיסטן אַליין וואָלטן זיך די פּויערים ווי עס איז נאָך ספּראַוועט. אָבער קעגן די פאַשיסטן צוזאַמען מיט דער פּאָליציי זיינען זיי געווען הילפלאָז, און באַקלאָגן זיך האָט געמיינט פּשוט געבן אַ געלעגנהייט די היטער פון געזעץ אַרעסטירט צו ווערן אַלס שולדיקע אין פאַרזוכן זיך צו פאַרטיידיקן. מען האָט פאַראורטיילט סאָציאַליסטן פאַר כלומרשטע פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן חדשים אָדער אַפילו יאָרן פריער, ווען מען האָט אָבער געכאַפּט פאַשיסטן באַ דער האַנט, האָט מען זיי באַפריייט אונטער דעם אויסרייד, אַז עס פעלן באַווייזן." (ע. א. מאָורער, „די אומשטערבלעכע איטאַליע", ז. 361.)

און אַף זייט 144 אין דעם זעלבן בוך איז אָנגעוויזן:

„פון דער אַרמיי האָבן די פאַשיסטן געקראָגן סימפּאַטיע, הילף און אַמוניציע. אָפיצערן אין מונדירן האָבן זיך באַטייליקט אין די שטראָף-עקספּעדיציעס. מען האָט דערלויבט די פאַשיסטן צו פאַרוואַנדלען נאַציאָנאַלע באַראַקן אין זייערע פּריוואַטע אַרסענאַלן."

אַ צווייטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, דזש. קאַרטער, וועלכער איז געווען אין איטאַליע אין 1921, האָט געשריבן אין דער „ניו יאָרק טאַימס" דעם 12טן יוני, 1927:

„די פאַשיסטן האָבן געהאַט אַ פרייע האַנט אַף צו שלאָגן זייערע געגנער איבער גאַנץ איטאַליע, אין דער צייט ווען די רעגירונג האָט זיך געמאַכט כלומרשט נייטראַל."

פּרעזאָליני, אַ שרייבער וועגן פאַשיזם, וועלכער באַציט זיך צום פאַשיזם בכלל סימפּאַטיש, ווייזט אָן אין זיין בוך „לע פאַשיזם", וואָס איז אַרויס-געגעבן געוואָרן אין 1925 (ז. 79):

„זיי האָבן זיך געקאָנט אָרגאַניזירן אין באַוואָפנטע מחנות און הרג'ענען רעבעלס און לינקס, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן פאַרבלייבן אומ-באַשטראָפט און וועלן פאַרטיידיקט ווערן פון דער פּאָליציי. עס איז דעריבער ניט קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז די פאַשיסטן האָבן געקעמפט מיט אַ זיכער-קייט פון 99 פּראָצענט, אַז זיי וועלן זיין זיגרייך."

דער פאַשיסטישער אָנגריף מיט טעראָר, פאַרניכטונג און מערדעריי,

וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין באָלאָניאַ אין נאָוועמבער 1920, וואו זיי האָבן אַרונטערגעוואָרפן דעם ניי־דערוויילטן סאָציאַליסטישן שטאָטישן סאָוועט און געמאַכט אַ פּאָגראָם אַף דער הויפּט־קוואַרטיר פון די אַרבעטער, איז נאָכדעם סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער אינדוסטריעלער געגנט מיט אַ געפלאַנטער מיליטערישער קאַמפּאַניע און מיט גוואַלטזאַמע איבערפאַלן אין די אַגריקולטורעלע געגנטן. די געבײַדעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון די טרעיד־יוניאָנס און פון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון מיליאָנען קרבנות, וואָס אַ גאַנצער דור פון אַרבעטער האָט בייגעשטייערט, זײַנען פּאָגראָמירט און פאַרברענט געוואָרן. אַרבעטער־צייטונגען און דרוקערייען זײַנען צעשטערט געוואָרן. סאָציאַליסטישע שטאָטישע סאָוועטן זײַנען צעטריבן געוואָרן. מיליטאַנטישע אַרבעטער און פּויערים זײַנען צעמזיק׳ט אָדער דער׳הרג׳עט געוואָרן. דאָס אַלץ איז אָנגעגאַנגען מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט יעדע פּאַשיסטישע פאַרשווערונג אַרויסצוואַרפן אַ געזעצלעך־דערוויילטן סאָציאַליסטישן שטאָט־סאָוועט דורך דעם, וואָס זי האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן רעגירונגס־באַאַמטן אַף זײַן פּלאַץ. ווען אַן אַרבעטער־געבײַדע איז געווען אין געפאַר פּאָגראָמירט אָדער אונטערגעצונדן צו ווערן פון פּאַשיסטן, פּלעגט געוויינלעך קומען אַ ספּעציעלע מחנה פון באַוואָפנטער פּאָליציי אָדער פון דער קעניגלעכער גוואַרדיע, כלומרשט צו „באַשיצן״ זי. זי פּלעגט זיך פאַרנעמען מיט זוכן געווער, אַנטוואָפּענען די אַרבעטער און ניט דערלאָזן וועלכע עס איז דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער, וועלכע פּלעגן זיך אין אַזאַ פאַל אָנלויפן. דעמאָלט פּלעגן אָנקומען די פּאַשיסטן מיט ביקסן און מאַשין־ביקסן. די פּאָליציי פּלעגט דעמאָלט דערקלערן, אַז זי איז ניט בכוח צו שטעלן זיך קעגן די פּאַשיסטן, און פּלעגט אָפּטרעטן. און די פּאַשיסטן האָבן געהאַט אַ פרייע האַנט צו באַפאַלן די אומבאַשיצטע געבײַדע און אַנטוואָפּנטע אַרבעטער.

צווישן יאַנואַר און מאַי פון 1921 האָבן די פּאַשיסטן פאַרניכטעט 120 הויפּט־קוואַרטירן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַטאַקירט 243 סאָציאַליסטישע צענטרען און אַנדערע געבײַדעס, האָבן דער׳הרג׳עט 202 אַרבעטער (חוץ די 44 אַרבעטער, וואָס זײַנען דער׳הרג׳עט געוואָרן פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע) און האָבן פאַרוואונדעט 1,144. אין דער צייט פון אָט־דעם פּעריאָד האָט די פּאָליציי אַרעסטירט 2,240 אַרבעטער, און בלויז 162 פּאַשיסטן. פאַר דער פּאַשיסטישער דיקטאַטור, אין דער צייט פון 1921־

1922, זיינען פארברענט געוואָרן 500 פארזאמלונג־פלעצער און קאָאָפּעראַ־טיווע געשעפטן פון ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס און עס זיינען אויפגעלייזט געוואָרן 900 סאָציאַליסטישע שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

ווי אַזוי האָט זיך באַצויגן צו דעם דאָזיקן אָנגריף פון דער בורזשואַזיע דער רעפאָרמיזם און צענטריזם, וועלכער האָט קאָנטראָלירט א מאַיאָריטעט פון דעם ארבעטער־קלאַס ? זיי האָבן געפּריידיקט, אַז די ארבעטער זאָלן גלויבן אין לעגאַלע און פאַציפיסטישע מעטאָדן און באַנוצן זיך מיט דעם שטים־קאַסטן. אין מאַי 1921 האָט זשיאָליטי אָפּגעהאַלטן אַלגעמיינע וואַלן, גלויבנ־דיק אַז די הערשאַפט פון טעראָר האָט שוין צעבראָכן די ארבעטער־כוחות. אָבער די צאָל שטימען פון די סאָציאַליסטן איז געווען אפילו גרעסער ווי אין 1919 ; זיי האָבן געקראָגן א מיליאָן מיט אַכט הונדערט איין־און־זעכציק שטימען קעגן א מיליאָן מיט אַכט הונדערט און פערציק שטימען אין 1919. עס זיינען דערוויילט געוואָרן 122 סאָציאַליסטן און זעכצן קאָמוניסטן, צוזאַמען 138, קעגן בלויז 35 פאַשיסטן. די ארבעטער האָבן פּרובירט אויס־נוצן דעם שטים־קאַסטן פאַר זייער פאַרטיידיקונג. דער סאָציאַליסטישער אָרגאַן, „אַוואַנטי", האָט מיט טריאומף דערקלערט : „דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרשאָטן די פאַשיסטישע רעאַקציע מיט א באַרג פון רויטע שטימען." דיווירקלעכקייט איז אָבער געווען גאָר אַנדערש. דער „באַרג פון רויטע שטימען" האָט ניט געהאַט קיין ממשות אין א סיטואַציע פון בירגער־קריג. דער טעראָריזם איז ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן.

דער נעקסטער שריט פון דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט איז געווען צו פאַרשפּרייטן נאָך מער געפערלעכע אילוזיעס וועגן דעם אמת'ן כאַראַקטער פונעם קאַמף. זיי האָבן פּרובירט צו שליסן א פאָרמעלן פרידנס־אָפּמאַך מיט דעם פאַשיזם. דעם 3טן אויגוסט, 1921, איז דער פאַשיסטיש־סאָציאַליסטי־שער אָפּמאַך אונטערגעשריבן געוואָרן, פּראָקלאַמירנדיק א סוף צו אַלע גוואַלד־טאַטן. ער איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון איין זייט פון מוסאָליני'ן און זיינע אונטערשטיצער, און פון דער צווייטער זייט פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, פון דער סאָציאַליסטישער פאַרלאַמענטאַרי־שער גרופּע און פון דער קאָנפעדעראַציע פון ארבעט. די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַן אָנטייל אין אָט־דער קרימינעלער קאָמעדיע. דער אָפּמאַך איז ניט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן ער איז געווען אָנגעשריבן. די פאַשיסטישע גוואַלדטאַטן זיינען אָנגעגאַנגען ווייטער ; און מוסאָליני האָט דערקלערט, אַז אין דעם, וואָס זיין צוזאָג איז

ניט דורכגעפירט געוואָרן, איז שולדיק געווען דער פאַקט, וואָס זיינע אָנ־הענגער האָבן אים פשוט ניט געפאָלגט.

דער לעצטער שריט פון דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט איז געווען דער פאַרזוך אַריינצוטרעטן דורך אַ פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמבינאַציע אין קאַבינעט. נאָכדעם ווי פאַקטאַ האָט רעזיגנירט אין יולי 1922, האָט טוראַטי, דער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרלאַמענטאַרישער גרופּע, געזען זיך מיטן קעניג. ווען דער פאַרזוך צו קריגן די אָפּגעמאַכטע באַדינגונגען וועגן אַ קאָאַליציע אינעם קאַבינעט איז ניט געווען דערפאָלגרייך, האָט די רעפאָרמיסטי־שע פירערשאַפט געוואָלט אַרויסרופן אַ גענעראַל־סטרייק אין אָט־דעם פאַר־שפּעטיקטן מאָמענט מיטן צוועק אַרויסצורופן אַ דרוק אויסער דעם פּאַרלאַ־מענט אַף צו שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג. דער גענעראַל־סטרייק איז גערופן געוואָרן אַפן ערשטן אויגוסט, אָן וועלכע עס איז צוגרייטונגען און, ווי טוראַטי האָט דערקלערט, האָט עס געזאָלט זיין אַ סטרייק „אין פאַרטיידיקונג פון דעם שטאַט". אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער גענעראַל־סטרייק גע־מוזט אומפאַרמיידלעך זיין אַ דורכפאַל. ער האָט געקאָנט דערגרייכן בלויז אַ טייל פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער קאָנפעדעראַציע און האָט ניט געקאָנט קריגן דעם נויטיקן אָפּקלאַנג, ווייל עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטע צוגרייטונגען און עס האָט לחלוטין געפעלט אַ קעמפנדיקע פירער־שאַפט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דאָס האָט געגעבן נאָך אַ קאָרט אין די הענט פון די פאַשיסטן, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט זייער אַטאַקע.

די באַדינגונגען זיינען איצט געווען דערגאַנצט פאַר דעם ענדלעכן שריט, די בורזשואַזיע זאָל אָפן איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון די פאַשיסטן. דאָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער. דער טעאַטראַלישער „מאַרש אַף רוים" פון די פאַשיסטן איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר דעם 28טן אָקטאָ־בער. דער דאָזיקער מאַרש איז פאַקטיש אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט פון זעקס אַרמיי־גענעראַלן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי האָט דעם 27טן אָקטאָבער אַדרעסירט אַן ענטוזיאַסטישע פאַשיסטישע פאַרזאַמלונג. דער פאַקטאַ־קאַבינעט האָט פאָרמעל דורכגעפירט די דערקלערונג פון אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. דער צוועק פון אָט־דער דערקלערונג איז געווען צו צווינגען די בירגערלעכע באַאַמטע איבער דעם גאַנצן לאַנד איבער־צוגעבן די מאַכט צו דעם מיליטער, וואָס האָט שנעל דערלויבט די פאַשיסטן צו פאַרנעמען אַלע עפנטלעכע פּלעצער, אייזנבאַנען, פּאָסט, טעלעגראַף א. אַז. וו. ווען דאָס איז דערפאָלגרייך דורכגעפירט געוואָרן, האָט דער קעניג דעם 28טן אָקטאָבער זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם דעקרעט פאַר אַ באַ־

לאַנגערונגס־צושטאַנד; דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז אַף אַזאַ אופן צוריק־געצויגן געוואָרן. אַזוי אַרום האָט מען דערקלערט, אַז עס איז אוממעגלעך צו „באַשיצן" רוים קעגן די פאַשיסטן. דער פאַקטאָ־קאַבינעט, וועלכער האָט שוין פריער אָנגעפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַשיסטן, האָט רעזיגנירט. מוסאָליני איז איינגעלאַדן געוואָרן צוזאַמענצושטעלן אַ קאַבינעט און איז דעם 30טן אָקטאָבער אָנגעקומען אין רוים אין אַ פולמאַן־וואַגאָן. אַזוי איז דורכגעפירט געוואָרן די אַזוי־גערופענע פאַשיסטישע „רעוואָלוציע", וועלכע איז אין דערווירקלעכקייט דורכגעפירט געוואָרן פון אָנפאַנג ביזן סוף דורך דער בורזשואַזער דיקטאַטור פון אויבן.

די פולע פאָרם פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז ניט גלייך באַשלאָסן און דורכגעפירט געוואָרן, פונקט ווי דאָס איז געווען אין דייטשלאַנד מיט עלף יאָר שפּעטער, ווייל מען האָט נאָך עקספּערימענטאַל געזוכט די נויטיקע מעטאָדן. צוערשט האָט מען נאָך אָנגעהאַלטן פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען און מען האָט נאָך דערלויבט די פּאַרטייען און דער פּרעסע פון דער אָפּאָזיציע אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט, אין דער זעלבער צייט ווען טעראָריזם און גוואַלדטאַטן זיינען אָנגעפירט געוואָרן אַף אַ ברייטער מאָס פון דער רעגירונג. אַ פולשטענדיקע פאַשיסטישע דיקטאַטור איז ענדלעך איינגעפירט געוואָרן ערשט אין יאָר 1926, ווען מען האָט אינגאַנצן אונטערדריקט אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און די אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע, ווען די טרעיד־יוניאָנס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַשיסטישע סינדיקאַטן, און די הויפּט רעפאָרמיסטישע פירער פון די יוניאָנס צוזאַמען מיט ד'אַראַגאָנאַ זיינען איבערגעגאַנגען צום פאַשיזם.

דער איטאַליענישערביישפּיל גיט אונז אַ קלאַסישע פאָרשטעלונג פון דעם איבערגאַנג צום פאַשיזם. דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, די ראָלן פון די פאַרשיידענע עלעמענטן, די וויטערדיקע שטופּע פון דער דאָזיקער טראַגעדיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס ווערן דאָ געוויזן קלאָר און שאַרף פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל עפּעס לערנען. וואָס זיינען די הויפּט־שלוסן, וועלכע מען קאָן דערפון ציען?

ערשטנס, די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין איטאַליע איז געבראָכן געוואָרן ניט פון דער בורזשואַזיע און ניט פון דעם פאַשיזם, נאָר פון איר איינענער אינערלעכער שוואַכקייט, און צוליב דעם וואָס עס האָט געפעלט אַ רעוואָלוציאָנערע פירערשאַפט, בקיצור, פון דעם רעפאָרמיזם.

צווייטנס, דער פאַשיזם איז געקומען צו מאַכט ערשט נאָכדעם ווי די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז געבראָכן געוואָרן פון אינעווייניק, און עס איז

פאַרשפּרייט געוואָרן אַנטוישונג צווישן די מאַסן. פאַשיזם האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע נאָך דער שלאַכט, כּדי צו שפּילן די ראָל פון דעם העלד (אונטער דער שוץ פון דער פּאָליציי און מיליטער) און צע„מזיק'ן אַן אַרמיי, וועלכע איז שוין צוריקגעטראָטן.

דריטנס, דער איבערגאַנג צו אַן אָפענער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז ניט געווען קיין פּלוצלונגער ברוך אין דער בורזשואַזער פּאָליטיק, נאָר אַ פאָרזעצונג פון דער בורזשואַזער פּאָליטיק, וועלכע האָט אָנגענומען נייע פאָרמען. פאַשיזם איז געווען צוגעגרייט אין די באַדינגונגען פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע (און מען האָט נאָר געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון „ליבע־ראַליזם" און קאָנצעסיעס אַזוי לאַנג, ווי די בורזשואַזע כּוחות זיינען ניט געווען צוגעגרייט) אויף איבערצונעמען די מאַכט, ווען די באַדינגונגען וועלן זיין רייף דערצו.

דאָס אַלץ לערנט אונז דער קלאַסישער ביישפּיל פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־קלאַס דאָס אַלץ נאָך ניט געלערנט. מען האָט אים געמוזט ווייזן דאָס זעלבע אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב מיט צען יאָר שפּעטער אין דייטשלאַנד.

זעקסטער קאַפּיטל

ווי אַזוי פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד

דער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט געעפנט אַ ניי בלעטל אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם.

ביז דעמאָלט איז אויסגעדריקט געוואָרן דער געדאַנק אין די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן, אַז דער פאַשיזם און „דיקטאַטור" זיינען בכלל אַ דערשיינונג אין אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואָס זיינען אינדוסטריעל ווייניק אַנטוויקלט, און וואו עס איז ניטאָ קיין שטאַרקער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט,—אין לענדער פון דרום־ און מזרח־אייראָפּע.

דייטשלאַנד איז אָבער געווען דאָס לאַנד מיט דער העכסט־אַנטוויקלטער און קאָנצענטרירטער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע, מיט דעם העכסט־אָרגאַניזירטן און פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקסטן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. פונדעסוועגן האָט אין דייטשלאַנד אין 1933 אָפּגעהאַלטן אַ זיג די העכסט־ברוטאַלע און באַרבאַרישע פאַשיסטישע דיקטאַטור, וועלכע שטייגט אפילו איבער דעם פאַשיזם אין איטאַליע.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? ווי אַזוי איז דאָס געקומען? די דאָזיקע פראַגע איז פון דער העכסטער וויכטיקייט פאַר די לענדער פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, וואו די באַדינגונגען זיינען זייער ענלעך.

דעם ענטפער קאָנען אונז געבן ניט בלויז די פּאַסירונגען פון 1933, נאָר די גאַנצע פופצן־יאָריקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין דייטש־לאַנד. דאָס איינפירן פון פאַשיסטישער דיקטאַטור איז געווען בלויז דער פאַרענדיקטער שריט פון אַ לאַנגן פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך אין 1918, ווען עבערט און הינדענבורג האָבן געשלאָסן זייער אָפּמאַך פאַר אַ פאַראייניקונג קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אויבערפלעכלעכע קריטיקער, וואָס באַטראַכטן נאָר די פּאַסירונגען פון 1933, רעדן אָפּטמאָל וועגן דעם „פּלוצלונגדיקן צוזאַמענברוך", וועגן דער שענדלעכער „מפּלה אָן שלאַכט" פון דעם מעכטיקן און העכסט־אָרגאַניזירטן דייטשן אַרבעטער־קלאַס. זיי רעדן וועגן דער „לייכטקייט", מיט וועלכער דער פאַשיזם האָט געוואונען זיין זיג, און וועגן דער „אומפּייאיקייט" פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס צו קעמפן.

דאָס איז אַ פאַלש בילד, ווי די גאַנצע געשיכטע פון דער דייטשער רעוואָלוציע האָט דאָס שוין באַוויזן, און ווי איר צוקונפט וועט נאָך גלענצענד באַווייזן. דער קאַמף פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס קעגן דער אָנקומענ־דיקער קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אָנגעהאַלטן פופצן יאָר איידער די פאַשיס־טישע דיקטאַטור האָט זיך געקאָנט באַפעסטיקן. אין אָט־דער שלאַכט האָבן צענדליקע טויזנטער דייטשע אַרבעטער אַוועקגעלייגט זייערע לעבנס אונטער די פייַלן פון דעם שונא. און אויב די כחות פונעם אַרבעטער־קלאַס האָבן סוף כל סוף געמוזט זיך אונטערגעבן און האָבן ניט געקאָנט פאַרמיידן דאָס איינפירן פון אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור, איז דאָס ניט געווען צוליב אַ שטאַרקערער קעמפנדיקער קראַפט פון פאַשיזם, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס די האַנדלונגען פון די אַרבעטער זיינען געווען פאַראַליזירט און געשטערט מצד דער מאַיאָריטעט פון זייער אייגענער פירערשאַפט און צוליב זייער אייגענער טעות׳דיקער דיסציפּלין און לאָיאַלקייט צו אָט־דער פירערשאַפט. אָבער די שנעלקייט, מיט וועלכער דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און האָט מיט נייע כוחות אויפגענומען דעם קאַמף אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ניט געקוקט אַף דעם טעראָריזם און אונטערדריקונג, איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די היטלערישע דיקטאַטור וועט זיין בלויז אַן עפּיזאָד אין דער פאַר־צווייגנער שלאַכט פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס און אין זיין גאַנג צו דעם ענדגילטיקן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

1. דאָס דערשטיקן פון דער רעוואָלוציע אין 1918

די קערנדלעך פאַר היטלער׳ס זיג זיינען פאַרזייט געוואָרן אין 1918. די דייטשע אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן אַרונטערגעוואָרפן דעם אַלטן שטאַט און האָבן געוואונען די גאַנצע מאַכט. די ראַטן פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן זיינען געווען די הערשער איבער דעם גאַנצן לאַנד. די בורזשואַזיע און דער אַלטער מיליטערישער קלאַס זיינען ניט געווען בכוח אַרויסצושטעלן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. אַלע באַדינגונגען זיינען געווען פאַרטיק פאַר דער אויפבויאונג פון אַן אומבאַזיגבאַרער סאָוועטישער רעפּובליק — מיט דער אויסנאַם, וואָס עס האָט געפעלט אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי, וועלכע זאָל פירן די אַרבעטער (די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין דייטשלאַנד איז אָר־גאַניזירט געוואָרן ערשט אין דעצעמבער 1918). אַז אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, איידער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זי צעטרענצלט און פאַר־

ניכטעט, איז די פּראָלעטאַרישע מאַכט געווען שטאַרק גענוג פאַר דעם, באַווייזן אַליין די הויפּט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עדות.

„דער צוזאַמענברוך פון דעם מיליטער האָט מיט איין קלאַפּ איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט פונעם שטאַט אין די הענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.״ (ה. שטרעבל, „די דייטשע רעוואָלוציע״, ז. 1.)

„אין נאָוועמבער 1918 איז די רעוואָלוציע געווען די אַרבעט נאָר פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געוואונען אַזאַ אַלמעכטיקע פּאָזיציע, אַז די בורזשואַזע עלעמענטן האָבן צוערשט אַפילו ניט געוואַגט צו מאַכן אַ פאַרזוך פאַר וועלכן עס איז ווידערשטאַנד.״ (קאַוטסקי, אין זיין איינלייטונג צו דער דריטער אויסגאַבע פון „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע״, אַרויסגעגעבן אין 1931.)

ווי אַזוי איז אָט־די אַבסאָלוטע מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט פופצן יאָר שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן צום געגנער — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסאָלוטער מאַכט פון דער בורזשואַזיע און דעם מיליטאַריסטישן קלאַס און דער אַבסאָלוטער אונטערדריקונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס? דער ענטפער אויף דער פראַגע, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך די טראַגעדיע פון דער דייטשער רעוואָלוציע אין 1918, באַשטייט פון צוויי ווערטער — סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ לאַנגער און גלאָררייכער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. אין אירע ערשטע יאָרן איז זי אָנגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן, און איז אָנגעפירט געוואָרן פון בעבעל׳ן און ליבקנעכט׳ן (דעם פאָטער). אין דער מלחמה פון 1870 האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַר מלחמה־קרעדיטן און האָט אָנגעפירט אַ קאַמף און האָט באַזיגט ביסמאַרק׳ס צוועלף־יאָריקן פאַרזוך צו אונטערדריקן זי אין די 80־ער יאָרן פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. זי האָט אָנגענומען די פּראָגראַם פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און האָט אויף דער פּראָגראַם אויפגעבויט די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער אין דער צייט פון דעם אימפּעריאַליסטישן פּעריאָד האָבן זיך אַרײַנגע׳גנב׳עט צווישן דער פירערשאַפט אָפּאָרטוניזם און קאָרופּציע, ספּעציעל צווישן דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. אין זייערע לעצטע יאָרן האָבן שוין מאַרקס און ענגעלס געוואָרנט וועגן דעם אָנקומען פון אַזאַ געפאַר און האָבן גערופן צו אַ שפּאַלטונג. זייערע וואָרנונגען זיינען איגנאָרירט געוואָרן און זייער קריטיק פון דער פּראָגראַם איז באַהאַלטן געוואָרן פון דער מיט־

גלידערשאַפט. דער אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי און פון די טרעיד־יוניאָנס איז אַלץ מער און מער פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. דאָס יאָר 1914 האָט פאַרענדיקט אָט־דעם פּראָצעס. די פירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט זיך אָפן פאַראייניקט מיט דעם קייזער, מיט די מיליטאַריסטן און דער בורזשואַזיע קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס דורך דעם, וואָס זי האָט געשטיצט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה. די צוואָרפּענע עלעמענטן פון דער אָפּאָזיציע, אונטער די אויסערגעוויינלעך־שווערע באַדינגונגען און אַ פאַראייניקטער מלחמה־צענזור און פּאַרטיי־צענזור, האָבן פאַראייניקט זייערע רייען פאַר דעם קאַמף אין דער רעוואָ־לוציאָנערער, אומלעגאַלער ספּאַרטאַקוס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1916, און אין דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1917. די רעוואָלוציע פון 1918 איז אָרגאַני־זירט געוואָרן פון די דאָזיקע כוחות.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין חלק אין דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין 1918, נאָר פאַרקערט, זי איז געווען קעגן איר פון סאַמע אָנפאַנג. ווי שיידעמאַן האָט דערקלערט אויף זיין פאַרלוימדונגס־פּראָצעס אין אַ בערלינער געריכט אין 1922:

> „דער פאָרוואורף, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט געוואָלט אָדער האָט צוגעגרייט די נאָוועמבער-רעוואָלוציע, איז אַ לעכערלעכער, נאַרישער ליגן פון אונזערע געגנער."

ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, זיינען די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פירער געווען מיניסטאָרן אין דער קאָאַליציע־רעגירונג פון פּרינץ מאַקס. אין די קריטישע טעג האָט זייער אויספיר־קאָמיטעט ארויסגעלאָזט איין אויפרוף נאָכן צווייטן צו דער באַפעלקערונג קעגן דער רעוואָלוציע. ווען זיי האָבן זיך געפונען געצוואונגען צו פאָדערן, אַז דער קייזער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם טראָן, האָבן זיי דאָס געטאָן, ווי שיידעמאַן גיט אָן (בערלינער „פאָרווערטס" פון דעם זעקסטן דעצעמבער, 1922) מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט ראַטעווען די מאָנאַרכיע. די פירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען האָבן אָנגעפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ פאַרבאַנד מיט די באַלע־באַטים, און אַזאַ אָפּמאַך איז טאַקע אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 15טן נאָוועמבער, 1918.

די אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וועלכע זיינען אָבער, ניט געקוקט אויף דעם, אין דער ווירקלעכקייט אָנגעגאַנגען מיט דער רעוואָלוציע קעגן

דעם ווילן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט, זיינען אין דער זעלבער צייט אָרגאַניזירט געווען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און געווען אונטער איר פירערשאַפט. דאָס איז געווען דער פאַטאַלער ווידערשפּרוך פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע, און אָט־דער ווידערשפּרוך האָט געבראַכט איר דורכפאַל.

ווי נאָר די רעוואָלוציע האָט אָפּגעהאַלטן איר זיג דעם 9טן נאָוועמבער, האָט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט אין איילעניש געווענדעט צו די רעוואָלוציאָנערע פירער, צו ליבקנעכט׳ן און די אומאָפּהענגיקע, מיט דער בקשה צו באַטייליקן זיך אין דער פירערשאַפט פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע און צו פאָרמירן אַ פאַראייניקטע רעגירונג. אין אָט־דעם מאָמענט, שוין אין דער פּרי פון דעם 9טן נאָוועמבער, האָט דער צענטריזם, פאַרקערפּערט אין דער אומאָפּהענגיקער אָדער לינקער סאָציאַל־־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט, געמאַכט אַ געפערלעכן שריט, וועלכער האָט פאַרזיגלט דעם שיקזאַל פון דער רעוואָלוציע. גאַנץ ריכטיק איז ליבקנעכט אַרויסגעטראָטן קעגן אַ קאָאַליציע מיט די אָפענע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט נאָר געקאָנט דינען זיי אַף צוריק־אויפשטעלן זייער פּרעסטיזש און געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. ווען די „אומאָפּהענגיקע" וואָלטן אָנגענומען די פירערשאַפט פון ליבקנעכט׳ן און וואָלטן זיך שטאַרק געהאַלטן אין אַ רעוואָלוציאָנערן בלאָק, ניט אַריינגעמענדיק די סאָציאַל־אימפּעריאַליסטן (די ספּאַרטאַקיסטן און די אומאָפּהענגיקע האָבן קאָנטראָלירט אַ מאַיאָריטעט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן אין בערלין), איז אַ גרויסער ספק, צי די דיסקרעדיטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט, וועלכע איז באַוואוסט געווען מיט איר פאַרבינדונג מיט דעם אַרונטערגעזעצטן אַלטן רעזשים, וואָלט געקאָנט שטערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע.

אָבער אין נאָמען פון „אייניקייט" האָבן די אומאָפּהענגיקע אויסגעקליבן דעם אַנדערן וועג. זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שונאים פון דער רעוואָלוציע אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג. אַף אַזאַ אופן איז דער איינפלוס פון דער בורזשואַזיע פון דאָס־ניי עטאַבלירט געוואָרן אין דער נייער אָרדענונג. (עס האָט ניט גענומען קיין צוויי חדשים און די אומאָפּהענגיקע זיינען געצוואונגען געווען צוריקצוציען זיך פון דער קאָאַליציע־רעגירונג. די אַרבעט איז אָבער אָפּגעטאָן געוואָרן. דער בורזשואַזמיליטערישער רעזשים האָט זיך שוין פון דאָס־נייע עטאַבלירט אונטער דעם שלייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.)

עס איז באַשטימט געוואָרן אַ ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, וואָס איז

פאַראַנטוואָרטלעך געווען צו די ראַטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. ער איז באַשטאַנען פון דריי רעפאָרמיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דריי אומאָפּהענגיקע. די אָנגענומענע פאָרמען האָבן באַוויזן, ווי שטאַרק עס איז געווען דער דרוק און די פאָדערונגען פון די מאַסן אין דער ריכטונג פון דער רעוואָלוציע צו אַ סאָוועטישער רעפּובליק. אָבער די פירער פון דער נייער פאָרמעל־סאָוועטישער אָרדענונג זיינען געווען אירע געשוואָרענע שונאים, וואָס זייער איינציקער געדאַנק איז געווען זי אַרונטערצוּוואַרפן.

עס איז קלאָר, אַז כדי די נאָוועמבער־רעוואָלוציע זאָל זיך קאָנען אָנהאַלטן, האָט איר ערשטע אויפגאַבע געדאַרפט זיין צו פאַרניכטן דעם מאַכטבאַזיס פון דעם אַלטן רעזשים, וועלכער איז פאַר דעם מאָמענט באַזיגט געוואָרן, וועלכער האָט זיך אָבער נאָך אומעטום אָנגעהאַלטן. עס איז נויטיק געווען צו פאַרכאַפּן אַלע סטראַטעגישע פּונקטן פון דער אַלטער רעאַקציאָנערער ביוראָקראַטיע, פון דעם מיליטער און פון די געריכטן; צעטיילן דאָס לאַנד פון די פּריצים; איבערנעמען די באַנקען און די גרויסע אונטערנעמונגען; אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אַרבעטער־מחנות פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע. ווען דאָס וואָלט דורכגעפירט געוואָרן אין דער צייט, ווען מען האָט געהאַט די פולע מאַכט דאָס צו טאָן, וואָלט דער פאַשיזם קיינמאָל ניט געקאָנט אויפהויבן זיין קאָפּ אין דייטשלאַנד.

אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט געטאָן פּונקט פאַרקערט. זי האָט באַשיצט אויף יעדן שריט און טריט דעם אַלטן רעזשים. זי האָט אָנגעהאַלטן די אַלטע ביוראָקראַטיע און אַלע רעאַקציאָנערע אינסטיטוציעס. זי האָט באַשטימט בורזשואזע מיניסטאָרן פאַר די מיניסטעריומס פון מלחמה, פלאָט, אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן, פינאַנסן, און אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. זי האָט געגעבן אַ באַפעל צו אַנטוואָפענען די אַרבעטער און האָט באַוואָפנט ספּעציעלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מחנות אונטער דער פירערשאַפט פון העכסט־רעאַקציאָנערע מאָנאַרכיסטישע אָפיצערן. מיט דער הילף פון די דאָזיקע ווייס־גוואַרדייאישע מחנות, וועלכע זיינען געווען אויטאָריזירט, פינאַנסירט און אויסגעשטאַטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג, איז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. מען האָט דערמאָרדעט ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג. די אָפיצערן, וואָס האָבן דורכגעפירט אָט־דעם מאָרד, זיינען אַרומגעגאַנגען פראַנק־און־פריי און האָבן זיך אָפן באַרימט מיט זייער פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אונטער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג. דער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער איז כסדר אונטערדריקט געוואָרן דורך דעם סיסטעמאַטישן

טעראָר, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צום סוף פון 1918 און דעם גאַנצן יאָר 1919.

אַזוי איז די רעוואָלוציע פון 1918 באַזיגט געוואָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נאָר דורך דעם איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דעם פאַשיזם, וואָס איז געקומען שפּעטער.

וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער־שאַפט זאָל אַזוי האַנדלען, ווען דאָס האָט סוף כל סוף געזאָלט מיינען די צעשטערונג פון אירע אייגענע פּאָזיציעס? שוין אין 1920 האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן געמוזט באַנאַכט אַנטלויפן פון בערלין פון די זעלבע אָפיצערן, וועלכע זיי האָבן אַליין באַוואָפנט און אויסגעשטאַטעט, און בלויז די האַנדלונג פון די אַרבעטער האָט זיי געראַטעוועט. אין 1933, ווען דער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער איז נאָך מער געבראָכן געוואָרן, און די מאַכט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, זיינען זייערע אָרגאַניזאַציעס אָפיציעל אויפגעלייזט געוואָרן און זיי האָבן זיך געמוזט אַפּטראָגן אין אַנדערע לענדער צו ראַטעווען זייערע לעבנס.

די יעניקע, וואָס זוכן נאָך אַלץ אַן אויסרייד פאַר זייערע האַנדלונגען, געפינען אַן ענטפער, אַז געבראַכט האָט דערצו זייער בלינדקייט און נאַרישקייט.

אין דער ווירקלעכקייט האָבן אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער געהאַנדלט אין פולן באַוואוסטזיין וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן, און האָבן אַנדערש ניט געקאָנט האַנדלען אויף דעם באַזיס פון זייער גאַנצער וועלט־אָנשויאונג. ווי עס האָבן שפּעטער אויסגעצייכנט געוויזן זייערע מע־מואַרן, איז זייער איינציקער געדאַנק אין 1918־1919 געווען „צו ראַטעווען דייטשלאַנד פון באָלשעוויזם”. דאָס מיינט פּאַקטיש, צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים — און, פאַרשטייט זיך, שטענדיק אין דעם נאָמען פון „דעמאָקראַטיע”. דאָס האָבן זיי אָבער געקאָנט דערגרייכן נאָר דורך אַ פאַרבאַנד מיט די רעאַקציאָנערסטע, מיליטאַריסטישסטע קלאַסן אַלס די איינציקע מאַכט צו צעדריקן דעם אַרבעטער־קלאַס. דערפאַר זיינען זיי אַריין אין אַ פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע, מיט די מיליטאַריסטן, מיט דעם אַלטן גענעראַל־שטאַב, מיט די ווייס־גוואַרדייער — שטענדיק אין נאָמען פון „דעמאָקראַטיע”. אין אַ רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד אָנערקענט ניט דער קלאַסן־קאַמף קיין האַלבע מיטלען: ענטוועדער דער זיג פון דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע, אָדער דער זיג פון פולשטענדיקער רעאַקציע; ענט־וועדער קאָרנילאָוו, אָדער באָלשעוויזם; ענטוועדער הינדענבורג, אָדער קאָ־מוניזם. די קלאַסן־ווירקלעכקייטן האָבן צונישט געמאַכט די „דעמאָקראַטישע”

אַנשטעלן. אין דעם דייטשלאַנד פון נאָך־דער־מלחמה זייַנען מעגלעך געווען בלויז צוויי וועגן, — ענטוועדער דער זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע, אָדער דער פולשטענדיקער זיג פון דער רעאַקציע. אין איר שנאה צו דער ערשטער האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט אויסגעקליבן די צווייטע: זי איז אַריינגעטראָטן אין אַ פאָרמעלן פאַרבאַנד מיט די פאַר־טרעטער פון דעם אַלטן רעזשים.

דער דירעקטער פאַרבאַנד צווישן הינדענבורג׳ן און פּרעזידענט עבערט, דעם פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז פאָרמעל פאַרזיגלט געוואָרן אין אַן אויסטויש פון בריוו. הינדענבורג האָט געשריבן צו פּרעזידענט עבערט אין דעצעמבער 1918 (דער בריוו איז ציטירט געוואָרן פון עבערט׳ס זון אין פעברואַר 1933, אין אַ פאַרעפנטלעכטן אויפרוף צו הינדענבורג׳ן, אַן אויפרוף, וואָס האָט געבעטן צו טאָלערירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אונטער דעם פאַשיזם אַפן סמך פון אירע פאַרדינסטן אין דער פאַרגאַנגענהייט):

„איך ווענד זיך צו אייַך, ווייַל איך האָב געהערט אַז אויך איר, אַלס אַן אמת׳ער דייטש, האָט ליב דאָס פאָטערלאַנד מער פון יעדער אַנדערער זאַך, אונטערדריקנדיק פּערזענלעכע באַציאונגען און פאַרלאַנגען, פּונקט ווי איך האָב דאָס געטאָן צוליב דער מאָטערניש פון דעם פאָטערלאַנד. אין אָט־דעם גייסט האָב איך געשלאָסן אַ פאַרבאַנד מיט אייַך כדי צו ראַטעווען אונזער פאָלק פון אַ דראָענדיקער געפאַר.״

גענעראַל גרענער, דער הויפּט פונם דייטשן גענעראַל־שטאַב אין דער צייט פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע, האָט אָנגעגעבן דאָס זעלבע אין זייַן עדות־זאָגן אין אַ פאַרלוימדונגס־פּראָצעס אין מינכען, אין נאָוועמבער 1925. ער האָט אָנגעוויזן, אַז אַ „פאַרבאַנד״ איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם אַלטן מאָנאַרכיסטישן גענעראַל־שטאַב און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַף צו באַזיגן דעם באָלשעוויזם. ער האָט באַהויפּטעט:

„דעם 10טן נאָוועמבער, 1918, האָב איך געהאַט אַ געשפּרעך מיט עבערט׳ן אַפן טעלעפאָן, און מיר זייַנען אַריינגעטראָטן אין אַ פאַרבאַנד צו באַקעמפן דעם באָלשעוויזם און סאָוועטיזם, און אייַנצושטעלן געזעץ און אָרדענונג.״

„יעדן טאָג, צווישן עלף אין דער פרי און איינס באַטאָג, האָט דער שטאַב פון דעם גרויס־קאָמאַנדיר געהאַט אַ געשפּרעך מיט עבערט׳ן, דורך אַ ספּעציעלן געהיימען טעלעפאָן. אָנפאַנגענדיק מיט נאָוועמבער דעם 10טן, איז אונזער ווייכטיקסטע אויפגאַבע געווען אַרויסצורייסן די מאַכט אין בערלין פון די הענט פון דעם ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן.״

אַט אַזוי־אַ זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן די זוימען פון פאַשיזם און פון דעם זיג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. שוין פון סאַמע אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, אין דער צייט ווען מען האָט אַף דעם שטרענגסטן אופן אַנטוואָפנט די אַרבעטער און צוגעטיילט די גרעסטע שטראָפן די יעניקע פון זיי, בײַ וועמען מען האָט געפונען וואַפן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טאָלערירט און אַפילו באַשיצט די אומלעגאַל־באַוואָפנטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מחנות, וועלכע זיינען געווען די ערשטע פאָרמען פון פאַשיזם. „אַנטוואָפענונג" האָט קיינמאָל ניט אָנגערירט זיי; די פאַשיסטישע מערדער־באַנדעס זיינען אומבאַשטראָפט אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט דורך דער גאַנצער צייט פון דער אַזוי־גערופענער „דעמאָקראַטישער" רעפובליק, ווי דאָס איז אַזוי קלאָר באַוויזן געוואָרן אין די מאָרדן פון ערצבערג'ן און ראַטענאַו. אַף וויפיל דער פאַרבאַנד האָט טאָלערירט אָט־די באַוואָפנטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס, וועלכע זיינען אַזוי וויכטיק געווען אַף צו באַזיגן די רעוואָלוציע, ווערט אילוסטרירט אין דעם טאָגבוך פון לאָרד ד'אָבערנאָן, דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, וועלכער האָט נאָך אַזוי שפּעט ווי אין האַרבסט 1920, דאָס הייסט צוויי יאָר נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד, נאָך אַלץ פאַרצייכנט „לאַנגע געשפּרעכן" וועגן אָט־דער פראַגע.

„בערלין, דעם 22טן אָקטאָבער, 1920. אַ לאַנגער געשפּרעך מיט דר. סיעמענס פון דעם מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן. בנוגע אַנטוואָפענונג האָט דר. סיעמענס געזאָגט, אַז די פאָדערונג פון דער אַנטאַנטע אויפצולייזן די פאַרשיידענע איינוואָהנערווער (באַוואָפנטע גרופּן פון דער באַפעלקערונג) און אָרגעש (פאַשיסטישע) אָרגאַניזאַציעס, וואָלט געמיינט איבערצוגעבן די אָרדנטלעכע טיילן פון דער באַפעלקערונג צו זייערע גרעסטע שונאים. אָן אַן אָרגאַניזאַציע פון די בורזשואַזע עלעמענטן קאָן מען ניט באַקעמפן די רויטע, וועלכע זיינען אַן אמת'ע געפאַר."

אַווירקלעכע אַנטוואָפענונג איז אין דער אמת'ן קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. דורך די אַלע פאָרמען פון איינוואָהנערווער, אָרגעש, ערהאַרדט־בריגאַדע, דעם שוואַרצן רייכסווער, די אַזוי־גערופענע אַרבעטער־פאָלקן און ענדלעך דעם שטאַלהעלם און די שטורעם־טרופּן, זיינען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהאַלטן געוואָרן די גאַנצע צייט אונטער דעם פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער „דעמאָקראַטישער רעפובליק" ביז צו דעם פולן זיג פון פאַשיזם. אָבער די פאַרזוכן פון די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ, דעם רויטן פראָנט, זיינען אומ'ברחמנות'דיק

אונטערדריקט געוואָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פון סעווערינג'ן אַלס מיניסטער פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן אין 1929).

אַף אַזאַ באַזיס איז געגרינדעט געוואָרן די וויימאַרער רעפובליק, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן פון 1918 ביז 1932 אַלס אַ קאָאַליציע פון דער בורזשואַזיע און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָט־די אַלע יאָרן איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען די רעגירונג: פון 1918 ביז 1925 האָט זי אָנגעהאַלטן די פעדעראַלע רעגירונג אונטער דער פרעזידענטשאַפט פון עבערט'ן, און פון 1928 ביז 1930 אין מילער'ס קאַבינעט; די אַלע יאָרן האָט זי רעגירט פרייסן דורך דעם בראַון־סעווערינג קאַבינעט, און דאָס מיינט אַז זי האָט רעגירט אַ מאַיאָריטעט פון דער דייטשער באַפעלקערונג; דער הויפט־פרעזידענט פון דער פּאָליציי איז די גאַנצע צייט געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. דער פאַשיזם איז אַף אַזאַ אופן געוואַקסן און געקומען צו מאַכט אונטער דער שוץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַפן פּאַפּיר איז די וויימאַרער רעפובליק געווען „די פרייסטע דעמאָקראַטיע אין דער וועלט". אין דער ווירקלעכקייט האָט זי פאַרדעקט דאָס אָנהאַלטן און דעם שוץ פון די רעאַקציאָנערע אינסטיטוציעס פון דעם אַלטן רעזשים און זי האָט אין דער זעלבער צייט גוואַלטזאַם אונטערדריקט די אַרבעטער און האָט כסדר אָנגעווענדט קריגס־צושטאַנד און דיקטאַטור קעגן די אַרבעטער (די בלוטיקע אונטערדריקונגען פון 1918־1919; דער טעראָר אין רור נאָך דעם קאַפּ־פּוטש אין 1920, ווען די אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די רעפובליק, זיינען פאַרשיקט געוואָרן דורך מיליטערישע טריבונאַלן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אָפיצערן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד; דער האָרזינג־טעראָר אין זאַקסן אין 1921; דאָס אַרונטערוואַרפן דורך מיליטער די דערוויילטע ציינגער־רעגירונג אין זאַקסן אין 1923; די פאָן־סעקט דיקטאַטור און קריגס־צושטאַנד איבער גאַנץ דייטשלאַנד; דאָס צעשיסן פון אַרבעטער אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון 1929 דורך סעווערינג'ס פּאָליציי און מיליטער; די „נויטפאַל"־דיקטאַטור פון 1930 ביז 1933).

וועגן אָט־דער „דעמאָקראַטישער רעפובליק" האָט דער אָנגעזעענער בורזשואַזער אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט, מאָורער, וועלכער האָט ניט קיין סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע, געקאָנט נאָר שרייבן אַזוי:

„אַ ניי־געבאָרענע רעפובליק, וועלכע אַפּעלירט צו די אַלטע מאָנאַרכיסטן און גענעראַלן, ווייל זי זאָל באַשיצט זיי קעגן קאָמוניזם! זי מוז אומפאַרמייד־לעך אַריינפאַלן אין די הענט פון אירע שונאים.

„וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אַ רעפובליק, וועלכע דערלויבט, אַז אירע

געזעצן זאָלן אויסגעטייטשט ווערן פֿון מאָנאַרכיסטישע ריכטער, אַז איר רעגירונג זאָל פֿאַרוואַלטעט ווערן פֿון אַלטע ביוראָקראַטן, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין טריישאַפֿט צום אַלטן רעזשים; וועלכע קוקט צו פּאַסיוו, ווי רעאַקציאָנערע לערער און פּראָפֿעסאָרן לערנען אירע קינדער צו האַסן די איצטיקע פֿרייהייט און גלאָריפֿיצירן די פֿעאָדאַלע פֿאַרגאַנגענהייט; וועלכע דערלויבט און דערמוטיקט דאָס איינפֿירן צוריק דעם מיליטאַריזם, וועלכער איז געווען דער הויפּט-שולדיקער אין דער פֿריערדיקער דערנידערונג פֿונעם לאַנד?

„וואָס קאָן מען זאָגן וועגן דעמאָקראַטן, וועלכע סובסידירן געוועזענע פּרינצן, וואָס אַטאַקירן דעם רעזשים; וועלכע מאַכן דעם געוועזענעם קייזער פֿאַר דעם רייכסטן מאַן אויף דעם סמך פֿון זיין כלומרשטן אייגנטום... אָט-די מערקווירדיקע רעפּובליק האָט געצאָלט גרויסע פּענסיעס צו טויזנטער געוועזענע אָפֿיצערן און ציווילע באַאַמטע, וועלכע האָבן ניט געמאַכט קיין סוד פֿון זייער פֿאַרלאַנג זי אַרונטערצוּוואַרפֿן.״ (ע. א. מאָורער, „דייטשלאַנד רוקט דעם זייגער צוריק״, זז. 17-19.)

און ער ווייזט ווייטער אָן, אַז אין 1914 זיינען דרייסיק פּראָצענט פֿון די אָפֿיצערן געווען פֿון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, און אין 1932 זיינען איין-און-צוואַנציק פּראָצענט פֿון זיי געווען פֿון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג — אַן אָנווייזונג, ווי ווייניק דער ווירקלעכער רעזשים האָט זיך געענדערט אונטער דער אַזוי-גערופֿענער „דעמאָקראַטישער רעפּובליק״.

אָט-דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען, אין וועלכע דער פֿאַשיזם איז געקומען צו מאַכט אין דייטשלאַנד אונטער אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער פֿאַשיזם איז געווען בכוח אויסצונוצן די וואַקסנדיקע אומצופֿרידנהייט, די עקאָנאָמישע פֿאַרצווייפֿלונג, און דעם ווייט-פֿאַרשפּרייטן צאָרן קעגן דעם שקלאַפֿן-אָפּמאַך אין ווערסאַל. ער איז אָבער פֿייאיק געווען אויסצונוצן דאָס אַלץ און צו שאַפֿן אויף דעם באַזיס אַ נאָכפֿאָלגערשאַפֿט פֿון מאַסן, ווייל די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די מאַיאָריטעט-פֿירערשאַפֿט פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס, האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון וועלכער עס איז פֿירערשאַפֿט אין אָט-די אַלע פּראָבלעמען. פֿאַרקערט, אין אָט-די אַלע פֿראַגן האָט זי זיך אידענטיפֿיצירט מיט דעם קאַפּיטאַליזם, מיט דעם ווערסאַלער אָפּמאַך און מיט דעם גאַנצן רעזשים פֿון אונטערדריקן די מאַסן. און דער פֿאַשיזם איז פֿייאיק געווען אויפֿצובויען זיין מאַכט אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען און איינצואָרדענען זיינע באַוואָפֿנטע אָרגאַניזאַציעס, ווייל ער איז באַשיצט געוואָרן און האָט געקראָגן שטיצע אויף יעדן שריט און טריט פֿון אויבן, פֿון דער שטאַטס-מאַשין, פֿון דער פּאָליציי און מיליטער, פֿון די געריכטן און די גרויס-קאַפּיטאַליסטן, ביז ער איז ענדלעך געקומען צו מאַכט.

2. דער וואוקס פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם (נאַציזם)

דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד, נאָך מער ווי אין איטאַליע, איז אויסגעוואקסן אונטער דעם שוץ פון דעם אַלטן רעזשים, און הויפּטזאַכלעך פון דעם מיליטער. הינטער די אויסערלעכע דעמאָקראַטישע פאָרמען איז דער אַלטער גענעראַל־שטאַב געבליבן דער ווירקלעכער צענטער פונעם שטאַט. די ערשטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אָנזאָגער פון פאַשיזם, זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פון אָפיצערן און געוועזענע אָפיצערן. פעדער, דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, איז געווען אַ רייכסווער־אינסטרוקטאָר. איידער ער איז געוואָרן אַ מאַסן־אַגיטאַטאָר, האָט היטלער געמוזט דורכגיין אַ לאַנגע פּאָליטישע שולע אָנגעפירט פון אַרמיי־אָפיצערן. ווי ער האָט שפּעטער אָנגעוויזן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, איז ער דעם ערשטן מאָל געקומען אין באַרירונג מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (וועלכע האָט אין איר ערשטער פאָרם, אין 1919, געטראָגן דעם נאָמען „דייטשע אַרבעטער־פּאַרטיי") אויף דער פאָדערונג פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי. די האַלב־פּראָפעסיאָנעלע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון די שטורעם־טרופּער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף יסודות, וואָס זיינען זייער ענלעך צום רייכסווער.

אָבער כדי צו קאָנען זיגן, האָט דער פאַשיזם געדאַרפט אַנטוויקלען אַ מאַסן־באַוועגונג. די ערשטע פאַרזוכן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קאַפּ־פּוטש, און האָט זיך געשטיצט נאָר אויף אָפיצערן, יונקערס און דער ביוראָקראַטיע, האָט געמוזט האָבן אַ דורכפאַל. דער לודענדאָרף־היטלער פּוטש פון 1923, הגם ער האָט געהאַט אַ לענגערע צוגרייטונג פון אַגיטאַציע, איז אויך גלייך דורכגעפאַלן. די לייכטקייט, מיט וועלכער אָט־די באַוואָפנטע אויפשטאַנדן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פונעם שטאַט, באַווייזט די האַלב־אָפיציעלע שטיצע, אונטער וועלכער די קאָנטער־רעוואָלוציע איז אויפגעבויט געוואָרן. די קאַפּ־רעבעלן זיינען געבליבן אומבאַשטראָפט, אין דער צייט וואָס די אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים, זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף פילע יאָרן אין טורמע. לודענדאָרף איז געבליבן אומבאַשטראָפט. היטלער, אַן אויסלענדער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט וואָפן קעגן דעם שטאַט, איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אויף אַ פּאָר מאָנאַטן און איז נאָכדעם ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַגיטאַציע. דער דורכפאַל פון אָט־די פּוטשן האָט אָבער אַרויס־

געוויזן די נויטווענדיקייט אײַנצואוואָרצלען אַ מאַסן־פּאַרטיי צוזאַמען מיט דער עקזיסטענץ פֿון אַ מיליטערישער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער פֿאַשיזם קאָנצענטרירט זײַן אויפֿמערקזאַמקייט אַף אָט־דער אויפֿגאַבע.

די מאַסן־אַגיטאַציע פֿון דעם דײַטשן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז באַזירט געוואָרן אַף דער פּראָגראַם פֿון 25 פּונקטן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1920 (זע קאַפּיטל 9) און וואָס איז ספּעציעל אַנטוויקלט געוואָרן, צוערשט פֿון היטלער׳ן, און נאָכדעם פֿון געבעלס׳ן און שטראַסער׳ן, צו ווענדן זיך ניט נאָר צום פּויערטום און דעם שטאָטישן קלײנבירגערטום, נאָר אויך צו די אַרבעטער־מאַסן אין די אינדוסטריעלע געגנטן. אין דער צײַט, וואָס דער איטאַליענישער פֿאַשיזם האָט זיך גאַנץ פֿרײַ אָפּגעזאָגט פֿון וועלכע עס איז אָנשטעלן, אַז ער האָט אַ שייכות צום סאָציאַליזם", האָט דער דײַטשער פֿאַשיזם געקאָנט גרייכן די מאַסן נאָר דורך אַן אָנשטעל, אַז ער קעמפֿט פֿאַר „סאָציאַליזם". די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ווילדן, משונה׳דיקן כאַראַקטער פֿון פֿאַראייניקן אַנטיסעמיטיזם, אַנטי־קאַפּיטאַליזם, שאָוויניסטישע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך און דער אונטערדריקונג פֿון דײַטשלאַנד. אירע ווידערשפּרוכן, איר פּרינציפּנלאָזיקייט און דעמאַגאָגיע האָבן אַרויסגעשטעקט פֿיל מער, ווי אין דעם איטאַליענישן פֿאַשיזם. ווי היטלער האָט דערקלערט אין „מײַן קאַמף" (אין אַ פּראַזע, וואָס איז שפּעטער, אָנפֿאַנגענדיק מיט דער צוועלפֿטער אויסגאַבע אין 1932, אויסגעשטראָכן געוואָרן): „דער דײַטש האָט ניט קיין באַגריף, ווי אַזוי אַ פֿאָלק מוז פֿאַרפֿירט ווערן, אויב מען זוכט די נאָכפֿאָלגערשאַפֿט פֿון די מאַסן." אַלס אַ מוסטער האָט היטלער גענומען די פּראָפּאַגאַנדע אין ענגלאַנד אין דער צײַט פֿון דער מלחמה, וועלכע ער האָט באַוואונדערט און באַטראַכט פֿאַר דעם פֿײַנסטן בײַשפּיל פֿון דער קונסט פֿון דעמאַגאָגישע ליגנס.

אָבער ווי דער איטאַליענישער בײַשפּיל האָט באַוויזן, קאָן דער פֿאַשיזם גרייכן די מאַסן ערשט נאָכדעם, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַרויסגעוויזן איר אמת׳ן פּרצוף און האָט געשאַפֿן אַ ווײַט־פֿאַרשפּרייטע מאַסן־אַנטוישונג אין אַ מאָמענט פֿון אַ וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן קריזיס, אין אַ מאָמענט ווען עס וואַקסן די רעוואָלוציאָנערע כוחות. דאָס איז דער אַלגעמיינער הינטערגרונט פֿאַר דעם וואוקס פֿון פֿאַשיזם. די ערשטע כוואַליע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַזאַ יסוד איז אָנגעקומען צום סוף פֿון יאָר 1923 און אָנפֿאַנג 1924, נאָכדעם ווי די אינפֿלאַציע האָט רואינירט דאָס קלײנ־

בירגערטום און נאָך דעם דורכפאַל פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָ־לוציאָנערער סיטואַציע פון 1923. אין די וואַלן אין מאַי 1924 האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם געקראָגן אַ מיליאָן און ניין הונדערט טויזנט שטימען קעגן די זעקס מיליאָן שטימען פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די דריי מיליאָן זעקס הונדערט טויזנט פאַר קאָמוניזם. אָבער דער ווייטערדיקער סטאַביליזאַציע־פּעריאָד און די פאַרשפּרעכונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע איינצופירן אַ נייעם פּעריאָד פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם” און „עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע” האָט אַריינגעבראַכט נייע האָפענונגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און דעם טרוים וועגן אַ פרידלעכן רעפאָרמיסטישן „דעמאָקראַטישן” וועג צום סאָציאַליזם. אין דעצעמבער 1924 איז די נאַצי־אָפּשטימונג אַרונטערגעפאַלן צו ניין הונדערט טויזנט. מיט פיר יאָר שפּעטער, אין די וואַלן פון 1928, איז זי אַרונטערגעפאַלן צו אַכט הונדערט טויזנט, אין דער צייט וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געקראָגן ניין מיליאָן און הונדערט טויזנט שטימען און די קאָמוניסטן דריי מיליאָן און צוויי הונדערט טויזנט שטימען. ערשט ווען דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס און דער ברינינג־הונגער־רעזשים האָבן אַרויסגעוויזן דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון די אַלע צוזאָגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ערשט דעמאָלט האָט דעם פאַשיזם געלונגען מיטצושלעפּן מיט זיך מאַסן, ווי דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין די וואַלן פון סעפּטעמבער 1930, ווען ער האָט געקראָגן זעקס מיליאָן און פיר הונדערט טויזנט שטימען (קעגן אַכט און אַ האַלב מיליאָן פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פיר און אַ האַלב מיליאָן פאַר די קאָמוניסטן). אָט־דער שטראָם איז ווייטער אָנגעגאַנגען אין די פּרעזידענט־וואַלן אין אַפּריל 1932, ווען דער פאַשיזם האָט געקראָגן דרייצן מיליאָן און פיר הונדערט טויזנט שטימען, און אין די וואַלן אין יולי 1932, ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, דרייצן מיליאָן און זיבן הונדערט טויזנט שטימען.

וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ פּלוצלונגן וואוקס פון פאַשיזם אין דייטש־לאַנד אין די יאָרן 1930‑1932 ? דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט אונטערגעגראָבן דעם יסוד פון דער סטאַביליזאַציע און פון דער ווײמאַרער רעפּובליק, האָט אויך אונטערגעגראָבן די פּאָזיציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז געווען מיט זיי ענג פאַרבונדן. ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט דעם קריזיס, האָט דער קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד געמוזט זוכן נייע מעטאָדן. עס איז נויטווענדיק געווען אָפּ־צואווישן די רעשטלעך פון די סאָציאַלע געווינסן פון דער רעוואָלוציע בנוגע סאָציאַלער געזעצגעבונג, אַרבעט־שטונדן און שכירות, וועלכע זיינען געווען

דער הויפּט־פונדאַמענט פאַר דעם איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם אַרבעטער־קלאַס, און אַף וועלכע זי האָט געטייטלט מיט די פינגער ווי אַף די רעזולטאַטן פון איר פּאָליטיק. אנשטאָט די קאָנצעסיעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, איז פאַר דעם קאַפּי־טאַליזם איצט נויטיק געווען אָנצואווענדן די שטרענגסטע עקאָנאָמישע אָנ־גריפן אַף די אַרבעטער. פאַר אָט־דעם צוועק האָט מען געמוזט איינפירן נייע פאָרמען פון פאַרשטאַרקטער דיקטאַטור. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער פעדעראַלער רעגירונג, און עס איז עטאַבלירט געוואָרן די ברינינג־דיקטאַטור (אין זומער פון 1930), וועלכע האָט דורך אַ נויט־דעקרעט רעגירט אָן אַ פּאַרלאַמענט, אָבער מיט דער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַף אַזאַ אופן זיינען דורכגעפירט געוואָרן די באַרימטע הונגער־דעקרעטן. לויט די אָפיציעלע ציפערן זיינען די דורכשניט־לעכע וועכנטלעכע שכירות פון די דייטשע אַרבעטער אַרונטערגעפאַלן פון 42.20 מאַרק אין 1929 אַף 21.06 מאַרק אין 1932. דער סך־הכל פון די שכירות און געהאַלטן, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אויסגעצאָלט, איז געזונקען פון 47½ ביליאָן מאַרק אַף 25.7 ביליאָן מאַרק. די אַרבעטלאָזיקייט האָט דערגרייכט אַ ציפער פון אַכט מיליאָן. די שטיצע פאַר אַרבעטלאָזע איז גע־שניטן געוואָרן אַף אַ דורכשניט פון עטוואָס איבער ניין מאַרק. אָט־די גאַנצע דיקטאַטור און דער אָנגריף אַף די אַרבעטער זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם שנעלן וואוקס פון פאַשיזם.

ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט גרייט געווען צו פאַראייניקן זיך מיט די קאָמוניסטן אַף אַרויסצושטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן דער ברינינג־דיקטאַטור און דעם הונגער־אָנגריף, וואָלט גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אַז דער שטאַרקער קאַפּיטאַליסטישער אָנגריף וואָלט ניט געקאָנט אָפּשוואַכן דעם אַרבעטער־קלאַס און העלפן דעם פאַשיזם. פאַרקערט, אַזאַ פאַראייניקונג וואָלט געשטאַרקט דעם קלאַסן־קאַמף און צוגעגעבן כוחות דעם אַרבעטער־קלאַס; אַף אַזאַ באַזיס וואָלט מען געקאָנט מאָביליזירן די ברייטסטע מאַסן, און פאַר דעם פאַשיזם וואָלט ניט געבליבן קיין פּלאַץ צווישן די מאַסן. אָבער אנשטאָט צו פאַראייניקן זיך מיט די קאָמוניסטן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטיצט די ברינינג־דיקטאַטור, געשטיצט די הונגער־דעקרעטן און געהאָלפן דורכפירן אַן אַטאַקע אַף די אַרבעטער אין דעם נאָמען פון איר פּאָליטיק פון אַ „קלענערן איבל”. דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע שוואַכקייט אין דעם פּראָלעטאַריש; לאַגער אין די אַנטשיידנדיקע יאָרן פון

די צוגרייטונגען פון פאַשיזם. די דאָזיקע שטיצע פון דער ברינינג־דיקטאַטור מצד דער מאַיאָריטעט פון פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די טרעיד־יוניאָס, האָט דעזאָרגאַניזירט און צעשפּליטערט די פּראָלעטאַרישע רייען. נאָר דורך אָט־דער דעזאָרגאַניזאַציע פון די פּראָלע־טאַרישע רייען איז מעגלעך געווען, אַז די איניציאַטיווע אין די קריטישע יאָרן פון 1930־1932 זאָל איבערגיין אין די הענט פונעם פאַשיזם.

די פירער פונעם דייטשן קאַפּיטאַליזם האָבן גוט פאַרשטאַנען (ווי דאָס באַווייזן די „פירער־בריפע", אָדער די פאַרטרויענסווערטע בולעטינען פון דער פעדעראַציע פון דייטשע אינדוסטריאַליסטן), אַז די פּאָליטיק, וואָס זיי האָבן געמוזט אָננעמען אין דעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָט געמוזט אומ־פאַרמיידלעך מיינען די אָפּשוואַכונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זייער הויפּט־שטיצער אין דעם אַרבעטער־קלאַס, און שטאַרקן דעם קאָמוניזם. די אָפּגעשוואַכטע און דיסקרעדיטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז מער ניט בכוח געווען אָפּצוהאַלטן דעם וואוקס פון קאָמוניזם. דער באַזיס פון דער וויימאַרער קאָאַליציע איז געווען באַנקראָט. די דייטשע קאַפּיטאַליסטן האָבן קלאָר באַ־גריפן, אַז ס'איז פאַר זיי נויטווענדיק געווען איינצופירן אַ נייע פּאָליטישע סיסטעם, און אַז פּאַראַלעל מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן זיי געמוזט שאַפן אַ נייע סיסטעם פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אויף צו באַקעמפן דעם וואוקס פון קאָמוניזם. זיי האָבן איינגעזען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָן זיי אין דעם מער ניט העלפן, און אַז זיי מוזן האָבן אַן אַנדער סיסטעם פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָל צעשטערן און צעשמעטערן די אָרגאַני־זאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אין אָט־דעם מאָמענט, אין דער צייט פון דער ברינינג־דיקטאַטור, האָבן די דייטשע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים אַריבערגעטראָגן זייער גאַנצע שטיצע צו די נאַצים, וועלכע זיי האָבן פריער בלויז טיילווייז געשטיצט. די ריזיקע פאָנדן, ניט נאָר פון דער דייטשער בורזשואַזיע, נאָר אויך פון דער אויס־לענדישער בורזשואַזיע, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין די בייטלען פון די נאַצים. אין אָט־די יאָרן איז אָנגעפירט געוואָרן אַזאַ ברייטע אַגיטאַציע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער פּאָליטישער געשיכטע. אין דער צייט, ווען די טעראָריסטישע באַנדעס האָבן געקראָגן יעדע שטיצע פון דער פּאָליציי און פון די געריכטן אין זייער אָפּברעכן די אַגיטאַציע פונעם אַר־בעטער־קלאַס, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די שווערע לאַפּע פון דער רעגירונגס־דיקטאַטור אויף יעדער קעמפערישער אָרגאַניזאַציע און אַגיטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס. די ריזיקע קינסטלעכע פאַרשפּרייטונג פון נאַציאָנאַל־

סאָציאַליזם אין אָט־דעם פּעריאָד איז געווען אַ הויך־אָרגאַניזירטער פּראָדוקט פון דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור. אַלע פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענע, אומצופרידענע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, דאָס קליינבירגערטום, די דעקלאַסירטע עלעמענטן און די צוריקגעשטאַנענע אַרבעטער זיינען אַריינגעשטויסן געוואָרן אין דער נעץ פון די נאַצים.

די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַנטוישט געוואָרן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זיינען אַריבער צום קאָמוניזם. די פּאָליטיש־צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן זיינען אַריבער צום פאַשיזם. די ציפערן פון דעם שטים־קאַסטן באַווייזן דעם דאָזיקן פּראָצעס. צווישן 1930 און 1932 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרלאָרן אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט אַכט־און־דרייסיק טויזנט שטימען, אין דער צייט ווען דער קאָמוניזם האָט צו־געקראָגן אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט מיט אַכט־און־פערציק טויזנט שטימען. אויף אַזאַ אופן האָבן די קאָמוניסטן געוואונען עטוואָס מער שטימען ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פאַרלאָרן. אַזוי ווי עס האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זיינען די שטימען, וואָס זיינען אָפּגעפאַלן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט אַריבער (ווי אין ענגלאַנד אין די וואַלן פון 1931) צו דעם קלאַסן־שונא אָדער זיינען אינגאַנצן ניט אָפּגעגעבן געוואָרן, נאָר זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. די ריזיקע געווינסן פון די נאַצים זיינען געקומען פון די פריערדיקע ווייַלער אין די רייען פון די אַלטע בורזשואַזע פּאַרטייען, וועלכע האָבן פאַרלאָרן מיליאָנען שטימען, און פון די וועלכע האָבן בכלל ניט געשטימט.

3. די העכסט־וויכטיקע פראַגע וועגן פאַראייניקטן פראָנט

ניט געקוקט אויף דער אַגיטאַציע פון די נאַצים, וועלכע איז אַזוי ברייט סובסידירט און געשטיצט געוואָרן, וואָלטן די פאַראייניקטע כוחות פונעם אַרבעטער־קלאַס געווען פיל גרעסער און שטאַרקער פון די פאַשיסטישע כוחות. אַז דאָס איז אַזוי, האָבן באַוויזן אַפילו די ציפערן פון דעם שטים־קאַסטן. ווען מיר ציילן צוזאַמען די שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן, און באַטראַכטן זיי אַלס אַן אָנווייזונג אויף דער פּאָטענציעלער פאַראייניקטער מאַכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָלטן מיר געקראָגן (מיט דער אויסנאַם פון יולי 1932) אַ סך־הכל שטימען וואָס איז פיל גרעסער, ווי די שטימען וואָס די נאַצים האָבן געקראָגן. (און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָט־די ציפערן וואָלטן געווען נאָך גרעסער, ווען עס וואָלט געווען אַ ריזיקער סטימול פאַר אַ פאַראייניקטן קאַמף קעגן דער

קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור). אַפֿילו אין יולי 1932, האָבן די שטימען פֿאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן באַשטראָפֿן 13 מיליאָן און 229 טויזנט קעגן 13 מיליאָן און 732 טויזנט פֿאַר די נאַצים. אָבער מיט פֿיר מאָנאַטן שפּעטער, אין נאָוועמבער 1932, האָבן די שטימען פֿאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן צוזאַמענגעשטעלט 13 מיליאָן און 241 טויזנט קעגן 11 מיליאָן און 729 טויזנט פֿאַר די נאַצים. דאָס גיט אונז אָבער נאָר אַ באַגריף וועגן דער צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. אָבער אין יעדערווירקלעכער, סאָציאַלער און פּאָליטישער פֿראַגע, אין אָרגאַניזאַציע, אין זייער סאָציאַלער ראָלע, אין פּאָליטישער באַוואוסטזיניקייט און אין דער קאַמפּס־מאַכט זיינען די פּראָלעטאַרישע כּוחות, ווען זיי וואָלטן געווען פֿאַראייניקט, געווען אומפֿאַרגלייכבאַר גרעסער ווי די כּוחות פֿון דעם מישמאַש, וואָס האָט געשטימט פֿאַר די נאַצים.

די אַנטשיידנדיקע פֿראַגע איז אַף אַזאַ אופֿן געווען די פֿראַגע וועגן אַ פֿאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן קאַמף. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געמאַכט אַלע מעגלעכע פּרוּוון צו דערגרייכן אַזאַ פֿאַראייניקונג. ווען די פֿראַגע איז געוואָרן אַלץ מער און מער דרינגענד, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויסגעלאָזן איין אויפֿרוף נאָכן צווייטן פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פֿראָנט קעגן פֿאַשיזם און דעם קאַפּיטאַליסטישן אָנגריף, סיי צו די מאַסן אַרבעטער און סיי צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און די טרעיד־יוניאָנס.

דער ערשטער אויפֿרוף פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט איבער דעם גאַנצן לאַנד איז געמאַכט געוואָרן אין אַפּריל 1932 פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער רויטער אָפּאָזיציע אין די טרעיד־יוניאָנס. אָט־דער אויפֿרוף האָט געפֿאָדערט אַ פֿאַראייניקטע האַנדלונג פֿון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קעגן דעם געפּלאַנטן אָנגריף אַף די שכירות. דער דאָזיקער אויפֿרוף האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג צווישן די נידעריקערע אָרגאַניזאַציעס פֿון די טרעיד־יוניאָנס און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיטגלידערשאַפֿט. ער איז אָבער צוריקגעוויזן געוואָרן פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿון די טרעיד־יוניאָנס, וועלכע האָבן אַרויפֿגעלייגט אַ חרם אַף דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט.

דער צווייטער אויפֿרוף פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט איז געמאַכט געוואָרן דעם 20טן יולי, 1932, נאָכדעם ווי די פֿאָן־פּאַפּען־דיקטאַטור האָט אויסגעשלאָסן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג פֿון פּרייסן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך געווענדעט צום אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָ־

קראטישער פארטיי און פון די טרעיד־יוניאנס מיט דעם פארשלאג צו ארגאניזירן צוזאמען א גענעראל־סטרייק קעגן די „נויט"־דעקרעטן און פאדערן די אויפלייזונג פון די שטורעם־טרופן. די סאציאל־דעמאקראטישע פירערשאפט האט צוריקגעוויזן דעם אויפרוף פאר א פאראייניקטן פראנט, דערקלערנדיק, אז יעדער רוף פאר א גענעראל־סטרייק איז א פראוואקאציע, און אז דער איינציקער מעטאד צו באקעמפן פאשיזם איז דער שטים־קאסטן.

א דריטער אויפרוף פאר א פאראייניקטן פראנט איז געמאכט געווארן דעם 30טן יאנואר, 1933, ווען היטלער איז דערקלערט געווארן קאנצלער. אט־דער אויפרוף האט געפונען אזא ברייטן אפקלאנג, אז הגם די סאציאל־דעמאקראטישע פירערשאפט האט ניט געגעבן קיין אפיציעלן ענטפער אף אים, איז זי געצוואונגען געווען צו געבן א דערקלערונג אין דער פרעסע און אנווייזן אף א פארשלאג וועגן א „ניט־אנגריף אפמאך" (ד. ה., אפצוהאלטן זיך פון קריטיק), האט זיך אבער שארף ארויסגעזאגט קעגן וועלכער עס איז האנדלונג קעגן היטלער'ן, ווייל ער איז לעגאל דערוויילט געווארן, און דעריבער קאן מען קעגן אים ניט ארויסטרעטן.

דער פערטער אויפרוף פאר א פאראייניקטן פראנט איז געמאכט געווארן דעם 1טן מערץ, 1933, נאך דעם רייכסטאג־פייער, און ווען עס איז ברייט פארשפרייט געווארן דער נאצי־טעראר. אף דעם אויפרוף האט די פירערשאפט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און פון די טרעיד־יוניאנס בכלל ניט געענטפערט. זיי זיינען געווען פארנומען מיט אנשטרענגונגען צו קומען צו א פארשטענדיקונג, אז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי זאל טאלערירט ווערן אונטער דעם פאשיזם.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס זיינען געמאכט געווארן אט־די אויפרופן פאר א פאראייניקטן פראנט, האט די קאמוניסטישע פארטיי זיך ניט אפ־געשטעלט פאר קיין אנשטרענגונג צו שאפן פון אונטן א פאראייניקטן פראנט מיט די סאציאל־דעמאקראטישע, ארגאניזירטע און ניט־ארגאניזירטע אר־בעטער איבער גאנץ דייטשלאנד. אז אט־די פארזוכן האבן געפונען א ברייטן אפקלאנג, באווייזן די מאסן־דעמאנסטראציעס און די טיילווייזע סטרייקס און ארויסטרעטונגען. זיי זיינען אבער שטארק געשטערט געווארן צוליב דעם אפיציעלן חרם פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פירערשאפט און זייערע ברידער אין די טרעיד־יוניאנס, וועלכע האבן אויסגעשלאסן אלע אקטיווע מיטגלידער און גאנצע ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך באטייליקט אין דעם פאראייניקטן פראנט.

ווען מען באטראכט אט־די פאקטן, מוז מען קומען צום שלוס, אז דער

פּאַראייניקטער פּראָלעטאַרישער פראָנט, וועלכער איז געווען דאָס איינציקע מיטל צו באַזיגן היטלער'ן, איז אוממעגלעך געוואָרן בלויז דורך דעם אָפיציעלן חרם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די טרעיד־יוניאָנס. דאָס איז געווען די אַנטשיידנדיקע באַדינגונג, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט, ווייל זי האָט געזוכט אַן אַנדער פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק, וועלכע זי האָט דערקלערט אַלס די איינציקע ריכטיקע אַף צו באַקעמפן דעם פאַשיזם — אַ פּאָליטיק פון פאַראייניקן זיך מיט דער בורזשואַזיע און שטיצן דעם בורזשואַזן שטאַט אַפילו אונטער באַדינגונגען פון דיקטאַטור. דאָס איז געווען די אַזוי־גערופענע פּאָליטיק פון „קלענערן איבל”. און וואָס איז באַשטאַנען אָט־דער באַגריף וועגן דעם „קלענערן איבל”? די עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע דיקטאַטור, אַפילו נאָכדעם ווי אַלע דעמאָקראַטישע פאָרמען זיינען אָפּגעשליידערט געוואָרן, אַפילו אונטער הינדענבורג'ן, ברינינג'ן, פאָן־פּאַפּענ'ען, אָדער פאָן־שלייכער'ן, איז דערקלערט געוואָרן פאַר דעם „קלענערן איבל” ווי דער זיג פון פאַשיזם. דערפאַר דאַרף מען זי שטיצן, און יעדן קלאַפּ קעגן די אַרבעטער דאַרף מען אָננעמען פּאַסיוו, אָן אַ קאַמף. (די זעלבע פּאָליטיק איז שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין איר שטיצן דאָלפוס'ן.) אָבער אָט־די פאָרמען פון דיקטאַטור האָבן בלויז צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם פולן פאַשיזם, צעשטערנדיק שריט בא שריט דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער, און ווי נאָר אָט־די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט מען איבערגעגעבן דעם שטאַט צו היטלער'ן. די פּאָליטיק פון דעם „קלענערן איבל” האָט דעריבער געמיינט אָננעמען פּאַסיוו יעדע שטופּע פון אַנטוויקלונג צום פולן פאַשיזם. און אַפילו ווען היטלער איז געקומען צו מאַכט, איז אַף דעם סמך, וואָס ער איז געווען „לעגאַל” אין מאַכט, איז זיין הערשאַפט דערקלערט געוואָרן פאַר אַ „קלענערן איבל” אין פאַרגלייך מיט אַן „אומלעגאַלן” נאַצי־טעראָר, און דעריבער האָט מען קעגן איר ניט געטאָרט אַרויסטרעטן. אַזוי אַרום איז די דאָזיקע פּאָליטיק אָנגעגאַנגען כסדר, ביז ס'איז געקומען צו אַ פולשטענדיקן נאַצי־טעראָר און צו דער אונטערדריקונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי אַרום האָט די פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרזיכערט דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד אָן אַ קאַמף.

דער ערשטער שריט אין אָט־דער פּאָליטיק איז געווען דאָס „טאָלערירן” פון דער ברינינג־דיקטאַטור זינט 1930.

דער צווייטער אַנטשיידנדיקער שריט איז געווען דאָס שטיצן פון הינדענבורג'ן אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1932. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דערקלערט, אַז דער זיג פון דעם רעאַקציאָנערן הינדענבורג איז געווען נויטווענדיק אַף צו באַזיגן היטלער'ן (פאַרגלייך דאָס מיט דער קאָמוניסטישער וואָרנונג צו די אַרבעטער, אַז „אַ שטימע פאַר הינדענבורג'ן איז אַ שטימע פאַר היטלער'ן"). ווי נאָר הינדענבורג איז געוואָרן פּרעזידענט מיט דער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, עס איז אַפילו קיין יאָר ניט פאַר־איבער, איז די מאַכט איבערגעגעבן געוואָרן היטלער'ן.

דער דריטער אַנטשיידנדיקער שריט איז געווען די פּאַסיווע באַציאונג אין יולי 1932, ווען פאָן־פּאַפּען האָט מיט גוואַלד אַרויסגעוואָרפן די קאָנ־סטיטוציאָנעל־דערוויילטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג פון פּרייסן.

„ווען די סאָציאַליסטן האָבן געלעזן די נייעס וועגן דער שענדלעכער באַזייטיקונג פון בראַונ'ען און סעווערינג'ן, האָבן זיי איבער גאַנץ דייטש־לאַנד געוואַרט פאַר דעם איינציקן מעגלעכן ענטפער — דעם גענעראַל־סטרייק. זיי האָבן אָבער געוואַרט אומזיסט." (מאָורער, „דייטשלאַנד רוקט דעם זייגער צוריק", ז. 7.)

אַנשטאָט דעם האָבן זיך גאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן געווענדעט צום העכסטן געריכט אין לייפּציג, און אָט־דער געריכט איז געווען פאַרנומען מיט זייער דעליקאַטע לעגאַלע פּלפּולים וועגן דעם לעגאַלן סטאַטוס פון די אַרונטערגעזעצטע מיניסטאָרן בנוגע דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט פאַר־נומען זייער פּלאַץ. אָט־די פּלפּולים האָבן אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז פאַרפולקאָמט געוואָרן און זיי זיינען פּשוט איבעריק געוואָרן.

דאָס איז פאַקטיש געווען דער העכסטער פּונקט שוין אין יולי 1932. פון אָט־דעם פּונקט איז קלאָר געוואָרן פאַר דער בורזשואַזיע, אַז די פול־שטענדיקע פאַשיסטישע דיקטאַטור קאָן איינגעפירט ווערן אָן אַ ווידערשטאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע וועט נאָר אָנווענדן אירע כוחות אַף אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער.

4. די אורזאַכן פון דעם זיג פון פאַשיזם

הגם דער אָפיציעלער חרם און די אַקטיווע געגנערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשטערט דעם דערפאָלג פון אַ פאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט, איז דורך דער איניציאַטיווע און פירערשאַפט פון די

קאָמוניסטן דורכגעפירט געוואָרן אַ טיילווייזער פּאַראייניקטער פראָנט פון אונטן. אין 1932 האָט זיך אַנטוויקלט צווישן די אַרבעטער אַ שטייגנדיקע כוואַליע פון ווידערשטאַנד. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער וואַקסנדיקער סטרייק־באַוועגונג אין 1932 אונטער דער פירערשאַפט פון די קאָמוניסטן און די דאָזיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן פאָן־פּאַפּען׳ען, ביז עס איז געקומען אין נאָוועמבער 1932 צום סטרייק פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין בערלין. אָט־דער סטרייק איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער רויטער אָפּאָזיציע אין די טרעיד־יוניאָנס, נאָכדעם ווי אַ ריזיקע מאַיאָריטעט האָט געשטימט פאַר אַ סטרייק (פערצן טויזנט פון די אַכצן טויזנט שטימען, אין דער צייט ווען איין־און־צוואַנציק טויזנט האָבן געקאָנט שטימען). די באַאַמטע פון די טרעיד־יוניאָנס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם סטרייק. דער סטרייק האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן פאַרקער פון שטאָט און איז געבראָכן געוואָרן דורך מאַסן־אַרעסטן און שיסערייען פון דער רעגירונג. אין דער זעלבער צייט האָבן די נאָוועמבער־וואַלן אָפּגעשפּיגלט די שטייגנדיקע כוואַליע. די צאָל פון די נאַצי־שטימען איז פאַרקלענערט געוואָרן אַף איבער צוויי מיליאָן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטימען — אַף זיבן הונדערט טויזנט, און די קאָמוניסטן האָבן געקראָגן מיט זיבן הונדערט טויזנט שטימען מער, אָדער אַ סך־הכּל פון כמעט זעקס מיליאָן.

די דאָזיקע לאַגע, ווי זי איז אַנטפּלעקט געוואָרן סיי אין דעם טראַנספּאָרט־סטרייק אין בערלין און סיי אין די וואַלן, האָט קלאָר געמאַכט די מעגלעכקייט, אַז די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס זאָל אין גיכן איבערגיין צו די קאָמוניסטן, אין דער צייט וואָס די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן זייער נאָכפאָלגערשאַפט. די בורזשואַזיע האָט געמוזט אָננעמען דרינגענדיקע מיטלען. פאָן־פּאַפּען האָט געמוזט רעזיגנירן דעם 17טן נאָוועמבער. עס זיינען אָנגעגאַנגען לאַנגע פאַרהאַנדלונגען צווישן הינדענבורג׳ן און היטלער׳ן. ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי עס ווערט שטאַרקער דער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער, מוז מען צוערשט מאַנעווירן צו געווינען צייט. אַף דעם אַמט פון קאַנצלער איז דעריבער באַשטימט געוואָרן אַף אַ פּאָר מאָנאַטן דער „סאָציאַלער גענעראַל״ פאָן־שלייכער. אין אָט־די פּאָר מאָנאַטן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן איניקע „נויט״־דעקרעטן, ספּעציעל בנוגע דער פרייהייט פון פּרעסע און פאַרזאַמלונג. פאָן־שלייכער האָט דערקלערט, אַז זיין הויפּט־דאגה איז די „סאָציאַלע פראַגע״ און ער האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ פאַרבאַנד מיט לייפּאַרט׳ן און די פירער פון די טרעיד־יוניאָנס. זיי, פון זייער זייט, האָבן געלויבט

פאָן־שלייכער'ן אין זייער פּרעסע ביז די הימלען און האָבן געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פּאַרוויגן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער. (אין דער זעלבער צייט האָבן די נאַציס געקראָגן די שטאַרקסטע שטיצע פון דער פּאָליציי, ווי צום ביישפּיל אין זייער פּראָוואָקאַטאָרישער דעמאָנסטראַציע דעם 25טן יאַנואַר, 1933, אַף דעם ביולאָוו־פּלאַץ.) ערשט דעמאָלט, ווען דער באָדן איז געווען גענוג צוגעגרייט, איז דעם 30טן יאַנואַר היטלער באַשטימט געוואָרן פאַר דעם קאַנצלער־אַמט.

ווען די פאַשיסטן האָבן פאַרלאָרן שטימען אין די וואַלן פון נאָוועמבער 1932, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איבער דער גאַנצער וועלט געקלאַפּט אין די פּויקן, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו דער פאַשיסטישער געפאַר. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט גערעדט וועגן דער „פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון היטלער'ן". דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל, „די ווינער אַרבעטער־צייטונג", האָט געשריבן: „איין זאַך איז איצט קלאָר: דייטשלאַנד וועט ניט זיין פאַשיסטיש." לאַסקי, דער פּובליציסט פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט געשריבן אין דעם „דעילי העראַלד" פון 19טן נאָוועמבער, 1932:

> „איך דענק, אַז מען קאָן מיט זיכערקייט פּאַראַויסזאָגן, אַז די היטלער־באַוועגונג האָט שוין אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן פון איר העכסטן פּונקט, און אַז זי קאָן מער ניט קריגן קיין אויסזען פון דער פעסטקייט, וועלכע זי האָט געהאַט מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק. עס איז מעגלעך, אַז היטלער אָדער אימיצער פון זיינע אָנהענגער וועט אַריין אין דעם פאָן־פּאַפּען קאַבינעט; אין אַזאַ פאַל וועלן זיי אָבער זייער שנעל באַהערשט ווערן פון די כוחות פון רעכטס. די צייט, ווען זיי זיינען געווען אַ געפאַר, איז פאַריבער. אַלץ וואָס עס בלייבט פון זיין באַוועגונג, איז אַ סטראַשונאַק, וועלכן ער וואַגט ניט דורכצופירן."

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט די חכמה פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פּונקט ערב היטלער'ס דיקטאַטור. אין דער זעלבער צייט האָבן די קאָמוניסטן געוואָרנט בנוגע די וואַל־פאַרלוסטן פון די נאַציס: „ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער דורכפאַל פון די נאַציס, וואָלט געווען קרימינעל־נאַריש צו ריידן וועגן דער צעשמעטערונג פון דער פאַשיסטישער מאַסן־באַוועגונג." („קאָמו־ניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", פון 1טן דעצעמבער, 1932.)

אויך דעמאָלט, ווי דאָס איז געווען אין די וואַלן פון הינדענבורג'ן, האָט זיך דער קאָמוניסטישער דיאַגנאָז אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אין יעדער פראַגע אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם, און דער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישער דיאַגנאָז — האָפנונגסלאָז אומריכטיק. דאָס אָפּפאַלן אין דער אָפּשטימונג פאַר די נאַצים אין נאָוועמבער האָט ניט נאָר ניט געמיינט די פאַרניכטונג פון פאַשיזם, נאָר פונקט פאַרקערט. דער פאַקט, וואָס די שטיצע פון די מאַסן איז אָפּגעפאַלן, האָט פאַרשנעלערט דעם באַשלוס פון דער בור־זשואַזיע אַוועקצושטעלן דעם פאַשיזם בײַ דער מאַכט, נאָך אײדער ער איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָך אײדער דער קאָמוניזם האָט געוואונען די גאַנצע מאַכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אַזוי אַז דער פאַשיזם, האָבנדיק די מאַכט פון דעם שטאָט, זאָל זײַן בכוח צו רעאָרגאַניזירן זײַנע כוחות און צו צעשטערן יעדע אָפּאָזיציע.*)

*) אַן אינטערעסאַנטע באַשטעטיקונג פון דעם דאָזיקן אַנאַליז פון דער לאַגע אין דײַטשלאַנד אײדער היטלער איז געקומען צו מאַכט גיט דער אַמעריקאַנער באַאָבאַכטער, ס. ב. הואָווער, אין זײַן בוך, „דײַטשלאַנד טרעט אַרײַן אין דעם דריטן רײַך“ (1933). ווען ער איז אָנגעקומען אין דײַטשלאַנד, ענדע 1932, האָט ער געפונען אַזאַ לאַגע נאָך די נאָוועמבער־וואַלן:

„דורך דער צײַט האָט דער שרײַבער דיסקוסירט די פּאָליטישע לאַגע מיט פאַבריקאַנטן, רעדאַקטאָרן, באַנקירן, פּאָליטישע פירער, פּראָפעסאָרן, אַרבעטער־פירער, עקאָנאָמיסטן און אַנדערע. כמעט אָן אַן אויסנאַם האָבן אַלע באַהויפּטעט, אַז היטלער האָט פאַרפאַסט דעם ריכטיקן מאָמענט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שרײַבער איז אָנגעקומען אין דײַטשלאַנד אין סעפּטעמבער 1932, זײַענדיק זיכער, אַז היטלער׳ס קומען צו מאַכט איז אַן אומבאַשטרײַט־באַרע ווירקלעכקייט, האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען אין זײַנע איבערצײַגונגען, ווען ער האָט דערזען, אַז אַלע, וואָס זײַנען אויסער דער נאַצי־באַוועגונג, האָבן אַפילו ניט צוגלאָזן דעם געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט.“ (ז. 64.)

ער גיט צו, אַז בלויז די קאָמוניסטן האָבן געניי אָפּגעשאַצט די לאַגע:

„מיט דער אײנציקער אויסנאַם פון די קאָמוניסטן, האָבן די פּאַרטייען און די קלאַסן פון דער אָפּאָזיציע געלעבט אין אַ גן־עדן פון אַ שוטה. די ׳פאַראַנטוואָרטלעכע מיינונג׳ פון אַלע זײַטן איז געווען, אַז ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ גוואַלדיק שנעלער פּראָצעס פון פאַנאַנדערפאַל אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישער פּרטיי.“ (ז. 88.)

און טאַקע אָט־דער פאַנאַנדערפאַל פון דער נאַצי־באַוועגונג האָט איבערצײַגט די גרויס־בורזשואַזיע אין דער נויטווענדיקייט גלײַך אָנצונעמען מיטלען קעגן דעם:

„נאָך די פאַרלוסטן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אין די נאָוועמבער רײַכסטאַג־וואַלן האָט די דײַטשע גרויס־בורזשואַזיע באַשלאָסן, אַז ס׳איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קאָן זײער שנעל פאַנאַנדערפאַלן.“ (ז. 83.)

אויב דאָס קומען צו מאַכט פון דעם פאַשיזם אין איטאַליע איז געווען זייער ווייט פון א „רעוואָלוציע“, אַזוי ווי ער איז געבראַכט געוואָרן דערצו אונטער דער פירערשאַפט און דער שטיצע פון די הויכע רעגירונגס־באַאמטע, איז דאָס נאָך שענדלעכער געווען דער פאַל מיט דעם קומען צו מאַכט פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד. דאָ האָט מען אַפילו ניט געמאַכט קיין אָנשטעל וועגן א „מאַרש אויף רוים“. ס'איז אַפילו ניט געווען קיין פראַגע וועגן א פאַרלאַמענטאַרישער מאַיאָריטעט אָדער קאָאַליציע. ס'איז ניט געווען קיין פראַגע וועגן א קאָנפליקט מיט דער עקזיסטירנדיקער רעגירונג. עס האָט ניט נאָר ניט געהאַלטן דערביי, אַז דער פאַשיזם זאָל געבראַכט ווערן צו מאַכט אויף דעם שפּיץ פון א מאַסן־כוואַליע, ווי מען האָט פּרובירט דערציילן מעשיות נאָך דעם, ווען ער איז שוין געווען אין מאַכט, נאָר פאַרקערט, דער פאַשיזם האָט שטאַרק פאַרלאָרן די שטיצע פון די מאַסן, און זיינע פירער האָבן פּשוט דיסקוטירט (ווי דאָס גיט אָן דער אויסגעשלאָסענער אָטאָ שטראַסער אין זיין בוך, „דער שוואַרצער פראָנט“) די געפאַר פון א שנעלן פאַנאַנדערפאַל פון זייער באַוועגונג. טאַקע צוליב אָט־דער געפאַר, אַז די לעצטע רעזערוון פון דער פאַרטיידיקונג פון דער בורזשואַזיע זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערפאַלן, האָט די בורזשואַזע דיקטאַטור באַשלאָסן אָנצואווענדן דאָס לעצטע מיטל — אוועקשטעלן דעם פאַשיזם בא דער מאַכט. און מיט דעם הסכם פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיש־דערוויילטן פּרעזידענט, איז דער פאַשיזם געקומען צו מאַכט.

די באַדייטונג פון אוועקשטעלן היטלער'ן בא דער מאַכט איז קודם־כל באַשטאַנען אין דער אַמאַלגאַמירונג פון דער שוין־עקזיסטירנדיקער דיקטאַטור־מאַשינעריע, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן פון ברינינג'ן און פון פאָן־פּאַפּען'ען, און אין דעם שאַפן פון פאַשיסטישע קאַמפס־כוחות, וועלכע זאָלן קאָנען דינען אַלס אַן אויסערגעוויינלעכער אינסטרומענט פון טעראָר אויף צו באַקעמפן דעם ארבעטער־קלאַס. אין דער צייט, וואָס אין איטאַליע איז דער גרעסטער טייל פון דער ארבעט פון טעראָר און פון דער פאַרניכטונג פון רייכטימער דורכגעפירט געוואָרן נאָך איידער דער פאַשיזם איז געקומען אָפן צו דער מאַכט, איז אין דייטשלאַנד אַזא זאַך אוממעגלעך געווען צוליב דער פיל גרעסערער קראַפט פון דעם ארבעטער־קלאַס. דער אויסערגעוויינלעכער טעראָר און די פאַרניכטונג האָבן געפונען א פּלאַץ ערשט נאָכדעם, ווי די נאַצים זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן באַם רודער פונעם שטאַט. דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזער באַאָבאַכטער שרייבט וועגן דעם אַזוי:

„מען מוז אונטערשטרייכן, אַז אייגנטלעך איז ניט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציע אין דעם זינען פון פאַרכאַפּן די מאַכט פון דעם שטאַט קעגן דעם ווידערשטאַנד פון באַוואָפנטע כוחות פונעם שטאַט, אָדער פון וועלכע עס איז אַנדערע כוחות. דאָס איבערנעמען פון דעם שטאַט אָן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן פון פאָן-פּאַפּענ׳ען אין יולי 1932 ; ער האָט איבערגעגעבן די שטאַטס-מאַכט צו פאָן שלייכער׳ן, און דער לעצטער האָט זי איבערגעגעבן צו היטלער׳ן. די איבערפאַלן זיינען אַף אַזאַ אופן געמאַכט געוואָרן קעגן אומבאַוואָפנטע און ווידערשטאַנדסלאָזע מענטשן. היטלער׳ס אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט צו פּאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד-ווילן פון זיינע געגנער האָט אייגנטלעך געמאַכט אָט-די אַלע גוואַלדטאַטן פאַר אומנויטיק, סיידן אַלס מיטל צו באַפרידיקן די בלוט-דורשטיקייט פון די שטורעם-טרופּן און די שטורעם-אָפּטיילונגען.״ (קאַלווין ב. הואווער, „דייטשלאַנד טרעט אַריין אין דעם דריטן רייך״, ז. 111.)

קיין „אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט״ איז גאָר ניט נויטיק געווען ; דאָס „פּאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד-ווילן״ איז דערגרייכט געוואָרן ניט דורך די פאַשיסטן, נאָר דורך די סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

אָפטמאָל שטעלט מען די פראַגע : ווי קומט עס וואָס היטלער׳ס קומען צו דער מאַכט און דער נאַצי-טעראָר האָט גלייך ניט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע ווידערשטאַנדס-באַוועגונג מצד דעם מעכטיקן אַרבעטער-קלאַס פון דייטשלאַנד ? שטעלן אַזוי די פראַגע מיינט ניט פאַרשטיין די באַדינגונגען. די מאַיאָריטעט פונעם אַרבעטער-קלאַס און ספּעציעל די גרויסע מאַיאָריטעט פון די באַשעפטיקטע אינדוסטריעלע אַרבעטער (כמעט ניינציק פּראָצענט, לויט די וואַלן פון פאַבריק-ראַטן) און די גאַנצע מאַשינעריע פון די טרעיד-יוניאָנס איז קאָנטראָלירט געווען פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. מער ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד, זיינען די טראַדיציעס פון דער דייטשער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג געווען טראַדיציעס פון אַ דיסציפּלינירטער באַוועגונג. דער באַשלוס, ווי אַזוי צו האַנדלען בנוגע היטלער׳ן, איז פאַר דעם דייטשן אַרבעטער-קלאַס געלעגן אין די הענט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דער פירערשאַפט פון די טרעיד-יוניאָנס.

די פּאָליטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז אָבער געווען צו „טאָלערירן״ היטלער׳ן און אפילו (וואָס איז שייך דער פירערשאַפט פון די טרעיד-יוניאָנס) צו זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אים. שוין אין 1932 האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירערשאַפט זיך אָפּגערופן צו גוטן וועגן דער אויסזיכט פון אַ היטלער-רעגירונג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט סעווערינג דערקלערט אין אַפּריל פון 1932 : „די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז

ניט ווייניקער ווי די קאַטוילישע פּאַרטיי שטאַרק גענויגט צו זען העד היט־לער׳ס נאַצים זאָלן האָבן אַ חלק אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג.״ אין דער זעלבער צייט האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־אָרגאַן, „דער פאָרווערטס״, געשריבן: „שוין ניט גערעדט וועגן קאָנ־סטיטוציאָנעלע אַרגומענטן, וואָלט געוועז פּאָליטיש קלוג צו דערלויבן די נאַצים צו קומען צו מאַכט, איידער זיי ווערן אַ מאַיאָריטעט.״ זאָל היטלער קומען צו מאַכט; היטלער׳ס קומען צו מאַכט איז אומפאַרמיידלעך; היט־לער׳ס קומען צו מאַכט וועט זיין דער שנעלסטער וועג אויף צו באַווייזן זיין אמת׳ן פּרצוף — דאָס איז געוועזן דער געפערלעכער געדאַנקען־גאַנג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בלויז די קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ פּאָליטיק און האָבן אין דער זעלבער צייט דערקלערט („ראָטע פאַנע״, 26טן אַפּריל, 1932): „מיר מוזן טאָן אַלץ מעגלעכעס צו פאַרשטעלן היטלער׳ן דעם וועג צו דער רעגירונגס־מאַכט.״ די קאָמוניסטן זיינען אָבער געוועזן אין דער מינאָריטעט.

ווען היטלער איז געקומען צו מאַכט דעם 30טן יאַנואַר, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט צוריקגעוויזן דעם קאָמוניסטישן רוף צו אַ פאַראייניקטן קאַמף. זיי האָבן דערקלערט, אַז היטלער איז געקומען צו מאַכט „קאָנסטיטוציאָנעל״ און „לעגאַל״ (ד. ה.. דורך הינדענבורג׳ס באַ־שטימונג פון אויבן), און דעריבער דאַרף מען קעגן אים ניט אַרויסטרעטן. דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן, איז צו וואַרטן ביז די וואַלן פון דעם 5טן מערץ. דערווייל האָט היטלער באַוואָפנט די שטורעם־טרופּן און האָט זיי איינגעשטעלט אין דעם שטאַט אַלס „געהילפס־פּאָליציי״, וואָס האָבן געהאַט די ספּעציעלע אויפזיכט איבער די וואַלן, האָבן אונטערדריקט די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע פּרעסע, האָבן פאַרבאָטן אַלע פאַר־זאַמלונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָבן אַרעסטירט אַלע אָנפירנדיקע קעמ־פער, האָבן לויז געלאָזט דעם טעראָר, און די „וואַלן״ זיינען פאָרגעקומען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען.

נאָך מיט צוויי וואָכן פאַר דער רייכסטאַג־שריפה, און איידער דער פולער טעראָר און אונטערדריקונג איז סאַנקציאָנירט געוואָרן, האָט אַפילו די קאָנסערוואַטיווע לאָנדאָנער „טאַימס״ געמוזט דערקלערן, אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז „אוממעגלעך אָפּצוהאַלטן נאָרמאַלע וואַלן״ (לאָנדאָנער „טאַימס״, פון 15טן פעברואַר, 1933). ערב די וואַלן, דעם 4טן מערץ, 1933, האָט דער לאָנדאָנער „דעילי העראָלד״ געשריבן: „דאָס פאָלק אין דייטש־לאַנד גייט צו די וואַלן אונטער באַדינגונגען פון געמיינסטן טעראָריזם. די

רעזולטאַטן פון די וואַלן וועלן בשום אופן ניט באַווייזן, וואָס דאָס פאָלק דענקט." די ציפערן פון דער אָפּשטימונג, וועלכע זיינען אין איניקע געגנטן געווען גרעסער ווי די צאָל וויילער, האָבן אויך באַוויזן די פאַלשקייטן בא דער אָפּשטימונג, שוין אָפּגערעדט פון דעם טעראָר.

און דאָך האָט די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך די טעראָר־וואַלן דערקלערט, אַז איצט האָט היטלער אַ „דעמאָקראַטישן מאַנדאַט", און אַז איצט טאָר מען ניט אַרויסטרעטן קעגן אים, סיידן אין דער פאָרם פון אַ „לאָיאַלער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע". נאָך די וואַלן האָט שטאַמפּפער, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", געשריבן אין דעם פּאַרטיי־בולעטין:

„דער זיג פון די רעגירונגס־פּאַרטייען מאַכט מעגלעך צו רעגירן אין פולן הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע.

„זיי דאַרפן בלויז האַנדלען אַלס אַ לעגאַלע רעגירונג, און עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מיר דאַרפן זיין אַ לעגאַלע אָפּאָזיציע. אויב זיי וועלן אויסנוצן זייער מאַיאָריטעט פאַר מיטלען צו בלייבן אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע, וועלן מיר זיך מוזן באַגרענעצן מיט דער ראָלע פון אָנשטענדיקע קריטיקער."

קאַוטסקי האָט געשריבן: „די דיקטאַטור האָט הינטער זיך די מאַסע פון דער באַפעלקערונג."

וו. נ. יואיר, דער דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענט פון דעם לאָנדאָנער „דעילי העראַלד", האָט געשריבן:

„יעדער איינער זאָגט, אַז היטלער'ס זיג איז אַ גוואַלדיקער קלאַפּ פאַר דער דעמאָקראַטיע. אין דער אמת'ן איז עס גאָר ניט אַזוי. דאָס איז אַ זיג פון דעמאָקראַטיע, אָדער יעדנפאַלס פון דעמאַגאָגיע. ער (היטלער) איז גע־קומען צו מאַכט דורך די עכסט־קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען. ער איז דער קאַנצלער פון דייטשלאַנד אונטער דער ווייםאַרער קאָנסטיטוציע און לויט דער ווייםאַרער קאָנסטיטוציע.

„אמת, אין די וואַלן איז געווען ביז אַ געוויסן גראַד טעראָריזם. דאָס איז אַלעמאָל דאָ בא וואַלן. אָבער אונטער די באַדינגונגען איז דאָס געווען אין זייער אַ קליינער מאָס. די ציפערן באַווייזן, אַז די וואַלן זיינען געווען כמעט פרייע."

מעקסטאָן, דער פאָרזיצער פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטיי, האָט געשריבן: „מיין באַהויפּטונג, אַז היטלער'ן האָט געלונגען צו קריגן אַ פאָלקס־מאַנדאַט פאַר איינפירן זיין רעזשים, ווערט ניט אָפּגעשוואַכט צוליב דער ברוטאַלער האַנדלונג."

איר אונטערלעקן זיך צום פאַשיזם האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גע־זוכט צו פאַרדעקן מיט דעם דורכזיכטיקן שלייער פון ניט־באַמערקן דעם טעראָר, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר די וואַלן, און אָנגעבנדיק נאָכדעם תירוצים, אַז די כלומרשטע „וואַלן", וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן אונטער טעראָר־באַדינגונגען, האָבן געגעבן היטלער'ן אַ „דעמאָקראַטישן מאַנדאַט". דער זיג פון פאַשיזם איז, לויט דער פירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון דער ליבאַר־פּאַרטיי, געווען אַ „זיג פון דעמאָקראַטיע". עס איז געווען „ביז אַ געוויסן גראַד טעראָריזם אין די וואַלן", אָבער „אין זייער אַ קליינער מאָס". די פולשטענדיקע אונטערדריקונג פון דער קאָמוניסטישער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע; דאָס אַרעסטירן פון אַלע קאָמוניס־טישע דעפּוטאַטן; די איבערפאַלן אויף די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע געביידעס; דאָס פאַרכאַפּן מיט וואָפן די קאָמוניסטישע הויפּט־קוואַרטיר; דאָס אונטערדריקן פון יעדער פרייהייט פון וואָרט און פאַר־זאַמלונג; דאָס צע'מזיק'ן און אַריינשפּאַרן אין טורמעס טויזנטער פון די אַקטיווסטע קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער — דאָס אַלץ איז געווען „אין זייער אַ קליינער מאָס" דער טעראָריזם „ביז אַ געוויסן גראַד אין די וואַלן". „די וואַלן זיינען געווען כמעט פרייע." דאָס איז דער באַגריף פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי וועגן „דעמאָקראַטיע", וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף זייער שטעלונג פון אָנהענגער פון „דעמאָקראַטיע", אָדער פון זייער באַהויפּטונג, אַז דורך איר וועלן זיי פאַרשטעלן און פאַרדעקן דעם פאַשיזם.

די פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך די וואַלן, ווען די פאַשיסטישע דיקטאַטור און טעראָר האָבן געהערשט אין דער פולער מאַכט, איז נאָך אַלץ געווען אַן עקלדיקע, חניפה'דיקע, וועלכע האָט געזוכט צו נושא־חן זיין באַם פאַשיזם. די רעדע, וואָס דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער, וועלס, האָט געהאַלטן באַ דער דערעפענונג פון דעם רייכסטאַג דעם 23טן מערץ, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אויסדרוק פון אָט־דער פּאָליטיק פון נושא־חן זיין באַם פאַשיזם. וועלס, דער פירער פון דער פּאַרטיי, האָט עפנטלעך רעזיגנירט פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דעם צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַרשפּרייט „גרויזאַמע מעשיות" קעגן די נאַציס. די פירערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט דערקלערט איר גרייטקייט צו קאָאָפּערירן מיט דעם פאַשיזם, דערקלערנדיק אין זייער פּרעסע, אַז די פאַשיסטישע „רע־וואָלוציע" איז אַ טריאומפירנדיקע „פאָרזעצונג" פון דער רעוואָלוציע פון

1918, און אָנווייזנדיק, אַז דער אַלגעמיינער שונא איז קאָמוניזם, און אַז זייער „סאָציאַליזם" איז אַ „דייטשע זאַך" („סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע־דינסט", פון דעם 9טן מערץ, 1933). אַף אָט־דעם באָדן האָט דער צענט־ראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון די טרעיד־יוניאָנס אָפיציעל גערופן די אַר־בעטער צו באַטייליקן זיך אין היטלער'ס דעמאָנסטראַציע דעם ערשטן מאַי. „די פירער פון די טרעיד־יוניאָנס", האָט דערקלערט דער אָרגאַן פון דער ליבעראַר־פּאַרטיי, דער „דעילי העראַלד", פון דעם 24טן אַפּריל, 1933, „האָבן אוועקגעלייגט דעם שטעמפּל אַף זייער שלום־אָפּמאַך מיט די נייע הערשער פון דייטשלאַנד."

די אַלע חניפות האָבן אָבער ניט געבראַכט דער רעפאָרמיסטישער פירער־שאַפט די דערוואַרטעטע פּאָזיציע פון אַן אָנערקענטער און טאָלערירטער צו־טשעפּעניש צום פאַשיזם. אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער אין די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופירן די באַפעלן פון זייערע פירער און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער נאַצישער מאַי־דעמאָנסטראַציע. ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער איינפלוס פון דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט אַף די אַרבעטער איז ניט גענוג גרויס אַף צו דינען די אויפגאַבן פון פאַשיזם, האָבן די נאַצים גלייך אַף מאָרגן, דעם 2טן מאַי, איבערגענומען די טרעיד־יוניאָנס, אינקאָרפּאָרירנדיק זיי אין זייער אַרבעטער־פראָנט", האָבן אַריינגעוואָרפן די פירער אין טורמעס און אוועקגעשטעלט אַף זייערע פּלעצער נאַצי־באַאמטע. דר. לעי, דער פירער אין דעם נאַצישן „אַרבעטער־פראָנט", האָט דערקלערט: „די לייפּאַרטס און די גראָסמאַנס מעגן זיך דערקלערן אין איבערגעבנהייט צו היטלער'ן; ס'איז אָבער בעסער, ווען זיי זיינען אין טורמע."

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך געשלעפּט אַף דער זעלבער סטעזשקע פון שענדלעכער קאַפּיטולאַציע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אָנ־טוישונג. דעם 17טן מאַי האָט די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע אין רייכסטאַג געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע פון דער פאַשיסטישער רעגירונג און האָט זיך באַטייליקט אין דער איינשטימיקער דערקלערונג פאַר היטלער'ן אַלס פירער. אָבער אויך דאָס האָט איר ניט געהאָלפן. עס איז קאָנפיסקירט געוואָרן דאָס גאַנצע אייגנטום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און דעם 22טן יוני איז פאָרמעל דערקלערט געוואָרן די אויפלייזונג פון זייער אָרגאַניזאַציע.

אויב דער פאַרזוך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו ווערן אַן אָפיציעל־אָנערקענטע און טאָלערירטע צוטשעפּעניש צום פאַשיזם איז דורכגעפאַלן (אַ

באַדייטנדיקע צאָל פון פאַרטיי־אָנגעשטעלטע, רעגירונגס־באַאמטע און שטאַטס־באַאמטע, פּאָליציי־פּרעזידענטן, אָרגאַניזאַטאָרן פון די טרעיד־יוניאָנס, א. אז. וו., האָבן זיך דירעקט אָנגעשלאָסן אָן די נאַציס און זייערע פאַרבליבן אין זייערע אַמטן, ווי אויך דער רייכסטאַג־פירער, לעבע, און דער געוועזענער אינערן־מיניסטער, סעווערינג, האָבן שפּעטער דערקלערט, אַז זיי שטיצן די נאַציס), איז דאָס געווען ניט דערפאַר, וואָס די פירערשאַפט האָט ניט געמאַכט גענוג אָנשטרענגונגען פאַר דעם, נאָר ווייל דער פאַשיזם האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי אין איר מאַכט צו קאָנטראָלירן די אַרבעטער און האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו טאָלערירן וועלכע עס איז אומ־אָפּהענגיקע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, ווי אונטערטעניק איר פירערשאַפט זאָל ניט זיין. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַזוי אַרום געצוואונגען געווען פון דער בורזשואַזיע דורכצופירן די צעשטערונג־אַרבעט אונטער באַדינגונגען פון אומלעגאַלקייט. ניט געקוקט אף אַלע אירע בקשות צו פאַרבלייבן לעגאַל, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געצוואונגען געוואָרן פון דער בורזשואַזיע צו אַרבעטן אונטער באַדינגונגען, אין וועלכע זי וואָלט געקאָנט זיין מער נוצלעך פאַר דער בורזשואַזיע, אין פאַל עס זאָל זיך אויפהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין דעם אַרבעטער־קלאַס. זי וואָלט ניט געקאָנט ברענגען דער בורזשואַזיע אַזאַ נוצן, ווען זי וואָלט זיך אָפן אידענטיפיצירט מיט די פאַשיסטן.

די אָפּאָזיציע צום פאַשיזם איז די גאַנצע צייט געווען בלויז מצד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען די איינציקע פּאָליטישע מאַכט אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן פאַשיזם, ניט געקוקט אף דעם גאַנצן טעראָר. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג צו פירן דעם אַרבעטער־קלאַס, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַשין און די פירערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון אָט־דעם קלאַס. דער ציפער פון זעקס מיליאָן קאָמוניסטישע שטימען קאָן אָפּנאַרן, ווען מען באַטראַכט אים אַלס אַ מאָס פאַר דער ווירק־לעכער קאַמפּס־קראַפט; ווייל די קאַמפּס־קראַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס הענגט אָפּ פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע, און פונקט דאָרט איז דער קאָמוניזם געווען שוואַך. אין 1930 האָבן אין די פאַבריקן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט קנאַפּע זעקס מיליאָן אַרבעטער (פינף מיליאָן ניין הונדערט טויזנט), די רעפאָרמיסטישע טרעיד־יוניאָנס געהאַט ניינציק פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט אין די פאַבריק־קאָמיטעטן. די פּראָפּאָרציע פונעם קאָמוניסטישן איינפלוס איז דעריבער

געווען צו קליין אַף אַריינצוציען דעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף. דער קאָמו־ניסטישער רוף פאַר אַ גענעראַל־סטרייק קעגן היטלער'ן האָט ניט געפונען דעם נויטיקן אָפּרוף. די מאַיאָריטעט אַרבעטער איז געבליבן טריי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דיסציפּלין. דאָס האָט זיי טייער געקאָסט און האָט געבראַכט מיט זיך שפּעטער אַנטוישונג. ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט אין אַזאַ סיטואַציע פּרובירט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד אַלס אַ מינאָריטעט, איזאָלירט פון דער מאַסע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָלט דאָס געווען ניט מער ווי אַ פּוטש, וואָס וואָלט בלויז צעשטערט דעם אַוואַנגאַרד פונעם אַר־בעטער־קלאַס, און וואָלט פאַרזיכערט היטלער'ס מאַכט פאַר אַ גאַנצן דור. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דעריבער געצוואונגען געווען אָנצונעמען די שווערע טאַקטיק פון אָפּלייגן דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף, אָנצוהאַלטן אירע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשפּרייטן אַלץ אַ ברייטערע נעץ פון אַגיטאַציע און אָר־גאַניזאַציע אונטער באַדינגונגען פון טעראָר, וואָס האָבן ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע, און אויפצובויען אַף אַזאַ אופן אַן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; צוגרייטן אַ פירערשאַפט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און צוגרייטן דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף אַף אַרונטערצוואַרפן היט־לער'ן און דורכצופירן אַ זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. די שנעלקייט, די פעסטקייט, די העלדישקייט און די אָפּערווויליקייט, מיט וועלכע אָט־די אַרבעט ווערט דורכגעפירט (אַף אַ מאַסשטאַב, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער פּראָלעטאַרישער געשיכטע, אונטער באַדינגונגען פון אומלעגאַל־קייט און טעראָר, ווי עס מוזן דאָס צוגעבן אַפילו אַלע בורזשואַזע באַאָב־אַכטער), איז די גאַראַנטיע פאַר דעם צוקונפטיקן זיג.

עס איז קלאָר, אַז דער צייטווייליקער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט געהאַט אַזעלכע אורזאַכן:

ערשטנס, דאָס דערשטיקן פון דער רעוואָלוציע פון 1918, דאָס צע־שטערן די מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דעם נאָמען פון „דעמאָקראַטיע", דאָס איינפירן פון דאָס־ניי די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור און דאָס באַשיצן די רעאַקציאָנערע אינסטיטוציעס פון דעם אַלטן רעזשים אונטער דעם שלייער פון דער ווײמאַרער „דעמאָקראַטיע".

צווייטנס, דאָס שטיצן מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניען ברינינג'ס דיקטאַטור און די ווייטערדיקע שטופּן פון דער „נויט"־דיקטאַטור, צוגרייטנדיק דעם באָדן פאַר דעם פאַשיזם.

דריטנס, דאָס צוריקווייזן דעם פאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט און

דער אַקטיווער חרם, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען האָבן אַרויפגעלייגט אויף דעם פאַראייניקטן פראָנט.

פּערטנס, דאָס אָפּזאָגן זיך מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער פירערשאַפט פון די טרעיד־יוניאָנס צו שטעלן זיך קעגן היטלער'ן, ווען ער איז געקומען צו מאַכט, אָדער ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער נאַצי־טעראָר.

די דערפאַרונגען אין דייטשלאַנד צווישן 1918 און 1933 איז דער קלאַסישער באַווייז פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווי אַזוי אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן צעשטערט ווערן, צעטרענצלט ווערן און אַריינגעשליידערט ווערן אין דעם טיפסטן אָפּגרונט פון אונטערדריקונג. עס איז דער קלאַסישער באַווייז פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וואוהין עס פירט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, ווי אַזוי זי פירט שריט נאָך שריט צו איר אומפאַרמיידלעכן שלום.

אין די צוויי גרויסע רעוואָלוציעס נאָך דער מלחמה, אין דער רוסישער רעוואָלוציע און אין דער דייטשער רעוואָלוציע, האָט די געשיכטע געמאַכט צוויי ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פון די צוויי הויפּט־וועגן אין אונזער עפּאָכע און וואוהין זיי פירן. די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די דייטשע נאָוועמבער־רעוואָלוציע זיינען פאָרגעקומען אין אַ משך פון איין יאָר. זיי האָבן זיך אָבער פאַרנומען אויף פאַרשיידענע וועגן: איינע האָט זיך געלאָזט אויף דעם וועג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פון דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל; די צווייטע האָט זיך פאַרנומען אויף דעם וועג פון בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע", אויף דעם וועג פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון אָט־דעם פאַנאַנדערגאַנג איז אַנטהאַלטן אין דער דיסקוסיע, וואָס איז אין יענער צייט אָנגעגאַנגען צווישן קאַוטסקי'ן און לענינ'ען. איצט, מיט פופצן יאָר שפּעטער, קאָן מען זען וואוהין אָט־די צוויי וועגן האָבן געפירט.

דער וועג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פון לענינ'ען און פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געפירט צו אַן אַלץ גרעסערער פאַרשטאַרקונג פון די אַרבעטער און צו אַ טריאומפירנדיקער בויאונג פון דעם סאָציאַליזם.

דער וועג פון דער בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע", פון קאַוטסקי'ן, פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט געפירט צום זיג פון פאַשיזם.

זיבעטער קאַפּיטל

ווי אַזוי פאַשיזם איז געקומען צו מאַכט אין עסטרייך

גלייך נאָך דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד איז איינגעפירט געוואָרן די פאַשיסטישע דיקטאַטור פון דאָלפוס'ן אין עסטרייך.

דאָס אַרויסטרעטן פון די עסטרייכישע אַרבעטער אין פעברואַר 1934 קעגן אָט־דער פאַשיסטישער דיקטאַטור האָט געעפנט אַ ניי בלעטל אין דעם קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט קעגן פאַשיזם און האָט אין דער זעלבער צייט פאַרענדיקט די דייטשע דערפאַרונג אין אַרויסשטעלן די אַנטוישונגען מיט דעם „דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם".

אין פילע הינזיכטן זיינען די דערפאַרונגען אין עסטרייך אַפילו קלאָרער און שאַרפער ווי די דערפאַרונגען אין דייטשלאַנד.

1. די באַדייטונג פון דער דערפאַרונג אין עסטרייך

ערשטנס, האָבן זיך אין עסטרייך אַרויסגעוויזן צוויי קאָנקורירנדיקע כוחות פון פאַשיזם, דאָס היימווער און די נאַציס, וועלכע האָבן אָפן אָפּגעשפּיגלט דעם קאַמף פאַר הערשאַפט מצד די קאָנקורירנדיקע אימפּעריאַליסטישע און פאַשיסטישע כוחות איבער דעם לעבעדיקן קערפּער פונעם עסטרייכישן פאָלק. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין בעסערער באַווייז פון דער אמת'ער ראָלע פון פאַשיזם אַלס די שאָוויניסטישע פּאָליטיק פון געוויסע גרופּירונגען פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכע לייקנט אָפּ די אַלע „נאַציאָנאַלע", „פּאָפּולערע" און „פּאַציפיסטישע" אָנשטעלן. דער קאַמף צווישן דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד און דער פאַשיסטישער איטאַליע איבער דעם קערפּער פון דעם פאַשיסטישן עסטרייך גיט אַ באַגריף וועגן דעם „ערהאַבענעם פרידן פון וועלט־פאַשיזם". די דאָזיקע ביידע כוחות זיינען פאַקטיש פאַראייניקט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי פירן אָבער אָן אַ שאַרפן קאַמף צווישן זיך פאַר דער דאָמינירנדיקער פּאָזיציע. פון אָנפאַנג האָט געזיגט דאָלפוס'עס קלעריקאַל־פאַשיזם, וועלכער איז אונטערוואָרפן דעם איטאַליענישן פאַשיזם. אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון פּאַסירונגען קאָן נאָך ברענגען אַן ענדערונג אין די קאָמבינאַציעס און די מעגלעכע הערשאַפט פון די נאַציס און פון דעם פאַן־דייטשן פאַשיזם. אין אַזאַ לאַגע האָט די פּאָליטיק פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אונטער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט

געזוכט צו שטיצן איין פאַשיסטישע גרופּע קעגן דער צווייטער, דאָלפוס׳ן קעגן די נאַציס, אַלס דעם „קלענערן איבל״, און אַף אַזאַ אופן אויסצוגלייכן דעם וועג פאַרן זיג פון פאַשיזם.

צווייטנס, דאָלפוס׳עס פאַשיסטישע דיקטאַטור איז אַרויסגעוואַקסן דירעקט פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אונטער דאָלפוס׳ן נאָך קלאָרער ווי דער הינדענבורג־היטלער פּראָצעס אין דייטשלאַנד. דאָלפוס איז דער־קלערט געוואָרן איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע פאַר דעם „טשעמפּיאָן פון דעמאָ־קראַטיע קעגן פאַשיזם״ (ד. ה., קעגן דער נאַצי־געפאַר אין דייטשלאַנד), און איז דעריבער געשטיצט און טאָלערירט געווען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין דער צייט ווען דאָלפוס האָט פאַקטיש דורכגעפירט דעם איבערגאַנג צום פאַשיזם. ביז דער לעצטער מינוט, נאָך ערב דעם אויפשטאַנד פון די אַרבעטער, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרגעשלאָגן אָנצונעמען און צו שטיצן אַ „נויט״־דיקטאַטור פון דאָלפוס׳ן, אָפּצושליידערן אין אַ זייט דעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים און איינצופירן אַ פאָרם פון אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיט דעם תנאי, אַז מען זאָל איר דערלויבן צו עקזיסטירן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען; דאָס איז דער קלאָרסטער, דער באַוואוסטזיניקסטער אויסדרוק פון דער פּאָליטיק פון סאָציאַל־פאַשיזם. די פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די פּאָליטיק פון דעם „קלענערן איבל״ ווערט דאָ אַרויס־געשטעלט ניט ווייניקער קלאָר ווי אין דייטשלאַנד.

דריטנס, דער אַרבעטער־קלאַס אין עסטרייך איז געווען דער בעסט־אָרגאַניזירטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אין אַ לאַנד מיט אַ באַ־פעלקערונג פון זעקס מיליאָן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געהאַט זעקס הונדערט טויזנט מיטגלידער, און פאַר איר האָבן געשטימט אָנדערהאַלבן מיליאָן, אָדער זיבעציק פּראָצענט פון אַלע וויילער אין ווין און פערציק פּראָצענט פון די וויילער איבערן לאַנד. דאָרט איז ניט געווען קיין פראַגע פון אַ „שפּאַלטונג״ אין דער אָרגאַניזאַציע. הגם די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געשפּילט אַ ראָלע פון גרויסער באַדייטונג אין דעם קאַמף (זי איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט גערופן צו אַ גענעראַל־סטרייק דעם 10טן פעברואַר, און מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן די אַרבעטער אַרויפגעצוואונגען אַף דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט דעם גענעראַל־סטרייק) און אין דער פאַקטישער דורכפירונג פון דעם קאַמף (דער פאַראייניקטער פראָנט אין דער שטאָט לינץ צווישן די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער איז דורכגעפירט געוואָרן קעגן דעם ווילן פון דער רעפאָרמיסטישער פירער־שאַפט, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען קעגן די פאַראָרדענונגען פון

דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט), האָט זי אָבער געהאַט אַ קליינע מיטגלידערשאַפט. דער פאַרזוך צו דערקלערן דעם פּאָרשריט און דעם זיג פון פאַשיזם מיט דער „שפּאַלטונג״ אין די רייען פון די אַרבעטער צוליב דער עקזיסטענץ פון קאָמוניזם ווערט דורך דעם ביישפּיל אין עסטרייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל צעקלאַפּט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך באַרימט, אַז זי האָט געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער דעם אַרבעטער־קלאַס, און דערמיט אָנערקענט זי איר גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אויסגאַנג. „אין דער עסטרייכישער אַרבעטער־באַוועגונג איז ניט געווען קיין שפּאַלטונג. די קאָמוניסטן זיינען געווען בלויז אַן אומבאַדייטנדיקע מינאָריטעט. דער פּאַקט, וואָס אַזאַ מעכטיקע פּאַרטיי איז פולשטענדיק צעשמעטערט געוואָרן, מוז איצט ציען אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די סאָציאַליסטן איבער גאָר דער וועלט״ (אָטאָ באַוער). אין דער ווירקלעכקייט, זיינען די עסטרייכישע אַרבעטער געווען צעשפּאָלטן און דערפאַר באַזיגט. די שפּאַלטונג איז אָבער געווען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צווישן די אַרבעטער און דער פירערשאַפט, און צוליב דער האַנדלונג פון דער פירערשאַפט. די אמת׳ע פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס צוליב דער עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַל־פאַשיסטישער פירערשאַפט ווערט אַף אַזאַ אופן אַנטפּלעקט אַזוי, אַז מען קאָן זי ניט באַהאַלטן.

פערטנס, די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען, ניט געקוקט אַף דעם קליינעם לאַנד, אין איר טעאָרעטישער ראָלע און אין איר הויכן גראַד פון אָרגאַניזאַציע, ווי אויך צוליב אירע בלומרשטע „פּראַקטישע רעזולטאַטן״, די אָנפירנדיקע פּאַרטיי און די „מוסטער״־פּאַרטיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און טאַקע דער לינקער פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין דער צייט וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָדער די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי, זיינען געווען פיל מער חוצפה׳דיק און אומפאַרשעמט אין זייער פּאַקטישן אָפּזאָגן זיך פונעם מאַרקסיזם און אָננעמען דעם קאַפּיטאַליזם, איז די קאָרופּציע פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט געווען צוגעדעקט מיט דעם מאַנטל פון דעם אַזוי־גערופענעם „עסטרייכישן מאַרקסיזם״. נאָך מער. אַ סך פון די פירער זיינען געווען „אויפריכטיק״ אין זייער דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישן באַטרוג אין דעם קאַמף. הגם דורך זייער גאַנצער פּאָליטיק האָבן זיי געטאָן אַלץ מעגלעכעס צו העלפן פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליזם און דעם אָנקומען פון דעם פאַשיזם; הגם דורך זייער פּאָליטיק האָבן זיי פאַרזיכערט דעם דורכפאַל פונעם קאַמף; הגם זיי האָבן דעם קאַמף ניט צוגעגרייט, ניט אָרגאַניזירט

און ניט אָנגעפירט, און האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט צו פאַרמיידן אים, — זיינען דאָך די אַרבעטער אַרויסגעטראָטן אין אַזאַ קאַמף קעגן זייער רעגירונג און האָבן געליטן. צוליב דעם באַטראַכט מען גע־ווײנלעך, אַז דאָס איז דער פאַרדינסט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פירערשאַפט, און מען איז ניט גרייט צו באַשולדיקן זי אין „סאָציאַל־פאַשיזם". אָבער פונקט דאָס ווייזט אַרויס די אמת'ע ראָלע פון פּאָליטישן באַטרוג אין דער גאַנצער אויפפירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע נאָך קלאָרער און אָן אַ ברעקל ספק. פּאָליטיק איז ניט בלויז אַ פראַגע פון סוביעקטיווער „אויפריכטיקייט". נאָך מיט אַ צייט צוריק, אויף דעם צווייטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווען סעראַטי האָט פאַרזוכט צו פאַרטיידיקן דעם רעפאָרמיסט טוראַטי אַלס אַן „אויפ־ריכטיקן" און איז אַרויסגעטראָטן קעגן די איין־און־צוואַנציק פּונקטן אויף דעם גרונט, וואָס מען קאָן ניט איינפירן אַ מאָס פאַר אויפריכטיקייט, האָט לענין געענטפערט: „אַזאַ אינסטרומענט ווי אַן אויפריכטיקייט־מעסטער איז ניט נויטיק; וואָס עס איז נויטיק איז אַן אינסטרומענט צו מעסטן פּאָליטישע ריכטונגען." און אין אָט־דעם זין ווייזט זיך אַרויס מיט דער גרעסער קלאָר־קייט די ראָלע פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס אַ ראָלע פון דירעקטער דינסט און מיטהילף אין דעם זיג פון פאַשיזם.

פינפטנס, דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די עסטרייכישע אַרבעטער, סיי אין זיין שטאַרקייט, סיי אין זיינע שוואַכקייטן, האָט אָנגעצייכנט און באַלויכטן די צוקונפטיקע ליניע פאַר דעם קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס קעגן פאַשיזם. אין יעדן לאַנד און אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם וועט שטענדיק נויטווענדיק זיין אָנצואווייזן אויף די דערפאַרונגען פון די עסטרייכישע אַרבעטער אין אָט־דעם אויפשטאַנד.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל זוכט צו ציען צוויי שלוסן פון די עסטרייכישע פאַסירונגען. פון איין זייט, זוכן זיי אויסצונוצן דעם קאַמף פון די עסטרייכישע אַרבעטער (דעם קאַמף, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן ניט געקוקט אויף דעם אויסדריקלעכן פאַרבאָט מצד דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט) אויף ריינצוואַשן דעם „כבוד" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אויף צו באַווייזן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָן קעמפן און קעמפט. פון דער אַנדערער זייט זוכן זיי צו דער זעלבער צייט צו באַווייזן, אַז דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף אין עסטרייך האָט איבערצייגט, ווי עס איז אומ־מעגלעך אָנצופירן אַ באַוואָפנטן קאַמף, ווייל ער מוז זיין אַ דורכפאַל; אַז

קעגן מאָדערנער אַרטילעריע קאָן מען ניט אַרויסטרעטן, און אַז דער עסט־רייכישער אויפשטאַנד איז געווען אַ „העלדישער זשעסט" און ניט מער ווי דאָס. („קיינער האָט ניט געצווייפלט, אַז די מיליטערישע כּוחות פון דער רעגירונג זיינען געווען אַ סך שטאַרקער ווי די מאַכט פון די אַרבעטער, און אַז די אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט זיין דערפאָלגרייך אין דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג" — באַוער.)

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זוכט אַף אַזאַ אופן צו ציען צוויי שלוסן, וואָס איינער פון זיי ווידערשפּרעכט דעם צווייטן. זיי זוכן צו פאַרדעקן זייער ווירקלעכע פּאָליטיק פון אונטערגעבן זיך מיט דער גע'גנב'עטער גלאָריע פון דעם אויפשטאַנד, וועלכן זיי האָבן פאַרבאָטן; און אין דער זעלבער צייט, טאַקע מיט דעמזעלבן אָטעם, ווילן זיי באַווייזן די ריכטיקייט פון זייער פּאָליטיק פון אונטערגעבן זיך, אַז דער קאַמף איז אוממעגלעך, און אַז דער זיג פון פאַשיזם איז דעריבער אומפאַרמיידלעך.

די ביידע חשבונות זיינען פאַלש. די עסטרייכישע אַרבעטער האָבן גע־קעמפט, ניט אַף דער איניציאַטיווע און ניט אונטער דער פירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר קעגן די אויסדריקלעכע אינסטרוקציעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער זיג פון די אַרבעטער איז ניט אוממעגלעך. דער אַרויסטריט אין עסטרייך באַווייזט פונקט דעם היפּוך, — ווי נאָענט דער זיג איז געווען פאַר די אַרבעטער, ווען זיי וואָלטן געהאַט די נויטיקע פירערשאַפט און אָרגאַני־זאַציע, ווען אַלע כּוחות פונעם אַרבעטער־קלאַס וואָלטן געשטעלט געוואָרן אין קאָן, ווען עס וואָלט ניט געווען אַ צעטיילונג און אַ מישמאַש אַף יעדן סטראַטעגישן פונקט פון דער פירערשאַפט, און ווען מען וואָלט אַריינגעטראָטן אין קאַמף אין דעם ריכטיקן מאָמענט, מיט קלאָרע פּאָליטישע צוועקן און מיט דער טאַקטיק פון אַן אָנגריף. דער זיג איז געוואָרן אוממעגלעך נאָר דורך דער פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער קאָן און וועט דערגרייכט ווערן אונטער אַ רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט.

2. דער פאַרראַט קעגן דער רעוואָלוציע אין צענטראַל־אייראָפּע

סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין עסטרייך קאָן מען ניט ציען קיין שלוס אין דער פראַגע פון פּראָלעטאַרישן קאַמף בלויז אַף דעם באַזיס פון דעם פאַשיסטישן זיג, ווי דאָס איז געווען אין פעברואַר 1934. מען מוז די פראַגע באַטראַכטן אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון 1918

ביז 1934. פּונקט ווי דאָס דערשטיקן פון דער רעוואָלוציע אין 1918 אין דייטשלאַנד דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם שפּעטערדיקן זיג פון פאַשיזם, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין עסטרייך געטאָן דאָס זעלבע.

אין 1918–1919 האָבן די אַרבעטער געהאַלטן אין זייערע הענט דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין עסטרייך. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיי אָבער דערצו ניט דערלאָזן. דאָס גיבן צו אַפילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער אַליין. אין זיין בוך, „די עסטרייכישע רעוואָלוציע פון 1918", באַשרייבט אָטאָ באַוער די סיטואַציע צום סוף פון דער מלחמה אַזוי:

„אין די באַראַקן פון דער פאָלקס־אַרמיי איז געווען אַ טיפע אויפרודערונג. די פאָלקס־אַרמיי האָט געפילט, אַז זי איז געווען די טרעגערין פון דער רעוואָלוציע, דער אַוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט... די סאָלדאַטן מיט וואָפן אין די הענט האָבן געהאָפט אַף אַ זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט... ‚דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט!', ‚די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן!' — דאָס זיינען געווען די איינציקע אויסרופן, וואָס מען האָט געקאָנט הערן אין די גאַסן."

און ער גייט אָן ווייטער:

„קיין בורזשואַזע רעגירונג וואָלט זיך ניט געקאָנט ספּראַווען מיט אַזאַ אויפגאַבע. זי וואָלט גלייך אַנטוואָפנט געוואָרן פון די מאַסן, וועלכע האָבן איר ניט געטרויט און זי פאַראַכט. זי וואָלט אַרונטערגעזעצט געוואָרן אין אַ משך פון איין וואָך דורך אויפשטאַנדן אין די גאַסן, און וואָלט אַנטוואָפנט געוואָרן פון אירע אייגענע סאָלדאַטן.

„בלויז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געקאָנט מיט זיכערקייט האַנדלען אין אַזאַ אויסערגעוויינלעך שווערער סיטואַציע, ווייל זיי האָבן געהאַט דעם צוטרוי פון די אַרבעטער־מאַסן... בלויז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פרידלעך געקאָנט אָפּשטעלן די שטורמישע דעמאָנסטראַציעס דורך פאַרהאַנדלונגען און איבערצייגונגען. בלויז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געקאָנט אָנפירן מיט דער פאָלקס־אַרמיי און אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטורעס פון די אַרבעטער־מאַסן... אַז די סאָציאַלע אָרדענונג פון דער בורזשואַזיע איז געווען אויפגעטרייסלט ביז אירע וואָרצלען, באַווייזט דער פאַקט, אַז אַ בורזשואַזע רעגירונג איז פּשוט אוממעגלעך געוואָרן, סיידן עס זאָלן זיך אין איר באַטייליקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן."

די ראָלע פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פאַקטיש געווען אַף אַזאַ אופן פּונקט אַזאַ, ווי די ראָלע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די מאַכט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז אומיסטן

צעשטערט געוואָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם נאָמען פון בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע”. די בורזשואַזע אָרדענונג איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן נאָר דורך אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון 1918 ביז 1920, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די בורזשואַזע פּאַרטייען, און אין וועלכער אָטאָ באַוער האָט געדינט אַלס אויס־לאַנדס־מיניסטער און דייטש אַלס קריגס־מיניסטער. דאָס איז דער הינטער־גרונט פאַר דעם שפּעטערדיקן זיג פון פאַשיזם.*)

די „אומדאַנקבאַרקייט” פון דער בורזשואַזיע צו דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע פאַר ראַטעווען די בורזשואַזיע איז דאָס איינציקע, וואָס דער פּוב־ליציסט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי איז פייאיק געווען אַרויסצוברענגען נאָך אָט־דער דעמאָנסטראַציע פון דער אייזערנער לאָגיק פון קלאַסן־קאַמף. ער איז ניט פייאיק איינצוזען, אַז די ערשטע פאַסירונג, ד. ה. דאָס אָפּזאָגן זיך פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, און אַפילו שטערן איר גאַנג, ווען זי וואָלט געקאָנט דערגרייכט ווערן מיט דעם גרעסטן דערפּאָלג און מיט דעם מינימום פון לײדן, איז די סיבה פון דער צווייטער, ד. ה. פון דער שפּעטערדיקער צעדריקונג, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז געקומען צו זיך און האָט צוגעגרייט זיינע באַוואָפנטע כוחות אַף צו דערטרינקען די אַרבעטער אין בלוט. ער גיט צו, אַז איצט ווערט אומפאַרמיידלעך דער וועג פון „בלוטיקער רעוואָלוציע” — איצט, נאָך פופצן יאָר פון לײדן, נאָכדעם ווי דער קלאַסן־שונא איז פאַרשטאַרקט געוואָרן צום העכסטן גראַד, און ווען עס וועלן זיך פאָדערן דעריבער פיל גרעסערע קרבנות און בלוט־פאַרגיסונגען, — איצט גיט ער צו, אַז דער אַזוי־גערופענער „פרידלעכער” וועג מוז סוף־כל־סוף פירן צום מאַקסימום פון בלוט־פאַרגיסונג. ער זאָגט זיך אָבער אָפּ

---

*) לאַסקי- דער וואָרט-פירער פון דער ענגלישער לעיבאָר-פּאַרטיי, שרייבט אַזוי וועגן אָטאָ באַוער'ס ראָלע („דעילי העראָלד”, 17טן פעברואַר, 1934) :

„עסטרייכער גיבן אַליין צו, אַז ווען ניט זיין איינפלוס, וואָלט אין ווין געווען אַ בירגער-קריג, ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן דער פרידנס-אָפּמאַך. אים, מער ווי וועמען עס איז אַנדערש, דאַרף מען דאַנקען דערפאַר, וואָס אין עסטייך האָט אָנגעהאַלטן פרידן אין אַ משך פון אַ האַלבן דור.

„דער פּריווילעגירטער קלאַס האָט אים באַדאַנקט דערפאַר ניט נאָר דער־מיט, וואָס מען האָט באָמבאַדירט און צעשמעטערט זיין דערגרייכונג, נאָר אויך דערמיט, וואָס מען האָט זיכער געמאַכט, אַז אין די אָנקומענדיקע יאָרן זאָל פאָרקומען די בלוטיקע רעוואָלוציע, וועלכע ער האָט געשטרעבט מיט אַלע זיינע גרויסע כוחות צו פאַרמיידן.”

פון אָנערקענען דעם פּשוט'ן אויספיר, אַז די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריע ווערט דערביי אַרויסגעשטעלט אַלס אַ פאַלשע.

כּדי צו פאַרטיידיקן איר פּאָליטיק, האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַרגומענטירט צו יענער צייט, אַז הגם די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז געווען זייער מעגלעך אין עסטרייך אין 1918־1919, האָט מען ניט געקאָנט האַפן, אַז מען זאָל זיך קאָנען אָנהאַלטן אין אַזאַ קליינעם אָפּהענגיקן און איזאָלירטן שטאַט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אימפּעריאַליסטישע כּוחות. דער פאַקט אָבער איז, אַז אַ סאָוועטן־רעפּובליק איז דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן אין אונגאַרן און בייערן; אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען זייער שטאַרק אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע. ווען סאָוועט־עסטרייך וואָלט זיך פאַראייניקט מיט סאָוועט־אונגאַרן און סאָוועט־בייערן, וואָלט אין צענטראַל־אייראָפּע געקאָנט באַשאַפן ווערן אַן אומבאַזיגבאַרע מאַכט. די גאַנצע געשיכטע פון אייראָפּע פון נאָך דער מלחמה וואָלט געווען דעמאָלט גאָר אַן אַנדערע. אַנשטאָט דעם, האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איבערגעלאָזן סאָוועט־אונגאַרן אַליין, און ווען דער ווייסער טעראָר האָט נאָכדעם געבושעוועט אין אונגאַרן, האָט זי אָנגעוויזן אויף אים ווי אויף דעם שיקזאַל, פון וועלכן זי האָט געראַטעוועט די עסטרייכישע אַרבעטער. די פאַסירונגען איבערצייגן היינט־צו־טאָג, אַז די עסטרייכישע אַרבעטער זיינען ניט געראַטעוועט געוואָרן פונעם ווייסן טעראָר; מען האָט פון זיי בלויז אָוועקגערויבט די מעגלעכקייט פון אַ זיג, ווען זיי האָבן אים געקאָנט אָפּהאַלטן.

אָבער צו יענער צייט האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַרויסגעשטעלט פאַר די אַרבעטער ניט דעם ווירקלעכן וועג פאַר האַנדלונגען, וועלכע די פאַסירונגען האָבן געפאָדערט, נאָר אַן אויסגעטראַכטן גאָלדענעם וועג פון פרידלעכן פאָרשריט צו סאָציאַליזם דורך „דעמאָקראַטיע". אין זיין בוך, „באָלשעוויזם אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", האָט באַוער געשריבן:

> „אין דער מאָדערנער הויך־ציוויליזירטער געזעלשאַפט, וואו אַלע קלאַסן באַטייליקן זיך אין עפנטלעכן לעבן, קאָן קיין פאָרם פון קלאַסן־הערשאַפט לאַנג ניט אָנהאַלטן מיט דער אויסנאַם פון דער פאָרם, וועלכע דערלויבט די אונטערדריקטע קלאַסן צו האָבן די פרייהייט צו באַאיינפלוסן די 'געזעלשאַפטלעכע מיינונג', צו באַטייליקן זיך אין דער פאָרמירונג פון דעם קאָלעקטיוון ווילן פון שטאַט, און קאָנטראָלירן זיין אַרבעט: ד. ה., אַ קלאַסן־הערשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף די סאָציאַלע פאָרמען פון איינפלוס מצד דעם הערשנדיקן קלאַס, און אויף דער באַנוצונג פון מעכאַנישע אינסטרומענטן פון מאַכט."
> (ז. 116.)

אָט־דאָס איז געווען די בורזשואַז־ליבעראַלע חכמה פונעם „עסטרייכישן מאַרקסיזם”, די חכמה, וואָס איז אַזוי אומ׳ברחמנות׳דיק אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך דער פּאַסירונג, ווען באַוער און דייטש האָבן אַליין געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך אַף זייער אייגענער פעל מיט די „מעכאַנישע אינסטרומענטן פון מאַכט” פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

צו וואָס האָט זייער פּאָליטיק געבראַכט? אַלס „קעגנזאַץ” צום באָלשעוויזם איז געשאַפן געוואָרן די „דעמאָקראַטישע רעפּובליק”, אין וועלכער די עסטרייכישע אַרבעטער האָבן געליטן נויט. מען האָט אויסגעבויט פאַר אַ טייל אַרבעטער אין ווין פּראַכטפולע געביידעס, וואָס האָבן געדאַרפט ווערן דער „סימבאָל” פון רעפאָרמיסטישער „דערגרייכונג”, מיט וועלכע מען האָט אָבער אין דער ווירקלעכקייט ציטווייליק אויסגעקויפט זיך פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין דער צייט, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג צו באַזיגן די אַרבעטער, און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דער בורזשואַזיע שפּעטער צעשמעטערן זיי. דער מאַניפעסט פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל דערקלערט וועגן די עסטרייכישע פּאַסירונגען:

> „דער שיקזאַל פון די וואונדערבאַרע שטאָטישע הייזער פון ווין איז געווען אַ סימבאָל. זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון די סאָציאַליסטן; די פאַשיסטישע קאַנאָנען האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין האַלעוועשקעס.”

דער „סימבאָל” דערגרייכט פיל ווייטער ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל באַגרייפט דאָס. עס זיינען צעשאָסן געוואָרן ניט נאָר די פּראַכטפולע געביידעס, נאָר אויך די אילוזיעס פון רעפאָרמיזם, די אילוזיעס וועגן דעם וועג, וואָס איז „בעסער” ווי דער באָלשעוויזם.

אין זיין בוך, „אַ סאָוועטישער שרייבער באַטראַכט ווין”, דערציילט איליאַ ערענבורג ווי אַזוי ער האָט באַזוכט אָט־די מוניציפּאַלע געביידעס אין 1928, ווען זיי זיינען געווען אין זייער פולער גלאָריע. עס האָט אים באַגלייט אַ שטאָלצער פאָרשטייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער באַגלייטער האָט באַוואונדערט די געביידעס, ווי אַזוי זיי זיינען געפּלאַנט געוואָרן, ווי זיי זיינען געבויט געוואָרן, זייער שיינקייט, זייער אָרגאַניזירונג. הגם ער האָט באַמערקט לעבן דעם שיינעם פאָנטאַן אין דעם פּראַכטפולן גאָרטן אַן אַרבעטלאָזן אַרבעטער, וואָס איז אָפּגעשוואַכט פון הונגער. דער שרייבער האָט דערקלערט זיין באַגלייטער: „איר האָט ווירקלעך אויפגעבויט וואונדער־

בארע הייזער. צי דענקט איר אָבער ניט, אַז אָט־די הייזער זיינען געבויט געוואָרן אַף אַ פרעמדן לאַנד? האָט דען דער ביישפּיל פון אונזער לאַנד ניט באַוויזן, אַז דער אַרבעטער מוז באַצאָלן מיט זיין בלוט פאַר יעדן טראָט לאַנד וואָס ער באַזיגט? מיר האָבן געמוזט אַ סך צעשטערן — צעשטערן, כדי מיר זאָלן קאָנען בויען נאָך דעם זיג. איר האָט אָנגעפאַנגען ניט מיט דער מאַשין־ביקס, נאָר מיט דעם קאָמפּאַס און מיט דעם אַרשין. מיט וואָס וועט איר ענדיקן?" זיין באַגלייטער האָט געשמייכלט און געענטפערט: „מיר וועלן ענדיקן מיט דעם פּאַציפישן זיג פון סאָציאַליזם. פאַרגעסט ניט, אַז אין די לעצטע וואַלן האָבן פאַר אונז געשטימט זיבעציק פּראָצענט פון דער ווינער באַפעלקערונג." דאָס איז געווען אין 1928. אין פעברואַר 1934 האָט איליאַ ערענבורג נאָכאַמאָל באַזוכט די דאָזיקע געביידעס. ער האָט געזען די צעקלאַפּטע ווענט, די ווייט־פאַנאַנדערגעעפנטע לעכער, די חורבות אונטער וועלכע עס זיינען נאָך געלעגן, ווי מען האָט געזאָגט, צעדריקטע מענטשלעכע קערפּערס, די ציטערנדיקע צעשראָקענע פרויען און קינדער, הונגער און נויט, און די פאָנען פון דעם היימווער האָבן געפלאַטערט אַף די שפּיצן פון די געביידעס. ער איז אַן עדות געווען פון דעם „פרידלעכן זיג" פון סאָציאַליזם.

אין עסטרייך, פּונקט ווי אומעטום, איז דער פאַשיזם דערצויגן געוואָרן דורך די באַדינגונגען פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. אונטער דעם פּאַר־טיידיקונגס־שילד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אונטער דעם צודעק פון פּראָכטפולע אַפּאַרטמענט־געביידעס, איז די בורזשואַזיע פון דאָס־ניי געקומען צו זיך און האָט צוגעגרייט אירע באַוואָפנטע כוחות צום קאַמף.

פאַשיזם איז אָבער ניט געבאָרן געוואָרן איבער נאַכט. עס האָט גע־נומען פופצן יאָר, ביז ער איז אויפגעוואַקסן צו זיין פולער מאַכט. ווען די אַרבעטער האָבן דערזען, וואָס עס קומט אָן, האָבן זיי געפאָדערט, אַז עס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן זייערע פאַרטיידיקונגס־באַטאַליאָנען. די פירער האָבן צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר די דעמאָקראַטיע וועט שטיין אין געפאַר, וועלן זיי האַנדלען. זיי האָבן אַנטוויקלט זייער באַרימטע „טעאָריע וועגן פאַרטיידי־קונגס־געוואַלד", ד. ה., געוואַלד, וועלכע דאַרף אָנגעווענדעט ווערן פון אַר־בעטער אַף צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע. דערווייל האָבן זיי אָבער גאָרניט געטאָן. דער פאַשיזם איז געוואַקסן אומגעשטערט.

אין 1927 האָט געפלאַצט דאָס געדולד פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געזען דעם וואוקס פון פאַשיזם און ווי אַזוי דער שטאַט גיט אים זיין אָפענע שטיצע. ווען אַ פאַשיסט, וואָס האָט דערמאָרדעט אַן אַרבעטער, איז באַפרייט

געוואָרן פֿון געריכט, האָבן די אַרבעטער געשטורעמט די געריכט־הייזער אין ווין. ווין איז געווען אין זייערע הענט, אָבער זייערע פֿירער זיינען ניט גרייט געווען צו פֿירן זיי אויף דעם דאָזיקן וועג. אנשטאָט דעם האָט זייער פֿירער־שאַפֿט, וועלכע האָט קאָנטראָלירט די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע אין ווין, געשטעלט זיך אויף דער זייט פֿון דער בורזשואַזיע, אויף דער זייט פֿון דער פּאָליציי און די שטאָט־באַאמטע, ד. ה., פּאַקטיש אויף דער זייט פֿון פֿאַשיזם קעגן די אַרבעטער. דער אויפֿשטאַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט מיט דער הילף פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

„דר. דויטש, דער קאָמאַנדיר פֿון די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיידיקונגס-טרופּן, האָט דערמאָנט דער וועלט, אַז אין דער צייט פֿון די ווינער אומרוען פֿון 1927, ווען אַן אויפֿגערעגטער המון האָט פֿאַרברענט דעם יוסטיץ-פּאַלאַץ, האָט מען ניט פֿאַנאַנדערגעטיילט צו די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיידיקונגס-טרופּן אַפֿילו קיין איינעם פֿון די טויזנטע וואַפֿן, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. עס זיינען דאָ אין די אַרכיוון פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, וואָס ווייזן ווי דער בירגערמייסטער זייץ און אַנדערע סאָציאַליסטישע פֿירער האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס און זיינען אַרויסגעטראָטן פֿאַר דעם צעבייזערטן המון צו באַרואיקן אים. פֿינף-און-ניינציק מענער און פֿרויען זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן פֿון פּאָליצייאישע קוילן און בלויז פֿינף פּאָליציאַנטן — ציפֿערן, וואָס רעדן פֿאַר זיך אַליין. פֿאַרוואָס האָבן אָט-די בלוט-דורשטיקע רעוואָלוציאָנערן ניט אויסגענוצט זייער געלעגנהייט, ווען דאָס היימווער איז נאָך געווען אין די ווינדעלעך, די אַרמיי — הויפּטזאַכלעך סאָציאַליסטיש, און די קלעריקאַלע פּאַרטיי פֿאַרהעלטניסמעסיק שוואַך? . . . דורך איר גאַנצער געשיכטע האָט די עסטרייכישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי באַוויזן, אַז זי ווערט מיט רעכט באַצייכנט אַלס אַ דעמאָקראַטישע און פּאַציפֿיסטישע.״
(„ניו סטעיטסמען ענד נעישאָן״, פֿון 24טן פֿעברואַר, 1934.)

דאָס איז דאָס קניפּ אין בעקל, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קריגט פֿון דעם בורזשואַז־ליבעראַלן זשורנאַל. דער אַרבעטער־קלאַס וועט גאָר אַנדערש באַטראַכטן די געשעעניש אין 1927, ווען דער עסטרייכישער פֿאַשיזם האָט געקאָנט לחלוטין אָפּגעווישט ווערן נאָך אין זיינע ווינדעלעך. דער פּרייז פֿון אָט־דעם בורזשואַז־ליבעראַלן קניפּ אין בעקל פֿון דער „דעמאָקראַטישער״ „פּאַציפֿיסטישער״ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿירערשאַפֿט איז געווען דאָס מקריב זיין די לעבנס פֿון די בעסטע עסטרייכישע אַרבעטער, די אונטער־דריקונג פֿון דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און דער זיג פֿון פֿאַשיזם.

דערווייל האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך אַלץ אָנגע־

האַלטן פאַר די אַרבעטער די אילוזיע, אַז דער פאַשיזם וועט באַזיגט ווערן דורך „דעמאָקראַטיע". נאָך די וואַלן אין 1930, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געוואָרן די גרעסטע פּאַרטיי, און האָט געקראָגן 72 פּאַרטרעטער קעגן די אַכט פאַרטרעטער פון דעם היימווער, האָט די פּאַרטיי־פירערשאַפט טריאומפירנדיק באַריכטעט:

„די דעמאָקראַטיע האָט דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דעם היימווער און זיינע אונטערשטיצער. . . . די היימווער־באַוועגונג, וועלכע האָט נאָך ביז ניט לאַנג צוריק געגלויבט, אַז זי איז ערב אַן ענדגילטיקן זיג, פליט שנעל באַרג־אַראָפּ. . . . די ריין־פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן זיג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס." (דער באַריכט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צום ווינער קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אין יולי 1933.)

אָט אַזוי ווייט איז געגאַנגען די ווייטזיכטיקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט, וועלכע האָט זיך פרידלעך פאַנאַנדערגעלייגט אויף די פּאַפּירענע שטים־צעטלעך, אין דער צייט וואָס זי האָט פּאַראַליזירט דעם ווירקלעכן קאַמף פון די אַרבעטער. די אַרבעטער אין עסטרייך זיינען טראַגיש אַנטוישט געוואָרן אין די רעפאָרמיסטישע אילוזיעס פונקט ווי זייערע ברידער אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד: די אילוזיעס פון דער איטאַליענישער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט נאָך די דערפאָלגרייכע וואַלן אין מאַי 1921, וועלכע האָבן געזאָלט האָבן „צעדריקט די פאַשיסטישע רעאַקציע אונטער אַ באַרג פון רויטע שטימען"; און די דייטשע רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט האָט נאָך די וואַלן אין נאָוועמבער 1932 דערקלערט, אַז זי האָט שוין דער־גרייכט די „ענדגילטיקע פאַרניכטונג" פון היטלער'ן. אין דער אמת'ן האָט דער פאַשיזם צוגעגרייט זיין לעצטע פאַרשווערונג, ווען די פראַגע איז געווען אָפּהענגיק ניט פון פּאַפּירענע שטימען, נאָר אויסשליסלעך פון דעם מאַסן־קאַמף און פון דער אָרגאַניזירונג פון קלאַסן־כוחות.

3. די פאַשיסטישע דיקטאַטור און דער אויפשטאַנד אין פעברואַר

אַלס רעזולטאַט פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג איז געקומען די לעצטע שטופע, אָנהויבנדיק מיט דעם 7טן מערץ, 1933, ווען דאָלפוס האָט ענדלעך אַרונטערגעוואָרפן די מאַסקע, האָט אויפגעלייזט דעם פּאַרלאַמענט און האָט פּראָקלאַמירט אַן אָפענע דיקטאַטור.

איצט איז זיכער געווען די צייט צו האַנדלען אפילו פאַר דער „דעמאָ־

קראַטיע". איצט איז געווען די צייט פאַר דער באַרימטער „טעאָריע וועגן פאַרטיידיקונגס גוואַלד־מאַכט" צו דעמאָנסטרירן איר מיינונג אין דער פּראַקטיק. אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט האָט נאָך אַלץ געפונען תירוצים אַף אָפּצולייגן די האַנדלונג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען פאַרנומען מיט איר פּאָליטיק פון „טאָלערירן" דאָלפוס'ן אַלס דעם „קלענערן איבל" קעגן דעם דייטשן נאַציזם, און האָט געזוכט צו פאַרהאַנדלען מיט דאָלפוס'ן וועגן אַן אָפּמאַך.

„די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט ניט געענטפערט מיט אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד. פאַרקערט, ביז דער לעצטער מינוט האָט זי געמאַכט יעדן פאַרזוך אַריינצוטרעטן אין פאַרהאַנדלונגען מיט דער דאָלפוס-רעגירונג. . . . אָט-דאָס אָפּוואַרטן מצד דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט נאָר דערמוטיקט די דאָלפוס-פעי רעגירונג אָנצונעמען נאָך פיל מער אַנטאַגאָניסטישע מיטלען קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס און קעגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי." („אינטערנעשאָנאַל אינפאָרמיישאָן", דער בולעטין פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, פון דעם 8טן פעברואַר, 1934.)

ווי־זשע קומט עס, אַז נאָך די אַלע הויכע דערקלערונגען אין אַ משך פון יאָרן בנוגע דער האַנדלונג, וועלכע וועט דורכגעפירט ווערן, „אויב" די דעמאָקראַטיע וועט אַטאַקירט ווערן, האָט מען ניט געהאַנדלט, ווען דעם 7טן מערץ, 1933, האָט דאָלפוס דורכגעפירט זיין קו דיעטאַ און אונטערדריקט אַלע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס?

הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל אָט־די אַלע טיפּישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַהויפּטונגען וועגן האַנדלען אין דער צוקונפט, „אויב" די דעמאָקראַטיע וועט אַטאַקירט ווערן, „אויב" די בורזשואַזיע וועט מאַכן אַ פאַרזוך, א. אַז. וו., זיינען במילא און אומפאַרמיידלעך ווערטלאָז, נאָך מער ווי ווערטלאָז, ווען די איצטיקע פּאָליטיק איז די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע. די איצטיקע פּאָליטיק באַשטימט די האַנדלונג פון דער צוקונפט. עס איז ניט מעגלעך, ווען דערצו זאָל אַפילו זיין דער ווילן (און אין דער ווירקלעכקייט איז דערצו דער ווילן ניט געווען), מיטאַמאָל צו פאַרוואַנדלען אַ טיף־איינגעוואָרצלטע מאַשין און אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע, פון פּאַציפיזם און לעגאַליזם אין אַן אָרגאַן פון קלאַסן־קאַמף און רעוואָלוציע. ערשט ווען דער פאַראייניקטער קאַמפס־פראָנט איז ראַציאָנאַל עטאַבלירט געוואָרן אין דעם פריערדיקן פעריאָד, ווען עס איז שוין איינגעשטעלט געוואָרן די פירערשאַפט, די שולונג, די פּראַקטיק און די אָרגאַניזאַציע פון קאַמף אַף אַלע פראָנטן, ערשט דעמאָלט קאָן זיין אַ גרייטקייט צו פאַרמיידן

א פאַשיסטישע קו דע׳עטאַ. אויב ניט, איז וואָס עס זאָלן ניט זיין די פריער־דיקע פאַרשפּרעכונגען, סטראַשונקעס און באַרימערייען, וועט מוזן זיין, ווען עס קומט דער נויטיקער מאָמענט, אַ גוואַלדיקע אומאַנטשלאָסנקייט, אַ שרעק פאַר די „שוועריקייטן״, אַ פאַרלאַנג צו האָבן אַ „פרידלעכן״ אָפּמאַך, פאַר־שיידענע תירוצים אַף אָפּצולייגן דעם קאַמף, צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָר פון דער אָרגאַניזאַציע, פאַרצווייפלטע פאַרזוכן פאַר עפּעס אַן „אויס־וועג״ אָן אַ קאַמף, צו האָפן וואו עס לאָזט זיך ניט האָפן, אַז דער לעצטער מאָמענט איז נאָך ניט געקומען.

אָט דאָס האָט פּאַסירט מיט דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָט־וואָס באַוער שרייבט וועגן דעם 7טן מערץ, 1933, און די שפּעטערע זיבן מאָנאַטן:

„וואָס האָט מען איצט געדאַרפט טאָן ? די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז עס וואָלט זייער שווער געווען אַרויסצורופן אַ גענעראַל-סטרייק אין אַ צייט פון אַ זייער גרויסער פאַרלענגערטער אַרבעט-לאָזיקייט. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געמאַכט יעדן מעגלעכן פאַרזוך צו פאַרמיידן אַ גוואַלדזאַמען אַרויסטריט. אין אַ משך פון עלף מאָנאַטן, האָבן מיר נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל פּרובירט איינצושטעלן פאַרהאַנדלונגען מיט דאָלפוסן. . . . מיר האָבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל פאָרגעשלאָגן איינצו-שטימען אַף באַדייטנדיקע קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען, און צו דערלויבן דער רעגירונג אין אַ משך פון צוויי יאָר צו באַנוצן זיך מיט אויסער-געוויינלעכער מאַכט. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן דערפאַר געבעטן, איז געווען די העכסט-עלעמענטאַרע פרייהייט פאַר דער פּאַרטיי און פאַר די פּראָ-פעסיאָנעלע פאַראיינען. . . .

„מיר האָבן איבערגעשאַצט די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ פרידלעכן אָפּמאַך.״ (באַוער, אין זיין אַרטיקל, „די טאַקטישע לערע פון דער עסט-רייכישער קאַטאַסטראָפע״, אין דעם „אינטערנעשאָנאַל איינפאָרמיישאָן״ פונעם 8טן מערץ, 1934.)

אָט־אַזוי האָט די „דעמאָקראַטיע״ פאַרלאָרן. פּונקט ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשטיצט ברינינג׳ס „נויט״־דיקטאַטור און האָט געזוכט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער היטלער־דיקטאַטור, פּונקט אַזוי איז די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גרייט געווען צו שטיצן אַ דאָלפוס־„נויט״־דיקטאַטור בלויז פאַר דער דערלויבעניש, אַז אירע אָרגאַני־זאַציעס זאָלן קאָנען עקזיסטירן אונטער אָט־דער דיקטאַטור (אין דער צייט וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען אונטערדריקט). אָט אַזוי האָט זיך דערנידעריקט דער „עסטרייכישער מאַרקסיזם״—אַ דערנידעריקונג, וועלכע האָט אַפילו ניט דערגרייכט איר ציל.

אַף דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין אָקטאָבער 1933 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט אויסגערעכנט פיר באַדינגונגען, אין דעם פאַל פון יעדן איינעם פון וועלכע זי וועט מוזן אַרויסטרעטן אין קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור: 1) אין פאַל עס וועט איינגעפירט ווערן אַ פאַשיסטישע קאָנסטיטוציע אָן אַ באַראַטונג מיט דעם פּאַרלאַמענט; 2) אין פאַל עס וועט אַרונטערגעזעצט ווערן די ווינער שטאָט־אַדמיניסטראַציע; 3) אין פאַל עס וועט אונטערדריקט ווערן די פּאַרטיי; 4) אין פאַל עס וועלן אונטערדריקט ווערן די טרעיד־יוניאָנס. אָט־די ווייט־פּראָקלאַמירטע סטראַטעגיע פון די פיר באַדינגונגען איז קיינמאָל אין דער פּראַקטיק ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַרויסטרעטן אַף דעם שלאַכט־פעלד. די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז כּסדר אָנגעגאַנגען מיט קאָנסאָלידירן איר פּאָזיציע, מיט אַנטוואָפענען די אַרבעטער, מיט אַרעסטירן די לאָקאַלע פירער, מיט באַוואָפענען אירע כּוחות, מיט אַרויסרייסן די פּאָזיציעס פון די אַרבעטער, ביז עס איז ענדלעך געקומען צו אַ פּונקט, ווען די אַרבעטער זיינען געצוואונגען געווען אַרויסטרעטן מיט אַ ווידערשטאַנד, אויב די אַרבעטער האָבן ניט געוואָלט לחלוטין אָפּגעווישט ווערן, נאָך איידער די פיר פּונקטן זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן. אַזוי אַרום זיינען די פיר באַדינגונגען ניט געווען אַ מעטאָד צוצוגרייטן דעם קאַמף, נאָר אין דער ווירקלעכקייט אַ מעכאַניזם צו פּאַראַליזירן דעם קאַמף.

וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אָט־דער גאַנצער פּאָליטיק כּסדר אונטערצוגעבן זיך און צו מאַכן פאַרזוכן צו פירן פאַרהאַנדלונגען? איז איר כאָטש געלונגען צו „פאַרמיידן אַ גוואַלטזאַמען צוזאַמענשטויס”? פאַרקערט. זי האָט בלויז פאַרזיכערט, אַז דער גוואַלדזאַמער צוזאַמענשטויס זאָל זיך אונטער די באַדינגונגען אַנטוויקלען צו גונסטן דעם פאַשיזם און העכסט אומגינסטיק פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פאַשיזם האָט זיך געקאָנט פאַרשטאַרקן און צוגרייטן זיינע כּוחות, אין דער צייט ווען די אַרבעטער זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין די פריער־ציטירטער באַהויפּטונג גייט באַוער אָן ווייטער:

> „אָבער אין דעם משך פון די עלף מאָנאַטן, ווען מיר האָבן געזוכט צו דערגרייכן אַ פרידלעכן אָפּמאַך, איז די מיליטערישע מאַכט פון דער רעגירונג באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן, דאָס היימווער איז באַוואָרגט געוואָרן מיט אַמוניציע, און פון דער אַנדערער זייט, זיינען גרויסע טיילן פונעם אַרבעטער-קלאַס — ספּעציעל די אייזנבאַן-אַרבעטער — אַנטמוטיקט געוואָרן, צעדריקט און באַרויבט געוואָרן פון זייער קאַמפּס-לוסט דורך דער אונטערדריקונגס-טאַקטיק פון דער רעגירונג.”

ער איז אויך געצוואונגען געווען צוצוגעבן דאָס פֿאָלגנדע (אונטער־געשטראָכן פֿון מיר):

„ווען מיר וואָלטן אָנגעפֿאַנגען אונזער אַטאַקע אַף אַ פֿריערדיקער שטופֿע, וואָלט אונזער אַרויסטריט געווען אַף אַ סך אַ גרעסערן מאַסשטאַב, און די אויסזיכטן פֿאַר אַ זיג וואָלטן געווען אַ סך בעסערע.

„פֿאָלגלעך, אויב מיר האָבן געמאַכט אַ טעות, איז אונזער טעות באַשטאַנען אין דעם וואָס מיר האָבן אומבאַרעכטיקט פֿאַרצויגן אונזערע פֿאַרזוכן צו קומען צו אַ פֿרידלעכן אָפּמאַך און אומבאַרעכטיקייט אָפּגעלייגט דעם אַנטשלאָסענעם קאַמף. מיר דאַרפֿן זיך אָבער ניט שעמען מיט אָט־דעם טעות! מיר האָבן דאָס געטאָן דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן געוואָלט פֿאַרשפּאָרן דעם לאַנד און דעם אַרבעטער־קלאַס דעם אומגליק פֿון אַ בלוטיקן בירגער־קריג.”

אין זיין בראָשור, „דער אויפֿשטאַנד פֿון די עסטרייכישע אַרבעטער”, שרייבט באַוער וועגן די קריטישע טעג אין מערץ 1933:

„די אַרבעטער־מאַסן האָבן געוואַרט פֿאַר דעם סיגנאַל אַרויסצוטרעטן אין שלאַכט. די אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען נאָך ניט געווען אַזוי צעדריקט ווי מיט עלף מאָנאַטן שפּעטער. די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם רעגירונגס־מיליטער איז געווען אַ סך שוואַכער ווי אין פֿעברואַר 1934. צו יענער צייט וואָלטן מיר געקאָנט געווינען. מיר האָבן זיך אָבער מוטלאָז אָפּגעזאָגט פֿון דער שלאַכט. מיר האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז מיר וועלן בכוח זיין צו קומען צו אַ פֿרידלעכן אָפּמאַך דורך פֿאַרהאַנדלונגען. דאָלפֿוס האָט אונז צוגעזאָגט צו פֿאַרהאַנדלען מיט אונז פֿריער — ענדע מערץ אָדער אָנפֿאַנג אַפּריל — וועגן אַ רעפֿאָרם פֿון דער קאָנסטיטוציע און פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טאָג־אָרדענונג, און מיר זיינען נאָך געווען נאַריש גענוג צו טרויען אַ צוזאָג פֿון דאָלפֿוס'ן. מיר האָבן אָפּגעלייגט דעם קאַמף, ווייל מיר האָבן געוואָלט ראַטעווען דאָס לאַנד פֿון דעם אומגליק פֿון אַ בלוטיקן בירגער־קריג. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, האָט דער בירגער־קריג אויסגעבראָכן מיט עלף מאָנאַטן שפּעטער, נאָר אונטער באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען פֿאַר אונז אַ סך ווייניקער גינסטיק. דאָס איז געווען אַ טעות — דער געפֿערלעכסטער פֿון אַלע אונזערע טעות'ן.”

האָבן זיי „פֿאַרשפּאָרט דעם אַרבעטער־קלאַס אַ בלוטיקן בירגער־קריג”? ניין. זיי האָבן בלויז פֿאַרזיכערט זיין דורכפֿאַל. ער גיט צו, אַז „די אויסזיכטן פֿאַר אַ זיג וואָלטן געווען פֿיל גרעסער”, „מיר וואָלטן געקאָנט געווינען”, ווען זיי וואָלטן געהאַנדלט אין מערץ 1933, פּונקט ווי 1927 וואָלט געווען מער גינסטיק ווי 1933 און פּונקט ווי 1918־1919 וואָלט געווען מער גינסטיק ווי 1927. די „פֿרידלעכע” פּאָליטיק האָט ניט פֿאַרמידן דעם בירגער־קריג סוף־כל־סוף: זי האָט בלויז געמאַכט די באַדינגונגען העכסט אומגינסטיק

פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און האָט פאַרזיכערט דעם גרעסטן דורכפאַל אַנשטאָט אַ זיג. דער „עסטרייכישער מאַרקסיזם" ווערט פאַרדאַמט פון זיין אייגענעם מויל.

די פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן האָט געמיינט, אַז דער פאַשיזם זאָל בכוח זיין שריט באַ שריט צוגרייטן זיינע פּאָזיציעס. די פּאַרטיידיקונגס־טרופּן זיינען דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל. דאָס היימווער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן און באַזאָרגט געוואָרן מיט אַמוניציע. באַ די אַרבעטער האָט מען געזוכט וואַפן און מען האָט עס צוגענומען, ווען מען האָט עס נאָר געפונען. די לאָקאַלע פירער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אין סטראַטעגישע פּונקטן, ספּעציעל צווישן די אייזנבאַן־אַרבעטער, זיינען קעמפער באַזייטיקט געוואָרן, און אַף זייער פּלאַץ האָט מען אַוועקגעשטעלט „פּאַטריאָטישע" אַגענטן. דאָס אַלץ, וואָס איז געווען פון העכסטער וויכטיקייט פאַר דעם צוקונפטיקן קאַמף, איז אָנגעגאַנגען אָן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. די אַרבעטער האָבן אַלץ מער און מער געפאָדערט אַ ווידערשטאַנד, אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט האָט זיך צוריקגעהאַלטן, געבנדיק אַף אַזאַ אופן דעם פאַשיזם די גרעסטע הילף. דער „ערשטער באַריכט" פון „אַ פירער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם בולעטין פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פון 18טן פעברואַר, 1934, דערקלערט:

„די פאַרביטערונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס בנוגע דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. די פאַרביטערונג פון די אַרבעטער איז אַלץ מער און מער געוועלדעט געוואָרן קעגן דער פּאָליטיק פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט געפאָדערט צו וואַרטן און זיין צוגעגרייט פאַר אַן אָפּמאַך. אַלץ גרעסערע צאָלן פון דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט האָבן געפאָדערט מיט מער אַנטשלאָסנקייט, מען זאָל אַרויסטרעטן מיט אַן אָנגריף. אין משך פון מאָנאַטן איז אַלץ שווערער געוואָרן פאַר דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי קלאָר צו מאַכן פאַר די פאַרביטערטע אַרבעטער די נויטווענדיקייט פון דער פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן."

אָט־דאָ זעט מען די אמת'ע שפּאַלטונג אין דעם עסטרייכישן אַרבעטער־קלאַס — צווישן די אַרבעטער (דער פאַראייניקטער פראָנט צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע אַרבעטער איז אומעטום געוואַקסן) און דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פירערשאַפט.

ווען דער ענדגילטיקער קאַמף האָט ענדלעך אויסגעבראָכן דעם 11טן פעברואַר, 1934, האָט ער אויסגעבראָכן ניט געקוקט אַף און קעגן די פאַר־

אָרדענונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט. דאָס ווערט קלאָר געמאַכט אין דעם אָפיציעלן „באַריכט”, וואָס איז נאָר־וואָס ציטירט געוואָרן.

„אין משך פון דער לעצטער וואָך זיינען געווען אַלץ מער סימנים, אַז די רעגירונג האָט זיך געגרייט צו אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ. אָט־די פּאַסירונגען האָבן אַרויסגערופן באַ די אַרבעטער אַזאַ באַציאונג: 'אין אַזאַ סיטואַציע קאָנען מיר מער ניט דערלויבן מען זאָל אונז דעזאָרגאַניזירן דורך אַרעסטן פון שוצבונד־פירער און דורך קאָנפיסקאַציע פון אונזער אַמוניציע, אַניט וועלן מיר קומען פּנים אל פּנים מיט אַ פּאַשיסטישן קו ד'עטאַ, שוצלאָז און אומפּייאיק צו קעמפן מיט עטלעכע װעג שפּעטער'.

„ניט געקוקט אַף דעם, האָט אָבער דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן זיין פריערדיקע ליניע. ער האָט באַטראַכט פאַר נויטווענדיק, אַז די אַרבעטער זאָלן אָפּוואַרטן די רעזולטאַטן פון די פאַר־האַנדלונגען צווישן דעם קאַנצלער פון דער פעדעראַלער רעגירונג און די פּראָווינציעלע רעגירונגען בנוגע די פאָדערונגען פון דעם היימווער, און אַז זיי זאָלן ניט אַרויסטרעטן מיט אַן אָנגריף, ביז עס וועט ניט קומען צו איינעם פון די פיר פאַלן, ווען לויט דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי, אַז עס וועט ווערן אומפאַרמיידלעך אַרויסצוטרעטן אין אַ פּאַרטיידיקונגס־קאַמף, כדי צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג. זונטאָג (דעם 10טן פעב־רואַר) האָבן באַאַמטע פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געגעבן אינסטרוקציעס אין אָט־דער ליניע צו חברים, וועלכע האָבן באַריכטעט וועגן דער אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער, און האָבן זיי שטאַרק געוואָרנט קעגן אַן אַרויסטריט אַף זייער אייגענער איניציאַטיווע.

„אָבער די אויפרעגונג צווישן די מאַסן האָט דערגרייכט אַזאַ פּונקט, אַז די וואָרנונגען פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי זיינען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט."

דעם כבוד פאַר דעם עסטרייכישן אויפשטאַנד קומט אַף אַזאַ אופן אָפּגעבן די אַרבעטער און ניט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט. די ראָלע פון דער פירערשאַפט איז געווען נאָר צו דעזאָרגאַניזירן דעם קאַמף אַף יעדער שטופּע.

דער קאַמף פון די עסטרייכישע אַרבעטער איז ניט באַזיגט געוואָרן דורך די שטאַרקערע כוחות פון דעם שונא. ער איז באַזיגט געוואָרן דורך דער דעזאָרגאַניזירנדיקער ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער־שאַפט. דאָס איז קלאָר געמאַכט געוואָרן דורך אַלע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געפירט צו דעם קאַמף. דאָס איז ניט ווייניקער קלאָר געווען אין דעם קאַמף גופא.

אנשטאָט צו זיין פייאיק אַריינצוטרעטן אין דעם קאַמף מיט דער פולער מאַכט פון די אָרגאַניזירטע כוחות און מיט אַ קלאָר־אויסגעאַרבעטן סטראַ־

טעגישן פּלאַן, מיט דער העכסטער מאָביליזאַציע פון די מאַסן, און מיט אַ קלאָרער פּאָליטישער פירערשאַפט, האָבן די אַרבעטער געמוזט אַריינטרעטן אין קאַמף דורך דער איניציאַטיווע פון אונטן, פון די מאַסן אַף די ערטער, ספּאָראַדיש, טיילווייז, קעגן דער שטערנדיקער אָפּאָזיציע פון אויבן, פאַרלירנדיק די מעגלכקייט פון איניציאַטיווע, פאַרלירנדיק די מעגלעכקייט פון אָנגריף, און געבנדיק אַף אַזאַ אופן דעם סטראַטעגישן פאָרצוג צום שונא.

„פילע גלויבן, אַז די סאָציאַליסטן וואָלטן געוואונען קאָנטראָל אין עסטרייך, ווען זיי וואָלטן געהאַט די שטיצע פון אַלע טיילן פון די אַרבעטער.

„אין פילע פלעצער זיינען די אַרבעטער געווען צעשפּאָלטן צווישן זיך און האָבן צו שפּעט געפּאַסט באַשלוסן.

„עטלעכע אָנפירנדיקע טרעיד־יוניאָנס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אינסטרוקציעס צו די אַרבעטער אין די פאַבריקן, וועלכע זיי האָבן קאָנטראָלירט, אַז זיי זאָלן אַרויס אין סטרייק.״ („דעילי העראָלד״ 16טן פעברואַר, 1934.)

דער גענעראַל־סטרייק איז צוערשט וועטאָאירט געוואָרן, און אַפילו ווען די אַרבעטער האָבן געצוואונגען אַז מען זאָל אים אַרויסרופן, ווען דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן, האָט דער רוף ניט דערגרייכט אַ מאַיאָריטעט פון די אַרבעטער, און אַ גרויסער טייל פון דער מאַשינעריע פון די טרעיד־יוניאָנס האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין פאַרזוך, אַז דער רוף זאָל האָבן דעם נויטיקן עפעקט. די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן נאָך אַלץ אַריבערגעפירט רעגירונגס־טרופּן, געבנדיק זיי אַף אַזאַ אופן די פולע פרייהייט פון באַוועגונג און קאָנצענטראַציע. דער קאַמף פון די פאַרטיידיקונגס־טרופּן איז פאַטאַל אָפּגעשניטן געוואָרן פון די מאַסן, אנשטאָט צו ווערן אַנטוויקלט אַלס אַ מאַסן־באַוועגונג, און אַפילו די מאַיאָריטעט פון די פאַרטיידיקונגס־טרופּן איז ניט מאָביליזירט געוואָרן אָדער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאַמף. עס איז ניט געווען קיין פּאָליטישע אָנפירונג מיט די מאַסן פאַר באַשטימטע צוועקן פון קאַמף. מען האָט בלויז געהאַלטן אין געבן אַנטשולדיקונג־דערקלערונגען וועגן „פאַרטיידיקן די „קאָנסטיטוציע״. אַזוי ווי דורך דער דעזאָרגאַניזאַציע, דורך דער אָפּוועזנהייט פון אַ צענטראַלער פירערשאַפט, וועלכע זאָל אָנפאַנגען צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף, איז פאַרלאָרן געגאַנגען די איניציאַטיווע, איז גלייך פון אָנפאַנג פאַרלאָרן געגאַנגען די מעגלעכקייט פאַר דעם אָנגריף און צו פאַרכאַפּן די וויכטיקסטע עפנטלעכע געביידעס: די רעגירונג איז בכוח געווען צו פאַרשפּאַרן דעם אינערלעכן טייל פונעם שטאַט און די צוגרייטונגען פון דער אַרטילעריע, נאָך איידער דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען; דער קאַמף איז גלייך פון אָנפאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

אָבער ניט געקוקט אַף אָט־די אַלע אומגינסטיקייטן, האָט מען אַפּן צווייטן טאָג דערגרייכט אַ פּאָזיציע, ווען די רעגירונגס־כּוחות זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ס'איז געווען אַ פראַגע ווער עס וועט זיגן:

„אַף דער זייט פון דער רעגירונג זיינען די סאָלדאַטן געווען אויסגעמאַטערט און אַנטמוטיקט, ווי עס גיט אָן דער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון דעם 'בערלינער טאַגעבלאַט', זיינען טיילן פון דעם פינפטן אינפאַנטעריע-רעגימענט אַריבערגעגאַנגען צו די סאָציאַליסטן. איינזעענדיק, אַז דאָס איז ניט קיין פּאַראַד, האָט דאָס פאַשיסטישע היימווער אַרויסגעוויזן זייער ווייניק גלוסט אָנצופירן אַן אמת'ן קאַמף. אַ סך פון זיי האָבן אַרונטערגעלאָזן דאָס געווער, און אַנדערע האָבן זיך אָפּגעטראָגן אין די באַראַקן." („דעילי העראָלד", דעם 14טן פעברואַר, 1934.)

באַוער אַליין האָט געמוזט צוגעבן, אַז, ניט געקוקט אַף דער אַרטילעריע פון דער רעגירונג, האָט דער אַרבעטער־קלאַס געקאָנט אָפּהאַלטן אַ זיג, ווען דער קאַמף וואָלט אַנטוויקלט געווען אַלס אַ מאַסן־קאַמף:

„נאָך אַ קאַמף פון פיר מעת-לעת זיינען די ווינער אַרבעטער באַזיגט געוואָרן. איז אַזאַ אויסגאַנג געווען אומפאַרמיידלעך? איז מעגלעך געווען, אַז זיי זאָלן האָבן געוואונען? נאָך דער דערפאַרונג פון יענע פיר מעת-לעת קאָנען מיר זאָגן, אַז ווען די אייזנבאַנען וואָלטן אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווען דער גענעראַל-סטרייק וואָלט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און דער שוצבונד וואָלט מיטגעשלעפּט מיט זיך די גרויסע מאַסע אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד, וואָלט די רעגירונג קוים דערפאָלגרייך געווען אין אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד." (אָטאָ באַוער, „די עסטרייכישע דעמאָקראַטיע אונטער פייער", ז. 34.)

וואָס נעענטער מען אַנאַליזירט די טאַקטישע באַדינגונגען און די אָרגאַניזאַציע פונעם קאַמף, ווי אויך די באַדינגונגען וואָס האָבן געפירט צום קאַמף, אַלץ קלאָרער קומט מען צום שלוס, אַז דער עסטרייכישער אויפשטאַנד, די גרעסטע שלאַכט פון די אַרבעטער אין דעם פעריאָד נאָך דער מלחמה, האָט ניט באַוויזן די אוממעגלעכקייט פון אַ זיג פון די אַרבעטער אין אַ באַוואָפנטן קאַמף אונטער די מאָדערנע באַדינגונגען, ווי דאָס זוכן צו באַווייזן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער אין אַלע לענדער. פאַרקערט, ער האָט באַוויזן די זיכערקייט פון אַ צוקונפטיקן זיג, אויב נאָר עס ווערט אויפגעשטעלט אַ פאַראייניקטער פראָנט, אויב נאָר אַף דעם פּלאַץ פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַרראַט ווערט אָוועקגעשטעלט אַ רעוואָלוציאָנערע פירערשאַפט, אויב נאָר אַנשטאָט דעם גיפט פון פרידלעך־דעמאָקראַטישן רעפאָרמיזם ווערן אַנטוויקלט רעוואָלוציאָנערע צילן, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

אכטער קאַפּיטל

סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פאַשיזם

די ביז־איצטיקע באַטראַכטונגען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך באַווייזן, אַז די ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פון אַנטשיידנדיקער וויכטיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם. פאַרשטיין אָט־די צוויי נאָענט־פאַרבונדענע דער־שיינונגען אין דעם פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה, דאָס הייסט, פון דער מאָדערנער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון דעם פאַשיזם, איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט, ווען מען וויל פאַרשטיין די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק זינט נאָך דער מלחמה. די גאַנצע פראַגע איז אָבער אַרומגערינגלט מיט פּלפּולים און פאַדערט אַ זייער פאָרזיכטיקן ווייטערדיקן אַנאַליז, אויב מען וויל פאַרשטיין די ווירקלעכע פראַגן פון פאַשיזם און די באַדינגונגען פון זיין וואוקס.

מען מוז קלאָר מאַכן, אַז דער נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" ווערט דאָ באַנוצט נאָר פאַר דער דערשיינונג פון נאָך דער מלחמה, ד. ה., פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון דעם פּעריאָד נאָך 1914, די פּאַרטייען, וועלכע האָבן אין 1923 פאָרמירט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פון נאָך דער מלחמה, אָדער, ווי מען רופט אים אָן, „אַרבעטער און סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל". הגם די טענדענצן פון אָפּאָרטוניסטישער און פּאַרלאַ־מענטאַרישער קאָרופּציע און פון אַריינציען זיך אין דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט זיינען שטאַרק געוועזן נאָך פאַר דער מלחמה דורך דער אימפּעריאַ־ליסטישער עפּאָכע, אַפילו ווען עס האָט נאָך אָנגעהאַלטן די נאָמינעלע פּראָ־גראַם פון אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, און זיינען אַלץ מער באַקעמפט געוואָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פליגל אין דער דאָזיקער פּאַרטיי זינט דעם אָנפאַנג פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט ערשט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין 1914 אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע טענ־דענצן אין זייער גאַנצער גרויס און האָט אָפן באַוויזן, אַז די דאָזיקע פּאַר־טייען זיינען אַריבערגעגאַנגען צום קאַפּיטאַליזם. דער איבערגאַנג זינט 1914 פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין אַלע אימפּעריאַליסטישע לענדער, און ספּעציעל פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טרעיד־יוניאָן בירעקראַטיע, צו אַן אָפענער פאַראייניקונג מיט דעם קאַפּי־טאַליזם און מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט — איז אַ גרויסער היס־

טאָרישער פאַקט. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע פּאַרטייען זינט דער מלחמה האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די ערשטע יאָרן אין דעם דורכפאַל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין דעם וואוקס פון פאַשיזם.

די דאָזיקע ראָלע האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אין זייער דייטלעכע פאָרמען אין יענע קלענערע שטאַטן, וואו עס איז איינגעפירט געוואָרן די ווייסע דיקטאַטור: אין אונגאַרן, פינלאַנד, בולגאַריע, א. אַז. וו. אין דעם פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע און טיילווייזער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם מיט דער הילף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און נאָך מער זינט עס האָט זיך אַנטוויקלט דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס און עס איז צע־טרייסלט געוואָרן דער באָדן פון קאַפּיטאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע, האָט זיך נאָך בולט'ער אַרויסגעשטעלט אָט־דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע. מען קאָן באַמערקן אַ פּראָצעס פון „פאַשיזירונג" אין די פאַר־שיידענע פאָרמען און שטופן ווי אויך אין דעם שפּילן דירעקט אין די הענט פון פאַשיזם.

אָבער הגם אַ סך אַנטוישטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ספּעציעל נאָך דעם גלענצנדיקן ביישפּיל אין דייטשלאַנד און דעם ווייטערדיקן קריזיס אין דעם גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אָנערקענען אַלץ מער די ראָלע, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם, האָט דער קאָמוניסטישער אַנאַליז פון „סאָציאַל־פאַשיזם" אָפּן אַרויסגערופן אַ באַליידיקונג און אַפילו אַ מיספאַרשטענדעניש דערמיט, וואָס ער ווייזט אָן, אַז דער סאָציאַל־פאַשיזם נעמט אָן אַלץ מער אַ דאָמינירנדיקן כאַראַקטער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאַראַלעל צום פאַשיזם אַף אָנצוהאַלטן היינט־צו־טאָג די הערשאַפט פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

עס איז דעריבער נויטיק צו אונטערזוכן גענויער די שייכות צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

1. דער קאַפּיטאַליסטישער בליק אַף סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם

אַף צו אונטערזוכן אָט־די פראַגע, וועט כדאי זיין צו באַטראַכטן דעם בליק, וואָס דער מאָדערנער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט אַף דער ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

דער בליק פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל ווערט זייער קלאָר אויסגעדריקט אין די „דויטשע פירער בריפע", ד. ה. פון דעם קאָנפידענציעלן בולעטין, וואָס די פעדעראַציע פון די דייטשע אינדוסטריאַליסטן האָט אַרויסגעגעבן אין דעם קריטישן יאָר פון 1932. די דאָזיקע „פירער בריפע", וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ „פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ", זיינען אָריגינעל אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר אַ געהיימער צירקולאַציע צווישן די אָנפירער פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געווען אין דער פעדעראַציע פון די דייטשע אינדוסטריאַליסטן. די 72טע אויסגאַבע פון דעם 16טן סעפּטעמבער און די 75טע פון דעם 20טן סעפּטעמבער, 1932, אַנטהאַלטן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „די סאָציאַלע רעקאָנסאָלידירונג פון קאַפּיטאַליזם", וועלכע דריקט אויס דעם שטאַנדפּונקט פון די הערשנדיקע פינאַנציעלע גרופּן.

דער שרייבער גייט אַרויס פון דעם פּונקט, אַז דאָס אָנהאַלטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט הענגט אָפּ פון דער צעשפּליטערונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס:

„די נויטווענדיקע באַדינגונג פאַר וועלכער עס איז סאָציאַלער רע־קאָנסאָלידירונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט איז מעגלעך אין דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה, אויב די אַרבעטער-באַוועגונג וועט צעשפּאָלטן ווערן. יעדע פאַראייניקטע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, וואָס קומט פון אונטן, מוז זיין אַ רעוואָלוציאָנערע. און די דאָזיקע הערשאַפט וועט לאַנג ניט קאָנען אָנהאַלטן קעגן אַזאַ באַוועגונג, אַפילו ניט מיט דער הילף פון דער מיליטערישער מאַכט."

די הויפּט־געפאַר איז אַף אַזאַ אופן אין דעם פאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט. קעגן אים וואָלט אַפילו ניט געקאָנט אָנהאַלטן די מיליטערישע מאַכט. דער קאַפּיטאַליזם פאָדערט דעריבער אַ סאָציאַלע באַזע אויסער זיינע אייגענע רייען און אַ שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס האָט אים די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געגעבן אין דעם פּעריאָד נאָך דער מלחמה.

„די פּראָבלעם פון קאָנסאָלידירן דעם בורזשואַזן רעזשים אין דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה ווערט בכלל באַשטימט דורך דעם פאַקט, וואָס די אָנפירנדיקע בורזשואַזיע, וועלכע קאָנטראָלירט די נאַציאָנאַלעווירטשאַפט, איז געוואָרן צו קליין, זי זאָל קאָנען אַליין אָנהאַלטן איר מאַכט. אויב זי וויל ניט אָנקומען צו דעם העכסט-געפערלעכן וואָפן פון ריין-מיליטערישער מאַכט, פאָדערט די דאָזיקע מאַכט אַ פאַרבאַנד מיט יענע שיכטן, וועלכע געהערן ניט צו איר סאָציאַל, וועלכע קאָנען אָבער געבן איר די אומשאַצבאַרע דינסט פון פאַראַנקערן איר הערשאַפט אינעם פאָלק און אַף אַזאַ אופן ווערן די

ווירקלעכע טרעגער פון דער דאָזיקער הערשאַפט. אָט-דער 'טרעגער' פון דער בורזשואַזער הערשאַפט איז אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער קאָנסאָלידירונג נאָך דער מלחמה געווען די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע."

אַף אַזוי ווייט איז דער אַנאַליז אַן איינפאַכער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט באַזאָרגט דעם באָדן פאַר אָנהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט און שפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס. וואָס האָט אָבער מעגלעך געמאַכט פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו שפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס? איז דאָס געווען דער סאָציאַלער באַזיס פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? דער אַנאַליז פון דעם וואָרט־זאָגער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל קומט דאָ גאַנץ נאָענט צו לעניניס אַנאַליז וועגן די סיבות פון דער שפּאַלטונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער. דער שרייבער דענקט, אַז דער באַזיס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון איר שפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס זיינען די פּריווילעגירטע באַדינגונגען, וואָס ווערן געשאַפן דורך סאָציאַלער געזעצ־געבונג און קאָנצעסיעס פאַר אַ באַשטימטן אָרגאַניזירטן טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס:

„אינעם ערשטן רעקאָנסטרוקציע-פּעריאָד פון דעם בורזשואַזן רעזשים פון נאָך דער מלחמה, אין דער צייט פון 1923 ביז 1930, איז די שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער-קלאַס באַזירט געוואָרן אַף די דערגרייכונגען בנוגע שכירות און דער סאָציאַלער פּאָליטיק, פאַר וועלכער די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט אויסגענוצט דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג.

„צוליב איר סאָציאַלן כאַראַקטער, צוליב דעם וואָס זי איז פריער געווען אַן אַרבעטער-פּאַרטיי, האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַריינגעבראַכט צו יענער צייט אין דער סיסטעם פון רעקאָנסטרוקציע, חוץ איר ריינער פּאָליטישער מאַכט, עטוואָס וואָס האָט אַ גרעסערן ווערט און האַלט אָן לענגער, און דאָס איז דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער-קלאַס, און אין דער צייט וואָס זי האָט פּאַראַליזירט זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, האָט זי אים פעסט צוגעשמידט צום בורזשואַזן שטאַט.

„עס איז אמת, אַז דער נאָוועמבער-סאָציאַליזם איז אויך געווען אַן אידעאָלאָגישע מאַסן-באַוועגונג; ער איז אָבער געווען ניט בלויז דאָס, ווייל הינטער אים איז געשטאַנען די מאַכט פונעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער-קלאַס, די סאָציאַלע מאַכט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אָט-די באַוועגונג האָט געקאָנט אָפּפליסן, אָבער די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען געבליבן, און מיט זיי, אָדער ריכטיקער צוליב זיי, איז געבליבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי."

אַף אַזאַ אופן איז די הויפּט־קערפּערשאַפט פון דעם אָרגאַניזירטן אַר־בעטער־קלאַס געווען „פעסט צוגעשמידט צום בורזשואַזן שטאַט" דורך דער

סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייִנען, אין דער צייט וואָס קאָמוניזם איז געהאַלטן געוואָרן פון דרויסן ווי דורך אַ „שליוזע־מעכאַניזם”:

„זיי (די דערגרייכונגען בנוגע שכירות און סאָציאַלער פּאָליטיק) האָבן פונקציאָנירט אַלס אַ מין שליוזע-מעכאַניזם, דורך וועלכן די באַשעפטיקטע און גוט-אָרגאַניזירטע טיילן פון דעם אַרבעטער-קלאַס האָבן אין אַ צייט פון שטייגנדיקער אַרבעטלאָזיקייט געהאַט באַדייטנדיקע פאָרצוגן אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטלאָזע און די נידעריקערע שיכטן צווישן די אַרבעטער און זייִנען געווען פאַרהעלטניסמעסיק פאַרזיכערט קעגן אַרבעטלאָזיקייט און אַ געפערלעכער לאַגע אין זייער לעבנס-שטייגער.

„די פּאָליטישע צעטיילונג-ליניע צווישן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם איז כמעט די זעלבע, ווי די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ליניע פון אָט-דער שליוזע; און אַלע פאַרזוכן פון קאָמוניזם, וועלכע זייִנען, אגב, ביז איצט אומזיסט, זוכן דורכברעכן די דאָזיקע באַשיצונג-וואַנט פון די טרעיד-יוניאָנס.”

די דאָזיקע סיסטעם האָט גאַנץ גוט געאַרבעט, ביז דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט צעשטערט דעם באַזיס פון סטאַביליזאַציע. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געצוואונגען דעם קאַפּיטאַליזם אָפּצואווישן די „דערגרייכונגען” אין שכירות און סאָציאַלע הנחות און אונטערגעגראָבן אַף אַזאַ אופן דעם באָדן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דורך דעם איז אָבער געשטיגן די געפאַר, אַז די כוחות פונעם אַרבעטער־קלאַס זאָלן אַריבערגיין אַף דער זייט פון קאָמוניזם. עס איז דעריבער נויטווענדיק געווען צו געפינען אַ נייעם אינסטרומענט אַף צו שפּאַלטן די אַרבעטער — דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם:

„דער איבערגאַנג-פּראָצעס, וואָס מיר מאַכן איצט דורך צוליב דעם, וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס צעשטערט אָט-די אַלע דערגרייכונגען, גייט דורך אַ שטופּע פון גרויסער געפאַר, אַז ווען די דערגרייכונגען וועלן פאַרשווינדן, זאָל דער מעכאַניזם, וועלכער צעשפּאַלט דעם אַרבעטער-קלאַס און וועלכער איז באַזירט אַף די דאָזיקע דערגרייכונגען, אויפהערן צו אַרבעטן, און דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז דער אַרבעטער-קלאַס וועט אָנהייבן פאַרקערעווען אין דער ריכטונג פון קאָמוניזם און די בורזשואַזע הערשאַפט וועט שטיין פּנים אל פּנים פאַר דער נויטווענדיקייט פון איינפירן אַ מיליטערישע דיקטאַטור. אָט-די שטופּע וואָלט באַצייכנט, אַז ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּעריאָד פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקהייט אין דער בורזשואַזער הערשאַפט. אַזוי ווי מען קאָן מער ניט אויפשטעלן ווי ס'געהער צו זיין דעם אַלטן שליוזע-מעכאַניזם, איז דער איינציקער מעגלעכער מיטל צו ראַטעווען די בורזשואַזע הערשער פון אַזאַ אָפּגרונט — אַרויסצורופן אַ שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער-קלאַס און צובינדן אים צו דעם שטאַט-אַפּאַראַט דורך

> אַנדערע און מער דירעקטע מיטלען. אין דעם באַשטייען די פּאָזיטיווע מעגלעכקייטן און די אויפגאַבן פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם."

די נייע באַדינגונגען מיינען אָבער אַן ענדערונג אין דער פאָרם פונעם שטאַט. דאָס צובינדן פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס צום שטאַט דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געפאָדערט דעם פּאַרלאַמענטאַרישן מעכאַניזם, און פאַרקערט, די ליבעראַלע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָנסטיטוציע איז אָנגעמבאַר פאַר דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם בתנאי, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל קאָנען דערפאָלגרייך קאָנטראָלירן און שפּייזן דעם אַרבעטער־קלאַס. ווען דער קאַפּיטאַליזם איז געצוואונגען צו צעשטערן דעם באָדן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז ער אויך געצוואונגען צו טראַנספאָרמירן די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָנסטיטוציע אין אַ ניט־פּאַרלאַמענטאַרישער „באַגרענעצטער" (ד. ה. פאַשיסטישער) קאָנסטיטוציע.

> „דאָס צובינדן די ביוראָקראַטיע פון די טרעיד-יוניאָנס צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האַלט אָן און פאַלט מיט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם. די מעגלעכקייט פון אַ ליבעראַלער סאָציאַלער קאָנסטיטוציע פון דעם מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַליזם ווערט באַשטימט דורך דער עקזיסטענץ פון אַן אויטאָמאַטישן מעכאַניזם, וועלכער צעשפּליטערט דעם אַרבעטער-קלאַס. אַ בורזשואַזער רעזשים, וועלכער שטיצט זיך אַף אַ ליבעראַל-בורזשואַזער קאָנסטיטוציע, מוז ניט נאָר זיין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער; ער מוז זיין זיכער, אַז ער וועט געשטיצט ווערן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און וועט דערלויבן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געוויסע דערגרייכונגען. אַ בורזשואַזער רעזשים, וועלכער פאַרניכטעט די דאָזיקע דערגרייכונגען, מוז מקריב זיין די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, מוז שאַפן אַן ערזאַץ פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און מוז איבערגיין צו אַ באַגרענעצטער סאָציאַלער קאָנסטיטוציע."

די לייזונג פאַר דער פּראָבלעם פון אָנהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם קריזיס געפינט דער שרייבער אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און אין דער עטאַבלירונג פון אַ „באַגרענעצטן" אָדער פאַשיסטישן רעזשים. דער שרייבער געפינט, אַז די ראָלע פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין דעם איצטיקן פּעריאָד איז, לויט זיין מיינונג, זייער ענלעך צו דער ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם פריערדיקן פּעריאָד.

> „דער פּאַראַלעליזם איז ווירקלעך מערקווירדיק שטאַרק. די פריערדיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (פון 1918 ביז 1930) און דער איצטיקער נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם פירן דורך ענלעכע פונקציעס דערמיט, וואָס ביידע זיינען דער קברות-מאַן פאַר דער פריערדיקער סיסטעם, ווי אויך דערמיט, וואָס אָנשטאַט

צו פירן די מאַסן צו דער רעוואָלוציע, וועלכע זיי האָבן פּראָפּאַגאַנדירט, פירן זיי די מאַסן צו דער נייער פאָרמירונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט. דער פאַרגלייך, וואָס איז אַפּט געמאַכט געוואָרן צווישן עבערט'ן און היטלער'ן, איז גילטיק אויך אין דעם זין.

„ביידע אַפּעלירן זיי צו די אַנטי-קאַפּיטאַליסטישע שטרעבונגען פאַר באַפרייאונג. ביידע זאָגן צו אַ נייע 'סאָציאַלע' אָדער 'נאַציאָנאַלע' אָרדענונג."

און פון דעם ציט ער דעם לעצטן שלום:

„דער פּאַראַלעליזם זעלבסט באַווייזט, אַז דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם האָט איבערגענומען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע די אויפגאַבע צו צושטעלן די שטיצע פון די מאַסן פאַר דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אין דייטש-לאַנד."

אַזוי ווערט אויסגעדריקט דער פּריוואַטער געדאַנק פון דער פינאַנץ-קאַפּיטאַליסטישער אָליגאַרכיע וועגן דער ראָלע פון זיינע צוויי אינסטרומענטן, די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דער פאַשיזם. מיר האָבן ביז איצט איבער-געגעבן אָט-דעם בליק אָן קריטיק, ווייל ער האָט אַן אומאָפּהענגיקן ווערט אַלס אַן אויטאָריטעטע באַהויפּטונג, וועלכע איז נאָך קלאָרער געמאַכט גע-וואָרן, ווייל זי איז ניט געשריבן געוואָרן פאַר דעם ברייטן עולם, און באַווייזט דעם אמת'ן בליק פון דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. דאָס איז אַ ווערטפולער פּאָליטישער דאָקומענט, וועלכן מען דאַרף רעקאָמענדירן סיי די אָנהענגער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און סיי די אָנהענגער פון פאַשיזם צו שטודירן. מען קאָן באַמערקן אַז די דאָזיקע מערקווירדיק-קלאָרע און אויפ-ריכטיקע באַהויפּטונג וועגן דער ראָלע פון פאַשיזם, ווי עס פאַרשטייען אים זיינע ווירקלעכע ברויטגעבער און קאָנטראָליאָרן, באַנוצן ניט אַזעלכע מיסטישע אויסדרוקן, וועגן נאַציאָנאַלן, ראַסן, און שאָוויניסטישן אומזין, מיט וועלכן דער פאַשיזם ווערט צוגעטראָגן צום ברייטן עולם, נאָר איז לחלוטין ראַציאָ-נאַל און באַטראַכט זאַכן מיט אַ קלאָרן קאָפּ. דערצו וועלן מיר זיך נאָך דאַרפן אומקערן, ווען מיר וועלן באַטראַכטן די אַזוי-גערופענע „טעאָריע" פון פאַשיזם.

הגם דער אָנגעגעבענער אַנאַליז גיט אונז אַ גוטן אָנפאַנגס-פּונקט פאַר דער דיסקוסיע פון דער פראַגע וועגן סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פאַשיזם, פאָדערט אָט-דער אַנאַליז אַ געוויסע קריטיק. דער שרייבער זעט ריכטיק איין, ווי אַזוי עס האָט געאַרבעט דער מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט פון נאָך דער מלחמה אַף דעם באַזיס פון דער סאָציאַל-דעמאָ-קראַטיע. אָבער לויט זיין שרייבן קומט אויס, אַז דער פאַשיזם „האָט איבער-

גענומען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע די אויפגאבע צוצושטעלן די שטיצע פון די מאסן פאר דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע". נעכטן האט די סאציאל־דעמאקראטיע געשפילט אט־די ראלע; היינט שפילט זי דער פאשיזם; יעדער איינער פון זיי האט זיך זיין פעריאד. ער באטראכט אף אזא אופן, אז די סאציאל־דעמאקראטיע און דער פאשיזם שפילן אין תוך גענומען די זעלבע ראלע, נאר אין פארשיידענע פעריאדן און אונטער פארשיידענע באדינגונגען און דעריבער מיט פארשיידענע מעטאדן און פארמען פון דער שטאט־קאנסטיטוציע. דאס איז אבער צו פשוט און ניט ריכטיק. ביידע עקזיסטירן צוזאמען; יעדער איינער פון זיי פירט דורך א באשטימטע ראלע, דערגאנצנדיק איינער דעם צווייטן. פאר זיין סאציאלן באזיס שטיצט זיך דער פאשיזם הויפטזאכלעך אף די פארשיידענע שיכטן פון דער קליין־בורזשואזיע, פון דעם פויערטום, פון די דעקלאסירטע עלעמענטן און פון די אנגעשטאנענע ארבעטער. די סאציאל־דעמאקראטיע שטיצט זיך אף דעם אויבערשטן שיכט פון דעם אינדוסטריעלן פראלעטאריאט. די בורזשואזיע בויט איר הערשאפט אף דער שטיצע פון ביידן, ארויסברענגענדיק צום פאדערגרונט אט איינעם און אט א צווייטן. פאשיזם ווערט קיינמאל ניט דער הויפט־באזיס פון דער בורזשואזיע (הגם ער קאן ווערן זיין הויפט און איינציקער רעגירונג־אינסטרומענט, ווען דער קריזיס פאדערט צו אונטערדריקן אלע ארבעטער, און ווען ס'איז דא די געפאר, אז די סאציאל־דעמאקראטיע איז אפגעשוואכט), ווייל דער פאשיזם געווינט קיינמאל ניט אריבער די קערפערשאפט פון די אינדוסטריעלע ארבעטער, וועלכע האט טראדיציעס פון אן ארגאניזאציע, און וועלכע איז די הויפט־קראפט וואס קאן ארונטערווארפן דעם קאפיטאליזם. די ראלע פון דער סאציאל־דעמאקראטיע בלייבט דערביי פון אנטשיידענער וויכטיקייט אפילו נאכדעם, ווי די פאשיסטישע דיקטאטור איז שוין עטאבלירט. דאס קאן מען זען מיט גרויס קלארקייט אין יענע לענדער ווי, צום ביישפיל, פוילן, בולגאריע, אונגארן, שפאניע אונטער ריווערא'ן א. אז .וו., וואו די סאציאל־דעמאקראטיע ווערט טאלערירט אונטער א פאשיסטישער דיקטאטור. דאס איז אבער אויך אין אן אנדער זין ריכטיק פאר יענע לענדער, וואס האבן א לחלוטין פארענדיקטע פאשיסטישע דיקטאטור, ווי דייטשלאנד און איטאליע, וואו די סאציאל־דעמאקראטיע איז פארמעל אונטערדריקט אלס אן ארגאניזאציע, און די טרעיד־יוניאנס זיינען ארייננעשלעפט געווארן אין דעם פאשיסטישן פראנט. אויך אין די דאזיקע לענדער שטייט דער רעאקציאנערער פליגל פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אדער די רעאקציאנערע סאציאל־דעמאקרא־

טישע פירערשאַפט גרייט, אויב די פאַשיסטישע דיקטאַטור זאָל ווערן שוואַכער, צו קומען צו הילף דעם קאַפּיטאַליזם און שטרעבט מיט אַלע מיטלען, דורך דער איבערגרופּירונג פון כוחות אין דעם בורזשואַזן לאַגער, אויפ'ס ניי צו עטאַבלירן איר פּאָזיציע ווי די סאָציאַלע הויפּט־באַזע און דער דירעקטער אינסטרומענט פון קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור.

עס איז ניט וויניקער וויכטיק צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם פאַשיזם, ווי צו פאַרשטיין זייער פּראָ־לעליזם.

ביידע זיינען אינסטרומענטן פאַר דער הערשאַפט פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. ביידע באַקעמפן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. ביידע שוואַכן אָפּ און צעברעכן די קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער. זייערע מעטאָדן זיינען אָבער פאַרשיידן.*)

פאַשיזם צעברעכט די קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער פון אויסנווייניק, אַרויסטרעטנדיק קעגן זייער סאַמע יסוד, און שטעלט אַרויס קעגן זיי די „נאַציאָנאַלע" אידעאָלאָגיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גראָבט אונטער די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אינעווייניק, בויענדיק אַף דעם יסוד פון דער פריערדיקער אומאָפּהענגיקער באַוועגונג און „מאַרקסיסטישער" אידעאָלאָגיע, וועלכע האַלט נאָך אָן די פּראָלעטאַרישע טראַדיציעס און דיסציפּלין, כדי ווירקזאַמער דורכצופירן די פּאָליטיק פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל און צעשטערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

פאַר זיין פולער פאַרווירקלעכונג פאָדערט דעריבער דער פאַשיזם דעם „טאָטאַליטאַרישן" טעראָריסטישן קלאַסן־שטאַט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָנטראָלירט די אַרבעטער אַמבעסטן אין דעם ליבעראַל־פּאַרלאַמענטאַרישן קלאַסן־שטאַט, אויסנוצנדיק אירע אייגענע „אינערלעכע" מעטאָדן פון דיסציפּלין, און נאָר צייטנווייז — אונטערדריקונג מצד דעם שטאַט אַף צו דערשטיקן יעדן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

פאַשיזם פירט אָן זיין אַרבעט הויפּטזאַכלעך דורך צוואַנג און אויך דורך באַטרוג.

---

*) די לינקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זאָגן אָפּטמאָל וועגן קאָמוניזם: „אונזערע צילן זיינען די זעלבע; מיר אונטערשיידן זיך נאָר אין אונזערע מעטאָדן." עס וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן וועגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פאַשיזם: „זייערע צילן זיינען די זעלבע (ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם פון דער פּראָלעטאַרי-שער רעוואָלוציע); זיי אונטערשיידן זיך נאָר אין זייערע מעטאָדן."

סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פירט אָן איר ארבעט הויפּטזאַכלעך דורך באַטרוג און אויך דורך צוואַנג.

צוליב אַט־דער קאָמבינירטער באַציאונג פון אונטערשיידן זיך אין מעטאָדן און זיין פּאַראַלעל אין אירע הויפּט־צילן און אין איר הויפּט־ראָלע, איז ריכטיק סטאַלינ׳ס דעפיניציע, וואָס ער האָט געגעבן נאָך אין יאָר 1924 („די הויפּט־פאַקטאָרן אין דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע״, געדרוקט אין דעם 6טן נומער פונעם זשורנאַל „קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל״ פון 1924), אַז „אָביעקטיוו שטעלט מיט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר דעם מעסיקן פליגל פון פאַשיזם״. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז די דאָזיקע דעפיניציע איז געווען אָנגעווענדט אַף אַ ספּעציפישער פאַזע אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך צום שאַרפסטן אַרויסגעוויזן אין ספּעציפישן פּעריאָד פון נאָך־מלחמה׳דיקן קאַפּיטאַליזם.

2. די קערנדלעך פון פאַשיזם אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

ניט נאָר היסטאָריש שטאַמט דער פאַשיזם אַפּ אין אַ גרויסער מאָס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער הינזיכט, וואָס פילע פון זיינע הויפּט־פירער זיינען אויסגעוואַקסן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: מוסאָליני, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דעם איטאַליענישן סאָציאַליסטישן צענטראַל־אָרגאַן, „אוואַנטי״; פּילסודסקי, דער געוועזענער פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; מאָזלי, דער געוועזענער מיניסטער פון דער צווייטער מאַקדאָנאַלד לייבאָר־רעגירונג.

אויך זיין אידעאָלאָגיע נעמט דער פאַשיזם פון די ליניעס, וואָס זיינען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

מען קאָן מאַכן פאַרזוכן צו געפינען פריערדיקע נייגונגען און טענדענצן אין די ניט־מאַרקסיסטישע פאָרמען פון פאַשיזם פאַר דער מלחמה, טענדענצן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געגעבן אָנווייזונגען אַף זייער וויטערדיקער אנטוויקלונג: צום ביישפּיל, לאַסאַל׳ס „נאַציאָנאַלער״ טיפּ פון סאָציאַליזם (מען דאַרף געדענקען, אַז די דעפּוטאַטן פון לאַסאַל׳ס פּאַרטיי האָבן אין 1870 געשטימט פאַר מלחמה־קרעדיטן, ווען די מאַרקסיסטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען), די פּרייסישע טענדענצן און דאָס קאָקעטירן מיט ביסמאַרק׳ן; פּרודאָנ׳ס קרעדיט־טעות׳ן און אָפּאָזיציע צום קלאַסן־קאַמף; סאָרעל׳ס קולט וועגן גוואַלט, „סאָציאַלע מיטן״ פאַר מאַסן־באַטרוג, און זיין

אבסטראַקטע אַרויסטרעטונג קעגן דעמאָקראַטיע; דער סינדיקאַליסטישער קולט און צעטיילונג־ליניעס דורך „באַשעפטיקונג"; דאָס פּאַביאַנישע גלאָרי־פיצירן פון אַן „אויבערקלאַסן־שטאַט"; היינדמאַנ׳ס סאָציאַל־שאָוויניזם נאָך פאַר דער מלחמה און זיין אַגיטאַציע פאַר אַ גרויסן פלאָט. די פאַשיסטישע שרייבער זוכן צו באַווייזן, אַז זייער גייסטיקע אָפּשטאַמונג קומט פון דריי יסודות: מאַזיני (דער אַלטער ליבעראַל־דעמאָקראַט וואָלט זיך איבערגעקערט אין זיין קבר), פּרודאָן און סאָרעל. אָבער דאָס זיינען באָבע־מעשׂיות. פאַשיזם איז בעצם אַ פּראָדוקט פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם פון נאָך דער מלחמה און האָט ניט קיין גייסטיקע אָפּשטאַמונג. אין דער פּראַקטיק איז דער פאַשיזם אַ מפּיל־קינד אַלס רעזולטאַט פון דעם דורכפאַל פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

ערשט אין 1914, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דירעקט פאַרלאָזן דעם מאַרקסיזם און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די כאַראַקטעריסטישע נייגונגען אין דער אידעאָלאָגיע, וואָס איז קרוב צום פאַשיזם. ווען מען שטודירט די וויכטיקסטע עקסטרעמע אויסדרוקן פון די מלחמה־סאָציאַליסטן, ספּעציעל פון לענטש׳ן, פאַרוואָוס׳ן און גונאָוו׳ן אין דייטשלאַנד, הערווע אין פראַנקרייך, אָדער לעטשפאָרד אין ענגלאַנד, קאָן מען אַנטדעקן אַ סך ענלעכקייט מיט דעם שפּעטערדיקן פאַשיזם. לענטש האָט געשריבן אין 1916: „אין דער איצטיקער מלחמה פאַרענדיקט דייטשלאַנד איר רעוואָלוציע" (דאָס טיפּישע באַנוצן זיך מיט דעם וואָרט „רעוואָלוציע" צו פאַרדעקן די עקסטרעמע מאָנאָפּאָליסטישע דיקטאַטור און שאָוויניזם); „אין שפּיץ פון דער דייטשער רעוואָלוציע שטייט בעטמאַן־האָלוועג". גונאָוו האָט דערקלערט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מוז זיך צופּאַסן צום אימפּעריאַליזם און אַרויסשמייסן די רעשטלעך פון דער ליבעראַל־דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע וועגן „דאָס רעכט פון פעלקער צו פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט". דער מלחמה־סאָציאַליסט הענישׁ האָט געשריבן: „ענגלאַנד שטעלט פאָר אין דער מלחמה דעם רעאַקציאָנערן, און דייטשלאַנד דעם רעוואָלוציאָנערן פּרינציפּ". אָט־די אַלע ווערטער אילוסטרירן דאָס באַנוצן זיך מיט „רעוואָלוציאָנערע" פראַזן און דאָס אַרויסטרעטן קעגן די פאַרעלטערטע „ליבעראַל־דעמאָקראַטישע" אָבערגלויבנס, כדי צו פאַרדעקן אין דער פּראַקטיק די פולשטענדיקע אונטערטעניקייט צום מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם און שאָוויניזם. דאָס אָפּלייקענען פון אינטערנאַציאָנאַליזם, דאָס פּראָפּאַגאַנדירן קלאַסן־איינקייט און דאָס דינען דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט אין נאָמען פון „סאָציאַליסטישע" אָדער „רעוואָלוציאָנערע" פראַזן — דאָס איז דער

אַלגעמיינער אויסגאַנג־פּונקט פון דער מאָדערנער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זינט 1914 און, אין אַ מער אַנטוויקלטער פאָרם, פון דעם פאַשיזם.

אָבער דער פעריאָד, ווען די אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געוואָרן דער אמת'ער דערציאונג־באָדן פאַר דעם פאַשיזם, איז געווען דער פעריאָד נאָך דער מלחמה. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַרויס נאָך דער מלחמה מיט צוויי קלאָר־באַמערקבאַרע כאַראַקטעריסטישע שטריכן: ערשטנס, אַ נאָענטע פאַראייניקונג פון יעדער פּאַרטיי מיט איר אייגענעם „נאַציאָנאַלן" ד. ה. אימפּעריאַליסטישן שטאַט, און דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, הגם מען האָט אים נאָך אָנגעהאַלטן אויפן שילד; צווייטנס, קלאַסן־קאָאָפּעראַציע אין די פאָרמען פון קאָאַליציע־קאַבינעטן און קאָאָפּעראַציע פון די טרעיד־יוניאָנס אויף צו העלפן אויפבויען די קאַפּיטאַליס־טישע פּראָספּעריטי אַלס די נויטווענדיקע באַדינגונג פאַר דער פּראָספּעריטי פונעם אַרבעטער־קלאַס. מען קאָן זען, אַז אָט־די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן זיינען שוין גאַנץ נאָענט צו די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פונעם „נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם".

נאָך דער מלחמה האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט פאַר זיך צוויי אויפגאַבן: ערשטנס, צו באַזיגן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, און צווייטנס, צו העלפן פון דאָס־ניי אויפבויען די צעטרייסלטע געביידע פונעם קאַפּי־טאַליזם. די ערשטע האָט געבראַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט צו אַן ענגן פאַרבאַנד מיט די רעאַקציאָנערע מיליטאַריסטישע און ווייס־גוואַרדייאישע קרייזן און האָט זי געלערנט צו נעמען אויף זיך די רעגירונגס־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר שיסן אויף די מיליטאַנטע אַרבעטער. די צווייטע אויפגאַבע פון קאַפּיטאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע, ווען עס האָט זיך גע־ענדיקט דער פעריאָד פון דירעקטן בירגער־קריג, האָט געפאָדערט אַלץ מער קאָאָפּעראַציע מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די טרעיד־יוניאָנס מיט דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם.

די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם פעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע און סטאַביליזאַציע האָט געפאָדערט די אַנטוויקלונג פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער נייער אידעאָלאָגיע. די מלחמה־אידעאָלאָגיע וועגן דער „נאַציאָנאַלער געפאַר" און דער נויט־ווענדיקייט צו פאַראייניקן זיך קעגן „געמיינשאַפטלעכן שונא" האָט מער ניט געטויגט אין דער פרידלעכער צייט. אין דעם פעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע און סטאַביליזאַציע האָט מען געמוזט אַנטוויקלען אַ נייעם טעאָרעטישן באָדן. מען האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס צוזאַמענברעכן פון קאַפּיטאַליזם איז ניט אין

די אינטערעסן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס; פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס איז נויטיק אַ בליענדיקער קאַפּיטאַליזם אַלס דער באַזיס פֿאַר דעם פֿאָרשריט צום סאָציאַליזם. „אומזיסט איז די אַרבעט צו סאָציאַליזירן נויט", האָט דערקלערט קאַוּטסקי, ווען ער האָט אָנגעוויזן אַף דעם „עקאָנאָמישן חורבן" אין רוסלאַנד און האָט געוואָרנט וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אַן אַנדער וועג. דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך ניט אויסגעשעפּט זיין אַנטוויקלונג; ער האָט גאָר געהאַט פֿאַר זיך די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך ביז אַ נייער גלענצנדיקער עפּאָכע פֿון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם"; דאָס איז געווען דער וועג צו סאָציאַליזם. די אויפֿגאַבע פֿון די אַרבעטער האָט געזאָלט זיין איבערצובויען דעם קאַפּיטאַליזם, פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און העלפֿן אַנטוויקלען דעם נייעם ראַציאָנאַליזירטן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם". פֿאַר דעם צוועק האָבן זיי געזאָלט מער באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג: עקאָנאָמיש — דורך די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן („עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע", מאָנדיזם), און פּאָליטיש — דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס האָט געזאָלט זיין דער אמת'ער וועג פֿון פּראָגרעס, אויב מען האָט ניט געוואָלט אָננעמען די „קאַטאַסטראָפֿישע פּאָליטיק פֿון קאָמוניזם". אין דעם פּעריאָד פֿון סטאַביליזאַציע, ראַציאָנאַליזאַציע און דער פּראָספּעריטי וועלכע האָט געהאַט קורצע יאָרן איז וועלכע האָט אָנגעהאַלטן פֿון 1927 ביז 1929, האָט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערגרייכט איר העכסטע אַנטוויקלונג.

מען האָט אָנגעהויבן מער אָדער ווייניקער אָפֿן אָפּשליידערן דעם סאָציאַליזם אָן אַ זייט (ספּעציעל האָט דאָס געטאָן די פֿירערשאַפֿט פֿון די טרעיד־יוניאָנס), הגם פֿאָרמעל איז ער נאָך פֿאַרבליבן אָפֿן פּראָגראַם. דער אָנגעזעענער טעאָרעטיקער פֿון די טרעיד־יוניאָנס אין דייטשלאַנד, טאַרנאָוו, איז אַף דעם טרעיד־יוניאָן קאָנגרעס אין ברעסלאַו אָפֿן אַרויסגעטראָטן אַזוי:

> „דער מאַרקסיזם אַלס אַן אָנפֿירנדיקע אידעאָלאָגיע פֿון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג איז אויסגעלעבט. אָבער אַזוי ווי אַ ווירקלעך גרויסע מאַסן־באַוועגונג קאָן ניט עקזיסטירן אָן אַן אַנטשפּרעכנדיקער אידעאָלאָגיע, מוזן מיר, די פֿירער פֿון די טרעיד־יוניאָנס, שאַפֿן אַ נייע אידעאָלאָגיע."

דער תמצית פֿון דער „נייער אידעאָלאָגיע" איז פֿאַקטיש געווען די זייער אַלטע פֿאַר־מאַרקסיסטישע (אָריגינעל ליבעראַלע, שפּעטער פֿאַביאַנישע, און ענדלעך פֿאַשיסטישע) טעאָריע וועגן אידענטיפֿיצירן די אינטערעסן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס מיטן קאַפּיטאַליזם. אַן אַנדער **אָנגעזעענער טעאָרעטיקער** פֿון די דייטשע טרעיד־יוניאָנס האָט דערקלערט:

„מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַקט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז אַ טייל פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, און דאָס פֿאַלן פֿון דער דאָזיקער סיסטעם מיינט זיין אייגענעם פֿאַלן. די גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס איז דעריבער צו פֿאַרבעסערן די גאַנצע סאָציאַלע סטרוקטור דורך דעם, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס וועט רעגולירן זיין פּלאַץ אין דער דאָזיקער סיסטעם און וועט אַף אַזאַ אופֿן פֿאַרבעסערן זיין אייגענע סאָציאַלע לאַגע.״

דער זעלבער געדאַנק איז אויסגעדריקט געוואָרן באַם קאָנגרעס פֿון די טרעיד־יוניאָנס אין ענגלאַנד אין 1928, ווען מען האָט אַנאַליזירט די דריי מעגלעכע וועגן וואָס די טרעיד־יוניאָנס האָבן פֿאַר זיך, און מען האָט אַגיטירט פֿאַר דעם דריטן (די מאָנדיסטישע ליניע פֿון קאָאָפּעראַציע מיטן קאַפּיטאַליזם) אַלס דעם בעסטן.

„דער דריטער וועג איז דער בעסטער פֿאַר דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, ווייל ער האָט ניט נאָר אַ שייכות מיט דער פּראָספּעריטי פֿון דער אינדוסטריע, נאָר ווייל ער גיט אונז אויך אַ דעה אין אָנווייזן ווי אַזוי די אינדוסטריע זאָל אָנגעפֿירט ווערן, אַזוי אַז מען קאָן באַאיינפֿלוסן די נייע אַנטוויקלונגען וואָס קומען פֿאָר. די באַוועגונג קאָן געפֿינען מער נוצן אין אַ ראַציאָנאַליזירטער אינדוסטריע ווי אין אַן אָפּגעשטאַנענער אינדוסטריע, און דורך אַזאַ פּאָליטיק קאָנען די יוניאָנס אויסנוצן זייער מאַכט אַף אָנווענדן און אָנפֿירן מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער אינדוסטריע און קריגן מאַטעריעלע פֿאַרבעסערונגען פֿון דער רעאָרגאַניזאַציע.״

לויט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע קומט אַף אַזאַ אופֿן אויס, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די טרעיד־יוניאָנס זיינען באַשטאַנד־טיילן פֿון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט (די וועבס האָבן פּאַקטיש אויסגעאַרבעט די דאָזיקע טעאָריע נאָך מיט אַ צייט פֿאַר דער מלחמה; די דאָזיקע טעאָריע ווערט דורכגעפֿירט ווי אַ רויטער פֿאָדים דורך זייער גאַנצער „געשיכטע פֿון טרעיד־יוניאָניזם״, ווי אויך אין זייערע אַלע ווערק). אַף דעם קיעלער קאָנגרעס פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין 1927 האָט הילפֿערדינג באַשטעטיקט, אַז „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע היינט־צו־טאָג איז אַן אַבסאָלוט־נויטווענדיקער עלעמענט פֿאַר דעם שטאַט״. דעם 4טן סעפּטעמבער, 1914, האָט סיטרין, אין זיין אַרטיקל „טרעיד־יוניאָניזם — די פּעסטונג קעגן כאַאָס״ געשריבן: „אָן די טרעיד־יוניאָנס וואָלט די אינ־דוסטריע אין די איצטיקע באַדינגונגען ניט געקאָנט פֿונקציאָנירן עפֿעקטיוו.״

יעדע אַנטוויקלונג אין דער אָרגאַניזאַציע און פֿאַרשטאַרקונג פֿון דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם און זיין דיקטאַטור ווערט אַף אַזאַ אופֿן באַטראַכט

אַלס פאָרשריט פון „סאָציאַליזם”. עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי די לייבאָר־פאַרטיי שטעלט אַרויס „נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע” (ד. ה., די באַשיצטע פונעם שטאַט קאַפּיטאַליסטישע טראָסטן, וועלכע גאַראַנטירן די דיווידענדן פון אַקציע־באַזיצער) אַלס די פאָרם פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. אַ ביישפּיל גיט אונז דער געזעץ וועגן דעם לאָנדאָנער פּאַסאַזשירן־טראַנספּאָרט, אַ געזעץ, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער לייבאָר־רעגירונג און איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג און וועלכן די לעיבאָר־פּאַרטיי האָט פּראָקלאַמירט אַלס אַ טריאומף פון „סאָציאַליזם”. וועגן דעם האָט די קאָנסערוואַטיווע לאָנדאָנער „טאַימס” דערקלערט:

„די הויפּט-אויסזעצונגען, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשטעלט, קאָנען גרופּירט ווערן אונטער דריי הויפּט-קעפּלעך, און דאָס איז: אַז דער געזעץ איז אַ ׳סאָציאַליסטיש׳ מיטל; אַז ער שאַפט אַ געפערלעכן מאָנאָפּאָל; און אַז ער וועט העכערן די קאָסטן פון טראַנספּאָרט. די דאָזיקע קריטיק איז אָבער זייער ניט אויסגעהאַלטן. עס איז אמת, אַז פון אָנפאַנג איז דער געזעץ-פּראָיעקט אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג, און אַז דעם דעמאָלטיקן מיניסטער פון טראַנספּאָרט, מיסטער מאָריסאָן, איז כמעט געלונגען צו פאַרדאַמען אים אויף אייביק צוליב דעם, וואָס ער האָט באַהויפּטעט, אַז דאָס איז אַ טריאומף פאַרן סאָציאַליזם. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיטן סאָציאַליזם? אויף וועלכן פּרינציפּיעלן פּונקט וועט די נייע טראַנספּאָרט-אונטערנעמונג אונטערשיידן זיך פון דער צענטראַלער ׳עלעקטריסיטי באָארד׳, אָדער פון דער ׳אימפּיריאַל קאָמיוניקיישאָנס קאָמפּאַני׳, וואָס זיי ביידע זיינען געשאַפן געוואָרן פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג? פּונקט ווי זיי, איז דאָס אַ מאָנאָפּאָל, וואָס איז גוטגעהייסן געוואָרן דורך דעם געזעץ, און דעריבער קאָן ער ביז אַ געוויסן גראַד קאָנטראָלירט ווערן פונעם שטאַט. דאָס איז אָבער אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און ניט קיין געזעלשאַפטלעכע.” (לאָנדאָנער „טאַימס”, 1טן דעצעמבער, 1932.)

עס איז קלאָר, אַז די „נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע” פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אין פּרינציפּ ענלעך צו דער פאַשיסטישער „קאָאָפּעראַציע” אַלס אַ סיסטעם פון אָרגאַניזאַציע פאַר דער אינדוסטריע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַטראַכט אויף אַזאַ אופן די מאָדערנע אַנטוויקלונג פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אַלס אַ דערנעענטערונג צום „סאָציאַליזם”. ווי דער פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דיטמאַן, האָט דערקלערט אויף דעם קאָנגרעס פון זיין פּאַרטיי אין מאַגדעבורג:

„מיר לעבן מער ניט אונטער קאַפּיטאַליזם. עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און סאָציאַל,לעבן מיר אין אַן איבערגאַנג-פּעריאָד צום סאָציאַליזם.

„מיר האָבן אין דייטשלאַנד צען מאָל מער סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען ווי אין רוסלאַנד.“

דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געגעבן אַ שרעקלעכן קלאַפּ דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע. אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך צוגעפּאַסט צום קריזיס דורך דעם, וואָס זי האָט אויסגעצויגן אירע טעאָריעס. עס איז איצט נויטווענדיק געוואָרן, האָט מען דערקלערט, צו „ראַטעווען“ דעם קאַפּיטאַליזם פון דער געפאַר פון כאַאָס און פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דער קאָנגרעס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לייפּציג אין 1931, האָט אַרויס־געלאָזן דעם לאָזונג: „מיר מוזן זיין די רופאים פון דעם קראַנקן קאַפּי־טאַליזם.“ וואַנדערוועלדע, דער פּאָרזיצער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט דערקלערט אין דעם בעלגישן פּאַרלאַמענט אין 1932:

„די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פּלאַצט פון אַלע זייטן. זי קאָן געראַטעוועט ווערן נאָר דורך ערנסטע און שטרענגע מיטלען. מיר האַלטן זייער שמאָל. מיר מוזן אַכטונג געבן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל, ווי שמשון הגבור, ניט צעברעכן די זיילן פונעם בנין.“

און דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט, מאָנטעל, האָט ווירקלעך פּראָ־קלאַמירט נאָך פאַר דעם קריזיס: „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט זיך אַרויסשטעלן אַלס די איינציקע פּאַרטיי, וועלכע איז פייאיק צו ראַטעווען די בורזשואַזע געזעלשאַפט.“ („רעפּובליק סאָסיאַל“, 15טן נאָוועמבער, 1928.)

דורך אָט־דער גאַנצער ליניע און פּראָפּאַגאַנדע ווערט קלאָר, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דער פּראַקטיק צוגעגרייט און אויסגעגלייכט דעם וועג פאַרן פאַשיזם און פאַר די באַגריפן פון פאַשיזם. און טאַקע, אפילו נאָך דעם זיג פון פאַשיזם האָט לייפּאַרט, דער פירער פון די טרעיד־יוניאָנס אין דייטשלאַנד, באַנוצט זיך מיט אָט־די אַרגומענטן אַף צו באַווייזן, אַז די טרעיד־יוניאָנס קאָנען אָנגענומען ווערן פונעם פאַשיזם אַלס נוצלעכע אינ־סטרומענטן פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור:

„די טרעיד-יוניאָנס זיינען געקומען צום לעבן אַלס די אָרגאַניזירטע זעלבסט-שטיצער פונעם אַרבעטער-קלאַס, און אין דער צייט פון זייער גע-שיכטע זיינען זיי דורך נאַטירלעכע אורזאַכן אַלץ מער און מער פאַרשמעלצט געוואָרן מיט דעם שטאַט גופא.

„די סאָציאַלע אויפגאַבן פון די טרעיד-יוניאָנס מוזן דורכגעפירט ווערן ניט געקוקט אַף דעם, וואָס פאַר אַ פאָרם דער רעזשים פונעם שטאַט וועט אָננעמען.

„די טרעיד-יוניאָנס זיינען פולשטענדיק צוגעגרייט, ניט רעכענענדיק זיך אַפילו מיט שכירות און אַרבעט-באַדינגונגען, אַריינצוטרעטן אין אַ פּערמאַנענטער קאָאָפּעראַציע מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די באַלעבאַטים.

„ווען דער שטאַט זאָל האָבן די אויפזיכט איבער אַזאַ קאָאָפּעראַציע, וואָלט ער אונטער געוויסע באַדינגונגען געקאָנט העכערן איר ווערט און דורכפירן זי פיל לייכטער.

„די טרעיד-יוניאָנס פּרעטענדירן ניט אַף צו באַאייִנפלוסן דירעקט די פּאָליטיק פונעם שטאַט. זייער אויפגאַבע אין דער הינזיכט איז בלויז צו אָנווייזן דער רעגירונג אַף די יושר׳דיקע פאָדערונגען פון די אַרבעטער בנוגע די מיטלען פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער פּאָליטיק און געזעצגעבונג און אויך צו דינען דער רעגירונג און דעם פּאַרלאַמענט דורך זייערע דערפאַרונגען אַף דעם געביט.״

דאָס איז געווען די אָפיציעלע דערקלערונג פון די דייטשע טרעיד־יוניאָנס אין מערץ 1933, ווען זיי האָבן פאָרגעשלאָגן זייער פאַרבאַנד מיט דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע אויסער דייטשלאַנד האָט מיט ווייטיק און פאַרדרוס געמוזט באַטראַכטן די דאָזיקע דערקלערונג אַלס אַ „שענדלעכע קאַפּיטולאַציע״. דער פאַקט אָבער איז, אַז די אַלגעמיינע ליניע בנוגע דער פראַגע פון טרעיד־יוניאָניזם און דעם שטאַט איז דאָ געווען פונקט די זעלבע, ווי די ליניע וואָס עס נעמט אָן אַ סיטרין אין ענגלאַנד, אַ גרין אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אַ זשואָ אין פראַנקרייך. עס בעט זיך דאָ אַ פאַרגלייך מיט מוסאָליני׳ס אָנדייטונג אין 1921 וועגן אַ מעגלעכן פאַרבאַנד צווישן דער רעפאָרמיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם:

„אַף דעם געביט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און פון העכערן דעם לעבנס-שטייגער פונעם אַרבעטער-קלאַס קאָנען די סאָציאַליסטן געפינען אַן אומדער-וואַרטעטן שותף אין דעם פאַשיזם. די רעטונג פון לאַנד קאָן געזיכערט ווערן ניט דורך אונטערדריקונג פון דעם אַנטיטעזיס צווישן פאַשיזם און דעם סאָציאַליזם, נאָר דורך זייער פאַראייניקונג אין דעם פּאַרלאַמענט. אַ קאָאָפּעראַציע מיט די סאָציאַליסטן איז גאַנץ מעגלעך, ספּעציעל אַף אַ העכערער שטופע, נאָכדעם ווי עס ווערן קלאָר געמאַכט די אידייען און די טענדענצן, אונטער וועלכע די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַרבעט איצט. עס איז קלאָר, אַז דאָס צוזאַמענלעבן פון די אויסגעהאַלטענע און רעפאָרמיסטישע סאָציאַליסטן אין דער זעלבער פּאַרטיי וועט מיט דער צייט ווערן אוממעגלעך. די פאַראַנטוואָרט-לעכקייט פון אָנטייל נעמען אין דער מלוכה-מאַכט ברענגט מיט זיך אָדער רעוואָלוציע, אָדער רעפאָרם.״ (מוסאָליני, אין „פּאָפּאָלאָ ד׳איטאַליאַ״, פון 22טן מאַי, 1921.)

דער גאַנג פון פאַסירונגען האָט באַוויזן, אַז אָט־די דירעקטע פאַר־

איינוקונג איז ניט נויטווענדיק ; מוסאָליני האָט אָבער מיט דער צייט אריינ־גענומען די רעפאָרמיסטישע פירער פון די טרעיד־יוניאָנס, ד'אָראַגאָנאַ און זיינע קאָלעגן, צו זיך אין דינסט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַף אַזאַ אופן אידעאָלאָגיש צוגעגרייט דעם וועג פאַרן פאַשיזם : ערשטנס דורך דעם, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם מאַרקסיזם אָדער צעקאַליעטשעט אים ; צווייטנס, דורך דער אָפּ־לייקענונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און דורך צובינדן די אַרבעטער צו דער דינסט פון „זייער אייגענעם" אימפּעריאַליסטישן שטאַט ; דריטנס, דורך דער מלחמה קעגן קאָמוניזם און דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע ; פערטנס, דורך פאַרקריפּלען דעם „סאָציאַליזם" אָדער דורך דער אָנווענדונג פון „סאָציאַליסטישע" פראַזן („די נייע סאָציאַלע אָרדענונג", „דאָס וואוילזיין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט", „די אינדוסטריע אין דינסט פון דער געזעלשאַפט" א. ד. גל.) אַף צו פאַרדעקן דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּי־טאַליזם ; פינפטנס, דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע און דורך דער פאַראייניקונג פון די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. דאָס אַלץ גרייט צו דעם אידעאָלאָגישן באָדן פון פאַשיזם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר די לעצטע שטופע פון דער פּאָליטיק אריינצושלעפּן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַ געבונדענעם הענט און פיס, אין דעם קאַפּיטאַליזם און דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. אָט־די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע און די ליניע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט צעמישט, אָפּגעשוואַכט און צעטומלט דעם קלאַסן־באַוואוסטזיניקן סאָציאַליסטישן אויסקוק פון יענע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אונטער איר איינפלוס, האָט געשטערט די פאַרשפּרייטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער פאַרשטענדעניש, האָט פאַרשפּרייט האַלב־פאַשיסטישע באַגריפן פון נאַציאָנאַליזם, אימפּעריא־ליזם און קלאַסן־קאָאָפּעראַציע און האָט אַף אַזאַ אופן איבערגעלאָזן די מאַסן צום רויב פון פאַשיזם.

3. ווי אַזוי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפט דעם פאַשיזם צו קומען צו מאַכט

אין דעם היסטאָרישן איבערבליק, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין די פריערדיקע דריי קאַפּיטלען וועגן דעם איטאַליענישן, דייטשן און עסט־רייכישן ביישפּילן, האָבן מיר געזען אין דער פּראַקטיק, ווי אַזוי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפט דעם פאַשיזם צו קומען צו מאַכט. עס איז איצט בלויז

נויטיק אונטערצוציען דעם סך־הכל פון די רעזולטאַטן, וואָס די היסטאָרישע דערפאַרונג האָט באַוויזן.

ערשטנס, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דעזאָרגאַניזירט דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. די פירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האַנדלט ווי אַן אַגענט פון די באַלעבאַטים און פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די רייען פון די אַרבעטער, פּראָפּאַגאַנדירט דעפיטיזם (דעם געדאַנק פון נידערלאַגע) און קעגנערשאַפט צום קאַמף, און דאָרט וואו דער אויסברוך פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף ווערט אומפאַרמיידלעך, שטערט זי דירעקט דעם קאַמף פון אינעווייניק.

דאָס ווייזט זיך בולט אַרויס אין דער ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין סטרייקס. אַ גלענצנדיקן ביישפּיל פון אָט־דעם פּראָצעס האָט געגעבן דער גרויסער אַמוניציע־סטרייק אין דייטשלאַנד אין יאַנואַר 1918, וועלכער האָט כמעט אַרויסגעשלעפּט דייטשלאַנד פון דער מלחמה און פאַראייניקט זי מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, עבערט, בראַון און שיידעמאַן, האָבן אַף אַ באַשלוס פון זייער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דעם סטרייק, האָבן אַפילו אויפגערופן די אַרבעטער ניט צו פאָלגן די פאַראָרדענונגען פון דער מאָביליזאַציע. אָבער, ווי זיי אַליין האָבן דאָס דערקלערט מיט יאָרן שפּעטער, איז זייער צוועק, ווען זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דעם סטרייק־קאָמיטעט, געווען צו דערשטיקן דעם סטרייק. אין 1924 האָט עבערט אויפגעהויבן אַ פאַרלוימדונגס־פּראָצעס קעגן דער באַשולדיקונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן אים אין פאַרראַט, דורך דעם וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט דעם סטרייק אין יאַנואַר 1918. אַף דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט ער געלאָזט וויסן, אַז דער אויספיר־קאָמיטעט האָט דורכגעפירט אַ געהיימע רעזאָלוציע, וועלכע האָט זיי אינספּירירט איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דעם סטרייק, כדי צו מאַכן אַ סוף צום סטרייק. אין געריכט האָט עבערט באַהויפּטעט (זע די לאָנדאָנער „טאַימס" פון דעם 11טן דעצעמבער, 1924):

„די סאָציאַליסטן זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן איבערצונעמען דעם סטרייק כדי צו פאַרמיידן דאָס ערגסטע. הער לעדעבור האָט געזאָגט צו די סטרייקער, אַז דער סטרייק וועט גיין פאַרלאָרן, אויב די מאַיאָריטעט-סאָציאַליסטן וועלן זיין אין דעם סטרייק-קאָמיטעט, און אַז אין דעם מאָמענט האָט ער (הער עבערט) אָנגעשלאָסן זיך אין דעם קאָמיטעט, כדי אַריינצוטראָגן אַ גלייכגעוויכט פון כוחות. . . . ער האָט דערקלערט, אַז ער איז אַריין אין דעם סטרייק-קאָמיטעט, כדי צו מאַכן אַ סוף צום סטרייק אַזוי שנעל ווי מעגלעך."

אַף דעם זעלבן פּראָצעס האָט שיידעמאַן באַהויפּטעט (זע לאָנדאָנער „טאַימס” פון דעם 13טן דעצעמבער, 1924):

> „דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן אָן אונזער וויסן. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם סטריק-קאָמיטעט מיט דעם פעסטן באַשלוס צו מאַכן אַ שנעלן סוף פונעם סטרייק דורך פאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. אין דעם סטרייק-קאָמיטעט האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע: מען האָט אונז גערופן דאָרט ׳די דערשטיקער פונעם סטרייק׳.”

פונקט אַזאַ פּראָצעס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און דער פירערשאַפט פון די טרייד־יוניאָנס אין דעם גענעראַל־סטרייק אין ענגלאַנד אין 1926, וועלכער איז גערופן געוואָרן, ווי מאַקדאָנאַלד גיט אָן („סאָשעליסט רעוויו”, יוני 1926), ווייל „ווען אַ גענעראַל־סטרייק וואָלט ניט דערקלערט געוואָרן, וואָלט די אינדוסטריע סיי ווי סיי פונקט אַזוי פּאַראַליזירט געוואָרן דורך ניט־אויטאָריזירטע סטרייקס”. דזש. ה. טאָמאַס האָט שפּעטער דערקלערט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן זשורנאַל, „ענסערס”, אַז הגם ער איז געווען קעגן דעם סטרייק, האָט ער „ניט רעזיגנירט, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב געקאָנט אויפטאָן פיל מער גוטעס זייענדיק אינעווייניק ווי אין דרויסן”. ווי ער האָט דערקלערט אין פּאַרלאַמענט דעם 13טן מאַי, 1926, איז די אויפגאַבע פון דער פירערשאַפט געווען צו פאַרמיידן דעם קאַמף, „אַרויסנעמענדיק די זאַך פון די הענט פון יענע, וועלכע זיינען פּיאיק געווען אויסצואיבן אַ געוויסן קאָנטראָל”. אַנאַליזירנדיק די אורזאַכן פון דעם דורכפאַל פון דעם גענעראַל־סטרייק, האָט דער קאָנסערוואַטיווער אינערן־מיניסטער דזשאָינסאָן־היקס אַרויסגעשטעלט אַלס די הויפּט־סיבה, וואָס „די פאַראַנטוואָרטלעכע טרייד־יוניאָן־פירער האָבן אָנגעהאַלטן זייער קאָנטראָל איבער די טרעיד־יוניאָנס און האָבן אָנגענומען די קאָנסטיטוציאָנעלע ליניע פון צוגעבן, אַז דער גענעראַל־סטרייק איז אומלעגאַל, און האָבן אים צוריק־גערופן”.

דער זעלבער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען אין איטאַליע, ווען עס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן די פאַבריקן און וואו די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט האָט דערגרייכט דאָס, וואָס די רעגירונגס־כוחות האָבן אַליין צוגעגעבן, אַז זיי האָבן דאָס אַליין ניט געקאָנט דערגרייכן — אָפּצוגעבן די פאַבריקן צוריק צו די קאַפּיטאַליסטן.

אָבער אָט־די דירעקטע סטרייק־ברעכעריי (ביישפּילן אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן מאַסשטאַב זיינען באַקאַנט אַלע אַרבעטער אין אַלע לענדער) איז נאָר דער איינפאַכסטער און פּשוט׳סטער אויסדרוק פון אַן אַלגעמיינעם

פּראָצעס פון דעזאָרגאַניזאַציע און צעשטערונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פראָנט, דורך פריידיקן צוטרוי צום קאַפּיטאַליזם, ענגע פאַרבאַנדן מיט דעם קלאַסן־שונא און מלחמה קעגן די מיליטאַנטע אַרבעטער.

ערשט נאָך אַזאַ קלאָרער און איבערגעיחזריטער צעשטערונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פראָנט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף אַזאַ אופן פון אינעווייניק, און רופט אַרויס אַן אָפּשוואַכונג און אַן אַנטוישונג באַ די אַרבעטער, עפנט זיך דער וועג פאַר דעם אָנקומען פון פאַשיזם.

נאָך דעם פאַרראַט פון דעם גענעראַל־סטרייק איז געקומען דער מאָנדיזם — דער ערשטער שריט צו פאַשיזם — וועלכער איז אַלס אַזעלכער באַגריסט געוואָרן פון דער איטאַליענישער פאַשיסטישער פרעסע. (אגב דאַרף מען באַמערקן, אַז מאָנד האָט אָפן דערקלערט זיין סימפּאַטיע צום פאַשיזם.)

נאָכדעם ווי די פאַבריקן זיינען צוריקגעגעבן געוואָרן צו די קאַפּיטאַליסטן אין איטאַליע, איז גלייך אָנגעקומען דער פאַשיסטישער אָנגריף, אָנפאַנגענדיק אין באָלאָניאַ און אָנגייענדיק כסדר פאָראויס, ביז עס איז עטאַבלירט געוואָרן דער פאַשיסטישער שטאַט אין 1922.

נאָכדעם ווי די צווייטע לייבאָר־רעגירונג האָט געהאָלפן אין דעם אָנגריף קעגן די אַרבעטער, איז געקומען די גרויסע אָפּשטימונג פאַר דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" אין 1931 און דער אָנהויב פון אַן ערנסטער פאַשיסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד.

גלייך נאָכדעם ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשטיצט די ברינינג־דיקטאַטור און דעם הונגער־אָנגריף, איז געקומען מיט שטורעם דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד.

דאָס איז בכלל געווען דער וועג, אויף וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפֿט דעם פאַשיזם קומען צו מאַכט, — דורך דערזאָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַרישן פראָנט, דורך ברעכן סטרייקס, דורך אַרויסטרעטן קעגן דעם קלאַסן־קאַמף, דורך פריידיקן לעגאַלקייט און גלויבן אין דעם קאַפּיטאַליזם, דורך אויסשליסן אַלע מיליטאַנטע עלעמענטן און שפּאַלטן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די מלחמה קעגן קאָמוניזם ווערט אַוועקגעשטעלט באַ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויבן־אָן אין איר פּראָגראַם. דער דייטשער ביישפּיל האָט באַוויזן, ווי ווייט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט גיין אין דירעקטע פאַראייניקונגען מיט מיליטאַריסטן און ווייס־גוואַרדייער, כדי צו דערשטיקן די

רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.*) אָבער דער לאָזונג וועגן מלחמה קעגן קאָמוניזם איז דער לאָזונג פון פאַשיזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער פאַשיזם שלאָגן פאַקטיש פאַר אַ קאָנקורענט־דינסט צו דער בורזשואַזיע אַף צו דער־הרג'ענען דעם קאָמוניזם.

מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם נאָך־מלחמה פעריאָד העלפט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלץ מער און מער ברענגען דעם פאַשיזם דורך דעם, וואָס זי העלפט פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליסטישן מעכאַניזם און די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפט דורכפירן די עקאָנאָמישע מילען אַף צו פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָל (ראַציאָנאַליזאַציע א. ד. גל.); זי שטיצט אַלע מינים פון אַ פאַרשטאַרקטער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור פון דעם ברינינג־ און רוזוועלט־טיפּ און העלפט אַליין איינצופירן און אויסצואיבן מיטלען פון אַ פאַרשטאַרקטער דיקטאַטור. דאָס האָט גלענצענד באַוויזן די צווייטע לייבאָר־רעגירונג אין 1931-1929 מיט איר „קאָול־מאַינס אַקט" און „לאָנדאָן טראַפיק־ביל", איר איינפירן דעם שניט אין שכירות בא די טעקסטיל־אַרבעטער דורך אַרביטראַזש, אירע אַרעסטן און דאָס פאַרשיקן פון הונדערטער אַרבעטער אונטער דעם „טרייד־יוניאָן אַקט" און אין פאַרשפאַרן אין טורמע זעכציק טויזנט מענטשן אין אינדיע. דאָס זעלבע האָט געטאָן סעווערינג, דער אינערן־מיניסטער, ווען ער האָט געשאָסן אַף אַרבעטער אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין בערלין אין 1929. פונקט אַזוי האָט די פרייסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג, ווען זי איז באַזייטיקט געוואָרן דורך פאָן־פאַפּען'ען, פשוט באַרימט זיך אין איר פאַר־טיידיקונג, אַז זי „האָט פאַראורזאַכט מער טויט אַף לינקס ווי אַף רעכטס":

„די פרייסישע רעגירונג איז בכוח צו באַווייזן מיט סטאַטיסטיק, אַז דאָס אַריינמישן זיך פון פאָליציי האָט פאַראורזאַכט מער טויט פון לינקס ווי פון רעכטס, און אַז די פאָליציי־מיטלען האָבן פאַראורזאַכט מער וואונדן אַף לינקס ווי אַף רעכטס." (דער בראַון־סעווערינג מעמאָראַנדום צו הינדענבורג'ן אין דער בערלינער „ציַיטונג אַם מיטטאַג", דעם 19טן יולי, 1932.)

אַף דער לעצטער שטופע, ווען די פאַשיסטישע באַוועגונג קומט נעענטער

*) פאַרגלייך די באַהויפטונג פון דעם ערשטן פרעמיער פון דער לייבאָר־פאַרטיי, מאַקדאָנאַלד, וועגן דעם געפעלשטן זינאָוויעוו־בריוו אין 1924:

„ווער איז געווען דער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן באָלשעוויזם? די ליבעראַלן האָבן גאָרנישט בייגעשטייערט. אויך נישט די טאָריס (קאָנסערוואַ־טיווע פאַרטיי). . . . די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פון אַרבעטער־פירער און פירער פון דער לייבאָר־פאַרטיי."

צו דירעקטער מאַכט, גיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אים איר לעצטע און אַנט־שלאָסענע הילף דורך אַרויסטרעטן קעגן און אַפילו פאַרבאָטן דעם פאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט קעגן פאַשיזם — דאָס איינציקע מיטל צו פאַרמיידן דאָס קומען צו מאַכט פון פאַשיזם — און דורך קאָנצענטרירן די האָפענונגען אַף אילוזאָרישע געזעצלעכע פאַרטיידיקונגען, אַף דעם שטים־קאַסטן, „דעמאָ־קראַטיע", מילדע בורזשואַזע רעגירונגען און, ענדלעך, אַפילו אַף דער שטיצע פון פאַר־פאַשיסטישע און כמעט־פאַשיסטישע דיקטאַטורן (ברינינג, דאָלפוס) אַלס דעם „קלענערן איבל".

דאָס האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיניסטער סעווערינג פאַר־באָטן און אויפגעליזט דעם רויטן פראָנט אין דער צייט, וואָס ער האָט דער־לויבט די שטורעם־טרופּן.

דאָס האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צוריקגעוויזן די ווידערהאָלטע אויפרופן פון קאָמוניזם פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט אין דעם קריטישן יאָר פון 1932 און דעם ערשטן קוואַרטאַל פון 1933.

די דאָזיקע פּאָליטיק האָט געבראַכט דעם צייטווייליקן זיג פון פאַשיזם.

4. די פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס

היינט־צו־טאָג, ספּעציעל נאָך דעם ביישפּיל אין דייטשלאַנד מיט די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן פון צעשפּליטערונג, זעען אַלע איין די גרעסטע וויכטיקייט פון אַ פאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן קאַמף קעגן פאַשיזם.

אָבער ניט געקוקט אַף דעם, זאָגט זיך נאָך אַלץ אָפּ די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע אין אַלע לענדער פון אַ פאַראייניקטן פראָנט און טרעט אַרויס קעגן אים. צו דער זעלבער צייט, ווען זי זאָגט זיך דירעקט אָפּ פון אַ פאַראייניקטן פראָנט, פּרובירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּטמאָל מיסרעפּרעזענטירן די שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס, באַשולדיקנדיק די קאָמוניסטן און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין צעטיילן די פּראָלעטאַרישע כוחות.

מען מוז דעריבער גענויער באַטראַכטן אָט־די העכסט־וויכטיקע פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג אין די פּראָלעטאַרישע רייען און אירע סיבות.

באַשולדיקן די קאָמוניסטן און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין שפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס איז פאַלש, סיי היסטאָריש, און סיי בנוגע דער פּראַקטישער ווירקלעכקייט.

די אורזאַכן פון דער שפּאַלטונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס האָבן זיך אַנטוויקלט אַ סך פריער פאַר דער גרינדונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָ־

נאַל. די דאָזיקע אורזאַכן זיינען געלעגן אין דעם וואוקס פֿון אָפּאָרטוניזם צווישן דער פֿירערשאַפֿט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס דאָס איז אַליין געווען אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם פּראָצעס פֿון דער אימפּעריאַליסטישער קאָרופּציע פֿון דעם העכערן שיכט פֿון אַרבעטער־קלאַס און דער פֿאָלגלעכער צעטיילונג פֿון די אַרבעטער אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער. דאָס האָט נויטיק געמאַכט דעם שאַרפֿסטן קאַמף פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿליגל קעגן דער פּאָליטיק פֿון אָפּאָרטוניזם אָדער פֿון בונד מיט דעם קאַפּיטאַליזם. מאַרקס און ענגעלס האָבן אין זייערע לעצטע יאָרן שוין אָנגעוויזן אױף דער נויטווענדיקייט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרשאַרפֿטן קאַמף און פֿון אַ קומענדיקער שפּאַלטונג. לענין האָט אָנגעווענדט די ליניע פֿון מאַרקס און ענגעלס. דער ערשטער קלאָרער און אויסגעהאַלטענער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק פֿון דער שפּאַלטונג מיטן אָפּאָרטוניזם איז געגעבן געוואָרן דורך דער צעטיילונג צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם אין די ערשטע יאָרן פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. בלויז אַט־די קלאָרע אָפּגרענעצונג און זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון דעם באָלשעוויזם האָט מעגלעך געמאַכט דעם זיג פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די ענדלעכע פֿולשטענדיקע פֿאַראייניקונג פֿון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס, אין קאָנטראַסט צו די צעטיילונגען, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אָן אין אַלע אַנדערע לענדער. אין אַנדערע פֿירנדיקע לענדער האָט דער קאַמף פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿליגל קעגן אָפּאָרטוניסטישער קאָרופּציע ניט אָנגענומען קיין באַשטימטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם ביז דער מלחמה פֿון 1914—1918. אָבער דאָס יאָר 1914 האָט רײף געמאַכט די שטרייט־פֿראַגע. די דאָמינירנדיקע אָפֿיציעלע פֿירערשאַפֿט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָט אַוועקגעוואָרפֿן אירע צוזאָגן און פֿאַרפֿליכטונגען צום אינטערנאַציאָנאַל, האָט דירעקט פֿאַרבראָכן קעגן די פּרינציפּן, אױף וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען געווען געבויט און איז אַריבער אין אָפֿענעם בונד מיט דעם קאַפּיטאַליזם. די שפּאַלטונג האָט אָנגענומען אַ פֿאָרמעלן אויסדרוק, ווען די דאָזיקע פֿירערשאַפֿט האָט אויסגעשלאָסן די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געשטימט קעגן מלחמה־קרעדיטן, לויט זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרפֿליכטונגען, און די גרופּן, וואָס האָבן זיי געשטיצט. דאָס אַלץ איז פֿאָרגעקומען שוין אין דער צייט פֿון דער מלחמה, איידער דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן.

די שפּאַלטונג איז געוואָרן טיפֿער, ווען די פֿראַגע וועגן דער אימ־

פּעריאַליסטישער מלחמה האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ פראַגע, צי מען זאָל אָנגיין מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אָדער שטיצן די ווייס־גוואַרדייער אין צעשיסן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. די מענשעוויקעס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די צאַריסטן און דעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם אין באַוואָפנען זיך קעגן דער הערשאַפט פון די אַרבעטער. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן באַוואָפנט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָפיצערישע פּאָלקן אַף אויסצושיסן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. די שפּאַלטונג פון 1914 איז אויסגעוואַקסן אין אַ בירגער־קריג, אין וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך געשטעלט אַף דער קאַפּיטאַליסטישער זייט פון די באַריקאַדן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ טיפער אָפּגרונט — אַן אָפּגרונט אַזוי טיף, ווי די צעטיילונג פון קלאַסן. אָט־דער פּראָצעס פון 1914-1919 האָט זיך שוין אַנטוויקלט, אַרויסווייזנדיק אין זיין גאַנצן פאַרנעם דעם פאַקט וועגן דער צעטיילונג פונעם אַרבעטער־קלאַס דורך דער עקזיסטענץ פון אַן אימ־פּעריאַליסטישן פליגל אין דעם לאַגער פון די אַרבעטער, נאָך איידער די רעוואָלוציאָנערע טיילן האָבן ענדלעך אָרגאַניזירט דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל אין 1919. זאָגן, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען די סיבה פון דער שפּאַלטונג, מיינט אָננעמען דעם רעזולטאַט פאַר דער סיבה.

לענין האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף פאַר דער גרינדונג פון דעם ערשטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָך אין האַרבסט פון 1914, ערשט נאָכדעם און דערפאַר, וואָס די מאַיאָריטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער־שאַפט האָט צעשטערט דעם אַלטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צעטאָפּטשעט מיט די פיס דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און האָט זיך אָפן פאַר־אייניקט מיט דעם קאַפּיטאַליזם. עס איז ניט געבליבן קיין אַנדער וועג אַף אָנצוגיין מיט דעם קאַמף פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

עס איז קלאָר, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שפּאַלטונג ליגט אינגאַנצן אַף יענע טיילן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם און האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם קאַפּיטאַליזם, און ניט אַף יענע טיילן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער פּאַרטיי־פּראָגראַם און זיינען אָנגעגאַנגען מיט דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם. אָט־די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1914 און וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון די בירגער־קריגן פון 1917-1921, האַלט נאָך אָן היינט־צו־טאָג. די פאַראייניקונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער־שאַפט מיט דעם קאַפּיטאַליזם שפּאַלט אומפאַרמיידלעך דעם אַרבעטער־קלאַס

און איז די סיבה פון דער שפּאַלטונג. דאָס איז דער אויסגאַנג־פּונקט ווענן דער שפּאַלטונג.

דער פאַקט אָבער איז, אַז מיר האָבן פאַר זיך איצט אָט־די דאָזיקע שפּאַלטונג אין די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. אָט־די וואונד קאָן פאַר־היילט ווערן, ווען די מאַסן אַרבעטער וועלן זיך ענדלעך פאַראייניקן אַף דעם באַזיס פון קלאַסן־קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם (און דערצו וועלן די מאַסן קומען דורך דער דערפאַרונג פון קאַמף, דורך אידעאָלאָגישע דיס־קוסיעס, דורך דער איבערצייגונג פון זייער אייגענער דערפאַרונג), ד. ה., ענדלעך אַף דעם באַזיס פון קאָמוניזם. די וויכטיקסטע פראַגע היינט־צו־טאָג איז די פראַגע ווענן אַ פאַראייניקטן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן און פאַשיסטישן אָנגריף. עס איז קלאָר, אַז אין אַזאַ לאַגע מוזן אַלע אַרבעטער און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער פּאָליטישע דערציאונג זאָל ניט זיין, פאַראייניקן זיך אין אַן אַלגעמיינעם פראָנט פאַר דעם איצטיקן קאַמף אַף אַ באַזיס, וואו זיי קאָנען איינשטימען ביז דעם גרעסטן מאַקסימום. דאָס איז די באַדייטונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, צו וועלכן דער קאָמוניס־טישער אינטערנאַציאָנאַל האָט כסדר געשטרעבט זינט 1921.

אָבער גראָד אין דעם איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט פאַר־אורזאַכט די אָריגינעלע שפּאַלטונג, די יעניקע, וואָס האַלט אָן און פאַרטיפט די שפּאַלטונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס דורך איר קעגנערשאַפט צום פאַר־אייניקטן פראָנט, דורך אירע אויסשליסונגען פון די יעניקע טיילן, וועלכע שטיצן דעם פאַראייניקטן פראָנט, און דורך דעם וואָס זי צעברעכט אַפילו די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, כדי אָנצוהאַלטן איר הערשאַפט איבער זיי.

דאָס ווערט זייער בולט אַרויסגעוויזן אין דער העכסט־וויכטיקער פראַגע ווענן די טרעיד־יוניאָנס. די קאָמוניסטישע ליניע איז פאַר אַן איינציקער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פון טרעיד־יוניאָנס, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַריין אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון זייערע פּאָליטישע ריכטונגען, אַן אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פירן אָן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייער שטאַנדפּונקט אָדער זייערע פאָרשלאָגן אין איינ־קלאַנג מיט די פּרינציפּן פון טרעיד־יוניאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייזט צוריק אַזאַ שטעלונג און זוכט צו האָבן אַ מיטגלידער־שאַפט אין די טרעיד־יוניאָנס, ווי אויך באַאַמטע אין זיי, וואָס שטימען איין מיט דער רעפאָרמיסטישער ריכטונג, וואָס נעמען אָן די פּראָגראַם פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, א. ד. גל. כדי צו דערגרייכן אָט־דעם צוועק, גייט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט אין די טרעיד־יוניאָנס כסדר אָן מיט

אויסשליסן ניט נאָר איינצלנע מיטגלידער (אָפּטמאָל אָנגעזעענע מיליטאַנטן, וואָס האָבן אַ לאַנגן סטאַזש אין דעם קאַמף און וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן פון די מיטגלידער מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען), נאָר גאַנצע סעקציעס, גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, אַפילו מאַיאָריטעטן, ווען זיי דריקן אויס אַ רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע סיסטעם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען מיינט די צעשמעטערונג פון די יוניאָנס אַלס די פּאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייזט אָפּטמאָל אָן אַף דער עקזיסטענץ פון „רויטע יוניאָנס" אַלס אַ באַווייז, אַז די קאָמוניסטן שפּאַלטן די טרייד־יוניאָן באַוועגונג. פילע, וואָס הערן אַזעלכע באַשולדיקונגען, באַגרייפן ניט, אַז די רויטע יוניאָנס האָבן זיך היסטאָריש אַנטוויקלט אַלס אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק פון אויסשליסן און פון באַרויבן די טרייד־יוניאָנס פון אינערלעכער דעמאָקראַטיע. דער פאַל מיט די קוילן־גרעבער אין סקאָטלאַנד איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון דעם דאָזיקן פּראָצעס אין גרויס־בריטאַניע. (אין דעם פאַל האָט אַ מאַיאָריטעט מיטגלידער פון דער יוניאָן קאָנסטיטוציאָנעל דערוויילט אַ נייע עקזעקוטיווע און באַאמטע, וואָס אַ מאַיאָריטעט פון זיי זיינען געווען רעוואָלוציאָנערן. אָבער די אַלטע רעפאָרמיסטישע עקזעקוטיווע און באַאמטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן זייערע אַמטן און האָבן זיך גענומען אויסשליסן איינעם פון די צוויי גרעסטע דיסטריקטן. נאָכדעם ווי די רעוואָלוציאָנערע מאַיאָריטעט האָט אָנגעווענדט יעדן קאָנסטיטוציאָנעלן פאַרזוך, איז זי געצוואונגען געווען צו אָרגאַניזירן די „יונייטעד מאַין וואָרקערס אָוו סקאָטלאַנד"). דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך, וואו די רעוואָלוציאָנערע טרעיד־יוניאָנס זיינען געקומען צו עקזיסטענץ אין 1921, ערשט נאָכדעם ווי די רעוואָלוציאָנערע מיטגלידער אין די טרעיד־יוניאָנס האָבן געקראָגן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאַיאָריטעט אין דער אַלטער קאָנפעדעראַציע פון אַרבעט, און די אַלטע רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט האָט זיך גענומען אויסשליסן מיטגלידער פון דער מאַיאָריטעט, כדי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ מינאָריטעט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שפּאַלטונג ליגט אַף די רעפאָרמיסטן.

באַזונדער אין דייטשלאַנד, וואו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען די שטאַרקסטע, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיק פון צעברעכן די יוניאָנס דורך מאַסן־אויסשליסונגען, כדי אָנצוהאַלטן קאָנטראָל, דערפירט געוואָרן צו אַן עקסטרעמער שטופע און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין

דער שפּאַלטונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און אין עפֿענען דעם וועג פֿאַר דעם זיג פֿון פֿאַשיזם. דאָס איז אַ פּאַראַלעל צו דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון דעם פֿאַראייניקטן פראָנט.

עס בלייבט איבער די פֿראַגע, ווי קריטיקער ווייזן ציטווייז אָן, צי די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד האָבן ניט צופֿיל אונטערגעשטראָכן די פּאָליטיק וועגן „פֿאַראייניקטן פראָנט פֿון אונטן", ד. ה. דעם אויפֿרוף צו די אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿון די טרעיד־יוניאָנס, סיי צו די אָרגאַניזירטע און סיי צו די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער בכלל, צו פֿאַראייניקן זיך אין אַן איינציקן פראָנט קעגן פֿאַשיזם, און ערשט אין די לעצטע צוויי יאָר, זינט אַפּריל 1932, און נאָך מער זינט דער אויסשליסונג פֿון דער בראַון־סעווערינג רעגירונג אין יולי 1932, אַנטוויקלט צוזאַמען דערמיט אויך די פּאָליטיק פֿון „פֿאַראייניקטן פראָנט פֿון אויבן", ד. ה., אַ דירעקטע ווענדונג פֿון איין פּאַרטיי צו דער צווייטער. די דאָזיקע קריטיק שטיצט זיך אַף דעם שלעכטן באַגריף וועגן די באַדינגונגען. די פּאָליטיק וועגן אַ פֿאַראייניקטן פראָנט פֿון אויבן אין דער זעלבער צייט, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַ פֿאַראייניקטן פראָנט פֿון אונטן, איז קיינמאָל ניט פֿאַרבאָטן געוואָרן אין פּרינציפּ מצד דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און איז כסדר אָנגעווענדט געוואָרן, ווען עס זיינען געווען די פּאַסיקע באַדינגונגען. מען האָט אָבער געמוזט זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן און סיטואַציעס. ווען סעווערינג, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיניסטער פֿאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן, האָט אין 1929 געשאָסן אַף אַרבעטער, וואָלט געווען זייער נאַריש צו ווענדן זיך צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿירערשאַפֿט פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פראָנט קעגן דעם איבערפֿאַל אַף די אַרבעטער. ווען די בראַון־סעווערינג רעגירונג איז אָבער אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון פֿאָן־פּאַפּען'ען, איז געקומען אַזאַ געלעגנהייט, און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך גלייך געווענדט צו די אויספֿיר־קאָמיטעטן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען מיט אַ פֿאָרשלאַג פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פראָנט. ווען די דאָזיקע קערפּערשאַפֿטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פֿאָרשלאַג, איז דער זיג פֿון פֿאַשיזם פֿאַרזיכערט געוואָרן.

5. דאָס צופּאַסן זיך פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צום פֿאַשיזם

אין דער מאָס ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט אַנטוויקלט די פֿאָרמען פֿון זיין מלוכה־מאַכט אין דער ריכטונג פֿון פֿאַשיזם, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

(אין דעם זין פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון קאָאָפּעראַציע מיט דעם קאַפּיטאַליזם) דורכגעמאַכט אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּראָצעס פון צופּאַסונג. דער דאָזיקער פּראָצעס פון „פאַשיזירן" די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס זי שטיצט אַלץ מער די אָפענע פאָרמען פון דיקטאַטור (ברינינג, „נויטפאַל־מאַכט", די „פאַראָרדענונג"־הערשאַפט אין אינדיע), דאָס באַנוצן זיך מיט באַוואָפנטער גוואַלט קעגן די אַרבעטער, ניט נאָר אין בירגער־קריג, ווי דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, נאָר קעגן אומבאַוואָפנטע אַרבעטער אין פרידלעכע באַדינגונגען (בערלין אין 1929, אינדיע אונטער דער הערשאַפט פון דער צווייטער לייבאָר־רעגירונג), און די וואַקסנדיקע אונטערדריקונג פון דעמאָקראַטיע אין די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

שוין זינט דער מלחמה האָט אַ גאַנצע ריי ביישפּילן פון דירעקטער פאַראייניקונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט ווייסע רעגירונגען פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן טעראָר קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעוויזן זיך אין איין לאַנד נאָך דעם צווייטן. אין אונגאַרן האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון ווייסן טעראָר געשלאָסן אַ געשריבענעם אָפּמאַך וועגן אַ פאַראייניקונג מיט דער ווייסער רעגירונג. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 22טן דעצעמבער, 1921, צווישן דעם פּרעמיער־מיניסטער בעטהלען און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אָנגעשלאָסן אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דער דאָזיקער אָפּמאַך פאָדערט שוואַרץ אַף ווייס, אַז:

„די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי וועט באַטראַכטן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער נאַציע פון דער זעלבער וויכטיקייט ווי די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס."

און בנוגע דער אויסלענדישער פּאָליטיק וועט די אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי:

„אָנפירן אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אונגאַרן צווישן די פירער פון די אויסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, מיט די אויסלענדישע רעגירונגען, א. ד. גל., און וועט פאַר דעם צוועק קאָאָפּערירן מיט דעם אונגאַרישן אויסערן-מיניסטער... איבער אַלע אַנדערע, און איר אָרגאַן, 'נעפּשאַוואַ', וועט אָננעמען אַן אומפּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט און וועט לאָיאַל אויסדריקן אין דער דאָזיקער צייטונג מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער בורזשואַזיע."

וואָס איז שייך דער אינערלעכער פּאָליטיק, וועט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי „קאָאָפּערירן מיט די בורזשואַזע קלאַסן אַף דעם עקאָנאָמישן געביט", וועט פאַרמיידן סטרייקס, וועט ניט אָנפירן קיין „רעפּובליקאַנישע פּראָפּאַגאַנדע", און „וועט ניט אָנפירן קיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אינדוסטריעלע אַרבעטער". דער אָפּמאַך פאַרענדיקט זיך מיט דעם צוזאָג:

„די דעלעגאַטן פון דער אונגאַרישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דערקלערן, אַז זיי שטימען איין מיט די פּאַרלאַנגען פון דעם פּרעמיער-מיניסטער סיי בנוגע דער אויסלענדישער און סיי בנוגע דער אינערלעכער פּאָליטיק, און פאַרפליכטן זיך דורכצופירן זייער טייל. זיי שטעלן אַרויס פון זייער זייט אַ דעלעגאַט, וועלכער וועט אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דעם מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן."

פאַר דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געזאָלט אָפיציעל באַשיצט ווערן פון דער ווייסער רעגירונג, אין דער צייט וואָס די קאָמוניסטן זאָלן ווערן אום'ברחמנות'דיק אונטערדריקט. מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען די באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך זיינען באַקאַנט געוואָרן, און ס'איז געוואָרן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געצוואונגען געווען אַפילו צו באַשטימען אַן אונטערזוכונגס־קאָמיטע (אגב, האָט די דאָזיקע אונטערזוכונגס־קאָמיטע, אָנגעפירט פון קאַוטסקי'ן, אין 1925 אַרויסגעגעבן אַן אַנטשיידונג, וואָס האָט פולשטענדיק ריינגעוואַשן די אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָנערקענענדיק זייערע „גוטע כונות", און האָט אָנגענומען זייער צוזאָג, אַז זיי וועלן מער ניט אָנווענדן דעם אָפּמאַך), האָט דער אונגאַרישער האַלב־אָפיציעלער אָרגאַן פון דער רעגירונג, „נויעס פעסטער זשורנאַל", אין זיין נומער פון 1טן יאַנואַר, 1925, אָנגעוויזן:

„דער אָפּמאַך אַנטהאַלט ניט קיין זאַך, וואָס יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דער גאַנצער וועלט — אויב מען באַטראַכט ניט דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל — וואָלט ניט אָנערקענט אָדער, לכל הפחות, ניט פאַרווירקלעכט אין איר פּראַקטישער באַציאונג. . . . דער אָפּמאַך איז פולשטענדיק אָפּגעהיט געוואָרן, און ביידע צדדים האָבן ערלעך דורכגעפירט זיינע פאָדערונגען."

דער בורזשואַזער אָרגאַן זאָגט דעם אמת. דער אָפּמאַך צווישן בעטהלען'ען און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צייכנט זיך אויס נאָר דערמיט, וואָס ער פאַרצייכנט שוואַרץ אַף ווייס די פּראַקטיק פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און לייבאָר־פּאַרטייען, וואָס זייערע אָפיציעלע פּראָגראַמען זאָלן ניט זיין.

די גרונט־פּרינציפּן פון פאַשיזם און פון זיין „אַרבעטער־פראָנט" זיינען אין פיל הינזיכטן אַף אַזאַ אופן נאָך פריער אָנגענומען געוואָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַ ווייטערן ביישפּיל פון דעם דאָזיקן פּראָצעס שטעלט מיט זיך פאָר בולגאַריע. אין די וואַלן פון 1923 האָט די מיליטאַנטע פויערים־פּאַרטיי, אונטער דער פירערשאַפט פון סטאַמבולינסקי, געקראָגן 437 טויזנט שטימען, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי 252 טויזנט שטימען, דער בורזשואַזער בלאָק 219 טויזנט שטימען, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע 14 טויזנט. סטאַמבולינסקי'ס רעגירונג האָט אָנגעפירט אַ פּראָגראַם פון אַגראַרישע רעפאָרמען, האָט אַרונטערגעזעצט און געשטעלט צום געריכט די געוועזענע מלחמה־מיניסטאָרן און האָט איינגעפירט אַנדערע מיטלען, וואָס זיינען ניט געפעלן געוואָרן דער רעאַקציע. די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען האָבן אין יוני 1932 דורכגעפירט אַ מיליטערישע קו ד'עטאַ (פאַרכאַפּן די מאַכט), וועלכע איז געווען אויסגעפּלאַנעוועט פון אַרמיי־אָפיצערן, האָבן אַרונטערגעזעצט מיט גוואַלט די רעגירונג פון דער פויערים־פּאַרטיי און האָבן דער'הרג'עט דעם פּרעמיער־מיניסטער סטאַמבולינסקי. אַזוי איז איינגעפירט געוואָרן דער רעזשים פון ווייסן טעראָר אונטער דער פירערשאַפט פון דעם מערדער צאַנקאָוו, און ווי עס גיט אָן אַ באַריכט פון וואַנדערוועלדע'ן, דעם פּאָרזיצער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זיינען אין אַכצן מאָנאַטן דערמאָרדעט געוואָרן זעכצן טויזנט בולגאַרישע אַרבעטער און פויערים („הומאַניטע", פון 18טן מאַי, 1925). אין דער דאָזיקער צאַנקאָוו־רעגירונג פון ווייסן טעראָר איז אָפיציעל פּאַרטראַטן געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע איז אָנגעשלאָסן אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל; איר מיניסטער, כאַסאַנאָוו, איז געזעסן לעבן די פאָרשטייער פון דער פאַשיסטישער „אָפיצערן־ליג" און פון די בורזשואַזע פּאַרטייען.

אין פּוילן האָט פּילסודסקי אין 1926 דורכגעפירט אַ קו ד'עטאַ, אַרונטערגעוואָרפן די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע און איינגעפירט אַ טיפּ פון פאַשיסטישער דיקטאַטור; דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער שטיצע פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַ סעקציע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל; איר פאָרשטייער, מאָראַזשעווסקי, איז געזעסן אין פּילסודסקי'ס רעגירונג.

אין שפּאַניע, האָט די דיקטאַטור פון פּרימאָ דע ריווערא געגעבן איר שוץ צו דער שפּאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און צו די רעפאָרמיסטישע

פאַראײנען, אין דער צייט וואָס זי האָט אונטערדריקט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג.

אין איטאַליע, איז ד׳אַראַגאָנאַ און די רעפאָרמיסטישע פירער פון די טרעיד־יוניאָנס אַריינגעטראָטן אין דינסט פון מוסאָליני׳ן און האָבן אין 1926 דערקלערט די קאָנפעדעראַציע פון אַרבעט (טרעיד־יוניאָנס) אויפגעלייזט.

אין עסטרייך איז די דאָלפוס־דיקטאַטור אויפגעבויט געוואָרן שריט בא שריט מיט דער פאַסיווער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס דער „קלענערער איבל” אין פאַרגלייך מיט די נאַצים. אין אָנפאַנג פון יאָר 1934 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי געמאַכט אַ דירעקטן אָנבאָט פאַר אַ פאַראייניקונג מיט דאָלפוס׳ן אין דער זעלבער צייט, וואָס די רעגירונג האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אָרגאַניזאַציעס און אויף איר פרעסע. און אפילו ווען די אַרבעטער זיינען ענדלעך אַרויסגעטראָטן אין זייער העלדישן קאַמף, האָבן זיי דאָס געטאָן קעגן די פאַראָרדענונגען פון דער פאַרטיי, וועלכע האָט ערב דעם קאַמף אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שלוחים צו פּריידיקן, מען זאָל זיך אונטערגעבן, און האָט אויסגעדריקט צו דאָלפוס׳ן איר גרייטקייט אָנצונעמען אַ נויט־דיקטאַטור אין אַ פאָרם פון אַ „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט”.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי זיך באַטייליקט אין דער קאָאַליציע־רעגירונג פון אַלע בורזשואַזע פאַרטייען, אין דער רעגירונג, וועלכע האָט אין 1933 אונטערדריקט די קאָמוניסטישע פרעסע און צוגעגרייט די באַדינגונגען פאַר אַ פאַרשאַרפטער דיקטאַטור.

אין יאַפּאַן איז געווען אַ סיטואַציע, וועלכע דער אָרגאַן פון דער ענגלישער לייבאָר־פאַרטיי, „פאָרווארד”, האָט דעם 20טן מערץ, 1930, אַזוי באַשריבן אין באַצוג צו די וואַלן:

> „מען קאָן קריגן דעם איינדרוק, אַז די פּראָלעטאַרישע פאַרטייען האָבן איצט געקראָגן בעסערע באַדינגונגען ווי פריער. עס איז אמת, אַז זינט די לעצטע וואַלן האָט די פּאָליציי געמאַכט גרויסע איבערפאַלן און אַרעסטן פון די אַזוי־גערופענע געפערלעכע דענקער. דאָס האָט געזאָלט האָבן אַן עפעקט פון אָפּשוואַכן די פּראָלעטאַרישע פאַרטייען. אָבער ווי עס זעט אויס, איז פאַרגעקומען פונקט דאָס פאַרקערטע. די וואָס זיינען פאַרבליבן, זיינען אָפיציעל געכשר׳ט געוואָרן, ד. ה., אַז זיי זיינען פריי פון קאָמוניזם. עס איז מער ניט געבליבן די דאָזיקע סטראַשידלע אויף אָפּצושרעקן מעגלעכע שטיצער.”

ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווערט „אָפיציעל געכשר׳ט” פון אַן עקסטרעם־רעאַקציאָנערער מיליטערישער רעגירונג, וועלכע אונטערדריקט אומ׳ברחמנות׳דיק דעם קאָמוניזם און אַרעסטירט צענדליקער טויזנטער, באַ־

טראַכט דאָס דער אָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי מיט גרויס צופרידנהייט ווי א גליקלעכן צושטאַנד. מיט א קורצער צייט שפּעטער, אין פרילינג פון 1932, איז די פירערשאַפט פון דער דאָזיקער יאַפּאַנעזישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָנגעפירט פון איר סעקרעטאַר אָקאַמאַטצו, און א העלפט פון דעם אויספיר־קאָמיטעט ,אָפן אריבערגעגאַנגען צו אַן אויסגעשפּראָכענער פאַשיס־טישער „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אַף אַזא אופן ארויסגעוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט גרייט צוצופּאַסן זיך און אריינטרעטן אין פאַרבינדונג מיט יעדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער, וויים־טעראָריסטישער און פאַשיסטישער רעגירונג, און אַפילו אריינטרעטן דירעקט אין אַזא רעגירונג. דאָרט, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ניט אריינגענומען געוואָרן אין אַזא אָפענעם פאַרבאַנד, נאָר איז געצוואונגען געווען דורכצופירן די ראָלע פון שפּאַלטן דעם ארבעטער־קלאַס אונטער דער פאָרם פון אָפּאָזיציע, איז דאָס געווען ניט דערפאַר, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערשאַפט האָט ניט אָנ־געווענדט יעדע מאַנעוורע און יעדן פאַרזוך אריינגענומען צו ווערן אין דעם קרייז, וואָס ווערט באַשיצט פון פאַשיזם.

דעם בעסטן ביישפּיל דערפון געפינט מען אין דייטשלאַנד. די באַ־דייטונג פון דער דערפאַרונג אין דייטשלאַנד איז באַטראַכט געוואָרן אין דעם לעצטן קאַפּיטל.

אויב דער דייטשער פאַשיזם האָט צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט און די בקשות פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר אַן אָפענעם פאַרבאַנד, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס דער דייטשער פאַשיזם האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דער עקזיסטענץ פון וועלכער עס איז פאָרם פון פּראָלעטאַרישער אָרגאַני־זאַציע, ווי אונטערגעביק איר פירערשאַפט זאָל ניט זיין, סיידן אונטער איר דירעקטן קאָנטראָל; ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דער מאַכט פון א דערלויבטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָנצוהאַלטן דעם קאָנטראָל איבער די ארבעטער; ווייל ער איז געווען אַנטשלאָסן אָנצוהאַלטן אַליין אַלע פּאָזיציעס אין דעם אַפּאַראַט און ניט צו דערלויבן וועלכע עס איז אַנדערע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע. די ראָלע פון די געבליבענע פאָרשטייער פון דער טראַדיציאָנעלער ליניע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (ווי זיי זיינען געווען פאַרטראָטן דורך דער פּראַגער עקזעקוטיווע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, מיט זייער צוריקווייזן אַפילו אין 1935 די קאָמוניסטישע אָנבאָטן וועגן דעם פאַראייניקטן פראָנט) איז דעריבער אין דער פּראַקטיק, אונטער דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, אָנצוגיין מיט איר צעשפּליטערונג־

אַרבעט אין דעם פּראָלעטאַרישן פראָנט, אָנצופֿירן ווייטער איר קאַמף קעגן דעם פֿאַראייניקטן פראָנט און קעגן קאָמוניזם, אַרויסצוטרעטן קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דעם פֿאַרפֿירערישן ציל פֿון דער ווײַמאַרער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט דעם זיג פֿון פֿאַשיזם, און צו זײַן גרייט, אין פֿאַל די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור וועט אָפּגעשוואַכט ווערן און עס וועט זיך אַנטוויקלען אַ פּראָלעטאַרישע אָפֿענסיווע, צו קומען ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם און דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, ווי אין 1918, קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע פּאָליטיק שטויסט זיך אָן אַף אַ שטײַגענדן ווידערשטאַנד אין די רייען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; צווישן די אומלעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן זייער עקזיסטענץ אונטערן פֿאַשיזם אָדער זיך געגרינדעט אַף אָנצופֿירן דעם קאַמף, גייט אַלץ אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע אין דער ריכטונג פֿון דעם פֿאַראייניקטן פראָנט מיטן קאָמוניזם.

דער דורכפֿאַל פֿון דער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַרויסגערופֿן אַ קריזיס אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן נאָכגעפֿאָלגט איר פֿירערשאַפֿט, האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעטשוכעט, געעפֿנט זייערע אויגן אַף די ווירקלעכקייטן פֿון דעם קאַמף און האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן מיט אַלץ גרעסערער סימפּאַטיע צום קאָמוניזם און צו דער ליניע פֿון אַ פֿאַראייניקטן פראָנט. דער פּועל־יוצא פֿון דעם קריזיס אַף די אָנפֿירנדיקע שיכטן איז געווען צו פֿאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פֿון „פֿאַשיזירונג”. מען האָט אַרויסגעלאָזן דעם לאָזונג צו פֿאַראייניקן די אַרבעטער אַף דעם באַזיס פֿון „דעמאָקראַטיע”, ד. ה. אַף דעם באַזיס פֿון דעם עקזיסטירנדיקן קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. עס איז דעריבער דערקלערט געוואָרן, אַז מען מוז נאָך שטאַרקער באַקעמפֿן דעם פֿאַראייניקטן פּראָלעטאַרישן פראָנט, צו פֿאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פֿונעם שטאַט, אויב נויטווענדיק אין די פֿאָרמען פֿון „נויט־דיקטאַטור”, צו פֿאַראייניקן זיך מיט די „מעסיקע” עלעמענטן פֿון דער בורזשואַזיע, פֿאָרמירן לינקע בלאָקן און קאָאַליציע־רעגירונגען, כדי צו ראַטעווען דעם שטאַט, און אַפֿילו צו שטיצן די מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער בורזשואַזיע אין דעם נאָמען פֿון „דעמאָקראַטיע”. די פּאָליטיק פֿון דעם לינקן קאַרטעל אין פֿראַנקרײַך, די פּאָליטיק פֿון טאָלערירן דאָלפֿוס׳ן אין עסטרײַך, די קאָאַליציע־פּאָליטיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע, דאָס שטיצן רוזוועלט׳ן מצד דער רעפֿאָרמיסטישער פֿירערשאַפֿט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, — דאָס אַלץ אילוסטרירט די דאָזיקע ליניע. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע אײַנפֿלוסרײַכע ריכטונג, וועלכע ציט אָפּן דעם

„שלום” פון פאשיזם, אז מען דארף זיך מער קאנצענטרירן אף א „נאציא־נאלן” און ניט אינטערנאציאנאלן באזיס, אז מען דארף זיך אפזאגן פון דעם געדאנק, אז דער ארבעטער־קלאס קאן פארכאפן די מאכט, ווענדן זיך מער צום קליינבירגערטום, און צו זוכן שאפן א „שטארקן אויטאריטעטן שטאט ”אין די באדינגונגען פון דעם קריזיס. די דאזיקע באגריפן זיינען אפן אויסגעדריקט געווארן פון דעם „נעא־סאציאליזם” אין פראנקרייך. אן ענלעכע טענדענץ האט זיך ארויסגעוויזן בא דער פירערשאפט פון דעם סאציאליסטישן פליגל אין דער לייבאר־פארטיי, וועלכע האט אויך ארויסגעשטעלט א פאדערונג איינצופירן א פארשטארקטע דיקטאטור פון דעם קאפיטאליסטישן שטאט. עס איז קלאר, אז אט־די גאנצע ליניע פון פראפאגאנדע איז אין דער פראקטיק אין איינקלאנג און העלפט מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין אלע מאדערנע שטאטן צו פאשיסטישע פארמען.

פון דער צווייטער זייט האט זיך אנטוויקלט א שטארקער שטראם אין די סאציאל־דעמאקראטישע רייען אין דער ריכטונג פון דעם פאראייניקטן פראנט מיטן קאמוניזם. אין איניקע לענדער, ווי אין פראנקרייך און שפאניע, וואו די פאשיסטישע געפאר איז געווען שארף, איז דער מאסן־דרוק געווען גענוג שטארק אף בייצוקומען דעם ווידערשטאנד פון דער פירערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי און צו צווינגען שליסן א פאראייניקטן פראנט פון דער סאציאליסטישער און קאמוניסטישער פארטייען. אין אלע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען האט זיך אנטוויקלט צו א שטייגענדער ראל א לינקע סעקציע, וואס שטרעבט צו דעם פאראייניקטן פראנט און צום וועג פון קאמף קעגן פאשיזם. אזוי ארום האט זיך אנטוויקלט א פראצעס פון עקסטרעמער דיפערענציאציע אין דער סאציאל־דעמאקראטיע ווי א רעזולטאט פון דער פאשיסטישער אפענסיווע; און דער דאזיקער פראצעס איז פון קריטישער וויכטיקייט פאר דער גאנצער צוקונפט פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג.*)

די סאציאל־דעמאקראטיע, — די מאדערנע סאציאל־דעמאקראטיע פון נאך 1914, — האט איר אויסגאנגס־פונקט און איר אפשטאמונג אין דעם באגריף פון קאאפערירן מיט דעם קאפיטאליזם און מיט דעם קאפיטאליסטישן שטאט. די דאזיקע ליניע ווערט ארויסגעשטעלט אלס די ליניע פון א

*) וועגן דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דעם קריזיס אין דער סאציאל־דעמאקראטיע און דעם וואוקס פון דעם פאראייניקטן פראנט, זע דאס פארווארט צו דער צווייטער אויפלאגע.

זיכערן, פרידלעכן, הארמאָנישן, „דעמאָקראַטישן” פּאָרשריט צום סאָציאַליזם קעגן די געפאַרן און דער צעשטערונג פון דעם וועג פון גוואַלטזאַמער רעוואָלוציע. די גאַנצע דערפאַרונג פון 1914 ביז 1933 האָט באַוויזן מיט דער גרעסטער קלאָרקייט, אַז די דאָזיקע ליניע פירט ניט צום סאָציאַליזם, ניט צום פרידלעכן פּראָגרעס, ניט אַפילו צום אָנהאַלטן די דעמאָקראַטישע פאָרמען אין זייער קלענסטער מאָס, נאָר צו דער שרעקלעכסטער פאַרגוואַלטיקונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, און סוף כל סוף, צום זיג פון פאַשיזם, צו אימפּעריאַליסטישער מלחמה און צו אַלע אַנדערע כוחות פון צעשטערונג, קעגן וועלכע נאָר די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן קומען צו הילף צו ראַטעווען די וועלט. דאָס איז וואָס עס לערנט אונז דער עפּיזאָד פון דער נאָך־מלחמה׳דיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־קלאַס, אַן עפּיזאָד, וואָס הויבט אָן קומען צום שלום, אין דער מאָס ווי די אַרבעטער באַפרייען זיך אַלץ מער פון רעפאָרמיסטישע אילוזיעס — דורך דער דערפאַרונג מיטן פאַשיזם — און פאַרנעמען זיך אין דער ריכטונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

ניינטער קאַפּיטל

די טעאָריע און פּראַקטיק פון פאַשיזם

איבערפלעכלעך קאָן זיך דוכטן, אַז די טעאָריע און פּראַקטיק פון פאַשיזם האָט אַ נאָענטע ענלעכקייט צו גיבאָנ׳ס באַרימטער דעפיניציע פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער קאַטוילישער קירך אין מיטלאַלטערטום — „פּאַרטיידיקן אומזין דורך געוואַלט“. אין דער אמת׳ן אָבער, ווי מיר האָבן שוין געהאַט אַ געלעגנהייט דאָס אונטערצושטרייכן, איז סיי אין דעם אומזין און סיי אין דער געוואַלט דאָ אַ הויך־ראַציאָנאַלער מעטאָד. הינטער די באָמבאַסטיש־פלאַפּלענדיקע מעגאַלאָמאַניאַקס (ליידנדיקע פון גרויסקייט־משוגעת), חוצפּה׳דיקע יונגאַטשן, האָפענונגלאָזע נאַרקאָטיקער און די אויסגעלעבטע לעבע־יונגען פון דער באָהעמע, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די אויסערלעכע באַפּוצונג פון פאַשיזם, זיינען אָבער די געשעפט־קעפ פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל די יעניקע, וואָס צאָלן די אויסגאַבן און גיבן די ריכטונג, און זיי טוען דאָס מיט אַ קלאָרן קאָפּ, קאַלטבלוטיק און ווייסן וואָס זיי ווילן. און וואָס אונז אינטערעסירט, איז טאַקע די אמת׳ע סיסטעם פון פאַשיזם אין אָט־דער הינזיכט, און ניט די כלומרשטע אידעאָלאָגיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, כדי צו פאַרטומלען די אומוויסנדיקע. די צווייטע זייט די אויסגעשפּראָכענע פאַנטאַסטישע אידעאָלאָגיע, איז וויכטיק נאָר אַף אַזוי־פיל, אַף וויפיל זי האָט אַ שייכות צו דערווירקלעכער סיסטעם פאַר דער אָנהאַלטונג פון קאַפּיטאַליזם אונטער באַדינגונגען פון אויסערגעוויינלעכן קריזיס און שוואַכקייט.

1. איז פאַראַן אַ „טעאָריע“ פון פאַשיזם?

די ערשטע אילוזיע, וואָס מען דאַרף אָפּרייניקן פון דעם וועג, איז די אילוזיע, אַז עס איז דאָ אַ „טעאָריע“ פון פאַשיזם, פּונקט אַזוי ווי עס איז דאָ אַ טעאָריע פון ליבעראַליזם, פון קאָנסערוואַטיזם, פון קאָמוניזם, א. ד. ג.

אַ סך אינטעליגענטן, וואָס „טרעטן אַרויס“ קעגן די „עקסצעסן“ פון פאַשיזם, לאָזן זיך אַזוי באַאיינפלוסט ווערן און ווערן אַזוי אַריינגעצויגן אין דיסקוסיעס וועגן דער „פילאָזאָפיע“ פון פאַשיזם, אַז זיי פאַרפלאָנטערן זיך שנעל און באַהויפּטן, אַז אָט איז עס פאַר זיי „סאָציאַליזם“, אָט — קאַפּיטאַליזם און אָט — דאָס מאַכן אַ געמישעכץ פון אַ שטאַרקן מאַן, דאָס גלאָריפיצירן פון מלחמה, געבן אַ זעץ אין קאָפּ די „ליבעראַל־דעמאָקראַטישע

הומאַניטאַרישע אַבערגלויבנס", אַבסאָלוטיזם, אינקוויזיציע־מעטאָדן, אתה־בחרתנו־טעאָריעס, אַנטיסעמיטיזם, נאָרדיציזם און אַנדערע.

די אומשולדיקע און אומוויסנדיקע קענען דיסקוטירן באמונה שלמה אָט־די דאָזיקע אַלע „טעאָריעס", וואָס דאַרפֿן דינען אַלע געשמאַקן. אין דער אמת׳ן אָבער איז זייער וויכטיקייט גיכער פֿון סימפּטאָמען און בײ־פּראָדוקטן פֿון דער ווירקלעכער סיסטעם און פֿונדאַמענט פֿון פֿאַשיזם, ווי זיין תמצית. דער פֿאַשיזם אין דער ווירקלעכקייט אין דער פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַרזוך פֿון דעם צוזאַמענברעכנדיקן קאַפּיטאַליזם צו באַזיגן די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע און אָפּצושטעלן מיט גוואַלט די וואַקסנדיקע ווידערשפּרוכן פֿון זיין גאַנצער אַנטוויקלונג. די אַלע איבעריקע זאַכן זיינען דעקאָראַציע און סצעניזירונג, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, כדי צו פֿאַרדעקן און מאַכן אָנציענדיק זיין עצם רעאַקציאָנערע צילן, וועלכע מען קאָן ניט אַרויסווייזן אָפֿן, אויב מען וויל דערגרייכן דעם צוועק.

די אמת־וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע, וואָס ליגט הינטער דעם פֿאַשיזם, קאָן דעריבער אַמבעסטן שטודירט ווערן אין אַזאַ דאָקומענט ווי די „דויטשע פֿירערבריעפֿע", ד. ה. די קאָנפֿידענציעלע בולעטינען פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון דייטשע אינדוסטריאַליסטן, וועלכע זיינען שוין ציטירט געוואָרן אין דעם לעצטן קאַפּיטל. פֿון זיי קאָן מען מער לערנען איידער פֿון באַנוצן זיך מיט די פּראָפּאַגאַנדע־באַהויפּטונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט פֿאַר דעם עפֿנטלעכן געברויך מצד די אַזוי־גערופֿענע טעאָרעטיקער פֿון דעם פֿאַשיסטישן לאַגער. די קאָנפֿידענציעלע באַהויפּטונגען מצד די אָנפֿירער פֿון פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל דעפֿינירן גאַנץ פּשוט און אָן באַהעלטעניש די אָביעקטיווע אויפֿגאַבן פֿון פֿאַשיזם, ווי עס באַטראַכטן אים זיינע ווירקלעכע אויפֿהאַלטער און קאָנטראָליאָרן, און איז דעריבער פֿון וויסנשאַפֿטלעכער און טעאָרעטישער וויכטיקייט פֿאַר דער גענויער פֿאַרשטענדיקונג פֿון פֿאַשיזם. אַזאַ באַהויפּטונג מאַכט קלאָר, אַז דער פֿאַשיזם איז פּשוט אַ טאַקטישער מעטאָד פֿונעם פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל — פּונקט אַזוי, ווי עס איז געווען אַ טאַקטישער מעטאָד צו שטיצן די דעמאָקראַטישע פֿאָרמען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג. יעדע איינע פֿון זיי איז געשטיצט געוואָרן מיט דערזעלבער גרייטקייט לויט די באַדינגונגען — צו באַזיגן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, צו צעטיילן די עקספּלואַטירטע באַפֿעלקערונג, כדי אָנצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפֿט. די אַלע פּראָפּאַגאַנדע־„טעאָריעס", מיטאָלאָגישע צופּוצונגען, די כלומרשטע „נייע שולע פֿון פּאָליטישן געדאַנק", א. ד. ג., זיינען בלויז אַ רויך־שירמע אַף צו פֿאַרדעקן זיין צוועק.

מיר האָבן שוין געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווי פּוסט און זינלאָז עס זיינען די אַלע פאַרזוכן צו דעפינירן דעם פאַשיזם פון זיינע אָנגעזעענע וואָרטזאָגער. וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין די דאָזיקע דעפיניציעס, אַלץ מער שטעלן זיי זיך אַרויס פאַר זינלאָזע פּלאַפּלערייען: „דער אַלגעמיינער אינטערעס העכער ווי דער אייגענער „איך" (די פּראָגראַם פון די דייטשע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן); „פליכט", „העראָאיזם", „דער באַגריף פון דעם שטאַט אַלס אַן אַבסאָלוטע זאַך" (מוסאָליני); „אַן אָרגאַנישער און היסטאָרישער באַגריף וועגן געזעלשאַפט" (ראָקאָ); „אַ באַגריף וואָס בויגט זיך ניט רעכטס און ניט לינקס", „די קאָאָפּעראַציע פון אַלע קלאַסן", „די קאָאָרדינירטע אַנטוויקלונג פון אַלע נאַציאָנאַלע אוצרות פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין" (ווילאַרי); „אַ העכער באַגריף וועגן בירגערשאַפט", „די מאָדערנע באַוועגונג", „דער גלויבן פון די יעניקע, וואָס האָבן זינט דער מלחמה באַגריפן, אַז די אַלטע סיסטעם איז טויט, און אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַ נייע סיסטעם"; „די סיסטעם פון דער קומענדיקער שטופע פון ציוויליזאַציע", „דאָס גלויבן אין דער מאָראַל פון דער ענגלישער מענערשאַפט" (מאָזלי); „אַן אָרדענונגס־רעגירונג, אַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין", „קאָאָרדינירטער פּראָגרעס", „אַ גלויבן פון יושר און סאָלידאַריטעט", „סאָציאַל־קריסטנטום" (די בלעק שוירט); „אַ צוריקקער צו שטאַטסמאַנשאַפט", „די נאַציאָנאַלע אָפּהיטונג פון פליכט צו אַנדערע", „ניט אַזוי פיל אַ פּאָליטיק ווי אַ געדאַנקען־גאַנג" (דער פאַשיסט), און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. אָט־די און אַנדערע אַזעלכע פּוסטע פראַזן פילן אויס די אַלע פּראָפּאַגאַנדע־דערקלערונגען פון פאַשיזם. עס איז אמת, אַז זיי שטעלן אַרויס איין געוויסן באַגריף, און דאָס איז דער הויך־פאַרשריענער „קאָרפּאָראַטיווער שטאַט"; אָבער ווי מיר וועלן שפּעטער באַווייזן, איז אויך דער דאָזיקער באַגריף אין דער ווירקלעכקייט פּונקט אַזאַ פּוסטער ווי די אַלע אַנדערע.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאַשיזם קאָן ניט געפינען קיין ריכטיקע ווערטער אַף צו באַשרייבן זיינע גרונט־געזעצן; דאָס איז אומפאַרמיידלעך. די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע איז די סטאַנדאַרטע וואַקלדיקע און פאַרפירערישע טערמינאָלאָגיע פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זוכן צו פאַרדעקן די ווירקלעכקייטן פון קלאַסן־הערשאַפט און קלאַסן־עקספּלואַטאַציע מיט פּוסטע פראַזן וועגן „געזעלשאַפט", „נאַציאָנאַלער וואוילזיין", „דער שטאַט איז איבער קלאַסן", א. ד. גל. דאָס איז די באַקאַנטע טערמינאָלאָגיע פון אַ מאַקדאָנאַלד'ן, אַ הענדערסאָנ'ען, אָדער פון די פאַביאַנער אין דער לייבאָר־באַוועגונג, וואָס זוכן צו באַזיגן די צילן פון

סאָציאַליזם און פאַרדעקן זייער דינסט צום קאַפּיטאַליזם. דאָס איז די באַ־קאַנטע טערמינאָלאָגיע פון אַ באָלדווינ׳ען אָדער פון אַ לאָיד דזשאָרדזש׳ן, פון אַ טאַרדיע אָדער העריאָ, פון אַ הינדענבורג׳ן אָדער אַ וועלס׳ן. אין באַנוצן זיך מיט אָט־די אַלע קלינגענדיק־פוסטע פראַזן צו באַשרייבן זיינע צילן, אונטערשיידט זיך ניט דער פאַשיזם אַף אַ האָר פון די אַלע אַנדערע קאַפּי־טאַליסטישע פאַרטייען, פון קאָנסערוואַטיזם, ליבעראַליזם, און לייבאָריזם, וואָס זיי אַלע וואָלטן זיך גערן אונטערגעשריבן אונטער די אויבן־ציטירטע דעפיניציעס. אין דער דאָזיקער ענלעכקייט ווייזט דער פאַשיזם אַרויס ניט נאָר זיין טעאָרעטישע אָרעמקייט און פוסטקייט, נאָר אויך זיין גרונט־ענלעכ־קייט אין זיינע צילן מיט די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען. דער פאַשיזם אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען נאָר אין זיינע ספּעציעלע מעטאָדן, אין זיין פּראַקטיק, כדי צו פאַרווירקלעכן די זעלבע גרונט־צילן.

בקיצור, הגם מען מאַכט אָנשטעלן און פאַרזוכן צו דערווייזן, אַז דאָס איז ניט אַזוי, האָט דער פאַשיזם ניט קיין אויסגעשפּראָכענע „טעאָריע" אין דעם זינען פון אַן אויסגעשפּראָכענער וויסנשאַפטלעכער סיסטעם פון דאָק־טרינען און וועלט־אַנשויאונג. עס איז דאָ בלויז אַ פּראַקטיק; און כדי צו פאַרדעקן די דאָזיקע פּראַקטיק, באַנוצט ער זיך מיט געלאַטכנטע פעדערן פון יעדער טעאָריע, פון יעדן פּרינציפּ, פון יעדער אינסטיטוציע, וואָס קאָנען דינען פאַר דעם מאָמענט און צוועק, אָפטמאָל מיט אַזעלכע טעאָריעס, וואָס שטעלן איין פאַשיזם אין אַ ווידערשפּרוך צו אַ צווייטן. אָנצונעמען אָט־די גע־לאַטכנטע פעדערן פאַר דעם פויגל גופא מיינט ניט צו פאַרשטיין דעם תמצית פון פאַשיזם. אָדער מיט אַנדערע ווערטער, מען דאַרף וואָרענען די אומשולדיקע מענטשן, וואָס זוכן צו שטודירן די הויכע „אידעאַלן" און „גייסטיקע" דערקלערונגען פון דער „טעאָרעטישער באַגרינדונג" פון פאַשיזם, אַז ניט זען דעם וואָלף צוליב דעם שעפּסענעם פעלעכל, מיינט ווערן אַ שעפּס, וואָס פאַסט זיין אַ קרבן פונעם וואָלף.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דער פאַשיזם איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ באַוועגונג אָן אַ טעאָריע, ד. ה., ער איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ נעגאַטיווע באַוועגונג (באַנוצנדיק זיך מיט פאַרפּלאָנטערטע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע און כלומרשטע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען) אין אָפּאָזיציע צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און האָט זיך אויסגעצייכנט הויפּט־זאַכלעך דורך דעם, וואָס ער באַנוצט גוואַלטזאַמע און אויסער־לעגאַלע מעטאָדן קעגן דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. ערשט שפּעטער, ערשט נאָך צוויי

יאָר פֿון איר עקזיסטענץ, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז כּדי אַרויסצוטרעטן געגנוג אויסגעפּוצט אַלס אַ פּאַרטיי און אַ באַוועגונג, מוז זי אָננעמען אַ „פֿילאָזאָפֿיע", האָט אין 1921 די פֿאַשיסטישע פֿירערשאַפֿט געגעבן אַ באַפֿעל, עס זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פּאַסנדיקע „פֿילאָזאָפֿיע". אין אויגוסט 1921, גרייטנדיק זיך צום קאָנגרעס, האָט מוסאָליני געשריבן :

„אויב דער פֿאַשיזם וויל ניט אָפּשטאַרבן, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, באַגיין זעלבסטמאָרד, מוז ער זיך באַזאָרגן מיט 'אַ טעאָרעטישער לערע'.

„דער אויסדרוק קאָן אויסזען צו שאַרף, איך וואָלט אָבער געוואָלט, אַז אין די צוויי מאָנאַטן — פֿון איצט ביז דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס — זאָל געשאַפֿן ווערן די פֿילאָזאָפֿיע פֿון פֿאַשיזם." (מוסאָליני'ס בריוו צו ביאַנטשי, פֿון דעם 27טן אויגוסט, 1921.)

„אין צוויי מאָנאַטן מוז געשאַפֿן ווערן די פֿילאָזאָפֿיע פֿון פֿאַשיזם." די נייע „פֿילאָזאָפֿיע" ווערט באַשטעלט ווי עפּעס אַ וואַגאָן סחורה.

פּונקט אַזוי האָט היטלער דערקלערט, אַז ס'איז נויטווענדיק געווען צו האָבן אַ נייע „וועלט־טעאָריע" אַלס דאָס איינציקע מיטל צו באַקעמפֿן די וועלט־טעאָריע פֿון מאַרקסיזם.

„יעדער פֿאַרזוך צו באַקעמפֿן אַ וועלט־טעאָריע פּשוט מיט מאַכט מוז האָבן אַ ווײַסטן סוף, אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף נעמט ניט אָן די פֿאָרם פֿון אַן אָנגריף צו פֿאַרטיידיקן אַ נייעם אינטעלעקטועלן באַגריף. בלויז ווען צוויי וועלט־טעאָריעס פֿירן אָן אַ קאַמף אַלס גלײַכע, קאָן ברוטאַלע קראַפֿט, אַ פֿאַר'עקשנ'טע און אומ'ברחמנות'דיקע, ברענגען אַ זיג דורך געווער פֿאַר דעם צד וואָס קריגט אַזאַ שטיצע.

„אָט אויף דעם באָדן האָט דער קאַמף קעגן מאַרקסיזם געהאַט אַ דורכפֿאַל ביז יענער צײַט. דאָס איז געווען די סיבה, פֿאַרוואָס ביסמאַרק'ס געזעצגעבונג בנוגע סאָציאַליזם האָט סוף כּל סוף געהאַט אַ דורכפֿאַל און האָט געמוזט האָבן אַ דורכפֿאַל. זי האָט ניט אַנטהאַלטן די פּלאַטפֿאָרם פֿון אַ נייער וועלט־טעאָריע, פֿאַר וועלכער מען האָט געזאָלט אָנפֿירן דעם קאַמף. נאָר נאַרישע שטאַטס־באַאַמטע האָבן געקאָנט דענקען, אַז ס'איז גענוג צו דערקלערן אַ קאַמף פֿאַר דער אַזוי־גערופֿענער 'אויטאָריטעט פֿונעם שטאַט' אָדער 'אָרדענונג און רואיקייט', און מען זאָל געפֿינען בעלנים צו קעמפֿן אויף לעבן און טויט.

„אין 1914 האָט מען פֿאַקטיש אָנגעפֿאַנגען אַ קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער אַזוי ווי מען האָט ניט געהאַט קיין פּראַקטישן ערזאַץ (סאָבסטיטוט), האָט מען געמוזט צווייפֿלען, צי מען האָט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן אַזאַ קאַמף דערפֿאָלגרײַך. אין דער הינזיכט איז דאָס געווען אַן ערנסטער פֿעלער." (היטלער'ס „מײַן קאַמף", ז. 78 אין דער ענגלישער אויסגאַבע.)

היטלער (אָדער דער שרייבער פון אָט־דעם פאַראַגראַף) איז דאָ פול־שטענדיק גערעכט, ווען ער ווייזט דאָ אָן מיטן פינגער אַף דער דאָזיקער שוואַכקייט אין דעם קאַמף קעגן מאַרקסיזם. אָבער אָט־די ריכטיקייט איז די ריכטיקייט פון אַ כיטרען טאַקטיקער און ניט פון אַ וועלט־דענקער אָדער פון אַ היסטאָרישן פירער. מאַרקסיזם איז שטאַרק און אומבאַזיגבאַר צוליב זיין וועלט־טעאָריע; דעריבער מוזן מיר אויך שאַפן אַ וועלט־טעאָריע, כדי צו באַזיגן אים — דאָס איז זיין אַרגומענט, ד. ה., אַז דער נעגאַטי־ווער צוגאַנג צום מאַרקסיזם פאָדערט די אידעאָלאָגיע; מאַרקסיזם בלייבט די איינציקע פאָזיטיווע, דאָמינירנדיקע קראַפט. עס איז קלאָר, אַז ניט אַ וועלט־טעאָריע ווערט אַף אַזאַ אופן געשאַפן, נאָר אַ נאָכקרימעניש פון אַ וועלט־טעאָריע.

די סענסאַציע פון אַ „נייער אידעאָלאָגיע", וועלכע פאַר'שיכור'ט די מער פאַנאַטישע און צעדרודלטע אָנהענגער פון פאַשיזם, געבנדיק זיי די אילוזיע, אַז זיי באַפרייען זיך פון די אַלטע אַבערגלויבנס און אַז זיי באַזיצן אַ נייע דינאַמישע קראַפט, איז אין דער אמת'ן ניט קיין נייע אידעאָלאָגיע, וועלכע אונטערשיידט זיך פון דער אַלטער אַלגעמיינער אידעאָלאָגיע פון קאַפיטאַליזם. דאָס איז בלויז די טיפישע אידעאָלאָגיע פון דער מאָדערנסטער פאַזע פון קאַפיטאַליזם, ד. ה., דער פאַרשאַרפטער אויסדרוק פון אַלע טענ־דענצן פון פאַשיזם, אָדער פון דעם צוזאַמענברעכנדיקן קאַפיטאַליזם אין דעם פעריאָד פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס. דאָס אָפזאָגן זיך פון קאָנסטיטוציאָנעלע און לעגאַליסטישע פאָרמען, דאָס זינגען שבחים צו גוואַלד, דאָס אָפלייקענען אַלע ליבעראַלע און הומאַניטאַרע אידייען, דאָס פאָדערן אַ שטאַרקן און מעכטיקן שטאַט, דאָס דערהויבן די מלחמה אַלס די העכסטע פאָרם פון מענטשלעכער טעטיקייט — דאָס אַלץ זיינען די טיפישע אויסדרוקן פון דעם מאָדערנעם מאָנאָפאָליסטישן קאַפיטאַליזם. זיי זיינען ניט קיין ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון פאַשיזם; זיי ווערן בלויז אויסגעדריקט מיט גרעסערער ברוטאַלקייט דורך דעם פאַשיזם. אין די פאָעמען פון אַ קיפּלינג, אין דער אַגיטאַציע, וואָס דער „דעילי מעיל" האָט אָנגעפירט אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די בורן, אין דער מלחמה־דיקטאַטור פון אַ לאָיד דזשאָרדזש'ן — איז דער גייסט פון פאַשיזם שוין געווען אין זיין עמבריאָנישער פאָרם. אין דער אמת'ן איז דער פאַשיזם היסטאָריש אַרויסגעוואַקסן פון דער מלחמה־אַגיטאַציע און אונטער דער אָנפירנדיקער אינספּיראַציע פון די אַרמיי־פירער סיי אין איטאַליע און סיי אין דייטשלאַנד.

דער פאַשיזם אַנטהאַלט קיין זאַך ניט, וואָס איז אָריגינעל אָדער שעפעריש. קיין איין שאַפנדיקער געדאַנק אָדער דערגרייכונג קאָן ניט צו־

געשריבן ווערן צום פאַשיזם. די קריטיק, וואָס עס שטעלן אַרויס דער ליבעראַליזם און די ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע, מיט איר פּוסטער ווידערשפּרעכונג צווישן דער פאָרמעלער אַלמעכטיקער „בירגער־שאַפט" און דער ווירקלעכער שקלאַפעריי, איז געליען געוואָרן פון מאַרקס'ן. עס איז דאָ אָבער אַרויסגעלאָזן געוואָרן מאַרקס'עס שלוס, וועלכער איז דער איינציקער, וואָס באַרעכטיקט די קריטיק דורך אָנווייזן אַ וועג צו אַזאַ שטופע, ווען דאָס אָפּשאַפן פון קלאַסן וועט פאַרוואַנדלען די פאָרמעלע בירגערשאַפט אין אַ ווירקלעכער; אין דעם פאַשיזם אָבער בלייבט דער פּוסטער ווידערשפּרוך צווישן דער פאָרמעלער „בירגערשאַפט" און דער ווירקלעך־עקזיסטירנדיקער שקלאַפעריי, פּונקט ווי דאָס איז אין דעם ליבעראַליזם; ער דערגרייכט דאָס אָבער דורך שטאַרקערע גוואַלט־מיטלען און אונטערדריקונג.

די בלומרשט־רעוואָלוציאָנערע פאַרפירונגס־לאָזונגען וועגן „פאַרכאַפּן די מאַכט", די נייע פאָרם פון רעגירונג, וועלכע שטיצט זיך אַף איין פּאַרטיי, איז אַ לעכערלעכע נאָכקרימעניש און אַ קאַריקאַטור פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַ קאַריקאַטור איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַרונטער. זיי קאָנען אפילו ניט נאָכמאַכן די קאַריקאַטור. אין דער צייט, וואָס זיי האָבן געלאַטכנט דעם געדאַנק וועגן אַן איין־איינציקער פּאַרטיי־פירערשאַפט (אָבער פון אַן אויטאָקראַטישער און ניט אַ דעמאָקראַטישער), קאָנען זיי ניט קאָפּירן אפילו אין אַ קאַריקאַטור דעם שליסל פון דער דאָזיקער סיסטעם, די סאָוועטן, וואָס דאָס מיינט אַריינציען די מאַסן דירעקט אין דער אַרבעט פון דער רעגירונג דורך די אָרגאַנען, וואָס זיי האָבן זעלבסט דערוויילט פון אונטן. פאַרקערט, אפילו די פריער־דערווײלטע שטאַטס־ראַטן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און זייער פּלאַץ פאַרנעמט דער באַשטימטער־פון־אויבן פּאָדעסטאַ אין איטאַליע, אָדער דער באַשטימטער־פון־דעם־שטאַט קאָמיסאַר אין דייטשלאַנד.

די טעאָריע וועגן דעם, אַז דער שטאַט זאָל רעגולירן די ווירטשאַפט פון דער אינדוסטריע, וועלכע ליגט אין פּריוואַטע הענט, און די קלאַסן־קאָאָפּעראַציע אין דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט", איז געלאַטכנט געוואָרן פון דער גאַנצער מאָדערנער אַנטוויקלונג פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אין אַלע לענדער. דאָס זיינען ספּעציעל טיפּישע טעאָריעס פון דעם מאָדערנעם ליבעראַליזם און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט זייער „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", „נאַציאָנאַלע פּלאַנירונג־קערפּערשאַפטן", „נאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע ראַטן", „אַלגעמיינע אינדוסטריעלע ראַטן", און די אַלע אַנדערע טעאָריעס און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך כסדר אַנטוויקלט אין דער אימפּעריאַ־

ליסטישער עפּאָכע און ספּעציעל זינט דער מלחמה, נאָך איידער דער פאַשיזם האָט עקזיסטירט.

און וואָס איז שייך דער נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישער טעאָריע, דעם אַנטי־סעמיטיזם און די טעאָריעס וועגן ראַסן, זיינען זיי אַלע געלאַטכנט געוואָרן פון דעם בינטל סחורה, וואָס די אַלטע קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעשטעלט, און וועלכע זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון ביסמאַרק'ן און דעם צאַר ניקאָלאַי.*)

---

*) דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אַנטוויקלט אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך אין די 70-ער יאָרן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אין דער צייט ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין פון זיין ליבעראַלער עפּאָכע צו זיין אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע. אין 1873 איז דערשינען מארר'ס בוך, „דער זיג דעם יודענטומס איבער דאָס גערמאַנטום". „מען קאָן ניט צווייפלען," שרייבט לוציען וואָלף, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער אידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד, „אַז די באַהאַלטענע פעדים פון דער נייער אַגיטאַציע זיינען מער אָדער ווייניקער צוגעשטעלט געוואָרן פון פּרינץ ביסמאַרק'ן גופא. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַ „קריסטלעך-סאָציאַלער פאַרבאַנד פון אַרבעטסמענער" (פון וועלכן עס האָט אָפּגעשטאַמט די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי) איז אין יענעם פּעריאָד אָרגאַניזירט געוואָרן פון שטעקער'ן, אַ גלח, וואָס האָט געפּרייזט אַ פּראָגראַם פון אַזוי-גערופענעם „קריסטלעכן סאָציאַליזם", וועלכע איז אין דער פּראַקטיק געווען אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געפּרייזט געוואָרן מיט כלומרשטע אַרויסטרעטונגען קעגן פינאַנציעלער קאָרופּציע און אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען און בלוט-פאַרגיסונגען. בנוגע דער דאָזיקער באַוועגונג האָט דער פּאָטער ליבקנעכט גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם אַלס דעם „סאָציאַליזם פון נאַראָנים". די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע האָט זיך פאַרשפּרייט פון דייטשלאַנד צו רוסלאַנד אין די 80-ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, ווידער דירעקט אינספּירירט און סטימולירט פון אויבן. „דער מאָדערנער אַנטיסעמיטישער עלעמענט קומט פון אויבן," שרייבט לוציען וואָלף. מען האָט אָפן באַשולדיקט די רוסישע רעגירונג, אַז זי האָט געהעצט צו פּאָגראָמען אין 1881, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ניהיליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. עס ווייזט זיך אַרויס פאַר אַן אמת, אַז גענעראַל איגנאַטאָוו, דער דעמאָלטדיקער מיניסטער פון אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן, און די געהיים-פּאָליציי האָבן דאָס געטאָן." אין יעדן פאַל ווייזט זיך אַרויס דער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אַלס אַ באַוואוסטזיניק אַנטי-רעוואָלוציאָנערע און אַנטי-סאָציאַליסטישע. אין פראַנקרייך איז אין 1886 דערשינען דרומאָנ'ס בוך, „לאַ פראַנס זשוויוו" („דאָס אידישע פראַנקרייך"), און דער אַנטי-דרייפוס סקאַנדאַל, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון מיליטערישע און ביוראָקראַטישע באַאַמטע מיט מאַסן פעלשונגען, האָט זיך געצויגן פון 1894 ביז 1906. בלויז דער ענגלישער קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אין זיין פּעריאָד פון סטאַבילקייט געקאָנט אַרויסשטעלן אַ קאָנסערוואַטיוון אידן פאַר אַ פּרעמיער-מיניסטער און אויסטיילן טיטולן צו אַ סך

בקיצור, די גאַנצע אידעאָלאָגיע פֿון פֿאַשיזם איז ניט מער ווי אַ טאָרבע אָנגעפּילט מיט גנבֿות פֿון אַלע זייטן אַף צו באַדעקן די ווירקלעכקייט און די פּראַקטיק פֿון דעם מאָדערנעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אין דעם פּעריאָד פֿון קריזיס און פֿון אויסערגעוויינלעכער קלאַסן־מלחמה. ער האָט ניט קיין איין שעפּערישע אידייע. אין זיין צייט, אין די ערשטע פּראָגרעסיווע טעג, האָט דער קאַפּיטאַליזם דערגרייכט אַ גרויסע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט און האָט אַף יעדן געביט אָנגעפֿירט אַ ריזיקע מענטשלעכע קולטור. די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט אַ נייע לעבן און אַ נייעם באַגריף. און מיר קאָנען זיין שטאָלץ צו זיין אירע יורשים, הגם מיר זיינען איצט פֿייאיק צו פֿאַרשטיין, אַז איר בורזשואַזער יסוד האָט אומפֿאַרמיידלעך געמוזט באַגרענעצן אירע דערגרייכונגען. די רוסישע רעוואָלוציע האָט געעפֿנט אַ נייע בלאַט אין דער געשיכטע אין אַ מאַסשטאַב, וואָס איז גרעסער פֿון וועלכע עס איז פֿריערדיקע ענדערונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און וואָס איר פֿאַרנעם איז אַזוי גרויס, אַז מען הויבט ערשט איצט אָן דאָס צו באַגרייפֿן. אָבער דער פֿאַשיזם האָט גאָרנישט געשאַפֿן און קאָן גאָרנישט שאַפֿן. ווייל פֿאַשיזם איז בלויז דער אויסדרוק פֿון קראַנקהייט און פֿון טויט.

2. דעמאַגאָגיע אַלס אַ וויסנשאַפֿט

„באָלשעוויזם קלאַפּט אין טיר. מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן אים אַריינצולאָזן. מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן קעגן אים, אונטערשטעלן אַן אַקסל

אידישע מיליאָנערן, האָט אַ לאַנגע צייט ניט באַנוצט זיך מיט די פּרימיטיווע מיטלען פֿון אַנטיסעמיטישער דעמאַגאָגיע; אָבער היינט צו טאָג פֿאַרשפּרייט ער זיך אויך אין ענגלאַנד צו דער זעלבער צייט, וואָס דאָרט וואַקסט דער פֿאַשיזם. דעריבער דרוקט דאָס פֿאַשיסטישע בלעטל, „די בלעק-שוירט“ (פֿון נאָוועמבער דעם 23טן, 1933) אַף דער ערשטער זייט אַן אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „ענגלאַנד פֿאַר די ענגלענדער; די פֿרעמדע זיינען אַ געפֿאַר“:

„דער נידעריקער טיפּ פֿון דעם אויסלענדישן אידן צוזאַמען מיט די אַנדערע אויסלענדער, וועלכע גראָבן אונטער דאָס לעבן פֿונעם פֿאָלק, וועט זייער שנעל פֿאַרטריבן ווערן פֿון לאַנד אונטער דעם פֿאַשיזם.“

אַנטיסעמיטיזם, דער טיפּישער שענדלעכער אויסדרוק פֿון אַ צוזאַמענברעכנ־דיקער סיסטעם, ווערט אַנטוויקלט פֿון דעם קאַפּיטאַליזם אַף זיין שטופֿע פֿון צוזאַמענ־ברוך אַלץ שאַרפֿער, וואָס שאַרפֿער עס ווערט דער קלאַסן־קאַמף.

> און אָנהאַלטן זיך פעסט. מיר מוזן אָנהאַלטן אַמעריקע גאַנץ, זיכער, און ניט געשעדיקט. מיר מוזן אָפּהאַלטן דעם אַרבעטער פון דער רויטער ליטעראַטור און פון רויטע שמד-שטיק; מיר מוזן זען, אַז זיין געדאַנק זאָל בלייבן געזונט.״ (אַל קאַפּאָני.)

די דאָזיקע ציטאַטע פון אַל קאַפּאָני איז אַ פּאַסנדיקע איינלייטונג צו דער אַנטי־קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע פון פּאַשיזם. די ערנסטקייט פון דעם דאָזיקן אויפרוף פון אַ גנב און אַ גענגסטער אָנצוהאַלטן די איצטיקע געזעלשאַפט „ניט געשעדיקט״ פון דער קאָמוניסטישער געפאַר קאָן פון אויבן־אויף אויסזען ניט מער ווי אַ קאָמיזם; אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אָבער זייער לאָגיש. קיינער איז ניט פאַראינטערעסירט אַזוי אויפריכטיק ווי גנבים אָנצוהאַלטן די אינסטיטוציע פון פריוואַט־אייגנטום, אָן וועלכער זייער פּראָפעסיע וואָלט ניט געקאָנט עקזיסטירן, און זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי טאָן עפּעס אַן אַרבעט, כדי זיי זאָלן קאָנען לעבן. פון דער אַנדערער זייט קאָנען זיי ניט אַרויסטרעטן אָפן און פּראָקלאַמירן די פּרינציפּן פון גנבה און גענגסטעריזם פאַר דעם באַזיס פון זייער עקזיסטענץ; פאַר דער עפנטלעכקייט מוזן זיי פּראָקלאַמירן די העכסט־מאָראַלע פּרינציפּן, כדי אָנצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט „ניט־געשעדיקט״, און אָנצוהאַלטן „דעם געדאַנק״ פון דעם אַרבעטער „געזונטערהייד״.

אָט־דער הויכער מאָראַלער טאָן ציט זיך ווי אַ רויטער שנור דורך דער גאַנצער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַקאָמפּאַנירט אַלע זייערע גענגסטערישע אויפטועכצן. און מען קאָן דאָס ניט באַטראַכטן אַלס אַ ווידערשפּרוך; די צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן מוזן אומפאַרמיידלעך גיין האַנט אין האַנט אין פּעריאָדן פון צוזאַמענברוך. ווי פּלעכאַנאָוו האָט באַמערקט:

> „מאַרקס האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז וואָס גרעסער עס איז דער אַנטאַגאָניזם צווישן די שטייגנדיקע כחות פון דער פּראָדוקציע און דער אָפּגעלעבטער סאָציאַלער אָרדענונג, אַלץ מער ווערט דורכגעדרונגען די אידעאָלאָגיע פון דעם הערשנדיקן קלאַס מיט היפּאָקריטסטווע. נאָך מער, וואָס מער דאָס לעבן ווייזט אַרויס דעם פאַלשן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, אַלץ מער דערהויבן און צניעות׳דיק ווערט די שפּראַך, וואָס ווערט באַנוצט פון דעם הערשנדיקן קלאַס. די דאָזיקע שאַרפזיניקע באַמערקונג ווערט באַשטעטיקט דורך דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דייטשלאַנד. די סקאַנדאַליעזע מעשים, וואָס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן אין דעם האַרדען-מאָלטקעפּראָצעס, גייען האַנט אין האַנט מיט דער ׳אויפלעבונג פון אידעאַליזם׳ אין סאָציאָלאָגיע.״ (פּלעכאַנאָוו, „פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון מאַרקסיזם״, ז. 82 פון דער ענגלישער אויסגאַבע.)

דער פראצעס, וועלכן פלעכאנאוו האט באמערקט, גייט אן היינט־צו־טאג פיל ווייטער אין דייטשלאנד ווי אויך אין דער גאנצער קאפיטאליס־טישער געזעלשאפט. דער פאקט איז, אז פיל פון די הויפט־אנפירער פון דעם דייטשן פאשיזם זיינען ניט נאר בארימטע נארקאטיקער און אבנארמאל סעקסועל, און אין זייערע שרייבעכצן פארכלינגען זיי זיך אזש פון פאר־געניגן וועגן זייערע אויפטועכצן אין פייניקן פרויען, און ספעציעל וועגן שוידערלעכע מערדערייען (זע צום ביישפיל די באשרייבונגען פון פאן קילינגער, וועלכער איז באשטימט געווארן פון היטלער'ן פאר דעם קאמיסאר און מיניסטער־פרעזידענט פון זאקסן), אין דער צייט וואס אין זייער פראגראם פאדערן זיי צו באשיצן די „מאראל און אנשטענדיקייט פון דער דייטשער ראסע", — דאס אלץ איז ניט קיין ווידערשפרוך, נאר בלויז נאך א ביישפיל פון דעם אלגעמיינעם כלל.*)

דער מיסטישער און אפן־ניט־ראציאנאלער כאראקטער פון דער פא־שיסטישער אידעאלאגיע און פראפאגאנדע איז דער אומפארמיידלעכער אויס־דרוק פון איר קלאסן־ראל אנצוהאלטן די הערשאפט פון א פאראורטיילטן און צעפוילטן קלאס. די איצטיקע סיטואציע פון דעם וועלט־קאפיטאליזם

*) „פאן קילינגער איז באשטימט געווארן פאר דעם קאמיסאר פון זאקסן און איז שפעטער געווארן דער מיניסטער פרעזידענט, און ער האט דעריבער נאטירלעך געהאט צו טאן מיט דער אויפפאסונג אף דער 'גלייכ־שאלטונג' פון זאקסן. ער האט פריער אנגעשריבן א ביכל, 'ערנסטעס און הייטערעס אוס דעם פוטש-לעבן', אין וועלכן ער רעכנט אויס צווישן אנדערע פאסירונגען ווי אזוי אין דער קאמפאניע קעגן דער סאוועטן-רעגירונג אין מינכען האט ער באפעלן א סאלדאט צו שמייסן מיט א בייטש א פראסט מיידל, ביז איר גאנצע פלייצע איז געווען בלוי מיט סיניאקעס. ער דערציילט אויך, ווי נאכדעם ווי א קאמוניסטישער אגיטאטאר האט אים חוצפה'דיק געענט־פערט אף זיינעם א סטראשונאק, האט ער געהייסן א סאלדאט א ווארף צו טאן א האנט-גראנאטע אף דעם אגיטאטאר. און ער פארכליניעט זיך אזש פון פארגעניגן, ווען ער דערציילט די שוידערלעכע דעטאלן פון דעם מאנ'ס טויט." (קאלווין ב. הואווער, „דייטשלאנד טרעט אריין אין דעם דריטן רייך", ז. 113).

פירער פון דעם דאזיקן טיפ זיינען כסדר באשטימט געווארן אף הויכע פאסטן אין דעם פאשיסטישן דייטשלאנד. א סך ענלעכע אויפטועכצן וואלט מען געקאנט דערציילן וועגן די בארימטע אונטערשטופער פון מוסאליני אין איטאליע, פון דעם פאשיזם אין פינלאנד, אין אונגארן, א. ד. גל. די דאזיקע כאראקטעריסטישע שטריכן זיינען אלגעמיינע שטריכן פון פאשיזם, און זיי זיינען א דירעקטער פועל-יוצא פון דעם מין ארבעט, וואס דער פאשיזם האט דורכצופירן.

איז איראַציאָנאַל ביז דעם העכסטן גראַד. עס איז ניט ראַציאָנאַל צו פאַר־ניכטן שפּייז־אַרטיקלען, אין דער צייט וואָס מיליאָנען מענטשן גייען אַרום ניט־געגעסענע; עס איז ניט ראַציאָנאַל, אַז בוי־אַרבעטער זאָלן זיין אַרבעט־לאָז, ווען עס פעלן אַלץ מער אויס וואוינונגען פאַר דער אַרבעטער באַפעל־קערונג; אַז די מאַסן זאָלן מוזן עקאָנאָמיזירן און זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דאָס נויטווענדיקסטע, טאָקע דערפאַר וואָס עס איז דאָ צופיל פון יעדער זאַך; אָדער אַז געלערנטע עקאָנאָמיסטן זאָלן געבן אָפּהאַנדלונגען וועגן דער „געפאַר" פון אַ גוטער גערעטעניש, אָדער וועגן די „האָפענונגען" אויף אַ שלעכטער גערעטעניש. אָבער דאָס אַלץ איז אומפאַרמיידלעך אויף דער איצטיקער שטופע פון קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם קאָן דעריבער ניט פאַרטיידיקן זיך, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זיינע ערשטע צייטן, אַז ער איז ראַציאָנאַל; אין די ערשטע צייטן, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז זיין סיסטעם האָט געמיינט די העכסטע אַנטוויקלונג פון נאַטירלעכע אוצרות פאַר דעם העכסטן וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. היינט־צו־טאָג ווערן אַזעלכע אַרגומענטן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַלס אומווירדיקע, מאַטעריאַליס־טישע, אוטיליטאַרישע, — אַרגומענטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאַרגאַנגענעם ניינצנטן יאָרהונדערט, און וואָס זייער פּלאַץ האָט שוין לאַנג פאַרנומען די „גייסטלעכקייט" און דאָס „אויפלעבן פון אידעאַליזם" פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. היינט־צו־טאָג פאַרטיידיקט זיך דער קאַפּיטאַליזם אויף אַ מיסטישן באַזיס. „ראַסע", „נאַציע", „קריסטנטום", „גייסטלעכקייט",„ די מיסטעריע פון פּאַטריאָטיזם", „גלויבן", — דאָס איז די שפּראַך פון די מאָדערנע פאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַליזם און ספּעציעל פון פאַשיזם.

אָט אַזוי, דערקלערנדיק דעם פאַשיזם, רופט זיך אָפּ מוסאָליני מיט פאַראַכטונג צו „דאָקטרינע" און גלאָריפיצירט „גלויבן":

> „עס פעלט אפשר די דאָקטרינע, וועלכע ווערט שיין דעפינירט און געגנוי אויסגעדריקט מיט קעפּ און אונטערקעפּ; איר פּלאַץ האָט געמוזט פאַרנעמען עטוואָס מער באַשטימטעס — גלויבן." (מוסאָליני, „די פּאָליטישע און סאָ־ציאַלע דאָקטרינע פון פאַשיזם", ז. 10.)

דער פילאָזאָף פון פאַשיזם דערקלערט, אַז דער פאַשיסטישער שטאַט איז אַ „לחלוטין גייסטיקע שאַפונג". היטלער דעפינירט דעם שטאַט אַלס אַזוינס, „וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט וועלכן עס איז עקאָנאָמישן באַ־גריף אָדער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג", נאָר

„די אָרגאַניזאַציע פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז האָמאָגען (איינהייט־לעך) אין איר נאַטור און אין איר שטרעבונג אַנצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען איר אייגענעם טיפּ און דורכצופירן דעם שיקזאַל, וואָס איז באַ־שטימט געוואָרן פאַר איר פון גאָט.״ (היטלער, „מיין קאַמף״, ז. 69.)

די פאַשיסטן אין ענגלאַנד, אין זייער קורצער דעפיניציע פון פאַשיזם, דערקלערן:

„מיר גלויבן אין דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע קלאַסן, אין דער סאָלי־דאַריטעט פון אַלע טיילן פון דער נאַציע, און אין גערעכטיקייט. און אויך, אין דער מיסטעריע פון פּאַטריאָטיזם.״ (די „בלעק שווירט״, נומער 34, פון יאָר 1933.)

אָט־דער מין פון „אידעאַלער״, „גייסטיקער״ שפּראַך איז די באַקאַנטע שפּראַך פון אַלע אויסוואורפן, פאַרברעכער, מלחמה־פּראָפיטירער, גענגס־טער, קרויגערס, אל קאַפּאָנים, מאָרגאַנס, מאַקדאָנאַלדס, מוסאָליניס, היטלערס, ראַמאַנאָווס און אַלע, וועלכע לעבן אָפּ דער באַרויבונג פון זייערע מיט־מענטשן און קאָנען ניט קוקן פּנים אל פּנים דער פּשוט׳ער, ראַציאָנאַלער, מאַטעריאַליסטישער באַטראַכטונג פון זייער ראָל און פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט.

וועגן דערהויבן צו דער העכסטער שטופע די מיסטישע „געפילן״ — צי דאָס זיינען נאַציאָנאַלע „געפילן״, רעליגיעזע „געפילן״, ראַסע־„געפילן״ — האָט העגעל געשריבן אַזוי:

„וואָס איז שייך זיינע געפילן, דענקט ער, אַז ער האָט אַ געניגנדיקן ענטפער פאַר די יעניקע, וואָס שטימען מיט אים ניט איין; ער מוז דער־קלערן, אַז ער האָט מער גאָרנישט צו זאָגן צו די מענטשן, וואָס האָבן נישט דעם דאָזיקן געפיל; מיט אַנדערע ווערטער, ער טרעט מיט די פיס די וואָרצלען פון דער מענטשהייט. עס איז נאַטירלעך פאַר אַזעלכע צו זוכן אַן אָפּמאַך מיט אַנדערע, און דאָס עקזיסטירט נאָר אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז געקומען צו אַזאַ באַוואוסטזיין. דאָס אוממענטשלעכע, דאָס ברוטאַלע באַשטייט אין דעם, וואָס מען ווערט געפירט פון געפילן און וואָס מען קאָן זיך צוזאַמענרעדן מיט אַנדערע בלויז דורך געפילן.״

„ער טרעט מיט די פיס די וואָרצלען פון דער מענטשהייט״ — דער דאָזיקער אינהאַלטפולער אויסדרוק קאָן אָנגעווענדעט ווערן אויף אַלע מיסטישע, ניט־ראַציאָנאַלע, אַנטי־הומאַניטאַרישע, אַנטי־אינטערנאַציאָנאַלע ראַסן־אידעאָלאָגיעס פון פאַשיזם. און דער רעזולטאַט אין יעדן פאַל איז דער זעלבער — עס פירט נאָר צו „דאָס אוממענטשלעכע, דאָס ברוטאַלע״.

דער אמת איז, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פֿון פֿאַשיזם איז בעצם דעמאַגאָגיע, וואָס ווערט אָנגעפֿירט ביז איר העכסטער שטופּע פֿון אַנטוויקלונג. מען קאָן ווירקלעך זאָגן, אַז אויב דער מאַרקסיזם שטעלט מיט זיך פֿאָר די אַנט־וויקלונג פֿון סאָציאַליזם פֿון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפֿט, שטעלט דער פֿאַשיזם מיט זיך פֿאָר די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליסטישער דעמאַגאָגיע פֿון דילע־טאַנטסטווע צו אַ וויסנשאַפֿט. נאָך פֿאַר דעם פֿאַשיזם האָבן די פֿאָרלויפֿער פֿון דער איצטיקער צייט, נאָרטקליף, לאָיד דזשאָרדזש, באָטאָמלי, הוירסט און אַנדערע פֿיל אויפֿגעטאָן אַף אָנצואווייזן דעם וועג און אָנצוצייכענען די אַלגעמיינע ליניע און מעטאָדן; אָבער דאָס זיינען נאָך אַלץ געווען מעשים פֿון ניט־סיסטעמאַטישן און אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער און האָבן ניט געלייזט אין גאַנצן די קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכנדיקע פּראָבלעם פֿון אויפֿבויען אַ רעאַקציאָנערע מאַסן־באַוועגונג, וועלכע זאָל זיין „פּאָפּולער" אין פֿאָרם, און ניט־פּאָפּולער אין אינהאַלט. היטלער דריקט אויס זיין דאַנק־באַרקייט צו זיינע פֿאָרגייער, ספּעציעל צו נאָרטקליפֿ'ן, לאָיד דזשאָרדזש'ן און דער פּראָפּאַגאַנדע אין ענגלאַנד אין דער צייט פֿון דער מלחמה, וועלכע ער אָנערקענט אַלס זיין מוסטער און באַוואונדערט איר „פּסיכאָלאָגישע גרויסקייט"; ער באַוואונדערט ספּעציעל דעם געדאַנק פֿון מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען קעמפֿט פֿאַר „דער פֿרייהייט פֿון קליינע נאַציאָנען" אַלס אַ העכערן מאָטיוו צו „פֿירן מענטשן צו זייער טויט", איידער צו דערציילן זיי די אמת'ע צוועקן פֿון מלחמה; ער האָט זייער הויך געלויבט לאָיד דזשאָרדזש'ן אַלס אַ „גרויסן דעמאַגאָג", וואָס זיין „פּרימיטיווקייט" איז פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט פֿאַר דעם פּאָליטישן פּאַרנעם. אין דער אמת'ן אָבער האָט דער פֿאַשיזם איבערגעלאָזן ווייט הינטער זיך די דאָזיקע מוסטערן אין זיין סיס־טעמאַטיזירן דאָס שפּילן אַף יעדן אָפּגעשטאַנענעם געפֿיל, אינסטינקט און אומוויסנהייט אין דער באַפֿעלקערונג, אין זיינע פּרינציפּנלאָזע פּראָגראַמען, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפֿן אַף צו אַפּעלירן צו יעדן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, און פּרעטענדירט ניט אַפֿילו צו זיין אויסגעהאַלטן, און אין זיינע פֿלוצלונג־דיקע ענדערונגען אין דער ליניע, וואָס ווידערשפּרעכן זיינע אייגענע פּראָ־גראַמען.

וואָס איז דעמאַגאָגיע? די הערשנדיקע קלאַסן ווען אָנווענדן דאָס וואָרט „דעמאַגאָגיע" צו יעדן רעוואָלוציאָנערן פֿירער פֿון די מאַסן, וואָס רופֿט זיי צום קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער, ווי אַ לענין אָדער אַ ליבקנעכט, וואָס האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופּע. דאָס איז אַ בולט'ער מיסגעברויך פֿון דער שפּראַך. די באַציאונג פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿירער

צו די מאַסן שטיצט זיך אויף דער שטרענגסטער באַציאונג צו דעם אָביעקטיוון אמת און פאָדערט די אויסגעהאַלטנסטע פאַרטרעטונג פון די אינטערעסן פון דעם מאַסן־קאַמף פאַר דער באַפרייאונג קעגן יעדער אָפּאָזיציע, ווי מעכטיק זי זאָל ניט זיין. פון דער אַנדערער זייט, איז דעמאַגאָגיע די קונסט פון שפּילן אויף די האָפענונגען און דער מורא, אויף די געפילן און דער אומוויסנ־הייט פון די אָרעמע מאַסן, און רופן זיי צו ליידן צו גונסטן די רייכע און מעכטיקע. דאָס איז די נידערטרעכטיקסטע פון אַלע קונסטן. דאָס איז די קונסט פון פאַשיזם.

ווען מען באַטראַכט די פּראָגראַמען פון דעם איטאַליענישן און דייטשן פאַשיזם, זעט מען, ווי אַזוי זיי סיסטעמאַטיזירן דעם דאָזיקן מעטאָד, וועלכער ווערט איצט אַזוי געטריי קאָפּירט פון דעם פאַשיזם אין ענגלאַנד.

ס'איז ניט נויטיק צו באַטראַכטן מוסאָליני'ס פּערזענלעכע פאַרגאַנגענ־הייט, ווען ער האָט אין 1910 דערקלערט, אַז „דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאָטערלאַנד, און אין דער אמת'ן האָט אים אויך ניט די בורזשואַזיע; אין פאַל פון אַ מלחמה וועלן מיר, סאָציאַליסטן, ניט גיין צום פראָנט — מיר וועלן מאַכן אַן אויפשטאַנד אין אונזערע אייגענע גרענעצן"; אָדער ווען ער האָט אין 1912 באַשולדיקט ביסאָלאָטי'ן אין פאַרראַט, ווייל יענער האָט געלויבט דעם קעניג, וועמענס דינער ער איז שפּעטער אַליין געוואָרן. דאָס איז די אַלגעמיינע פאַרגאַנגענהייט פון אַלע קאָרופּטע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאָליטיקער פון מערב־אייראָפּע, פון די מילעראַנס און בריאַנס, פון די מאַקדאָנאַלדס און די סנאָודענס. עס איז מער וויכטיק אָנצופאַנגען מיט דער ערשטער פּראָגראַם פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם אין 1919—1922, איידער ער איז געקומען צו מאַכט.

ווי עס ווייזט אָן דער אָפיציעלער וואָרטזאָגער פון פאַשיזם, פּראָפעסאָר דזש. וואָלפּע (פּראָפעסאָר פון מאָדערנער געשיכטע אין דעם מילאַנער אוני־ווערזיטעט), איז די ערשטע פּראָגראַם פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם געווען „אַ נעבלהאַפטע פּראָגראַם צוערשט . . . עטוואָס דעמאַגאָגיש און רעוואָ־לוציאָנער". זי האָט אַנטהאַלטן אַזעלכע פּונקטן:

> אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע, דעם סענאַט און די אַריסטאָקראַטיע.
>
> איינפירן אַ רעפּובליק און אַלגעמיינע וואַל־רעכט אויף צו דערוויילן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג אַלס אַן איטאַליענישע סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג פון די פעלקער.
>
> אינטערנאַציאָנאַלע אָנטוואָפענונג און דאָס אָפּשאַפן פון דעם געצוואונ־גענעם מיליטערישן דינסט.

קאָנפיסקאַציע פון קירכן-אייגנטום.

קאָנפיסקאַציע פון גרויסע מלחמה-פּראָפיטן און אַן אָפּצאָל אויף קאַפּיטאַל; אָפּשאַפן די בירזשע און אויפלייזן די באַנקען און פאַרזיכערונג-קאָמפּאַניעס.

לאַנד פאַר די פּויערים.

איבערגעבן דעם קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע אין די הענט פון די טרעיד-יוניאָנס און די סינדיקאַטן און טעכניקומס.

דער איטאַליענישער פאַשיזם האָט סיסטעמאַטיש אַפּלאָדירט דאָס פאַר־כאַפּן פון די פאַבריקן מצד די אַרבעטער, די שפּייז־בונטן, סטרייקן, דאָס פאַרכאַפּן דאָס לאַנד מצד די פּויערים, א. ד. גל., און האָט אַרויסגעלאָזט אויפ־רופן אויפצוהעצנגען ספּעקולאַנטן און אַנדערע אַזעלכע מיטלען.

מען דאַרף נאָר אונטערזוכן די דאָזיקע פּראָגראַם פון פאַשיזם אין פאַרגלייך מיט זיינע טאַטן זינט ער איז אין מאַכט, כדי צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעמאַגאָגיע. אין פאַרגלייך מיט פאַשיזם, איז די באַקאַנטע אָפּנאַרעריי פון דעם דורכשניטלעכן פּראָפעסיאָנעלן פּאָליטישן, וואָס זאָגט צו זאַכן, וועלכע ער דענקט אפילו ניט דורכצופירן, אַן אומשולדיקע קינדעריי און כמעט אַן ערלעכער שפּיל. די גאַנצע פּאָליטישע געשיכטע, אָנפאַנגענדיק מיט אַ מאַקיאַוועלי און ביז אַ טעמעני האָל, ווייסט ניט פון קיין זאַכן, וואָס זאָלן קאָנען פאַרגליכן ווערן מיט דער אומערלעכקייט פון פאַשיזם.*)

---

*) ביישפּילן פון אַזאַ דעמאַגאָגיע זיינען דאָ איבערגענוג אויף יעדן שריט און טריט, מען זאָל זיי אַלע אַרויסברענגען דאָ. אָט האָט, צום ביישפּיל, מוסאָליני געשריבן אין דעם „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", דעם 24טן מאַי, 1921 :

„איך וועל ניט דערלויבן, מען זאָל ענדערן דעם פאַשיזם אַזוי, אַז מען זאָל אים ניט קאָנען דערקענען, דורך דעם וואָס מען וועט ענדערן זיינע רעפּובליקאַנישע טענדענצן, ווי איך האָב אים געגרינדעט און ווי ער דאַרף פאַרבלייבן, צו אַ מאָנאַרכיסטישער אָדער נאָך מער צו אַ דינאַסטישער באַ־וועגונג. . . . עס איז ניט דערלויבבאַר צו פּרעדיקן איין זאַך און צו פּראַקטיצירן אַ צווייטע."

און טאַקע אויף דעם צווייטן טאָג, ווען די קאָנטראָלירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע און פּריצישע עלעמענטן האָבן געפאָדערט, אַז ער זאָל צוריקציען די דאָזיקע רע־פּובליקאַנישע דעקלאַראַציע, האָט מוסאָליני גלייך געהאַרכזאַם געשריבן („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", דעם 25טן מאַי, 1921) :

„פאַשיזם איז העכער ווי די מאָנאַרכיע און רעפּובליק. . . . די צוקונפט איז ניט זיכער און דאָס אַבסאָלוטע עקזיסטירט ניט. . . . ווער עס וועט ציען דעם שלוס, אַז דער פאַשיזם שטרעבט צו רעפּובליקאַניזם און באַטראַכט

די פּראָגראַם פון דעם דײַטשן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט איבער־געשטיגן די פּראָגראַם פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם אין איר אומפאַר־שעמטער דעמאַגאָגיע. דאָ, אַף דער העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג, איז פאַר דעם פאַשיזם אין דײַטשלאַנד נויטווענדיק געווען אַרויסצושטעלן דעם ציל פון סאָציאַליזם. די קרופּס און די טיסענס, די דעטערדינגס און די האָהענצאָלערנס האָבן געצאָלט געלט אַף צו פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע פון „סאָציאַליזם". די 25 פּונקטן פון דער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1920, און וועגן וועלכע דער קאָנגרעס האָט אין 1926 דערקלערט, אַז זיי קאָנען ניט „געענדערט ווערן", האָט צווישן אַנדערע אָנגעוויזן די פאָלגנדיקע צילן:

„אָפּשאַפן ניט-פאַרדינטע אײַנקונפטן (11).
„אָפּשאַפן די פּראָצענטן-שקלאַפערײַ (11).
„קאָנפיסקאַציע פון אַלע מלחמה-פּראָפיטן (12).
„נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע טראָסטן (13).
„אַרבעטער זאָלן קריגן די פּראָפיטן פון גרויסע אונטערנעמונגען (14).
„קאָנפיסקירן אָן קאָמפּענסאַציע דאָס לאַנד פאַר קאָמונאַלע צוועקן (17).
„טויט-שטראָף פאַר פּראָצענטניקעס און פּראָפיטירער (17)."

די באַדײַטונג פון אָט־די אַלע הויך־קלינגענדיקע „רעוואָלוציאָנערע" און „סאָציאַליסטישע" צילן איז אומיסטן געמאַכט געוואָרן ניט קלאָר. מען דער־ציילט, אַז צוויי ערנסטע סטודענטן און אָנהענגער פון דעם נאַציאָנאַל־

פאַר דער גרעסטער וויכטיקייט אײַנצופירן אַ רעפּובליק, באַווייזט נאָר אַז ער פאַרשטייט ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך."

וועגן דער פראַגע פון רעליגיע האָט מוסאָליני געשריבן דעם 3טן אַפּריל, 1921:

„פאַשיזם איז דער שטאַרקסטער פון אַלע אפּיקורסות, וואָס קלאַפּן אין די טירן פון די קירכן. . . . אַ סוף צו די אַלע טעמפּלען, וואָס זײַנען פאַר־אורטיילט צו פאַרניכטונג; ווײַל אונזער טריאומפירנדיקע אפּיקורסות איז באַשטימט צו באַלײַכטן אַלע הערצער און אַלע מוחות."

אין זײַן קאַפּיטל וועגן פאַשיזם אין דער ענציקלאָפּעדיע האָט ער געשריבן אין 1932:

„אין דעם פאַשיסטישן שטאַט ווערט רעליגיע באַטראַכט ווי איינער פון די טיפסטע אויסדרוקן פון דעם מענטשלעכן גייסט און ווערט דעריבער ניט נאָר רעספּעקטירט, נאָר אויך באַשיצט."

מען וואָלט געקאָנט געבן אַזעלכע בײַשפּילן אָן אַ שיר, און אַזעלכע בײַשפּילן זײַנען וויכטיק אַלס אַ באַווײַז, אַז דער פאַשיזם קאָן ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ פּאָליטישע טעאָריע, נאָר בלויז אין טערמינען פון זײַן דינסט דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

סאָציאַליזם האָבן געבעטן געבעלס זאָל זיי געבן אַ דערקלערונג וועגן דעם עלפטן פונקט, וועגן „אָפּשאַפן פּראָצענטן־שקלאַפעריי", און ווי אַזוי דאָס וועט דורכגעפירט ווערן. אַף דעם האָט געבעלס געענטפערט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס וועט „אָפּגעשאַפט ווערן", וועלן זיין די קעפּ, וואָס זוכן דאָס צו פאַרשטיין.

אַן „אינטערפּרעטאַציע" איז אָבער שפּעטער נויטיק געווען בנוגע איין פונקט, און דאָס איז דער זיבצנטער פונקט וועגן קאָנפיסקירן דאָס לאַנד אָן קאָמפּענסאַציע. ווי עס זעט אויס, האָט דער דאָזיקער פונקט אָנגעשראָקן איינע פון די נאַרישערע פּריצים, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי גאַראַנטירן שוואַרץ אַף ווייס, אַז מען וועט דאָס ניט דורכפירן. אָבער די קליגערע קעפּ פון גרויס־קאַפּיטאַל און פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָבן זיך גאָרניט געשראָקן פאַר די פונקטן וועגן „נאַציאָנאַליזירן אַלע טראָסטן", „אָפּשאַפן ניט־פאַרדינטע איינקונפטן" און „טויט־שטראָף פאַר פּראָפיטירער". די „ניט־געענדערטע" פּראָגראַם איז דעריבער אין 1928 צוגעשטוקעוועט געוואָרן מיט אַזאַ דערקלערונג:

„מען מוז ענטפערן אַף דער פאַלשער אינטערפּרעטאַציע מצד אונזערע קעגנער צום זיבצנטן פונקט פון דער פּראָגראַם.

„אַזוי ווי די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע דייטשע אַרבעטער-פּאַרטיי אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט-אייגנטום, איז קלאָר, אַז דער אויסדרוק 'קאָנפיסקירן אָן קאָמפּענסאַציע' האָט אין זינען די מעגלעכע לעגאַלע מאַכט צו קאָנפיסקירן אויב נויטווענדיק לאַנד, וואָס איז אומלעגאַל צוגענומען געוואָרן און וואָס ווערט פאַרוואַלטעט ניט אין איינקלאַנג מיט דעם נאַציאָנאַלן וואוילזיין. דער פונקט איז געצילט קודם כל קעגן די אידישע קאָמפּאַניעס, וואָס ספּעקולירן מיט לאַנד."

אָט אַזאַ אָפיציעלע „אינטערפּרעטאַציע" רעדט גענוג וועגן דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער פּראָגראַם.

אין דער זעלבער צייט האָט מען געמוזט אויך פון צייט צו צייט געבן פאַקטישע פאַרזיכערונגען צו די צופרידענע קאַפּיטאַליסטן. אַזאַ מין אָפיציעלער בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דער פּאַרטיי־פירערשאַפט פון דרעזדען צו אַ קאַפּיטאַליסט אין ווייסאַר, וועלכער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן פינאַנציעלע שטיצע צוליב דער „אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע", און וועמען מען האָט אָפיציעל דערקלערט, אַז ער דאַרף ניט זיין אַלאַרמירט דורך די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע „לאָזונגען", ווייל זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָר צוליב „דיפּלאָמאַטישע סיבות", — אַזאַ בריוו איז

אין 1930 אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַצי־קעגנער און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָט וואָס אין אים ווערט געשריבן:

„לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון דעם טעקסט פון אונזערע אַפּישן. . . . עס פאַרשטייט זיך, אַז אין זיי זייגען דאָ אַזעלכע לאָזונגען, ווי 'ניִדער מיט דעם קאַפּיטאַליזם' א. ד. גל. ; אָבער זיי זייגען אומצווייפלהאַפט נויטווענדיק, ווייל אונטער דעם פלאַג פון 'נאַציאָנאַל' אָדער 'דייטשן נאַציאָנאַל' אַליין, מוזט איר וויסן, וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געקאָנט דערגרייכן אונזער ציל, וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין צוקונפט. מיר מוזן רעדן די שפּראַך פון די פאַרביטערטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער. . . . אַניט וועלן זיי זיך ניט פילן מיט אונז אין דער היים. צוליב דיפּלאָמאַטישע אורזאַכן טרעטן מיר אַרויס מיט אַ דירעקטער פּראָגראַם.“ (אַ בריוו פון דעם דרעזדענער פּאַרטיי־פירער צו דעם פאַבריקאַנט פריטשע פון ווייםאַר, איבערגעדרוקט אין מאָורער'ס בוך, „דייטשלאַנד רוקט דעם ווייזער צוריק“, ז. 150.)

דער דאָזיקער בריוו גיט די נויטיקע באַלייכטונג, מען זאָל מער ניט דאַרפן דערקלערן די ווירקלעכע מיינונג פון פאַשיסטישער „דעמאַגאָגיע“ און איר צוועק.

3. קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם, און דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט

„פאַשיזם אונטערשיידט זיך פון סאָציאַליזם הויפּטזאַכלעך אין דעם — וואָס אין דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט וועט איר בלייבן אין באַזיץ פון אייערע געשעפטן.“ (די „פאַשיסט וויק“, יאַנואַר 19טן, 1934.)

דער פאַשיזם זוכט צו פּרעזענטירן זיך פאַר אַ דריטן אויסוועג, וואָס אונטערשיידט זיך סיי פון קאַפּיטאַליזם און סיי פון סאָציאַליזם. פאַר די אַרבעטער באַהויפּטעט דער פאַשיזם, אַז ער פאַרטיידיקט ניט דעם קאַפּיטאַליזם. פאַר די באַלעבאַטים באַהויפּטעט ער, אַז ער פאַרטיידיקט ניט דעם סאָציאַליזם. ער איז אָבער זייער ניט קלאָר אין זיין פּאָזיציון באַגריף. ערשט נאָך עטלעכע יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער איטאַליענישער פאַשיזם אויסגעאַרבעט די פאָרמולע פון דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט“, וועלכער האָט געזאָלט אָנדייטן זיין ציל. דער דייטשער פאַשיזם האָט אויסגעאַרבעט די פאָרמולע פון „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם“. די דאָזיקעביידע פאָרמולעס זיינען געצילט אַף אָנצודייטן דעם כלומרשטן „דריטן אַלטערנאַטיוו“ צום קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם.

דער דאָזיקער כלומרשטער „דריטער אַלטערנאַטיוו“, — דער פאַרפירערישער חלום פון דער קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע זינט דער אַנט־

וויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און דעם קלאַסן־קאַמף, — פאַרבלייבט אַ מיף און קאָן קיינמאָל ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ מיף. ער איז אין דער ווירקלעכקייט ניט מער ווי אַ ווידערהאָלונג פון דעם אַלטן קליינבירגערלעכן חלום וועגן אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, וואָס האָט ניט קיין קלאַסן־ווידערשפּרוכן און קיין קלאַסן־קאַמף, וועלכער ווערט אָבער איצט באַנוצט אַף צו פאַרדעקן אין דער ווירקלעכקייט דעם שרעקלעכסטן צוואַנגס־קלאַסן־שטאַט און קלאַסן־אונטערדריקונג. דער „קאָרפּאָראַטיווער שטאַט" איז אין דער ווירקלעכקייט דער דורכזיכטיער מאַסקאַראַדן־קאָסטיום פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, מיט אַן אַנטוויקלטער שטאַט־אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע און אַ פולשטענדיקער אונטערדריקונג פון יעדער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און רעכט.

עקאָנאָמיש קאָן בלויז זיין קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם אין די באַדינגונגען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכע שטיצט זיך אַף דער אינדוסטריע פון אַ גרויסן מאַסשטאַב. וואָס איז קאַפּיטאַליזם? קאַפּיטאַליזם צייכנט זיך אויס מיט (1) פּראָדוקציע פאַר פּראָפיט, (2) קלאַסן־אייגנטום פון די פּראָדוקציע־מיטלען, (3) אין אָנשטעלן פאַר שכירות אַרבעטער, וועלכע זיינען באַרויבט פון אייגנטום. וואָס איז סאָציאַליזם? סאָציאַליזם צייכנט זיך אויס מיט (1) דאָס אַלגעמיינע אייגנטום פון די פּראָדוקציע־מיטלען בא די אַרבעטער, וועלכע שטעלן צוזאַמען די גאַנצע געזעלשאַפט, (2) פּראָדוקציע פאַר דעם געברויך. די היינט־צייטיקע, וואולגאַרע געשפּרעכן מצד בורזשואַזע זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער וועגן דעם, אַז „היינט־צו־טאָג פאַרשווינדט די אונטערשיידונגס־ליניע צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם", באַזירט זיך בלויז אַף דער מיספאַרשטענדעניש וועגן דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע באַטראַכט דעם איצטיקן קאַפּיטאַליזם נאָך אַלץ פאַר דעם אַלטן ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם פון אַ קליינעם מאַסשטאַב, אָדער אַף דעם אינדיווידואַליזם פון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט, אין דער צייט וואָס דער סאָציאַליזם ווערט באַטראַכט פאַר אַן אַריינמישונג פון דעם שטאַט.

דעריבער ווערן באַשריבן אַלס „סאָציאַליזם" די זייער טיפּישע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אָדער אימפּעריאַליזם מיט דער פאַרשטאַרקטער ראָל פון דעם שטאַט און זיין אָרגאַניזאַציע, אין דער צייט וואָס די ווירקלעכקייט פון געדונגענער אַרבעט פאַר פּראָפיטן און קלאַסן־צעטיילונג בלייבט ניט־געענדערט אָדער אַפילו פאַרשטאַרקט. די דאָזיקע פאַרפּלאָנטערונג, וואָס מערקט זיך סיי אין דער קאַפּיטאַליסטישער, סיי ליבעראַליסטישער און סיי פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע, און וועלכע איז די

נעסט פאַר אַלע דעמאַגאָגישע פּאַרזוכן פון פאַשיזם צו באַהאַלטן זיין קאַפּי־טאַליסטישן כאַראַקטער, ווייזט זיך אַרויס פאַר אוממעגלעך, ווי נאָר מען פאַרשטייט דעם קלאַסן־אַנאַליז פון קאַפּיטאַליזם.

די אַלע אונטערזוכונגען, וואָס מיר האָבן ביז איצט געמאַכט, באַווייזן, אַז פאַשיזם איז עקאָנאָמיש דאָס זעלבע וואָס קאַפּיטאַליזם און שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ ספּעציעלן מעטאָד אויף אָנצוהאַלטן זיין מאַכט און צו אונטערדריקן די אַרבעטער. פאַשיזם איז אַ געזעלשאַפט געבויט אויף פּראָפיטן, איז אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, איז אַ געזעלשאַפט באַזירט אויף עקספּלואַטאַציע. סיי אין איטאַליע און סיי אין דייטשלאַנד ווערט די פּראָדוקציע אָנגעפירט פאַר פּראָפיטן; די פּראָדוקציע־מיטלען זיינען דאָס אייגנטום פון אַ קליינער מינאָריטעט, וואָס אירע הויכע שיכטן קריגן אַרויס גרויסע איינקונפטן דורך דעם, וואָס זיי זיינען די אייגנטימער; די מאַסע אַרבעטער זיינען אָפּגעשניטן פונעם אייגנטום און אַרבעטן פאַר שכירות, פּראָדוצירנדיק מערוועדט פאַר די אייגנטימער, אָדער ווערן איבערגעלאָזן אַרבעטלאָז, ווען עס לוינט זיך זיי ניט צו באַשעפטיקן. דאָס אַלץ זיינען כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם קאַפּיטאַליזם אין אַלע לענדער, פּונקט ווי עס איז דער קריזיס, די דעפּרעסיע, די פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע און מאַסן אַרבעטלאָזיקייט. די פאַשיסטישע לענדער אונטערשיידן זיך אין דעם ניט אין וועלכן עס איז זין פון אַנדערע לענדער. די פאַשיסטישע איטאַליע און דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד זיינען ניט אין אַ בעסערן צושטאַנד, ווי דאָס ניט־פאַשיסטישע פראַנקרייך און ניט־פאַשיסטישע ענגלאַנד (אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי אַפילו אין אַן ערגערן צושטאַנד, אָבער צוליב סיבות, וועלכע זיינען ניט נויטווענדיק פאַרבונדן מיט דעם פאַשיזם); עקאָנאָמיש זיינען זיי אַלע פּונקט אַזוי אויף צרות ווי דער גאַנצער קאַפּיטאַליזם איז אויף צרות. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס אונטערשיידט זיך פון זיי, איז דאָס לאַנד פון סאָציאַ־ליסטישער בויאונג, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו אַרבעטלאָזיקייט און האָט אַ ריזיקן וואוקס פון דער פּראָדוקציע, אין דער צייט וואָס די פּראָדוקציע איז שרעקלעך געפאַלן אין אַלע פאַשיסטישע לענדער ווי אויך אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מען מוז פון סאַמע אָנפאַנג אונטערשטרייכן די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאַקטן, נאָך איידער מען נעמט זיך גענויער באַטראַכטן די ספּעציפישע עקאָ־נאָמישע אינסטיטוציעס פון פאַשיזם, טאַקע דערפאַר וואָס די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע איז אַזוי חוצפה'דיק אין אירע באַהויפּטונגען, האַלט אין איין אָפּלייקענען דעם קאַפּיטאַליסטישן באַזיס פון פאַשיזם און צעטומלט

די יעניקע, וואָס נעמען אָן ווערטער פאַר פאַקטן. מען וועט דעריבער מוזן א ביסל געגויער באַטראַכטן — ערשטנס, די פאַשיסטישע ליניע פון אָפּרופן זיך וועגן קאַפּיטאַליזם; צווייטנס, די פאַשיסטישע ליניע פון אָפּרופן זיך וועגן „סאָציאַליזם" אין דעם ביישפּיל פון דעם „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם"; און ענדלעך, די פּאָזיטיווע עקאָנאָמישע פּרינציפּן און די פּראַקטיק פון פאַשיזם, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט, אָדער אין דעם דייטשן געזעץ וועגן אַרבעט.

די פאַשיסטישע ליניע פון באַטראַכטן דעם קאַפּיטאַליזם צייכנט זיך אויס מיט אירע אויסגעווײַנלעכע ווידערשפּרוכן. לויט היטלער'ן, איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי „קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם". ער שרייבט:

„עס עקזיסטירט ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. די באַלעבאַטים האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט דורך זייער אַרבעטזאַמקייט און פּראָדוקטיווקייט. און צוליב די דאָזיקע פאַרדינסטן, וועלכע באַווייזן, אַז זיי געהערן צו אַ העכערן טיפּ, האָבן זיי דאָס רעכט צו פירן. יעדער פירער פון אינדוסטריע וועט פאַרבאָטן וועלכע עס איז אַרײַנמישונג מצד אַ פאַבריק-ראַט."

אָבער לויט מוסאָליני'ן, ווי ער האָט אָנגעוויזן אין זיין רעדע צו דעם ראַט פון פאַבריקאַנטן דעם 1טן נאָוועמבער, 1933, איז דער איצטיקער קריזיס אַן „אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם". ער גיט אַזאַ דעפיניציע פאַר קאַפּיטאַליזם:

„קאַפּיטאַליזם אין זיין העכסטער אַנטוויקלטער פאָרם איז אַ מאַסן-פּראָדוקציע פאַר מאַסן-געברויך, ווערט פינאַנסירט נאַציאָנאַל און אינטער-נאַציאָנאַל פון אַן אַנאָנימען קאַפּיטאַל."

נאָך דעם, ווי ער האָט געגעבן אַזאַ גלענצנדיקע דעפיניציע פון קאַפּי־טאַליזם אין דעם זין פון „קאַפּיטאַל" (ער איז געצוואונגען צו פּלפּול'ן זיך אַזוי, ווייל ווען ער וואָלט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנאַליזירן קאַפּיטאַל, וואָלט ער געצוואונגען געווען אויפצודעקן דעם קאַפּיטאַליסטישן באָדן פון פאַשיזם), ווייזט ער אָן דריי פּעריאָדן פון קאַפּיטאַליזם: דעם פּעריאָד פון פרייער קאָנקורענץ, צווישן 1830 און 1870; דעם „סטאַטישן" אָדער „אומ־באַוועגלעכן" פּעריאָד פון די גרויסע טראָסטן, צווישן 1870 און 1913; און דעם פּעריאָד פון „דעקאַדענץ" זינט דער מלחמה. (דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ זייער געפּעלשטן און צעקאַליעטשעטן אויסדרוק, וואָס איז געלאַטכנט געוואָרן פון לענינ'ס „אימפּעריאַליזם".) און נאָכדעם שטעלט ער די פראַגע:

„דער קריזיס, וואָס האָט אונז געהאַלטן אין זיין קלעם פיר יאָר צייט — איז דאָס אַ קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אָדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם?"

און ער קומט צום שלוס, אַז דער קריזיס, וועלכער האַלט „אונז" (דאָס פאַשיסטישע איטאַליע) אין זיין קלעם פאַר פיר יאָר, איז „אַ קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם" (וועלכע, ווי היטלער זאָגט, עקזיסטירט ניט). אָבער נאָכדעם ווי ער גיט צו אָט־דעם וויכטיקן פאַקט, מאַכט ער פאַרזוכן צו אַרגומענטירן, אַז איטאַליע איז „ניט קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד". אָף וואָס שטיצט ער אַזאַ מין אַרגומענט? דאָס זוכט ער צו באַווייזן דערמיט, וואָס אין איטאַליע איז די מאַיאָריטעט באַשעפטיקט מיט אַגריקולטור און אין דער קליינער אינדוסטריע (פּונקט ווי דאָס וואָלט געמאַכט אַן אונטערשייד פאַר דער הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, וועלכער ווייסט גאַנץ גוט ווי אַזוי אויסצוזויגן דאָס בלוט פון די אַרבעטער, ניט נאָר פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער, נאָר אויך פון די פּויערים און באַלמעלאָכעס). נאָר ווען מען זאָל אָננעמען, אַז די דאָזיקע סטרוקטור מאַכט איטאַליע „ניט־קאַפּיטאַליסטיש", איז אָט־די דאָזיקע סטרוקטור געווען אין איטאַליע אויך פאַר דעם פאַשיזם, און מען מוז דערפון דרינגען, אַז איטאַליע איז געווען „ניט־קאַפּיטאַליסטיש" אויך פאַר דעם פאַשיזם. אָבער אויב איטאַליע איז געווען „ניט־קאַפּיטאַליסטיש" פאַר דעם פאַשיזם, וואָס־זשע איז זי געווען? ער קאָן ווידער ניט געבן קיין ענטפער, וועלכער זאָל ניט אונטערגראָבן זיין גאַנצן פאַרזוך אַרויסצושטעלן דאָס פאַשיסטישע איטאַליע פאַר אַ לאַנד, וואָס אונטערשיידט זיך אין זיין בעצם קאַפּיטאַליסטישן באַזיס פון איטאַליע פאַר דעם פאַשיזם. ענדלעך, אַרגומענטירט ער, אַז אַזוי ווי דער קאָרפּאָראַטיווער סיסטעם איז ניט געלונגען אַרויסצוראַטעווען איטאַליע פון דעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, „וועלכער האָט אונז געהאַלטן אין זיין קלעם פיר יאָר", דעריבער קאָן מען רעקאָמענדירן די קאָרפּאָראַטיווע סיסטעם צו אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, כדי צו ראַטעווען זיי אויך:

> „מיר קומען צו דער לעצטער פראַגע: קאָן דער קאָרפּאָראַטיווער פּרינציפּ אָנגעווענדעט ווערן אין אַנדערע לענדער? וועגן דעם קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין. אַזוי ווי עס איז דאָ אַן אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, איז נויטווענדיק, אַז דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט זאָל זיין די לייזונג אין אַנדערע לענדער."

אָבער אין אַזאַ פאַל וואָלט ער באַדאַרפט באַווייזן, אַז „די לייזונג דורך דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט" איז אָנגעווענדט געוואָרן אין איטאַליע, וועלכע האָט געליטן פון דעם קריזיס פּונקט אַזוי שטאַרק ווי וועלכע עס איז אַנדער קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. אָבער ווען דער קריזיס האָט אויסגעבראָכן אין

איטאַליע אין 1929-1930, וואָס איז געווען זיין ליניע? האָט ער דעמאָלט געזאָגט, אַז „די לייזונג דורך דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט" וועט ראַטעווען איטאַליע? פֿאַרקערט, ער האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס פֿאַשיסטישע איטאַליע איז הילפֿלאָז צו טאָן עפּעס מער קעגן דעם קריזיס ווי וועלכע עס איז אַנדער קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. אין זיין רעדע דעם 1טן אָקטאָבער, 1930, האָט ער דערקלערט:

> „די לאַגע איז געוואָרן באַדייטנד ערגער איבער דער גאַנצער וועלט, איטאַליע אַריינגערעכנט. . . . דער שטאַט קאָן ניט טאָן קיין נסים. אַפילו מר. הואווער, דער שטאַרקסטער מאַן אין דער וועלט אין דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט, האָט ניט באַוויזן איינצושטעלן באַ זיך אָרדענונג."

„דער שטאַט" (ד. ה. דער פֿאַשיסטישער שטאַט) „קאָן ניט טאָן קיין נסים". ער קאָן ניט האָפן צו טאָן מער ווי אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. גאַנץ ריכטיק און דעם מאָל — גאַנץ אָרנטלעך. אָבער אויב אַזוי, איז וואָס מכח דער חוצפּה'דיקער גאוה פונעם פֿאַשיזם, און דער כלומרשטער עמאַנציפּאַציע פון קאַפּיטאַליזם פון זיינע ווידערשפּרוכן מיט דער הילף פון פֿאַשיזם?

עס איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן פֿאַרפּלאָנטערטע באַהויפּטונגען און זעלבסט-ווידערשפּרוכן (מען וואָלט דאָ געקאָנט געבן אַ מאַסע ביישפּילן פון אַזעלכע באַהויפּטונגען מצד די אָנגעזעענסטע פֿאַשיסטישע פירער אין אַלע לענדער), און מען מאַכט אַפילו ניט קיין פֿאַרזוך צו דענקען ערנסט. לאָמיר זיך איצט אומקערן צו דער פֿאַשיסטישער ליניע וועגן „סאָציאַליזם". מוסאָליני ווייזט אָן אין זיין רעדע דעם 13טן פעברואַר, 1933, אַז „סאָציאַלזים" איז פֿאַרדאַמט אַלס אַ שעדלעכע זאַך, ווייל עס איז „די ביוראָקראַטיזאַציע" פון דער ווירטשאַפֿט. לויט דעם דייטשן פֿאַשיזם, איז סאָציאַליזם דער אידעאַל, אויב ער איז „נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם". אָבער וואָס פֿאַרשטייען זיי אונטער דעם וואָרט „סאָציאַליזם"? די דעפיניציע, וואָס עס גיט דער דייטשער פֿאַשיזם, ברענגט אַרויס אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן.

דער דרייצנטער פּונקט אין דער אָפיציעלער פֿאַרטיי-פּראָגראַם פֿאָדערט „די נאַציאָנאַליזירונג פון די טראָסטן". אָבער דער אָפיציעלער טעאָרעטישער עקאָנאָמיקער פון דער פֿאַרטיי, פעדער, דערקלערט אין זיין מאַניפעסט וועגן דער אונטערדריקונג פון פּראָצענטן-שקלאַפֿעריי:

> „יעדער ערלעכער פּאָליטיקער ווייסט, אַז אַלגעמיינע סאָציאַליזאַציע באַדייט אַן עקאָנאָמישן חורבן און דעם אַבסאָלוטן באַנקראָט פונעם שטאַט. אונזער לאָזונג מוז זיין ניט 'סאָציאַליזאַציע', נאָר פֿאַרקערט, דעסאָציאַליזאַציע."

אין זיין קליינעם „א־בע־צע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן" באַהויפּטעט געבעלס:

„די סאָציאַליזאַציע פון אַלע פּראָדוקציע-מיטלען איז אַבסאָלוט אומ-דערגרייכבאַר."

אין אַ רעדע, וואָס פעדער האָט געהאַלטן אין האַמבורג דעם 15טן דעצעמבער, 1933, פאַר אַ גרופּע געשעפטסלייט, וועלכע האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט, האָט ער דערקלערט, אַז „דער שטאַט דאַרף ניט אַריינטרעטן אַלס אַ קאָנקורענט אין געשעפטן", און האָט דערצו נאָך באַמערקט, „שרעקט זיך ניט, אייערע אונטערנעמונגען וועלן ניט נאַציאָנאַליזירט ווערן".

אויב אַזוי, איז אין וואָס־זשע באַשטייט דער „סאָציאַליזם"? עס קומען דאָ געווע דערקלערונגען. רעדנדיק אַף דער ראַדיאָ פאַר זיין פּאַרטיי, האָט גרעגאָר שטראַסער דעם 1טן יוני, 1932, געגעבן אַזאַ גענויע דערקלערונג:

„אונטער סאָציאַליזם פאַרשטייען מיר מאָסמיטלען מצד דער רעגירונג פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם יחיד אָדער פון דער גרופּע קעגן וועלכער עס איז עקספּלואַטאַציע. דאָס איבערנעמען מצד דעם שטאַט די אייזנבאַנען, און מצד די שטאָט-פאַרוואַלטונגען טראַמוויען, עלעקטרישע סטאַנציעס און פאַבריקן; דאָס באַפרייען די פויערים דורך בּאַראָן פאָן שטיין און דאָס איינפירן די צעך-סיסטעם אין דעם שטאַט; די פּרייסישע אָפיצערן-סיסטעם פון דערוויילן מענטשן אַף עמטער פאַר זייערע פאַרדינסטן; די ערלעכקייט פונעם דייטשן באַאַמטן; די אַלטע ווענט, די שטאָט-ראַט געביידע, דער קאַטעדראַל פון דער פרייער שטאָט — דאָס אַלץ זיינען אויסדרוקן פון דעם דייטשן סאָציאַליזם ווי מיר באַגרייפן אים און לויט אונזערע פאָדערונגען."

נאָכדעם ווי דער „סאָציאַליזם" האָט דורכגעמאַכט אַלע סטאַדיעס פון פאַביאַניזם, מיט אַ צומיש פון „צעכן", קומט ער איצט ענדלעך צו זיין רו אַף דעם פעסטן באָדן פון „די אַלטע ווענט", „דעם קאַטעדראַל", און „דער סיסטעם פון די פּרייסישע אָפיצערן".

אין זיין בראָשור „פּרייסן מוז ווערן ווידער פּרייסיש" איז געבעלס נאָך מער אויסדריקלעך:

„סאָציאַליזם איז פּרייסנטום. דער באַגריף 'פּרייסנטום' איז דאָס זעלבע, וואָס עס מיינט סאָציאַליזם."

און אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מזרח־פּרייסן, האָט ער דערקלערט:

„אונזער סאָציאַליזם איז דער, וועלכער האָט באַגייסטערט די קעניגן פון פּרייסן און וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם גאַנג פון די פּרייסישע גרענאַדיר-פּאָלקן; אַ סאָציאַליזם פון פליכט."

ווי אַזוי קאָן מען זיך דאָ ניט דערמאָנען מאַרקס'עס דערקלערונגען וועגן „דייטשן סאָציאַליזם" (ניט געקוקט אַף אַלע אונטערשיידן) כמעט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק:

„דער דייטשער סאָציאַליזם באַטראַכט פאַר זיין באַרוף צו זיין דער באַבאַסטישער פאַרטרעטער פון דעם קליינבירגערלעכן פיליסטער.

„ער האָט דערקלערט, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז דאָס מוסטער־פאָלק און אַז דער דייטשער קליינבירגערלעכער פיליסטער איז דער טיפּישער מאַן. יעדער טיפּישער געמיינהייט פון דעם דאָזיקן מוסטער־מאַן האָט ער געגעבן אַ פאַרבאָרגענע העכערע 'סאָציאַליסטישע' דערקלערונג, וועלכע איז פּונקט קאַפּויר צו זייןווירקלעכן כאַראַקטער. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אַרויסטרעטן דירעקט קעגן דער 'ברוטאַל־צעשטערנדיקער' טענדענץ פון קאָמוניזם און דערקלערן, אַז ער איז העכער און אומפּאַרטייאיש פון אַלע קלאַסן־קאַמפן."

אָבער דער דאָזיקער אַלטער „דייטשער סאָציאַליזם", וועלכן מאַרקס האָט אַזוי צעטרייבערט, איז געווען דער נאָבעלסטער אידעאַליזם אין פאַרגלייך מיט דעם באַוואוסטזיניקן און אָפענעם שמוץ פון דעם „דייטשן סאָציאַליזם" פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פון די שטיוול־לעקער פון רעאַקציע, און די מערדער פון די אַרבעטער, וועלכע באַפּוצן דעם פאַרהאַסטן פּרייסישן מיליטאַריסטישן אַבסאָלוטיסטישן פּגר אַלס „סאָציאַליזם". עס איז קלאָר, אַז די פאַשיסטישע באַגריפן וועגן „סאָציאַליזם" פאַרדינען נאָך ווייניקער אַן ערנסטע דיסקוסיע ווי זייערע באַגריפן וועגן „קאַפּיטאַליזם". עס בלייבט נאָך איבער צו באַטראַכטן זייער כלומרשט „נייע" און „מערקווירדיקע" פּראָגראַם: דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט, „דעם גרעסטן קאָנסטרוקטיוון באַגריף, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט ווען עס איז געהאַט" (מאָזלי).

וואָס איז דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט?

דער וויכטיקסטער אָפיציעלער דאָקומענט פון פּרינציפּן, דער איטאַליענישער אַרבעטער־געזעץ, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1927, ווייזט אָן דאָס פאָלגנדע (פּאַראַגראַף 7):

„דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט באַטראַכט, אַז אַף דעם געביט פון פּראָדוקציע איז די פּריוואַטע איניציאַטיווע דער העכסט־עפעקטיווער און ווערטפולער אינסטרומענט אין די אינטערעסן פון דער נאַציע.

„אַזוי ווי אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג איז אַ פונקציע פון נאַציאָנאַלער באַדייטונג, איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אונטערנעמונג פאַראַנטוואָרטלעך צום שטאַט פאַר דער פאַרוואַלטונג פון איר פּראָדוקציע. דעפאַר, וואָס די עלעמענטן פון דער פּראָדוקציע (אַרבעט און קאַפּיטאַל) זיינען

קאָאָפּעראַטאָרס אין אַן אַלגעמיינער אונטערנעמונג, גיט די אונטערנעמונג יעדן איינעם פון זיין געוויסע רעכטן און געוויסע פליכטן. דער אַרבעטער, צי דאָס איז אַ ניט-געשולטער אַרבעטער, אַן אָנגעשטעלטער, צי אַ געשולטער אַרבעטער — איז אַן אַקטיווער קאָלאַבאָראַטאָר (מיטאַרבעטער) אין דער עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרוואַלטונג ליגט אַף דעם באַלעבאָס."

די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען זייער גוט באַקאַנט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

פאוסטאָ פּיטיליאַני'ס „דער איטאַליענישער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט" (וועלכער איז געשריבן געוואָרן „אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דעם מיניסטעריום פון קאָרפּאָראַציעס") דערקלערט:

„די אידייע וועגן דער אויבערמאַכט פון דעם שטאַט און נאַציאָנאַלער איינִיקייט איז דער הויפּט באַגרינדונג-באַזיס פאַר דער פאַשיסטישער טעאָריע וועגן רעגירונג...

„פּאַראַלעל צו דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם פּרינציפּ דאַרף מען באַמערקן אַן אַנדער באַגריף אין דער שטאַט-סיסטעם, וועלכע דער פאַשיזם זוכט אויפצובויען, און דאָס איז — די עקאָנאָמישע קאָלאַבאָראַציע פון די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין דער פּראָדוקציע.

„די דאָזיקע נייע עקאָנאָמישע אָפּנייגונג, קאָן מען זאָגן, געפינט זיך ערגעץ צווישן דעם ליבעראַליזם . . . און קאָמוניזם...

„אָפיציעל זיינען די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון פּראָדוצירער פאַרטראָטן פון פאַרשיידענע פאַך-אַסאָציאַציעס.... די דאָזיקע פאַך-אַסאָציאַציעס, וועלכע באַשטייען אויסשליסלעך פון באַלעבאַטים, צי פון אַרבעטער, צי פון פּערזאָנען וואָס געהערן צו איינער אָדער דער צווייטער ליבעראַלער פּראָפעסיע, זיינען גרופּירט אין קאָרפּאָראַציעס פאַר דעם צוועק צו פאַרטיידיקן און אַנטוויקלען געוויסע ספּעציפישע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. די דאָזיקע באַראַטונג-קערפּערשאַפטן זיינען אָרגאַנען פונעם שטאַט, און זיי נעמען אַריין אין זיך אַליין עלעמענטן, וואָס זיינען פאַרנומען אין אַ געוויסן צווייג פון דער פּראָדוקציע, דאָס הייסט, קאַפּיטאַל, אַרבעט, און טעכנישע פאַרוואַלטונג. טאַקע צוליב דעם כאַראַקטער פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס — וואָס איז אַזאַ מערקווירדיקער שטריך פון דער נייער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אָרדענונג אין איטאַליע — שטאַמט דער נאָמען 'קאָרפּאָראַטיוו', וועלכער דאַרף אָנווייזן, מיט וואָס דער פאַשיסטישער שטאַט צייכנט זיך אויס פון אַלע אַנדערע טיפּן פון שטאַט."

אין זיין בוך, „דער עקאָנאָמישער גרונטבאָדן פון פאַשיזם" (1933), באַשרייבט פּאול איינציג דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט אַלס „אַ נייע עקאָנאָמישע

סיסטעם, וואָס אונטערשיידט זיך פונדאַמענטאַל פון דעם ליבעראַלן קאַפּי־טאַליזם און פון דעם קאָמוניזם״:

„אין דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט ווערט פּריוואַט־אייגנטום רעספּעקטירט פּונקט אַזוי, ווי אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד. אין אים איז ניטאָ קיין עקספּראָפּריאַציע אָן קאָמפּענסאַציע. דער שטאַט האָט אָבער דאָס רעכט צו באַגרענעצן און אָנצופירן מיט דעם געברויך פון די פּראָדוקציע־מיטלען און אַריינצומישן זיך אין דעם פּראָצעס פון פאַרטיילן פּראָדוקטן אין איינקלאַנג מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן. ער שטעלט זיך ניט דעם ציל צו באַזיצן די פּראָדוקציע־מיטלען, מער ווי דאָס טוט וועלכער עס איז קאַפּיטאַליסטישער שטאַט. פּריוואַט־אייגנטום איז דער כּלל, און שטאַט־אייגנטום איז די אויסנאַם. אינדיווידועלע איניציאַטיווע איז ניט באַזייטיקט דורך דער אַריינמישונג פון דעם שטאַט. די רעגירונג האָט אָבער דאָס רעכט צו דערגאַנצן די אינדיווידועלע איניציאַטיווע, ווען זי באַטראַכט דאָס פאַר נויטווענדיק; ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל זיך אַנטוויקלען אין אַ געוויסער ריכטונג, וואָס איז שעדלעך פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און אָנווייזן איר אַזאַ ריכטונג, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסגעבן די גרעסטע נוצן פאַר דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע.״

אין זיין בוך „פאַשיזם אין ענגלאַנד״ באַשרייבט מאָזלי דעם קאָר־פּאָראַטיוון שטאַט אַזוי:

„אונזער פּאָליטיק איז צו עטאַבלירן דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט. ווי עס ווייזט אָן דער נאָמען, מיינט עס אַ שטאַט, וואָס איז אָרגאַניזירט ווי דער מענטשלעכער קערפּער. יעדער גליד פון דעם דאָזיקן קערפּער האַנדלט האַר־מאָניש אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן קערפּער אונטער דער פירערשאַפט און דעם אָנפירנדיקן מוח פון דער פאַשיסטישער רעגירונג. דאָס מיינט ניט, אַז די אינדוסטריע וועט אָנגעפירט ווערן, אָדער אַז אין איר וועט זיך אַריינמישן די פירערשאַפט פון ווייטהאָל, ווי דאָס וואָלט געווען אין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס מיינט אָבער, אַז די רעגירונג וועט אָנווייזן אין וועלכע גרענעצן מען דאַרף האַנדלען פאַר די אינטערעסן פון דעם שטאַט, און אַז די דאָזיקע גרענעצן וועלן זיין דאָס וואוילזיין פון דעם פאָלק אַלס אַ גאַנצן. צו אָט־דעם אינטערעס פון דער נאַציע אַלס אַ גאַנצער וועלן זיך אונטערוואַרפן אַלע קלענערע אינטערעסן, צי דאָס וועט זיין פון רעכטס אָדער לינקס, צי דאָס וועט זיין די פעדעראַציע פון די באַלעבאַטים אָדער די טרייד־יוניאָנס, די אינטערעסן פון באַנקירן אָדער פון פּראָפעסיאָ־נאַלן.. אַלע אַזעלכע אינטערעסן זיינען אַריינגעוועבט אין דער פּערמאַנענט־פונקציאָנירנדיקער מאַשינעריע פון דער קאָרפּאָראַטיווער רעגירונג. אין דער קאָרפּאָראַטיווער סטרוקטור וועלן אַזעלכע אינטערעסן ווי פון טרעיד־יוניאָנס און פון פעדעראַציעס פון באַלעבאַטים ניט ליגן מער אין די הענט פון צוויי גענעראַל־שטאַבן פון קעמפנדיקע אַרמייען, נאָר וועלן זיין די אַלגעמיינע

> דירעקטאָרן פון דער נאַציאָנאַלער אונטערנעמונג. דעם פּלאַץ פון קלאַסן-מלחמה וועט פאַרנעמען נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע. די אַלע, וואָס וועלן זוכן אָנצופירן אַן אַנטי-נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אָדער אַ פּאָליטיק פון אַ סעקציע, וועלן זיין געטראָפן פון דער מאַכט פון דעם אָרגאַניזירטן שטאַט. מען וועט קאָנען האָבן פּראָפיטן מיט דעם תנאי, אַז די טעטיקייט וועט רייכער מאַכן די נאַציע און ניט נאָר דעם יחיד. מען וועט ניט טאָרן מאַכן קיין פּראָפיטן אַף דעם חשבון פון דער נאַציע און פון דעם אַרבעטער-קלאַס. דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט וועט מאַכן זיכער, אַז די נאַציע און די אַרבעטער, וועלכע זיינען אַ טייל פון דער נאַציע, זאָלן האָבן אַ פולן חלק אין די פּראָפיטן פון דער אינדוסטריע.״

די קאָרפּאָראַציעס, דאַרף מען באַמערקן, זיינען „באַראַטונגס״־קערפּערשאַפטן (פּיטיליאַני). דער פּריוואַטער אונטערנעמער קאָנטראָלירט זיין אייגענע אונטערנעמונג, און דער שטאַט שטייט איבער אים, פּונקט ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די קאָרפּאָראַציעס זיינען אַלגעמיינע קאָמיטעטן פון פאַרטרעטער פון באַלעבאַטים און אַזוי־גערופענע „אַרבעטער־פאַרטרעטער״ (נאָכדעם ווי עס זיינען צעשטערט געוואָרן אַל אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס). עס ווערן צוגעלאָזן נאָר די „אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס״, וועלכע זיינען אָנערקענט פון דעם פאַשיסטישן שטאַט, אָבער ניט דערוויילט פון די אַרבעטער. די איינציקע לעגאַלע פאָדערונג איז, אַז זיי דאַרפן פאַרטרעטן איין־צענטל פון די אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, זיי זאָלן קריגן די פולע אָנערקענונג אַלס פאַרטרעטער פון אַלע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע. די פונקציעס פון די קאָרפּאָראַציעס (אַרטיקל 44 פון דעם געזעץ פון דעם 1טן יולי, 1926) זיינען : (1) אויסגלייכן סכסוכים ; (2) דערמוטיקן מיטלען „צו קאָאָרדינירן די פּראָדוקציע און פאַרגרעסערן איר אָרגאַניזאַציע״ ; (3) איינפירן אַרבעטער־בירזשעס ; (4) רעגולירן דאָס לערנען מלאכות.

אַז דער כאַראַקטער פון די קאָרפּאָראַציעס איז ניט מער ווי אַ בינע־קלייד, באַווייזט דער פאַקט, אַז ביז 1933, עלף יאָר נאָכדעם, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַשיסטישער רעזשים, איז נאָך ניט עטאַבלירט געוואָרן קיין איינציקע קאָרפּאָראַציע, מיט דער אויסנאַם פון דער פאַרוויילונגס־„אינדוסטריע״ (אין 1930).

> „די אַרבעט וועט געטאָן ווערן דירעקט פון דעם מיניסטער פון קאָרפּאָראַציעס און דעריבער וועלן די דאָזיקע הויפּטזאַכלעך נאָמינעלע קערפּערשאַפטן זיינען ניט נאָר ׳אָרגאַנען פון דעם שטאַט׳, ווי דאָס פאָדערט די טעאָריע, נאָר פּשוט נאָך אַ מאַכט פאַר די איצטיקע פּאָליטיקאַנען. אַלס רעזולטאַט

איז פאָרמעל ניט געשאַפן געוואָרן קיין איינציקע קאָרפּאָראַציע.״ (ה. וו. שניידער, „מייקינג די פעשיסט סטייט״, 1928.)

אין 1933 איז פּיטיליאַני געצוואונגען געווען צו שרייבן אין זיין בוך, אין דעם קאַפּיטל אונטער דעם קעפּל „די קאָרפּאָראַציעס און זייער ווירקלעכער אַרבעט״:

„ווען מען באַטראַכט וועלכע עס איז פּראַקטישע רעזולטאַטן, איז אוממעגלעך צו קריגן אַ באַגריף, ווי אַזוי די סיסטעם אַרבעט אין דער ווירקלעכקייט אַף דעם קאָרפּאָראַטיוון געביט. עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן דער פאַקט, אַז ביז איצט איז אין איטאַליע עטאַבלירט געוואָרן נאָר איין איינציקע קאָרפּאָראַציע, און דאָס איז פון דער בינע.״

ערשט אין פעברואַר 1934 איז דורכגעפירט געוואָרן דער געזעץ וועגן דער קאָנסטיטוציע און די פונקציעס פון די קאָרפּאָראַציעס. דעם 10טן נאָוועמבער, 1934, זיינען צוויי־און־צוואַנציק קאָרפּאָראַציעס דערעפנט געוואָרן. צו דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט מוסאָליני דערקלערט:

„עס איז נאָך פריציייטיק צו זאָגן וואָס פאַר אַן אַנטוויקלונגען די קאָרפּאָראַטיווע סיסטעם קאָן דורכמאַכן אין איטאַליע און אַנדערש־וואו פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג פון סחורות. אונזער סיסטעם איז אַן אויסגאַנג־פּונקט און ניט קיין פּונקט פון אָנקומען. אָבער אַזוי ווי דער פאַשיסטישער קאָרפּאָראַטיוויזם שטעלט מיט זיך פאָר דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע, פאַרפליכט דאָס קאַטעגאָריש אַלע מענטשן פון דעם רעזשים — וואו און ווי אַזוי זיי זאָלן ניט זיין אָרגאַניזירט — צו גאַראַנטירן די אַנטוויקלונג און די פרוכטבאַרע ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער סיסטעם.״

די אומקלאָרקייט פון שפּראַך וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אַ מאַקדאָנאַלד׳ן. אָבער וואָס שטעלט מיט זיך אין דער ווירקלעכקייט פאָר דער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט, אַף ווי ווייט ער ווערט באַשריבן פון זיינע אייגענע אָנהענגער? לויט די דאָזיקע באַשרייבונגען באַשטייען פאַקטיש זיינע פּרינציפּן אין דעם פאָלגנדיקן:

1. אָנהאַלטן די קלאַסן־סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט און די קלאַסן־עקספּלואַטאַציע, אונטער דעם צודעק פון פראַזן וועגן „אָרגאַנישער איינהייט״ *);

*) דער דורכזיכטיקער באַטרוג, וועלכער ליגט אין דעם וואָרצל פון דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט״, וועגן אָנהאַלטן אין דער ווירקלעכקייט די קלאַסן־צעטיילונג און אָפּלייקענען זי אין ווערטער, ווערט געלונגען אויסגעדריקט פון ראָסאָני, דעם פּרעזידענט פון די פאַשיסטישע יוניאָנס, אין זיין אַרטיקל וועגן „די באַדייטונג פון דעם פאַשיסטישן סינדיקאַליזם״:

„דער באַגריף וועגן פאַשיסטישן סינדיקאַליזם ענדערט דעם אויסזיכט

2. אָנהאַלטן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום, „פּריוואַטע אונטער-נעמונגען", „פּראָפיטן", א. אַז. וו.;

3. מעסיקע אַריינמישונג מצד דעם שטאַט אָדער זיין רעגולירנדיקע ראָל, ווען דאָס איז נויטווענדיק;

4. קאָמיטעטן פאַר געצוואונגענער אויסגלייכונג פון סכסוכים, אָדער פאַראייניקטע אינדוסטריעלע ראַטן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט.

אָבער אַזוי ווייט זיינען דאָס אַלץ פּרינציפּן פון אַלע מאָדערנע קאַפּי-טאַליסטישע שטאַטן. דער פאַרזוך פאָרצושטעלן דאָס ווי עפּעס „נייעס"

פון אַלעמען, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, און נעמט אַרויס פון דעם סאָציאַליזם אַלץ, וואָס איז אין אים ווערטפול. אַפילו די אַלטע טערמינאָלאָגיע פון 'באַלעבאַטים' און 'הענט' ענדערט זיך ניט. דאָס וואָרט באַלעבאָס האָט אַ באַליידיקונג-מיינונג און ווערט באַנוצט אַף אויס-צודריקן פאַרשקלאַפונג פון אַרבעט, אַ פאַרשקלאַפונג, וועלכע איז אַ דירעקטער ווידערשפּרוך צום מאָדערנעם פּראָגרעס. דער איטאַליענישער פּלאַן וועגן קאָרפּאָראַציעס פירט איין די פיל-נויטיקע קאָאָפּעראַציע צווישן די דירעקטאָרן און די אויספירער פון אַן אונטערנעמונג און איז דער איינציקער היינט-צייטיקער באַגריף, וועלכער באַדייט גלייכגעוויכט און עקאָנאָמישן יושר.

„מען מוז אונטערשטרייכן, אַז די זעלבע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַטאָרן זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז די אַלטע אויסדרוקן 'באַלעבאַטים' און 'מענטשן' מוזן אָפּגעווישט ווערן, ווייל דער אויסדרוק 'באַלעבאָס' פאָדערט באַדינער. היינט-צו-טאָג קאָנען מיר מער ניט אָנערקענען דעם אַלטן ווילדן געדאַנק וועגן קלאַסן-אונטערשיידן און מיר דענקען ניט, אַז פון דער נאַטור איז דאָ אַ מאָראַלער אונטערשייד צווישן מענטשן. פאַר-קערט, עס איז פולשטענדיק אָנערקענט, אַז אַלע מענטשן האָבן די זעלבע רעכט אַף בירגערשאַפט אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן."

ווי מען קאָן זען, ווערט דער „ווילדער באַגריף וועגן קלאַסן-אונטערשיידן" באַטראַכט אויסשליסלעך אַלס אַ פראַגע פון „טערמינאָלאָגיע". דעריבער, אין דער צייט וואָס דער סאָציאַליזם זוכט פטור צו ווערן פון דער קלאַסן-צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט דורך אָפּשאַפן די קלאַסן און אַף אַזאַ אופן דערגרייכן צום ערשטן מאָל אַן אמת'ע סאָציאַלע איינהייט, שלאָגט דער פאַשיזם פאָר אַ „ווערטערלעכע" אָפּ-שאַפונג פון קלאַסן, אין דער צייט וואָס די ווירקלעכקייט בלייבט די זעלבע. עס בלייבן באַלעבאַטים און אַרבעטער; די גאַנצע סיסטעם פון פּראָפיטן און עקס-פּלואַטאַציע בלייבט; זיי ווערן אָבער צוגעדעקט מיט אַ נייער טערמינאָלאָגיע פון „דירעקטאָרן" און „אויספירער" פון אַן אונטערנעמונג (אָדער ווי דאָס הייסט אין דעם דייטשן געזעץ וועגן אַרבעט, „פירער" און „נאָכפאָלגער"), און עס ווערט אָנגענומען, אַז דורך דעם ווערט געמאַכט אַ סוף צום קלאַסן-קאַמף. עס איז טיפּיש פאַר דער „אידעאַליסטישער וועלט-אָנשויאונג" פון פאַשיזם, אָדער אָפן געזאָגט, פון זיין אידיאָטסטווע.

שטיצט זיך בלויז אַף דעם נאַציאָנאַלן קוניץ צו מאַכן אַ פֿאַרגלייך מיט דער לאַנג־פֿאַרגאַנגענער, פֿאַר־אימפּעריאַליסטישער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע פֿון „לעסיי פֿער״ (די ווירטשאַפֿט זאָל גיין מיט איר אייגענעם גאַנג, אָן דער אַריינמישונג פֿון דעם שטאַט). זינט עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די אימפּעריאַליסטישע עפּאָכע האָט דער גאַנצער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט אַלץ מער שטאַט־געזעצן און קאָנטראָל פֿונעם שטאַט, אַ קאָאָרדינאַציע און טראָסטיפֿיקאַציע אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿונעם שטאַט, הונדערטער טויזנטער מאַכינאַציעס פֿון אַלגעמיינע אינדוסטריעלע ראַטן און אַלע אַנדערע מעגלעכע שמד־שטיק פֿאַר מיטאַרבעטערשאַפֿט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. וואָס איז שייך דעם באַגריף וועגן דער אינדוסטריע אַלס אַ „דינסט פֿון דער געזעלשאַפֿט״ און דאָס גוט־הייסן פֿון פּראָפֿיטן אַף וויפֿיל זיי שטערן ניט דעם „נאַציאָנאַלן וואוילזיין״, — איז פֿאַר דעם זיכער ניט נויטיק קיין פֿאַשיסטישע „רעוואָלוציע״, ווייל דאָס מיינט בלויז איבער׳חזר׳ן די חכמה פֿון אַ קאַליסטענ׳ען.*) די פּראַקטישע באַדייטונג פֿון דער פֿאַשיסטישער „רעוואָלוציע״ און פֿון איר „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט״ שטעקט ערגעץ וואו אַנדערש, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען.

מיר׳ן נעמען צום ביישפּיל דייטשלאַנד אין דער צייט פֿאַר דעם פֿאַשיזם. דער שטאַט האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן אין זיינע הענט איין־צענטל פֿון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, האָט געהאַט אַ דאָמינירנדיקע צאָל אַקציעס אין די גרויסע באַנקען, אין דעם שטאָל־טראָסט און אין די אונטערנעמונגען פֿאַר וואַסער־טראַנספּאָרט, און וואו די באַציאונגען צווישן דער אינדוסטריע, קאַפּיטאַל און אַרבעט זיינען רעגולירט געוואָרן פֿון אַ גאַנצער נעץ פֿון פֿאַרשיידענע ראַטן. ק. ב. הואווער שרייבט אין זיין בוך, וועלכן מיר האָבן שוין ציטירט:

„קאַרטעליזאַציע איז אָנגעפֿירט געוואָרן צו אַ פֿיל גרעסערן גראַד ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד. אין 1932 זיינען דאָרט געווען וועלכע דריי טויזנט קאַרטעלן. אין דער קוילן און פּאָטאַש אינדוסטריעס האָבן אַלע אונטערנעמונגען געמוזט זיין אָנגעשלאָסן אין אַ סינדיקאַט, און עס זיינען געווען איינגעשטעלט קאָמפּליצירטע אָנפֿירנדיקע ראַטן, וועלכע זיינען באַקאַנט געווען אונטער די נעמען ׳פֿעדעראַלער קוילן־ראַט׳ און ׳פֿעדעראַלער פּאָטאַש־ראַט׳. אין די דאָזיקע ראַטן זיינען געווען פֿאַרטראָטן די אייגנ־

---

*) אַ גריכישער געלערנטער, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פֿון אַלעקסאַנדער מוקדן און האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע טעאָריעס אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. —באַמערקונג פֿון איבערזעצער.

> טימער, די אַרבעטער, די קאָנסומערס און די קוילן-סוחרים. עס איז אויך געווען אַ פֿעדעראַלער עקאָנאָמישער ראַט, ער האָט אָבער ניט אַנטוויקלט זיינע אָנפירנדיקע פֿונקציעס.״

אָט־דער דאָזיקער פֿעדעראַלער קוילן־ראַט, וועלכער איז באַזירט געווען אויף געצוואונגענער סינדיקאַליזאַציע, פֿאַרטרעטנדיק די באַלעבאַטים, די אַרבעטער, די קאָנסומערס און די קוילן־סוחרים און האָט געהאַט אַ גרויסע אָנפירנדיקע מאַכט, איז שוין געווען אַ פּיל מער אַנטוויקלטע „קאָרפּאָראַציע״, ווי וואָס עס איז אַנדערש, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿונעם פֿאַשיזם. **דאָס** איז אָבער געווען ניט מער ווי אַן אַנטוויקלטער ביישפּיל פֿון דער טענדענץ פֿון מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג איבער דער גאַנצער וועלט. אין דעם האָט דער פֿאַשיזם ניט אַריינגעבראַכט קיין ניי וואָרט.

אין זיין בוך „גרויס־בריטאַניע״ שרייבט מאָסלי: „דער געדאַנק וועגן אַ נאַציאָנאַלן ראַט איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן, גלויב איך, אין מיין רעדע, ווען איך האָב רעזיגנירט פֿון דער אַרבעטער־רעגירונג אין מאַי 1930. זינט דעמאָלט איז דער געדאַנק ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן פֿון סער אַרטור סאָלטער און אַנדערע שרייבער.״ די געשיכטע פֿון קאַפּיטאַליזם זינט נאָך דער מלחמה איז אָנגעפּיקעוועט מיט „דעם געדאַנק פֿון אַ נאַציאָנאַלן ראַט״ (ד. ה. נאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער ראַט אָדער נאַציאָנאַלער ראַט פֿון אינדוסטריע) אין יעדן לאַנד. אין 1918 האָט קלעמאַנסאָ פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאָרמירן אַ נאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן ראַט, און זיין פֿאָרשלאָג איז דורכגעוואָרפֿן געוואָרן צוליב דער אָפּאָזיציע פֿון די טרעיד־יוניאָנס. אין זיינע נייע פֿאָרשלאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם שטאַט, האָט ראַטענאַו אויסגעשטעלט אויבן־אָן די פֿאָרמירונג פֿון אַן עקאָנאָמישן ראַט פֿון דעם שטאַט. מילעראַן האָט אין 1920 פֿאָרגעשלאָגן צו אינקאָרפּאָרירן אַ נאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן ראַט, וועלכער זאָל אַריינגעמען אויך פֿאָרשטייער פֿון די טרעיד־יוניאָנס. דעם זעלבן פֿאָרשלאָג האָט געמאַכט קאַיאָ אין זיין „וואוהין גייט פֿראַנקרייך, וואוהין גייט אייראָפּע?״ אַן ענלעכן פֿאָרשלאָג איינצופֿירן אַ פּערמאַנענטן נאַציאָנאַלן אינדוסטריעלן ראַט האָט אַריינגעטראָגן די נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע קאָנפֿערענץ אין ענגלאַנד אין 1919.

די גאַנצע ריכטונג פֿון דעם ליבעראַליזם, לייבאָריזם און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בפֿרט איז זינט נאָך דער מלחמה זייער נאָענט צו דער פֿאַשיסטישער ליניע און דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַ קאָרפּאָראַטיוון שטאַט — ד. ה., די אַלגעמיינע ליניע פֿון קאָמבינירן דעם קאָנטראָל מצד דעם שטאַט און פּריוואַטע אונטערנעמונגען, קאָאָרדינירן דורך אַ נעץ פֿון אָנפירנדיקע ראַטן, קלאַסן־

קאָלאַבאָראַציע און די אַזוי־גערופענע אַרבעטער־פּאַרטרעטערשאַפט,—בקיצור, די גאַנצע באָבע־מעשה וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם”. דער גרעסטער טייל פון דעם „ליבעראַלן געלן בוך”, פון „לייבאָר ענד די ניישאָן” און פון דעם „פעשיסט לייבאָר־טשאַרטער” קאָן לייכט פאַרביטן ווערן און מען זאָל ניט ווּיסן וואוהין וואָס געהערט.

פונדעסטוועגן האָט דער פאַשיסטישער קאָרפּאָראַטיווער שטאַט א „נייעם” און אויסגעשפּראָכענעם שטריך. אַלע פאָרשלאַגן פון די ליבעראַלן און פון דער לייבאָר־פּאַרטיי באַזירן זיך אַף דעם, אז מען זאָל אַריינגעמען די עקזיס־טירנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, אָנ־האַלטנדיק זייערע פאָרמעלע אומאָפּהענגיקע רעכט פון אַן אָרגאַניזאַציע און דאָס רעכט צו סטרייקן. די פאַשיסטישע פּאָליטיק פון דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט איז באַזירט אַף דער גוואַלטזאַמער פאַרניכטונג פון די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און דאָס פולשטענדיקע אָפּשאַפן דאָס רעכט צו סטרייקן. דאָס איז דער איינציקער נייער שטריך פון דעם פאַשיסטישן קאָר־פּאָראַטיוון שטאַט, צו וועלכן דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט אין ערגעץ ניט געוואַגט צוצוקומען ביז איצט, הגם ער אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג אַזוי שנעל ווי ער קאָן דאָס טאָן.

דער איטאַליענישער געזעץ וועגן סינדיקאַטן (טרעיד־יוניאָנס) פון דעם 3טן אַפּריל, 1926, דער געזעץ, וועלכער איז דער באַזיס פון דעם קאָרפּאָראַ־טיוון שטאַט, ווייזט אָן אין אַרטיקל 18:

> „אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, וועלכע האָבן אַן אָפּמאַך אין גרופּן פון דריי אָדער מער אויפצוהערן צו אַרבעטן, אָדער וועלכע אַרבעטן אַזוי, אַז זיי שטערן דעם רעגולערן גאַנג פון דער אַרבעט, כדי צו צווינגען די באַלע־באַטים צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע אָפּמאַכן, זאָלן באַשטראָפט ווערן מיט אַן אָפּצאָל פון הונדערט ביז טויזנט לירע.
>
> „די אָנפירער, פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די אויבן־דערמאָנטע פאַרברעכנס זאָלן באַשטראָפט ווערן מיט טורמע ניט ווייניקער פון איין יאָר און ניט מער ווי צוויי יאָר אויסער די אויבן־דערמאָנטע אָפּ־צאָלונגען.”

דאָס איז דער אמת'ער תמצית פון דעם פאַשיסטישן קאָרפּאָראַטיוון שטאַט; דאָס איבעריקע איז ניט מער ווי אַן אויסשטעלונגס־אויספוץ. די באַדייטונג דערפון ווערט גאַנץ פשוט דערקלערט פון דעם פינאַנץ־שרייבער איינציג אין זיין בוך „עקאָנאָמישע יסודות פון פאַשיזם”:

„סטרייקס און לאָקאַוטס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן פון דעם פאַשיסטישן רעזשים פון סאַמע אָנפאַנג. (ז. 11).

„אין קיין לאַנד איז ניט געווען אַזוי לייכט צו קריגן די הסכמה מצד די אָנגעשטעלטע אַף צו פאַרקלענערן די שכירות, ווי אין איטאַליע. (ז. 31).

„צוליב דעם, וואָס עס איז איינגעפירט געוואָרן אינדוסטריעלער פרידן, זיינען שכירות אין איטאַליע מער בויגזאַם ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד.״ (ז. 73).

„אין קיין לאַנד איז ניט געווען אַזוי לייכט צו קריגן אַ פאַרקלענערונג פון שכירות״. אָט־דאָס איז דער תמצית פון דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט. פּונקט אַזוי האָט אויגוסטאָ טוראַטי, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, געשריבן אין 1928:

„דאָס יאָר 1927 איז געווען אַ יאָר פון ווייט-פאַרשפּרייטער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע. . . . עס איז נויטיק געווען פאַר דער רעגירונג פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי אָנצונעמען מיטלען פאַר דעם צוועק אַרונטערצוזעצן אַלע שכירות פון צען ביז צוואַנציק פּראָצענט. . . . דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַרבעטער-טשאַרטער (געזעצגעבונג) איז אַ פאַרזיכערונגספּונקט אין די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן.

„אין דער ניט-דאַנקבאַרער אויפגאַבע פון פאַרקלענערן שכירות איז דורכגעפירט געוואָרן יעדער פּרינציפּ, וואָס איז פייערלעך אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דעם אַרבעטער-טשאַרטער.״ (טוראַטי׳ס אַרטיקל וועגן דעם לייבאָר-טשאַרטער, אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלן יאָרבוך פון פאַשיזם״, 1928.)

און דער באַרימטער פאַשיסטישער באַאַמטער פון די טרעיד־יוניאָנס, אַליוועטי, האָט דערקלערט אַף דעם פאַשיסטישן קאָנגרעס פון די טרעיד־יוניאָנס אין 1928:

„עס איז געווען אַן אילוזיע אָנצונעמען, אַז די עקזיסטענץ פון קלאַסן-קאַמף איז ענדלעך אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער קלאַסן-קאַמף איז אָפּגעשאַפט געוואָרן פאַר די אַרבעטער. . . . פון דער אַנדערער זייט ווערט די קלאַסן-מלחמה נאָך אַלץ אָנגעפירט.״

דאָס זעלבע בילד אַנטפּלעקט פאַר אונז די דייטשע אַרבעטער־געזעצגעבונג, וועלכע איז אַריין אין מאַכט דעם 1טן מאַי, 1934. איר תמצית באַשטייט אין אָפּווישן אַלע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, וועלכע האָבן פריער עקזיסטירט אין דער דייטשער אינדוסטריע, און אין עטאַבלירן די אַבסאָלוטע מאַכט פון דעם באַלעבאָס, וועלכער הייסט „דער פירער פון דער פאַבריק״, איבער די אַרבעטער, וועלכע הייסן „נאָכפאָלגער״.

„אין דער פאַבריק אַרבעטן צוזאַמען דער באַלעבאָס אַלס דער פירער פון דער פאַבריק און די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אַלס זיינע נאָכפאָלגער צו דערגרייכן די צוועקן פון דער פאַבריק פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן פונעם פאָלק און פון דעם שטאַט. דער באַשלוס פון דעם פירער פון דער פאַבריק מוז אויסגעפאָלגט ווערן פון זיינע נאָכפאָלגער אין אַלע פאַבריק-ענינים."

אַנשטאָט די פריערדיקע דערווײלטע אַרבעטער-ראַטן ווערן די נייע פאַבריק-ראַטן באַשטימט פונעם באַלעבאָס מיט דער גוטהייסונג פון דעם נאַצי-פירער אין דער פאַבריק, און דער ראַט האַלט אָפּ זיצונגען, ווען דער באַלעבאָס פאָדערט דאָס. עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן אין דער אינדוסטריע, אין די פאַכן אַלס גאַנצע אָדער אַפילו אין דיסטריקטן. שכירות ווערן באַשטימט פאַר יעדער אונטערנעמונג באַזונדער לויט די באַדינגונגען פון „פּראָפּיטמעסיקייט". דאָס לעצטע וואָרט וועגן אַלע פראַגן בנוגע שכירות און אַרבעט-באַדינגונגען האָבן די „אַרבעטער-אָנפאַרטרויטע" אָדער די דיסטריקט-דיקטאַטאָרן, וועלכע ווערן באַשטימט פון דער נאַצי-רעגירונג. וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס טראָגן די דאָזיקע „אַרבעטער-אָנפאַרטרויטע", קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס דער אינדוסטריעלער מאַגנאַט קרופּ איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם „אַרבעטער-אָנפאַרטרויטן" אין דער רור-געגנט.

דאָס פאַרניכטן פון אַלע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, די פולשטענדיקע פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער צו די באַלעבאַטים, דאָס אָפּנעמען דאָס רעכט צו סטרייקן און די פאַרשאַרפטע עקספּלואַטאַציע — דאָס איז די איינציקע ווירקלעכקייט פון דעם קאָרפּאָראַטיוון שטאַט פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס.

4. דער פועל-יוצא פון פאַשיזם אָף דעם עקאָנאָמישן געביט

„צום גליק איז דאָס איטאַליענישע פאָלק נאָך ניט געוואוינט צו עסן עטלעכע מאָל אַ טאָג. זיין לעבנס-שטייגער איז אַזוי נידעריק, אַז ער פילט ניט שטאַרק נויט און דחקות." (מוסאָליני'ס רעדע אין איטאַליענישן סענאַט, סעפּטעמבער 18טן, 1930.)

די וויכטיקסטע פאַרטיידיקונג, וואָס דער פאַשיזם שטעלט מיט זיך ארויס אין די זעלטענע פאַלן, ווען ער לאָזט זיך אַרונטער פון זיינע היסטערישע שאָוויניסטישע פלאַפלערייען, איז — אַז דער פאַשיזם געפינט אַ לייזונג פאַר דעם עקאָנאָמישן קריזיס פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער

גנעזעלשאַפט און פאַרזיכערט עקאָנאָמישע האַרמאָניע, פּראָספּעריטי און פּראָגרעס. אין זיין פּראָפּאַגאַנדע זאָגט דער פאַשיזם צו צו לייזן אַרבעט־לאָזיקייט, העכערן די פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך, העכערן שכירות, העכערן פּראָפיטן און בכלל מאַכן אַ סוף צו אַלע ווידערשפּרוכן אינעם קאַפּיטאַליזם, ניט אָפּשאַפנדיק דעם קאַפּיטאַליזם.

כדי אויסצוגעפינען אַף וויפיל די דאָזיקע פאַרזיכערונגען זיינען ריכטיק, דאַרף מען באַטראַכטן די פאַקטן — די פאַקטן וועגן דער עקאָנאָמישער סיטואַציע אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, וואו עס הערשט פאַשיזם, און קודם כל אין איטאַליע, אין דעם לאַנד פון דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט“, וואו דער פאַשיסטישער רעזשים האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אין אַ משך פון 12 יאָר צו באַווייזן וואָס ער קאָן אויפטאָן.

אַז דער אַלוועלטלעכער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם האָט אַ קלאַפּ געטאָן איטאַליע פונקט אַזוי שטאַרק ווי יעדעס אַנדערע קאַפּיטאַליסטיש לאַנד מיט אַ ריזיקער אַרבעטלאָזיקייט, מיט אַן אַרונטערגעזעצטער פּראָדוקציע און האַנדל, מיט פאַרקלענערטע שכירות, אַזוי אַז דער פאַשיזם האָט ניט גע־ראַטעוועט דאָס לאַנד פון די אַלגעמיינע קראַנקהייטן פון קאַפּיטאַליזם, זיינען געצוואונגען צוצוגעבן אַפילו די אָפיציעלע פאַרטיידיקער פון פאַשיזם. דער פאַקט אָבער איז, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אַ קלאַפּ געטאָן איטאַליע נאָך איידער עס איז אָנגעקומען דער אַלוועלטלעכער קריזיס, נאָך אין דער צייט ווען די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן דורכגעמאַכט אַ „בום“, און איז ערשט שפּעטער נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם אַלוועלט־לעכן קריזיס. אין זיין בוך, „די עקאָנאָמישע יסודות פון פאַשיזם“, שרייבט דער פּראָ־פאַשיסטישער איינציג:

> „די דעפּרעסיע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אין איטאַליע פון 1926 ביז 1930, האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אַנטמוטיקנדיקן קאָנטראַסט מיט דער פּראָספּעריטי אין אַלע אַנדערע לענדער. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע פּראָספּעריטי איז געווען אַ פיקציע, אַזוי אַז מיר זיינען איצט אין אַ לאַגע צו זאָגן, אַז איטאַליע האָט ווייניק וואָס פאַרלאָרן דערמיט, וואָס זי האָט ניט געהאַט אַזאַ פּראָספּעריטי. נאָך מער, אין דעם פּעריאָד פון איר דעפּרעסיע איז איטאַליע גענוג פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, זי זאָל זיך קאָנען לייכטער צופּאַסן צום שפּעטערדיקן קריזיס.“

אויב דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס אַ פאַרטיידיקער פון פאַשיזם קאָן אַרויסשטעלן אַף דעם עקאָנאָמישן באָדן, איז דאָס זיכער אַ קנאַפּע באַרימעריי. די איינציקע „טרייסט“ פאַר דעם, וואָס איטאַליע אונטער דעם פאַשיזם איז

ניט געלונגען צו האבן א חלק אפילו אין דער באגרענעצטער פארבעסערונג אין דער לאגע פון אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער צווישן 1926 און 1930, קאן מען געפינען אין דעם פאקט, וואס אפילו דער אלוועלטלעכער קריזיס האט שפעטער ניט געקאנט ברענגען מיט זיך קיין גרעסערע צרות ווי איטאליע האט שוין פריער געהאט.

ווי עס גיט אן דער עקאנאמישער איבערזיכט פון דער פעלקער־ליג פון 1932־1933, איז די נאציאנאלע איינקונפט אין איטאליע געפאלן פון 94 ביליאן לירע אין 1928 צו וועלכע 60־70 ביליאן לירע אין 1931, ד. ה., די איינקונפט איז פארקלענערט געווארן אף איין־דריטל. ווי עס גיט אן דער זעלבער איבערזיכט, איז אין דעם זעלבן פעריאד די אלגעמיינע איינקונפט פון דעם סאוועטן־פארבאנד געשטיגן פון 18 ביליאן און 600 מיליאן גאלדענע רובל ביז 31 ביליאן און 200 מיליאן, דאס הייסט א פארגרעסערונג אף צוויי־דריטל. דער אויסלענדישער האנדל אין איטאליע האט אין 1932 באטראפן ווייניקער ווי א העלפט ווי אין 1930; און דאס טאנען־געוויכט פון סחורות אין די פארטן איז אין 1932 פאקטיש געווען קלענער ווי אין 1913, ווען די באפעלקערונג איז געווען מיט 6 מיליאן קלענער. איטאליע האט ניט קיין אלגעמיינע סטאטיסטיק וועגן פראדוקציע; אבער די פראדוקציע פון אייזן, וועלכע האט אין 1913 באטראפן 603 טויזנט טאן, איז אין 1932 געווען בלויז 461 טויזנט טאן. אין 1929 איז די פראדוקציע פון שטאל געשטיגן ביז צוויי מיליאן און הונדערט טויזנט טאן, אבער אין 1932 איז זי ארונטערגעפאלן ביז איין מיליאן און פיר הונדערט טויזנט. אין פארגלייך מיט אנדערע לענדער האט דער יאר 1933 באוויזן עטוואס א פארבעסערונג, אבער דער אויסלענדישער האנדל איז נאך אלץ געפאלן און איז ארונטער פון 15 מיליאן און הונדערט טויזנט לירע אין 1932 ביז 13 מיליאן און 300 טויזנט לירע אין 1933. דער דעפיציט פון דעם בודזשעט איז געשטיגן פון 504 מיליאן לירע אין 1930־1931 ביז 3,687 מיליאן אין 1932־1933. די חובות זיינען געשטיגן פון 1,618 מיליאן לירע אין יוני 1928 צו 8,912 מיליאן אין יוני 1933. די צאל באנקראטן האט אין 1931 דערגרייכט די העכסטע ציפערן אין אייראפע, איבער 21 טויזנט, אדער פינף מאל אזויפיל ווי אין ענגלאנד.

נאך בולט'ער אנטפלעקט פאר אונז די לאגע דאס שטייגן פון ארבעט־לאזיקייט. דער סך הכל פון די באשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע און האנדל האט אין 1933 באטראפן 4 מיליאן 283 טויזנט, אדער כמעט א פערטל פון דעם סך־הכל אין ענגלאנד. און דאך האט לויט די אפיציעלע

ציפערן די צאָל פון פולשטענדיק אַרבעטלאָזע אין 1933, דורכשניטלעך יעדן מאָנאַט, באַטראָפן איין מיליאָן און 18 טויזנט, און אין יאַנואַר 1934 (די לעצטע ציפערן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייט ווען די דאָזיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן) האָט זייער צאָל באַטראָפן 1 מיליאָן און 158 טויזנט, חוץ אַרום אַ פערטל מיליאָן, וועלכע זיינען געווען בלויז טיילווייז באַשעפטיקט. וואָס איז שייך אַרבעטלאָזיקייט-פאַר־זיכערונג, איז „די סומע פון אַרבעטלאָזיקייט-פאַרזיכערונג קליין אַפילו פאַר דעם נידעריקן לעבנס־שטייגער, און זי ווערט געצאָלט בלויז פאַר אַ קורצן פּעריאָד”. (איינציג, „עקאָנאָמישע יסודות פון פאַשיזם”). פאַר ביישטייערונ־גען, וואָס מ׳צאָלט איין אין אַ משך פון 40 וואָכן, קריגט מען בענעפיט בלויז דריי חדשים, מאַקסימום דריי מיט דריי־פערטל לירע אַ טאָג (אַרום 22 סענט). פון 982,321 רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע אין דעצעמבער 1931 האָבן בלויז 195,454 געקראָגן בענעפיט. פון 1919 ביז 1929 האָט דער פאָנד פאַר אַרבעטלאָזיקייט אַריינגעקראָגן 1,275 מיליאָן לירע אַלס ביי־שטייערונגען פון די באַלעבאַטים און אַרבעטער, דער שטאַט האָט גאָרניט ביישטייערט, און אויסגעצאָלט האָט מען בלויז 413 מיליאָן אין דער פאָרם פון בענעפיטן. דער שטאַט האָט כסדר אַרויסגעשלעפט פונעם פאָנד סומען פאַר זיינע אייגענע צוועקן. דאָס איז שוין איינמאָל אַ פיינע סיטואַציע פון אַ קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט. מען מוז דאָ באַמערקן, אַז די אויס־גאַבן פאַר סאָציאַלע צוועקן אין איטאַליע זיינען די נידעריקסטע צווישן די אָנפירנדיקע לענדער אין אייראָפּע און באַטרעפן סך־הכל דריי פּראָצענט פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן בודזשעט, אין פאַרגלייך מיט זיבן פּראָצענט אין בעלגיע און ניין פּראָצענט אין ענגלאַנד.

דעם בעסטן באַווייז גיבן אָבער די ציפערן, וועלכע דערציילן, ווי אַזוי די פאַשיסטישע ווירטשאַפט האָט געשניטן שכירות. צווישן 1929 און 1932 איז דער סך־הכל פון שכירות אַרונטערגעזונקען פון 6 מיליאָן און 40 טויזנט לירע ביז 4 מיליאָן און 100 טויזנט לירע. ווי עס גיט אָן דער באַריכט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־דעפּאַרטמענט בא דער פעלקער־ליג פון יוני 1933, איז אין דעם זעלבן פּעריאָד די „קויף־קראַפט פון לוין־אַרבעטער פאַרקלענערט געוואָרן אַף 19 פּראָצענט”. שכירות זיינען שטאַרק געשניטן געוואָרן, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער וועלט־קריזיס:

„צווישן יוני 1927 און דעצעמבער 1928 זיינען שכירות פאַרקלענערט געוואָרן אַף וועלכע 20 פּראָצענט אַלס אַ רעזולטאַט פון אָפּמאַכן צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער אין פאַרבינדונג מיט דער סטאַביליזאַציע פון

דער לירע. אַ ווייטערדיקע פֿאַרקלענערונג פֿון אַרום צען פּראָצענט איז פֿאָר-געקומען אין 1929, און אין נאָוועמבער 1930 איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שניט פֿון שכירות, וועלכער האָט אין געוויסע פֿאַלן באַטראָפֿן ניט מער ווי 18 פּראָצענט אָבער אין אַנדערע אַפֿילו אַזוי הויך ווי 25 פּראָצענט. נאָך מער, מען דאַרף ניט אַרויסלאָזן פֿון זינען דעם פֿאַקט, אַז פֿיל אַנדערע אויסגלייכונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1931." (ביאַזשי, דער סעקרעטאַר פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָנפֿעדעראַציע פֿון די פֿאַשיסטישע סינדיקאַטן, אין „קאָריעראָ דעלאַ סעראַ", 26טן מערץ, 1932.)

ד. ה., אַז שכירות זיינען געשניטן געוואָרן צוערשט אַף 20 פּראָצענט, דערנאָך אַף 10 פּראָצענט, חוץ „פֿיל אַנדערע אויסגלייכונגען". **אין דעם** באַריכט וועגן עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין איטאַליע פֿון 1933 באַהויפּטעט דער דעפּאַרטמענט פֿון אויסלענדישן האַנדל:

„אין פֿאַרגלייך מיט די פּרייזן אין 1927, וועלכע האָבן באַטראָפֿן 93.78, זיינען די זעלבע פּרייזן אין 1932 געפֿאַלן צו 78.05, אַן אונטערשייד פֿון 15.73 פּראָצענט, און די שכירות אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען רעדוצירט געוואָרן אין אַ פֿיל גרעסערער פּראָפּאָרציע...

„שכירות זיינען געשניטן געוואָרן אַף 16 ביז 18 פּראָצענט אין די באַשיצטע פֿאַכן פֿון דרוקעריי און האָלץ-אַרבעט, אַף 25 פּראָצענט אין דער מעטאַלורגישער און כעמישער אינדוסטריען און אַף 40 פּראָצענט אין דער קאַטן-אינדוסטריע...

„דערצו מוז מען נאָך צוגעבן די רעדוצירונגען אין שכירות, וועלכע זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן אַף פֿאַרשיידענע אופֿנים ניט דורך פֿאַרהאַנד-לונגען, ווי סיסטעמאַטיש אַרונטערהאַקן די פּרייזן פֿון שטיק-אַרבעט אָדער דורך רעדוצירן די קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די אַרבעטער."

ווי אַזוי שכירות זיינען געשניטן געוואָרן אין די פֿאַרשיידענע אינ-דוסטריען ווייזן אָן די פֿאָלגנדיקע ביישפּילן:

	פּראָצענט		פּראָצענט
כעמישע	20-25	זייד-וועבעריי	38
קינסטלעכע זייד	20	פֿלאַקס	30
גלאָז	30-40	מעטאַל	23
קאַטן	40	בוי-אינדוסטריע	30
וואָל	27	בערג-בוי (מינען-אַרבעט)	30

דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָנגעפֿירט געוואָרן נאָך ווייטער, ווען דורך אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער רעגירונג אין אַפּריל 1934 זיינען געשניטן געוואָרן אַלע שכירות און אַלע געהאַלטן. אַף וויפֿיל עס איז וויכטיק די פֿאַשיסטישע

„קארפאראטיווע" סיסטעם, וואס דערקלערט סטרייקס פאר א פארברעכן, איז גאנץ קלאר.

ווען מען באטראכט דאס נאצישע דייטשלאנד, קאן מען זען, אז די דערפארונג פון איין יאר איז ניט גענוג אף צו געבן די פולע רעזולטאטן, וועלכע זיינען דערגרייכט געווארן אין איטאליע, אין אונטערדריקן די ארבעטער און פארשפרייטן ארימקייט; עס זיינען שוין אבער דא גענוג סימנים פון דער דאזיקער ריכטונג.

דער אויסלענדישער האנדל איז אין 1933 פארקלענערט געווארן אף 13 פראצענט אין פארגלייך מיט 1932; דער עקספארט איז געפאלן אף 16 פראצענט, און דער איבערפלוס פון עקספארט (אין פארגלייך מיט דעם אימפארט) איז געפאלן אף 40 פראצענט. די פראדוקציע איז געשטיגן אף 12 פראצענט; דאס דאזיקע שטייגן איז אבער געווען הויפטזאכלעך אין די אינדוסטריען, וואס האבן א שייכות צו מלחמה־באדערפענישן (אייזן און שטאל, פארבן און כעמישע פראדוקטן, קינסטלעך זייד, עלעקטרא־מעכאנישע פראדוקטן, מאטארן) און האט אין דער זעלבער צייט ארויסגערופן אן ארונטערזעצונג אין דעם לעבנס־שטייגער, ווי מיר וועלן דאס באווייזן. די פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע איז פארגעקומען אן א פארגרעסערונג פון די אלגעמיינע שכירות די ערשטע דריי־פערטל יאר. „דאס מיינט, אז די נייבאשעפטיקטע זיינען באצאלט געווארן אף דעם חשבון פון די פריערבאשעפטיקטע דורך דעם, וואס מען האט געשניטן זייערע ארבעט־שטונדן און זייערע שכירות" („עקאנאמיסט" פון 30טן דעצעמבער, 1933).

דער איינצל־פארקויף, וועלכער ווערט געוויינלעך באטראכט אלס א מאס פאר דעם אינערלעכן האנדל און פאר דעם לעבנס־שטייגער, איז שטארק געפאלן, ווען מען פארגלייכט אים אפילו מיט דער נידעריקער שטופע פון 1932:

> „דער איינצל־פארקויף פון די ערשטע צען מאנאטן אין 1933 איז געווען אף אכט פראצענט נידעריקער ווי אין דעם זעלבן פעריאד אין 1932, וואס איז אויך געווען זייער א געדריקטער; דער פארקויף אין די דעפארטמענט־סטארס איז ארונטערגעפאלן אף 20 פראצענט און שפעטערדיקע באריכטן האבן אנגעוויזן, אז ער איז נאך ווייטער געפאלן." („ניו יארק אנאליסט", 19טן יאנואר, 1934.)

דאס באווייזט, ווי אזוי דער לעבנס־שטייגער איז פארערגערט געווארן. דער אינסטיטוט פאר עקאנאמישער אונטערזוכונג אין דייטשלאנד באריכטעט, אז אין דעם ערשטן האלבן יאר איז דער פארברויך פון די וויכטיקסטע שפייז־שטאפן פארקלענערט געווארן אף 10 פראצענט, אין געוויסע ארטיקלען

אַפילו אויף 30 פּראָצענט, און אַז די דאָזיקע נידעריקע שטופּע איז „סטאַביליזירט" געוואָרן אין דעם דריטן קוואַרטאַל. דער זעלבער באַריכט ווייזט אָן, אַז דורך דעם גאַנצן יאָר פון 1933 איז דער איינצל־פאַרקויף פאַרקלענערט געוואָרן אויף 7 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1932. פּרייזן זיינען כסדר געשטיגן, ספּעציעל פּרייזן אויף שפּייז־פּראָדוקטן, און דער פעטס־מאָנאָפּאָל האָט דורך ספּעציעלער געזעצגעבונג געהעכערט דעם פּרייז אויף מאַרגאַרין אויף 175 פּראָצענט, דער פּרייז אויף ווייץ איז פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 182 מאַרק אויף דער טאָן, אָדער 4 מאָל אַזוי הויך ווי דער פּרייז אויף ווייץ אין אַלע אַנדערע לענדער.

די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע זוכט צו מאַכן אַ ווענזן פון דעם שטייגן אין דער פּראָדוקציע אויף 12 פּראָצענט אין 1933 און וועגן דער פאַרקלענערונג אין די אָפיציעלע ציפערן פון דער רעגיסטרירטער אַרבעטלאָזיקייט אויף 2 מיליאָן אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע 6 מיליאָן (פאַקטיש איז די פריערדיקע צאָל אַרבעטלאָזע אין דעצעמבער 1932 געווען 5 מיליאָן 773 טויזנט און אין דעצעמבער 1933 — 4 מיליאָן 58 טויזנט). דיביידע באַהויפּטונגען זיינען פאַרפירעריש. ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, איז די פּראָדוקציע פאַרגרעסערט געוואָרן הויפּטזאַכלעך אין די מלחמה־אינדוסטריען. דאָס איז ניט קיין ספּעציעלע פאַרגרעסערונג אין דייטשלאַנד, נאָר דאָס איז געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג אין אַלע לענדער אין דעם זעלבן פּעריאָד. דער אינדעקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין דייטשלאַנד (ווען מען נעמט אָן די פּראָדוקציע פון 1928 פאַר 100) איז אין דעם יאָר 1933 געשטיגן פון 62.9 אויף 72.8, אין די פאַראייניקטע שטאַטן — פון 58.6 אויף 67.6, אין פראַנקרייך — פון 78.7 אויף 83.5, אין יאַפּאַן — פון 117.2 אויף 139.4 (נאָוועמבער), אין קאַנאַדע — פון 52.8 אויף 72.2, אין שוועדן — פון 83.7 אויף 97.1 (די סטאַטיסטיקס פון דער פעלקערליג פון מערץ 1934).

די ציפערן וועגן דער כלומרשטער פאַרקלענערונג אין דער אַרבעטלאָזיקייט זיינען נאָך מער פאַרפירעריש. די אָפיציעלע ציפערן גיבן אָן, אַז די צאָל פון רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע איז אַרונטערגעפאַלן פון 6 מיליאָן 14 טויזנט אין יאַנואַר 1933 אויף 3 מיליאָן 715 טויזנט אין נאָוועמבער 1933 און אויף 2 מיליאָן 798 טויזנט אין מערץ 1934. אָבער לויט דער סטאַטיסטיק פון געזונט־פאַרזיכערונג איז די אַלגעמיינע צאָל פון באַשעפטיקטע אַרבעטער אין נאָוועמבער 1933 געווען 14 מיליאָן 20 טויזנט, דאָס מיינט צוזאַמען מיט די 3 מיליאָן 175 טויזנט רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע אַ סך הכל פון

17 מיליאָן 735 טויזנט אַרבעטער. אין אויגוסט 1929, ד. ה. פאַר דעם קריזיס, האָט דער סך־הכל פון די באַשעפטיקטע און אַרבעטלאָזע אַרבעטער באַטראָפן 20 מיליאָן 400 טויזנט. אַף אַזא אופן זיינען 2 מיליאָן און 300 טויזנט אַרבעטער בכלל פאַרגעסן געוואָרן פון דער דייטשער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, זיי זיינען ניט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דעם צעטל פון באַשעפטיקטע און ניט פון די אַרבעטלאָזע — און דאָס איז אין אַ צייט, ווען די באַפעלקערונג איז פאַרגרעסערט געוואָרן. „מען גיט צו, אַז דיווירקלעכע צאָל פון אַרבעטלאָזע איז באַדייטנד גרעסער ווי די צאָל פון רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע. מען רעכנט, אַז די צאָל פון 'אומאַבאַקאַנטע אַרבעטלאָזע' באַטרעפט אַרום אַנדערהאַלבן מיליאָן" („מאַנטשעסטער גאַרדיען וויקלי" פון 12טן יאַנואַר, 1934). „אַלע סימנים ווייזן אָן, אַז די צאָל פון ניט־רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע איז פאַרגרעסערט געוואָרן" („עקאָנאָמיסט" פון 3טן מערץ, 1934).

דער דאָזיקער ווידערשפּרוך איז בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווען אין מערץ 1934 האָבן די אָפיציעלע ציפערן אָנגעגעבן, אַז די צאָל אַרבעטלאָזע באַטרעפט 2 מיליאָן 798 טויזנט, און אין דעם זעלבן מאָנאַט האָט היטלער, פאַרגעסנדיק זיך וועגן די אָפיציעלע ציפערן, אָנגעוויזן אין זיין רעדע אין מינכען פון דעם 21טן מערץ אַף דער נויטווענדיקייט צו באַשעפטיקן 5 מיליאָן פון די וואָס זיינען איצט ניט באַשעפטיקט.

די פאַרקלענערונג אין דער צאָל פון רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע שפּיגלט אין זיך אָפּ אַ סך פאַקטאָרן. פאַרהייראַטע פרויען זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דער אינדוסטריע און זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין דעם צעטל פו אַרבעטלאָזע, ווייל לויט דעם נאַצי־געזעץ טאָרן פאַרהייראַטע פרויען ניט זיין באַשעפטיקט, אויב זייערע מענער זיינען באַשעפטיקט. דאָס זעלבע באַציט זיך אַף די פאַרשפּאַרטע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַף די פּאָליטישע און אידישע פליכטלינגען. עטלעכע הונדערט טויזנט אַרבעטער („די באַזעלער רונדשאַו" פון נאָוועמבער 18, 1933, גיט אָן אַ ציפער פון 600 טויזנט) זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די מיליטאַריזירטע אַרבעטער־לאַגערן, אין אַגריקולטור־דינסט און אַנדערע אַרבעטן און ווערן אַריינגערעכנט צווישן די „באַשעפטיקטע". אין דער אמת'ן קריגן זיי אָבער ניט קיין נאָרמאַלע שכירות און בלויז שפּייז און עטלעכע מאַרק אַ וואָך אָדער אַ קליינע אָפּצאָלונג, וועלכע איז ניט העכער ווי די שטיצע פאַר אַרבעטלאָזע. ענדלעך, איז אין דער גאַנצער אינדוסטריע אַריינגעפירט געוואָרן אַ פּראָצעס פון טיילווייזער אַרבעט, ד. ה., עס זיינען רעדוצירט געוואָרן די שטונדן און די וועכנטלעכע שכירות

פון די פריער־באַשעפטיקטע אַרבעטער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ פאַרערגערונג פון דעם לעבנס־שטייגער. „די סטאַטיסט", דער ענגלישער פינאַנציעלער אָרגאַן, דערקלערט אין באַצוג צו היטלער'ס רעדע אין רייכסטאַג:

„וואָס איז שייך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט ער ניט געהאַט פיל צו זאָגן, וואַרשיינלעך דערפאַר, וואָס עס איז ניטאָ פיל צו באַריכטן דערפון. ער האָט באַהויפּטעט, אַז די צאָל אַרבעטלאָזע איז פאַרקלענערט געוואָרן אַף צוויי און אַ האַלב מיליאָן אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע 3 מיליאָן 700 טויזנט. עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס קאָן ניט דינען אַלס אַן אָנווייז אַף דעם גאַנג פון די אינדוסטריעלע באַדינגונגען, ווייל חוץ די אַרבעטער, וואָס זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין די לאַגערן, איז איינגעפירט געוואָרן אַ סיסטעם פון אויסשפּרייטן די צאָל באַשעפטיקטע אין די עקזיסטירנדיקע אַרבעטן און ניט צו שאַפן קיין נייע אַרבעט. עס איז אָבער געווען אַ געוויסע העכערונג אין דער פּראָדוקציע, ספּעציעל אין דער אייזן און שטאָל אינדוסטריע, און דאָס האָט מסתמא געמיינט אַן אמת'ע פאַרקלענערונג אין דער אַרבעטלאָזיקייט. די פאַרבעסערונג אין דער אַרבעטלאָזיקייט איז דעריבער בלויז טיילווייז אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרגרעסערטער פאָדערונג אַף אַרבעטער און שטאַמט הויפּטזאַכלעך פון צעטיילן די אַרבעט. עס קאָן זיין, אַז פּסיכאָלאָגיש איז דאָס אַ גוטע זאַך, אָבער עקאָנאָמיש רופט עס אַרויס קלענערע שכירות און קלענערע פאַרדינסטן. חוץ דעם פאַרערגערטן לעבנס שטייגער מוז מען נאָך אין זינען האָבן די פילע 'פריווויליקע' ביישטייערונגען, וועלכע ווערן אַרונטערגענומען פון די וועכנטלעכע שכירות. עס איז מעגלעך, אַז אַלס רעזולטאַט דערפון וועט דער גינסטיקער פּאָליטישער עפעקט פון צעטיילן די אַרבעט פאַרלאָרן גיין דורך דער פאַרערגערונג פון דעם לעבנס־שטייגער, און עס קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט הער היטלער ניט אָפּגעשטעלט זיך פיל אין זיין רעדע אַף די עקאָנאָמישע ענינים." („סטאַטיסט", 3טן פעברואַר, 1934).

דער דאָזיקער פּראָצעס פון רעדוצירן שכירות און פון פאַרערגערן דעם לעבנס־שטייגער, וועלכער איז שוין באַוויזן געוואָרן דורך דער סטאַטיסטיק פון קלענערן פאַרברויך אין 1933, ווערט באַשטעטיקט דורך דער אינפאָרמאַציע וואָס מיר קריגן וועגן שכירות. די אָפיציעלע סטאַטיסטיק באַהויפּטעט, אַז די שכירות אין דער צייט פון דעם דריטן קוואַרטאַל פון 1933 זיינען געווען גרעסער אַף 4 פּראָצענט ווי די שכירות פון דעם זעלבן פּעריאָד אין 1932, און אַז די צאָל באַשעפטיקטע איז אין דעם זעלבן פּעריאָד פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 7 פּראָצענט; עס איז קלאָר, אַז אפילו די דאָזיקע ציפערן, הגם זיי ווייזן ניט אָן, אַז שכירות בכלל זיינען באַדייטנד פאַרקלענערט געוואָרן, ברענגען זיי אַרויס דעם פאַקט, אַז די שכירות פון דעם איינצלנעם אַרבעטער זיינען פאַרקלענערט געוואָרן. מען דאַרף דאָ באַמערקן,

אז דער סך־הכל פון שטייערן אף שכירות, וועלכער האט אין 1932 באטראפן 65 מיליאן מארק דורכשניטלעך א מאנאט, איז אין יולי 1933 ארונטערגעפאלן אף 61.3 מיליאן און אין אויגוסט 1933 אף 59.6 — אין דעם זעלבן פעריאד, ווען עס האט געזאלט כלומרשט זיין „א העכערונג". („יארביכער פיר נאציאנאלעקאנאמיע אונד סטאטיסטיק", דעצעמבער, 1933.)

א קארעספאנדענט פון דעם „מאנטשעסטער גארדיען" באריכטעט:

„שכירות אין דייטשלאנד זיינען באדייטנד ארונטערגעזעצט געווארן אין 1932, און זיי זיינען נאך מער געשניטן געווארן לעצטן יאר. די דורכשניטלעכע שכירות פאר א שעה ארבעט זיינען איצט מיט וועלכע 20 פראצענט נידעריקער ווי אין 1931.

„אין דער זעלבער צייט, וואס שכירות זיינען פארקלענערט געווארן, זיינען באדייטנד געשטיגן, אפילו מער ווי פארדאפלט געווארן, די איינקונפטשטייערן, ארבעטלאזיקייט-פארזיכערונג, קראנקהייט-פארזיכערונג א. ד. ג. אין 1932 זיינען פאר די דאזיקע צוועקן ארונטערגענומען געווארן פון די שכירות צווישן 12 און 13 פראצענט. איצט באטרעפן זיי כמעט 27 פראצענט, אריינגערעכנט די 'פרייוויליקע'ביישטייערונגען . . . וועלכע זיינען פרייוויליק בלויז אין נאמען.

„ווי עס גיט אן א זייער קאמפעטענטער סטאטיסטיקער, זיינען די דורכשניטלעכע שכירות פון ארבעטער, וואס זיינען באשעפטיקט אין דער דייטשער אינדוסטריע, לעצטן סעפטעמבער געווען 21 מארק און 65 פעניג א וואך. . . . ווען מען זאל אריינרעכענען אויך די אגראר-ארבעטער, וואלט דער דורכשניט געווען פיל קלענער.

„די 'ווירקלעכע שכירות' (די קויף-קראפט) פון די דייטשע אינדוסטריעלע ארבעטער איז זינט אפריל געפאלן פיל מער ווי די שכירות אין געלט, ווייל די אלגעמיינע פרייזן, וועלכע זיינען די ערשטע פיר מאנאטן פון לעצטן יאר געווען נידעריקער ווי אין 1932, זיינען זינט אפריל געשטיגן אף 3 פראצענט, און די פרייזן אף די נויטווענדיקסטע ארטיקלען זיינען געשטיגן ארום 10 פראצענט. די דורכשניטלעכע ווירקלעכע שכירות אין סעפטעמבער 1933 זיינען געווען וועלכע 31 פראצענט נידעריקער ווי אין 1900." („מענטשעסטער גארדיען וויקלי" פון יאנואר דעם 12טן, 1934.)

„דר. לעי, דער הויפט פון דעם 'ארבעטער-פראנט', האט אין זיין רעדע אין קעלן דעם 9טן פאריל דערקלערט, אז דער דייטשער ארבעטער 'האט ביז א געוויסן גראד געקראגן הונגער-שכירות אין די אינטערעסן פון דער איבערבויאונג פון דער נאציע', ער מוז אבער, אזוי לאנג ווי דע רשטאט 'זוכט צו געפינען ברויט און ארבעט פאר 7 מיליאן ארבעטלאזע, אפזאגן זיך פון פארגרעסערן שכירות און אנדערע אזעלכע זאכן'." (לאנדאנער „טאימס" פון דעם 10טן אפריל, 1934.)

דאָס אַלץ איז געווען נאָך איידער עס איז איינגעפירט געוואָרן דעם 1טן מאַי, 1934, דער אַרבעטס־געזעץ, וועלכער האָט צונישט געמאַכט אַלע עקזיס־טירנדיקע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער עקאָנאָמישער פּראָצעס פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד גייט אָן אויף דעם זעלבן וועג ווי אין איטאַליע, אויף דעם וועג פון אַרונטערזעצן ביזן נידעריקסטן גראַד דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער און פאַרשטאַרקן זייער עקספּלואַטאַציע. די פאַקטן אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד דאַרפן קלאָר מאַכן פאַר יעדן איינעם אויף וויפיל מען קאָן טרויען די פּוסטע עקאָנאָמישע צוזאָגן און פּראָגראַמען פון פאַשיזם, איידער ער טרעט אַריין אין מאַכט אין די אַנדערע לענדער.

5. פאַשיזם און מלחמה

„פאַשיזם גלויבט ניט סיי אין דער מעגלעכקייט און סיי אין דער נוצלעכקייט פון שטענדיקן פרידן. . . . בלויז מלחמה ברענגט אַרויס צו דער העכסטער אָנשטרענגונג די גאַנצע מענטשלעכע ענערגיע און לייגט אַרויף דעם שטעמפּל פון נאָבלקייט אויף די אַלע מענטשן, וואָס האָבן דעם מוט זי צו באַגעגענען.” (מוסאָליני, „די פּאָליטישע און סאָציאַלע לערע פון פאַשיזם”.)

„דורך שטענדיקע מלחמות איז די מענטשהייט געוואָרן גרויס — דורך שטענדיקן פרידן וואָלט די מענטשהייט רואינירט געוואָרן.” (היטלער, „מיין קאַמף”, ז. 149.)

דער שאָוויניסטישער מלחמה־כאַראַקטער פון פאַשיזם איז זיין אָנ־געזעענסטער כאַראַקטעריסטישער שטריך. די מלחמה־ראָל פון פאַשיזם קאָן אָבער ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן אין באַצוג צו זיין אַלגעמיינער סאָציאַלער ראָל אַלס דער אויסדרוק פון דער העכסטער שטופע פון דעם אימפּעריאַליזם אין צוזאַמענבראָך.

אַ סך אומזין איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער פראַגע פון פאַשיזם און מלחמה.

פון איין זייט, זיינען די בורזשואַזע קריטיקער פון פאַשיזם אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע זייער שטאַרק אויפגעבראַכט, ווי דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד און פאַשיסטישע איטאַליע וואָלטן געווען די ערשטע און איינ־ציקע לענדער, וואָס טרעטן אַרויס פאַר דזשינגאָאיזם, פאַר מלחמה־צוגריי־טונגען און מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, און פּונקט ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן געווען אומשולדיקע פרידנס־מלאכים.

פון דער אַנדערער זייט, זוכן די שטיצער פון פּאַשיזם אין די דאָזיקע לענדער אָנצונעמען פאַר גוט געלט די דורכזיכטיק־היפּאָקריטישע „פרידנס־רעדעס”, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט געהאַלטן פון פּאַשיסטישע פירער פאַר זייער אויסלענדישער פּאָליטיק אין בולט'ן ווידערשפּרוך צו זייערע פונדאַמענטאַלע אָנשויאונגען, און מאַכן פּאַרזוכן צו באַרואיקן די אַלאַרמירטע באַפעלקערונג מיט ניט־געשטויגענע פאַרזיכערונגען, אַז דער פּאַשיזם איז ווירקלעך אַ לערע פון וועלט־פרידן.

די דאָזיקע ביידע באַהאַנדלונגען פון דער פראַגע זיינען אַ נאַרישער פּאַרזוך אויסצובאַהאַלטן זיך פון די ווירקלעכע פאַקטן.

דערפאַר, וואָס פּאַשיזם איז דער אָנפירנדיקער אויסדרוק פון דעם מאָדערנעם אימפּעריאַליזם, פון קאַפּיטאַליזם אין זיין צוזאַמענברעכן, פון דער גוואַלטזאַמסטער פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם אין קריזיס, — מוז פּאַשיזם מיינען מלחמה. מיט זיין שרעקלעכער אונטערדריקונג פון יעדער סאָציאַליסטישער, פּאַציפיסטישער און אינטערנאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע, מיט זיין מיליטאַריזאַציע פון אַרבעט און צענטראַליזירטער דיקטאַטור, מיט זיין אומאויפהערלעכער, שווערד־פאָכנדיקער אַגיטאַציע, איז פּאַשיזם אַ דירעקטער טייל פון קאַפּיטאַליסטישע מלחמה־צוגרייטונגען. זיינע מעטאָדן און זיין פּאָליטיק פירן איין פון דאָסניי די באַדינגונגען פון אַ לאַנד אין אַ צייט פון מלחמה, ווי מען האָט דאָס געזען אין אַלע לענדער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער לעצטער מלחמה; דאָס ווערט אָבער געטאָן שוין אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד. דער ענדגילטיקער רעזולטאַט פון דער גאַנצער פּאָליטיק פון פּאַשיזם, פון זיין גאַנצער שאָוויניסטישער, אויסשליסלעך־נאַציאָנאַלער, אַגרעסיווער און דאָמינירנדיקער פּאָליטיק קאָן בלויז זיין מלחמה, ווי דאָס דערקלערן זיינע פירער אין זייערע פּרינציפּיעלע און אויטאָריטעטע רעדעס צו זייערע אייגענע אָנהענגער.

די דאָזיקע טענדענצן זיינען אָבער ניט קיין ספּעציעלע טענדענצן פון פּאַשיזם. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס זיינען זיי אַלגעמיין פאַר אַלע אימפּעריאַליסטישע שטאַטן. אין דעם פּאַשיזם קריגן זיי נאָר זייער עקסטרעמסטן אויסדרוק.

אין ענגלאַנד, וואו עס איז אַף דעם מאָמענט ניטאָ אַזאַ לייכטער באַזיס פאַר מלחמה־אַגיטאַציע, ווי דער ווערסאַלער פרידן האָט צוגעגרייט אין דייטשלאַנד און אויך אין איטאַליע, און וואו דער סענטימענט פון די מאַסן איז שטאַרק קעגן מלחמה, זוכט דער פּאַשיזם איצט צו באַהאַלטן זיין מלחמה־

ראָל און אַפילו ארויפצוציען אַף זיך אַ פּאַציפיסטישן בגד און אַרויסצושטעלן דעם פאַשיזם אַלס אַ לערע פון וועלט־פרידן. מאָסלי שרייבט:

„פּאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע איז דער מעטאָד פון וועלט־פרידן צווישן פעלקער, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדן דורך דעם אַלוועלטלעכן פאַשיזם פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.” (מאָזלי, „פעשיזם אין בריטיין”, ז. 7.)

דער דאָזיקער שרייענדיקער פאַרזוך צו שיטן זאַמד אין די אויגן פון די לייכט־גלויביקע ווערט אַרויסגעשטעלט דורך דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע פון פאַשיזם. מאָזלי, וועלכער גיט אָן, אַז ער שטרעבט צו דערגרייכן „אַל־וועלטלעכן פרידן דורך פאַשיזם”, וועט נאָך דאַרפן וועגן דעם קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיינע רביים, מוסאָליני און היטלער, וועלכע שליידערן אַוועק דעם גאַנצן באַגריף וועגן וועלט־פרידן אַלס אַ ניט־פּאַסנדיקן פאַרן פאַשיזם. מוסאָליני דערקלערט, אַז „פאַשיזם גלויבט ניט סיי אין דער מעגלעכקייט, סיי אין דער נוצלעכקייט פון שטענדיקן פרידן”. היטלער באַהויפּטעט, אַז „אין שטענדיקן פרידן וואָלט די מענטשהייט רואינירט געוואָרן”. דער פאַשיסט קאַרלי שרייבט: „פאַשיזם שטאַמט פון מלחמה, און אין מלחמה מוז ער געפינען פאַר זיך אַן אויסוועג.” דאָס איז די דאָמינירנדיקע שטים פון פאַשיזם. דער צייטווייליקער אָנשטעל פון דעם ענגלישן פאַשיזם אַרויפצושלעפּן אַף זיך אַ פרידנס־בגד איז ניט מער ווי אַ טיפּישער ביישפּיל פון פאַשיסטישער דעמאַגאָגיע.

רעדן וועגן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם מיינט בלויז ווידערשפּרעכן זיך. די אויסלענדישע פּאָליטיק פון פאַשיסטישע שטאַטן קאָן בלויז זיין די אויסלענדישע פּאָליטיק פון העכסט־אַגרעסיווע אימפּעריאַליסטישע שטאַטן, מיט אַלע זייערע אַנטאַגאָניזמען פאַרשאַרפט ביז דעם העכסטן גראַד. די ענלעכקייט פון זייער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק איז ניט קיין באַווייז, אַז זייער אויסלענדישע פּאָליטיק איז ענלעך. דאָס איז בולט אַרויסגעוויזן געוואָרן, ווי נאָר עס האָבן אָנגעפאַנגען עקזיסטירן די ערשטע דריי פולשטענדיקפאַשיזירטע שטאַטן, — דייטשלאַנד, איטאַליע און עסטרייך. עס איז גלייך אַנטשטאַנען צווישן זיי אַ שאַרפע אָנשטרענגונג, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן פיל מלחמה־סטראַשונקעס מצד דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד און דעם פאַשיסטישן איטאַליע איבער דעם קערפּער פונעם פאַשיסטישן עסטרייך. דער באַגריף וועגן אַ פאַרבאַנד פון פאַשיסטישע שטאַטן אַף דעם באַזיס פון אַן אַלגעמיינער פּאָליטיק איז אַ באָבע־מעשה; אַ פאַרבאַנד צווישן אַזעלכע שטאַטן קאָן פאָרמירט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די באַלדיקע צוועקן פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון די באַטרעפנדיקע אימפּעריאַ־

ליסטישע גרופּן זאָלן זיין ענלעך, וואָס פאַר אַ פּאָליטישע פאָרמען די שטאַטן זאָלן ניט האָבן. אָבער ווען אַלע אָנפירנדיקע אימפּעריאַליסטישע מלוכות זאָלן אָננעמען דעם פאַשיסטישן טיפּ, וואָלט דאָס נאָר געמיינט, אַז עס וואָלטן גלייך פאַרשאַרפט געוואָרן זייערע אַנטאַגאָניזמען, און אַז עס וואָלט פאַרשנעלערט געוואָרן דער אָנפאַנג פון אַ מלחמה.

באַאָבאַכטער פון אַלע פּאָליטישע קאָלירן האָבן שוין באַמערקט די העכסטע אָנשטרענגונג פון מלחמה־צוגרייטונגען און דאָס אַרויסרופן פון אַ מלחמה־גייסט אין דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד און פאַשיסטישן איטאַליע. באַווייזן פאַר דעם קאָנען אונז געבן, ספּעציעל בנוגע דייטשלאַנד, די ביכער — פון וויקהאַם סטיד, „היטלער — פון וואַנען און וואוהין?", פון דעם אַמעריקאַנישן זשורנאַליסט לעלאַנד סטאָל, „נאַצי־דייטשלאַנד מיינט מלחמה", און ערנסט הענרי'ס בוך, „היטלער איבער אייראָפּע".

דאָס מיינט ניט, אַז דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד זוכט מער אַ באַלדיקע מלחמה ווי עס טוט דאָס פאַשיסטישע איטאַליע. אַף אַזוי ווייט זיינען די פרידנס־רעדעס אויפריכטיק, אַף וויפיל זיי זיינען אויסגערעכנט צו געווינען צייט און צו פאַרדעקן דעם נויטווענדיקן פּראָצעס פון באַוואָפענען זיך אַף דאָסניי. אויב די סיטואַציע וועט ניט געענדערט ווערן דורך אומדערוואַרטעטע דערשיינונגען, זוכט מען דורכצומאַכן דעם נויטיקן פּעריאָד פאַר די נויטווענדיקע מלחמה־צוגרייטונגען ווי אויך די דיפּלאָמאַטישע צוגרייטונגען פאַר אַ גינסטיקער סיטואַציע. די איצטיקע מאַכט־באַציאונגען זיינען ניט גינסטיק פאַר דייטשלאַנד, און איטאַליע'ס פּאָזיציע איז אויך אַ שוואַכע. עס קאָן אָבער ניט זיין קיין פראַגע וועגן דעם ציל, פאַר וועלכן די פּאָליטיק ווערט געריכטעט. ווי עס ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין היטלער'ס „מיין קאַמף" און אין מוסאָליני'ס רעדעס, קאָן דער פולער צוועק פון דער פאַשיסטישער פּראָגראַם פאַר טעריטאָריעלע און קאָלאָניאַלע אויסשפּרייטונגען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַ מלחמה.

ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זייערע שטאַטס־לייט און פּובליציסטן באַשעפטיקן זיך מיט אויסדריקן אַ כלומרשטע פאַרוואונדערונג וועגן דעם מיליטאַריזם פון דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד אָדער פון יאַפּאַן, זיינען אין דער ווירקלעכקייט פיל מער באַוואָפנט ווי דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, גיבן אויס מער אַף באַוואָפענונגען און האָבן אַ גרעסערן נאָמען פאַר פלינדערן און באַוואָפנטער גוואַלד. אָבער דער אונטערשייד אין דער איצטיקער סיטואַציע פון די דאָזיקע צוויי גרופּן איז, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך (די לאַגע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צוליב איר ספּע־

ציעלער געאָגראַפישער סיטואַציע, איז אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע און האָט כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון ביידע גרופּן) זיינען פאַרהעלטניס־מעסיק „געזעטיקטע" אימפּעריאַליסטישע גרופּן, איבערגעשטאָפּט מיט פּלינ־דעריי, און וואָס זוכן קודם כל אָנצוהאַלטן וואָס זיי האָבן און זיינען דעריבער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פראַגן פון „זיכערקייט". דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן זיינען אָבער „הונגעריקע" אימפּעריאַליסטישע מלוכות, האָבן ניט קיין גלייכן חלק אין דער צעטיילונג פון דער וועלט, וואָס זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער שטאַרקייט אָדער פּאָטענציעלער מאַכט, און דעריבער שטרעבן זיי זיך אָן אָף אַן אַגרעסיווער פּאָליטיק פון פאַרכאַפּן טעריטאָריעס. אָט אַזוי אַרבעט דער געזעץ פון ניט־גלייכער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, דער געזעץ וואָס האָט אַרויסגערופן די לעצטע מלחמה און טרייבט צו דער קומענדיקער מלחמה. וואָס וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן אין דער איצ־טיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע איז די רעלאַטיווע געלאַסנקייט און אַפילו די פרידלעכע באַציאונג, מיט וועלכע ענגלאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן און ביז אַ געוויסער מאָס אַפילו פראַנקרייך באַהנדלען די פראַגע וועגן דייטש־לאַנד'ס באַוואָפענונג. אין דער צייט וואָס פריער פלעגן די קלענסטע פאָדע־רונגען פון דעם וויימארישן דייטשלאַנד באַגעגנט ווערן מיט בייזע אָפּזאָגונגען און אַפילו סטראַשונקעס, ווערן איצט די אָפענע פאַרלעצונגען פון דעם ווערסאַלער פרידן און די חוצפה'דיקע פאָדערונגען פון דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד צו באַוואָפענען זיך פון דאָסניי באַגעגנט מיט זייער העפלעכער און סימפּאַטישער באַציאונג. די פראַגע איז איצט ניט צי מען זאָל איינ־שטימען אָף איר באַוואָפענונג, נאָר אָף ווי וויט, ביז וואָס פאַר אַ פּונקט זי זאָל זיך באַוואָפענען. די „אַנטוואָפענונג"־קאָנפערענץ פאַרוואַנדלט זיך אין פאַרהאַנדלונגען וועגן באַוואָפנונג. אין דער זעלבער צייט באַווייזט דער שטאַרקער פאַרלאַנג פון די מערב־מלוכות, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך ניט באַוואָפענען צופיל, דעם טיפן ווידערשפּרוך־כאַראַקטער פון אימפּעריאַליזם אין דער איצטיקער סיטואַציע.

וואָס רופט אַרויס די דאָזיקע ענדערונג אין דער באַציאונג פון די מערב־מלוכות, וועלכע קאָן פון אויבן אויף אויסזען ווידערשפּרעכנדיק צו די אינטערעסן פון דעם ענגלישן און פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, און וועלכע רופט אַרויס אַ שאַרפע קריטיק מצד געוויסע טיילן אין די דאָזיקע מלוכות? מען קאָן דאָ אָנווייזן צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן:

ערשטנס, די אָנערקענונג, אַז דער פאַשיזם פאַרצאַמט דעם וועג דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און דער פאַרלאַנג ניט אָפּצושוואַכן ווי עס איז די

לאַגע פון דעם פאַשיזם און דערמיט עפענען דעם וועג פאַר דעם צוזאַמענ־ברוך פון דער היטלערישער רעגירונג און פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע אין דייטשלאַנד. ווען מען שטודירט די האַלב־אָפיציעלע פראַנצויזישע פרעסע, ווערט קלאָר, אַז דער דאָזיקער פּחד פּאַראַליזירט דעם פאַרלאַנג פון פראַנקרייך צו באַנוצן זיך מיט דעם סטראַשונאַק פון אַ „פאַרהיטונגס־מלחמה", כדי צו שטערן דייטשלאַנד צו באַוואָפענען זיך ביז איר פולער מאַכט. אין זיין רעדע דעם 22טן סעפּטעמבער, 1933, האָט לאָיד דזשאָרדזש אָפן דערקלערט:

„וואָס וואָלט פּאַסירט, ווען די מלוכות וואָלט געלונגען אַרונטער־צוּוואַרפן דעם נאַצי רעזשים אין דייטשלאַנד? עס וואָלט אַרויסגערופן ניט קיין קאָנסערוואַטיוון, סאָציאַליסטישן אָדער ליבעראַלן רעזשים, נאָר אַ קאָמו־ניסטישן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָלט ניט געווען זייער צוועק. אַ קאָמוניסטיש דייטשלאַנד וואָלט געווען פיל געפערלעכער ווי אַ קאָמוניסטיש רוסלאַנד. די דייטשן וואָלטן געוואוסט, ווי אַזוי איינצופירן דעם קאָמוניזם עפעקטיוו. דערפאַר טאַקע האָט יעדער קאָמוניסט אין דער וועלט — פון רוסלאַנד ביז אַמעריקע — געבעטן גאָט, אַז די מערב-מלוכות זאָלן טרייבן דייטשלאַנד צו אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. ער וואָלט ערנסט געבעטן די רעגירונג צו האַנדלען זייער פאָרזיכטיק." (לאָנדאָנער „טאַימס", 23טן סעפּ־טעמבער, 1933.)

די רעגירונג פון ענגלאַנד האָט ניט געדאַרפט האָבן אַזעלכע געבעטן, ווייל זי האָט די גאַנצע צייט געהאַנדלט ווי אַן אַגענט פון דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

דער צווייטער פאַקטאָר איז די ווייט־פאַרשפּרייטע האָפענונג אין די אימ־פּעריאַליסטישע קרייזן, ספּעציעל אין ענגלאַנד, אַז אַ באַוואָפנט פאַשיסטיש דייטשלאַנד צוזאַמען מיט יאַפּאַן וועלן קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר אַ מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלע אָפיציעלע באַהויפּטונגען פון דער נאַצישער אויסלענדישער פּאָליטיק דריקן כסדר אויס די האָפענונג, אַז עס וועט פאָרקומען אַ מלחמה אין דעם ווייטן מזרח קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און מעגלעך מיט דער הילף פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פוילן. דאָס ווערט אויסגעדריקט אין היטלער'ס „מיין קאַמף", אין די אַרטיקלען פון ראָזענבערג'ן, דעם אָפיציעלן וואָרט־פירער פון דער נאַצישער אויס־לענדישער פּאָליטיק, ווי דאָס איז גאַנץ אָפן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיין בוך, „דער צוקונפטסוועג איינער דויטשען אוסענפּאָליטיק", און אויך אין הוגענבערג'ס מעמאָראַנדום, וועלכער איז פאָרמעל צוריקגעצויגן געוואָרן.

היטלער שרייבט:

„די איינציקע מעגלעכקייט פאר דייטשלאנד אנצופירן א געזונטע טערי-טאריעלע פאליטיק איז צו קריגן מער לאנד אין אייראפע גופא... צוקריגן מער טעריטאריע אין אייראפע קאן מען נאר אף דעם חשבון פון רוסלאנד.״ („מיין קאמף״, ז. 153.)

„מיר שטעלן אפ דאס שטענדיקע יאגן זיך נאך טעריטאריע אין דרום און אין מערב-אייראפע און מיר ווענדן אונזערע אויגן צו דעם לאנד אין מזרח. . . . אויב מיר רעדן היינט-צו-טאג וועגן לאנד אין אייראפע, קאנען מיר קודם כל טראכטן נאר וועגן רוסלאנד און אירע גרענעץ-שטאטן.״ („מיין קאמף״, ז. 473.)

דער אמעריקאנער פובליציסט, קאלווין הוואווער, גיט איבער זיינע איינ־דרוקן וועגן די איצטיקע טענדענצן אין פאל פון א מעגלעכן אפמאך צווישן מערב־אייראפע און דעם פאשיסטישן דייטשלאנד:

„אין אזא פאל וועלן די מערב-אייראפיאישע מלוכות צופרידן זיין צו געבן דייטשלאנד א פרייע האנט אין דעם סלאווישן מזרח און דרום צו באפרידיקן זיינע פארלאנגען אויסצושפרייטן זיך...

„עס זיינען דא באווייזן, אז דער געדאנק וועגן 'רעארגאניזירן און רעסטאווירן רוסלאנד' אונטער דייטשלאנד'ס שוץ ווערט ווידער ארויס-געבראכט צום פארגרונט.״ (הואווער, „דייטשלאנד טרעט אריין אין דריטן רייך״, ז. 226.)

דער ענגלישער אימפעריאליזם האט ביז איצט דערמוטיקט מאראליש און מאטעריעל סיי דייטשלאנד און סיי יאפאן מיט דער האפענונג, אז די דאזיקע ביידע מלוכות וועלן אטאקירן דעם סאוועטן־פארבאנד. אין דער זעלבער צייט ווערן די באציאונגען צווישן דייטשלאנד און יאפאן אויסער־געוויינלעך נאענטע.

ס'איז ניט נויטיק דא אנצואווייזן אף דעם מעכטיקן ווידערשטאנד, וואס אזא פארזוך קאן באגעגענען ניט נאר פון דעם סאוועטן־פארבאנד, נאר פון דעם גאנצן אינטערנאציאנאלן ארבעטער־קלאס. דאס וועט פירן צו א רעוואלוציאנערן קאמף און בירגער־קריג קודם־כל אין דייטשלאנד גופא. דער דאזיקער אויסזיכט צווינגט די אימפעריאליסטישע און פאשיסטישע כחות אפצוהאלטן זיך פון אזא אטאקע.

די פאסירונגען וועלן נאך געבן די ענדגילטיקע ריכטונג פון דער פאשיסטישער מלחמה. וואס עס האט זיך שוין ארויסגעוויזן איז, אז דאס איינפירן פון פאשיזם האט אומגעהויער פארשנעלערט די דערנעענטערונג פון א מלחמה.

6. פאַשיזם און די פרויען־פראַגע

דער קאָנטראַסט פון די צוויי וועלטן — פון פאַשיזם, אָדער קאַפּיטאַליזם אין זיין פאַנאַנדערפאַל, און סאָציאַליזם, ווי ער איז דעמאָנסטרירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — דריקט זיך אין קיין ריכטונג ניט אויס אַזוי קלאָר און אַזוי שאַרף ווי אין דער לאַגע פון די פרויען.

די לאַגע פון די פרויען ווערט אָפטמאָל באַטראַכט אַלס איינע פון די ריכטיקסטע מאָסן פאַר דעם צושטאַנד פון דער ציוויליזאַציע. לויט דער דאָזיקער מאָס ווייזט זיך קאָמוניזם אַרויס פאַר דער ערשטער העכסט־אַנט־וויקלטסטער ציוויליזאַציע אין דער געשיכטע, וואו צום ערשטן מאָל באַ־טייליקן זיך מענער און פרויען מיט פולשטענדיקער גלייכהייט, אין דער צייט וואָס פאַשיזם טרעט אַרויס אין זיין בולט'סטן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער.

דאָס אונטערדריקן פון פרויען איז אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיט דער קלאַסן־געזעלשאַפט און איז איינער פון די נויטווענדיקע יסודות, אָן וועלכע די געזעלשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום וואָלט זיך ניט געקאָנט אָנ־האַלטן. קאַפּיטאַליזם האָט איבערגענומען פון די פריערדיקע צייטן און האָט צוגעפּאַסט פאַר זיינע צוועקן די סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אַף דער אונטערדריקונג פון די פרויען. אין דער צייט וואָס ער האָט רעוואָלוציאָניזירט די פּראָדוקציע און אָרגאַניזירט און דעם האַנדל אַף אַ גיגאַנטישן מאַסשטאַב דורך דער גאַנצער וועלט, האָט ער אָנ־געהאַלטן און אַפילו פאַרשטאַרקט דעם פּרימיטיוון און אַנאַרכישן באַזיס פון דער אינדיווידועלער באַלעבאַטישקייט, פון דער פאַמיליע, און האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פאַר־קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציע אין זיין מעכטיקסטן קאָנסערוואַטיוון זייל. נאָר אַף דעם דאָזיקן באַזיס האָט דער קאַפּיטאַליזם זיך געקאָנט אָנהאַלטן, אין דער צייט וואָס ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלע סאָציאַלע פאַרפליכטונגען. דורך דער אינסטיטוציע פון דער פאַמיליע האָט ער אַרונטערגעוואָרפן פון זיך יעדע סאָציאַלע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר די נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר דער מוטער, פאַר דערציען קינדער, פאַר אויפהאַלטן אַלטע און קראַנקע מענטשן, און פאַר די אַזוי־גערופענע הויז־אַרבעטער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע התחייבות'ן וועגן אַלע סאָציאַל־נויטיקע אַרבעטן, אָן וועלכע די געזעלשאַפט קאָן זיך ניט אָנ־האַלטן, נאָר וועלכע ברענגען ניט אַריין דעם קאַפּיטאַליזם קיין פּראָפיטן, און האָט אַרויפגעוואָרפן אַף די פּלייצעס פון די פרויען און מוטערס פון דעם אַרבעטער־קלאַס די אומבאַצאָלטע אַרבעט אין די שווערסטע, שמוציק־

סטע, העכסט־אומפּראָדוקטיווע באַדינגונגען, אין דער צייט וואָס אויסער דער היים איז אָרגאַניזירט געוואָרן די העכסט־פאַרצווייגטע אינדוסטריעלע מאַשין. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וועלכע רופן אַרויס די אונטער־דריקונג פון דער פרוי און צווינגען די מאַיאָריטעט פרויען צו זיין עקאָ־נאָמיש אָפּהענגיק פון דער הייראַט אַלס דאָס איינציקע מיטל פאַר חיונה, זיינען פאַרבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום. נאָר אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט וועט קאָנען מאַכן אַ סוף צו זיי.

פונדעסטוועגן האָט דער קאַפּיטאַליזם אין זיין פּראָגרעסיוון פּעריאָד גע־שפּילט אַ פּראָגרעסיווע ראָל אויך אין דער באַציאונג צו פרויען דורך דעם, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געגעבן די מעגלעכקייט און די באַדינגונגען פאַר אַ נייער עקאָנאָמישער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע. זוכנדיק אַלץ מער און ביליקערע אַרבעטס־קראַפט, האָט דער קאַפּיטאַליזם אַריינגעצויגן מיליאָנען פרויען אין דער אינדוסטריע, אַזוי אַז היינט צו טאָג באַשטייט מער ווי אַ דריטל פון די אַרבעטער־כחות אין די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן פון פרויען און מיידלעך. הגם זיי ווערן שרעקלעך עקספּלואַטירט, פיל מער ווי די מענער־אַרבעטער (אַן אומגליכהייט, וואָס ווערט פאַרטיידיקט אין דעם נאָמען פון דער הייליקער „פאַמיליע", צוליב דער כלומרשטער טעאָריע, אַז די דורכשניטלעכע אַרבעטערין האָט קיינעם ניט וואָס זאָל זיין אָפּהענגיק פון איר), — מיינט דאָס אָבער, אַז מיליאָנען פרויען האָבן צום ערשטן מאָל אַ מעגלעכקייט פאַר אַן אומאָפּהענגיקער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און אַקטיווער בירגערשאַפט, אַנשטאָט דער געצוואונגענער אָפּהענגיקייט פון דעם מאַן־פאַרדינער אַלס זייער איינציקע מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. די באַ־דייטונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט מאַרקס קלאָר געמאַכט שוין מיט אַ צייט צוריק:

„ווי שרעקלעך און אָפּשטויסנד עס זאָל ניט אויסזען דאָס אויפלייזן פון די אַלטע פאַמיליע-פאַרפליכטונגען אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיס-טעם, האָט דאָך די מאָדערנע אינדוסטריע, דורך דעם וואָס זי טיילט צו די פרויען, יונגע מענטשן און קינדער פון ביידע געשלעכטן אַ וויכטיקן טייל אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע, אויסער דער הויז-סביבה, געשאַפן אַ נייעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פאַר אַ העכערער פאָרם פון דער פאַמיליע און פון די באַציאונגען צווישן די געשלעכטער." (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", ערשטער באַנד, קאַפּיטל 15, פּאַראַגראַף 9.)

די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט פאַר עמאַנציפּאַציע,

פּאַר וועלכער דער קאַפּיטאַליזם האָט אַזוי אַרום געגעבן די צוגרייטונגס־באַדינגונגען, הענגט אָפּ פֿון דעם פֿאָרשריט צו אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט. אַזוי לאַנג ווי די אַלטע אייגנטום־באַדינגונגען און דער יאָך פֿון דער אינדיווידועלער הויז־ווירטשאַפֿט ווערן ניט באַזייטיקט דורך אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, פֿאַרגרעסערט דעם דאָזיקן יאָך דער פֿאַקט ,וואָס פֿרויען ווערן אַריינגעצויגן אין דער אינדוסטריע, און באַפֿרייט זיי ניט. ערשט דעמאָלט, ווען די פֿרויען וועלן ווערן גלייכע שותפים אין דער סאָציאַלער פּראָדוקציע און וועלן קריגן גלייכע בילדונג־מעגלעכקייטן, וועט געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער אַלטער לאַגע פֿון דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פֿון פֿרויען, און עס וועלן פֿאַרווירקלעכט ווערן ניט נאָר אין פֿאָרם נאָר אויך אין דער לעבנס־ווירקלעכקייט זייער גלייכהייט און פֿרייהייט. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אויסגעדריקט געוואָרן פֿון ענגעלס׳ן אין זיין גוט־באַקאַנטער דעקלאַראַציע אין דעם בוך „די אָפּשטאַמונג פֿון דער פֿאַמיליע״:

„די עמאַנציפּאַציע פֿון פֿרויען און זייער גלייכהייט מיט מענער איז אוממעגלעך און פֿאַרבלייבט אוממעגלעך אַזוי לאַנג, ווי פֿרויען זיינען אויס־געשלאָסן פֿון דער סאָציאַלער פּראָדוקציע און זיינען באַשעפֿטיקט בלויז מיט הויז־אַרבעט. די עמאַנציפּאַציע פֿון פֿרויען ווערט מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען די פֿרויען קריגן אַ געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אַף אַ ברייטן מאַס־שטאַב אין דער סאָציאַלער פּראָדוקציע.״

לענין האָט אַלעמאָל אונטערשטראָכן, אַף ווי ווייט די לייזונג פֿון דער פֿרויען־פּראַגע הענגט אָפּ פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט:

„די פֿולע באַפֿרייאונג פֿון דער פֿרוי און איר ווירקלעכע גלייכהייט מיט דעם מאַן פֿאָדערט אַ קאָמוניסטישע ווירטשאַפֿט, אַן אַלגעמיינע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָדוקציע און פֿאַרברויך און דאָס באַטייליקן זיך פֿון דער פֿרוי אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע. נאָר אַף אַזאַ אופֿן וועט די פֿרוי פֿאַרנעמען דעם זעלבן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט ווי דער מאַן.״ (לענין, אין זיין רעדע אַף דער מאָסקווער קאָנפֿערענץ פֿון אַרבעטער־פֿרויען.)

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אילוסטרירט דעם פֿאָרשריט צו דער דאָזיקער פּאָזיציע, און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט ווערט אויפֿגעבויט אַ ווירקלעכע גלייכהייט פֿון פֿרויען און ווערט איינגעפֿירט צווישן אַלע פֿעלקער פֿון דעם לאַנד.

אָבער אין דעם פּעריאָד פֿון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פֿאַרקערט דער קאַפּיטאַליזם די האָלאָבליעס און באַוועגט זיך אין דער קעגנגעזעצטער ריכ־

טונג. ער זוכט מער ניט קיין נייע רעזערוון פון ארבעטער. פאַרקערט, ער איז ניט בכח צו געפינען קיין באַשעפטיקונג אַפילו פאַר די עקזיסטירנדיקע אַרבעטער. דעריבער מאַכט מען איצט אַלץ גרעסערע גוואַלדן, וועלכע פאַנגען זיך אָן צוערשט פון דער רעאַקציאָנערער זייט און ווערן איצט אַלץ מער אויפגענומען פון דעם גאַנצן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, אַז מען דאַרף די פרוי פאַרטרייבן פון דער אינדוסטריע און אויף אַזאַ אופן העלפן „לייזן" די אַרבעטלאָזיקייט דורך דעם, וואָס מען וועט פאַרגרעסערן די צאָל מיילער, וואָס דאַרפן אָנגעהאַלטן ווערן אויף שכירות.

דער דאָזיקער גוואַלד־געשריי נעמט אָן די שאַרפסטע און אָפנסטע פאָרם דורך דעם פאַשיזם און דריקט דאָ אויס ווי אויף יעדן אַנדערן געביט די רעאַקציאָנערסטע טענדענצן פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האַלט באַם עקסטרעמען צוזאַמענברוך. צוריק אין הויז אַריין! צוריק צו דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פון הייראַט אַלס די איינציקע קאַריערע פאַר פרויען! פאַרקירצט די בילדונג פון דער פרוי! שליסט אויס די פרויען פון באַשעפטיקונג און מאַכט פּלאַץ פאַר די מענער! צוריק צו די טעפּלעך! פּראָדוצירט מער קאַנאָנען־פלייש פאַר מלחמה! צוריק צו קיך־שקלאַפעריי! דאָס איז דער ענטפער פון פאַשיזם אויף דער פרויען־פראַגע.

היטלער שרייבט:

> „אין דער פראַגע פון פרויען-בילדונג מוז די הויפּט-אָנשטרענגונג געמאַכט ווערן אויף דער קערפּערלעכער אויסבילדונג און נאָכדעם אויף דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער; דער אינטעלעקט קומט צום סאַמע סוף. דער אַבסאָלוטער צוועק פון פרויען-בילדונג דאַרף זיין מיט דער אַבזיכט צו אויס-בילדן פון זיי צוקונפטיקע מוטערס." (היטלער, „מיין קאַמף", ז. 163.)

מען דאַרף באַמערקן, אַז די נייע פאַראָרדענונגען פון דער דייטשער רעגירונג צו באַגרענעצן די צאָל פרויען אין די אוניווערזיטעטן און דאָס איינפירן פאַר זיי אַ שטרענגע קוואָטע פאַר אַלע אַנדערע פאָרמען פון העכערער בילדונג גיט די פרויען בלויז צען פּראָצענט פון דער קוואָטע פון 15,000, ד. ה., אַז בלויז 1,500 פרויען אין גאַנץ דייטשלאַנד קאָנען קריגן העכערע בילדונג אין אַ יאָר. אין 1931 זיינען אין דייטשלאַנד געווען 19,700 סטודענטקעס. ווען מען זאָל אָננעמען, אַז דער דורכשניטלעכער קורס אין די העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן געדויערט דריי יאָר, מיינט עס, אַז פאַר דעם פאַשיזם זיינען אין דייטשלאַנד יעדן יאָר אַריינגענומען געוואָרן צווישן

6 און 7 טויזנט סטודענטקעס. אַף אַזאַ אופן האָט דער פאַשיזם פאַרקלענערט אַף 75 ביז 80 פראָצענט די העכערע בילדונג פון פרויען.*)

שפּענגלער שרייבט אין זיין בוך „אַנטשיידונגס־יאָרן״:

„זאָלן די דייטשע פרויען דערציען מלחמה-העלדן און האָבן פאַרגעניגן פון דערציען זיי.

„די פרוי דאַרף ניט זיין קיין חבר, קיין געליבטע, נאָר בלויז אַ מוטער.״

דער אַמעריקאַנישער באַאָבאַכטער, קאַלווין הואווער, באַשרייבט אַזוי די נאַצי־באַציאונג צו דער פרויען־פראַגע:

„די באַציאונג פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן צו דער פרוי איז אַ קייטעלע אין דעם אַלגעמיינעם רינג פון זייער שטרעבן איינצופירן אַ סיסטעם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש גיכער פאַר אַן אַגריקולטורעלער איידער אַן אינדוסטריעלער געזעלשאַפט. די פאַרטיי איז אַנטשלאָסן, אַז דער פּלאַץ פון דער פרוי זאָל ווידער זיין אין הויז. . . . בקיצור, דער באַגריף פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן וועגן דער פרוי איז, אַז זי זאָל האָבן אַ סך געזונטע זין, וועלכע זאָלן דינען דעם שטאַט אין פרידן און אין מלחמה.״ (קאַלווין הואווער, „דייטשלאַנד טרעט אַריין אין דעם דריטן רייך״, ז. 165.)

עס איז אַ טעות אָנצונעמען, אַז די רעאַקציאָנערע פאַשיסטישע באַציאונג צו דער פרוי איז פשוט אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ רעליגיעז־רעאַקציאָנערן בליק אַף זאַכן און אַ שטרעבונג צו אַ ציוויליזאַציע פון דעם מין פון דעם

*) די גוואַלדיקע פאַרקלענערונג אין דער פאַרשפּרייטונג פון העכערער בילדונג, וועלכע איז פריער געווען דער שטאָלץ און די גרעסטע מאַכט פון דער דייטשער ציוויליזאַציע, איז אַ טיפּישער אויסדרוק פון דער אַלגעמיינער קולטורעלער רעאַקציע פון פאַשיזם, ווי דאָס איז אילוסטרירט געוואָרן אין דעם פאַרברענען ביכער און אַנדערע אַזעלכע מעשים. דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דעם „מאַנטשעסטער גאַרדיען״ האָט אין אָנפאַנג פון 1934 באַריכטעט:

„פון דער אַלגעמיינער צאָל מאַטריקולירטע סטודענטן אין גאַנץ דייטשלאַנד וועט מען אַריינגעמען אין דעם קומענדיקן יאָר נאָר 15,000 אין די אוניווערזיטעטן, טעכנישע הויכשולן און אַנדערע אינסטיטוטן פאַר העכערער בילדונג. . . . אַרום 23,000 מאַטריקולירטע סטודענטן וועלן ניט קאָנען אָנגיין מיט זייער העכערער בילדונג צוליב די נייע פאַראָרדענונגען.״

אין דער זעלבער צייט האָט דער בילדונג-דעפּאַרטמענט פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד באַריכטעט, אַז די אַלגעמיינע צאָל סטודענטן אין אוניווערזיטעטן און טעכנישע הויכשולן אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט אין 1933 באַטראָפן 415 טויזנט אין פאַרגלייך מיט 203 טויזנט אין 1926-1927 און 130 טויזנט אונטער דעם צאַריזם. ווען מען באַטראַכט די דאָזיקע פאַקטן מוז אַפילו אַ דומקאָפּ איינזען, אַז דער קאָמוניזם איז מסוגל צו באַהערשן די וועלט, און דער פאַשיזם, וועלכער לייקנט אָפּ די וויסנשאַפט, איז מסוגל צו פוילן און שטאַרבן.

פאר־אינדוסטריעלן פעריאד. דער פאקט, וואס מען גיט פרעמיעס צו מענטשן וואס הייראטן, מיט דעם תנאי אז די פרוי פארלאזט די אינדוסטריע, און די גוואלדיקע אגיטאציע פאר האבן וואס מער קינדער, איז א גענוגנדיקער באווייז, אז די גאנצע פאליטיק איז ניט פשוט די פאליטיק פון א רעליגיעז־רעאקציאנערן ראמאנטיציזם, נאר די באוואוסטזיניקע רעאקציאנערע פאליטיק פון דעם מאדערנעם קאפיטאליזם אין זיין גרעסטער צעפוילונג. אין דער צייט, וואס ער עקספלואטירט די פרוי אין דער אינדוסטריע פאר די קלענסטע שכירות און וויפיל ער קאן האבן נוצן פון איר ארבעט, שטופט דער מאדערנער קאפיטאליזם ארויס פון דער אינדוסטריע די יעניקע, וועמען ער קאן ניט באשעפטיקן, שלאגט איר פאר צו ווערן אפהענגיק פון דעם מאן, דעם פארדינער, און צו דער זעלבער צייט פאדערט ער זי אויף צו טאן איר פליכט אין פראדוצירן געננג רעקרוטן פאר די פארגרעסערטע פאדערונגען פון די שלאכט־הייזער פון אימפעריאליסטישע מלחמות. דאס איז דער בליק פון דעם מאדערנעם קאפיטאליזם אין דעם גרעסטן צוזאמענברוך, אדער פונעם פאשיזם, אף דער ראל פון דער פרוי. אין דער דאזיקער וויכטיקער פראגע וועגן דער ראל פון דער פרוי, ווי אין זיין באציאונג צו קולטור, אדער אין זיין באנוצן זיך מיט אינקוויזיציע־מיטלען און איינפירן פון דאסניי דאס בארבארישע קעפפן פון מענטשן, באווייזט דער פאשיזם זיין נידעריקע סאציאלע, פאליטישע און קולטורעלע מדרגה.

קאַפּיטל צען

דער תמצית פון פאַשיזם — דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון סאָציאַלער פוילעניש

פאַשיזם, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט עטוואָס מער ווי אַ צענדליק יאָר, האָט ניט קיין לאַנגע פאַרגאַנגענהייט און וועט וואַרשיינלעך ניט האָבן קיין לאַנגע צוקונפט — ווי דאָס ווייזט אָן דער סאַמע כאַראַקטער פון זיין רעאַקציאָנערער ראָל, פון זיינע שטורעמדיקע אינערלעכע ווידערשפּרוכן און פון זיין פאַרצווייפלטן פאַרזוך אויפצושטעלן אַ דאַמבע קעגן דעם פלוס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווי עס זעט אויס, וועט דער פאַשיזם דערמאָנט ווערן נאָר אַלס אַן עפּיזאָד אין דעם לאַנג־אויסגעצויגענעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער וועט זיך פאַרענדיקן מיט דעם זיג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

נאָר אויב פאַשיזם וואָלט פּייאיק געווען צו האָבן די געלעגנהייט אָנ־צוהאַלטן זיך אַ לענגערן פּעריאָד, ווען ער וואָלט פּייאיק געווען אָנצוהאַלטן זיין מאַכט און צו דאָמינירן, ווי אים ווילט זיך, אַ גאַנצע פאַזע פון דער סאָציאַלער געשיכטע, איז קלאָר פון דעם אַנאַליז וואָס איז שוין געמאַכט געוואָרן, וואָס פאַר אַ היסטאָרישע ראָל ער וואָלט געשפּילט און וואָס פאַר אַ מין געזעלשאַפט ער וואָלט פּראָדוצירט.

פאַשיזם פּרעטענדירט צו ברענגען „נייע יונגנט־קראַפט" דער איצטיקער אונטערגייענדיקער געזעלשאַפט, צו פאַרטרעטן דעם פּרינציפּ פון „ווידער־געבורט" און פון „ניי לעבן" אָנשטאָט דער איצטיקער פוילעניש, צו פאַר־טרעטן דעם פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע און אָרדענונג אָנשטאָט דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנאַרכיע.

אין דער אמת'ן איז דאָס פּונקט דער היפּוך. גראָד דערפאַר, ווייל די וואָרצלען פון דער איצטיקער פוילעניש און אַנאַרכיע ליגן אין דעם קאַפּי־טאַליסטישן פּריוואַטן באַזיץ פון די פּראָדוציר־מיטלען, קאָן דאָס איינציקע נייע לעבן און ווידערגעבורט קומען פון דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דורך דער סאָציאַליסטישער רעאָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז באַוויזן געוואָרן אויף אַן אַלוועלטלעך־היסטאָרישן מאַסשטאַב דורך דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו דער טריאומפירנדיקער פאָרשריט אויף יעדן געביט פון מענטשלעכער טעטיקייט און קולטור שטייט אין קאָנטראַסט צו דער שטייגנדיקער פוילעניש און באַרבאַריזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אין די פאַשיסטישע און ניט־פאַשיסטישע לענדער צוגלייך.

דאָס וואָס דער פאַשיזם אָרגאַניזירט און פירט פאָרויס, איז אין דער אמת'ן — דער פּראָצעס פון שטייגנדיקער פוילעניש און באַרבאַריזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אין דער לעצטער שטופּע פון אָפענער טעראָריס־טישער דיקטאַטור פון די רעאַקציאָנערסטע און שאָוויניסטישסטע עלעמענטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

דער פאַשיזם פּרוּווט אויף א גוואַלדזאַמען אופן צו אונטערדריקן און בייקומען די אַלץ־שטייגנדיקע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ווי גערינג האָט דערקלערט אין א רעדע פאַר דעם פּאָמעראַניער לאַנד־בונד, דעם 17טן מערץ, 1933:

„דער רעזשים פון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע וועט מיט אַן אייזערנער פויסט צוזאַמענברעכן די פאַרקערטע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט אין דער האַרמאָניע, וואָס איז נויטיק פאַר דעם וואויל־זיין פון דעם דייטשן פאָלק.”

דאָס גוואַלדזאַמע אונטערדריקן („אייזערנע פויסט”) פון די „פאַרקערטע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט” אין א „האַר־מאָניע”, דאָס הייסט — אין א „האַרמאָניע פון אייזערנער פויסט” — דאָס איז דער עצם פון פאַשיזם.

אָבער וואָס מיינט עס? ס'איז דאָך א פאַקט, אַז גראָד די ווידערשפּרוכן און די פאָלגלעכע קאָנפליקטן זיינען די הויפּט־ספּרוזשינעס און די טרייב־קראַפט פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט — ביז די געזעלשאַפט ווערט אַן אמת־קאָלעקטיווע דורך דער ליקווידאַציע פון קלאַסן. ביז דעמאָלט איז דער וועג פון קלאַסן־קאָנפליקט — דער וועג פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג. צו פּרוּוון אויף איין זייט אָנצוהאַלטן די ווידערשפּרוכן, אָן א לייזונג, און פון דער אַנדערער זייט צו אונטערדריקן מיט גוואַלד זייער אויסדרוק, וואָלט געהייסן — אַפילו ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז מעגלעך דורכצופירן מיט דערפאָלג — אַז די געזעלשאַפט וואָלט זיך אויפגעהערט אַנטוויקלען און וואָלט אַריבער, אין דעם בעסטן פאַל, צו א צושטאַנד פון א ביזאַנטישער אָדער אַלט־כינעזישער יעראַרכישער פאַר־גליווערונג. אָבער אַזאַ געזעלשאַפט פאָדערט פאַקטיש גאָר אַן אַנדערווירט־שאַפט, ווי די קאַפּיטאַליסטישע. אין דער ווירקלעכקייט פירט די טרייב־קראַפט פון די געזעצן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס קאָנטראָלירן דעם פאַשיזם, נויטיקערווייז צו א גאַנץ אַנדער אויסוועג, צו א פאַרשרפונג פון אַלע ווידער־שפּרוכן, סיי אינערלעכע און סיי אויסערלעכע, ביז צום אויפרייס־פּונקט.

דורך זיין פאַרזוך צו אונטערדריקן מיט גוואַלד די ווידערשפּרוכן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט אנשטאָט צו באַזייטיקן זיי, ווייזט דער פאַשיזם אַרויס אַף דעם אָפנסטן אופן זיין רעאַקציאָנערע ראָל.

ערשטנס, זוכט דער פאַשיזם צו אונטערדריקן דעם קלאַסן־קאַמף ניט דורך אָפּשאַפן קלאַסן, נאָר דורך גוואַלדזאַמער פּערמאַנענטער אונטער־טעניקייט פון די עקספּלואַטירטע קלאַסן צו די עקספּלואַטאַטאָרן דורך אונטער־דריקן יעדן ווידערשטאַנד. ווען דאָס זאָל אפילו זיך איינגעבן, וואָלט דאָס מיינען אַ באַדינגונג פון פּערמאַנענטער אינערלעכער מלחמה אין דער געזעל־שאַפט. דאָס וואָלט געפירט דערצו, אַז אַ מאַסע געזעלשאַפטלעכע כחות וואָלטן געגאַנגען אין ניוועץ און עס וואָלט געשטיגן די צעשטערונג פון יעדער מעגלעכקייט פאַר קאָלעקטיווער דערגרייכונג. זיין סטאַביליזאַציע וואָלט גע־מיינט, אַז אנשטאָט דעם ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם וואָלט איינגעפירט געוואָרן אַ שקלאַפן־סיסטעם פון פאַראָרדענונגען. די ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט מיט אירע פאָרמעל „פרייע אָפּמאַכן" פאַרשווינדט אַלץ מער אונטער די מאָדערנע באַדינגונגען פון מאַסן־פּראָדוקציע־אינדוסטריע. זיין צוזאַמענברוך שטעלט אַרויס נאָך שאַרפער די צוויי ברירות: אָדער סאָציאַליזם, ד. ה. דאָס אַלגעמיינע אייגנטום פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען און די אַלגעמיינע פאַרפליכטונג פון אַלע בירגער צו אַרבעטן און באַנוצן זיך מיט די פּרוכטן פון דער אַרבעט; אָדער דער שקלאַפן־שטאַט (שטאַט־קאַפּיטאַליזם), ד. ה. דאָס צווינגען דורך דעקרעטן און פאַראָרדענונגען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל האָרעווען פאַר די פּראָפיטן פון דעם באַזיצנדיקן קלאַס און ניט האָבן קיין רעכט צו סטרייקן. דער פאַשיסטישער שטאַט שטעלט מיט זיך פאָר די צווייטע ברירה, ד. ה. דעם שקלאַפן־שטאַט.

צווייטנס, זוכט פאַשיזם צו אונטערדריקן און בייקומען די ווידערשפּרוכן און די רייבונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, וועלכע ווערן אַרויס־געבראַכט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און דער מאַסן־פּראָדוקציע און דער פּראָדוקטיווער מאַכט. ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, זוכט ער ניט צו לייזן די ווידערשפּרוכן דורך אַ העכערער פאָרם פון סאָציאַלי־זאַציע פון די פּאַרטיקע סאָציאַלע פאָרמען פון פּראָדוקציע, נאָר בייקומען זיי אין די גרענעצן פון די פּענטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. דאָס קאָן אָבער אין דער ווירקלעכקייט בלויז מיינען — אָדער פּרואוון אַף אַ קינסטלעכן אופן צו באַשרענקען די פּראָדוקטיווע כחות, דערשטיקן די פּראָדוקציע צו באַשטימטע גרענעצן, וואָס פּאַסן זיך פאַרן מאָנאָפּאָליסטישן

קאַפּיטאַל, צוריקהאַלטן נייע אַנטוויקלונג און אַרויפצווינגען אַ ביוראָקראַטישן מלוכה־קאָנטראָל פאַר די צוועקן פון דער דאָזיקער באַשרענקונג; אָדער, אין דעם לעצטן אַנאַליז, — אַזוי ווי אַזאַ באַשרענקונג איז סוף כל סוף אין ווידערשפּרוך מיט די באַדערפענישן פון קאַפּיטאַל זיך אויסצושפּרייטן — צו גיין אין דער ריכטונג פון דעם איינציקן אויסוועג און פּרואוון מיט גוואַלד דורכברעכן אַ וועג פון דעם אויסגאַנגלאָזן פּונקט, דאָס הייסט — צו פּרואוון דורך מלחמה צו קריגן אַ נייע איבערטיילונג פון דער וועלט און אַ פאַרגרעסערטן אָפּזאַץ־פּלאַץ פאַר דעם באַזונדערן בלאָק פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטן אויף דעם חשבון פון זיינע קאָנקורענטן.

דריטנס, און ווי אַ שלוס־פאָלגערונג פון דעם אויבן־געזאָגטן, פירט דער פאַשיזם אומפאַרמיידלעך צו מלחמה אויף אַן אַלץ גרעסערן מאַסשטאַב. דער פאַשיזם אַנטוויקלט שוין אומגעהויער דעם פּראָצעס פון צעשמעטערן די באַזע פון אינטערנאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און פון אינטערנאַציאָנאַלער צעטיילונג פון אַרבעט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין דעם פריערדיקן פּעריאָד, און גייט אָנשטאָט דעם אין דער ריכטונג פון אָרגאַניזירן אין־זיך־איינגע־שלאָסענע „איזאָלאַציאָניסטישע" ווירטשאַפטלעכע בלאָקס, אין דער ריכטונג פון אַזוי־גערופענער „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרידיקונג" אָדער „אויט־אַרכיע", וואָס דאָס איז פאַקטיש בלויז די צוגרייטונג צו אַ פאַרשטאַרקטער מלחמה פאַר דעם וועלט־מאַרק. די דאָזיקע אויסגעשפּראָכענע רעגרעסיווע פּאָליטיק מיינט פאַרקלענערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל און קאָמוני־קאַציע, העכערן די פּראָדוקציע־קאָסטן, אַרונטערזעצן דעם לעבנס־שטייגער, און פאַרגרעסערן די „באַלקאַניזירונג" פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אין דעם לעצטן סך הכל פירט די פאַרשטאַרקטע עקאָנאָמישע מלחמה נויטיקערווייז צו אָפענעם באַוואָפנטן קאַמף. מלחמה ווערט דער אויס־געשפּראָכענער און גלאָריפיצירטער ציל פון יעדער פאַשיסטישער געזעלשאַפט.

דער פאַשיזם אַנטפּלעקט זיך מער און מער אויף יעדן געביט פון זיין פּאָליטיק ווי אַן אָרגאַניזאַציע און מאָביליזאַציע פון דער גאַנצער ווירט־שאַפט, פון דער פּאָליטישער סטרוקטור און פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פאַר מלחמה. דאָס דריקט אויס שאַרף די טיף־רעאַקציאָנערע ראָל פון דעם פאַשיזם, וואָס ווענדט אָן אויף אַזאַ אופן זיין הויפּט־אָרגאַניזאַציע, אפילו ווען ער אַנטוויקלט אויסערלעך די העכסטע אָרגאַניזאַציע און טעכניק, פאַר די צוועקן פון פאַרניכטונג, וואָס אָביעקטיוו פאַרשנעלערט עס די ירידה און אונטערגאַנג פון דעם קאַפּיטאַליזם. גראָד דאָס דעמאָנסטרירט די באַדייטונג

פון דער ראָל פון פאַשיזם, ווי אַ טיפּישע סיסטעם פון דער אָרגאַניזאַציע פון קאַפּיטאַליזם אין זיין עקסטרעמער פוילעניש, זוכנדיק בייצוקומען די פוילעניש און די ווידערשפּרוכן דורך פאַרשטאַרקטער אָרגאַניזאַציע און דורך קרעפטיקן די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור, אָבער זייענדיק פאַקטיש בכח בלויז צו פירן, דורך זיין אָרגאַניזאַציע גופא, צו פאַרשטאַרטע ווידערשפּרוכן, צו מלחמה און צו דער פאַרשנעלערונג פון קאַפּיטאַליסטישער פוילעניש.

אַזוי אַרום איז דער פאַשיזם — ווייט פון צו זיין אַ געגן־קראַפט צום פּראָצעס פון פוילעניש פון דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט — אין דער ווירקלעכקייט דער שאַרפסטער אויסדרוק און אַ פאַר־שנעלערנדע קראַפט פון דעם גאַנצן פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער פוילעניש, פון שטייגנדיקער פאַרניכטונג און דעם טרייב צו באַרבאַריזם. דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט די „ברירה", וואָס דער פאַשיזם באַט אָן אָנשטאָט דעם סאָציאַליזם.

יעדער פאַשיסטישער אויסדרוק איז דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק פון דעם אונטערגאַנג פון דער ציוויליזאַציע, מיט דער דריקנדיקער אַטמאָס־פערע פון פּעסימיזם, הגם פאָרמעל ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דער פאַשיזם וועט אַלץ אויסלעבן, און באַטריגט זיין אינערלעכן תמצית.

„מיר גלויבן ניט אין קיין פּראָגראַמען אָדער פּלענער, אין הייליקע אָדער דערלייזער. מער ווי דאָס, מיר גלויבן ניט אין קיין גליק, אין קיין רעטונג אָדער אין אַ געבענטשט לאַנד." (מוסאָליני, „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", דעם 1טן יאַנואַר, 1922.)

„פאַשיזם לייקנט אָפּ דעם מאַטעריאַליסטישן באַגריף וועגן גליק אַלס אַ מעגלעכקייט." (מוסאָליני, „די פּאָליטישע און סאָציאַלע דאָקטרינע פון פאַשיזם".)

„אין דעם צרה'דיקן היינט און אין דעם חושב'דיקן מאָרגן — איז דאָס איינציקע גלויבן, וואָס עס בלייבט פאַר אונז אינדיווידואַליסטן, וועלכע זיינען פאַראורטיילט צום טויט, — דאָס גלויבן אין דער אַנאַרכיע, וואָס זעט אויס משונה'דיק היינט־צו־טאָג, וועלכע ווערט אָבער אַלץ מער די איינ־ציקע טרייסט." („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", דעם 6טן אַפּריל, 1920.)

„מיר מעגן זיין האָפענונגלאָז, מיר האָבן אָבער די האָפענונג פון פאַר־אורטיילטע מענטשן." („בלעק שוירט", דעם 16טן סעפּטעמבער, 1933.)

„פולשטענדיק באַגרייפנדיק דאָס אומקומען פון קולטורן און ציוויליזאַציעס, פאָדערן מיר נאָך אַלץ דאָס רעכט פון יעדן שטאָלצן קעמפער — צו קעמפן פאַר אַן אידעאַל, הגם דער דאָזיקער אידעאַל זעט אויס אַ פאַרלאָרענער." („פעשיסט וויק", דעם 12טן יאַנואַר, 1934.)

„עס איז אָבער ניט קיין פאַרלאָרענער אידעאַל". דאָס איז דער היציקער

צוגאָב, וואָס ווערט געמאַכט, אָן וועלכן עס איז פאַרזוך צו באַגרינדן דאָס, נאָר ניט מער ווי אַ מיסטישער גלויבן, בלויז צו מאַכן אַן איינדרוק און צו באַרעכטיקן דעם פאַשיסטישן קאַמף. דער דאָזיקער צוגאָב באַשטעטיקט נאָר דעם אויסזיכט און ענדיקט אים ניט. דער גרונט-טאָן און דער אויסזיכט בלייבן פון אַן אָפּשטאַרבנדיקער ציוויליזאַציע, וואָס קעמפט האָפענונגסלאָז קעגן יעדן באַווייז פון דער געשיכטע, אַז זי קאָן ניט געווינען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן בליק אַף זאַכן איז דער דאָמינירנ־דיקער איינפלוס פון שפּענגלער׳ן אַף דעם פאַשיזם. דער באַליבטער, דער מייסטנס-ציטירטער און דער איינפלוסרייכסטער פילאָזאָף און לערער פון די פאַשיסטישע „טעאָריעס” פאַרבלייבט שפּענגלער, דער פלאַכער, אויבערפלעכ־לעכער פילאָזאָף פון דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אונטערגאַנג און פון דעם צוזאַמענברוך פון ציוויליזאַציע, הגם זיינע שלוסן זיינען אַזוי חושכ׳דיק און האָפענונגסלאָז אין זייער פּעסימיזם, אַז זיי זיינען געצוואונגען זיי פאַר־מעל אָפּצולייקענען, אין דער צייט וואָס זיי נעמען זיי אָן. דער ניט-לאַנג־צוריק אַרויסגעגעבענער אָפיציעלער בוך וועגן דעם ענגלישן פאַשיזם (ב. יו. פ. דרעננאַן, „סער אָסוואַלד מאָזלי און דער ענגלישער פאַשיזם”) האָט זייטן אָנגעפילט מיט ענדלאָזע ציטאַטן פון שפּענגלער׳ן און דערקלערט:

„שפּענגלער׳ס אויסטייטשונג פון דער וועלט-געשיכטע איז אַ קאָלאָ־סאַלער מאָנומענט פאַר דעם אייראָפּעיאישן געדאַנק. . . . זיין אויסטייטשונג פון דער פאַרגאַנגענער געשיכטע בלייבט גילטיק און שטעלט מיט זיך פאָר דעם יסוד, אַף וועלכן דער מאָדערנער מענטש קאָן אויסטייטשן זיין געגנוואַרט און מאָדיפיצירן זיין אייגענע צוקונפט.”

אין וואָס באַשטייט די לערע פון דעם דאָזיקן „קאָלאָסאַלן” נביא? ער שרייבט:

„נאָר טרוימער גלויבן, אַז ס׳איז דאָ אַן אויסוועג. אָפּטימיזם איז פּחדנות. מיר זיינען געבאָרן געוואָרן אין אַזאַ צייט און מיר מוזן בראַוו גיין אַף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום אָנגעצייכנטן סוף. קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. אונזער חוב איז אָנצוהאַלטן זיך אין דער לעצטער פּאָזיציע אָן אַ האָפענונג, אָן אַ רעטונג. . . . דער ערנהאַפטער סוף איז די איינציקע זאַך, וואָס קאָן ניט אַוועקגענומען ווערן פונעם מענטשן.”

ווי אַזוי פאַרטייטש דער „פעשיסט וויק” דעם דאָזיקן יאַכנעוואַטן קוואַטש, וואָס באַקלאָגט די אָפּשטאַרבנדיקע ציוויליזאַציע?

„זיינע ווערטער זיינען אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל פון אומדער־שראָקענער נאָבלקייט, ווען מען געפינט זיך פּנים אל פּנים מיט אומפאַרמייד־לעכער פאַרניכטונג.” („פעשיסט וויק”, יאַנואַר 12, 1934.)

דער פאַשיסטישער אָרגאַן מאַכט נאָך דעם פאַרזוך איינצורעדן דעם לעזער, אַז אפשר איז דער מענטש „אין וועלכן עס איז וועג פריי פון די נאַטור־געזעצן" און קאָן אַף אַזאַ אופן אויסמיידן דעם אָפּגרונט. אָבער אַפילו דער לעצטער שלום פון דעם פאַשיסטישן אָרגאַן לייענט זיך אַזוי:

„פאַר די יעניקע, וואָס מאַכן דעם אויסוואַל, איז דאָס בעסטע, וואָס זיי קאָנען דערוואַרטן, — אַן ערנהאַפטער סוף."

דאָס אָפיציעלע בוך וועגן „מאָזלי און דער ענגלישער פאַשיזם", וואָס איז שוין ציטירט געוואָרן, פרייט זיך מיט דעם צוזאַמענברוך פון דער ציוויליזאַציע און דאָס אומקערן זיך צום פרימיטיוון:

„אַלטע שאָטנס קריכן אַרויס פון דער נאַכט פון דער געשיכטע און שטעלן אין געפאַר זייער זעלבסט-צופרידנקייט. . . . סער הערבערט סעמועל, אַ ליבעראַל פון אויסערגעוויינלעכער שאַרפזיניקייט, גלויבט, אַז איראָפּע קערט זיך אום צו די באַדינגונגען פון דעם צוועלפטן יאָרהונדערט.
„די פיגור פון דעם פירער . . . קומט אַרויס אינעם שטאַרן טאָג — אין דער שוידערלעכער רואיקייט פון מוסאָליני, אין דער גרויזאַמער מאַכט פון היטלער. און הינטער זיי מאַרשירן די אייביקע 'קאָנדאָטיערן' — דער גאַלאַנטער לעבעדיקער באַלבאָ, דער אומ'ברחמנות'דיקער גערינג."

מיט דער דאָזיקער טיפּישער גלאָריפיצירונג פון די „קאָנדאָטיערן", פון דעם אומקערן זיך פון דעם באַנדיט באַלבאָ און דער גאָרילא גערינג, קאָנען מיר לאָזן די פאַשיסטן אָנצוגיין מיט זייערע נעראָנישע *) פאַרגעניגנס ביז דער צייט, ווען די שטאַרקע האַנט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור וועט מאַכן אַ סוף צו זייערע בלוטיקע אָרגיעס און וועט איינפירן דורך דער גאַנצער וועלט אַ ציוויליזירטע אָרדענונג און פּראָגרעס. וואָס זאָגן דאָ אַרויס די פאַשיסטן, אויב ניט די טיפּישע דעקאַדענטיש־פּאַראַזיטישע גלאָרי־פיצירונג פון בלוט (אַ גלאָריפיצירונג, וואָס אירע שפורן האָבן זיך שוין

---

*) נעראָ — דער לעצטער רוימישער אימפּעראַטאָר, וועלכער האָט זיך אויס-געצייכנט מיט האָבן פאַרגעניגן פון מענטשלעכע ליידן; וועלכער האָט באַפעלט צו דערמאָרדן זיין מוטער, כדי דערמיט צו שאַפן פאַרגעניגן זיין געליבטע, מיט וועלכער ער האָט געקאָנט חתונה האָבן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַראורטיילט צום טויט זיין ווייב. די טאַט וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אַף אייביק איז געווען דאָס פאַרזאַמלען אין רוים מענטשן פון אַלע געגנטן אַרום, אונטערצינדן די שטאָט פון אַלע זייטן, און משמח זיין זיך מיט דעם בילד פון פאַרברענען מענטשן אין מאַסן לעבעדיקערהייד. די געשיכטע דערציילט, אַז אין דעם מאָמענט האָט ער ציטירט פּאָעזיע און געשפּילט אַפן פידל.—באַמערקונג פונעם איבערזעצער.

געלאָזט פילן אין די אינוואַלידן ניטשע, קאַרלייל און אַנדערע קראַנקע טיפּן, אָדער וועלכע איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון די טעטל דעלם און די העמינגוויים). פאַשיזם אין זיין אידעאָלאָגיע איז ניט מער ווי אַ פאָרטזעצונג פון דער דעקאַדענץ צום סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און האָט געמוזט קומען צו דער איצטיקער בלוט־דורשטיקייט און באַרבאַריזם. דאָס אַלץ זיינען ניט מער ווי די גסיסה־קרעכצן פון דער אָפּשטאַרבנדיקער בורזשואַזער ציוויליזאַציע.

קעגן דעם דאָזיקן פעסימיזם, אומקום, צעפוילטקייט און שמוץ, טראַגישער פאַרצווייפלונג, זעלבסט־דערהייבונג צו העלדן, פאַרגעטערן טויט, דאָס אומקערן זיך צו פרימיטיווקייט, מיסטיציזם, ספּיריטואַליזם און קאָרופּציע — פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פון קאָמוניזם און מאַרקסיזם, די יורש'טע פון דער צוקונפט, איר פעסטע זיכערקייט און גלויבן אין לעבן, אין וויסנשאַפט, אין דער מאַכט פון וויסן, אין דער מעגלעכקייט פון גליק, פּראָקלאַמירט איר אומבאַזיגבאַרן אָפּטימיזם אין דער גאַנצער צוקונפט פון דער מענטשהייט, און באַוואָפנט מיט וויסנשאַפטלעכער פאַרשטענדיקונג, מיט דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, מיט דעם מאַרקסיזם, וועט זי באַקעמפן און אָפּראַמען פון דער ערד דעם אָפּפאַל פון קראַנקהייט און צעפוילטקייט, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין דעם פאַשיזם.

די דערפאַרונג פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם און דעם דייטשן פאַשיזם, אַזוי גוט ווי פון דעם מיליטערישן פאַשיזם אין יאַפּאַן, האָט באַוויזן זייער קלאָר, אַז פאַשיזם טרייבט אין דער ריכטונג פון מלחמה.

דער איטאַליענישער פאַשיזם האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אָרגאַניזאַציע אוןווירטשאַפט אויף מלחמה־צוגרייטונג און איז דערנאָך אַרויסגעטראָטן, ווי די ערשטע אייראָפּייאישע מלוכה אין דעם איצטיקן וועלט־קריזיס, אין אַ מלחמה פון גרויסן מאַסשטאַב מיט זיין אַטאַקע אויף עטיאָפּיע אין 1935. דער אָפּענער און צינישער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן אָנגריף אויף אַ פאָלק, וואָס איז טעכניש הינטערשטעליק און איז אומבאַוואָפנט אַ דאַנק דער האַנדלונג פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, און די צינישע איבערטרעטונג פון אַלע פאַרפּליכטונגען אונטער דעם קעלאָג פּאַקט און דער קאָנסטיטוציע פון דער פעלקער־ליגע, האָט אַרויסגערופן אַלוועלטלעכע דערוואַכונג בנוגע דעם אמת'ן כאַראַקטער פון פאַשיזם, ווי אַ מלחמה־אויפרייצער. די עטיאָפּישע אַוואַנטורע פון די איטאַליענישע פאַשיסטן איז דערקלערט געוואָרן דורך זיין פריינט און באַוואונדערער טשווירטשיל פאַר אַ „טויטלעכער פאַסטקע”. אָבער דער פאַקט איז, אַז אַט־די גאַנצע פּאָליטיק, דער וואַקסנדער

קריזיס פון זייער ווירטשאַפט, אַזוי גוט ווי די אינערלעכע אָפּשוואַכונג פון דעם רעזשים, האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער אויסוועג. מוסאָליני האָט די גאַנצע צייט פאָרויסגעזאָגט דעם מלחמה־אַרויסטריט פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם און האָט אַפילו אָנגעגעבן דאָס יאָר 1935 אין זיינע רעדעס פון דעם יאָר 1927. אין דעם דאָזיקן פּרט, און בלויז אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן די געשעענישן פולשטענדיק באַשטעטיקט די פּלענער פון דעם פאַשיזם.

די דערפאַרונג פון דעם דייטשן פאַשיזם, כאָטש זי איז ניט אַזאַ לאַנגע, איז אָבער נאָך מער ווייט־גרייכנדיק אין איר באַדייטונג. אין דעם פאַל פון דעם דייטשן פאַשיזם איז עס קלאָר פאַר אַלע באַאָבאַכטער, און עס איז ניט נויטיק ווידעראַמאָל אָנצוגעבן דעטאַלע באַווייזן (וואָס זיינען אָנגעגעבן, צום ביישפּיל, מיט גענוג דאָקומענטאַציע אין דאָראָטי וואודמאַנ׳ס בוך „היטלער ריאַרמס״ — „היטלער באַוואָפנט זיך ווידער״), אַז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע ניט בלויז פון דער טעכניק און דער ווירטשאַפט, נאָר פון דעם גאַנצן פאָלקס־לעבן איז די גאַנצע צייט געפירט אין דער ריכטונג פון מלחמה אַף אַ מאַסשטאַב, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזאַ ניט געזען. הינטער היטלער׳ן שטייט דער גענעראַל־שטאַב. טשוירטשיל׳ס אָפּשאַצונג אין 1935, אַז די דייטשע אויסגאַבן אַף מלחמה־צוגרייטונג זיינען געשטיגן צו דער ריזיקער סומע פון 800 מיליאָן פונט (פיר ביליאָן דאָלאַר) יערלעך — אַ סומע, וואָס שטייגט אַריבער דעם גאַנצן בריטישן בודזשעט — אַנטפּלעקט ניט בלויז די עקסטרעמע שטופּע, וואָס דער דאָזיקער פּראָצעס האָט דערגרייכט, נאָר אויך די עקסטרעמע אומשטאַנדהאַפטיקייט פון זיין גאַנצער באַזע און די אוממעגלעכקייט פּאָרטצוזעצן דעם דאָזיקן פּראָצעס אַ לאַנגע צייט אויסמיידנדיק אַ מלחמה, ווי דעם לעצטן אויסוועג.

די דאָזיקע טענדענצן פון שווערע באַוואָפענונגען און פון אַלץ מער מאָביליזירן די גאַנצע באַפעלקערונג און די ווירטשאַפט פאַר מלחמה, מערקן זיך ניט בלויז אין די פאַשיסטישע לענדער. אָבער אין די פאַשיסטישע לענדער דערגרייכן זיי צו אַ פּונקט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין אַנדערע לענדער. די פאַשיסטישע דיקטאַטור שאַפט די מיטלען פאַר דער דאָזיקער אומגעהויערער מאָביליזאַציע און רעגימענטאַציע אַף אַזאַ אופן, אַז עס רופט אַרויס קנאה מצד די שטאַטסלייט אין פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטישע לענדער.

וואוהין אָבער פירט דער דאָזיקער פּראָצעס? עס איז קלאָר, אַז דאָ קאָן ניט זיין קיין פראַגע פון סטאַביליטעט. פאַרקערט, די קינסטלעכע סטימו־

לירונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס פון באַוואָפענונג, וואָס פירט צו דעם אילוזאָרישן בילד פון אַ קורצווייליקער אויפלעבונג דורך פאַשיזם, צווינגט די עקאָנאָמישע ניט־סטאַביליטעט זיך צו אַנטוויקלען אַלץ שנעלער. אַף איין זייט האַלט די פּיראַמידע פון לאַנג־טערמיניקע און קורץ־טערמיניקע חובות פאַר אומפּראָדוקטיווע הוצאות אין שטייגן אַלץ העכער. אַף דער אַנדערער זייט פירן די קרבנות און ליידן, וואָס ווערן אַרויפגע־צוואונגען אַף דער באַפעלקערונג סיי דורך אַלערליי פאָרמען פון שווערער באַשטייערונג אַף צו דעקן די שטייגנדיקע באַדערפענישן פון מלוכה־הוצאות, און סיי דורך דער באַשרענקונג און דעם אָפּשטעלן פון די נאָרמאַלע קוואַלן פון אויסלענדישע סחורות, אַזוי גוט ווי דורך באַגרענעצן די היימישע קוואַלן פון באַזאָרגונג אין די אינטערעסן פון מלחמה־באַדערפענישן און מלחמה־זאַפּאַסן, — צו אַ לאַגע, אין וועלכער די באַפעלקערונג ווערט דערפירט צו דער שטופע פון עקסטרעמע באַדינגונגען פון קריגס־צייט און פון אַ פאַקטישער בלאָקאַדע נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

די דאָזיקע לאַגע האָט געקראָגן איר כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק בנוגע יאַפּאַן, ווען דער טאָקיאָ־קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טאַימז״ האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז אויב די מלחמה־אינדוסטריען וואָלטן אַף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט געוואָרן, וואָלט די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור צוזאַמענגעבראָכן. אַזאַ קינסטלעכע פּאָזיציע געהערט צו די באַ־דינגונגען פון קריגס־צייט, אָבער ניט פון פרידנס־צייט. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פּראָצעס, ווי דער וואָס קומט פאָר אין דייטשלאַנד, קאָן לאַנג ניט אָנהאַלטן אונטער פרידן־באַדינגונגען. ער מוז אומפאַרמיידלעך אין אַ פאַר־העלטניסמעסיק קורצער צייט פירן צו מלחמה, ווי צום איינציקן אויסוועג פון זיין אייגענעם אינערלעכן צוזאַמענבראָך. דאָס ווערט אַלץ קלאָרער אין דער ריכטונג פון דער דייטשער פּאָליטיק, פּונקט ווי די איטאַליענישע פּאָליטיק האָט שוין דערגרייכט צו איר אויסוועג. אָבער די דאָזיקע ריזאַקילישע שפּיל אַף מלחמה פאַרשאַרפט מיט דער צייט אַלע ווידערשפּרוכן און אינער־לעכע שוואַכקייטן פון דעם גאַנצן רעזשים. דער דאָזיקער פּראָצעס פון קאַפּי־טאַליסטישער פוילעניש דערגרייכט זיין שאַרפסטן און גוואַלדזאַמסטן אויס־דרוק אין דעם פאַשיזם.

קאַפּיטל עלף

פאַשיסטישע טענדענצן אין מערב-אייראָפּע און אַמעריקע

ביז די לעצטע עטלעכע יאָר האָט דער ליבעראַליזם און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון פאַשיזם אין די „ציוויליזירטע" לענדער פון מערב־אראָפּע און אַמעריקע.

נאָך אַזוי פרי ווי אין יאָר 1922, גלייך נאָך דעם זיג פונעם פאַשיזם אין איטאַליע, ווען מען האָט נאָך אַלץ באַטראַכט די דאָזיקע געשעעניש אַלס אַן „איטאַליענישע" פּאַסירונג, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אויף זיין פערטן קאָנגרעס געוואָרנט יעדעס לאַנד:

„די געפאַר פון פאַשיזם לויערט היינט-צו-טאָג אין פיל לענדער — אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין אונגאַרן, כמעט אין אַלע באַלקאַנישע לענדער, אין פּוילן, אין דייטשלאַנד (בייערן), אין עסטרייך און אַמעריקע, און אַפילו אין אַזעלכע לענדער ווי נאָרוועגן. צי אין איין פאָרם, צי אין דער צווייטער, איז פאַשיזם ניט גאָר אוממעגלעך אַפילו אין אַזעלכע לענדער ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד."

אָבער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָך אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1928 אָנגעהאַלטן זיין טעאָריע וועגן די „צוויי אייראָפּעס" און וועגן „דיקטאַטור" וואָס איז מעגלעך נאָר אין די „אָפּגעשטאַנענע" לענדער. דער פּאָרזיצער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואַנדערוועלדע, האָט אויף דעם ברוסעלער קאָנגרעס אין 1928 דערקלערט:

„אַ גרויסער קאַפּיטאַן פון דער אינדוסטריע . . . האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אונז געזאָגט: 'ווען מען זאָל ניט באַטראַכטן די פּאָליטישע גרענעצן און מען זאָל דורכפירן אַ פאַנטאַסטישע ליניע פון קאָוונע ביז בילבאַאָ, אַ ליניע וועלכע זאָל זיך ציען דורך קראַקאָוו און פלאָרענץ, וואָלט מען געפינען פאַר זיך צוויי אייראָפּעס — איינע, אין וועלכער עס הערשט פערדן-קראַפט, די צווייטע, וואו דאָס איז דער לעבעדיקער פערד; איינע, וואו עס זיינען פאַראַן פּאַרלאַמענטן, די צווייטע, וואו עס זיינען דאָ דיקטאַטורן'. אין דערווירקלעכקייט איז בלויז אין דער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אָפּגעשטאַנענער אייראָפּע לויערט אַ דיקטאַטור, וועלכע איז מער אָדער ווייניקער ברוטאַל, מער אָדער ווייניקער היפּאָקריטיש, צי זי איז פאַרשלייערט מיט אַ כלומרשטער נאַציאָנאַלער פאַרטרעטערשאַפט אָדער ניט."

מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1931, האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל געמוזט צוגעבן די ניט־ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעאָריע. אין

זיין באַריכט אַף דעם צוזאַמענפאָר אין ווין אין 1931 האָט דער אויספיר־קאָמיטעט דערקלערט:

„פאַשיזם איז אַריבער די גרענעצן, וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען, דוכט זיך, אָנגעצייכנט פאַר אים דורך דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק. אין דער צייט, וואָס מען האָט דעמאָלט גע־גלויבט, אַז פאַשיזם איז געווען מעגלעך אין יענע לענדער, וואו 'אנשטאָט פערדן-קראַפט האָט מען זיך באַנוצט מיט לעבעדיקע פערד', האָט די פאַשיס־טישע געפאַר איצט אַריינגעדרונגען אויך אין די לענדער, אין וועלכע די אינדוסטריע איז הויך אַנטוויקלט.“

אין די ווייטערדיקע דריי יאָר נאָך 1931 האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס עטאַבלירן פון פולשטענדיקער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך; דער וואוקס פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, וואו זי איז געשטיצט געוואָרן פון איינפלוסרייכע קרייזן; די אַנטוויקלונג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע ביז אַ פּונקט פון גרעסטער געפאַר פון פאַשיזם *) און די ערשטע סימנים פון האַלב־פאַשיסטישע באַ־וועגונגען און טענדענצן.

איצט איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז די טעאָריע, וועלכע באַטראַכט, אַז פאַשיזם איז אַ דערשיינונג נאָר אין די „אָפּגעשטאַנענע“, „אַגראַרישע“ לענדער, איז אַ פאַלשע, און אַז דער קאָמוניזם, וועלכער באַטראַכט דעם פאַשיזם אַלס דעם כאַראַקטעריסטישן אינסטרומענט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס זוכט צו באַנוצן זיך מיט אים אין די העכסט־אַנטוויקלטע אינדוסטריעלע לענדער, ווען דער קריזיס און דער קלאַסן־קאַמף דערגרייכן אַ שטופּע, ווען

---

*) דער דאָזיקער קאַפּיטל באַהאַנדלט מער ניט די פראַגע וועגן שפּאַניע, וועלכע אונטערשיידט זיך פונדאַמענטאַל פון די אָנפירנדיקע מערב-אימפּעריאַליסטישע לענ־דער. אַזאַ אָפּהאַנדלונג וואָלט געפאָדערט, אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע זינט 1931 זאָל געניי באַטראַכט ווערן; מען וואָלט געמוזט אַנאַליזירן, ווי אַזוי עס איז דערשטיקט געוואָרן דער לינק-דעמאָקראַטישער ליבע־ראַל-סאָציאַליסטישער בלאָק אין אַ צייט ווען די רעוואָלוציאָנערע מאַסן-כוואַליע האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, און ווי אַזוי די מאַכט איז נאָך דעם איבער־געגעבן געוואָרן צו רעכטס און דעם שנעלן וואוקס פון פאַשיזם; מען וואָלט גע־מוזט באַטראַכטן דעם פאַקט, אַז דאָס אַלץ האָט דערנענטערט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף צווישן פאַשיזם און דער מאַסן-באַוועגונג אין דעם ווייטערדיקן פעריאָד. (זינט דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן בוך, איז שוין פאָרגעקומען דער בירגער־קריג, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין שפּאַניע אין אָקטאָבער 1934.)

ער פאדערט זיך, האט זיך ארויסגעוויזן דורך פאקטן צו זיין ריכטיק. פאסירונגען באשטעטיקן טאג־טעגלעך דעם אמת, אז דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־קלאס איבער גאר דער וועלט מוז אין יעדן קאפיטאליסטישן לאנד באקעמפן די געפאר פון פאשיזם.*)

1. דער באזיס פאר פאשיזם אין גרויס־בריטאניע, אין די פאראייניקטע שטאטן און אין פראנקרייך.

וויליאם מאריס, וועלכער האט אין זיין דורכדרינגענדיקער פאנטאזיע פאראויסגעזען דעם פראצעס פון דער סאציאלער רעוואלוציע אין גרויס־

*) די דאזיקע אנטוויקלונג האט ניט ארויסגערופן, נאר האט מיטגעבראכט מיט זיך די ענדערונג אין דער פאשיסטישער מיינונג: צוערשט האט מוסאליני דערקלערט, אז „פאשיזם איז ניט קיין ארטיקל פאר עקספארט", און שפעטער (אין 1930) האט דער זעלבער מוסאליני דערקלערט, אז פאשיזם איז „אוניווערסאל" און ער האפט צו זען „א פאשיסטישע אייראפע". הגם די פאשיסטישע באוועגונגען האלטן אן געווויסע פארבינדונגען, זיינען נאך ביז איצט שוואך די פארזוכן פונעם פאשיזם אנצוגיין אין געוויסע מאמענטן מיט אינטערנאציאנאלער פראפאגאנדע — וואס איז אומפארמיידלעך צוליב דעם כאראקטער גופא פונעם פאשיזם. אין רוים ווערט ארויסגעגעבן א זשורנאל „אנטי-אייראפע", וואס האט אן אונטערקעפל „אן איבערזיכט פון פאשיסטישער פארשפרייטונג איבער דער גאנצער וועלט". איז הגם ער איז הויפטזאכלעך אן איטאליענישער ארגאן, האט ער געדרוקט ארטיקלען פון היטלער'ן, מאזלי'ן און אנדערע; עס איז אויך פאראן אן ענלעכער זשורנאל „אטטאברע". עס איז כדאי דא פאר טשיקאווע ציטירן אן אפיציעלן אנאנס אין דעם זשורנאל „אנטי-אייראפע" (די אויסגאבע פון סעפטעמבער 30, 1933, וועלכע אנטהאלט אן ארטיקל פון מאזלי'ן וועגן „מאדערנע דיקטאטור און די בריטישע געשיכטע"):

> „אונזער ארגאן איז אין דער ווירקלעכקייט א וועלט-צענטער פון פא-
> שיסטישער אינטעליגענץ, דערמוטיקט דאס אויסשפרייטן זיך פון פאשיזם,
> אילוסטרירט באציאונגען און קאנטראלירט די פאשיסטישע אנטוויקלונג אין
> דער וועלט.
>
> „א מיטל פאר פראפאגאנדע — 'אנטי-אייראפע', חודש'לעכער איבערזיכט.
>
> „'אטטאברע' — א צייטונג פון דעם אוניווערסאלן פאשיזם.
>
> „באקענט זיך מיט די פאקטן דורך דער 'נואווא אייראפא'."

די דאזיקע באמבאסטיק באווייזט גאנץ קלאר דעם זייער שוואכן „אינטער-נאציאנאלן" באזיס פון דעם דאזיקן פארזוך מצד דעם איטאליענישן פאשיזם ארויס-צושטעלן זיך פאר א „וועלטצענטרום".

בריטאַניע, האָט אין 1890 געשריבן אין זיין בוך, „ניוס פראָם נאָוועהער" (קאַפּיטל 17, ווי אַזוי די ענדערונג איז פאָרגעקומען):

„וואָס די רעגירונג זאָל ניט האָבן געטאָן, איז אַ גרויסער טייל פון דער גרויס-בורזשואַזיע און פון דעם מיטל-קלאַס אַנטשלאָסן געווען אָנצופירן אַ קאָנטר-רעוואָלוציע, ווייל דער קאָמוניזם, צו וועלכן די אַנטוויקלונג האָט געפירט, איז פאַר זיי געווען פשוט אומדערטרעגלעך. פונקט ווי די כולי-גאַנעס אין דעם גרויסן סטרייק, וועגן וועלכן איך האָב אייך נאָר וואָס דערציילט, האָבן באַנדעס יונגעליים זיך באַוואָפנט און אָנגעפירט איבונגען און האָבן בײַ יעדער געלעגנהייט אָדער פּראָוואָקאַציע געמאַכט איבערפאַלן אַף מענטשן אין די גאַסן. די רעגירונג האָט זיי ניט געהאָלפן און האָט זיי ניט געשטערט, נאָר האָט באַאָבאַכטעט מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט זיי ערגעץ ברענגען.

„די דאָזיקע 'אָרדענונגס-פריינט', ווי זיי האָבן זיך גערופן, האָבן צוערשט געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג און זיינען געוואָרן חוצפה'דיקער; זיי האָבן אַריבערגעצויגן אַף זייער זייט אַ סאַך אָפיצערן פון דער אַרמיי, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן, און האָבן אַזוי אַרום אַריינגעקראָגן פאַרשיידענע אַמו-ניציע. . . איבערן גאַנצן לאַנד איז אָנגעגאַנגען, צייטנווייז מיט דערפאָלג, עפּעס אַ מין ניט-רעגולערע מלחמה; צום סוף האָט די רעגירונג, וועלכע האָט צוערשט געמאַכט זיך, אַז זי באַמערקט ניט דעם קאַמף, אָדער האָט זיך באַצויגן צו אים ווי צו צוזאַמענשטויסן, זיך אָפן דערקלערט פאַר די 'אָרדע-נונגס-פריינט'."

דער פּאָעט פון ענגלאַנד צום סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט — וועלכער האָט געקאָנט פּאָראויסזען בעסער ווי זיינע ליטעראַרישע חברים פון יענער צייט, ווייל ער האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און האָט זיך דירעקט באַטייליקט אין דעם מאַסן־קאַמף, — קומט דאָ כמעט צו אַ פּאָראויסזאָגונג פון פאַשיזם. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף איז אינטערעסאַנט ניט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז איינער פון די פריערדיקסטע פּאָראויסזעאונגען פון דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון פאַשיזם (און ניט בלויז פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע בכלל) אין דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַ־ליסטישער ליטעראַטור, נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס ער שטאַמט פון דער באַאָבאַכטונג פון די באַדינגונגען אין ענגלאַנד און דער דערפאַרונג פון קאַמף אין ענגלאַנד. אין דער צייט, וואָס די בלינדע ליבעראַלן און רע־פאָרמיסטן האָבן מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען פאַקטן האָבן זיי געשטאָכן אין די אויגן, נאָך אַלץ פּראָקלאַמירט דעם פאַשיזם פאַר אַן „אויסלענדישע" און „אוממעגלעכע" זאַך אין ענגלאַנד, האָט אַ קלאָרער געדאַנק, וועלכער

האט געקראגן זיין שפיז פונעם מארקסיזם און וועלכער האט באאבאכטעט די באדינגונגען אין ענגלאנד, דער ערשטער פראויסגעזען דעם פאשיזם.

די אילוזיע, אז אין די „דעמאקראטישע” לענדער פון מערב־אייראפע און אמעריקע איז פאשיזם א „פרעמדע” זאך, באזירט זיך אף די כלומרשטע אייגנשאפטן פון דעם „נאציאנאלן כאראקטער” און די „אינסטיטוציעס” אין די דאזיקע לענדער. „ענגלאנד” (און לויט דעם רעדנער קאן דאס זיין „די פאראייניקטע שטאטן”, אדער „פראנקרייך”) „וועט קיינמאל ניט דולדן פאשיזם; ער איז פרעמד צו אלע אונזערע טראדיציעס און אונזער בליק אף זאכן”. די זעלבע בבא־מעשה האט מען אויך דערציילט אין דייטשלאנד, וואו ביז דעם לעצטן מאמענט האט מען נאך אלץ גע׳טענה׳ט, אז „דייטשלאנד איז ניט איטאליע”.

פון וואנען שטאמט דער באגריף, אז דער כאראקטער פון מערב־אייראפע און אמעריקע איז „אן אנדערער”, און דער ווירקלעכער פאקט, וואס אין די דאזיקע לענדער האבן די פארלאמענטאריש־דעמאקראטישע אינסטיטוציעס טיפערעווארצלען? אין דער אמת׳ן איז די דאזיקע לאגע און די אידעאלאגיע, וואס ווערט דורך איר ארויסגערופן, נאר אן אפשפיגלונג פון דער פריווילעגירטער, מעכטיקערער און רייכערער סיטואציע פון דעם מערב־אמפעריאליזם מיט זיינע ריזיקע קאלאניעס און וועלט־הערשאפט. צוליב דעם, וואס די בורזשואזיע אין די דאזיקע לענדער איז פריער געקומען צו מאכט, זיינען דארט פריער איינגעפירט געווארן פארלאמענטארישע אינסטיטוציעס, דער אינסטרומענט פון זייער קאמף קעגן פעאדאליזם. די דאזיקע פארלאמענטארישע אינסטיטוציעס זיינען אנגעהאלטן געווארן אויך נאכדעם, ווי דער קאמף קעגן פעאדאליזם איז פארענדיקט געווארן און זיי האבן פארלארן זייער ערנסטע באדייטונג. זיי זיינען אנגעהאלטן געווארן, כדי צו אפנארן דעם ארבעטער־קלאס און צו באהאלטן די ווירקלעכע הערשאפט פון דעם הייפעלע פלוטאקראטן. אזוי ווי דער קאפיטאליזם אין די דאזיקע לענדער איז געווען גענוג שטארק און האט באזעסן גענוג רייכטימער, האט ער זיך געקאנט דערלויבן אנצופירן א ליבעראלע פאליטיק פון קאנצעסיעס צו די ארבעטער און אף אזא אופן אריינציען דעם ארבעטער־קלאס אין דער דינסט פון קאפיטאליזם, שטערנדיק אין דער זעלבער צייט דעם וואוקס פון זיין אומאפהענגיקן קלאסן־באוואוסטזיין. דעריבער האט אזוי לאנג געהערשט די ליבעראלע און סאציאל־רעפארמיסטישע פאליטיק אין דעם ארבעטער־קלאס אין ענגלאנד, פראנקרייך און די פאראייניקטע שטאטן אזש ביז דעם צוואנציקסטן יארהונדערט, און דעריבער האט זיך דארט אזוי לאנג־

זאָם אַנטוויקלט דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער סאָציאַליזם, ניט ווי דאָס איז געווען אין צענטראַל און מזרח־אייראָפּע. דערפון שטאַמט אויך דער פעסטער באַזיס פאַר אָנהאַלטן אַ סך לענגער די פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס פון אָפּנאַרעריי אין די דאָזיקע לענדער, אין דער צייט וואָס די זעלביקע אינסטיטוציעס, ווען מען האָט זיי איינגעפירט אין אַנדערע לענדער, האָבן זיך דאָרטן ניט געקאָנט איינוואָרצלען. די „דעמאָקראַטישע פרייהייט" פון דעם מערב־אימפּעריאַליזם איז געבויט געוואָרן אַף דעם פונדאַמענט פון קאָלאָניאַלער שקלאַפעריי; דאָס האָט זיך גלענצנד אַרויסגעוויזן, ווען די לייבאָר־רעגירונג, דער הויפּט־פּאַרטרעטער פון „דעמאָקראַטיע", האָט איינגעפירט אַ הערשאַפט פון טעראָר, כדי אָנצוהאַלטן דעם דעספּאָטיזם אין אינדיע, און האָט פאַרשפּאַרט אין טורמע זעכציק טויזנט מענטשן פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן געפאָדערט דעמאָקראַטישע רעכט.

אָבער טאַקע דער דאָזיקער באָדן פון פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער פון מערב ווערט שטאַרק אונטערגעגראָבן דורך דעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. דער מאָנאָפּאָל פון דעם וועלט־מאַרק ברעכט צוזאַמען; די קאָלאָניעס רעוואָלטירן; די באַשטייערונגען איבער דער גאַנצער וועלט פאַלן איין; אַנשטאָט קאָנצעסיעס און רעפאָרמען איז די בורזשואַזיע אין די מעטראָפּאָלישע לענדער געצוואונגען צוריקציען אַפילו די קאָנצעסיעס און רעפאָרמען, וועלכע זי האָט שוין פריער צוגעוואָרפן, און זי אַטאַקירט אַלץ מער און מער די אַרבעטער. דאָס פירט אָבער אומפאַרמיידלעך צו אַ נאָך גרעסערער פאַרשאַרפונג פון דעם קלאַסן־קאַמף אין די דאָזיקע לענדער און צו אַ גרעסערער רעוואָלוציאָנערער דערוואַכונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. פאַר אַ געוויסער צייט דינט נאָך אַלץ דער אַפּאַראַט פון לייבאָריזם אַף אָפּצופירן אָן אַ זייט די אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער און האַלט זיי צוגעבונדן צום קאַפּיטאַליזם; דער קריזיס צווינגט אָבער אַלץ מער דעם לייבאָריזם אַרויסצושטעלן זיך אין זיין נאַקעטער געשטאַלט און העלפן דעם קאַפּיטאַליסטישן אָנגריף אַף די אַרבעטער; עס וואַקסט דעריבער די אַנטוישונג. ווען די דאָזיקע לאַגע אַנטוויקלט זיך, איז די בורזשואַזיע געצוואונגען זוכן נייע פאָרמען פאַר אָנהאַלטן איר הערשאַפט. די בורזשואַזע פּאָליטיק קערט זיך אָפּ פון דעם אויסגעלעבטן און דיסקרעדיטירטן פּאַרלאַמענטאַריזם און ווענדט זיך צו אָפענער דיקטאַטור, צו פאַשיזם. נאָכדעם ווי די דאָזיקע באַוועגונג אַנטוויקלט זיך צוערשט אין די אָרימערע און אָפּגעשטנענערע לענדער, דערגרייכט זי דעם ערשטן גרעסערן אימפּעריאַליסטישן שטאַט אין דייטשלאַנד, די מלוכה, וועלכע האָט

פאַרלאָרן אירע קאָלאָניעס און איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין איר אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער פּאָזיציע, און ערשט נאָך דעם הויבט זי זיך אָן אַנטוויקלען אין די הערשנדיקע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן און זייערע נאָכשלעפּער (סקאַנדינאַוויע, בעלגיע, האָלאַנד, די שווייץ).

אָבער ווי נאָר אַזאַ לאַגע אַנטוויקלט זיך, ווערט קלאָר, אַז פאַשיזם, וועלכער איז ווייט ניט פרעמד די אימפּעריאַליסטישע לענדער פון מערב, האָט אַ זייער שטאַרקן פּאָטענציעלן באָדן אין זייער גאַנצער סאָציאַלער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטרוקטור.

וואָס זיינען די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וועלכע זיינען גינסטיק פאַר דעם וואוקס פון פאַשיזם? מען קאָן זיי בקיצור אויסרעכענען אַזוי: (1) די פאַרשאַרפונג פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס און פון דעם קלאַסן־קאַמף; (2) אַ ווייט־פאַרשפּרייטע אַנטוישונג מיט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם; (3) די עקזיסטענץ פון אַ ברייטן קליינבירגערטום, צווישן־שיכטן, לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און טיילן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון קאַפּיטאַליזם; (4) דאָס פעלן פון אַן אומאָפּהענגיקער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער פירערשאַפט אין דער הויפּט־מאַסע פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

זיינען פאַראַן אַזעלכע באַדינגונגען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן היינט־צו־טאָג? מען מוז זאָגן, אַז זיי לאָזן זיך זייער שטאַרק פילן.

אויב מיר נעמען ענגלאַנד די ערשטע אויפן צימבל, און מען שטעלט זיך די פראַגע, צי דאָרט איז פאַראַן אַ באָדן פאַר פאַשיזם, קאָן מען איינזען, אַז די סאָציאַלע כחות און די סטרוקטור אין דעם לאַנד באַווייזן, אַז פאַר דעם איז דאָ אַ שטאַרקער באָדן.

קודם כל זיינען דאָרטן דאָ אין אַ גרויסער פּראָפּאָרציע מיטל־שיכטן פון דער באַפעלקערונג, קליינבירגערלעכע עלעמענטן מיט זייערע שמאָלע און לייכט־קאָנטראָלירטע פּאָליטישע אינטערעסן, און אַ פּאַראַזיטישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נאָענט פאַרבונדן מיט זיינע באַלעבאַטים און וועלכער קאָן פּשוט ניט אָרגאַניזירט ווערן פאַר דער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. אין ענגלאַנד איז די דאָזיקע פּראָפּאָרציע גרעסער ווי אין אַנדערע לענדער. דער צענזוס פון 1921 האָט באַוויזן, אַז 10 מיליאָן פון דער באַפעלקערונג זיינען באַשעפטיקט אין דירעקט־פּראָדוקטיווע אינדוסטריען און אין טראַנספּאָרט, און אַז 7 מיליאָן זיינען געווען באַשעפטיקט אין „דינסט", וואָס האָבן אַ קלענערן אָדער גרעסערן פּראָדוקטיוון ווערט, אָפּטמאָל גאָרניט

פּראָדוקטיוו, וועלכע זיינען אָבער פּאַראַזיטיש אין זייער כאַראַקטער און זיינען פאַרקויפט און פאַרבונדן מיט דעם פּראָצעס פון עקספּלואַטאַציע. מער ווי 4 מיליאָן פון די דאָזיקע 7 מיליאָן זיינען קלאַסיפיצירט אונטער די קעפּלעך: קאָמערץ, פינאַנצן, און פּערזענלעכע באַדינונג. די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע קאָן אָבער ביז אַ געוויסן גראַד אָראָפּפירן פון וועג, ווען מען אַנאַליזירט זי ניט ווי עס געהערט צו זיין. עס איז פון גרעסערער וויכטיקייט די פּראָפּאָרציע צווישן אַרבעטער, וואָס קריגן אַ געהאַלט, און לוין־אַרבעטער. ווי עס גיט אָן „די נעשאָנאַל אינקאם", וואָס איז געדרוקט געווען אין 1927, האָט אין 1924 די צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געקראָגן אַ געהאַלט, באַטראָפן צוויי מיליאָן אַכט הונדערט טויזנט אין פאַרגלייך מיט די פופצן מיליאָן פיר הונדערט טויזנט לוין־אַרבעטער, אָדער דאָס מיינט פופצן פּראָצענט פון דער באַשעפטיקטער באַפעלקערונג.*)

נאָך מער, כמעט צוויי־דריטל פון די לוין־אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט; און די דאָזיקע צוויי־דריטל זיינען ניט עפּעס אַ צוטשעפּעניש אין דער אינדוסטריע, נאָר זיינען הויפּטזאַכלעך די אַרבעטער אויסער די גרויסע פּראָדוקטיווע אינדוסטריעס.

אין דער זעלבער צייט דעזאָרגאַניזירט די לייבאָר־פּאַרטיי און די טרייד־יוניאָן פירערשאַפט די אומאָפּהענגיקע קלאַסן־האַנדלונג מצד די אַרבעטער און זיי מאַכן אַ וועג פאַר דעם פאַשיזם דורך דעם, וואָס זיי לייקענען אָפּ דעם קלאַסן־קאַמף און פּריידיקן, אַז „די געמיינדע איז העכער פון קלאַסן"; דורך זייער פאַראייניקונג מיט די באַלעבאַטים (מאָנדיזם) און קאַפּיטאַליזם און דורך זייער חרם אַף דעם פאַראייניקטן פראָנט.

אָן אָנדייטונג אַף די פּאָטענציעלע פאַשיסטישע כחות גיט אונז די ריזיקע צירקולאַציע, כמעט צוויי מיליאָן, פון אַזעלכע צייטונגען ווי די „דעילי מעיל", וועלכע ווערן געלעזן הויפּטזאַכלעך פון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן און וועלכע זיינען אין זייער גאַנצן כאַראַקטער געווען אמת'ע פאָרלויפער

*) עס לאָזט זיך מערקן, אַז די פּראָפּאָרציעס פון אָנגעשטעלטע, וואָס קריגן אַ געהאַלט, איז באַדייטנד געוואַקסן אין דעם פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער דעפּרעסיע. דער צענזוס פון פּראָדוקציע אין 1907 האָט באַוויזן, אַז די געהאַלטן-אָנגעשטעלטע האָבן באַטראָפן זיבן פּראָצענט און די לוין-אָנגעשטעלטע 93 פּראָצענט. אין 1911 איז די צאָל פון געהאַלטן-אָנגעשטעלטע געשטיגן ביז 9 פּראָצענט. אין 1924 האָבן זיי שוין באַטראָפן איבער 15 פּראָצענט. זייער וואוקס צווישן 1911 און 1924 האָט באַטראָפן מער ווי אַ מיליאָן און הונדערט טויזנט, ד. ה. 68 פּראָצענט. אין דער זעלבער צייט איז די צאָל לוין-אַרבעטער פאַרקלענערט געוואָרן אַף אַ פערטל מיליאָן.

פון פאַשיזם נאָך מיט צוואַנציק יאָר פריער ווי דער דאָזיקער נאָמען איז איינגעפירט געוואָרן (זינט 1934 איז די „דעילי מעיל" געוואָרן אַן אָפענע פאַשיסטישע צייטונג).

ווען מיר ווענדן זיך צו דער פּאָליטיק און טאַקטיק פון דער בורזשואַזיע אין ענגלאַנד, איז קלאָר, אַז ניט נאָר זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פון דעם פאַשיזם, נאָר אַז זיי זיינען זייער גוט צוגעגרייט און צוגעפּאַסט צום פאַשיזם דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דעם אימפּעריאַליסטישן פּעריאָד. פון איין זייט איז די מאַשין פונעם שטאַט (מיט דער באַרימטער „ניט־געשריבענער" קאָנסטיטוציע, וועלכע קאָן אָנגעווענדט ווערן אין וועלכער ריכטונג מען וויל נאָר, ווען דאָס איז נויטיק פאַר דער בורזשואַזער דיקטאַטור) פיל מער צוגעפּאַסט ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פאַר אַלע צוועקן פון פאַרשאַרפטער דיקטאַטור און פאַשיזם. פון דער אַנדערער זייט איז די ענגלישע בורזשואַזיע אין אַ משך פון דורות דערצויגן געוואָרן אַף דעם באַזיס פון איר הערשאַפט איבער אינדיע, אירלאַנד און דער קאָלאָניאַלער אימפּעריע, אָנצווווענדן מעטאָדן פון גוואַלד און דעם־פּאָטישער באַהערשונג, און צו דער זעלבער צייט איז זי איינגעוואוינט אַף דעם באַזיס פון פּאַרלאַמענטאַריזם און וואַלן־פּלאַפּלעריי אין ענגלאַנד אָנצו־ווענדן די טעכניק פון מאַסן־באַטרוג. אָט־די צוויי זאַכן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסגעצייכנטע קאָמבינאַציע פאַר דעם פאַשיזם. מען מעג דאָ דער־מאָנען די ווערטער, וואָס דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, וו. פּיידזש, אַ שלויער באַאָבאַכטער, וועלכער האָט באַוואונדערט די טעכניק פון די האַרט־קעפּיקע קאָנסערוואַטאָרן (דייהאַרדס), האָט אַרויסגעזאָגט אין די מלחמה־יאָרן:

„זיי רופן אָן די אַלטע טאָרים 'דייהאַרדס'. דאָס איז אַ גוטער נאָמען. זיי באַנוצן זיך מיט מיליטערישער מאַכט, סאָציאַלער מאַכט, פינאַנציעלער מאַכט, אָראַטאָרישער מאַכט, געלערנטקייט, אומבאַגרענעצטער חוצפּה, באַנ־דיטיזם — יעדע זאַך — כדי אָנצוהאַלטן וואָס זיי האָבן; און זיי קעמפן — זיי קעמפן ווי טיגערן און ווערן ניט פאַרמאַטערט."

אָדער ווי לאָיד דזשאָרדזש (דער „ליבעראַלער" גרינדער פון די „שוואַרצע און ברוינע") האָט דערקלערט אין זיין רעדע אין 1925: „גיב אַ קראַץ אַ קאָנסערוואַטאָר און דו וועסט געפינען אַ פאַשיסט." די יעניקע, וואָס זיינען נאָך אַלץ פאַרטשאַדעט פון די באָבע־מעשיות וועגן געזעץ און אָרדענונג, וואָלטן געמעגט שטודירן אַ ביסל די געשיכטע פון דער ענגלישער בורזשואַזיע פאַר די לעצטע דריי הונדערט יאָר. זיי וואָלטן אויסגעפונען,

אַז די דאָזיקע בורזשואַזיע האָט אָנגעווענדט אַזאַ בלוטיקע געוואַלד, וועלכע קאָן זיך גאָרניט פאַרגלייכן מיט דער געוואַלד פון וועלכן עס איז הערשנדיקן קלאַס זינט דער רוימישער אימפּעריע; זיי וואָלטן אויך באַקענט זיך מיט די האַנדלונגען פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע אַלס אַ הערשנדיקן קלאַס אין דער גאַנצער אימפּעריע אויסער ענגלאַנד היינט־צו־טאָג. זיי וואָלטן זיך זייער שנעל באַקענט מיט דעם געפּאַנצערטן פויסט, וואָס איז באַהאַלטן הינטער די סאַמעטענע רעדעס פון אַ באָלדווינ׳ען אָדער אַ מאַקדאָנאַלד׳ן. עס איז גענוג צו דערמאָנען זיך די טעכניק פון דער דזשינגאָאיסטישער אַגיטאַציע אין דער צייט פון דער בורן־מלחמה, אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד אין אָלסטער, דער אויסשלאַכטונג אין אַמריטצאַר, די „שוואַרצע און ברוינע״ אין אירלאַנד, אָדער די אָרגאַניזאַציע אַף צעברעכן דעם גענעראַל־סטרייק, צו זען דעם גאַנצן באָדן פאַר פאַשיזם.

אַ ספּעציעלן אינטערעס אַלס אַן עמבריאָנישן פאָרלויפער פון פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר די אָלסטער־באַוועגונג מיט איר אָפענער אַרויס־טרעטונג קעגן פּאַרלאַמענט, מיט איר אָרגאַניזירן פּריוואַטע אַרמייען, און מיט דער דירעקטער שטיצע, וואָס זי האָט געקראָגן מצד דעם גענעראַל־שטאַב, דעם געריכט און די הויכע פענצטער, און די שענדלעכע קאַפּיטולאַציע פון דער ליבעראַלער רעגירונג. וועגן דעם האָט לענין דעמאָלט געשריבן:

„די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן אויפשטאַנד פון די פּריצים קעגן דעם ׳אַלמעכטיקן׳ (ווי די ליבעראַלע דומקעפּ און ספּעציעל די ליבעראַלע לומדים גלויבן און האָבן אַ מיליאָן מאָל געזאָגט) ענגלישן פּאַראַמענט איז אויסער־געוויינלעך גרויס. דער 21טער מערץ, 1914, וועט אָנצייכענען אַ ווענד־פּונקט אין דער וועלט־געשיכטע, ווען די נאָבעלע פּריצים אין ענגלאַנד האָבן צעשמעטערט אַף פּיץ־פּיצלעך די ענגלישע קאָנסטיטוציע און דעם ענגלישן געזעץ און האָבן געגעבן אַן אויסגעצייכנטן ביישפּיל אין קלאַסן־קאַמף...

„די אַריסטאָקראַטן האָבן זיך געהאַלטן ווי רעוואָלוציאָנערן פון רעכטס, און האָבן דערמיט אַרונטערגעריסן אַלע מנהגים, אַרונטערגעריסן אַלע שלייערן, וועלכע האָבן געשטערט דאָס פאָלק צו זען דעם אומאַנגענעמען, אָבער צווייפללאָז־ריכטיקן קלאַסן־קאַמף.

„דאָס, וואָס איז פריער געווען באַהאַלטן דורך דער בורזשואַזיע און די ליבעראַלן, איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אַלעמען. (די ליבעראַלן זיינען היפּאָקריטיש אומעטום, עס איז אָבער אַ ספק, צי זייער היפּאָקריטסטווע גייט אַזוי ווייט און איז אַזוי שטאַרק ראַפינירט ווי אין ענגלאַנד.) יעדער איינער האָט באַגריפן, אַז די קאָנספּיראַציע צו ברעכן דאָס ווילן פון פּאַר־לאַמענט איז שוין לאַנג צוגעגרייט געוואָרן. דער אמת׳ער קלאַסן־קאַמף איז אַלעמאָל אָנגעגאַנגען און גייט איצט אָן אויסער דעם פּאַרלאַמענט. . . . און

> די קליינבירגערלעכע ליבעראַלן פון ענגלאַנד און זייערע רעדעס וועגן רעפאָרמען און וועגן דער מאַכט פון פאַרלאַמענט, מיט וועלכע זיי פאַרפירן די אַרבעטער, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלשקייטן, ליימענע גולמס אַרויסגעשטעלט כדי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק און וועלכע די אַריסטאָקראַטיע האָט שנעל אַרונטערגעריסן מיט מאַכט אין אירע הענט." (לעניןֿ, „דער קאָנסטיטוציאָנעלער קריזיס אין ענגלאַנד", 1914.)

די פאַשיסטן אין ענגלאַנד באַטראַכטן טאַקע היינט־צו־טאָג די אָלסטער־באַוועגונג פאַר זייער יועג־ווייזער:

> „פונקט פאַר דער מלחמה האָט די ווייט-פאַרשפרייטע באַוועגונג, וועלכע איז געווען געצילט קעגן פאַרלאַמענט און האָט סימפּאַטיזירט מיט די אָלסטער-אָנהענגער, אָנגענומען ריזיקע פּראָפּאָרציעס אין אַ משך פון צוויי יאָר זינט זי איז געשאַפן געוואָרן. יענע באַוועגונג, ווי באַגרענעצט זי איז ניט געווען פסיכאָלאָגיש, און וועלכע איז געצילט געוואָרן אַף צו באַשיצן בלויז געוויסע באַגרענעצטע צוועקן, וואָלט — ווען די מלחמה וואָלט ניט געשטערט — זיך אַנטוויקלט אין אַ ריזיקן אויפשטאַנד קעגן דער גאַנצער טעאָריע און סיסטעם פון דעמאָקראַטיע אין ענגלאַנד. די אָלסטער-באַוועגונג איז פאַקטיש געווען די ערשטע פאַשיסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע." (וו. ע. ד. אַלען, „פאַשיזם אין שייכות צו דער געשיכטע און כאַראַקטער פון ענגלאַנד", ב. יו. פ., 1933.)

ווען מען ווענדט זיך צו די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט אַן אונטערזוכונג פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג אויך באַווייזן דעם באָדן פאַר פאַשיזם. פון די 49 מיליאָן באַשעפטיקטע, לויט דעם צענזוס פון 1930, זיינען 19 מיליאָן געווען קלאַסיפיצירט אַלס באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק־אינדוסטריע, אין דער מאַין־אינדוסטריע, און אין דעם טראַנספּאָרט, 10 מיליאָן אין אַגריקולטור, 6 מיליאָן אין האַנדל, 3 מיליאָן אין פּראָפעסיעס, 4 מיליאָן קאַנטאָר־אָנגעשטעלטע, און 5 מיליאָן האָבן געאַרבעט אַלס הויז־באַדינער און פערזענלעכע באַדינער. צוזאַמען מיט דעם שטאָטישן קליינבירגערטום און די פאַרשיידענע געהאַלטן־אָנגעשטעלטע, סיילסלייט, א. אז. וו., שטעלט צוזאַמען די באַפעלקערונג פון די פאַרמער מיט זייערע 6 מיליאָן באַזונדערע פאַרמס אומגעפער אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דער אויסערגעוויינלעכער עקאָנאָמישער דרוק האָט זייער שטאַרק ראַדיקאַליזירט די אָרימערע פאַרמער; אָבער ביז אַ שטאַרקער פּראָלעטאַרישער פירערשאַפט וועט געלינגען איינצופירן אַ פאַראייניקונג (וועלכע וועט זיין אַן אַלמעכטיקע, ווען זי וועט דערגרייכט ווערן) פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער און די אָרימע פאַרמערס, איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז די דעמאַגאָגישע פאַשיסטישע באַוועגונגען וועלן זיי אַריבערגעווינען אַף זייער זייט.

צו דער זעלבער צייט איז די אָרגאַניזאַציע פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער שוואַך. די טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע, אַפילו נאָכדעם ווי זי איז פאַרגרעסערט געוואָרן אין צאָל מיטגלידער צוליב דעם איצטיקן קריזיס און די „קאָודס" פון רוזוועלט'ן (וועלכע האָבן פאַקטיש הויפּטזאַכלעך דערמוטיקט קאָמפּאַניע־יוניאָנס — דער אָנפאַנג־באַזיס פאַר אַ פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער אינדוסטריע) נעמט אַריין אַרום אַ פינפטל פון די אַרבעטער; זי באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון פּריווילעגירטע געשולטע אַרבעטער, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אַף דעם באַזיס פון פאַכן, און נעמט ניט אַריין די ניט־געשולטע אַרבעטער; מיט דער אויסנאַם פון די אייזנבאַנען און ביז אַ געוויסער מאָס פון די מינען־אַרבעטער, האָט זי נאָך אַ גאַנץ קליינעם אָנהאַלט אין די פונדאַמענטאַלע פּראָדוקטיווע אינדוסטריעס. די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע מצד דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר פירערשאַפט איז אָפענער און אויסגעשפּראָכענער ווי אין אייראָפּע און זאָגט זיך נאָך אָלץ אַרויס קעגן וועלכער עס איז פאָרם פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פון די אַרבעטער, הגם די אַנטוויקלונג פון דעם קריזיס קאָן צווינגען אַן ענדערונג אין דער הינזיכט. די רעפאָרמיסטישע אַרבעטער־פירער האָבן אָנגענומען די ראָל פון די רעכטע פאַרבינדעטע און לייטענאַנטן פון רוזוועלט'ס נויט־רעזשים. דאָ איז דעריבער אויך פאַראַן אַ שטאַרקער סאָציאַלער באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ פולן פאַשיזם, ווען דאָס זאָל נויטיק זיין פאַר דער בורזשואַזיע.

די טראַדיציאָנעלע טאַקטיק און מעטאָדן פון דאָמינירן מצד דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע זיינען אויך צוגעפּאַסט צו דעם פאַשיזם, ווען דאָס זאָל זיין נויטווענדיק. אויב די אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע האָט ניט געהאַט די דערפאַרונג ווי די ענגלישע בורזשואַזיע אין דאָמינירן קאָלאָניאַלע פעלקער, מיט דער אויסנאַם פון דער לעצטער צייט און אַף אַ קלענערן מאַסשטאַב, האָט זי געהאַט גענוג דערפאַרונג אין איר אייגענעם לאַנד אין אונטערדריקן 12 מיליאָן נעגערס און די שטאַרק־עקספּלואַטירטע אימיגראַנטישע באַפעלקערונג. דאָס אָנווענדן פון גוואַלד, פון ברעכן געזעצן און פון קאָרופּציע, כדי אָנצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, האָבן דערגרייכט אַ קלאַסישע הויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז גענוג צו דערמאָנען דאָ די היימאַרקעט־געשיכטע אין שיקאַגאָ, די בלוטבעדער אין האָמסטעד און אין דירבאָרן, די סאַקאָ־וואַנזעטי אָדער סקאָטסבאָראָ־געשיכטעס, דאָס באַנוצן זיך מיט די פינקערטאָן־באַנדעס, די מעטאָדן וואָס זיינען אָנגעווענדט געוואָרן קעגן די קוילן־גרעבער און די שטאָל־אַרבעטער, די פּריוואַטע אַרמייען פון

די באַלעבאַטים, די גוט־געהייסענע פון געריכטן מערדערייען, די לינטשעריייען
און דעם גענגסטעריזם, די באַרימטע פאַלמער־טעג נאָך דער מלחמה, דאָס
פּלוצלונגע פאַרשפּרייטן זיך פון דעם קו־קלוקס־קלען און ענלעכע אַזעלכע
אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל זען, וואָס פאַר אַ גענוגנדיקן באַזיס פאַר פאַשיזם
מען קאָן געפינען אין די טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע.

אויב ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען קלאַסישע
לענדער פון האַלב־פאַשיסטישע מעטאָדן פון בורזשואַזער הערשאַפט נאָך
מיט אַ צייט פריער ווי פאַשיזם האָט זיך אַנטוויקלט, איז פראַנקרייך שוין
לאַנג באַטראַכט געוואָרן פאַר דאָס קלאַסיש לאַנד פון „ריינער דעמאָקראַטיע”.
אין דער אמת'ן אָבער איז טאַקע דער סאָציאַלער באַזיס פון דער קליינ־
בירגערלעכער מאַיאָריטעט (הויפּטזאַכלעך די קליין־אינדוסטריע און דאָס
פּויערטום מיט אַן אויבערשטן שיכט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אָבער פאַר־
העלטניסמעסיק מיט אַ ווייניקער־אַנטוויקלטער גרויס־אינדוסטריע אָדער אויס־
לענדישן האַנדל), אַף וועלכן עס שטיצט זיך די „ריינע דעמאָקראַטיע” פון
פאָרמעלן סאָציאַל־ראַדיקאַלן רעפּובליקאַניזם און ווירקלעכער אומבאַגרענעצ־
טער קאָרופּציע און הערשאַפט פון די פינאַנציעלע קליקעס, ווערט היינט־צו־
טאָג, ווען עס אַנטוויקלט זיך די נייע שטופּע, דער באַזיס פאַר פאַשיזם.

ניט נאָר איז די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך
נאָך אַלץ אַ דאָרפישע (אין 1928 איז די פּראָפּאָרציע פון דער באַפעלקערונג
אין שטעט פון איבער 5,000 איינוואוינער געווען 44 פּראָצענט, אין דער
צייט וואָס אין דייטשלאַנד האָט זי באַטראָפן 54 פּראָצענט, אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן 58 פּראָצענט און אין ענגלאַנד 79 פּראָצענט), נאָר דער
הויפּט־געוויכט פון דער קליין־אינדוסטריע אַף דעם אינדוסטריעלן געביט
איז נאָך אַלץ אויסערגעוויינלעך גרויס. לויט אַן אונטערזוכונג פון דע וויל־
שאַבראָל אַף דעם באַזיס פון אָפיציעלער סטאַטיסטיק (זע „עקאָנאָמיסט”,
30טן סעפּטעמבער, 1933) האָבן אין 1926 פון 6,167,647 אונטערנעמונגען
5,983,075 באַשעפטיקט פינף פערזאָן אָדער ווייניקער (2,981,521 האָבן
באַשעפטיקט בלויז איין מענטשן). פון 17,800,000 באַשעפטיקטע פערזאָנען
זיינען 11,800,000 געווען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען, וואָס האָבן
געהאַט בלויז 5 אָדער ווייניקער פערזאָנען, און בלויז אָנדערהאַלבן מיליאָן
אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען פון איבער 500
אַרבעטער, ד. ה. אין דער גרויס־אינדוסטריע. די טרעיד־יוניאָנס, וועלכע
נעמען אַריין עטלעכע הונדערט טויזנט אין יעדער איינער פון די צוויי קאָנ־
קורירנדיקע פעדעראַציעס, זיינען שרעקלעך שוואַך, הגם מיליטאַנטישע

טראַדיציעס און קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט זיינען שטאַרק אַנטוויקלט אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען.

די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק האָט אינעם משך פון די לעצטע צוויי דורות צייטנווייז זיך זייער שוואַך אָנגעהאַלטן; אָבער די אָפענע רעאַקציאָנערע כחות, וועלכע זוכן צו ענדערן דעם רעזשים, ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די דערפאַרונגען מיט די אָנהענגער פון בולאַנזשע, מיט דער אַנטי־דרייפוס אַגיטאַציע, צי די באַוועגונג פון דער „אַקסיאָן פראַנסעז" האָבן באַוויזן, וואָס פאַר אַ באָדן עס איז דאָ פאַר פאַשיסטישער אַגיטאַציע; און דער אָנגריף פון די פאַשיסטישע דעמאָנסטראַציעס אין אָנפאַנג פון 1934, וועלכע האָבן געפירט דערצו, אַז די „לינקע" רעגירונג האָט געמוזט אַף שנעל צוריקציען זיך, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, האָט באַוויזן, ווי שנעל דער פאַשיזם קאָן זיך אַנטוויקלען אין פראַנקרייך.

דאָס אַלץ ווערט דאָ דערמאָנט, ניט כדי צו באַווייזן, אַז דער פאַשיזם מוז אומבאַדינגט אַנטוויקלען זיך און זיין דער זיגער אין די דאָזיקע מערב־לענדער. זיין דערפאָלג אָדער דורכפאַל, ווי אין יעדן לאַנד, הענגט אָפּ ביז אַ געווויסן גראַד דערפון, אַף וויפיל דער פּראָלעטאַריאַט איז צוגעגרייט אַרויס־צושטעלן אַ מיליטאַנטישן ווידערשטאַנד. עס וואָלט אָבער נאַריש געווען ניט איינצוזען די ווירקלעכקייט פון דער געפאַר, אָדער די פילע גינסטיקע פאַקטאָרן, וואָס קאָנען אַריינברענגען דעם פאַשיזם טאַקע אין די דאָזיקע לענדער. נאָך מער, עס איז נאָך ערגער ווי נאַריש צו לאָזן זיך בלינדערהייד פאַרפירן, ווי דאָס פריידיקן די ליבעראַלע און רעפאָרמיסטישע פירער פון די „דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס" אין די דאָזיקע לענדער. די בורזשואַזיע וועט זיך באַנוצן מיט יעדן מעגלעכן אינסטרומענט פאַר דעם קאַמף, ווען דאָס וועט נויטיק זיין. עס איז די אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע אָנהענגער צו זיין צוגעגרייט פאַר דעם אָנקומענדיקן קאַמף.

2. די באַדייטונג פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" אין ענגלאַנד

די אַנטוויקלונג פון דעם אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס האָט געפירט צו אַ שאַרפער ענדערונג אין דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין די לענדער פון דעם מערב־אימפעריאַליזם, און האָט דערמיט אַרויסגעשטעלט די פראַגע וועגן דער פאַרגרעסערטער געפאַר מצד דעם פאַשיזם אויך אין די דאָזיקע לענדער.

אין ענגלאַנד איז די ענדערונג פאָרגעקומען אין הארבסט פון 1931, אין דער צייט פון דעם פינאַנציעלן קריזיס און ווען ס'איז איינגעפירט געוואָרן די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די ענדערונג פאָרגעקומען אין פרילינג פון 1933, ווען עס איז אריין אין מאַכט דער רוזוועלט־רעזשים אין אַ מאָמענט פון אַן אויסערגעוויינלעכן פינאַנציעלן קריזיס און עס איז עטאַבלירט געוואָרן די „נויט"־מאַכט.

אין פראַנקרייך, וואו די רעזולטאַטן פונעם עקאָנאָמישן קריזיס האָבן זיך געלאָזט פילן פיל לאַנגזאַמער, איז די ענדערונג געקומען מיט די רעוואָלוציאָנערע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס אין פאַריז אין פעברואַר 1934, און עס איז פאָרמירט געוואָרן אונטער דעם פרעמיער דומערג די רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע".

דאָס אַלץ באַווייזט אַן אַלגעמיינעם פראָצעס פון קאָנצענטראַציע מצד די בורזשואַזע כחות אין דעם קריזיס; דאָס איינפירן פון פאַרשאַרפטע פאָרמען פון דיקטאַטור און „נויט"־מאַכט; די פאַרקלענערטע ראָל פון דעם פאַרלאַמענטאַריזם און בכלל די אַנטוויקלונג פון אַ פאַר־פאַשיסטישער שטופע, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט דעם ברינינג־רעזשים אין דייטשלאַנד.

וואָס איז געווען די באַדייטונג פון פאָרמירן די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג אין ענגלאַנד, און פון דער שטופע פון קריזיס, וועלכע האָט דאָס אַרויסגערופן?

קודם כל האָט דאָס באַוויזן, ווי שטאַרק די לייבאָר־פּאַרטיי איז דיסקרעדיטירט געוואָרן. די לייבאָר־רעגירונג, וועלכע איז דערוויילט געוואָרן מיט אַכט מיליאָן שטימען דורך אַ פּראָגראַם פון צוזאָגן סאָציאַליזם און פון לייזן אַרבעטלאָזיקייט, האָט מאַכטלאָז צוגעקוקט, ווי אונטער איר הערשאַפט איז די אַרבעטלאָזיקייט געוואַקסן פון אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט ביז צוויי מיליאָן און זיבן הונדערט טויזנט, און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שותּף פון קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע אַפן חשבון פון די אַרבעטער. די האָפענונגען, וועלכע מען האָט געזוכט איינצופלאַנצן נאָך דער מלחמה וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פרידלעכער דעמאָקראַטישער לייבאָר־סטעזשקע, וואָס דאַרף פירן צום סאָציאַליזם אַנשטאָט אַ רעוואָלוציע און וועלכע האָט געגעבן דער לייבאָר־פּאַרטיי אַ פאַרגרעסערונג אין שטימען פון צוויי מיליאָן אין 1918 ביז אַכט מיליאָן אין 1929, — די דאָזיקע האָפענונגען האָבן געקראָגן אַ גוואַלדיקן קלאַפּ. די אַנטוישונג צווישן די מאַסן איז געשטיגן. אָבער די לייבאָר־פּאַרטיי האָט אין דער אמת'ן פאַר־

געשטעלט מיט זיך דעם רעטונג־מעכאַניזם פון דער בורזשואַזער הערשאַפט אין דעם פעריאָד נאָך דער מלחמה, פונקט ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד. די דאָזיקע סאָציאַל־קאָנסערוואַטיווע מאַכט, אין דער צייט וואָס זי האָט בלומרשט געדינט אַלס די שטים פון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען פון די מאַסן, האָט אין דער אמת'ן געדינט אַף צוצובינדן זיי דורך דעם פאַרלאַמענטאַריזם צו דעם בורזשואַזן רעזשים. עס איז איצט געווען אַ געפאַר, אַז דער דאָזיקער רעטונג־מעכאַניזם זאָל צוזאַמענברעכן און זאָל אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ שטייגנדיקן פּראָצעס פון רעוואָלוציאָניזירונג. די בורזשואַזיע האָט זייער שנעל באַמערקט די געפאַר. שוין אין פרילינג פון 1930 האָט לאָיד דזשאָרדזש אַרויסגעוויזן, אַז ער באַגרייפט די געפאַר פאַר די טראַדיציאָנעלע בורזשואַזע אינסטיטוציעס, דערמיט וואָס ער האָט דיסקרעדיטירט די לייבאָר־פאַרטיי. באַשרייבנדיק ווי אַזוי די אַרבעטער האָבן לכתחילה געלייגט גרויסע האָפענונגען אַף דער ליבעראַלער פאַרטיי און האָבן דערנאָך פאַרלאָרן זייער גלויבן אין איר, האָט ער פאָרגעזעצט:

„מיליאָנען האָבן נאָכדעם איבערגעגעבן זייער שיקזאַל אין די הענט פון אַ נייער פאַרטיי. פאַר זיי איז די דאָזיקע פאַרטיי געווען די פאַרטיי פון זייער לעצטער האָפענונג. זי ווערט אָבער איצט זייער שנעל די פאַרטיי פון פאַרלאָרענער האָפענונג. רעדנער און פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען, וואָס קערן זיך אום צוריק פון די לעצטע וואַלן אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן, האָבן צו דערציילן די זעלבע מעשה. אַ חושכ'דיקע שטימונג און פאַרצווייפלונג איז באַפאַלן דעם אַרבעטער־קלאַס צוליב דעם, וואָס די רעגירונג, וועלכער זיי האָבן געהאָלפן קומען צו מאַכט אין די לעצטע וואַלן, האָט זיי ניט געבראַכט וועלכע עס איז פאַרלייכטערונג אין זייערע באַדינגונגען און זייערע אויסזיכטן. אויב די לייבאָר־פאַרטיי וועט דורכפאַלן דאָס מאָל, וועלן טויזנטער לאָיאַלע ענגלישע היימען און הערצער פאַרלירן פאַר אַ געוויסער צייט דעם גלויבן אין פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס.”
(לאָיד דזשאָרדזש'ס אַרטיקל אין „דעילי עקספּרעס” פונעם 18טן מערץ, 1930.)

דער בורזשואַזיע איז געלונגען דורך מאַנעווערס צו באַגעגענען די דאָזיקע קריטישע לאַגע. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ שריט, וועלכן מען האָט פריער פאַרזוכט צו מאַכן נאָך דער מלחמה, אַף צו שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון אַלע פאַרטייען, די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע רעגירונג, וועלכע איז נאָמינעל געווען אונטער דער פירערשאַפט פון מאַקדאָנאַלד'ן און סנאָו־דען'ען, וועלכע איז אָבער אין דער ווירקלעכקייט קאָנטראָלירט געווען פון די קאָנסערוואַטאָרן, — דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי צו געווינען פון דאָס־ניי דעם גלויבן פון די מאַסן אין די פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס

אונטער דעם דאָזיקן נייעם שלייער. פאַר אַ מאָמענט האָט די דאָזיקע מאַנעוורע געהאַט דערפאָלג דורך דעם, וואָס זי האָט געשפּילט אַף דער אַנטוישונג פון די מאַסן מיט דער לייבאָר־רעגירונג. צום ערשטן מאָל זינט דער מלחמה האָט די לייבאָר־פּאַרטיי פאַרלאָרן שטימען, און טאַקע גאַנצע צוויי מיליאָן שטימען. פון דער דאָזיקער אַנטוישונג איז די צאָל רעוואָלוציאָנערע שטימען ניט קיין סך געשטיגן. אַ סך פון די אַרבעטער, וואָס האָבן פריער געשטימט פאַר דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָבן זיך בכלל אָפּגעהאַלטן פון שטימען. געוואונען פון דער אַנטוישונג האָט די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג, וועלכע האָט געקראָגן פערצן און אַ האַלב מיליאָן שטימען איבערן גאַנצן לאַנד.

עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך דאָ אַ ספּעציעלע פאָרם פון דעם זעלבן פּראָצעס, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דייטשלאַנד. דער באַטרוג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַריינגעוואָרפן מיליאָנען אַרבעטער און פריערדיקע קליינבירגערלעכע שטיצער אין דעם רעאַקציאָנערן לאַגער, וועלכער ווייסט ווי אַזוי אַרויסצושטעלן אַ נייעם באַנער, כדי אַריבער־צוגעווינען זיי. דאָס איז דער תמצית פון דעם פּראָצעס פון פאַשיזם. אין זיין ערשטער גראָבער פאָרם האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אין ענגלאַנד אין דער „נאַציאָנאַלער" מאַנעוורע. די אָפּשטימונג פאַר דער „נאַציאָנאַלער" רעגירונג אין 1931 איז געווען דער ערשטער וואָרנונג־סיגנאַל פון דער געפאַר פון פאַשיזם.

צווייטנס, באַצייכנט די נאַציאָנאַלע רעגירונג דעם פּראָצעס פון בור־זשואַזער קאָנצענטראַציע און פאַרשאַרפטער דיקטאַטור, דערמיט וואָס זי פירט דורך מאָסמיטלען פון אַן אַלץ־שטאַרקערן פאַשיסטישן כאַראַקטער. אַז די נאַציאָנאַלע רעגירונג איז באַוואוסטזיניק אין דער דאָזיקער ראָל, פונקט ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם נאַציזם אָדער פאַשיזם, איז אָפן אויס־געדריקט געוואָרן פון דעם פּרעמיער־מיניסטער מאַקדאָנאַלד אין זיין רעדע פאַר דעם נאַציאָנאַלן לייבאָר־קאָמיטעט דעם 6טן נאָוועמבער, 1933 :

„דער סוד פאַרוואָס די דיקטאַטורן זיינען דערפאָלגרייך, איז דער פאַקט, וואָס זיי איז אַף איין וועג, צי אַן אַנדערן געלונגען אויפצולעבן די נשמה פון דער נאַציע. זייערע מעשים קאָנען אונז אפשר אויפשוידערן, זיי האָבן אָבער ווירקלעך אויפגעוועקט עפּעס אין די הערצער פון זייער פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבן אַ נייע זעאונג און אַ נייע ענערגיע אָנצוגיין מיט די נאַציאָ-נאַלע ענינים.

„באַ אונז אין לאַנד טוען דאָס די דריי פּאַרטייען אין קאָאָפּעראַציע, און עס איז אונזער אויפגאַבע צו קריגן אַף אונזער זייט די יונגע מענטשן מיט פאָרשטעלונג-קראַפט, מיט האָפענונג, און מיט אַ וויטן קוק."

די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג איז זיך אויף אַזאַ אופן עפנטלעך מודה, אַז זי שטעלט זיך די אויפגאַבע צו דערגרייכן די זעלבע צילן ווי דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד, וואָס זיין „דיקטאַטור" ווערט עפנטלעך געלויבט פאַר רע־פּרעזענטירן אַ „נייע זעאונג" און אַ „נייע ענערגיע", כדי „אויפצולעבן די נשמה פון אַ פאָלק". דער דאָזיקער דירעקטער לויב־געזאַנג צום פאַשיזם ווערט אַרויסגעזאָגט פון אַ מענטשן, וואָס איז נאָך ביז 1931 געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און וועלכער האָט נאָך פריער, ווען ער איז נאָך געווען דער פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, געזונגען אַזעלכע שבחים דעם איטאַליענישן פאַשיזם.

אַ נאָך־מער פאַרענדיקטער און באַוואוסטזיניקער אויסדרוק פון דער נייער פּאָליטיק איז געמאַכט געוואָרן אין די גאָר לעצטע דעקלאַראַציעס פון דעם אַגריקולטור־מיניסטער עליאָט, וועלכער איז פריער געווען אַ פאַביאַנער. עליאָט, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס דער אַקטיוווסטער פאַר־טרעטער פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק בנוגע דער גאַנצער סיסטעם פון קוואָטעס, ליצענזיעס, סובסידיעס, קאָנטראָלירטער און באַגרענעצטער פּראָדוקציע און דאָס גלייכן, האָט זייער שטאַרק אונטערשטראָכן די פּאָ־ליטישע באַדייטונג פון דעם פּראָצעס. אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער ראַדיאָ אונטער דעם נאָמען „וואוהין גייט גרויס־בריטאַניע?" האָט ער דעם 27טן מערץ גערעדט וועגן דעם איבערגאַנג צו דעם „נייעם שטאַט", וועגן דער נויטווענדיקייט „אָפּצוזאָגן זיך אין אַ געוויסער מאָס פון פרייהייט", וועגן דער נויטווענדיקייט פון „עקאָנאָמישער זעלבסט־דיסציפּלין", „פּסיכאָלאָגישער זעלבסט־דיסציפּלין" און אַזוי ווייטער, און האָט דירעקט פאַרגליכן די ראָל פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג מיט דער ראָל פון דער היטלער־רעגירונג אין דייטשלאַנד. היינט־צו־טאָג איז עליאָט באַקאַנט אַלס דער הויפּט רעגירונגס־פאַרטרעטער פון דער נייער פאַשיס־טישער טענדענץ.

די אַנטוויקלונג פון פאַשיזם מוז ניט אָננעמען אין יעדן לאַנד די זעלבע פאָרם. די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער נייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ריכטונג, וואָס קריגן זייער פולן אויסדרוק אין דעם פאַשיזם, זיינען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס די זעלבע, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, פאַר דעם גאַנצן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. אָבער די ערשטע שריט פון פאַשיזם ווערן געוויינלעך אַנטוויקלט דורך די צעפוילטע פאָרמען פון דער אַלטער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דאָס איז קודם כל די באַדייטונג פון דער „נאַציאָנאַלער" רעגירונג, וועלכע ברענגט מיט זיך אַרויס

טענדענצן, וואָס האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן אין דער גאַנצער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג נאָך דער מלחמה.

פון איין זייט ברענגט די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג אַרויס די נייע ליניעס פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (פאַרגרעסערט די רעגולירונג פון דער פּראָ־דוקציע מצד דעם שטאַט, העכערט טאַריפן, קוואָטעס, פירט איין קאָנטראָל־קערפּערשאַפטן פאַרן אימפּאָרט, די שטרעבונג צו אַן עקאָנאָמישער איינהייט פון דער אימפּעריע) און די אַקטיווע פאַרגרעסערונג פון מלחמה־צוגרייטונגען.

פון דער אַנדערער זייט ברענגט די „נאַציאָנאַלע" רעגירונג אַרויס דעם פּראָצעס פון טראַנספאָרמירן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע פון אינעווייניק — אַנטוויקלט נייע פאָרמען פון פאַרשטאַרקטער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור און באַגרענעצט אַלץ מער דאָס דעמאָקראַטישע רעכט.

דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך געלאָזט מערקן שוין אין דעם גאַנצן פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה, ספּעציעל דורך אַזעלכע מאָסמיטלען ווי דער געזעץ וועגן „נויט־מאַכט" און ווי דער געזעץ וועגן טרייד־יוניאָנס אין 1927. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט זייער קלאָר דורכגעפירט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. דאָס קאָן מען איינזען אין אַזעלכע מאָסמיטלען, ווי:

1. די רעגירונגס־האַנדלונגען ווערן אַלץ מער אָפּגעטיילט פון די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען, און זאַכן ווערן מער דורכגעפירט דורך אַן אַדמיניסטראַטיוון באַפעל אָדער דורך באַפעלן פון ראַטן (די לוין־און רעליף־שניטן צוליב „עקאָנאָמיע" און דער באַרימטער „מינס טעסט", וואָס נעמט בא די אַרבעטער אַוועק דאָס רעכט צו אַרבעט־לאָזיקייט־זיכערונג, אויב זיי האָבן וועלכע ס'איז אייגענע מיטלען, זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך פאַראָרדענונגען אין דעם ראַט [קאָונסיל] און ערשט נאָך דעם, ווען זיי זיינען שוין געווען אין קראַפט, זיינען זיי פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַרן פּאַרלאַמענט);

2. דאָס רעאָרגאַניזירן פון דער פּאָליציי אונטער אַלץ גרעסערע צענטראַליזירטע און מיליטערישע פאָרמען און אַ שנעלער וואוקס פון די פּאָליציי־אויסגאַבן;

3. אַ שטייגנדיקע באַגרענעצונג פון דעם רעכט פון פרייער רעדע און פאַרזאַמלונג, דער פאַרבאָט פון פאַרזאַמלונגען (צ. ב. די פאַרבאָטן פון פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטלאָזע אַף אַרבעטער־בירזשעס), דאָס פאַרשפּאַרן אין טורמעס אָן וועלכע עס איז באַשטימטע באַ־שולדיקונגען, א. ד. ג.;

4. אקטיווע פאליטישע פארפאלגונגען קעגן ארבעטער (אין די צוויי און א האלב יאר פון דער עקזיסטענץ פון דער נאציאנאלער רעגירונג — ביז פרילינג פון 1934 — זיינען פארגעקומען 1,900 פאליטישע ארעסטן, 600 זיינען פארשיקט געווארן צו 1,613 חדשים אין טורמע און ארום 850 זיינען באשטראפט געווארן מיט אן אפצאל פון סך הכל 2,540 פונט, א. ד. ג.) ;

5. פארשטארקטע גוואלדטאטן מצד דער פאליציי קעגן די ארבעטער ;

6. דער געזעץ וועגן ארבעטלאזיקייט, וואס גיט איבער די ארבעטלאזע, וועלכע האבן דורכגעמאכט דעם קורצן פעריאד פון זייערע רעגולערע בענעפיטן, אונטער דעם קאנטראל פון א צענטראליזירטער אויטאקראטישער קערפערשאפט, וועלכע איז ניט פאראנטווארטלעך צום פארלאמענט, און וועלכע האט די מאכט איינצופירן „קאנצענטראציע לאגערן", וואו די ארבעטלאזע מוזן זיך אונטערווארפן צו א האלב־מיליטערישן רעזשים פון געצוואונגענער ארבעט, פאר וועלכער מען צאלט זיי ניט — און יעדער ארבעטער וואס טרעט ארוים קעגן אזא שקלאפעריי און אזעלכע באדינגונגען שטייט אין געפאר פארשפארט צו ווערן אין טורמע.

7. דער געזעץ וועגן אגיטירן אומלאיאלקייט, וועלכער איז נאמינעל אנגעווענדעט קעגן אנטי־מיליטאריסטישער פראפאגאנדע, וועלכער איז אבער פאקטיש א סך ברייטער און האט אין זיין אריגינעלער פארם באטראכט פאר א פארברעכן דעם באזיץ פון וועלכער עס איז סאציאליסטישער אדער אנטי־מלחמה ליטעראטור, פאר וואס מען האט געקאנט באשטראפט ווערן מיט צוויי יאר טורמע, און האט געגעבן דער פאליציי אומבאגרענעצטע מאכט צו מאכן אונטערזוכונגען און קאנפיסקירן אזא ליטעראטור.

דאס אלץ קאן באשריבן ווערן אלס דער פראצעס פון „פארכאפנדיקן פאשיזם" אין די אלע פארמען, וועלכע גרייטן צו דעם פולן פאשיסטישן אנגריף. ווען מען באטראכט די דערפארונג פון דעם ברינינג־רעזשים אין דייטשלאנד, אדער די ערשטע שטופן פון דעם דאלפוס־רעזשים אין עסטרייך (ווען ער האט נאך געהאט דעם נאמען פון א „טשעמפיאן פון דעמאקראטיע", ווי עס האבן אים אנגערופן די ליבעראלן און סאציאל־דעמאקראטן אין די מערב־לענדער), קאן מען האבן פאר זיך גענוג אנווייזונגען אף דעם דאזיקן

פּראָצעס, וועלכער איז שוין באַשטימט אָריינגעטראָטן אין זיינע ערשטע שטופּן אין ענגלאַנד.

3. דער רוזוועלט־„נויט"־רעזשים

אַ נאָך קלאָרערע דעמאָנסטראַציע פון דעם גאַנצן פּראָצעס שטעלט מיט זיך פאָר דער רוזוועלט־„נויט"־רעזשים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווי נאָר ער איז אַריין אין אַמט, האָט דער נייער פּרעזידענט געפאָדערט און געקראָגן די „נויט"־מאַכט „ווי אין מלחמה".

„איך וועל בעטן דעם קאָנגרעס וועגן נאָך איין אינסטרומענט אַף צו באַגעגענען דעם קריזיס — אַ ברייטע עקזעקוטיווע מאַכט אַף אָנצופירן מלחמה קעגן דעם נויטפאַל, וואָס זאָל זיין גרויס ווי די מאַכט, וועלכע איך וואָלט געקראָגן, ווען מיר וואָלטן פאַקטיש באַפאַלן געוואָרן פון אַן אויסערלעכן שונא." (פּרעזידענט רוזוועלט'ס רעדע אין מערץ 1932.)

„מיר דערוואַרטן ניט, אונז זאָל אויסקומען אָנצואווענדן די שטרענגע מיטלען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער צייט פון מלחמה. מיר האָבן אָבער פאַר זיך פּונקט אַזאַ סיטואַציע." (גענעראַל דזשאַנסאָנ'ס רעדע אין שיקאַגאָ.)

וואָס איז דער תמצית פון דעם „נייעם דיל", ווען מען שינדט פון אים אַרונטער די סענטימענטאַלע פילאַנטראָפּישע רעקלאַמע?

דער „נייער דיל", די פּאָליטיק פון דעם רוזוועלט־רעזשים, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער „ניראַ" און די ענלעכע מאָסמיטלען, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אויסגעשפּראָכנסטן און אומ'ברחמנות'דיקן פאַרזוך פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל צו קאָנסאָלידירן זיין מאַכט מיט דער גאַנצער מאַכט פון דעם שטאַט איבער דער גאַנצער אינדוסטריע, צו האַלטן די אַרבעטער אין יאָך אונטער דער העכסטער און פאַרשאַרפטסטער עקספּלואַטאַציע, אַרונטערזעצנדיק דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער, אָנצופירן אַף דעם דאָזיקן באַזיס ווי אויך מיט דער הילף פון דער אינפלאַציע אַ וועלט־קאַמפּאַניע פאַר מערק און צוצוגרייטן דירעקט די נייע מלחמה. די הויפּט־שטריכן פון דער רוזוועלט־פּאָליטיק זיינען:

1. קאַפּיטאַליזם קאָנטראָלירט פונעם שטאַט.—דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען אין טראָסטן די אינדוסטריע אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז פריער נאָך אַלץ געשטערט געווען דורך די רעשטלעך פון דער אַלטער געזעצגעבונג קעגן טראָסטן, אַ געזעצגעבונג, וועלכע איז נאָך פאַרבליבן פון פאַר

דער מלחמה. דער ניו יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טאַימס" (יוני 6, 1933) האָט אָנגעגעבן אַלס די ערשטע און הויפּט־אורזאַך, פאַרוואָס די גרויסע אונטערנעמונגען שטיצן די „ניראַ": „וואָס די גרויסע אונטערנעמונגען ווילן מער פון אַלץ — איז צו באַפרייען זיך פון די פאַראַלטערטע אַנטי־טראָסט געזעצן." מיט איין שטריך פון דער פען איז די גאַנצע אַנטי־טראָסט־געזעצגעבונג אָפּגעווישט געוואָרן. דער אַריינפיר צו דער „ניראַ" האָט אָפן דערקלערט דעם צוועק „צו באַזייטיקן די שטערונגען פאַר דעם פרייען האַנדל צווישן די שטאַטן און זיי העלפן אָרגאַניזירן די אינדוסטריע פאַר דעם צוועק פון קאָאָפּעראַטיוון האַנדל צווישן געשעפטס־גרופּן". אַ ריזיקער פּראָצעס פון קאָנסאָלידירן די גרויסע מאָנאָפּאָל־אונטערנעמונגען און אויסצוראָטן די קליינע פּראָדוצירער און די אומאָפּהענגיקע אונטערנעמונגען אין די אָנפירנדיקע אינדוסטריען *) האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען דורך די רעזולטאַטן פון דעם קריזיס, דורך דעם פאַרקלענערטן קרעדיט און דורך דער אַזוי־גערופענער „רעקאָנסטראָקשאָן פינאַנץ קאָרפּאָריישאָן". דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט איצט אָנגעפירט צו זיין לאָגישן שלום. יעדע אָנפירנדיקע אינדוסטריע איז עטאַבלירט אונטער אַ דירעקטער שטאַט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע רעגולירט די אַרבעט־באַדינגונגען, באַשטימט פּרייזן, באַגרענעצט די פּראָדוקציע און גאַראַנטירט פּראָפיטן. דאָס איז דער אידעאַל פון אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין פאַנאַנדערפאַל, וואָס זוכט צו פענטען די פּראָדוקטיווע כחות, וועלכע האָבן איבערגעוואַקסן דעם קאַפּיטאַליזם.

2. אינפלאַציע. — דער אויסרייד פאַר אינפלאַציע איז, אַז זי וועט סטימולירן די געשעפטן (אַ סטימול, וואָס זיין קינסטלעכער כאַראַקטער איז שנעל אויפגעדעקט געוואָרן, ווען נאָך דער קורצער אויפלעבונג אין זומער איז געקומען אַ גרויסע פאַרקלענערונג אין די געשעפטן אין האַרבסט פון 1933), און וועט באַפרייען אָדער פאַרקלענערן דעם יאָך פון חובות פאַר דער אַגריקולטור און אינדוסטריע, וועלכע האָבן געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע סטרוקטור. איר ווירקלעכע ווירקונג ווייזט זיך אַרויס אַלס איינע פון די באַקאַנטע וואָפן פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל אָף אָנצופירן זיין רויבעריי אין צייטן פון קריזיס. דאָס מיינט קודם כל צו באַרויבן דירעקט אַלע קליינע

*) „צען מיליאָן קליינע געשעפטסלייט פּראָטעסטירן קעגן דעם בלויען פויגל: זיי באַהויפטן, אַז זיי קאָנען ניט אָנפירן קיין געשעפטן, ווען די אַרבעט־שטונדן זיינען פאַרקלענערט, די שכירות זיינען געהעכערט, און די פּרייזן בלייבן די זעלבע." („דעילי טעלעגראַף", אויגוסט 25, 1933.)

אייגנטימער און אַלע קליינע אָפּשפּאָרונגען, מיט אַנדערע ווערטער, טיילווייז עקספּראָפּריאירן דאָס אייגנטום פון דעם קליינבירגערטום. צווייטנס, גיט עס אַ מעגלעכקייט דער גרעסטער ספּעקולאַציע אַף דער בירזשע, העכערט פּרייזן — אַלץ פאַר די פּראָפיטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דריטנס, פאַראורזאַכט עס אַן אַלגעמיינע רעדוצירונג אין די ווירקלעכע שכירות פון די אַרבעטער, אַזוי אַז אַפילו די א. פ. אָוו ל. הויבט אָן צו באַקלאָגן זיך. פערטנס, עפנט עס אַ וועג אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב פאַר אַ קאַמפּאַניע צו שניידן פּרייזן צוליב דעם אַרונטערגעזעצטן דאָלאַר, אויסצוראָטן קאָנקורענטן און צו פאַרפלייצן דעם וועלט־מאַרק, וועלכער איז שוין אַזוי אויך אַף צרות, מיט נאָך מער פּראָדוקטן.

3. פאַרשקלאַפונג און פאַרשטאַרקטע עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט.—די נייע אינדוסטריעלע קאָודס פירן איין אַן אויטאָריטעטן רעזשים פאַר אונטערוואַרפן די אַרבעטער צו אַ דירעקטן פאַרבאַנד פון די באַלעבאַטים און דעם שטאַט, מיט שכירות, אַרבעט־שטונדן און אַרבעט־באַדינגונגען, וועלכע זיינען באַשטימט פונעם שטאַט, פאַקטיש אַן אַרויפגעצוואונגענעם אַרביטראַזש פון דער רעגירונג, און אַ פאַרגרעסערטן אָפענעם אָנגריף אַף דאָס רעכט צו סטרייקן און אַף די אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער. אין דער צייט, וואָס די סאָציאַל־פאַשיסטישע אָרגאַנען ווערן דירעקט אַריינגעשלעפּט אין דעם אַפּאַראַט פון דער רעגירונג, ווערט געמאַכט אַ שטאַרקער אָנגריף אַף אַלע אומאָפּהענגיקע מיליטאַנטישע יוניאָנס. דאָס איינפירן פון דעם נייעם אינדוסטריעלן רעזשים ווערט באַגלייט מיט שיסערייען אַף סטרייקנדיקע קוילן־גרעבער אין פּענסילווייניע און מיט דערקלערן קריגס־צושטאַנד קעגן סטרייקערס אין יוטאַ און ניו מעקסיקאָ. „די א. פ. אָוו ל. האָט גענוג באַוויזן," האָט דערקלערט איר פּרעזידענט וויליאַם גרין דעם 15טן יאַנואַר 1934 אַף אַ פאַרהער וועגן דעם קאָוד פאַר דער געהילץ־אינדוסטריע, „אַז זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן דער קאָוד, זיינען שרעקלעך געשניטן געוואָרן די שכירות פון געניטע אַרבעטער און אַז ס'איז דאָ אַ טענדענץ, אַז די מינימום־שכירות זאָלן ווערן די מאַקסימום שכירות." אין נאָמען פון דער נ.ר.א. זוכן די באַלעבאַטים צו דערקלערן פאַר אומלעגאַל אַלע סטרייקס און פיקעטינג. צו דער זעלבער צייט זיינען וועלכע 350,000 יונגע אַרבעטער געשיקט געוואָרן אין אַרבעטער־לאַגערן, וואו זיי געפינען זיך אונטער אַ האַלב־מיליטערישן רעזשים.

4. מלחמה־צוגרייטונגען. — די „נירא" גיט אָן אַ ספּעציפישן פּונקט וועגן בויען „קריג־שיפן, עראָפּלאַנען און מעכאַניזירן די אַרמיי־אָפּטיילונגען".

פון די סומען, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר געזעלשאַפטלעכע אַר־בעטן, זיינען 235 מיליאָן דאָלאַר באַשטימט געוואָרן פאַר דעם קריגס־דעפּאַרטמענט. דער פלאָטן־מיניסטער סוואַנסאָן באַהויפּטעט:

„איך ווייס ניט פון קיין בעסערן און ווערטפולערן וועג אַף צו סטימו-לירן אונזער אינדוסטריעלן לעבן, וואָס איז אַזוי נויטווענדיק פאַר דעם גאַנצן לאַנד, ווי אַוועקגעבן אַ טייל פון דעם געלט און דער ענערגיע, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אַף עפנטלעכער בוי-אַרבעט, פאַר דעם וויכטיקן טייל פון אונזער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג.” (ניו יאָרקער „טאַימס”, יוני 16, 1933.)

דער מלחמה־כאַראַקטער פון דער גאַנצער סיסטעם פון אָרגאַניזירן דעם שטאַט, מאָביליזירן די אינדוסטריע און האַלב־געצוואונגענער אַרבעט איז גאַנץ בולט.

צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן פירט די נייע אַמעריקאַנער סיסטעם? איר עקאָנאָמישער אויסגאַנג קאָן ניט זיין מער דערפאָלגרייך אין לייזן דעם קריזיס, ווי עס זיינען די ענלעכע מעטאָדן פון פאַשיזם אין אַנדערע לענדער. די פּוסטקייט פון אַלע צוזאָגונגען וועגן אַ באַנייטער פּראָספּעריטי, וועגן דער לייזונג פון אַרבעטלאָזיקייט און וועגן דערגרייכן אַ העכערן לעבנס־שטייגער, איז שוין דעמאָנסטרירט געוואָרן. דער קינסטלעכער „בום” אין דער פּראָ־דוקציע אינעם זומער פון 1933 האָט מיט זיך געבראַכט בלויז אַ קליינע פאַר־גרעסערונג אין דער צאָל באַשעפטיקטע און געליטן אַ זייער שנעלן צוזאַמענ־ברוך. דערמיט איז באַוויזן געוואָרן די אוממעגלעכקייט אונטער די עקזיס־טירנדיקע באַדינגונגען אויסצונוצן די פאַרגרעסערטע פּראָדוקטיווע מאַכט, סיידן דאָס זאָל זיין דורך דער ענדלעכער „לייזונג” פון מלחמה. ווי עס ווייזט אָן די סטאַטיסטיק פון דעם פעדעראַל רעזערוו באָרד, איז די אינ־דוסטריעלע פּראָדוקציע (ווען מען נעמט פאַר אַ באַזיס דעם יאָר 1918 פאַר הונדערט) געשטיגן פון 54.1 אין מערץ 1933 ביז 90.1 אין יולי פון דעם זעלבן יאָר, איז אַרונטערגעפאַלן צו 65.8 אין נאָוועמבער און האָט זיך עטוואָס אַ הויב געטאָן אין יאַנואַר 1934 ביז 68.5. די „סטעגער”־סיסטעם פון רעדוצירן די נאָמינעלע צאָל פון אַרבעטלאָזע, ווי דאָס ווערט געטאָן אין דייטשלאַנד, דורך צעטיילן די אַרבעט צווישן אַ גרעסערער צאָל אַרבעטער, באַדייט ניט קיין אמת'ן וואוקס אין דערווירקלעכער באַשעפטיקונג פון אַרבעטער.

די פּלענער פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, וועלכע ווענדן אָן ריזיקע סומען געלט אַף צו געבן צייטווייליקע אַרבעט און צו העלפן אַף אַזאַ אופן

דעם פּראָצעס פון אינפלאַציע, פאַרשאַרפן נאָר דאָס פּראָבלעם; אַזוי ווי די דאָזיקע אויסגאַבן פאַרגרעסערן שרעקלעך די חובות, מוזן זיי פאַרקלענערט ווערן און אַפילו אין גאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן, אַריינוואַרפנדיק ווידער מיליאָנען מענטשן אין די רייען פון אַרבעטלאָזע. צוליב דעם שנעלן שטייגן פון פּרייזן, זיינען די ווירקלעכע שכירות פּאַקטיש פאַרקלענערט געוואָרן. אין איר באַריכט אין איר אָפיציעלן אָרגאַן איז די א. פ. אָוו ל. געצוואונגען צו דערקלערן אין יאַנואַר 1934:

„זינט דעם באַנק-קריזיס איז די דורכשניטלעכע, וועכנטלעכע הכנסה פון די אַרבעטער געשטיגן אַף 7.4 פּראָצענט (ביז אָקטאָבער), אָבער די פּרייזן, וואָס דער אַרבעטער מוז צאָלן פאַר זיינע לעבנס-מיטלען, זיינען געשטיגן פיל העכער ווי דאָס. פּרייזן אַף שפּייז זיינען געשטיגן אַף אַכצן פּראָצענט (ביז נאָוועמבער 21), פּרייזן אַף קליידער און הויז-אַרטיקלען זיינען אַרויף 26.3 פּראָצענט (ביז נאָוועמבער).

„אַף אַזאַ אופן, איז דער אַרבעטער, וואָס איז געווען באַשעפטיקט די גאַנצע צייט, היינט-צו-טאָג אין אַן ערגערער לאַגע ווי ער איז געווען אין אָנפאַנג יאָר. אויב אַפילו ער קריגט עטוואָס מער, קאָן ער קויפן ווייניקער. זיינע ווירקלעכע שכירות זיינען קלענערע." („די אַמעריקאַן פעדערייי-שאָניסט", יאַנואַר 1934.)

וויליאַם גרין, דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל., האָט זיך באַקלאָגט אין יאַנואַר 1934, אַז עס זיינען נאָך אַלץ געווען כמעט צוועלף מיליאָן אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין נאָרמאַלע באַשעפטיקונג, און אַז „די אַרבעטער האַלטן כסדר אין פאַרלירן דורך דעם שטייגן פון פּרייזן":

„לויט אונזער חשבון זיינען פאַראַן 11,690,000 מענטשן, וואָס זוכן אַרבעט, קאָנען אָבער ניט געפינען קיין באַשעפטיקונג אין אונזער נאָרמאַלער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. . . . די אַרבעטלאָזיקייט איז נאָך אַלץ מיט אָנדערהאַלבן מיליאָן העכער ווי אין 1932. . . . די אַרבעטער האַלטן אין איין פאַרלירן צוליב די געהעכערטע פּרייזן, און מיר מוזן דערוואַרטן, אַז זייער לעבן-שטייגער וועט נאָך מער זינקען מיט דעם שטייגן פון פּרייזן."

אָבער אין דער צייט, וואָס דער גאַנצער סאָציאַל־רעפאָרמיסטישער „פּראָגרעסיווער" קאַמופלאַזש פון רוזוועלט'ס „נייעם דיל" ווערט אַזוי שנעל אויסגעוועבט, האַלט אָן די ווירקלעכקייט פון דער נייער פאַשיסטישער סיסטעם פון קאָנצענטרירטן שטאַט־קאַפּיטאַליזם און אינדוסטריעלער פאַר־שקלאַפונג. ווי רוזוועלט האָט דערקלערט אין זיין רעדע פאַר דעם קאָנגרעס פון יאַנואַר 1934:

„מיר האָבן געשאַפן אַ פּערמאַנענטן שטריך פון אונזער מאָדערניזירטער אינדוסטריעלער סטרוקטור, און ער וועט אָנגעהאַלטן ווערן אונטער דער אויפזיכט, אָבער ניט אונטער דעם ווילקירלעכן צוואַנג פון דער רעגירונג גופא.״

רוזוועלט׳ס אַגריקולטור־מיניסטער, וואַלאַס, האָט נאָך ווייטער אַרויסגעבראַכט די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס אין זיין בראָשור „אַמעריקע מוז אויסקלייבן״, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פרילינג פון 1934. אין דער דאָזיקער בראָשור, וואו ער זוכט צו איבערצייגן, אַז אַמעריקע מוז „יעדן יאָר און פּערמאַנענט לאָזן אומבאַארבעט 25,000,000 אַקער פון אונזער גוטן אַגריקולטורעלן לאַנד״, באַהויפּטעט ער:

„די נייע פאָרמען פון סאָציאַלן קאָנטראָל, וועלכע מיר האָבן איצט, וועלן בלייבן אין מאַכט און וועלן וואַקסן אַף אַ וועלטלעכן אָדער נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. . . .

„ביז איצט, האָבן מיר אָנגעווונדט באַ אונז אין לאַנד בלויז דעם אָנפאַנג פון דעם סאָרט פון סאָציאַלער דיסציפּלין, וועלכע עס פאָדערט אַ פולשטענדיק אַנטשלאָסענער נאַציאָנאַליזם. . . . מיר מוזן גרייט זיין צו ברענגען קרבנות ביז אַ באַשטימטן סוף.״

די באַדייטונג פון דעם רוזוועלט־רעזשים איז קודם כל די באַדייטונג פון דעם איבערגאַנג צו פאַשיסטישע פאָרמען, ספּעציעל אַף דעם עקאָנאָמישן און אינדוסטריעלן געביט. ווי דער מיט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „קוירענט היסטאָרי״, ע. פּ. בראַון, שרייבט:

„די נייע אַמעריקע וועט ניט זיין קאַפּיטאַליסטיש אין דעם אַלטן זינען און וועט אויך ניט זיין סאָציאַליסטיש. אויב אין דעם מאָמענט איז די שטרעמונג צו פאַשיזם, וועט דאָס זיין אַן אַמעריקאַנער פאַשיזם, וועלכער וועט פאַרקערפּערן אין זיך די דערפאַרונגען, די טראַדיציעס און די האָפענונגען פון אַ גרויסער קליינבירגערלעכער נאַציע.״ (יולי, 1933.)

פאַקטיש איז דאָס אַלץ נאָר אַן איבערגאַנג־שטופע. ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן דער דורכפאַל פון די פּלענער פאַר אַן עקאָנאָמישער אויפלעבונג, און אנשטאָט דעם וועלן זיך אַרויסווייזן נייע פאָרמען פון קריזיס און אַ ווייט־פאַרשפּרייטע מאַסן־אומצופרידנהייט, און איבערהויפּט ווען עס וועט זיך אַנטוויקלען די מלחמה, צו וועלכער עס פירט די גאַנצע רוזוועלט־פּאָליטיק, וועלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אומפאַרמיידלעך אַרויסגעשטעלט ווערן די פאָדערונגען פאַר די אַנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע פאָרמען פון פאַשיזם.

4. די פֿעברואַר־טעג און די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע־רעגירונג אין פֿראַנקרייך

אין פֿראַנקרייך האָבן זיך די רעזולטאַטן פֿון דעם עקאָנאָמישן קריזיס צוערשט געלאָזט פֿילן זייער לאַנגזאַם. אָבער אין דעם לעצטן פּעריאָד האָט זיך די סיטואַציע זייער שנעל געענדערט, און די פֿראַגע וועגן פֿאַשיזם איז געוואָרן אַ ברענענדיקע. די פֿאַסירונגען פֿון דעם 6טן ביזן 12טן פֿעברואַר, 1934, און דאָס פֿאַלן פֿון דער דאַלאַדיע־רעגירונג, וואָס האָט געפֿירט צו דער פֿאָרמירונג פֿון דער איבערגאַנגס־רעגירונג פֿון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע”, האָבן אַרויסגעשטעלט פֿון אויבנאָן די פֿראַגע וועגן פֿאַשיזם און האָבן אַרויסגעבראַכט די אַלץ־מער אָנגעזעענע סימנים, אַז עס דערנעענטערט זיך אַ דירעקטער באַוואָפֿנטער קאַמף.

די דאָזיקע פֿאַסירונגען זיינען פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט פֿאַר די „דעמאָקראַטישע” לענדער פֿון מערב, ווייל אין די דאָזיקע פֿאַסירונגען ווייזן זיך אַרויס מיט קרישטאָלענער קלאָרקייט די צוויי אויסוועגן: דער וועג פֿון דעם „לינקן בלאָק” אָדער פֿון בורזשואַז־ליבעראַלער דעמאָקראַטיע, וואָס פֿירט פֿאַקטיש צו פֿאַשיזם, אָדער דער וועג פֿון אַ פֿאַראייניקטן קאַמפֿס־פֿראָנט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז די איינציקע זאַך, וועלכע קאָן באַזיגן דעם פֿאַשיזם.

וואָס איז געווען די לאַגע ערב די פֿאַסירונגען פֿון דעם 6טן ביזן 12טן פֿעברואַר? די נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע, פֿאַשיסטישע און ראָיאַליסטישע כחות אין פֿראַנקרייך — וועלכע זיינען כסדר געווען אַקטיוו אונטער דעם דעמאָקראַטישן רעפּובליקאַנישן צודעק — האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיווקייט אין דעם אָנקומענדיקן קריזיס און ספּעציעל זינט עס איז איינגעפֿירט געוואָרן דער היטלעריזם. זיי האָבן זיך אָפֿן פֿאַראייניקט און געקראָגן די שטיצע פֿון דער פּאָליציי אין פּאַריז און מצד דער מעכטיקער פּרעסע, ד. ה., פֿון דעם שטאַט און פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל. צו דער זעלבער צייט האָבן די רעגירונגס־פֿאָרמען אַרויסגעוויזן די זעלבע פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער עקזעקוטיווער מאַכט און אין דער אונטערדריקונג פֿון די אַרבעטער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אין דעם איצטיקן פּעריאָד. אַפֿילו די לאָנדאָנער „טאַימס” איז געצוואונגען געווען צו באַמערקן דעם 5טן פֿעברואַר, ד. ה., איידער עס זיינען פֿאָרגעקומען די דאָזיקע פֿאַסירונגען:

> „עס האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן דער קאָנטראַסט צווישן דער שרעקלעכער אונטערדריקונג פֿון קאָמוניסטישע מאַניפֿעסטאַציעס און דער פֿאַרהעלטניסמעסיקער אומבאַשטראָפֿטקייט פֿון די ראָיאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס און ראָיאַליסטישער פּרעסע, וועלכע רופֿט אָפֿן אירע לעזער צו אויפֿשטאַנדן אין די גאַסן.“

דאָס איז געווען אַ צייט פֿון אַ „לינקער“ בורזשואַזער רעגירונג, וועלכע האָט זיך פּאַקטיש אויפֿגעהאַלטן אין מאַכט מיט דער שטיצע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט איז געווען אַ מאַיאָריטעט פֿון אַ „לינקן קאַרטעל“, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פֿון די „לינקע“ בורזשואַזע גרופּירונגען.

די דאָזיקע „לינקע“ בורזשואַזע רעגירונג (פֿריער אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון שאָטאַן, נאָכדעם אונטער דאַלאַדיע) איז שטאַרק דיסקרעדיטירט געוואָרן דורך איינעם פֿון די טיפּישע פֿינאַנציעלע און פּאָליצייאישע סקאַנדאַלן, דעם סטאַוויסקי־סקאַנדאַל. דער דאָזיקער פֿאַקט איז אויסגענוצט געוואָרן פֿון די רעאַקציאָנערע כּחות אױף אויפֿצוהייבן אַן אַגיטאַציע קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים און צוצוגרייטן אַ רעגירונג פֿון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע“, פּונקט ווי עס איז אויסגענוצט געוואָרן אין 1926 דער קריזיס פֿון דעם פֿראַנק. נאָכדעם ווי שיאַפּ, דער הויפּט פֿון דער פּאָליציי, (וועלכער איז געווען מיט די ראָיאַליסטישע און פֿאַשיסטישע עלעמענטן גאָר ווי אַנדערע צוויי), איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן, זיינען אָפֿן געמאַכט געוואָרן אומגעשטערטע צוגרייטונגען, וועלכע זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער בורזשואַזער פּרעסע, פֿאַר אַ דזשינגאָאיסטישן ראַיאָט דעם 6טן פֿעברואַר, און דאָס האָט געזאָלט דינען ווי די ערשטע כּחות־פֿאַרמעסטונג און דער ערשטער אָנגריף אין דעם פֿאַשיסטישן מאַרש.

וואָס פֿאַר אַ פּאָליטיק האָט אָנגעפֿירט די דאַלאַדיע־רעגירונג און די „לינקע דעמאָקראַטיע“ אױף צו באַגעגענען אַזאַ אַרויסטריט? די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געשטימט פֿאַר צוטרוי צו דער דאַלאַדיע־רעגירונג, צו דער „לינקער“ בורזשואַזער רעגירונג, וועלכע האָט כּלומרשט באַשיצט די „דעמאָקראַטיע“ קעגן פֿאַשיזם. מיט זייער שטיצע האָט די דאַלאַדיע־רעגירונג געקראָגן אַ וויכטיקע פּאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעט פֿון 360 קעגן 220 שטימען אין דעם קריטישן אָוונט פֿונעם 6טן פֿעברואַר. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט פֿאָרגעשלאָגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַריינצוטרעטן אין אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט קעגן פֿאַשיזם נאָך אין מערץ 1933 און האָט געקראָגן אַ נעגאַטיוון ענטפֿער, האָט גערופֿן צו אַ פֿאַראייניקטן

פראָנט פון אונטן, האָט אַרויסגערופן די אַרבעטער אין די גאַסן קעגן דעם פּאַשיסטישן אָנגריף, און האָט אָנגעהויבן אַגיטירן דורך די יוניאָנס פאַר אַ גענעראַל־סטרייק קעגן דער פּאַשיסטישער געפאַר. די דאָזיקע צוויי פּאָליטישע ליניעס האָבן געזאָלט קריגן זייער פּראַקטישע דעמאָנסטראַציע אין די פּאַסירונגען, וועלכע זיינען גלייך נאָך דעם פאָרגעקומען.

מיט עטלעכע טעג פאַר דעם 6טן פעברואַר האָט די דאַלאַדיע־רעגירונג אָנגעגרייט אַ מאַסע מיליטערישע כחות אין פּאַריז. זיינען זיי אָבער אַרויס־געטראָטן קעגן פּאַשיזם? די פּאַשיסטישע און ראָיאַליסטישע אָנפירער האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוגיין פראַנק און פריי מיט זייערע צוגרייטונגען. פּריער, ערב דער קאָמוניסטישער דעמאָנסטראַציע דעם 1טן מאַי, זיינען אין פּאַריז אַרעסטירט געוואָרן 3,000 קאָמוניסטישע פירער, כדי צו פּאַרקריפּלען דאָס אָרגאַניזירן פון דער דעמאָנסטראַציע. אָבער ערב דער דאָזיקער רע־אַקציאָנערער דעמאָנסטראַציע האָט מען ניט אָנגערירט קיין איין פּאַשיס־טישן אָדער ראָיאַליסטישן פירער. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רעאַקציע האָבן געהאַט די פולע פרייהייט צו פּאַרברענען, צו פּאַרניכטן און אָנצינדן רעגי־רונגס־געביידעס און אַפילו מאַרשירן צום פּאַרלאַמענט; קעגן זיי איז ניט אַרויסגעשטעלט געוואָרן קיין מאַכט; די פּאָליציי האָט געקוקט אַף דעם צווישן די פינגער; די באַוואָפנטע היטער פון געזעץ זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אָפּצוטרעטן און מאַכן אַ וועג פאַר דעם בורזשואַזן המון; ערשט אין דעם לעצטן מאָמענט, ווען מען איז שוין כמעט צוגעקומען צום פּאַר־לאַמענט און די בורזשואַזע דעמאָנסטראַנטן האָבן גענומען שיסן פון זייערע רעוואָלווערן, האָבן די „גאַרד מאָביל״, ניט געקוקט אַף דער אויפפאָדערונג פון זייערע אָפיצערן, נאָר דורך אינסטינקטיווער זעלבסט־באַשיצונג זיך גע־נומען שיסן צוריק, און אַרום אַ טוץ אָנהענגער פון דער רעאַקציע און פּאַר־בייגייער זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן. די אָפיציעלע אונטערזוכונג, וואָס איז נאָך דעם געמאַכט געוואָרן, האָט באַוויזן, אַז די שיסעריי איז אָנגעפאַנגען געוואָרן פון די פּאַשיסטישע דעמאָנסטראַנטן און אַז זי האָט אָנגעהאַלטן אַ האַלבע שעה, איידער מען האָט אַף איר געענטפערט מיט שיסעריי מצד די רעגירונגס־כחות; און אַז אַפילו אין דעם פאַל האָט קיין איין אָפיצער ניט געגעבן קיין באַפעל צו שיסן, נאָר אַז די סאָלדאַטן גופא האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן שיסן, כדי צו פּאַרטיידיקן זיך, און זיינען גלייך אויפגעפאָדערט געוואָרן פון זייערע אָפיצערן אויפצוהערן דאָס צו טאָן.

די רעזולטאַטן פון אָט־דער פּאַסירונג דאַרפן דינען אַלס אַ לערע פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. שוין אַף

מאָרגן נאָך דער פּאַסירונג, דעם 7טן פעברואַר, האָט די דאַלאַדיע־רעגירונג, וועלכע האָט נאָר וואָס געקראָגן אַ גרויסע פּאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעט, רעזיגנירט. אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פון דער מיליאָנערסקער פּרעסע איז איינגעפירט געוואָרן דומערג׳ס רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע״, וועלכע האָט אָפּגעגעבן אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע אין איר קאַבינעט דעם האַלבן פאַשיסט טאַרדיע.

ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? פאַרוואָס האָט די לעגאַלע רעגירונג, וועלכע האָט געהאַט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעט, געמוזט מיטאַמאָל אונטערגעבן זיך דעם ערשטן פאַשיסטישן גאַסן־אָנגריף? די דאָזיקע פראַגע איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר אַלע „דעמאָקראַטישע״ לענדער אין מערב, וואו מען האַלט נאָך אַלץ אין פריידיקן צוטרוי צו „דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס״ אַלס די באַשיצונג קעגן פאַשיזם.

פאַרוואָס האָט דאַלאַדיע, „דער טשעמפּיאָן פון דעמאָקראַטיע״ און דער דערוויילטער פאַרטרעטער פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם, גלייך רעזיגנירט, ווי נאָר ער האָט דערזען דעם פאַשיסטישן אָנגריף אויסער דעם פּאַרלאַמענט? וואוהין, אויב אַזוי, איז אַהינגעקומען די „הערשאַפט פון פּאַרלאַמענט״, „געזעץ און אָרדענונג״. דער „ווילן פון די וויילער״ און די גאַנצע פּאַפּירענע קלאַפּערגעצייג פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע? זיי זיינען אַוועק־געטראָגן געוואָרן מיט דעם ווינט, ווי נאָר דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט געגעבן אַ באַפעל אין דער אַנדערער ריכטונג. די פּאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעט מעג זיך שטימען איין זאַך; אָבער דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט געפאָדערט אַן אַנדער זאַך, און געפאָלגט האָט מען דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אַפילו די פאַרטרעטער פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער מאַיאָריטעט.

די דאַלאַדיע־רעגירונג האָט געגעבן אַ דערקלערונג, אַז זי רעזיגנירט „כדי אויסצומיידן אַ ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונג״:

> „הגם די רעגירונג איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָנהאַלטן אָרדענונג, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט איינצושטעלן אָרדענונג דורך דער אָנווענדונג פון אויסערגעוויינלעכע מיטלען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אַרויסרופן נאָך ערגערע אונטערדריקונג און ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונג. די רעגירונג האָט ניט געוואָלט באַנוצן זיך מיט סאָלדאַטן קעגן די דעמאָנסטראַנטן, און צוליב דעם האָט זי רעזיגנירט.״

די דורכזיכטיקע היפּאָקריטסטווע פון דער דאָזיקער „דערקלערונג״ איז מערקווירדיק. האָט דען וועלכע עס איז פראַנצויזישע בורזשואַזע רעגירונג ווען עס איז געצווייפלט אָנצואווענדן די שרעקלעכסטע גוואַלד קעגן אַרבעט־

טער־דעמאָנסטראַנטן, און האָט ניט נאָר באַנוצט זיך מיט סאָלדאַטן קעגן
זיי, נאָר האָט אָרגאַניזירט פשוט מיליטערישע איבערפאַלן אַף זיי, ווי דאָס
איז געטאָן געוואָרן אין דער נאַכט פון אַ פיל ערנסטערן קאַמף, פעברואַ־
דעם 9טן, און די גאַנצע בורזשואַזע פרעסע האָט אַפּלאָדירט אַזעלכע
האַנדלונגען.

דאַלאַדיע האָט רעזיגנירט, ניט ווייל ער איז געווען אַ פאַציפיסט, נאָר
ווייל ער איז געווען אַ שפּילצייג אין די הענט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל און
האָט קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט טאָן. דאַלאַדיע האָט רעזיגנירט, ווייל
ער איז געצוואונגען געווען דאָס צו טאָן פון די ווירקלעך־הערשנדיקע כחות
פונעם שטאַט, וואָס אין פאַרגלייך מיט זיי איז אַ פאַרלאַמענטאַרישע מאַ־
יאָריטעט געווען פשוט אַ שפּילצייג. וואָס אַנדערש האָט ער געקאָנט טאָן?
ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט קעמפן, האָט ער ניט געהאַט די כחות. די
פּאָליציי איז געווען אין די הענט פון דער רעאַקציע; דער זעלבער רעאַקציע
האָט געהערט דער גענעראַל־שטאַב; מען האָט געלאָזט וויסן, אַז דער אַלטער
פעלדמאַרשאַל ליאָוטעי האָט געסטראַשעט צו פירן די אַרמיי אַף פּאַריז, אויב
די פאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעט וועט מאַכן אַ פאַרזוך פאַר אַ ווידער־
שטאַנד. ער איז געווען פּונקט אַזאַ מאַכטלאָז שפּילצייג, ווי אַסקוויט איז
געווען אין אָלסטער.

ווען ער וואָלט געוואָלט קעמפן, וואָלט ער געקאָנט טאָן בלויז איין זאַך:
עפנטלעך אויפדעקן די גאַנצע פאַרשווערונג און ווענדן זיך צו די פּראָלע־
טאַרישע מאַסן, צו די פשוט'ע סאָלדאַטן, זיי זאָלן אַרויסווייזן אַ ווידער־
שטאַנד. דאָס וואָלט אָבער געמיינט אויפבינדן די הענט דער פּראָלעטאַרי־
שער רעוואָלוציע, און דערפאַר האָט ער זיך געשראָקן ניט ווייניקער ווי ווער
עס איז פון דעם „נאַציאָנאַלן בלאָק” אָדער פון די פאַשיסטן. אין תוך גע־
נומען איז ער געווען איינער פון זיי; אַלע זיינע ליבעראַל־דעמאָקראַטישע
אָנשטעלן זיינען געווען ניט מער ווי קונצן אין אַ וואַל־קאַמפּאַניע. ער האָט
געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן, האָט ער זיך שטילינקערהייד אָפּגעטראָגן.

אָט אַזוי האָט צוזאַמענגעבראָכן דער גאַנצער פּאַפּירענער פּאַלאַץ פון
בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, פון דער „דעמאָקראַטישער" פאַרטיידיקונג קעגן
פאַשיזם, פון דער „דעמאָקראַטיע אין פאַרגלייך מיט דיקטאַטור", בקיצור —
די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליניע. די ליניע פון דעם „לינקן קאַר־
טעל”, פון דער פראַנצויזישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פון דער
פאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישער „פאַרטיידיקונג” קעגן פאַשיזם, האָט זיך
נאָכאַמאָל אַרויסגעוויזן אַלס אַזעלכע, וועלכע האָט נאָר אויסגעגלייכט דעם

וועג פאר דעם אנקומען פון פאשיזם, פאר א רעגירונג פון רעכטס, פאר א פארשארקטער דיקטאטור. א שנעלע דערוואכונג פון דעם גאנצן ארבעטער־קלאס צום פאראייניקטן קאמף קעגן פאשיזם האט זיך אנטוויקלט. דער גענעראל־סטרייק פון 12טן פעברואר האט ארויסגעבראכט פיר מיליאן אר־בעטער. אן אפמאך וועגן פאראייניקטן פראנט קעגן פאשיזם צווישן דער פראנצויזישער סאציאליסטישער פארטיי און דער פראנצויזישער קאמוניס־טישער פארטיי איז ענדלעך אונטערגעשריבן געווארן דעם 27טן יולי, 1934.

דעם 8טן אפריל האט דאלאדיע אין זיין אנטשולדיקונגס־רעדע פאר זיינע וויילער צוגעגעבן, אז ער האט געוואוסט, אז עס איז צוגעגרייט געווארן א קאנטער־רעוואלוציאנערע פארשווערונג פאר דעם 6טן פעברואר:

„די פאשיסטישע ארגאניזאציעס זיינען מאביליזירט געווארן אף ארייג־צורייסן זיך אין פארלאמענט, דערקלערן זיין פאלן און איינצופירן א דיק־טאטור. עכטע דאקומענטן, וואס באשטעטיקן דאס, און די דירעקטע אויפרופן צו אן אויפשטאנד זיינען ארייגעפאלן אין די הענט פון דער אונטערזוכונג־קאמיסיע.“

פארוואס־זשע האט די „לינק“־דעמאקראטישע רעגירונג, וועלכע האט געהאט אזא אינפארמאציע אין אירע הענט, ניט אנגענומען קיין נויטיקע שריט? פארוואס האבן די דאזיקע דעמאקראטן, — וועלכע זיינען אזוי אומ׳ברחמנות׳דיק, ווען זיי דערזעען דעם קלענסטן סימן פון דער קאמוניס־טישער אקטיווקייט, ארעסטירן און אונטערדריקן רעכטס און לינקס, — פארוואס־זשע האבן זיי זיך ניט גענומען צו דער פאשיסטישער פרעסע, וועלכע האט אפן גערופן צו אן אויפשטאנד? אף דעם האט ער ניט קיין ענטפער. פארקערט, ער זוכט צו באווייזן, אז עס זיינען ניט געמאכט געווארן קיין ערנסטע שריט פאר פארטיידיקונג:

„עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז די רעגירונג האט קיין איין מאל ניט געגעבן קיין באפעל צו שיסן. קיין איין מאשין-ביקס, קיין איין אויטא־מאטישע ביקס איז ניט געווען אין די הענט פון דער ׳באוועגלעכער גווארדיע׳ אדער פון דער פאליציי.“

פארוואס האט די רעגירונג, וועלכע איז דערווילט געווארן פון א פאר־לאמענטארישער מאיאריטעט, ניט געמאכט קיין שריט אנצוהאלטן זיך קעגן פאשיזם, נאר האט אנשטאט דעם גלייך רעזיגנירט, ניט געקוקט אף איר פארלאמענטארישער מאיאריטעט? ער גיט צו, אז די דאזיקע פראגע צע־טומלט „די רעפובליקאנישע מיינונג“:

„די רעפּובליקאַנישע מיינונג וואונדערט זיך, וואָס די רעגירונג האָט רעזיגנירט דעם 7טן פעברואַר אנשטאָט אָנצוהאַלטן זיך אין מאַכט, אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט.״

אַף דעם האָט ער ניט קיין ענטפער. ער בעקעט און מעקעט, ווען עס קומט צו דער פראַגע. ער באַשולדיקט זיינע ברידער מיניסטאָרן, אַז זיי האָבן זיך געוואָלט צוריקציען. ער באַשולדיקט דעם פרעזידענט, אַז ער איז באַשטאַנען אַף זיין רעזיגנאַציע. ער דערציילט מעשות וועגן יורידישע שוועריקייטן אַף דעם וועג פון אָנווענדן עפעקטיווע מיטלען, אַרעסטירן, פּראָקלאַמירן קריגס-געזעץ: וואָלט דער פרעזידענט אונטערגעשריבן אַזעלכע דעקרעטן, אָדער וואָלט דער פּאַרלאַמענט אים געשטיצט? וואָלט אָבער געקאָנט זיין איין איינציקער מאָמענט פון צווייפל דורכצופירן וועלכע עס איז מיטלען, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט ניט וועגן אַרבעטער און ניט וועגן פאַשיסטן, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אָנגריף פון באַוואָפנטע מחנות אונטערצוציגדן די רעגירונגס-געביידעס, פאַרכאַפּן דעם פּאַרלאַמענט און פּראָקלאַמירן אַ דיקטאַטור? ענדלעך פאַרענדיקט ער מיט דעם אַלטן הינקענדיקן תירוץ:

„מיר האָבן באַטראַכט, אַז עס איז בעסער צו רעזיגנירן, איידער ריזיקירן מיט פאַרגיסן נאָך מער בלוט.״

אָט-דאָס איז דאָס שוואַנען-ליד פון פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, — דער רעזשים פון בלוט קעגן אַרבעטער, פון אומבאַגרענעצטער בלוט-פאַרגיסונג אין אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אָבער מאַכטלאָז און ציינלאָז קעגן פאַשיזם און רעאַקציע.

די פאַשיסטיש-ראָיאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס פון דעם 6טן פעברואַר זיינען אין דער ווירקלעכקייט געווען נאָר דער צוגרייטונג-אָנגריף פון דער רעאַקציע, כדי צו באַהאַלטן און באַזיגן די אמת-שטייגנדיקע באַוועגונג פון מאַסן-אומצופרידנקייט, די שטייגנדיקע באַוועגונג פונעם אַרבעטער-קלאַס, קעגן וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט אַ רעגירונג פון פאַרשאַרפטער דיק-טאַטור. דערפון שטאַמט דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דער מאַנעווריע, וועלכע האָט אַריינגעפירט די רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע״.

די פולע באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פּראָצעס איז — ערשטנס, די פּאָרלויפיקע צוגרייטונגען אונטער דעם שילד פון דער „לינקער״ דאַלאַדיע-רעגירונג און די מיליטערישע פּאָרבאַרייטונגען פון אַרטילעריע און סאָלדאַטן מצד דער דאָזיקער רעגירונג, מיט דער שטיצע פון די סאָציאַליסטן, און

נאָך דעם, אין דעם קריטישן מאָמענט, דאָס אַרונטערזעצן פון דער דאָזיקער רעגירונג דורך אַ רעכטער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע — דאָס אַלץ איז קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די טעג גלייך נאָך דעם 6טן פעברואַר, ווען דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך גענומען צו גרעסערע האַנדלונגען.

די שלאַכטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען פריטיק, דעם 9טן פעברואַר, ווען די רעגירונג האָט פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע, און די אַר־בעטער האָבן זיך געשלאָגן פאַר דאָס רעכט צו זיין אין די גאַסן, האָבן איבערגעשטיגן אין זייער פאַרנעם די שלאַכטן פון דעם 6טן פעברואַר און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן פון דער רעגירונג אין אַ פולן מיליטערישן אַרויס־טריט. 23,000 סאָלדאַטן און 14,000 פּאָליציאַנטן זיינען אַרויסגערופן גע־וואָרן אין קאַמף קעגן די אַרבעטער.

„אין פאַרגלייך מיט דינסטיק אָוונט (דעם 6טן פעברואַר), ווען די פּאָליציי האָט אַרויסגעוויזן נאָר אַ כלומרשטן ווידערשטאַנד צו די פאַשיסטישע און ראָיאַליסטישע בויאַנעס, ביז עס איז געווען צו שפּעט, איז איצט די שטאָט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואַפנטן לאַגער.” („דעילי העראַלד”, דעם 10טן פעבּרואַר, 1934.)

די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור האָט איצט ניט געהאַט קיין אויסזעצונגען קעגן אָנווענדן „אויסערגעוויינלעכע מיטלען” אָדער קעגן „באַנוצן זיך מיט סאָלדאַטן קעגן די דעמאָנסטראַנטן”. אָבער די מאַכט פון דעם ווידערשטאַנד מצד דעם אַרבעטער־קלאַס איז געווען אַזאַ, אַז אים איז געלונגען אָפּצוהאַלטן די ערשטע כוואַליעס פון דעם פאַשיסטישן אָנגריף.

דאָס האָט זיך נאָך מער אַרויסגעוויזן דעם 12טן פעברואַר אין דעם גענעראַל־סטרייק איבער דעם גאַנצן לאַנד. דער קאָמוניסטישער לאָזונג פאַר אַ גענעראַל־סטרייק אַף איין מעת־לעת האָט געקראָגן אַזאַ ברייטע שטיצע צווישן די מאַסן, אַז די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס זיינען געצוואונגען געווען אויפצונעמען אים, הגם זיי האָבן געמאַכט פאַרזוכן צו סאַבאָטאַזשירן זיין דורכפירונג און זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין זייערע אינסטרוקציעס (צ. ב. די אייזנבאַן־אַרבעטער) האָבן זיי געפאָדערט נאָר אַ סטרייק פון „פופצן מינוט” אָדער אַפילו אַ סטרייק פון „איין מינוט”. אָבער דער סטרייק, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן מיט דעמאָנסטראַציעס פון אַ פאַראייניקטן פראָנט, האָט געקראָגן אַ גוואַלדיקע אָנהענגערשאַפט איבער דעם גאַנצן לאַנד. עס איז באַוויזן געוואָרן אַף אַזאַ אופן דער אמת'ער וועג פאַר דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. די שטייגנדיקע מאַכט פון אַ קעמפנדיקן פאַראייניקטן

פראָנט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין פראַנקרייך איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס די איינציקע מאַכט פאַר דעם קאַמף קעגן דעם שטייגנדיקן פאַשיסטישן אָנגריף פון דעם פראַנצויזישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

די רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע אין פראַנקרייך ווערט אַף אַזאַ אופן אַרויסגעוויזן אַלס אַ טיפּישע איבערגאַנגס־רעגירונג פאַרן אָנקומען פונעם פאַשיזם. אירע פונקציעס קאָן מען סומירן אַזוי: ערשטנס, דורך קאָנצענטרירן אַלע כחות אַף אַרויסצוטרעטן קעגן און באַזיגן די שטייגנ־דיקע כוואַליע פון אומצופרידנקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס; צווייטנס, צוליב דער מאַכט פון דעם פראָלעטאַרישן ווידערשטאַנד, צוצודעקן די צו־אָפענע פאַשיסטישע פּלענער מיט אַן אויסרייד פון „אָפּהיטן" די פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס; דריטנס, דורכצופירן דעם שטאַרקן אָנגריף קעגן די אַרבעטער, וואָס דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל פאָדערט, ווי דאָס ווייזט זיך אַרויס אין דער קאַמפּאַניע פון שניידן שכירות; און פערטנס, געבן דעם צודעק, אונטער וועלכן די פאַשיסטישע כחות קאָנען אָנגיין מיט זייערע צוגרייטונגען פאַר אַ ווייטערדיקן אָנגריף.

דאָך איז די דומערג־רעגירונג געפאַלן פאַר דער מאַכט פון דעם פאַר־איניקטן פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס און האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער פלאַנדען־רעגירונג אין נאָוועמבער 1934. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט געמוזט מאַנעווורירן פאָרזיכטיק. דערווייל גייען אָן די פאַשיסטישע און רעאַליסטישע כחות אַקטיוו מיט זייערע באַוואָפנטע פאָרבאַרייטונגען. עס מערקן זיך סימנים פון קריטישע קאָנפליקטן אין פראַנקרייך אין דער נאָענטער צוקונפט.

5. ווי אַזוי די פאַשיסטישע באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעפאַנגען

מילנער, איינער פון די ווייטזיכטיקסטע פירער פון דעם אַלטן ענגלישן אימפּעריאַליזם, האָט אין אַ פּריוואַטן בריוו אין 1905 באַשריבן די איינציקע האָפענונג, וועלכע ער האָט געקאָנט זען פאַר ראַטעווען די בורזשואַזע הערשאַפט:

„מעגלעך, אַז אַ גרויסער שאַרלאַטאַן — אַ פּאָליטישער לײדאַק, אַ בדחן, אַ ליגנער, אַ מענטש מיט אַ גלאַט צינגל, און איינער וואָס איז בכלל אַ באַ-ליבטער העלד פון די מאַסן — וועלכער איז אָבער צו דער זעלבער צייט אויך אַ שטאַטסמאַן — און אַזאַ קאָמבינאַציע איז ניט אוממעגלעך — וועט נאָך אַמאָל קומען, און אויב ער וועט קומען צו מאַכט, וועט ער פאַרשטיין ווי

אויסצונוצן זי פאַר נאַציאָנאַלע צוועקן. דאָס קאָן בלויז זיין אַ צופאַל; איך זע אָבער ניט קיין אַנדער אויסוועג." (מילנער אין זיין בריוו צו ליידי עדוואַרד סעסיל, אין דער זאַמלונג, „די מילנער בריוו", באַנד 2, 1899-1905.)

מיר זעען דאָ, ווי אַזוי די בורזשואַזיע האָט באַוואוסטזיניק געשטרעבט צו די פאָרמען פון פאַשיזם, נאָך מיט אַ לאַנגער צייט איידער פאַשיזם האָט עקזיסטירט. דער פאַקט, אַז אַ לעבנס־טרייע באַשרייבונג פון היטלער'ן אָדער מוסאָליני'ן האָט געקאָנט אָנגעצייכנט ווערן נאָך מיט אַ צענדליק יאָר פריער, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן זייער ראָלע, איז אַ מערקווירדיקע באַשטעטיקונג, ווי ווייניק די פּערזאָן שאַפט געשיכטע, און אַף וויפיל די געשיכטע רופט אַרויס צום לעבן די פּערזאָן, וועלכע פאָדערט זיך אַף אַ געוויסער שטופע פון אַנטוויקלונג. פאַשיזם קומט ניט צו עקזיסטענץ, ווייל אַ געוויסער „פירער" רופט אים אַרויס. פאַרקערט, ווייל דער פאַשיזם איז נויטיק פאַר דער בורזשואַזיע, ווערט געשאַפן אַ „פירער" פון אַזאַ מאַטעריאַל, וועלכן מען קאָן געפינען.

דאָס איז ספּעציעל וויכטיק בנוגע דער אַנטוויקלונג פון פאַשיסטישע באַוועגונגען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ שוועריקייט צו געפינען אַ פּאַסנדיקן „פירער", וועלכער זאָל באַזיצן די נויטיקע פּאָפּולערע קוואַליפיקאַציעס (אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַ באַשטימטער קאַנדידאַט, ער שטאַמט אָבער פון דער פּלוטאָ־קראַטיע). די אַנטוויקלונג פון אַ ספּעציפישער פאַשיסטישער באַוועגונג איז אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, וועלכער פאָדערט אַ באַדייטנדיקע „אויס־פּרובירונג" פון קאָנקורירנדיקע באַוועגונגען, ביז מען געפינט אויס די דער־פאָלגרייכע טעכניק. נאַר נאַראָנים וועלן זיך אויסלאַכן פון דער אומבאַשלאָסנ־קייט פון די דאָזיקע עמבריאָנישע שטופן און וועלן ניט באַגרייפן דעם כאַראַקטער פון דער שלאַנג, וועלכע ווערט געוואַרעמט אין דעם בורזשואַזן בוזעם. די אויסקריסטאַליזירונג פון פאַשיזם אין אַן איינציקער הויפּט־באַוועגונג האָט געדויערט איבער צען יאָר אין ענגלאַנד, און עס איז מעגלעך, אַז דער פּראָצעס האָט ניט דערגרייכט זיינע ענדגילטיקע פאָרמען; דער פּראָצעס איז נאָך אַלץ ניט קלאָר אין פראַנקרייך צוליב דער ספּעציעלער קאָמפּליקאַציע דורך דער עקזיסטענץ פון דער אַלטער ראָיאַליסטישער אָרגאַני־זאַציע, „אַקסיאָן פראַנסעז", וועלכע איז נאָך אַלץ שטאַרקער פון די אַנט־שטייענדיקע ריין־פאַשיסטישע באַוועגונגען און קאָן זיי נאָך אַלץ דאָמינירן; אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די סיטואַציע נאָך אַלץ פון די ערשטע שטופן פון צעטומלעניש.

אין די דאָזיקע אָנפֿאַנג־שטופֿן איז נאָך מער וויכטיק, ווי אין די ספּעציפֿישע פֿאַשיסטישע באַוועגונגען, די דירעקטע טענדענצן צווישן די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון דער בורזשואַזיע צו אַן אָפֿענעם פֿאַשיזם און דעריבער צו דער שאַפֿונג פֿון אַ פֿאַשיסטישער באַוועגונג אָדער צו שטיצן די ווירקזאַמסטע פֿאַשיסטישע באַוועגונג, וועלכע עקזיסטירט שוין. די דאָזיקע דירעקטע אויסדרוקן פֿון שטיצן דעם פֿאַשיזם קאָן מען איבערגענוג געפֿינען צווישן די פֿירער פֿון דער בורזשואַזיע אין ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

עס זיינען גוט באַוואוסט די נאָענטע פֿאַרבינדונגען פֿון די אָנפֿירנדיקע בורזשואַזע קרייזן אין ענגלאַנד מיט דעם איטאַליענישן פֿאַשיזם און מיט דעם היטלעריזם. קוים נאָר מוסאָליני האָט פֿאַרענדיקט זיין קו ד'עטאַ (איבערקערעניש), ווי דער ענגלישער קעניג האָט אין 1923 אים באַגנאַדיקט מיט דער נאַגראַדע פֿון דעם גרויס־קאָמאַנדיר אַלס אַ באַלוינונג פֿאַר זיין דינסט צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע. (פּונקט ווי אַן עטוואָס קלענערער טיטול איז געגעבן געוואָרן צו דעם ניט־דערפֿאָלגרייכן דעניקינ'ען). די אינטימע באַציאונגען צווישן טשעמבערליינ'ען און מוסאָליני'ן זיינען אַ סך מאָל אויסגעדריקט געוואָרן מיט אַן ענטוזיאַזם, וואָס איז דיקטירט ניט בלויז דורך די פֿאָדערונגען פֿון דער אויסלענדישער פּאָליטיק. באַריכטן וועגן פֿאַרבינדונגען צווישן שלוחים פֿון היטלעריזם מיט דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אין ענגלאַנד זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָך איידער דער היטלעריזם איז געקומען צו מאַכט. ווען טשוירטשיל האָט אין 1927 געהאַלטן זיין רעדע אין רוים, האָט ער אָפֿן דערקלערט, אַז ער שטיצט דעם פֿאַשיזם:

> „ווען איך וואָלט געווען אַן איטאַליענער, בין איך זיכער, אַז איך וואָלט געווען אין גאַנצן מיט אייך פֿון אָנפֿאַנג ביז דעם סוף אין אייער זיגרייכן קאַמף קעגן די בעסטיאַלישע אַפּעטיטן און ליידנשאַפֿטן פֿון דעם לעניניזם.“
> (סאַלוועמיני, „די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור“, ז. 20.)

מאָנד, די געטשקע פֿון דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס און דער מיטפֿאַרפֿאַסער פֿון די „מאָנד־טוירנער באַריכטן“ וועגן קלאַסן־קאָאָפּעראַציע, האָט זיך ניט וויניקער אָפֿן אַרויסגעזאָגט אין זיין אָנערקענען פֿאַשיזם און זיין אויסגעשפּראָכענער שבועה, אַז זיין צוועק אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס וועגן אינדוסטריעלן פֿרידן איז געווען צו דערגרייכן דעם זעלבן צוועק ווי פֿאַשיזם. אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין רוים (דער בית־המקדש, וואו די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע שטאַטסלייט

צעבראָסטען היינט־צו־טאָג זייערע הערצער) אין 1928, איז, לויט די באַריכטן אין דער ענגלישער פּרעסע, געווען אַזאַ אויסדרוק, אַז ער האָט נאָכדעם פּרובירט אָפּצוזאָגן זיך פון אים און פאַרטיידיקן זיך, אַז מען האָט „ניט ריכטיק איבערגעגעבן זיינע באַמערקונגען"; „מיינע באַמערקונגען וועגן פאַשיזם", האָט ער געשריבן, „האָבן געהאַט צו טאָן אויסשליסלעך מיט זיין אָנווענדונג אין איטאַליע." דער באַריכט, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם „דעילי העראָלד", האָט איבערגעגעבן דעם פאַל אַזוי:

> „איך באַוואונדער דעם פאַשיזם, ווייל ער איז דערפאָלגרייך אין איינפירן סאָציאַלן פרידן", האָט נעכטן געזאָגט סער אַלפרעד מאָנד אין אַן אינטערוויו אין רוים, ווי דאָס גיט איבער דער 'עקסטשענדזש'. „יאָרן לאַנג האָב איך געאַרבעט פאַר דעמזעלבן פרידן אַף דעם אינדוסטריעלן געביט אין ענגלאַנד. . . . פאַשיזם שטרעבט צו פאַרווירקלעכן מיינע פּאָליטישע אידעאַלן, און דאָס איז, אַז אַלע קלאַסן זאָלן לאָיאַל מיטאַרבעטן." („דעילי העראָלד", דעם 12טן מאַי, 1928.) *)

ס איז גוט באַוואוסט, ווי אַזוי די ראָטהעמיר און ביווערברוק פּרעסע שטיצט מוסאָליני'ן און פאָדערט אַ „ברימישן היטלער"; די ראָטהעמיר־פּרעסע שטיצט אַפילו דירעקט די פאַשיסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד.

ספּעציעל וויכטיק זיינען די לעצטע אַנטוויקלונגען פון דעם רעוואָלט מצד די רעאַקציאָנערן (דאיהאַרדס) און דעם רעכטן פליגל אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכער ווערט רעפּרעזענטירט דורך טשורטשיל'ן, לאָיד'ן און אַנדערע, ווי אויך אין פאַרשיידענע פאָרמען פון ראָטהעמיר'ן און ביווערברוק'ן. דער קאַמף פאַר אַן אַלץ מער אָפענער אָפּאָזיציע צו די פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס ווערט אָנגעפירט אונטער דער פאָרם פון אַ קאַמף קעגן באַלדווינ'ען און ספּעציעל איבער דער פראַגע וועגן אינדיע. די פירערשאַפט פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי ווערט אַלץ מער אויפגעפאָדערט אויפצוהאַלטן דעם קאָנטראָל אין דער פּאַרטיי אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען עס פאָדערט זיך אַ פאָרזיכטיקע שטופּע פון

---

*) פאַרגלייך דעם באַריכט פון דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין 1928, ז. 215, וואו מאָנד לייקנט דאָס טיילווייז אָפּ, און ז. 412, וואו סיטרין פאַרטיידיקט מאָנד'ס רעכט צו זיין אַ פאַשיסט און זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ פאַראייניקונג פון די טרייד־יוניאָנס מיט מאָנד'ן, ווען מאָנד וואָלט אַפילו זיין אַ פאַשיסט: „לאָמיר אָננעמען, אַז די באַהויפּטונג איז געווען אַ ריכטיקע און אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם פאַשיזם, מיינט דען דאָס, אַז ס'איז דאָ אַ גענוגנדיקער לאָגישער גרונט אָפּצוברעכן די דיסקוסיע?"

אָפיציעלער בורזשואַזער פּאָליטיק (מען דאַרף דאָ דערמאָנען, אַז די צאָל שטימען פאַר די „דאַיהאַרדס" אָדער דער אָפּאָזיציע צווישן 1933 און 1934 איז געשטיגן פון כמעט איין־דריטל ביז איבער דריי־פינפטל אין דער פראַגע וועגן אינדיע). ווען אין אָקטאָבער 1933 האָט טשוירטשיל גערעדט פון אַן אויסדערוויילטן קאָמיטעט וועגן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען אין אינדיע און איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז אין אינדיע זאָלן אויסגעברייטערט ווערן אַפילו די חוזק'דיקע אָנשטעלן פון „דעמאָקראַטישע" אינסטיטוציעס, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס „ווערן איצט אין דער גאַנצער מערב'דיקער וועלט באַטראַכט פאַר אָפּגעלעבטע". די לאָנדאָנער „טאַימס", באַשרייבנדיק דעם רעוואָלט קעגן באָלדווינ.ען אין דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, ווייזט אָן סיי אַף דער אַנטי־דעמאָקראַטישער ליניע סיי אַף דער מעגלעכקייט פון איר זיג:

„אַז נאָך דעם 'באָלדוויניזם' וועט קומען וועלכע עס איז פאָרם פון 'דיי־האַרדיזם' — צי דאָס וועט זיין אַ דיקטאַטאָרישע, ביוראָקראַטישע אָדער ריין־קאָמערציעלע — קאָן גאָר ניט זיין קיין ספק, אויב די אומצופרידנקייט וועט זיך דערשלאָגן איר וועג. דאָס קאָן נאָך פאָרקומען." („טאַימס", דעם 17טן אָקטאָבער, 1930).

די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז פון גרויסער וויכטיקייט, ווייל ווען די פראַגע וועט געשטעלט ווערן, איז נאָך ווייט ניט זיכער, צי אַ טשוירטשיל אָדער אַ לאָיד דזשאָרדזש וועלן דערלאָזן, אַז די פירערשאַפט זאָל איבערגיין צו אַ מאָזלי'ן.*)

*) עס איז כדאי צו באַמערקן, ווי אַזוי דער צווייטער „פּראָגרעסיווער" פליגל פון דער בורזשואַזיע אַגיטירט פאַר אַ ליבעראַלן פאַשיזם, ווי דאָס טוט ה. ג. וועלס, און אויך בערנאַרד שאָו'ס אַקטיווע אַגיטאַציע פאַר פאַשיזם, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז די ענגלישע פאַשיסטן האָבן אים דערקלערט פאַר זייער גייסטיקן פירער. (זע „די פאַשיסט וויק" פון דעם 23טן פעברואַר, 1934, וועגן „בערנאַרד שאָו — וועט ער ווען עס איז טראָגן אַ שוואַרץ העמדל?" און די ציטאַטע פון בערנאַרד שאָו, וועלכע לויבט מאָזלי'ן און וועלכע איז אָנגעגעבן געוואָרן אַלס אַ מאָטאָ אין דעם אָפיציעלן בוך „אָסוואַלד מאָזלי און דער בריטישער פאַשיזם".). די פריערדיקע אַגיטאַציע פון דער בעלאָק-טשעסטערטאָן שול (קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם, קעגן פינאַנסירן, קעגן מאַרקסיזם, קעגן פּאַציפיזם, קעגן אידן; פאַר נאַציאָנאַליזם, פאַר קליינבירגערלעכן אייגנטום, א. ד. ג.) איז געווען פולשטענדיק פאַשיסטיש אין אַן אַקאַדעמישן זין. די דאָזיקע שונאים פון פרייסן האָבן ניט באַגריפן, אַז זייער גאַנצע פּראָגראַם וועט דורכגעפירט ווערן פונקט ביז אַן אות פון דעם קאַטאָליק היטלער.

ענלעכע טענדענצן און אויסדרוקן, וואָס ווערן געמאַכט מער אָדער ווייניקער אָפן פאַר דעם פאַשיזם, קאָנען באַמערקט ווערן צווישן די שטאַטס־לייט און אינדוסטריאַליסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין פראַנקרייך. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט גערי, דער שטאָל־קעניג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דערקלערט אין 1923 אַף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון „טשעמבער אָוו קאמערס" („אַבזווירוועער", דעם 1טן אַפּריל, 1923):

„עס וואָלט געווען בעסער פאַר אונז, ווען מיר וואָלטן אויך דאָ געהאַט אַ מאַן ווי מוסאָליני."

און דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין בערלין, דזש. וו. דזשעראַרד, האָט אין זיינע לויב־געזאַנגען פאַר היטלער'ן דערקלערט:

„היטלער טוט אויף אַ סך פאַר דייטשלאַנד; זיין פאַראייניקן די דייטשן, זיין צעשטערן קאָמוניזם, זיין אויפּברענגען די יוגנט, זיין שאַפן אַ ספּאַרטאַנישן שטאַט, וואָס איז באַגייסטערט פון פּאַטריאָטיזם, זיין אָפּשאַפן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, וועלכע איז אַזוי ניט צוגעפּאַסט צו דעם דייטשן כאַראַקטער, זיין פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום — דאָס אַלץ איז זייער גוט; און נאָכאַלעמען, איז אַלץ, וואָס די דייטשן טוען אַף זייער אייגענער טעריטאָריע, זייער אייגענער עסק, מיט דער אויס־נאָם פון אייך זאַך, — דאָס פאַרפאָלגן און פּראַקטישע אויסשליסונג פון די אידן." (ניו יאָרק „טאַיימס", דעם 15טן אָקטאָבער, 1933.)

מען וואָלט אויך געקאָנט אָנגעבן איבערגענוג ביישפּילן פון דער רעכטער פּרעסע אין פראַנקרייך, ווי אַזוי זי באַוואונדערט מיט קנאה דעם היטלעריזם.

ווען מיר גייען איבער פון די דאָזיקע שטרעבונג־טרענדענצן צו די ספּעציפישע און אָרגאַניזירטע פאַשיסטישע באַוועגונגען, דאַרף מען באַ־מערקן, אַז אין דער לעצטער צייט זיינען שנעל אַנטוויקלט געוואָרן דירעקטע פאַשיסטישע באַוועגונגען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, ווי אויך אין די קלענערע לענדער, ווי בעלגיע, האָלאַנד, שוועדן, די שווייץ, א. אַז. וו. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האַלט נאָך דער רוזוועלט־פּראָצעס אין צוגרייטן דעם באָדן פאַר פאַשיזם; אין דער צייט ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, איז די פראַגע וועגן אַ דירעקטער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע נאָך אַלץ היפּטזאַכלעך אַ פראַגע פון ניט־קלאָרע טענדענצן און אָנפאַנגען, אַזעלכע ווי די „זילבערנע העמדלעך", „כאַקי־העמדלעך", דאָס אויפלעבן פון דעם „קו־קלוקס־קלען", דענים'עס פאַשיסטישע באַוועגונג, א. ד. גל.; מען קאָן דערוואַרטן, אַז פון די דאָזיקע טענדענצן וועט זיך שנעל אַנטוויקלען אַ

פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע. אָבער די לאַגע אין ענגלאַנד און אין פֿראַנקרייך איז שוין באַדייטנד פֿיל מער אַנטוויקלט; און אין דעם איצטיקן מאָמענט איז די סיטואַציע אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך פֿון גרעסטער וויכטיקייט פֿאַר דער צוקונפֿטיקער אַנטוויקלונג פֿון פֿאַשיזם אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער פֿון מערב.

מיר האָבן שוין געזען, ווי אַזוי די פּאַסירונגען פֿון פֿעברואַר 1934, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן אין פֿראַנקרייך דאָס פֿאַלן פֿון דער דאַלאַדיע־רעגירונג און דאָס איינפֿירן פֿון דער רעגירונג פֿון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע", האָבן אַרויסגעבראַכט אויבן־אָן די פֿראַגע וועגן פֿאַשיזם און האָבן געפֿירט צו אַ שנעלן וואוקס פֿון די פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין פֿראַנקרייך איז די לאַגע קאָמפּליצירט צוליב דער פּאַראַלעלער עקזיסטענץ פֿון דער ראָיאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, „אַקסיאָן פֿראַנסעז", און די נייערע דירעקט־פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די אַלטע „אַקסיאָן פֿראַנסעז" מיט אירע כוליגאַנישע באַנדעס, די אַזוי־גערופֿענע „קמלאָ דיו רואַ", איז צוערשט אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1898 אַלס אַ נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע און איז שפּעטער געוואָרן אַ ראָיאַליסטישע (מאָנאַרכיסטישע). צוליב אירע אייגענע פֿאַרבינדונגען מיט דעם עקסטרעמען קאָנסערוואַטיזם און צוליב דער האַלב־אָפֿיציעלער פּראָטעקציע, וואָס זי קריגט פֿאַר איר גוואַלטזאַמער און אומבאַגרענעצטער אַגיטאַציע, האָט זי אַ באַדייטנדיקע מאַכט צווישן די כחות פֿון רעכטס; אָבער דאָס איז אַן אויסגעשפּראָכענע רעאַקציאָנערע ראָיאַליסטישע קערפּערשאַפֿט, וועלכע טיילט זיך אָפּ פֿון די פּרינציפּן פֿון פֿאַשיזם, הגם אין איר אַלגעמיינעם אויסזען און אין דער פּראַקטיק איז זי זייער נאָענט דערצו, און נעמט ניט אָן די טיפּישע סאָציאַל־דעמאַגאָגישע טעכניק פֿון פֿאַשיזם.

די פֿאַרשיידענע אָפֿן־פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דערווייל ניט פֿאַראייניקט אין איין איינציקער פּאַרטיי. דער פּאַרזוך פֿון זשאָרזש וואַלוא אין 1925 צו גרינדן אַזאַ פּאַרטיי האָט זיך ניט איינגעגעבן. די אויסגעשפּראָכענע פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס היינט־צו־טאָג זיינען די „פּאַטריאָטישע יוגנט" („זשענעס פּאַטריאָט"), וועלכע טעטינזשיע האָט געגרינדעט אין 1924, און די האַלב־מיליטערישע „פֿייער־קרייץ" („קרואַ דע פֿע"), וועלכע איז אָפֿיציעל אַן אָרגאַניזאַציע פֿון געוועזענע סאָלדאַטן (אין דער ווירקלעכקייט נעמט זי אָבער אַריין אַלערליי מיטגלידער) אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם פּאָלקאָווניק לאַ ראָק, געגרינדעט אין 1927 מיט

דער הילף פון סובסידיעס פון קאָטי (דער קאָסמעטיק־קעניג). זי האָט פון אָנפאַנג געהאַט בלויז עטלעכע טויזנט מיטגלידער, אָבער ווי זי גיט אָן, האָט זי זינט פעברואַר 1934 15,000 מיטגלידער. עס זיינען נאָך דאָ אַ סך קלענערע אָרגאַניזאַציעס און גרופּקעלעך, ווי צום ביישפּיל „די נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַוועגונג" ארום דעם „אַקסיאָן נואַוועל". וועגן דער קאַמפּס־מאַכט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַריכטעט דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „מאַנטשעסטער גאַרדיען" אַזוי:

„דער 'פייער־קרייץ', די 'פּאַטריאָטישע יוגנט', די 'אַקסיאָן פראַנסעז' און אַנדערע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן וואַרשיינלעך ניט מער ווי 25,000 ביז 30,000 'קעמפנדיקע מיטגלידער' אין פּאַריז. פונדעסטוועגן, ווען די דאָזיקע מאַכט זאָל באַוואָפנט ווערן, וואָלט זי געווען גענוג איינדרוקס־פול, הגם אַפילו אין אַזאַ פאַל וואָלט זי ווייניק וואָס געקאָנט אויפטאָן, ווען די פּאָליציי און אַרמיי וואָלטן געווען קעגן איר. עס איז אָבער דאָ אַ געפאַר, אַז אין אַ קריטישן מאָמענט וואָלטן סיי די פּאָליציי און סיי די אַרמיי געווען אויף זייער זייט, אָדער לכל הפּחות נייטראַל." („מאַנטשעסטער גאַרדיען וויקלי", דעם 23טן מערץ, 1934.)

צו דער זעלבער צייט האָט זיך אויף דער „סאָציאַליסטישער" זייט אַנטוויקלט אַן אָרגאַניזאַציע פון „נעאָ־סאָציאַליסטן", אָדער ווי זיי רופן זיך אַליין אָן, די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פראַנקרייך", אָנגעפירט פון מאַרקע. די דאָזיקע גרופּע איז ביז האַרבסט פון 1933 געווען דער רעכטער פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; באַאיינפלוסט פון דעם זיג פון היטלעריזם, איז זי אַרויסגעטראָטן מיט אַ נייער פּראָגראַם, אַטאַקירנדיק די אַלטע באַגריפן פון אינטערנאַציאָנאַליזם און דעם פּראָלעטאַרישן באַזיס פון סאָציאַליזם, דערקלערנדיק, אַז ס'איז נויטווענדיק צו בויען אויף דעם באַזיס פון „דער נאַציע" און צו ווענדן זיך צו דעם מיטלקלאַס און צו דער „יוגנט", אונטערשטרייכנדיק די נויטווענדיקייט פון „אויטאָריטעט", פון אַ „שטאַרקן שטאַט", פון „אָרדענונג", „דיסציפּלין", „האַנדלונג", א. אַז. וו. הגם די דאָזיקע גרופּע האָט פאַקטיש אַנטוויקלט און מער אויסגעשפּראָכן באַהויפּטעט דעם פונדאַמענטאַלן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קוק אויף זאַכן, האָט זיך איר בליק אויף זאַכן אויף אַזאַ אופן אַרויסגעוויזן צו זיין אונטער אַ שטאַרקן פאַשיס־טישן איינפלוס; די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער טענדענץ איז פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אַלס אַן אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון פאַשיזם. אין האַרבסט פון 1933 האָט זיך די דאָזיקע גרופּע אָפּגעריסן פון דער פראַנ־צויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט געגרינדעט די „סאָציאַליסטישע

פאַרטיי פון פראַנקרייך"; איר פירער, מאַרקע, איז אַריינגעטראָטן אין דער רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע", ווען זי איז פאָרמירט געוואָרן.

אין ענגלאַנד האָט די סיטואַציע נאָך ניט דערגרייכט אַזאַ שאַרפע שטופע ווי אין פראַנקרייך; אָבער אַ פול־פאָרמירטע פאַשיסטישע פאַרטיי און אָרגאַניזאַציע, הגם נאָך ניט קיין שטאַרקע, איז קאָנסטיטואירט געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט פון מאָזלי אין 1932. די קאָנקורירנדיקע קלענערע אָרגאַניזאַציעס זיינען היינט־צו־טאָג ניט אַזוי וויכטיק. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן די אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע, „אימ־פיריעל פאַשיסט ליג" און אויך די „גרינע העמדלעך", וועלכע איז אָריגינעל אָרגאַניזירט געוואָרן אַף אַ פּראָגראַם פון אינפלאַציע און טראָגט מער אָדער ווייניקער אַ פאַשיסטישן כאַראַקטער, הגם זיי לייקענען אָפּ דעם פאַשיזם.

דער פאַרבאַנד פון פאַשיסטן אין ענגלאַנד, הגם ער מעג נאָך ניט האָבן זיין פאַרענדיקטע פאָרם, האָט שוין עטאַבלירט זיין פּאָזיציע דורך צוויי ענינים: ערשטנס און הויפּטזאַכלעך, דורך דער ריזיקער פינאַנציעלער שטיצע מצד איינפלוסרייכע קרייזן, שטיצע פון דער מולטי־מיליאָנערסקער ראָטהע־מיר־פּרעסע, א. אַז. וו.; און צווייטנס, דורך דעם היסטאָרישן אורשפּרונג פון איר פירערשאַפט און טיילווייז מיטגלידערשאַפט פון די רייען פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און דער אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטיי, אין דער צייט וואָס די פריערדיקע פאַרזוכן זיינען פּשוט געווען באַוועגונגען פון געוועזענע גענעראַלן און די רעאַקציאָנערן אין די פאָרשטעט.

די באַוועגונג פון די „בריטישע פאַשיסטן" האָט זיך צוערשט אָנ־געפאַנגען אין 1923 אין די קרייזן, וואָס זיינען געווען אַרום דער צייטונג „דהי פּעיטריאָט", אַרויסגעגעבן פון דעם נאָרטקאָמבערלאַנדער פירשט און איז לעגאַל אָנערקענט געוואָרן פון דער ערשטער לייבאָר־רעגירונג:

> „אַז זייער אָרגאַניזאַציע איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן פאַר לעגאַל פון דער לעצטער לייבאָר-רעגירונג, באַווייזט דער פאַקט, וואָס מען האָט דער-לויבט דער דאָזיקער אַסאָציאַציע דעם נאָמען, 'דהי בריטיש פעשיסט, לטד.'."
> (גענעראַל בלייקני, דער פּרעזידענט פון די בריטישע פאַשיסטן, אין דעם זשורנאַל, „דהי נײַנטינטה סענטשורי", יאַנואַר, 1925.)

דער בריגאַדיר־גענעראַל, ר. ב. ד. בלייקני, דער פּרעזידענט, איז געווען דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון די אייזנבאַנען אין עגיפּטן. דער קאָמאַנדיר פון דער אָרגאַניזאַציע אין דעם לאָנדאָנער קרייז איז געווען דער בריגאַדיר־גענעראַל סער אַרמאַנד ווינטער, און דער וויצע־פּרעזידענט איז געווען דער ריר־אַדמיראַל אַרמסטראָנג. (דער פאַרזוך, וואָס איז שפּעטער געמאַכט גע־

וואָרן צו אָרגאַניזירן די „פּאַרטיי פֿון פּאַראַייניקטער אימפּעריע”, איז אונטער־גענומען געוואָרן מיט דער שטיצע פֿון ראָטהעמיר׳ס און ביווערברוק׳ס פּרעסע אין יאָר 1930 און האָט אויך געהאַט אין דער שפּיץ גענעראַלן: „דער ראַט באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פֿון מיליטערישע אָפֿיצערן, און זייער דערפֿאַרונג אין פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים איז אַ נישטיקע, מיט דער אויסנאַם פֿון צוויי מענטשן.” („מאָרנינג פּאָסט”, דעם 13טן סעפּ־טעמבער, 1930.) די דאָזיקע ערשטע פּראָבעס צו שאַפֿן פֿאַשיסטישע אָרגאַני־זאַציעס האָבן באַוויזן, אַז עס האָט זיי געפֿעלט דער באַגריף פֿון האָבן די נויטיקע פֿאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער־מאַסן און אויך די סאָציאַל־דעמאַגאָגישע טאַקטיק פֿון פֿאַשיזם. די בריטישע פֿאַשיסטן האָבן נאַאיוו און אָפֿן דערקלערט, אַז זייער צוועק איז „צו געבן פּראַקטישע און אויב נויטיק אויך מיליטאַנטישע פֿאַרטיידיקונג פֿאַר זיין מאַיעסטעט דעם קעניג און דער אימפּעריע”. אַ שפּעטערדיקער צירקולאַר, וואָס האָט דערקלערט די ראָל פֿון זיינע צוויי צווייגן, די מענערשע אָרגאַניזאַציע און די פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, האָט באַהויפּטעט:

> „אין צייטן פֿון פֿרידן פֿירן אָן ביידע צווייגן פּראָפּאַגאַנדע, ציען אַריין מיטגלידער און פֿאַרשטאַרקן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. ווען עס זאָל זיין אַ געפֿאַר פֿון אַ רעוואָלוציע אָדער פֿון אַ גענעראַל־סטרייק, וואָלט די מענערשע אָרגאַניזאַציע פֿאָרמירט די אַקטיווע מאַכט און די פֿרויען־אָרגאַניזאַציע די אונטערשטיצונג־מאַכט.”

עס איז קלאָר, אַז אויף דעם יסוד פֿון אָט־דער גענעראַלסקער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער” ערלעכקייט האָט ניט געקאָנט געבויט ווערן קיין פֿאַשיס־טישע מאַסן־באַוועגונג. די באַוועגונג האָט צוגעצויגן צו זיך ביז אַ געוויסער מאָס אויפֿמערקזאַמקייט אין דער צייט פֿאַר דעם גענעראַל־סטרייק הויפּט־זאַכלעך דערפֿאַר, וואָס זי האָט געקראָגן איר האַלב־אָפֿיציעלע אָנערקענונג פֿון דער פּאָליציי; די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע זיינען אין געוויסע געגנטן רעקרוטירט געוואָרן פֿאַר דער ספּעציעלער פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַדאַרפֿט באַקעמפֿן דעם גענעראַל־סטרייק און וועלכע איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון אירע אייגענע אָפֿיצערן. זי האָט אָבער ניט דערגרייכט קיין פּאָליטישן איינפֿלוס און איז נאָך דעם גענעראַל־סטרייק פֿאַרשוואונדן.

די ערשטע באַדייטונג פֿון דער מאָזלי־באַוועגונג איז געווען איר דירעקטע אָפּשטאַמונג פֿון די רייען פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי. נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, האָט זיך מאָזלי אין 1924 אָנגעשלאָסן אָן דער לייבאָר־פּאַרטיי. צוליב זיין

גרויסער רייכקייט און איינפלוסרייכע פאַרבינדונגען איז ער זייער שנעל געשטיגן אַף דעם סאָציאַלן לייטער, ווי דאָס קאָן ניט געלינגען אַ געוויינלעכן מיטגליד פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער לייבאָר־פאַרטיי; ער איז געוואָרן אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער דאָזיקער פאַרטיי, וועלכע איז אַלעמאָל באַרימט מיט איר אָפענער טיר פאַר די, וואָס האָבן געלט און פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזיע, און וואו פאָזיציעס ווערן אָפטמאָל אָנגעבאָטן, פונקט ווי אַף אַן אויספאַרקויף, צו דעם וואָס גיט דעם העכסטן פרייז (ניט ווייניקער ווי פופציק פלעצער זיינען אָנגעבאָטן געוואָרן מאָזלי׳ן אין דעמזעלבן יאָר, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער לייבאָר־פאַרטיי). אין דריי יאָר אַרום איז ער, אין 1927, דערווייִלט געוואָרן אין דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער לייבאָר־פאַרטיי מיט אַ גרעסערער צאָל שטימען ווי הערבערט מאָרי־סאָן און איז דערווייִלט געוואָרן פון דאָס ניי אין 1928 מיט 2,153,000 שטימען. אין 1929 איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיניסטער פון דער לייבאָר־רעגירונג און אין 1930 האָט ער רעזיגנירט אונטער דעם אויסרייד, אַז די דאָזיקע רעגירונג נעמט ניט אָן קיין מיטלען קעגן אַרבעטלאָזיקייט. ווען ער איז געווען מיניסטער, האָט ער אַריינגעגעבן דעם אַזוי־גערופענעם מזלי־מעמאָראַנדום, וועלכער איז געווען די ערשטע אָנגעצייכנטע פון אים פראָגראַם פאַר אַ פאַשיסטישער פּאָליטיק, ד. ה., אַן אַקטיווע, אָפן ניט־סאָציאַליסטישע, און ווייט־גרייכנדיקע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליסטישער איבערבויאונג. די דאָזיקע פּאָליטיק, ניט דערפאַר וואָס זי האָט געטראָגן אַ ניט־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, נאָר גאָר צוליב איר אַקטיוון כאַראַקטער, איז ניט געווען צום האַרצן דער קאָנסערוואַטיווער פאַסיווער ליניע פון דער לייבאָר־רעגירונג, און זי האָט דעריבער געמאַכט פאַרזוכן צו באַגראָבן דעם מעמאָראַנדום. אין 1930 האָט מאָזלי זיך געווענדט צו דער קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פאַרטיי, וואו ער האָט געקראָגן 1,046,000 שטימען, אין דער צייט וואָס דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט געקראָגן 1,251,000 שטימען. ער איז ווידעראַמאָל דערווייִלט געוואָרן אין דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער לייבאָר־פאַרטיי און איז אַף אַזאַ אופן פאַקטיש דירעקט אַריבערגעגאַנגען פון דעם אויספיר־קאָמיטעט אין דער לייבאָר־פאַרטיי צו דער אָרגאַניזירונג פון זיין „נייער פאַרטיי" אָדער „פאַשיסטישער פאַרטיי" אין 1931.

פאַר דעם ווייטערדיקן פּאָליטישן באַזיס און דעם איינפלוס פון מאָזלי׳ן (ניט ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט די ניט־דערפאָלגרייכע גענעראַלן אין די פריערדיקע פאַשיסטישע פאַרזוכן). און דער פאַל, וואָס עס איז אים

געלונגען אָנצושפּאַרן אין דעם פּאָליטישן אויבן־אָן, קומט אַ דאַנק דער לייבאָר־פּאַרטיי און דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע האָבן אַף אַזאַ אופן כאַראַקטעריסטיש דורכגעפירט די ראָל פון סאָציאַל־פאַשיזם. אין דער צייט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט די איינציקע פון אָנפאַנג־אָן ריכטיק אָנגעוויזן אַף די פאַשיסטישע טענדענצן פון מאָזלי׳ן (וועלכע ער האָט צוערשט געזוכט אָפּצולייקענען), האָבן די פּאָליטישענס פון דער „לינקער" לייבאָר־פּאַרטיי אים געשטיצט און געהאָלפן אים אָנפירן זיין קאַמפּאַניע. דער אָרגאַן פון דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי, דער „ניו לידער", האָט געשריבן וועגן דעם מאָזלי־מעמאָראַנדום:

„ווי ס׳איז באַוואוסט, איז אין די הויפּט-פּונקטן זיין פּלאַן אין איינקלאַנג מיט דער ליניע פון דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר-פּאַרטיי." („ניו לידער", אָקטאָבער 10, 1930.)

אין דעמזעלבן זשורנאַל, פון דעם 7טן נאָוועמבער, 1930, האָט בראָקוויי געשריבן:

„די אידייען פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר-גרופּע און פון דער קלענערער מאָזלי-גרופּע האָבן אַ סך אַלגעמיינעס. . . .

„מען קאָן דערוואַרטן, אַז אין גיכן זאָל מען זען אַ רעוואָלט מצד די אינגערע מיטגלידער פון אַלע דריי פּאַרטייען קעגן די מעטאָדן און דעם גייסט פון דעם עלטערן דור."

מאָזלי׳ס מאַניפעסט פון דעצעמבער 1930, וועלכער האָט שוין פאָרמעל אָפּגעלייקנט דעם סאָציאַליזם („די באַלדיקע פראַגע איז ניט די פראַגע פון אייגנטום, נאָר פון דער אויפלעבונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע") און האָט געפאָדערט אַ דיקטאַטור פון פינף דורכצופירן אַן אַגרעסיווע קאַפּיטאַליסטישע פּראָגראַם, איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון זיבעצן פּאַרלאַמענטאַריער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, אַריינגערעכנט פינף פּאַרלאַמענטאַריער פון דער אומאָפּהענגקער לייבאָר־פּאַרטיי, און א. דזש. קוק איז געווען צווישן זיי.*) ווען די „נייע פּאַרטיי", דער ערשטער באַשטימטער שריט צו פאָרמירן

*) דאָס זיינען די נעמען פון די זיבעצן פּאַרלאַמענטאַריער פון דער לייבאָר-פּאַרטיי, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן מאָזלי׳ס מאַניפעסט, וואָס איז געוואָרן דער אויסגאַנג-פּונקט פאַר דעם פאַשיזם אין ענגלאַנד. חוץ מאָזלי און זיין פרוי זיינען געווען: אָליווער באָלדווין, אַניורין ביוואַן, וו. דזש. בראַון, דר. ר. פאָרגאַן, דזש. פ. הארראבין, מ. פיליפּס פּריים, ע. דזש. סטרייטשי, דזש. בייטי, וו. דזש. קאָוו, דזש. לאָוואַט פרייזער, ס. פּ. מאַרקהעם, דזש. מאַקגאָווערן, דזש. דזש. מק׳שיין, ה. ט. מאַגגערידזש, און ס. דזש. סיממאָנס.

אַ פֿאַשיסטישע פּאַרטיי, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פֿרילינג פֿון 1931, איז זי פֿאָרמירט געוואָרן פֿון זעקס פּאַרלאַמענטאַריער פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי און איין קאָנסערוואַטיוון פּאַרלאַמענטאַריער, און זי האָט זיך געווענדט צו „דער מאַסע פֿון פּאַטריאָטישע מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען אַנטשלאָסן פֿאַר האַנדלונג".

די ענדגילטיקע עוואָלוציע פֿון סאָציאַל־פֿאַשיזם ביז אָפֿענעם פֿאַשיזם האָט זיך אַנטוויקלט אין 1931. נאָך דעם אומדערפֿאָלגרייכן קאַמף פֿון דער „נייער פּאַרטיי" אין די וואַלן אין אַפּריל 1931, שרייבט סטרעטשי („געפֿאַר פֿון פֿאַשיזם", ז. 161), האָט מאָזלי פּריוואַט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן באַנוצן זיך מיט דעם וואָרט „פֿאַשיזם". ווי דער „דעילי עקספּרעס" (מאַי 18, 1931) גיט אָן, האָט אין מאַי 1931, אַף אַ מיטינג אין דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער „נייער פּאַרטיי" מאָזלי „גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון דיסציפּלין: אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז די 'נייע פּאַרטיי' האָט אַ סך וואָס צו לערנען פֿון דעם היטלעריזם". דער מאַיאָר בייקער, מאָזלי'ס פּאָ־ליטישער סעקרעטאַר, האָט אין אַן אינטערוויו פֿאַר דערזעלבער צייטונג דערקלערט:

„עס איז אמת, אַז די יונגעלייט, וואָס שליסן זיך אָן אָן אונז, זיינען סטודענטן און גראַדואירטע פֿון דעם אָקספֿאָרד-אוניווערזיטעט. זיי זיינען מייסטנס אַטלעטן. . . .

„די מענער, וואָס שטייען מיט אונז, זיינען אין פֿילע פֿאַלן אייגנטימער פֿון אָטאָמאָבילן. זיי וועלן זיך פֿאָרמירן אין פֿליענדיקע עסקאַדרעס, כּדי זיי זאָלן קאָנען מיטאַמאָל באַפֿאַלן אַ פּלאַץ."

ווי עס גיט אָן דער „דעילי העראָלד" (פֿון 6טן יוני, 1931), זיינען שלוחים, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון דעם מאַיאָר טהאָמפּסאָן און ל. דזש. קאָמינג (דער געוועזענער פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון דער אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטיי אין וועסט לאָנדאָן), געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד צו שטודירן די נאַצי־מעטאָדן. מאָזלי, באַריכטעט די „טאַימס" (פֿון 2טן מערץ, 1931), „האָט געזאַמלט, ווי מען גיט אָן, אַ באַדייטנדיקן פֿאָנד — עס פֿאַרשטייט זיך, ניט צווישן די סאָציאַליסטן".

די דעטאַלן פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג זיינען וויכטיק אַף וויפֿיל זיי באַווייזן אין אַ קלאַסיש־קלאָרער פֿאָרם די נאָענטע פֿאַרבינדונג צווישן דעם סאָציאַל־פֿאַשיזם און פֿאַשיזם. דער לעצטער שריט אין דעם פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען אין 1932, ווען עס איז אָפֿן אַדאָפּטירט געוואָרן דער פֿאַשיסטישער נאָמען, און די „נייע פּאַרטיי" (ווי די קאָמוניסטן האָבן פֿאָר־

אויסגעזאָגט פון אָנפאַנג־אָן) איז טראַנספאָרמירט געוואָרן אין דעם „ענגלישן פּאַשיסטן־פאַרבאַנד" („בריטיש יוניאָן אָוו פעשיסטס"). עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאָזלי'ס פּאָליטישער אני־מאמין („גרייטער בריטיין"), וועלכער ווידערהאָלט אין אַן אַלגעמיינער פאָרם די באַקאַנטע גרונט־פּונקטן פון פּאַשיסטישער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, וועלכע זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, מיט דעם טראָפּ אַף דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק („קאָרפּאָראַטיווער שטאַט", געצוואונגענער אַרביטראַזש, „וויסנשאַפטלעכע פּאַרטיידיקונג", רעגולירונג פון פּראָדוקציע, האַנדל, שכירות, פּרייזן און אינוועסטמענטס — די אַלטע אילוזיעס פון „געפּלאַנטן קאַפּיטאַליזם"), און מיט די נויטיקע ניט־פּאָפּולערע פּאָליטישע שטריכן פון אונטערדריקונג, וועלכע ווערן פאַרגלעט מיט ניט־קלאָרע פראַזן אָדער ווערן בכלל ניט דערמאָנט.*)

אין האַרבסט פון 1932 איז עטאַבלירט געוואָרן די פּאַשיסטישע „פּאַרטיידיקונגס־מאַכט" און אין 1933 האָט מען אָנגעהויבן אויפבויען די פּאַשיסטישע הויפּט־קוואַרטיר אַף דעם שטייגער פון דעם „ברוינעם הויז" אין דייטשלאַנד. דער וואוקס פון גוואַלד אין 1933 אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע פון „טראָגן פּאָליטישע יוניפאָרמען" (ד. ה. פון פּאַשיסטישע יוניפאָרמען, ווייל די אַרבעטער פּאַרטיידיקונגס־מאַכט האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט) ווערט אַף אַזאַ אופן באַשריבן אין דעם באַריכט, וואָס דער אינערן־מיניסטער האָט אָפּגעגעבן אין פּאַרלאַמענט דעם 20טן פעברואַר, 1934:

„די וואַקסנדיקע געפאַר פון עפנטלעכע שטערונגען, וועלכע די פּאָליציי שרייבט צו דערצו, וואָס עס ווערן געטראָגן די אַזוי־גערופענע פּאָליטישע

*) דאָס אונטערדריקן פון סטרייקס דורך באַשטראָפונגען אין דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט" ווערט ניט דערמאָנט. די גוואַלטזאַמע אונטערדריקונג און דאָס אויפלייזן פון אַלע פאָרמען פון סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז ניט דערמאָנט. וועגן דער וואַל־סיסטעם ווערט באַהויפּטעט (ז. 34), אַז „אַזעלכע וואַל־פּרינציפּן (ד. ה. פון דעם „קאָרפּאָראַטיוון שטאַט") זיינען אויסגערעכנט ניט אַף צו באַגרענעצן די מאַכט פון די וויילער, נאָר פאַרקערט, צו פאַרגרעסערן דיווירקלעכע מאַכט דורך דעם, וואָס מען גיט זיי אַ מעגלעכקייט צו זיין בעסער אינפאָרמירט וועגן וואָס זיי שטימען", און עס ווערט ניט אָנגעוויזן, אַז אין פּאַשיסטישן איטאַליע און אין דייטשלאַנד ווערט פאַר די וויילער פאַקטיש אַרויסגעשטעלט איין־איינציקער פאָראויס־צוזאַמענגעשטעלטער צעטל, אונטער וועלכן זיי מוזן זיך אונטערחתמ'ענען, און עס ווערט זיי ניט דערלויבט אַרויסצושטעלן אַנדערע קאַנדידאַטן. אָבער דער גאַנצער בוך בכלל צייכנט זיך אויס מיט זיין אָפענער שווינדלעריי, מיט וועלכער די פּאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַנוצט זיך געוויינלעך אײדער דער פּאַשיזם קומט צו מאַכט.

יוניפאָרמען, ווערט באַוויזן דורך דעם פאַקט, וואָס דער הויפּט פון דער פּאָליציי אין לאָנדאָן באַריכטעט, אַז אין די ערשטע זעקס חדשים פון 1933, זיינען אין לאָנדאָן פאָרגעקומען עלף אַזעלכע אומאָרדענונגען פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און אין די לעצטע זעקס חדשים פון דעמזעלבן יאָר זיינען שוין געווען 22 אַזעלכע אומאָרדענונגען."

אין אָנפאַנג פון 1934 האָט דער פאַשיזם אין ענגלאַנד איינגעקראָגן אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון דער פּרעסע דערמיט, וואָס די מעכטיקע ראָטהעמיר־פּרעסע איז געשטעלט געוואָרן צו דינסט פון דעם „ענגלישן פאַרבאַנד פון פאַשיסטן", כדי ער זאָל קאָנען מיט זיך פאָרשטעלן

„אַ גוט-אָרגאַניזירטע פּאַרטיי פון רעכטס, וועלכע איז גרייט איבערצונעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים מיט דער זעלבער אָנט-שלאָסנקייט און מיט די זעלבע מעטאָדן, ווי היטלער און מוסאָליני האָבן אַרויסגעוויזן." (ראָטהעמיר אין דער „דעילי מעיל", יאַנואַר 15, 1934.)

די פּאָליטיק פון דער רעגירונג בנוגע דעם וואוקס פון פאַשיזם איז דער־קלערט געוואָרן אין לאָרד פּיווערשאַמ'ס ענטפער אין נאָמען פון דער רעגירונג אין דער לאָרדן־פּאַלאַטע דעם 28טן פעברואַר, 1934. ער האָט דערקלערט, אַז דער בריטישער פאַשיסטן־פאַרבאַנד ווערט שטאַרקער, נאָר אַז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז ניט צו אַריינמישן זיך, כדי צו שטערן דעם וואוקס.

אַזוי לאַנג ווי אַ מאַיאָריטעט איז בכח, צי מיט דער הילף פון אַ רעגירונג, צי אָן דעם, אָנצוהאַלטן פרידן און אָרדענונג דאָ אין לאַנד, איז ניט נויטיק אָנצואווענדן וועלכע עס איז האַנדלונג אַף צו באַגרענעצן אַזעלכע פּאַרטייען.

אין דער צווייטער העלפט פון 1934 איז די פראַגע פון פאַשיזם אַלץ מער געקומען צום פאָדערגרונט, אָבער די אַנטי־פאַשיסטישע כחות זיינען צו דערזעלביקער צייט אויך באַדייטענד געוואַקסן. די פאַשיסטישע דעמאָנ־סטראַציע אין אָלימפּיאַ דעם 7טן יוני, 1934, מיט איר ברוטאַלער אַטאַקע אַף די אַנטי־פאַשיסטן און אפילו אַף אומפּאַרטייאישע צושויער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט, האָט, צוזאַמען מיט דער הילף פון דער פּאָליציי אין דער דאָזיקער ברוטאַליטעט, אַרויסגערופן אַ ווייט־פאַרשפּרייטע דערוואַכונג בנוגע דער פאַשיסטישער געפאַר. דאָס איז ווייטער באַוויזן געוואָרן אין דער פאַשיסטישער דעמאָנסטראַציע אין האַיד פּאַרק דעם 9טן סעפּטעמבער, 1934, ווען די 2,500 פאַשיסטישע דעמאָנסטראַנטן זיינען באַוואַכט געוואָרן פון 7,000 פּאָליסלייט, בעת די אַנטי־פאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע האָט, לויט

די באַריכטן פֿון דער פֿיינטלעכער פּרעסע, געציילט פֿון 100,000 ביז 150,000. פֿון דער דאָזיקער שווערער דעמאַסקירונג האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אילוזיע, אַז דער פֿאַשיזם האָט שוין דורכגעמאַכט זיין העכסטע שטופּע און האַלט שוין אין פֿאַרגיין. עס קאָן ניט זיין קיין מער געפֿערלעכע אילוזיע. די דירעקטע שטיצע פֿון די באַאמטע פֿאַר דעם פֿאַשיזם איז באַלד נאָכדעם באַוויזן געוואָרן אין אַ ריי באַדייטונגספֿולע געריכט־פּראָצעסן, וואָס אין איינעם פֿון זיי האָט דער ריכטער אָנגעלייגט וועג אַף צו לויבן אָפֿיציעל מאָזלי'ן ווי „אַ געזעלשאַפֿטלעכן מענטשן פֿון ניט ווייניק מוט, ניט ווייניק אָפֿנהאַרציקייט און ניט ווייניק פֿייאיקייט". די שטייגנדע מאַכט און די אַקטיווע אָפֿענסיווע פֿון די רעכטע קאָנסערוואַטיוון, אונטער לאָיד'ן און טשורירטשיל'ן, און זייער ענגע קאָאָפּעראַציע מיט די אָפֿענע פֿאַשיסטן, איז אויך אַ וויכטיקע אָנדייטונג אַף די זיך־אַנטוויקלענדיקע טענדענצן אין דעם בריטישן הערשער־קלאַס; בעת פֿון אַן אַנדער ווינקל באַווייזט לאָיד דזשאָרדזש'עס נייסטע קאַמפּאַניע פֿאַר אַ „ניו דיל" מיט דעם לאָזונג פֿון „נאַציאָנאַלער איינהייט פֿאַר אַקציע", פֿון אַ „שטאַרקער ליניע" און אַ „מלחמה־קאַבינעט" פֿון פֿינף, אַז די נייע טענדענצן מאַכן פֿאָרטשריט. אין דער מאָס ווי דער קלאַסנקאַמף אַנטוויקלט זיך אין ענגלאַנד און די לאַגע פֿון דער בורזשואַזיע פֿאָדערט שטאַרקערע מיטלען, וועט די פֿראַגע פֿון פֿאַשיזם, סיי אין פֿאַרמאַסקירטע פֿאָרמען און סיי דורך אָפֿענע פֿאָרמען, אומפֿאַרמיידלעך אַרויסקומען אַלץ מער צום פֿאָדערגרונט; און די קראַפֿט פֿון ווידערשטאַנד וועט זיך ווענדן אָן דעם כח פֿון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג צו דערגרייכן פֿאַראייניקטע אַקציע.

קאַפּיטל צוועלף

פֿאַשיזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע

וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿט האָט דער פֿאַשיזם? וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿט האָט דער קאַמף קעגן פֿאַשיזם?

פֿאַשיזם איז אַ היסטאָרישע דערשיינונג, וועלכע ווערט אַרויסגערופֿן אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער סיטואַציע. עס איז איבעריק צו באַטראַכטן אַבסטראַקט די סאָציאַלע פֿאָרמען פֿון „פֿאַשיזם", „דעמאָקראַטיע", „דיקטאַטור", ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַ קלאַס־צימער, ווען מען באַטראַכט ניט די ווירקלעכע סיטואַציע און די אַלגעמיינע פּאָליטיק פֿון קאַפּיטאַליזם אין דעם איצטיקן פּעריאָד.

פֿאַשיזם איז דער רעזולטאַט פֿון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אין זיין קריזיס, פֿון דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער גייט איבער אין דעם פּעריאָד פֿון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווען ער קאָן מער ניט אָנהאַלטן זיין מאַכט דורך די אַלטע מיטלען און איז געצוואונגען אָנצוקומען צו אַלץ מער גוואַלדזאַמע מעטאָדן, כדי צו אונטערדריקן אַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס און כדי עקאָנאָמיש צו פֿאַראייניקן און אָרגאַניזירן זיין אייגענע אַנאַרכיע אין דעם לעצטן פֿאַרצווייפֿלטן פֿאַרזוך אָנצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ און באַהערשן די ווידערשפּרוכן, וואָס אונטערגראָבן זי.

גענויער גערעדט, פֿאַשיזם איז דער רעזולטאַט פֿון פֿאַרהאַלטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין מערבֿ־ און אין צענטראַל־אייראָפּע אין דעם פּעריאָד פֿון נאָך דער מלחמה, ווען די גאַנצע אָביעקטיווע סיטואַציע פֿאָדערט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אַלס די איינציקע לייזונג און שטעלט אַרויס אַלץ קלאָרער און דייטלעכער די פֿראַגע וועגן דעם קאַמף פֿאַר מאַכט, ווען די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז אָבער ניט גענוג שטאַרק און פּאַרטיק דערצו, דערפֿאַר וואָס זי איז דעזאָרגאַניזירט און פּאַראַליזירט דורך דעם רעפֿאָרמיזם און גיט אַף אַזאַ אופֿן איבער די איניציאַטיווע אין די הענט פֿון קאַפּיטאַליזם. „פֿאַשיזם", ווי קלאַראַ צעטקין האָט דערקלערט אין 1923, „איז די באַשטראָפֿונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט פֿאַר ניט אָנפֿירן די רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין רוסלאַנד". פֿאַשיזם איז דאָס מפּיל־קינד פֿון דער ניט־דורכגעפֿירטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דער פֿאַשיזם קאָן אָבער ניט לייזן די ווידערשפּרוכן אָדער פֿאַרמיידן דעם צוזאַמענברוך פֿון קאַפּיטאַליזם. פֿאַרקערט, דער פֿאַשיזם דערפֿירט די ווידערשפּרוכן, סיי אין

דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און סיי צווישן די צוויי וועלטן זינט 1917 — דער קאַפּיטאַליסטישער און סאָציאַליסטישער וועלט — ביז דעם העכסטן פּונקט; דער פֿאַשיזם ברענגט דעם קלאַסן־קאַמף צו דער העכסט־פֿאַרשאַרפֿטער שטופֿע און פֿאַרשאַרפֿט דעם פּראָצעס פֿון רעוואָלוציאָניזירונג.

פֿאַשיסטישע טענדענצן זיינען ניט קיין ספּעציעלער שטריך פֿון די לענדער מיט אַ פֿאַרענדיקטער פֿאַשיסטישער דיקטאַטור, ווי דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, אָדער פּוילן, אונגאַרן, א. ד. ג. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס זיינען פֿאַשיסטישע טענדענצן אַלגעמיין פֿאַר דעם גאַנצן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, איינגעשלאָסן מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, אומעטום וואו דער פּראָצעס פֿון צעפּוילטקייט און די אַנטוויקלונג פֿון דעם קלאַסן־קאַמף האָט דערגרייכט אַ געוויסן פּונקט; די דאָזיקע טענדענצן ווערן אַלץ מער אַנטוויקלט, וואָס מער דער פּראָלעטאַרישער ווידערשטאַנד איז פּאַראַליזירט אָדער אָפּגעשוואַכט דורך דעם רעפֿאָרמיזם.

1. די דיאַלעקטיק פֿון פֿאַשיזם און רעוואָלוציע

דער זיג פֿון פֿאַשיזם אין צענטראַל־אייראָפּע און דאָס שטייגן פֿון פֿאַשיסטישע טענדענצן אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע אין די יאָרן 1933-1934 שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם העכסטן פּונקט, וואָס די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט דערגרייכט זינט דער מלחמה. אָבער דער דאָזיקער זיג פֿון דער קאָנטר־רעוואָלוציע שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר די שטייגנדיקע מאַכט פֿון קאַפּיטאַליזם. פֿאַרקערט, ער איז דער דירעקטער רעזולטאַט פֿון דער העכסטער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון דעם וועלט־קריזיס און פֿון דער אומסטאַבילקייט פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿון דעם צוזאַמענברוך פֿון דעם ווערסאַלער און אַלע אַנדערע פֿרידנס־אָפּמאַכן, פֿון דעם וואוקס פֿון סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און מאַסן־אומצופֿרידנהייט, וועלכע פֿאַרניכטן אַלע פֿרידלעכע און לעגאַלע פֿאָרמען: ד. ה., ער איז דער דירעקטער רעזולטאַט טאַקע פֿון דעם וואוקס פֿון די כחות, וועלכע וועלן סוף כל סוף פֿירן צום זיג פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווייל די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז די איינציקע, וואָס קאָן לייזן די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, וועלכע דער פֿאַשיזם קאָן בלויז פֿאַרשאַרפֿן.

דער קאַפּיטאַליזם קאָן מער ניט אָנהאַלטן זיין מאַכט דורך די אַלטע מיטלען. דער קריזיס שטופּט די גאַנצע פּאָליטישע סיטואַציע מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט. אַלע סאָציאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע ווידערשפּרוכן

ווערן געבראַכט צו אַ נייער און גרעסערער פאַרשאַרפונג דורך דער אַנט־וויקלונג פון דעם קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם. אַלע שיכטן פון דער באַ־פעלקערונג ווערן אַנגערירט פונעם קריזיס. דער בורזשואַזער רעזשים איז געצוואונגען אַנצונעמען אַלץ מער פאַרצווייפלטע מיטלען, כדי צו פאַרלענגערן אַף אַ ווײַלע זיין עקזיסטענץ.

אין די פופצן יאָר זינט דער מלחמה האָט די בורזשואַזיע אַנגעהאַלטן איר מאַכט הויפּטזאַכלעך אַ דאַנק דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז געווען דער רעגירנדיקער אינסטרומענט אַף צוריקצוהאַלטן די אַרבעטער און צו פאַרמיידן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. פאַר דיסציפּלינירן די אַר־בעטער און פריידיקן פּוסטע חלומות וועגן „דעמאָקראַטיע" און דעם „פריד־לעכן וועג צום סאָציאַליזם", האָט מען צוגעטיילט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיניסטאָרישע שטעלעס, די מעגלעכקייט אויסצוטיילן עמטער. דער דאָזיקער פּראָצעס פון אַריינציען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר די אַרבעטער אַלס אַ באַווייז פון דער שטופנווייזער, פרידלעכער פאַרכאַפּונג פון „מאַכט" דורך דעם אַר־בעטער־קלאַס. וויפיל די דאָזיקע „מאַכט" איז ווערט געווען, ווען עס איז געקומען צו דער פּראָבע, האָבן זייער גוט באַוויזן די פאַלן פון דייטשלאַנד, עסטרייך א. אַז. וו., וועלכע האָבן אויך קלאָר געמאַכט וואו עס ליגט די אמת'ע מאַכט.

אָבער די דאָזיקע סיסטעם, וועלכע איז דער ספּעציעלער מעכאַניזם פון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט אין דעם נאָך־מלחמה־קריזיס, איז ניט קיין אייביקע זאַך, ווי עס האָבן געוואָלט גלויבן די לייבאָר־פירער, דערמוטיקט דורך דעם מאַנדיזם און ווידערהאָלטע קומען צו מאַכט פון דער לייבאָר־רעגירונג. דער קריזיס רופט אַרויס שאַרפערע פּאָליטישע פראַגן, פאַר־שאַרפט דעם קלאַסן־קאַמף, פאָדערט נייע פאָרמען פון סאָציאַליסטישער הער־שאַפט, פאָדערט שנעלע און פאַרצווייפלטע „נויט"־מיטלען. אונטער דער לאַסט פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס ברעכט צוזאַמען דער יסוד פאַר אויס־שפּרייטן סאָציאַלע רעפאָרמען און קאָנצעסיעס, וועלכע זיינען אין איילעניש אויסגעטיילט געוואָרן אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד, כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג דער רעוואָלוציע און האָבן געשאַפן דעם מעכאַניזם פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן איינפלוס און מאַכט איבער דעם אַרבעטער־קלאַס אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער אין מערב; דעם פּלאַץ פון דעם דאָזיקן יסוד פאַרנעמען דאָס צוריקציען פון סאָציאַלע רעפאָרמען און זייער פאַרקלענערונג ווי אויך די פאַרשטאַרקטע אַנגריפן אַף די אַרבעטער. מיט דעם דאָזיקן

פּראָצעס אַנטוויקלט זיך אַ נייע איינאָרדענונג פון פּאָליטישע כחות.

פון איין זייט פאַנגט אָן אָפּשוואַכן דער איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַף די אַרבעטער, ווי דאָס באַווייזן די פאַקטן וואָס איר צאָל מיטגלידער ווערט פאַרקלענערט, וואָס זי איז געצוואונגען אָנצואווענדן סאָציאַל־פאַשיסטישע מיטלען פון דיסציפּלין און גוואַלדטאַטן, און וואָס עס וואַקסט דער קאָמוניסטישער איינפלוס. ווען עס וואַקסט די רעוואָלוציאָניזירונג פון די אַרבעטער, איילט זיך די בורזשואַזיע צו האַנדלען, ווען זי האָט נאָך צייט דאָ צו טאָן, נאָך איידער דער קאָמוניזם האָט דערגרייכט די לאַגע, וועלכע לאָזט זיך קלאָר מערקן, פון האָבן אַ מאַיאָריטעט צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, אין דער צייט וואָס די דעזאָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָן נאָך אַלץ פאַרמיידן אַ דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד און זי הויבט זיך אָן באַנוצן מיט דעם געפערלעכן פייער פון פאַשיזם אַף אָפּצושטעלן דעם פאָרשריט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פון דער אַנדערער זייט, איז דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז צוגעבונדן צום קאַפּיטאַליזם דורך דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט פון דעם פריערדיקן פעריאָד, פּאַראַליזירט און איז ניט בכוח צו שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָל פון אַ פּאָליטישן פירער אין דעם וואַקסנדיקן קריזיס און אַריינצוציען אונטער זיין פירערשאַפט די אַלע אומצופרידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג כדי אַרונטערצוּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. פאַרקערט, אַזוי ווי עס קאָן ניט זיין קיין שטילשטאַנד, קומט פאָר אַ פאַרקערטער פּראָצעס אַף די ערשטע שטופן. ווען דער קריזיס אַנטוויקלט זיך ווערט דער אַרבעטער־קלאַס ניט שטאַרקער, נאָר שוואַכער אונטער דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט. די פּאָליטיק פון קאָאַליציע מיטן קאַפּיטאַליזם האָט כסדר דעמאָראַליזירט און אָפּגעשוואַכט די אַלטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, האָט אַרונטערגעזעצט די צאָל מיטגלידער פון יאָר צו יאָר ביז צו דעם נידעריקסטן פונקט און האָט צונישט געמאַכט דעם גלויבן פון די אַרבעטער אין זייער אָרגאַניזאַציע און פירערשאַפט. דער קלאַסן־קאַמף גייט אָן, אָבער אין דעזאָרגאַניזירטע פאָרמען, ווייל די נייע קעמפנדיקע פירערשאַפט האָט נאָך ניט אַריבערגעוואונען די מאַיאָריטעט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און איז געצוואונגען צו באַקעמפן גלייכצייטיק סיי די כחות פונעם קאַפּיטאַליזם און סיי די שטיקנדיקע פּעטליע פון דער רעפאָרמיסטישער מאַשין. במילא זיינען די כחות פונעם אַרבעטער־קלאַס אָפּגעשוואַכט און צעטיילט פונקט אין דעם מאָמענט פון דעם שטאַרקסטן קאַפּיטאַליסטישן אָנגריף, ניט דורך די מיליטאַנטישע אַרבעטער, וואָס בלייבן געטריי דעם קלאַסן־קאַמף, נאָר

דורך דעם פאַרבאַנד פון דער רעפאָרמיסטישער מאַשין מיט דעם קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע אָפּשוואַכונג פון די פּראָלעטאַרישע כחות פּונקט אין דעם מאָמענט פונעם פאַשיסטישן אָנגריף איז דער פּרייז, וואָס די אַרבעטער באַצאָלן פאַר דעם וועג פון בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע”, פאַר דעם וועג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס די אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע כחות זיינען אַף אַזאַ אופן צייטווייליק אָפּגעשוואַכט, ווערט געעפנט אַ וועג פאַר אַנדערע כחות, וועלכע וואָלטן אָן דעם געשפּילט אַ קלענערע ראָל. די פאַרשיידענע צווישן־שיכטן, אָדער דער אַזוי־גערופענער מיטל־קלאַס, וועלכער קאָן ניט שפּילן קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע ראָל און קאָן נאָר אין דער פּראַקטיק זיין אַ שותּף אָדער פונעם אַרבעטער־קלאַס אָדער פונעם קאַפּי־טאַליזם, קומט אַרויס אַלץ מער צום פראָנט, וואָס מער די אַקטיווע ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס ווערט אָפּגעשוואַכט. די דאָזיקע שיכטן ווערן זייער שטאַרק געטראָפן פונעם קריזיס און פון די מאַכינאַציעס פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. זייערע נידעריקע שיכטן זיינען די נאַטירלעכע שותּפים פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער מלחמה קעגן דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אָבער פון זייער שטאַנדפּונקט באַטראַכטן זיי דעם מאָדערנעם פּאַרלאַמענטאַרישן שטאַט פאַר אַ קאָאַליציע פון גרויס־קאַפּיטאַל („אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסירן”) און אַרבעטער־פּאָליטישענס; זיי פילן, אַז זיי האָט מען אַרויסגעלאָזן פון קאָן, אַז מען שטופּט זיי אַרויס דורך אַלץ גרעסערע שטייערן פאַר די בענעפיטן פון גרויס־קאַפּיטאַל און פאַר דער סיסטעם פון סאָציאַל־רעפאָרמיזם. די פּראָפּאַגאַנדע פון די רעפאָרמיסטישע אַרבעטער־פירער, וועלכע וואַגן ניט אָנצורירן די וואָרצלען פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, קאָן ניט אַרויסשטעלן פאַר זיי די אמת'ע אורזאַכן פון זייער פּלאָגעניש אָדער געבן זיי די רעוואָ־לוציאָנערע פירערשאַפט, וועלכע זיי זוכן, און צו מאָביליזירן זיי קעגן זייער אמת'ן שונא. אַף אַזאַ אופן ווערן זיי אַ לייכטער קרבן פון דער דעמאַגאָגישער פּראָפּאַגאַנדע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכע זאָגט זיי צו אַ כלומרשט־„רעוואָלוציאָנערע” פירערשאַפט, אויסנוצנדיק ביז דעם העכסטן גראַד די שוואַכקייט און די קאָרופּציע פון דעם ליבעראַליזם אָדער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אָרגאַניזירט זיי אַלס אַ קעגן־מאַכט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, אין ווידערשפּרוך צו זייערע אייגענע אינטערעסן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז בכּוח צו אָרגאַניזירן ניט נאָר אַן אָנגעשטעלטע אַרמיי, וואָס זאָל אים שטיצן, נאָר טאַקע אַ מאַסן־באַוועגונג, געבויט אַף דער העכסטער אַנטוישונג מיט דעם רעפאָרמיזם,

צוזאַמענגעשטעלט פֿון די דאָזיקע צווישן־שיכטן און וואַקלענדיקע אומצופֿרידענע און אַנטוישטע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן קעגן דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס. פֿון די חורבות און שענדלעכע האַנדלונגען מצד דעם רעפֿאָרמיזם שטאַמט דער פֿאַשיזם.

דער אַלטער ליבעראַלער פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישער מעטאָד פֿון אָנהאַלטן די בורזשואַזע מאַכט אויף דעם יסוד פֿון סאָציאַלע רעפֿאָרמען ברעכט אַלץ מער צוזאַמען דורך דעם קריזיס און דעם פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסן־קאַמף. עס ווערט אָנערקענט פֿון אַלע זייטן, אַז די אַלטע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיסטעם איז באַנקראָט; דער אַלטער געשריי פֿאַר רעפֿאָרמען ווערט פֿאַרביטן מיט דער פֿאָדערונג פֿולשטענדיק צו ענדערן די סאָציאַלע סיסטעם. דער קאַפּיטאַליזם מוז באַגעגענען די דאָזיקע סיטואַציע, ווען זיין גאַנצער רעזשים ווערט געשטעלט אונטער אַ פֿראַגע־צייכן און פֿאַרדאַמט ניט נאָר פֿון איינצלנע, נאָר פֿון אַ גרויסער מאַיאָריטעט פֿון דער באַפֿעלקערונג און פֿון אַלע זייטן הערן זיך פֿאָדערונגען פֿאַר „סאָציאַליזם" און „רעוואָלוציע". אַ בולט'ן ביישפּיל פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס זעען מיר אין דייטשלאַנד ערב דעם פֿאַשיזם: אין די וואַלן אין זומער פֿון 1932 האָבן ניט ווייניקער ווי 74 פּראָצענט פֿון די וויילער אָפּגעגעבן זייערע שטימען פֿאַר די פּאַרטייען, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט פֿאַר זייער ציל „סאָציאַליזם", און אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך דערקלערט פֿאַר שטיצן דעם קאַפּיטאַליזם, האָבן ניט געקאָנט קריגן מער ווי אַ פֿערטל פֿון די וויילער. אין אַזאַ סיטואַציע קאָן דער קאַפּיטאַליזם אָנהאַלטן זיין מאַכט דורך אַ פֿאַרצווייפֿלטן פּרוּוו דורכצופֿירן אַ כלומרשטע „רעוואָלוציע" מיט דעם כלומרשטן צוועק פֿון „סאָציאַליזם" — די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע" אָדער פֿאַשיזם. דער סם, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿון דער „רעוואָלוציאָנערער" און „סאָציאַליסטישער" פּראָפּאַגאַנדע, די איינציקע, צו וועלכער די מאַסן קאָנען זיך צוהערן, ווערט מייסטערהאַפֿט געמאַכט אומשעדלעך דורך דער צומישונג פֿון דער „נאַציאָנאַלער" אידייע.

די מאַסקע פֿון דעם דאָזיקן מאַסקאַראַד פֿון קאַפּיטאַליזם, וועלכער פֿירט דורך אַ „סאָציאַליסטישע" „רעוואָלוציע", כדי אָנצוהאַלטן זיין מאַכט, קריגט אויף אַזאַ אופֿן דעם אַלטן „נאַציאָנאַלן" שילד. וואָס איז די באַדייטונג דערפֿון? זאָל דאָס מיינען, אַז דאָס „נאַציאָנאַלע" אַפּעלירט צו די מאַסן שטאַרקער ווי דאָס סאָציאַליסטישע? בשום אופֿן ניט. די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד האָט אויף דעם באַזיס פֿון ריינעם „נאַציאָנאַליזם" געקאָנט אַריינקריגן ניט מער ווי צוויי מיליאָן שטימען; אין דער צייט וואָס,

ווען מען האָט דערצו צוגעגעבן דאָס וואָרט „סאָציאַליזם", האָט די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע" פּאַרטיי אַריינגעקראָגן דרייצן מיליאָן שטימען. דער „נאַציאָנאַלער" שילד ווערט אָבער דאָס לעצטע מיטל צו פאַרטומלען און פאַרדרייען די באַדייטונג פון סאָציאַליזם, ווען מען קאָן מער ניט אַרויסטרעטן אָפן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון קאַפּיטאַליזם. ווי אַלע זיינען איצט געצוואונגען צו אָנערקענען, טרייבט די איצטיקע סיטואַציע צו דער נויטווענדיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ קאָלעקטיווער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, ד. ה. צו סאָציאַליזם. דער „נאַציאָנאַלער" פּרינציפּ שטעלט מיט זיך פאָר, פון דער אַנדערער זייט, די הערשאַפט פון אַ געגעבענער קאַפּיטאַליסטישער גרופּע אין אָפּאָזיציע צו אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע גרופּן. דער „נאַציאָנאַלער" פּרינציפּ ווערט דאָ אָבער פאַלש אַרויסגעשטעלט, ער זאָל אויסזען ווי דער אויסדרוק פון דעם קאָלעקטיוו, דער אויסדרוק פון סאָציאַלן פּרינציפּ קעגן פּריוואַטן עגאָאיזם, אינדיווידואַליזם, קאַפּיטאַליזם. די היסטאָרישע באַוועגונג פאַר אַ קאָלעקטיווער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, ווען זי ווערט צו שטאַרק מען זאָל זי קאָנען דירעקט באַקעמפן, ווערט אַף אַזאַ אופן פאַרדרייט פון איר אַלגעמיינעם מענטשלעכן יסוד אַף אַ באַזיס פון אַן אָפּגעזונדערטער גרופּע; פאַקטיש ווערט דאָס דער שלייער פאַר אָנהאַלטן די הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. דאָס איז די באַדייטונג פון דעם „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם" אָדער פאַשיזם.

וואָס איז אָבער דער היסטאָרישער אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס? דאָס אָנקומען פון פאַשיזם אַלס די לעצטע פאַרטיידיקונג באַדייט די פאַרניכטונג פון געזעצלעכקייט ניט דורך רעוואָלוציאָנערן, נאָר דורך דער בורזשואַזיע, און דאָס אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען דעם קלאַסן־קאַמף אַלס אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס פון כחות. כדי אָפּצוהאַלטן די רעוואָלוציע איז די בורזשואַזיע געצוואונגען צו שפּילן זיך מיט רעוואָלוציע. זי איז געצוואונגען צו פאַרניכטן פאַר די מאַסן צו פאַראַכטן פרידן און געזעצלעכקייט, וועלכע זיינען פריער געווען זייער בעסטע פאַרטיידיקונג. כדי צו פאַרמיידן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, זיינען זיי געצוואונגען דורכצופירן זייער מאַסקאַראַד־רעוואָלוציע און אַפילו קרוינען זי מיט דעם נאָמען „סאָציאַלע רעוואָלוציע". כדי אָנצוהאַלטן זייער מאַכט זיינען די יונקערס, באַראָנען און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן געצוואונגען צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון מחנות באַנדיטן, וואָס מאַכן גוואַלדן: „נידער מיט דעם פּראָצענטניק־קאַפּיטאַל!", „נידער מיט אומפאַרדינטע פּרנסות!", „נאַציאָנאַליזאַציע פון טראָסטן!", „נאַציאָנאַליזאַציע פון באַנקען!", „סאָציאַליזאַציע פון אַלע

אונטערנעמונגען וואָס זיינען רייף פאַר סאָציאַליזאַציע!", א. ד. ג. די מאָדערנע שוואַרצע מאות מוזן זיך דערקלערן פאַר „סאָציאַליסטן" און פאַר שונאים פון „קאַפּיטאַליסטן" כדי צוצוקומען צו די מאַסן און ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם. אַזוי ווערט געמאָסטן די מאַכט פון קאַפּיטאַליזם, ווען מען באַטראַכט זי דורך דעם צייטווייליקן זיג פון דער פאַשיסטישער קאָנטר־רעוואָלוציע.

עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט אַ פאַרשטאַרקונג, נאָר אין דער ווירקלעכקייט און סוף כל סוף מיט דער גרעסטער אָפּשוואַכונג פון קאַפּיטאַליזם. ווען מיר וועלן ווייטער באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם, וועלן מיר זען, ווי אַזוי די דיאַלעקטיק פון דעם דאָזיקן פּראָצעס פירט אומפאַרמיידלעך דערצו.

2. דער קאַמף קעגן פאַשיזם

וואָס־זשע איז, אויב אַזוי, די צוקונפט פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם?

ווי עס איז קלאָר פון דעם אַנאַליז ביז איצט, אַנטוויקלט זיך דער פאַשיזם פון דעם צוזאַמענברוך פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און רעפאָרמיזם אין די באַדינגונגען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס. און ווירקלעך, פאַשיזם אַנטוויקלט זיך קודם כל אין די פאָרמען און דורך די פאָרמען פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, פאַרשטאַרקנדיק שטופנווייז דעם אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט פונעם שטאַט און די „נויט"־מאַכט, באַשרענקענדיק דאָס רעכט פון די אַרבעטער אין פּראָפּאָרציע דערצו אויף וויפל דער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער איז פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דעם רע־פאָרמיזם און דעם גלויבן אין קאָנסטיטוציאָנאַליזם; און ערשט דעמאָלט, ווען דער באָדן איז פולקאָם צוגעגרייט געוואָרן אין דעם שאָלעכץ פון „דעמאָ־קראַטיע" און די פּראָלעטאַרישע כחות זיינען דעזאָרגאַניזירט געוואָרן ביז דעם העכסטן גראַד, — ערשט דעמאָלט ווערט געגעבן דער לעצטער קלאַפּ און עס ווערט עטאַבלירט די אָפענע פאַשיסטישע דיקטאַטור. דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען די בעסטע ביישפּילן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס, וואו די אַלע צוגרייטונגס־שטופן פאַר דעם זיג פון פאַשיזם זיינען דורכגעפירט גע־וואָרן דורך אַ ברינינג אָדער אַ דאָלפוס אין דעם נאָמען פון פאַרטיידיקן די „קאָנסטיטוציע" און מיט דער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט אויף דעם דאָזיקן באַזיס.

דער קאַמף קעגן פאַשיזם קאָן דעריבער ניט אָנגעפירט ווערן אויף דעם

גרונט פון פאַרלאָזן זיך אַף דער בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע" ווי אַף אַ שוץ קעגן פאַשיזם. צו האַנדלען אַזוי מיינט צו שטיצן און פאַרזיכערן דעם זיג פון פאַשיזם. דער קאַמף קעגן פאַשיזם קאָן אָנגעפירט ווערן בלויז אַף דעם גרונט פון אַ פאַראייניקטן קלאַסן־קאַמף פון דעם פראָלעטאַריאַט (וועלכער שטעלט זיך אין דער פירערשאַפט פון אַלע עקספּלואַטירטע שיכטן) קעגן אַלע אָנגריפן פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, צי די דאָזיקע גרופּן ווערן אָנגעפירט דורך נאָמינעלע „דעמאָקראַטישע" פאָרמען, צי דורך אָפענע פאַשיסטישע פאָרמען. וואָס שטאַרקער עס איז דער קאַמף פון די אַרבעטער אַף די ערשטע שטופן, ווען עס ווערן נאָך אָנגעהאַלטן די נאָמינעלע „דעמאָקראַטישע" פאָרמען, אַלץ שווערער ווערט פאַר דער בורזשואַזיע צוצוקומען צו די העכערע שטופן, צו אירע אָפענע פאַשיסטישע פאָרמען. דעריבער איז פון אַזאַ וויכטיקייט דער פאַראייניקטער פראָלעטאַרישער פראָנט. וואָס שטאַרקער דער פראָלעטאַרישער קאַמף איז, אַלץ מער קאָן ער איבערגעווינען אַף זיין זייט די וואַקלענדיקע קליינבירגערלעכע שיכטן.

די בורזשואַזע דעמאָקראַטן און רעפאָרמיסטן טענה'ן, אַז פאַשיזם איז אַ רעזולטאַט פון קאָמוניזם. „די מורא פאַר דער דיקטאַטור פון דעם אַרבעטער־קלאַס האָט אַרויסגערופן די אייזערנע דיקטאַטור פון קאַפּיטאַליזם און נאַציאָנאַליזם. די רעאַקציע פון 'רעכטס' האָט אַרויסגערופן די רעאַקציע פון 'לינקס'. דעם פּלאַץ פון דער רעאַקציע פון 'לינקס' האָט פאַרנומען די טריאומפירנדיקע רעאַקציע פון 'רעכטס'." (דער מאַניפעסט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי וועגן „דעמאָקראַטיע אָדער דיקטאַטור", מערץ 1933). דערפון ציען זיי דעם שלוס, וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין אַ סך רעדעס פון די לייבאָר־פירער, אַז „כדי צו באַזיגן פאַשיזם, מוז מען אויסראָטן קאָמוניזם". די דאָזיקע פּאָליטיק איז אויסגעדריקט אין דעם אַבסטראַקטן לאָזונג „דעמאָקראַטיע אָדער דיקטאַטור", וועלכער ווערט אַרויסגעשטעלט אָן אַ אָנדייטונג פון קלאַסן־באַציאונגען: פּראַקטיש מיינט דאָס, פאַרטיידיקן דעם עקזיסטירנדיקן קאַפּיטאַליסטישן שטאַט (מיט זיינע שטייגנדיקע פאַשיסטישע טענדענצן) קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, מיט דעם אָנשטעל פון פאַרטיידיקונג קעגן דער פאַשיסטישער געפאַר.

די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער לייבאָר־פּאַרטיי איז אויך די פּאָליטיק פון דער גרויס־בורזשואַזיע אין איר איצטיקער פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי האָט דער קאָנסערוואַטיווער פירער, באָלדווין, דערקלערט אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין גלאַסגאָו דעם 2טן יוני, 1932:

„איר זעט, אַז אין אייראָפּע זיינען די דאָזיקע קאָמוניסטישע מעטאָדן

אויסגעפרובירט געווארן אין איטאליע. וואס איז געווען דער רעזולטאט? עס איז געקומען כמעט צו א בירגער-קריג, ווען 'רעכטס' האט באזיגט 'לינקס' און ס'איז ארויסגעקומען א דיקטאטור ניט פון לינקס נאר פון רעכטס...

„איך זאג, אז מיר וועלן דא אין לאנד ניט האבן קיין דיקטאטור פון קיין מין, ניט פון 'רעכטס', ניט פון 'לינקס', קיינמאל ניט."

וואס דא איז וויכטיק איז די אומפארשעמטע פארפלאנטערונג פון ווירקלעכע פאקטן: דהיינו, אז אין איטאליע זיינען די קאמוניסטן געווען א מינאריטעט; אז די רעפארמיסטישע סאציאליסטן זיינען אין איטאליע באזיגט געווארן, ניט ווייל זיי האבן אנגענומען קאמוניסטישע מעטאדן, נאר ווייל זיי האבן אנטשידן זיך אפגעזאגט אנצונעמען קאמוניסטישע מעטאדן; ווייל זיי האבן זיך אפגעזאגט איבערצונעמען די מאכט אין 1920, ווען זיי האבן געהאט א פרייען צוגאנג צו איר; ווייל זיי האבן זיך אנגעהאלטן אן דער טאקטיק פון פאסיוון פארלאמענטאריזם און אינדוסטריעלע סטרייקס,— און דעריבער האט דער פאשיזם געזיגט; און ענדלעך, אז דאס איינציקע לאנד, וואו דער ארבעטער־קלאס האט אנגענומען די קאמוניסטישע מעטאדן, דער סאוועטן־פארבאנד, איז דאס איינציקע לאנד, וואו דער פאשיזם האט ניט געקאנט באוויזן זיין פרצוף. דאס אלץ האט די געשיכטע שוין לאנג באוויזן; און די קאנסערוואטיווע פראפאגאנדיסטן צוזאמען מיט די לייבאר־פראפאגאנדיסטן האפן בלויז צו שפילן אף דער אומוויסנהייט פון זייערע צוהערער, ווען זיי פרובירן אף אזא אופן צו באהאלטן די ווירקלעכע פאקטן. וואס דא איז אבער וויכטיק איז די גענויע איינהייט, אפילו אין די אויס־דרוקן, צווישן דער לייבאר־פארטיי און דער קאנסערוואטיווער פארטיי, ד. ה., פון דער הערשנדיקער פארטיי פון דער בורזשואזיע. די דאזיקע איינהייט פון פאליטיק דארף קלאר מאכן פאר יעדן פראלעטארישן שטיצער פון דער לייבאר־פארטיי דעם פאקט, אז די דאזיקע פאליטיק שטעלט מיט זיך ניט פאר קיין פארטיידיקונג פון די פראלעטארישע אינטערעסן אדער א ווירקלעכן קאמף קעגן פאשיזם.

די גאנצע דיאלעקטיק פון רעוואלוציע און קאנטער־רעוואלוציע, וועלכע איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאר דער פארשטענדיקונג פון דעם איצ־טיקן פעריאד, איז פארפלאנטערט דורך דער דאזיקער באהאנדלונג פון דער פראגע. דער באגריף, אז קאמוניזם איז די אורזאך פון פאשיזם, איז פונקט אזוי פלאך אין אפשאצן די אמת'ע ווירקונג פון די סאציאלע כחות, ווי ער איז אילוזאריש אין דער ווירקלעכקייט. דער וואוקס פון דער פראלע־

טאַרישער רעוואָלוציע (קאָמוניזם), און דער וואוקס פון גוואַלדזאַמער קאַפּי־טאַליסטישער אונטערדריקונג זיינען אין דער ווירקלעכקייט ביידע דער רעזול־טאַט און דער אויסדרוק פון דעם וואַקסנדיקן קריזיס און דעם צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליזם. זיי ביידע אַנטוויקלען זיך אַלס פּאַראַלעלע טיילן פון דעמזעלבן פּראָצעס פון דעם אָנקומענדיקן רעוואָלוציאָנערן קריזיס. צו באַ־טראַכטן, אַז איין סימפּטאָם איז די אורזאַך פון דעם צווייטן סימפּטאָם, קאָן נאָר אַ פלאַך־קעפּיקער שאַרלאַטאַן. אין דער ווירקלעכקייט האָט דער ביישפּיל פון עסטרייך, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נאָך געווען זייער שוואַך און וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך באַרימט, אַז זי קאָנטראָלירט פולשטענדיק דעם אַרבעטער־קלאַס, באַוויזן, ווי ווייניק די בורזשואַזיע דאַרף האָבן דעם אויסרייד פון קאָמוניזם אַף אַרויסצושטעלן די פאַשיסטישע דיקטאַטור.

„פאַר דער מלחמה", האָט לעניו דערקלערט (אין זיין רעדע פאַר דעם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין מאַי 1917), „איז ענגלאַנד געווען דאָס פרייעסטע לאַנד אין דער וועלט. עס איז געווען פרייהייט אין ענגלאַנד, ווייל דאָרט איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג." זאָל דאָס מיינען, אַז די מאַסן אין דעם ענגלאַנד־פאַר־דער־מלחמה זיינען געווען גליקלעך דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג? פאַרקערט. די פאָרמעלע „פרייהייט" איז געווען בלויז די צווייטע זייט פון דער ווירקלעכער אונטערדריקונג. די „פרייהייט" איז געווען מיט דעם תנאי, אַז די מאַסן נעמען אָן פּאַסיוו זייער פאַר־שקלאַפונג און זוכן ניט מער ווי ברעקלעך פון רעפאָרמען. אָבער ווי נאָר די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן בונטעווען קעגן זייער פאַרשקלאַפונג און באַוואוסטזיניק קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג, פאַרשווינדט זייער שנעל די „פרייהייט" און איר פּלאַץ פאַרנעמט די בייטש. און דאָס איז פאַשיזם. פאַשיזם באַדייט די העכסטע פאַרשאַרפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיק־טאַטור און דעם העכסטן אָנגריף אַף דעם אַרבעטער־קלאַס; אין דער זעלבער צייט באַדייט ער אָבער אויך דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכן און דעם וואוקס פון רעוואָלוציאָנערער אויפוואַכונג מצד דעם אַרבעטער־קלאַס.

אויב היינט־צו־טאָג ווערן די טראַדיציאָנעלע „פרייהייטן" אין ענג־לאַנד און די אַנדערע לענדער פון מערב שטופּנוויז אָפּגעשאַפט; אויב די אויסגאַבן אַף פּאָליציי זיינען זינט דער מלחמה פאַרדרייפאַכט געוואָרן און די פּאָליציי ווערט צענטראַליזירט און מיליטאַריזירט; אויב פרייהייט פון

אַגיטאַציע און פאַרזאַמלונג און דעמאָנסטראַציע ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעשאַפט; אויב דער שפּיץ פון דער טרייד־יוניאָן מאַשין ווערט אַריינגעצויגן אין אַ פאַראייניקונג מיט דעם קאַפּיטאַליזם און דעם שטאַט, און פאַר קריטיקירן די לייבאָר־פירער צווינגט דער קאַפּיטאַליסטישער געריכט באַצאָלן זיבן טויזנט פונט (פינף און דרייסיק טויזנט דאָלאַר), — איז דאָס אַלץ נאָר אַ מאָס פון דער דערוואַכונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די דערוואַכונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס צעשטערט די באָבע־מעשה וועגן „פרייהייט" און אַנטבלויזט די נאַגאַיקע פון דעם דעספּאָט. דער גראַד פון גוואַלדטאַט, דער גראַד פון באַגרענעצן דאָס רעכט, די וואַריאַציע פון מעטאָדן צווישן אָפּענעם און פולן פאַשיזם און טיילווייז־אַנטוויקלטע פאָרמען פון פאַשיזם אונטער אַ צעפּוילטן „דעמאָקראַטישן" צודעק, אַנטשפּרעכט דעם גראַד פון אַנטוויקלונג פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די כחות־פאַרהעלטענישן אינעם קלאַסן־קאַמף. ווען די אַרבעטער־פירער אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך באַרימען זיך מיט דער כלומרשטער אימוניטעט פון זייערע לענדער קעגן פאַשיזם (אין דער ווירקלעכקייט ווערט דאָ פאַשיזם לאַנגזאַמער אַנטוויקלט), באַרימען זיי זיך בלויז מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פון זייערע אייגענע באַוועגונגען. די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענקייט פאַרשווינדט אָבער זייער שנעל.

זאָל דאָס מיינען ,אַז אַזוי לאַנג ווי עס פאַרבלייבן די פאָרמען פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, שטעלט מיט זיך פאָר די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע די בעסטע פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער קעגן פאַשיזם? פאַרקערט. די אַרבעטער קעמפן און דאַרפן קעמפן זייער שטאַרק פאַר יעדע דעמאָקראַטישע רעכט פאַר אָרגאַניזירן זיך און פאַר אַגיטירן אין דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים; זיי קאָנען זיך אָבער פאַר קיין מאָמענט ניט דערלויבן צו זיין בלינד צום פאַקט, אַז די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז בלויז אַ שלייער פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור און אַז אין זיינע פאָרמען ווערט דער פאַשיזם כסדר געשטופּט פאָראויס.

בורזשואַזע דעמאָקראַטיע דערנערט דעם פאַשיזם. פאַשיזם וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. ווען איז דאָלפוס, „דער טשעמפּיאָן פון דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע", געוואָרן דאָלפוס, דער טשעמפּיאָן פון פאַשיזם? דער פּראָצעס האָט זיך אַנטוויקלט דורך אַזעלכע שטופּן, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָנגעבאָטן איר שותפות צו דאָלפוס'ן אויף צו „ראַטעווען די קאָנסטיטוציע", אין דער זעלבער צייט וואָס דאָלפוס האָט פּראָקלאַמירט דעם גאַנצן צעטל פון פאַשיסטישע פּרינ־

ציפן און האָט אָנגעשטעלט די ביקסן אַף די אַרבעטער. וואָס מער די אַרבעטער גלויבן אין געזעצלעכקייט, אין קאָנסטיטוציאָנאַליזם, אין בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס מער קרבנות זיי ברענגען אַף צו ראַטעווען די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אַלס דעם „קלענערן איבל" קעגן דער געפאַר פון פאַשיזם, — אַלץ שטאַרקער ווערט דער קאַפּיטאַליסטישער אָנגריף און אַלץ שנעלער דאָס אָנקומען פון פאַשיזם. צו פרײַדיקן גלויבן אין געזעצלעכקייט, אין קאָנסטיטוציאָנאַליזם, אין בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ד. ה., אין דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, מיינט איינצולאַדן און גאַראַנטירן דעם זיג פון פאַשיזם. דאָס לערנט אונז דייטשלאַנד און עסטרייך. און דאָס איז די ווירקלעכקייט, וועלכע מאַכט אַש און בלאָטע פון דעם באַטריגערישן און געפערלעכן לאָזונג פון „דעמאָקראַטיע קעגן דיקטאַטור".

אָבער ניט געקוקט אַף די טויטלעך-געפערלעכע ביישפּילן פון דייטשלאַנד און עסטרייך ווידערהאָלן נאָך אַלץ מיט אַלע פיטשעווקעס סיי די פירערשאַפט פון דער לייבאָר-פּאַרטיי אין ענגלאַנד און סיי די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון מערב-אייראָפּע די פּאָליטיק פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אַלץ, וואָס די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די טרייד-יוניאָנס אין דייטשלאַנד האָבן געפּרײַדיקט און פּראַקטיצירט, פּרײַדיקן און פּראַקטיצירן היינט-צו-טאָג די לייבאָר-פּאַרטיי אין ענגלאַנד און די ענגלישע טרייד-יוניאָנס. ווי אַזוי אָבער קאָנען זיי דערוואַרטן, אַז די זעלבע פּאָליטיק זאָל פירן צו אַן אַנדער אויסוועג? פון איין ברעג לאַנד ביזן צווייטן פּרײַדיקן זיי דעמאָקראַטיע, קאָנסטיטוציאָנאַליזם און געזעצלעכקייט. דאָס זעלבע האָט געטאָן די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. זיי פאַרדאַמען קאָמוניזם; זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַ פאַראייניקטן פראָנט; זיי שליסן אויס אַלע מיליטאַנטישע אַרבעטער; זיי שטעלן אויף אַ נעץ פון דיסציפּלין אַף אָנצוהאַלטן די זיכערקייט פון זייערע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. זיי זיינען איבערגעגעבענע זיילן פונעם קאַפּיטאַליזם און פונעם אימפּעריאַליזם. דאָס זעלבע איז געווען די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. זיי גייען אַף דעם זעלבן וועג. בלויז די האַנדלונג פון די אַרבעטער, וואָס לערנען אין צייט די ריכטיקע שלוסן, וואָס זאָגן זיך אָפּ נאָכצופאָלגן זייער לערע, וואָס ברעכן דורך זייערע פאַרבאָטן און שטעלן אַרויס אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן קאַפּיטאַליזם, קאָן ענדערן דעם אויסגאַנג.

וואָס האָבן זיי פאַרצושלאָגן די אַרבעטער, אויב זייער פּאָליטיק וועט פירן צו דעם זעלבן אויסוועג, צו וועלכן עס איז געקומען די דייטשע סאָציאַל-

דעמאָקראַטיע? גאָרנישט. וואָס איז זייער ענטפער? זיי האָבן ניט קיין ענטפער. סיטרין, דער פירער פון דעם טרעיד־יוניאָניזם אין ענגלאַנד, האָט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם קאָנגרעס פון די טרייד־יוניאָנס אין סעפטעמבער 1933, געקאָנט בלויז זאָגן וועגן דער סיטואַציע, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: „איך בעט גאָט, אַז מען זאָל קיינמאָל ניט געשטעלט ווערן אין אַן ענלעכער לאַגע. איך האָף, אַז מיר'ן קיינמאָל ניט האָבן פאַר זיך אַזאַ לאַגע.” און בנוגע דעם וואוקס פון מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט, וועלכער איז אַ בולט'ער „אַלגעמיינער פאַקטאָר” סיי אין ענגלאַנד און סיי אין דייטשלאַנד, האָט ער געזאָגט:

„אויב דאָס וועט ווערן ערגער, קאָן איך ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן.”

„איך בעט גאָט”. „קאָן ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך”. דאָס איז די פירערשאַפט פון דעם ליבעראַריזם אין ענגלאַנד, ווען ער שטייט פנים אל פנים פאַרן פאַשיזם. אָבער וועגן איין זאַך איז סיטרין זיכער. עס איז אוממעגלעך צו קעמפן. ווען עס וועט קומען צו אַ קאַמף, וועלן די אַרבעטער צעשלאָגן ווערן.

„אוב מיר זאָלן אָננעמען דעם מעטאָד פון גוואַלד, וועלן מיר שטאַרק צעשלאָגן ווערן.”

און ווייטער:

„אויב מיר'ן זיך פּרובירן אָרגאַניזירן דורך באַוואָפנטער גוואַלד, וועלן מיר צעשלאָגן ווערן.”

„מיר וועלן צעשלאָגן ווערן”. „מיר וועלן שטאַרק צעשלאָגן ווערן”. דאָס איז דער הייליקער געזאַנג פון דורכפאַל, נאָך איידער די שלאַכט איז פאַר־געקומען, דער געזאַנג, מיט וועלכן די רעפאָרמיסטישע פירער זוכן איינצו־דרעלעווען אין די אַרבעטער דעם געדאַנק פון זייער אייגענער אימפּאָטענץ. דאָס איז די אָפענע איינלאַדונג צום קאַפּיטאַליזם אָנצופאַנגען דעם אָנגריף אויף די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס; די אַרבעטער זיינען שוצלאָז און קאָנען ניט אַרויסשטעלן קיין ווידערשטאַנד; די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי דער פּאָרזיצער פון דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס האָט דערקלערט באַ דער זעלבער געלעגנהייט, איז „פרידלעך, געהאָרכזאַם, און האַלט זיך אָפּ פון צוזאַמענשטויסן מיט אירע ברידער”. און דעריבער איז זי אומפאַרמיידלעך אָפּהענגיק פון דעם גנאָד פון אירע בלוטדורשטיקע שונאים:

> „איינע פון די טראַגישע לערעס פון די פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד איז געווען, וואָס די שונאים פון דעמאָקראַטיע זיינען גרייט געווען צו פאַרגיסן בלוט, כדי צו פאַרניכטן די פרייהייט, און האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פון מערדעריי, פון אונטערצינדונגען און אומגעזעצלעכע האַנדלונגען; אָבער די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז געווען פרידלעך, האָט אויסגעפאָלגט דעם בוכשטאַב פון געזעץ און האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ ברודער-קאַמף."

דאָ ווערט אָפן אַרויסגעשטעלט דאָס האַרץ פון רעפאָרמיזם. דער קאַפּיטאַליזם איז אַלמעכטיק. די אַרבעטער זיינען מאַכטלאָז קעגן אים. די אַרבעטער קאָנען בלויז האָפן צו קריגן דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם דערלויבט זיי דורך לעגאַלע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען. לאָמיר זיך אָנהאַלטן אָן דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם וועט אונז צואוואַרפן דורך די פאָרמען פון „דעמאָקראַטיע" (וואָס איז פאַקטיש געוואונען געוואָרן דורך אַ גוואַלדזאַמען קאַמף) און „בעטן גאָט", אַז, אויב מיר'ן זיין געהאָרכזאַם, וועט דער קאַפּיטאַליזם אונז מער ניט שלאָגן. דאָס איז די שטים פון אַ צעשלאָגענעם, זיך שרעקנדיקן שקלאַף, אַ שטים, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אַלס די פילאָזאָפיע פון רעפאָרמיזם.

זאָל דאָס אָנקומען פון פאַשיזם מיינען, אַז ס'איז שוין אַ סוף צו יעדער זאַך; אַז עס בלייבט אַפילו ניט קיין האָפענונג פאַר דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, אַז ס'איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דעם זיג פון סאָציאַליזם? פאַרקערט. דער פּאָעט וויליאַם מאָריס האָט באַשריבן אין זיין פאַנטאַסטישן בוך, וואָס איז שוין פריער ציטירט געוואָרן, דעם וועג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד (אין דעם קאַפּיטל „ווי אַזוי די ענדערונג איז פאָרגעקומען", אין זיין בוך „ניוס פראָם נאָ-ווהער"), ווי אַזוי די רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט קריגס-צושטאַנד און האָט באַשטימט אַ גוט-באַקאַנטן גענעראַל, וועלכער האָט מיט מאָדערנער אַרטילעריע דורכגעפירט אַ שרעקלעכע שחיטה פון טויזנטער אומבאַוואָפנטע אַרבעטער. נאָך דעם קומט פאָר אַזאַ דיאַלאָג:

> „איך האָב זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון אַ פשוט'ער שחיטה, און איך האָב געזאָגט:
>
> „'אָ, ווי שרעקלעך! און איך שטעל זיך פאָר, אַז די דאָזיקע שחיטה האָט יענעם מאָל געמאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער רעוואָלוציע?'
>
> „'אָ, ניין', האָט אויסגעשריען דער אַלטער העמאָנד, 'זי האָט זי אָנגעפאַנגען . . . יענע שחיטה האָט אָנגעפאַנגען דעם בירגער-קריג.' "

„זי האָט אָנגעפאַנגען דעם בירגער-קריג". זי האָט צעשטערט די

אילוזיעס וועגן געזעצלעכקייט און פּאַסיווער שקלאַפֿעריי און האָט אָפּן אַרויס־געשטעלט דעם בירגער־קריג, וועלכער, אויב ער האָט זיך נאָר אָנגעהויבן, האָט זיך געקאָנט בלויז ענדיקן מיט דעם זיג פֿון די מאַסן. און דאָס איז קודם כל די באַדייטונג פֿון פֿאַשיזם. דער אַלטער פּאַעט איז הונדערט מאָל ריכטיקער אין פֿאַרגלייך מיט די מאָדערנע ציטערדיקע רעפֿאָרמיסטן, וועלכע דערקלערן פֿייערלעך, אַז די מאָדערנע אַרטילעריע און טעכניק האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע אוממעגלעך. ווי נאָר עס זיינען צעשטערט געוואָרן די אילוזיעס וועגן געזעצלעכקייט און פּאַציפֿיזם, ווי נאָר די פּאַראַייניקטע מאַסע אַרבעטער איז אַריינגעטראָטן אין קאַמף מיט אָפֿענע אויגן, קאָן ניט זיין קיין פֿראַגע וועגן דעם ענדגילטיקן אויסגאַנג. דער קלאַס פֿון די עקס־פּלואַטאַטאָרס ווייס דאָס גאַנץ גוט; דעריבער זיינען זיי אַזוי שטאַרק פֿאַר־אינטערעסירט אויפֿצובויען אַ שילד פֿון נאַציאָנאַל־פֿאַשיסטישער אידעאָ־לאָגיע פֿון באַטרוג אין די מאַסן, אין דער זעלבער צייט וואָס זיי פֿירן אָן דירעקטע גוואַלד און אונטערדריקונג; און דעריבער איז אויך וויכטיק פֿאַר די אַרבעטער אָנצוגיין מיט זייער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישן קאַמף פֿאַר אַרויס־שטעלן דעם פֿאַשיזם אין זיין ריכטיקן ליכט, אין דער זעלבער צייט וואָס עס ווערן געמאַכט דירעקטע צוגרייטונגען פֿאַר דעם מאַסן־קאַמף און דעם לעצטן באַוואָפֿנטן קאַמף.

דער ביישפּיל פֿון עסטרייך האָט באַוויזן, ווי אַזוי אַפֿילו אַ געוואַגטע מינאָריטעט פֿון אַרבעטער, וועלכע איז געשטערט און צוריקגעהאַלטן געוואָרן אויף יעדן שריט און טריט פֿון זייערע רעפֿאָרמיסטישע פֿירער, האָט געקאָנט פֿונדעסטוועגן דערגרייכן אַ פּונקט, ווען זי האָט אויפֿגעטרייסלט און האָט געבראַכט צו אַ קריטישער לאַגע דעם גאַנצן פֿאַשיסטישן רעזשים און דער־וועקט אַ קאַמפֿס־גייסט איבער דער גאַנצער וועלט (און דאָס איז געווען נאָך דעם, ווען אַלע גינסטיקע געלעגנהייטן זיינען פֿאַרטאַכלעוועט געוואָרן און מען האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם שונא צו באַפֿעסטיקן זיך אויף דעם גאַנצן שלאַכטפֿעלד, נאָך איידער דער קאַמף האָט זיך אָנגעפֿאַנגען; און דאָס איז געווען נאָך דעם, ווען דער גרעסטער טייל פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס איז צוריקגעהאַלטן געוואָרן פֿון דעם קאַמף דורך זיינע אָנפֿירער). ווי מען גיט איבער, האָבן מחנות פֿון הונדערטער שוצבונדלער, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן צו פֿרייהייט איבערן גרענעץ, אויסגעשריען ווי נאָר זיי זיינען געווען אויף יענער זייט גרענעץ: „לאַנג לעבן זאָל דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד!” און אייניקע: „לאַנג לעבן זאָל דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל!” זיי האָבן געלערנט פֿון היסטאָרישע פּאַסירונגען.

אַף וויפיל וועט דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף זיין זיכערער, ווען דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס וועט קעמפן ווי אַ פאַראייניקטע מאַכט אונטער אַ רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט, ווען דער פאַשיזם וועט ווערן אָפּגעשוואַכט און דעזאָרגאַניזירט דורך זיינע אייגענע אינערלעכע ווידערשפּרוכן און דורך דעם דורכפאַל פון זיין רעזשים און זיינע צוזאָגונגען, און ווען די אַנטוישונג, די אומצופרידנהייט און די שטייגנדיקע סימפּאַטיע מיט זייערע קעמפנדיקע פּראָלעטאַרישע ברידער וועט זיך פאַרשפּרייטן צווישן די נידעריקע פאַשיסטישע קרייזן. דער צאַריזם איז אויך אַרונטערגעזעצט געוואָרן, ניט געקוקט אַף זיין גאַנצער מאַשינעריע פון אונטערדריקונג. אודאי און אודאי וועט פיל שנעלער צוזאַמענברעכן דאָס קאָרטן־שטיבעלע פון דער ־מאָדערנער פאַשיסטישער דיקטאַטור, ווען איר צייט וועט קומען.

דאָס אַנטבלויזן דעם בירגער־קריג באַ דעם סאַמע וואָרצל פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט, דאָס אויפרייסן פון אַלע אילוזיעס וועגן פרידן און געזעצלעכקייט — דאָס איז קודם כל די היסטאָרישע ראָל פון פאַשיזם. דער פאַשיזם מאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אַף דעם באַזיס פון פערמאַנענטן בירגער־קריג, שוין ניט מער בלויז מיט די אונטערדריקונגס־כחות פונעם אַלטן שטאַט, דער פּאָליציי און דעם מיליטער, נאָר מיט די פּערמאַנענטע ספּעציעל־באַוואָפנטע לעגיאָנען פון קלאַסן־מלחמה, אַף צוריקצוהאַלטן די אַרבעטער. דער דאָזיקער פאַקט איז דער פולסטער אויסדרוק פון דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם און פון זיין זיכערן צוזאַמענברוך. עס ווערן באַ אַלעמען אויפגעעפנט די אויגן אַף דער ווירקלעכקייט פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט און אַף דעם ווירקלעכן כאַראַקטער פון דער מלחמה, וואָס שטייט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. עס ווערט קלאָר די נויטווענדיקייט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אַלס דאָס איינציקע מיטל צו צעדריקן די קאָנטר־רעוואָלוציע. דער קריזיס אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פון נאָך דער מלחמה זינט פאַשיזם איז אַריינגעטראָטן אין דייטשלאַנד שטרייכט מיט זיך אונטער דעם דאָזיקן פּראָצעס. וואָס מער דירעקט מיר טרעטן אַריין אין דעם פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערע באַדינגונגען, ווען די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג קאָן אָנגעפירט ווערן נאָר דורך רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן און אונטער אומלעגאַלע באַדינגונגען אָדער זי מוז אונטערגיין, אַלץ מער פאַרשווינדן אומפאַרמיידלעך די בלאָנדזשענדיקע פייערלעך פון דעם אַזוי־גערופענעם „דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם”, ד. ה. פון „סאָציאַליזם מיט דער דערלויבעניש פון דער בורזשואַזיע” און לאָזט איבער די אַרבעטער אין זומפּ. נאָר דאָס קלאָרע ליכט פון דעם רעוואָלוציאָנערן

סאָציאַליזם ברענט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער און ווייזט אָן דעם וועג פאָראויס. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן צוויי טענדענצן, ניט וועגן צוויי וועגן פאַר דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף; עס ווערט פאַר אַלעמען קלאָר, אַז נאָר דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פירט דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

אין דער דאָזיקער לאַגע איז אפילו דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל געווען געצוואונגען פאָרמעל צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון „רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן" און דעם „טעות" פון זיין פריערדיקער פּאָליטיק. אין דעם לעצטן מאַניפעסט, אין יאַנואַר 1934, האָט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דערקלערט דעם „טעות" פון איר וועג אין 1918:

> „די פּאָליטישע טראַנספאָרמאַציע פון 1918 האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. . . . די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי . . . האָט איבערגענומען דעם קאָנטראָל פונעם שטאַט אָן ווידערשטאַנד און איז אַריינגעטראָטן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אין שותפות מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען, מיט דער אַלטער ביוראָקראַטיע און אַפילו מיט די דעזאָרגאַניזירטע מיליטערישע כחות. דאָס וואָס זי האָט איבערגענומען די אַלטע מאַשינעריע פון דער רעגירונג פּאַקטיש אומגעענדערט, איז געווען דער גרויסער היסטאָרישער טעות, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון דער דייטשער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרלאָרן דעם חוש פאַר דעם ריכטיקן וועג." (דער מאַניפעסט פון דעם אויספיר-קאָמיטעט פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָפּגעדרוקט אין דעם קאַרלסבאַדער „נויער פאָרווערטס", 28טן יאַנואַר, 1934.)

„דער גרויסער היסטאָרישער טעות". מיט פופצן יאָר צוריק איז דער שווערפּונקט פון דעם ויכוח צווישן דעם צווייטן און דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער דיסקוסיע צווישן קאַוטסקי'ן און לענינ'ען, אָנגעווענדט געווען טאַקע אויף דעם דאָזיקן פּונקט; דעמאָלט האָט לענין, צוזאַמען מיט מאַרקס'ן, דערקלערט, אַז פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז וויכטיק ניט איבערצונעמען, נאָר צו צעשמעטערן די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע מאַשין פונעם שטאַט און איינפירן אַנשטאָט איר די אייגענע דיקטאַטור; דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָס אָפּגעלייקנט. איצט, מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דער שאָדן איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן, נאָכדעם ווי דער דייטשער אַרבעטער-קלאַס איז דורך זייערע מעטאָדן געבראַכט געוואָרן צו דער העכסטער שטופע פון אונטערדריקונג, קומט אַרויס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל מיט דער דערקלערונג, אַז זיין פּאָליטיק איז געווען אַ „טעות" — און נאָך דעם גייט ער ווידער אָן

פאַקטיש מיט רעקאָמענדירן אָנצוגיין מיט דעמזעלבן וועג פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, „די נייע אָרגאַניזאַציע פונעם שטאַט, אַף דעם באַזיס פון פרייהייט, דורך צוזאַמענרופן אַ ‚נאַציאָנאַלע‘ פאַרזאַמלונג, וואָס איז דער־ווײלט דורך אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָפּשטימונג“. ניט געקוקט אַף אַלע פאַרזוכן צו מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ גרויסער „ענדערונג“, ווערט דאָ נאָכאַמאָל אין דער ווירקלעכקייט אויסגעקליבן דער אַלטער וויי־מאַרער וועג. אָבער די דייטשע אַרבעטער האָבן שוין געהאַט זייער דערפאַרונג מיט דעם ווײמאַרער וועג און מיט זיין אויסגאַנג און האָבן ניט קיין לוסט אויסצוקלייבן אים נאָכאַמאָל.

אין זיין פאַריזער רעזאָלוציע פון אויגוסט 1933 גיט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל נאָכאַמאָל צו די נויטווענדיקייט פון אַ „רעוואָלוציאָנערן קאַמף“ נאָך דעם פאַשיזם („די סטראַטעגיע און טאַקטיק פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער צייט פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע“):

> „ווען די בורזשואַזיע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעמאָקראַטיע, כדי זי זאָל זיך קאָנען אַריינוואַרפן אין די אָרעמס פון פאַשיזם, און האָט אַוועק־געבראַכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס די דעמאָקראַטישע מיטלען פון קאַמף, איז דאָס איינציקע מיטל פאַר באַפרייאונג, וואָס איז געבליבן, דער רעוואָ־לוציאָנערער קאַמף. . . .
>
> „אין די לענדער, וואו דער פאַשיזם האָט געזיגט, קאָן די דיקטאַטור אַרונטערגעוואָרפן ווערן נאָר דורך אַ רעוואָלוציע פונעם פאָלק. ווען זיי וועלן אָפּהאַלטן דעם זיג איבער פאַשיזם, וועלן די רעוואָלוציאָנערע כחות זיך ניט באַגרענעצן מיט ברעכן זיין מאַכט; זיי וועלן פאַרניכטן די גרויסע כחות פון די קאַפּיטאַליסטן און פריצים, וועלכע זיינען דער עקאָנאָמישער פונדאַ־מענט פון דער דאָזיקער מאַכט.“

דורך דער דאָזיקער דעקלאַראַציע ווערט פשוט פאַרדאַמט די גאַנצע פּאָליטיק פון דער רעוואָלוציע אין 1918, די פּאָליטיק פון דער ווײמאַרער דעמאָקראַטיע. די דיסקוסיע אין יענע טעג צווישן קאַוטסקי’ן און לענינ’ען איז באַשטאַנען אין דעם, צי דאַרף דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט אין אַ מאָמענט פון זיגרייכן אַרונטערזעצן דעם אַלטן רעזשים באַגרענעצן זיך נאָר מיט איינפירן אַ „ריינע“ דעמאָקראַטיע און נאָך דעם וואַרטן ביז ער וועט קריגן אַ מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט, כדי אָנצוגיין מיט זיינע וויטערדיקע האַנדלונגען, אָדער דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס מוז אין אַ מאָמענט פון זיג גלייך אָנווענדן זיין מאַכט, ניט וואַרטנדיק אַף אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מאַיאָריטעט, אַף אַרונטערצוזעצן דעם קאַפּיטאַליזם.

איצט, מיט פופצן יאָר שפּעטער, איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל גע־צוואונגען צוצוגעבן אַף אַ האַלב־באַהאַלטענעם ניט־קלאָרן אופן, אַז לעניו איז געווען גערעכט. איצט ווערט דערקלערט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס, אין דעם מאָמענט ווען ער וואַרפט אַרונטער די אַלטע אָרדענונג, מוז תיכף ומיד, ניט וואַרטנדיק אַף אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מאַיאָריטעט, אָנגיין מיט „דער פּאַרניכטונג פון די גרויסע כחות פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים". אויסגעצייכנט. ווען זיי זאָלן דאָס ערנסט מיינען, וואָלט דאָס געמיינט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. אין דער אמת'ן אָבער איז די דאָזיקע פּראַזע (וועלכע איז דאָ אַריינגעשטעלט אַלס אַ צע־קוועטשעטע מתנה, ווייל בנוגע דייטשלאַנד איז היינט־צו־טאָג אוממעגלעך אָפן אַרויסטרעטן פאַר דאָס אומקערן זיך צו דער פולשטענדיק־דעמאַסקיר־טער ווײמאַרער דעמאָקראַטיע) באַנוצט בלויז ווי אַ שיין־קלינגענדיקע פּראַזע אָן דעם מינדסטן פאַרזוך דורכצופירן פּראַקטיש דאָס, וואָס זי פאָדערט, און זי ווערט געמאַכט פּשוט צונישט דורך דעם סוף פון דער רעזאָלוציע. נאָך מער, — און דאָס דאַרף מען גוט אין זינען האָבן, — זי דאַרף אָנ־געווענדט ווערן נאָר פאַר יענע לענדער, וואו דער פאַשיזם האָט שוין געזיגט.

טאָ וואָס־זשע, אויב אַזוי, מיינט די דאָזיקע פּאָליטיק אין דער פּראַק־טיק? ערשטנס, דער אַרבעטער־קלאַס מוז זיך לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ פון דער „דעמאָקראַטיע", פּאַראַליזירט און צעטיילט ווערן דורך דעם רע־פאָרמיזם, צעשמעטערט און אויסגעשאָכטן ווערן דורך דעם פאַשיזם. ערשט דעמאָלט, ווען זייערע כחות וועלן אַף אַזאַ אופן זיין שטאַרק צעקלאַפּט און אָפּגעשוואַכט, ווען דער פאַשיזם וועט זיין פולשטענדיק אָרגאַניזירט און עטאַבלירט אָן דעם ווידערשטאַנד פון די אַנטוואָפנטע אַרבעטער קעגן דעם אַפּאַראַט פון באַוואָפנטע בויאַנעס, — ערשט דעמאָלט וועט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל גנעדיק דערלויבן דורכצופירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע (הגם ווען עס וואָלט אַפילו געווען דער קלענסטער סימן, אַז זיי וואָלטן געקאָנט זיין אין דעם דערפאָלגרייך, וואָלטן די דאָזיקע הערן, ווי דאָס איז קלאָר געמאַכט געוואָרן דורך דעם מאַניפעסט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין קאַרלסבאַד, געווען די ערשטע אַרויסצושטעלן פון דאָס־ניי דעם באַנער פון „ריינער דעמאָקראַטיע" און אַף אַזאַ אופן זוכן פון דאָס־ניי צו ראַטעווען די בורזשואַזיע, ווי דאָס איז געווען אין 1918).

אָבער דאָרט, וואו „דעמאָקראַטיע" עקזיסטירט נאָך, מוזן די אַרבעטער נאָך אַלץ שלעפּן זיך אַף דעם פאַטאַלן וועג פון „ריינער דעמאָקראַטיע", אָפּ־האַלטנדיק זיך פון וועלכער עס איז רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיווע, ביז דער

פֿאַשיזם וועט זיי ניט באַזיגן. דאָס זיינען די לעצטע פֿאַרטומלעניש, און פֿאַרפֿלאָנטערטקייטן פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין דער איצטיקער עפּאָכע.

קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק דערקלערט די רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע ליניע פֿון קאָמוניזם: די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז די איינציקע ברירה אַף פּטור צו ווערן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, וועלכע גייט איצט איבער אַלץ מער און מער פֿון די אַלטע „דעמאָקראַטישע" פֿאָרמען צו פֿאַשיסטישע פֿאָרמען. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז די איינציקע גאַראַנטיע קעגן דעם זיג פֿון פֿאַשיזם, קעגן דעם זיג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנטר־רעוואָלוציע און דער אומבאַגרענעצטער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער וועג פֿון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע פֿירט צום פֿאַשיזם. דער קאַמף פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מוז אָנגעפֿירט ווערן ניט בלויז נאָך דעם ווי פֿאַשיזם קומט אָן, נאָר נאָך איידער דער פֿאַשיזם קומט אָן, אַלס דאָס איינציקע מיטל צו פֿאַרמיידן פֿאַשיזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָגט: צוערשט פֿאַשיזם, דערנאָך רעוואָלוציע. אָבער קאָמוניזם זאָגט: רעוואָלוציע פֿאַר דעם פֿאַשיזם און פֿאַרמיידנדיק פֿאַשיזם. פֿאַשיזם איז ניט אומפֿאַרמיידלעך. פֿאַשיזם ווערט אומפֿאַרמיידלעך נאָר דעמאָלט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס פֿאָלגט נאָך די ליניע פֿון רעפֿאָרמיזם, פֿון גלויבן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט, און לאָזט זיך אַף אַזאַ אופֿן צעקלאַפּן פֿון זיין קלאַסן־שונא. אָבער ווען דער אַרבעטער־קלאַס פֿאָלגט נאָך די ליניע פֿון פֿאַראייניקטן פֿראָנט, פֿון אָנפֿירן אַ מאַסן־קאַמף, פֿון אויפֿבויען אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי און קעמפֿנדיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציע ביז דעם ענדגילטיקן זיג פֿון דער רעוואָלוציע און דאָס איינפֿירן פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, דעמאָלט קאָן דער אַרבעטער־קלאַס באַזיגן און צעשמעטערן דעם פֿאַשיזם און איבערגיין גלייך צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג אָן דעם קאָסטבאַרן און שענדלעכן פֿאַשיסטישן צווישנשפּיל. דאָס איז דער וועג צו באַזיגן פֿאַשיזם.

אויך אין די לענדער, וואו די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור האָט צייטווייליק געקראָגן די אויבערהאַנט, איז דער איינציקער וועג פֿאָראויס און דאָס איינציקע, וואָס דער פּראָלעטאַרישער קאַמף פֿאָדערט, ניט איינצופֿירן פֿון דאָס־ניי די אַלטע אילוזאָרישע „דעמאָקראַטיע", וועלכע האָט בלויז צוגעגרייט דעם וועג פֿאַר פֿאַשיזם, נאָר די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור און דאָס עטאַבלירן פֿון דעם סאָוועטן־רעזשים. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע

אין דייטשלאַנד איז ניט באַזיגט, ניט געקוקט אױף דעם צייטווייליקן צוריק־טריט פון 1933, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן אומפאַרמיידלעך צוליב דער גאַנצער ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאַרקערט, דייטשלאַנד איז נעענטער צו דעם ענדגילטיקן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע ווי וועלכע עס איז אַנדער לאַנד אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער פאַקט, וואָס די דייטשע אַרבעטער מאַכן דורך דעם שרעקלעכסטן גיהנום פון פאַשיזם, שפּיגלט אָפּ מיט זיך דעם פאַקט, אַז ניט זייער באַוועגונג איז מער אָפּ־געשטאַנען, נאָר אַז זי איז פאַרהעלטניסמעסיק מער פאָרגעשריטן און נעענטער צו דער רעוואָלוציע.

די ליבעראַלן און רעפאָרמיסטן זעען בלויז די אויבערפלעכלעכע פאַר־ענדיקונג פון דעם פאַשיסטישן זיג. זיי קאָנען בשום אופן ניט פאַרשטיין דעם דיאַלעקטישן פּראָצעס. זיי זעען דעם אוממיטלבאַרן זיג פון פאַשיזם. זיי זעען אָבער ניט די נעגאַטיווע זייט. זיי זעען ניט איין דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סטאַבילקייט, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר. זיי זעען ניט איין, אַז טאַקע די ווילדקייט פון דעם קאַפּיטאַליס־טישן אָנגריף דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר דער מאָס פון דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי זעען ניט איין די באַדייטונג פון דעם פאַקט, וואָס די פּאָליטיק פון רעפאָרמיזם ווערט אַזוי אומ'ברחמנות'דיק אַרויסגעשטעלט און עס ווייזט זיך אַרויס דער אמת'דיקער קאַמף. זיי זעען ניט איין, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד — וועלכט האַלט אָן גאַנץ אירע רייען און אָרגאַניזאַציע, און האָט אונטער די שרעקלעכסטע טעראָר־באַדינגונגען איבער הונדערט טויזנט אַקטיווע מיטגלידער, אַ זאַך וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער פּראָלעטאַרישער געשיכטע, — איז אין דער ווירקלעכקייט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער, נעענטער צו ווערן דער אומצווייפלהאַפטער פירער פון דער מאַיאָריטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס, נעענטער צו דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

די קלאָגנדיקע פעסימיסטן און פייגלינגען, וועלכע זעען פאַר זיך אַ לאַנגן פּעריאָד פון פאַשיסטישער דיקטאַטור און פון אָנהאַלטנדיקער רעאַקציע, פאַרשטייען ניט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם איצטיקן פּעריאָד, ווען די קאַפּיטאַליסטישע סטאַבילקייט ווערט צעשטערט, אַ פּעריאָד, ווען עס קומען פאָר פאַר אונזערע אויגן שנעלע ענדערונגען איבער גאָר דער וועלט און ריזיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן.

די בורזשואַזיע טרוימט, אַז מיט דער הילף פון פאַשיזם וועט זי אויס־ראָטן דעם מאַרקסיזם, ד. ה., אויסראָטן די אומאָפּהענגיקע פּראָלעטאַרישע

באַוועגונג און דעם קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם. דער פֿאַרזוך איז ניט קיין נייער. נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק „האָבן אַלע מלוכות פֿון דעם אַלטן אייראָפּע געשלאָסן אַ הייליקן פֿאַרבאַנד אַף צו פֿאַרטרייבן דעם געשפּענסט פֿון קאָמו־ניזם: דער פּאַפּסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזאָ, פֿראַנצויזישע ראַדי־קאַלן און דייטשע פּאָליציי־שפּיאָנען". דער דורכפֿאַל פֿון 1848 איז באַ־טראַכט געוואָרן אַלס דער דורכפֿאַל פֿון סאָציאַליזם. אין דעם משך פֿון צען יאָר נאָך דער קאָמונע, שטיצנדיק זיך אַף די דרייסיק טויזנט קרבנות, האָט טיער מיט גאווה דערקלערט, אַז „מיר האָבן געהערט דעם גסיסה־קרעכץ פֿון סאָציאַליזם". אין די פֿאָלגנדיקע צען יאָר האָט זיך ביסמאַרק פֿאַרנומען אויסצוראָטן מאַרקסיזם אין דייטשלאַנד מיט דער גאַנצער מאַכט פֿון דער העכסט־אָרגאַניזירטער פּאָליציי און ביוראָקראַטישער סיסטעם אין פּרייסן, און האָט מיט צוועלף יאָר שפּעטער געמוזט אָנערקענען, אַז ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן קעגן זיין זיגער. אין די אַלע יאָרן זינט דעמאָלט קאָנען די גע־שפּענסטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, קאַוואַניאַק און גאַליפֿע, טיער און ביס־מאַרק, פּאָבעדאָנאָסצעוו און סטאָליפּין, קאָרנילאָוו און קאָלטשאַק, די תליינים און די מערדער און די טורמע־היטער פֿון דער בורזשואַזער הערשאַפֿט, מקבל פּנים זיין מיט חוזק די נייע טרעגער פֿון זייערע מונדירן, היטלער און גערינג און געבעלס, וועלכע פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער צוזאַמען מיט האָרטי און צאַנקאָוו און דייער און טשיאַנג־קאַי־שעק.

אָבער די אַלטע פֿאַרזוכן זיינען געווען קעגן אַ באַוועגונג, וועלכע איז נאָך געווען יונג און האָט ערשט אָנגעהויבן שטייגן. היינט־צו־טאָג ווערט דער פֿאַרזוך געמאַכט קעגן אַ מעכטיקער און אַנטוויקלטער באַוועגונג ערב איר קומען צו מאַכט. אַז דער דאָזיקער פֿאַרזוך וועט האָבן אַ מפּלה, פּונקט ווי די אַלע פֿריערדיקע, דאַרף מען ניט דערווייזן.

„עס איז ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ווען דער קלאַסן־קאַמף קריגט וואו עס איז, אין וועלכע עס איז פֿאָרמען, און אונטער וועלכע עס איז באַדינגונגען אַ געוויסע שטאַנדהאַפֿטיקייט, זאָלן די מיטגלידער פֿון אונזער אַסאָציאַציע שטיין אין פֿראָנט. דער באָדן, פֿון וועלכן ער וואַקסט אַרויס, איז די מאָדערנע געזעלשאַפֿט זעלבסט. ער קאָן ניט אויסגעראָטן ווערן דורך בלוטבעדער. כדי אויסצוראָטן אים, וואָלט די רעגירונג געמוזט אויס־ראָטן דעם דעספּאָטיזם פֿון קאַפּיטאַל איבער אַרבעט — די באַדינגונג פֿון זייער אייגענער פּאַראַזיטישער עקזיסטענץ." (מאַרקס, „בירגער־קריג אין פֿראַנקרייך".)

די פֿראַגע איז איצט ניט וועגן דעם, אַז דער פֿאַשיזם וועט אומפֿאַר־

מיידלעך צוזאמענברעכן. וואס איז וויכטיק איצט, איז ווי שנעל דער אינטער־נאציאנאלער ארבעטער־קלאס וועט קאנען צוזאמענקלייבן זיינע כחות און צוריקשליידערן דעם דאזיקן אנגריף, איידער ער אנטוויקלט זיך ווייטער, איידער ער קומט צו א פונקט פון וועלט־מלחמה און פון א דירעקטער אטאקע אפן סאוועטן־פארבאנד; די פראגע איז, ווי שנעל דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־קלאס וועט קאנען פארמיידן די שרעקלעכע קרבנות און פאר־לוסטן, וועלכע א פארלענגערונג פון דעם דאזיקן קאמף וועט מוזן ברענגען, און ווי שנעל ער וועט קאנען פארוואנדלען די איצטיקע סיטואציע אין א רעוואלוציאנערן אנגריף.

די פראגן, וועלכע שטייען איצט פאר דער וועלט, זיינען ערנסטע פראגן. דער פאשיזם אין דייטשלאנד מאכט קלאר פאר אלעמען, וואו די קאפי־טאליסטישע ציוויליזאציע ווערט אומפארמיידלעך אנטוויקלט, ווען די פרא־לעטארישע רעוואלוציע ווערט אפגעלייגט. דייטשלאנד איז ניט קיין אפ־געשטאנען לאנד. דייטשלאנד איז דאס העכסט־פארגעשריטענע, בעסט־ארגאניזירטע קאפיטאליסטיש לאנד אין דער וועלט, דאס לעצטע ווארט, וואס ווייזט די אנדערע לענדער דאס בילד פון זייער צוקונפטיקער אנטוויקלונג.

וואס פאר א בילד פון דער צוקונפט פון קאפיטאליזם ווערט אף אזא אופן פאנאנדערגעוויקלט? בארבארישקייט און דאס צוריקקומען פון די פינצטערע צייטן; די סיסטעמאטישע פארניכטונג פון וויסנשאפט און קול־טור; די הערשאפט פון דעם קאטויליש־קריסטלעכן און אפילו פון דעם פאר־קריסטלעכן אבסקוראנטיזם, ראסן־פארפאלגונג און אינקוויזיציע־סיס־טעמען; דאס צוריק־אנקומען פון א סיסטעם פון איזאלירטע זעלבסט־באפרידיקנדיקע געמיינדעס, וועלכע האלטן מלחמה איינע מיט דער צווייטער. דאס איז די העכסטע דערגרייכונג פון דעם העכסט־אנטוויקלטן קאפיטאליזם, ווען דער פאפסט בענטשט די דאזיקע דערגרייכונג און טשעפעט אן א גאלדענע מעדאל אף דעם מערדער גערינג.

מארקס און ענגעלס האבן שוין לאנג צוריק אנגעוויזן, אז דער קאפי־טאליזם וועט אומפארמיידלעך דערגרייכן א שטופע פון בארבארישקייט און צעפוילטקייט, אויב די פראלעטארישע רעוואלוציע וועט אים ניט באזיגן אין צייט. שריט בא שריט, דורך אימפעריאליזם און זיינע וועלטלעכע ארגיעס פון ברוטאלקייט און צעשטערונג, דורך דער שחיטה פון דער אלוועלטלעכער מלחמה, און היינט־צו־טאג דורך פאשיזם, קריגן מיר דעם טעם פון דעם אנפאנג פון דעם דאזיקן אויסוועג.

עס איז צייט צו מאכן א סוף צו דעם דאזיקן קאפיטל פון דער מענטש־

לעבער געשיכטע, איידער מיר זיינען געצוואונגען נאָך ווייטער אָנצוגיין אַף דעם דאָזיקן וועג, און צו עפענען פאַר דער גאַנצער וועלט דעם נייעם וועג, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען איבער אַ זעקסטל פון דעם ערד־קוגל. נאָר די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן ראַטעווען די מענטשהייט, קאָן פירן די מענטשהייט פאָראויס, קאָן אָרגאַניזירן די ריזיקע פּראָדוקציע־כחות, וועלכע מיר האָבן איצט פאַרטיקערהייד.

די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז אין דעם ערשטן פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה נאָך ניט גרייט געווען אויסער רוסלאַנד פאַר איר אַלוועלטלעכער היסטאָרישער אויפגאַבע. די אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז נאָך געווען דורכגעזאַפּט מיט רעפאָרמיסטישע און פּאַציפיסטישע אילוזיעס, מיט אָפּאָרטוניזם און קאָרופּציע אין אירע העכערע שיכטן. דער פאַשיזם איז ניט נאָר אַ שטראָף פון דער געשיכטע פאַר דער דאָזיקער שוואַכקייט; פאַשיזם איז די וואָפן פון דער געשיכטע אַף אויסצובערענען און אויסצוראָטן די דאָזיקע שוואַכקייט. אין דעם פייער פון דעם פאַשיסטישן טעראָר און דורך דעם קאַמף קעגן פאַשיזם פאַראייניקט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט זיינע רייען, פאַרהאַרטעוועטע, שטאָל־פעסטע און קלאָר־זעענדיקע, פאַר דעם לעצטן קאַמף; און דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז אַף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט און אָנגעשטאָלט געוואָרן, וועט דערגרייכן די גויטיקע הויך פון זיין אויפגאַבע און אַריבערגעווינען און ראַטעווען די וועלט.

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע גיהנמ'ס פון ליידן און פאַרניכטונג אונז זאָל נאָך ניט אויסקומען דורכצוגיין, באַטראַכטן מיר די צוקונפט מיט זיכערקייט און מיט גלויבן, אַז די מאַכט איז ניט ווייט, מיט פאַראַכטונג צו די באַר־באַרישע קונצן פון דעם פאַראורטיילטן און צעפוילטן פּאַראַזיטישן קלאַסן־שונא און זיין לעצטע פאַרזעניש, דעם פאַשיזם, מיט זינגענדיקע הערצער און מיט גליענדיקן גלויבן אין דער צוקונפט. „לאָמיר אַריינטרעטן אינעם לעצטן קאַמף. דער אינטערנאַציאָנאַל פאַראייניקט די מענטשהייט."